STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00252

DI GESHIKHTE FUN DER LITERATUR BAY YIDN

Israel Zinberg

Permanent preservation of this book was made possible by
Josh S. Weston
in memory of
Samuel N. Weisstein

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר ישראל צינבערג

די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן

צווייטער באַנד

פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי.
ניו יאָרק, נ. י., 1943

Dr. I. ZINBERG

THE HISTORY OF THE JEWISH LITERATURE

Dr. I. Zinberg, „Di Geszichte fun der Literatur bej idn“

SECOND VOLUME:
MIDDLE AGES

PRINTED IN U.S.A.

FARLAG MORRIS S. SKLARSKY
10 MONROE ST., G. D. 4
NEW YORK 2, N. Y.
1943

מיין געטרייען פריינד און חבר —
מיין פרוי — א מ ת נ ה
פון מ ח ב ר

צווייטער טייל

דער דייטש=פראַנצויזישער קיבוץ

ערשטער קאַפּיטל

דער קולטורעלער מצב פונם דייטש-פראַנצויזישן קיבוץ. — דער אומגאַנגס-דיאַלעקט און די קולטור-שפּראַך. — די קולטורעלע ראָלע פון דער פאַמיליע קלוניכוס. — ר' גרשום „מאור הגולה". — די ביבל-מפרשים אין פראַנקרייך. — שמעון הדרשן, מנחם בר חלבו און יוסף קרא. — רש"י און זיין באַטייט; זיין השפעה אויף די קריסטלעכע געלערנטע טעאָלאָגן. — די בעלי התוספות. — רש"י'ס אייניקלעך: דער רשב"ם און רבנו-תם.

„ווי ס'זיינען זיך נוהג די אומות העולם, אַזוי איז אויך בײַ די ייִדן דער שטייגער"[1] — דער אמת פון דעם דאָזיקן כּלל, וואָס ס'האָבן אַרויסגעזאָגט די באַשעפער פון דעם פּאָפּולערסטן ייִדישן מוסר-ספר, באַווייזט זיך אַמבולטסטן בעת מען פאַרגלייכט דעם קולטורעלן מצב פון די שפּאַנישע ייִדן אין דער התחלה פונם צווייטן יאָרטויזנט לויט דער קריסטלעכער רעכענונג מיט דער בילדונגס-שטופע, אויף וועלכער עס זיינען דעמאָלט געשטאַנען זייערע דייטש-פראַנצויזישע ברידער.

מיר ריידן וועגן דעם דייטש-פראַנצויזישן ייִדנטום ווי וועגן איין קיבוץ, ווײַל אין יענער צייט איז נאָך קיין באַמערקבאַרער קולטורעלער אונטערשייד ניט געווען צווישן די ייִדן פון צפון-פראַנקרייך און די דייטשע ייִדן. דער ייִדישער קיבוץ פון די ביידע לענדער איז נאָך געווען ווי מעור אחד, מיט איין און דעם זעלבן לעבנסשטייגער. עס האָט זיך נאָך שטאַרק געפילט די השפעה פון דער נאָר וואָס פאַרגאַנגענער תקופה, בעת אונטער דער הערשאַפט פון דעם שטאַרקן מלך קאַרל און זיינע יורשים זיינען נאָך די מדינות אויף ביידע זייטן פונם ריין פּאָליטיש ניט צעטיילט געווען. חוץ לזה מוז מען נעמען אין באַטראַכט, אַז דער רוב בנין ורוב מנין פונם דייטשן ייִדנטום זיינען אין יענע צייטן געווען די קהילות פון דער ריינישער געגנט — די נאָענטסטע שכנה פון די פראַנצויזישע פּראָווינצן. די ייִדן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער ריין-געגנט, האָבן איינגעוואַנדערט פון די רוימישע מדינות, און זייער

[1] „ספר חסידים", סי' 1101.

וועג איז געווען איבער פראַנקרייך [1]; עס איז אויך זייער וואַרשיינלעך, אַז זיי האָבן מיט זיך פון דאָרט מיטגעבראַכט די אָרטיקע אומגאַנגס־שפּראַך — דעם ראָמאַנישן דיאַלעקט; און אַפילו באַדייטנד שפּעטער, אינם 12טן און אין דער ערשטער העלפט פונם 13טן יאָרהונדערט, בעת די דייטשע יידן האָבן שוין איבערגענומען די דייטשע דיאַלעקטן, האָבן זיי אין דער זעלבער צייט געלויפיק גערעדט אויך פראַנצויזיש, אדאַנק זייער ענגער פאַרבינדונג מיט די פראַנצויזישע ברידער און דעם פליסיקן מסחר, וואָס זיי האָבן געפירט מיט פראַנקרייך [2].

די גרעסטע יידישע קהילות האָבן זיך געבילדעט אין די אזוי־גערו־

---

[1] זע, שטאָבבע, די „יודען אין דייטשלאַנד", 8:

Das sie (die Juden) in grösserer Zahl nur in der südlichen Hälfte von Deutschland und in den Westen, dagegen bis in das Ende des XIII Jahrhunderts ... so gut wie gar nicht in den an der Ost und Nordsee gelegenen Städten und in den nördlichen Marken vorkommen. Dieser Umstand rechtfertigt die Annahme, dass sie größtenteils von Italien nnd Frankreich nach Deutschland eingewandert sind.

[2] זייער אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט דאָס אויבן דערמאָנטע מוסר־ספר „ספר חסידים", וואָס איז געשאַפן געוואָרן אינם משך פונם 12טן און דער ערשטער העלפט 13טן יאָרהונדערט. דאָרט זיינען פיל ווערטער באַגלייט אָדער מיט אַ דייטשער אָדער מיט אַ פראַנצויזישער איבערזעצונג, אַמאָל אויך גלייך אויף ביידע שפּראַכן צוזאַמען. מיר ברענגען דאָ בלויז אייניקע ביישפּילן:

סי׳ 3: שיט בנידט או שיט לואיין — Soit benedit ou soit lauer

סי׳ 15: בלשון לע"ז: בוש אימניי (vous et moi) ולא נאמר: מניי איבוש(moi et vous).

סי׳ 18: ניוי נמרא (די האַנט־דאָלאָניע) בלע"ז. דאָרט: מי שניהק ופיתק, בלע"ז: פושיר בלייראַ, או נתעטש — איטרנואר, ובל"א: גרעבשען, הושטען, רוישפּערען, ניסן.

סי׳ 44: ספורניי (Sporen) בלע"ז.

סי׳ 244: מים שמוצצין מן שלחיא (Salvia, שלבנא שניי (sauge) בלע"ז.

סי׳ 205: ולא בכוקייצא (לויט דעם פראַנצויזישן וואָרט caucus — בעכער) שקורין בלשון אשכנז ביגרייך.

סי׳ 893: עץ קטן... טנדוס בלע"ז, ובל"א — טייט העלצל.

סי׳ 1143: אָדם שאָכל סופא בלע"ז, ובל"א: זופא, אאז"ח.

אַ אַנדערער איינוואוינער פון דער ריין־געגנט אויס דעם 13טן יאָרהונדערט, דער צוזאַמענשטעלער פונם קליינעם „ערוך", מיט וועלכן ס'האָט זיך באַנוצט דער באַוווסטער קריסטלעכער געלערנטער בוקסדאָרף, איבערזעצט אויך דאָס רוב ווערטער פון זיין ווערטערבוך אויף ביידע שפּראַכן: הן אויף דייטש הן אויף פראַנצויזיש (זע קויפמאַנס אַרטיקל אין „מאָנאַטסשריפט", 1885, ז׳ 232). דאָס זעלבע זעען מיר אויך ביי די אַלטע מפרשים פון צפון־פראַנקרייך: מנחם בר חלבו, יוסף קרא און רש"י. זיי איבערזעצן פילע ביבלישע ווערטער נים נאָר אויף פראַנצויזיש, נאָר אויך אויף דייטש. מנחם בר חלבו, למשל, בעת ער האָט ערקלערט דעם באַטייט פונם וואָרט נְמָדִים, איז אַגב מוסיף: „וקורין אותו טוֹבְרשׁ"; אויף אַן אַנדער אָרט: „על גפן נכריה, שקורין בלשון אשכנז הירטלינג; על מפוח — ונקרא שמו בְלַשְבַלְק; ועל חלקלקות — בל׳ אשכנז וירדגליט". (זע ס. ליטמאַנס מאָנאָגראַפיע, Joseph Kara, ז׳ 20, און א. גייגער Parschandata, ז׳ 33).

פענע „ביסקופישע“ שטעט, ווי מיינץ, מעץ, טריר, ווארמס, קעלן, רע־
גענסבורג און אנד. אין דעם טיפן מיטלאלטער, בעת דער פעאדאלער סדר
איז געווען אין זיין גאנצער קראפט און די קריסטלעכע שטאטישע בא־
פעלקערונג האט נאך קיין באדייטנדיקע ראלע ניט געשפילט, האבן יידן
געבילדעט דעם מיטלקלאס, דעם קלאס פון סוחרים און פארמיטלער.
די יידן זיינען דעמאלסט געווען די אמתע וועלט־סוחרים; כמעט דער
גאנצער גרויסהאנדל איז געווען אין זייערע הענט. יידישע סוחרים פלעגן
שיקן זייערע אייגענע געלאדענע פראכט־שיפן פון קעלן קיין ענגלאנד,
אין די באדייטנדסטע האפנשטעט פון פראנקרייך און איטאליע, און אויך
אין די גרויסע האנדלס־צענטרען פון די מזרח־לענדער. די גייסטלעכע
פירשטן פון יענער צייט, די ביסקופן, וואס האבן אלס פראקטישע טוער
זייער פיל מיטגעהאלפן דאס שטאטישע לעבן זאל זיך וואס גיכער און
שטארקער אנטוויקלען, האבן אויך גוט פארשטאנען ווי געהעריק אויס־
צונוצן אזא וויכטיקן האנדלס־עלעמענט ווי די יידן. די דאזיקע באציונג
פון די ביסקופן צו דער יידישער באפעלקערונג ווערט אמבולטסטן אויס־
געדריקט אין דעם ערשטן זאץ, מיט וועלכן דער ביסקופ רודיגער שפייער
פאנגט אן זיין באקאנטע „פריווילעגיע“, מיט וועלכער ער האט באשאנ־
קען די יידן אינם יאר 1084: „באשר איך וויל אויס דעם שטעטעלע
שפייער מאכן א שטאט, האב איך איינגעלאדן יידן“. און אין דעם זעלבן
דאקומענט אונטערשטרייכט ווייטער דער ביסקופ: „איך געפין, אז איך
וועל טויזנטפאך פארגרעסערן דעם כבוד פון אונזער שטאט, ווען איך
וועל איינלאדן אין זיינע טויערן יידן“ (putavi milies amplificare hono-
rem loci nostri et sei).

ביז דעם סוף פונם 11טן יארהונדערט, ד״ה ביז דער תקופה
פון די קרייצצוגן, האבן יידן רויק געלעבט אונטער דער שוץ פונם
קיסר און די ביסקופן, און געשפילט א באדייטנדיקע ראלע אין דעם עקא־
נאמישן לעבן פון מערב־דייטשלאנד. זיי האבן גענומען א שטארקן אנטייל
אין דעם מסחר פון מיינץ מיט די אלע שטעט, וואס אויפן ריין און דעם
מיין. גלייך מיט די מיינצער יידן האבן אלס סוחרים אויך געשמט די
יידן פון ווארמס. זיי האבן געהאנדלט מיט ווייַן, פארב־מאטעריאלן,
זאלץ, פלייש און מעדיקאמענטן. די יידישע הענדלער פלעגן צונויפקויפן
רויכווארג ביי די רוסן און קנעכט אין די איבעריקע סלאווישע לענדער
און זיי פארהאנדלען די פראנצויזישע יידישע סוחרים, וואס פלעגן די
סחורה ווייטער טראנספארטירן קיין שפאניע [1].

[1] אינטערעסאנטע פרטים וועגן דער עקאנאמישער לאגע און דעם מסחר פון יידן
אין די ריין־פראווינצן קען מען געפינען אין די „תשובות חכמי צרפת ולותיר“.

הן די דייטשע, אַזוי אויך די פֿראַנצויזישע ייִדן פֿלעגן אַלס סוחרים קומען אין ענגער פֿאַרבינדונג מיט דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג. דער פֿועל=יוצא פֿון דעם דאָזיקן פֿאַרקער איז אָבער געווען לחלוטין אַן אַנדערער ווי אין דעם הויך קולטורעלן אַראַבישן שפּאַניע. די קריסטלעכע באַפֿעלקערונג אין דייטשלאַנד און אין צפֿון=פֿראַנקרייך איז נאָך אין יענער צייט געשטאַנען אויף אַ גאַנץ נידעריקער קולטורעלער שטופֿע. די איינציקע טרעגער פֿון וויסן זיינען דעמאָלסט געווען די העכערע גייסטלעכע, און אויך זייערע ידיעות זיינען געווען זייער איינזייטיקע, ענג באַגרעניצט מיטן געביט פֿון קריסטלעכער דאָגמאַטיק. און אויך די דאָזיקע גאַנץ בצימצומדיקע קענטענישן פֿלעגן שטודירט ווערן אויף דער איינציקער קולטורעלער שפּראַך פֿון דעם דעמאָלסטיקן קריסטלעכן אייראָפּע — אויף לאַטיין. אויף לאַטיין האָבן אָבער די ייִדן קודם=כּל געקוקט ווי אויף דער שפּראַך פֿון זייער געפֿערלעכסטן שונא — די קאַטוילישע קירך. דאָס איז פֿאַר זיי געווען — די „קריסטלעכע שפּראַך", די „גלחים=שפּראַך"[1]. וואָס ס'איז שייך צו די איבעריקע שיכטן פֿון דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג, איז דאָרט אַ יודע ספֿר געווען פֿון די גרעסטע זעלטנהייטן. עס איז געווען אַנצוווייזן, אַז אַפֿילו דער גאָונישער דייטשער דיכטער פֿונם 12טן יאָרהונדערט, וואָלפֿראַם פֿון עשענבאַך, וואָס איז געווען פֿון אַדלשטאַנד, האָט ניט געקאָנט ניט לייענען ניט שרייבן[2].

אויף אַזאַ אופֿן איז לייכט באַגרייפֿלעך, אַז דייטש=פֿראַנצויזישע ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אין אַזאַ פֿאַרגרעבטער און אומקולטורעלער סביבה, האָבן געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע ידיעה וועגן וויסנשאַפֿטן און פֿילאָזאָפֿישע פּראָבלעמען. געלעבט גייסטיק גאַנץ אָפּגעזונדערט, האָבן זיי אַלע זייערע גייסטיקע קרעפֿטן אָפּגעגעבן אויסשליסלעך רעליגיעזע פֿראַגן, וואָס זיינען ענג פֿאַרבונדן מיט ייִדישער אמונה און ייִדישע געזעצן. לויט אַן אַלטער מסורה שטאַמען די ערשטע פֿאַרשפּרייטער פֿון חכמת היהודת איבער די ריין=פּראָווינצן אויס איטאַליע. „ר׳ משה בר קלונימוס אויס לוקאַ — דערציילט ר׳ אלעזר פֿון וואָרמס[3] — איז געווען דער ערשטער, וואָס איז אַהער געקומען פֿון דער לאָמבאַרדיי (צפֿון=איטאַליע). ער מיט זיינע צוויי זין, קלונימוס און יקותיאל, זיין קרוב ר׳ איתיאל

---

1 לשון נוצרית, לשון נוצרים; שפּת גלחים, שפּת גלחות.

2 ער דערציילט וועגן דעם גופֿא מיט האַרציקער תּמימות:

Swar an den Buochen stet geschrieben
Des bin ich Künstelos beliben.

3 חענן ר׳ אלעזר — זע ווייטער. משה בר קלונימוס איז דער פֿאַרפֿאַסער פֿונם באַקאַנטן פּיוט „אימת נוראותיך".

און נאָך אייניקע אנשים חשובים. זיי אַלע האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אוים דער לאָמבאַרדיי דער מלך קאַרל און האָט זיי באַזעצט אין מיינץ [1].

ביז דער לעצטער צייט איז שווער געווען פעסטצושטעלן, וועמען אייגנטלעך מיינט מען דאָס אונטער „המלך קרלא": צי קאַרל דעם גרויסן צי זיין זון קאַרל דעם בעל קָרַח [2]. ערשט אדאַנק דעם ניט לאַנג געפונענעם און גלייך פאַרעפנטלעכטן „ספר היוחסין" פון אחימעץ בן פלטיאל, וועגן וועלכן מיר וועלן נאָך שפּעטער ריידן, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז משה בר קלונימוסעס רבי אין קבלה־ענינים, אבו אהרון, האָט געלעבט אין איטאַליע אין די 60ער יאָרן פונם 9טן יאָרהונדערט. אויף אַזאַ אופן איז גאַנץ קלאָר, אַז דאָס איבערפאָרן פון דער משפחה קלונימוס קיין דייטשלאַנד איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון קאַרל דעם בעל־קָרַח.

אָט די דאָזיקע אוים איטאַליע אויסגעוואַנדערטע חכמי־ישראל זיינען עס געווען די ערשטע, וואָס האָבן אין די דייטשע ריין־פּראָווינצן געגרינדעט אַן אכסניה של תורה. דער ערשטער באַדייטנדיקער תּלמיד־חכם, וואָס איז פון דאָרט אויסגעוואַקסן, איז ר׳ יהודה בן מאיר הכהן אוים מיינץ, מער באַקאַנט אונטער דעם טיטל „Sir Leontin". ער איז געווען דער רבי פון דעם באַרימטן רבנו גרשום, וואָס מיט זיין טעטיקייט הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין דער קולטור־געשיכטע פונם דייטש־פראַנצויזישן יידנטום.

עס זיינען צו אונז דערגאַנגען זייער ווייניק פּרטים בנוגע דיזם לעבן און התנהגות פון דער דאָזיקער זייער באַדייטנדיקער פּערזענלעכקייט.

[1] זע Letterbode, X, 112—13; „מצרף לחכמה", ערשטע אויפלאַגע, 14 b.

[2] לויט אַן אַלטער רשימה אין אַ פּאַרמעטענעם מחזור־מאַנוסקריפּט זאָל די דאָזיקע מעשה האָבן געשען אינם יאָר 787 (זע Karmoly, Annalen, 1839, p. 222); לויט דער מעלדונג פון אַן אַנדערן, אומבאַקאַנטן פאַרפאַסער, איז דאָס באַזעצן זיך פון די איטאַליענישע חכמים אין דייטשלאַנד פאָרגעקומען ניט פריער ווי אין יאָר 810 (זע צונץ, „ליטעראַטור־געשיכטע", 625: „כי לא נשאר שריד בשנת תק"ע לאלף החמישי בכל ארץ אשכנז, עד שבא ר׳ קלונימוס מרומא עם הקיסר מלך צרפת קארלא"). דער באַקאַנטער געשיכטע־שרייבער יוסף הכהן זאָגט אין זיין „עמק הבכא" בפירוש, אַז דאָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון קאַרל דעם גרויסן (קאַרלו מאַגיו). אַ שפּעטערדיקער היסטאָריאָגראַף (געדונדי אין זיין „תולדות גדולי ישראל") פאַרזיכערט, אַז דאָס איז פאָרגעקומען „בימי המלך קארלו השני הנקרא קַלוֹ"; און דער באַרימטער תלמודיסט רש"ל גיט אָן אין זיינע שאלות־ותשובות (נומ׳ 29) נאָך אַ שפּעטערדיקע דאַטע: 849 נאָכן חורבן בית שני, ד"ה דאָס יאָר 918—919; און דעמאָלסט זיינען שוין אי דער גרויסער קאַרל אי קאַרל דער צווייטער ביידע פון לאַנג אויף דער וועלט ניט געווען.

עס איז נאָר מיט געוויסער זיכערקייט פעסטגעשטעלט געוואָרן דאָס יאָר פון זיין געבורט (960). אָבער שוין וועגן דעם יאָר פון זיין טויט זיינען פאַראַן חלוקי דעות. לויט אייניקע קוועלן [1] איז רבנו גרשום געשטאָרבן אינם יאָר 1028, אַנדערע [2] רעכענען אָבער, אַז ער איז געשטאָרבן פיל שפּעטער (1040); ניט פעסטגעשטעלט איז אויך זיין געבורטס-אָרט. אייניקע ווייזן אויף מעץ, אַנדערע אויף פראַנקרייך, אַ טייל ווידער רעכענען, אַז ער איז געבוירן אויפן ברעג פונם ריין. יעדנפאַלס איז זיין הויפּט-טעטיקייט פאָרגעקומען אין דער זעלבער שטאָט, וווּ ס'האָט געלעבט זיין רבי — אין מײַנץ. אין דער באַדייטנדיקער קהילה האָט ער געגרינדעט זיין באַרימטע ישיבה, וווּ ס'האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די הונדערטער תּלמידים פון די ריינישע שטעט און פון פראַנקרייך. בכדי דער לימוד פון תּלמוד זאָל קענען אַוועקגעשטעלט ווערן אויף פעסטע יסודות, האָט רבנו גרשום געהאַלטן פאַר נייטיק קודם-כּל פעסטצושטעלן דעם ריכטיקן טעקסט פון די מסכתות, פאַרגלייכן פאַרשיידענע מאַנוסקריפּטן און אויף אַזאַ אופן אויסבעסערן די אַלע גרייזן, וואָס די איבערשרייבערס האָבן אָנגעמאַכט נאָך גרויס מי איז אים סוף-כּל-סוף געלונגען ארויסבאַקומען אַ מער-ווייניקער אויסגעבעסערטן טעקסט, וועלכן ער האָט געפּרוווט דערקלערן און פאַרשטענדלעך מאַכן מיט זיין פירוש [3].

מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז אָט דער דאָזיקער ערשטער און עלטסטער פירוש אויף תּלמוד איז אַרויסגערופן געוואָרן נאָר אויס ריין רעליגיעזע מאָטיוון. זיין בקי אין תּלמוד, קלאָר זיין אין זיינע דינים און געזעצן איז כּלל ניט געווען בלויז לשם מצווה און צוליב יראת-שמים, — ס'איז אויך געווען ענג פאַרבונדן מיט ריין פּראַקטישע לעבנספאָדערונגען. דער תּלמוד, וואָס איז אַנטשטאַנען ביי אַנדערע סאָציאַלע צושטאַנדן, אין אַ גאַנץ אַנדער סביבה, דער איז דאָך געווען פאַר די יידישע קהילות אין מיטל-אייראָפּע דער Corpus juris, דער קאָדעקס פון רעכט. און אָט דער דאָזיקער קאָדעקס איז ניט נאָר געווען געשריבן

---

1 זע „כרם חמד", V, 108; ib., VIII, 107; נייבויער, Cat. of the Hebr. Man. in Bodl. Libr., 775.

2 שו"ת רש"ל, נומ. 29; צונץ, „ליטעראַטורגעשיכטע", 238; וויס, „דור דור ודורשיו", IV, 279.

3 אייניקע פאָרשער רעכענען, אַז רבנו גרשום האָט געמאַכט אַ פירוש אויף גאַנץ תּלמוד, נאָר דער דאָזיקער פירוש איז מיט דער צייט פאַרלאָרן געגאַנגען. אַ מיטלאַלטערלעכער געלערנטער, מנחם בן זרח, וואָס האָט דעם פירוש געזען, ווייזט אָן, אַז ער איז געווען אומגעהייער לאַנג. זע די הקדמה צו „צידה לדרך": „היו לומדים בפירושי ר' גרשום מאור הגולה והיו ארוכים מאוד".

אויף א ווייניק פארשטענדלעכער שפראך — מען האט אים אויך באַדארפט ערשט צופאסן צו די נייע פאדערונגען פונם לעבן. אין דער הינזיכט האט רבנו גרשום געשפילט אן אומגעהייערע רעפארמאטארישע ראלע. א מענטש מיט אן אייזערנעם ווילן און פון גרויסער מאראלישער קראפט, איז רבנו גרשום געווארן נאך ביי זיין לעבן דער גרעסטער אויטאריטעט בכל תפוצות ישראל, ניט נאר אין דייטשלאנד און פראנקרייך, נאר אפילו אויך אין איטאליע [1]. פון אלע לענדער פלעגט מען זיך צו אים ווענדן מיט שו"ת וועגן רעליגיעזע און יורידישע אנגעלעגנהייטן. רעכענענדיק זיך מיט די פאדערונגען פונם רעאלן לעבן, האט רבנו גרשום אויסגענוצט זיין גרויסן אויטאריטעט אויף צו רעגולירן און איינארדענען די סאציאלע באדערפעניש פון זיינע ברידער דורך ספעציעלע „תקנות", וואס זיינען באלד אנגענומען געווארן פון דעם גאנצן אייראפעישן יידנטום אלס פעסטגעשטעלטע געזעצן, אנטקעגן וועלכע מען טאר ניט עובר זיין [2]. צו די דאזיקע תקנות געהערט, למשל, דער פארבאט צו האבן מער ווי איין פרוי, און אז א גט איז נאר דאן גילטיק, ווען ביידע צדדים זיינען אויף אים מסכים; ער האט אויך באדייטנדיק פארגרינגערט די דינים וועגן גרים און אפטריניקע, וואס האבן חרטה געקראגן און ווילן צוריק זיך אומקערן צו דת משה וישראל. עד היום הזה איז נאך גילטיק דער „חרם דרבנו גרשום" (בחדר"ג), וואס פארבאט צו לייענען אן יענעמס ערלויבעניש א פרעמדן בריוו.

עס איז, אמת, זייער מעגלעך, אז ניט אלע תקנות, וואס טראגן רבנו גרשומס נאמען, זיינען ווירקלעך דורך אים מתקן געווארן; דאס באווייזט אבער ווי שטארק דער דאזיקער גאון איז איינגעקריצט געווארן אין זכרון פונם פאלק אלס רעפארמאטאר און געזעצגעבער, אז אלע וויכטיקע תקנות האט מען געקרוינט מיט זיין נאמען. אט דערפאר טאקע באשטייט רבנו גרשומס באדייטונג ניט נאר אין דעם, וואס די פון אים געגרינדעטע ישיבות און זיין דרך ווי צו שטודירן און אויספארשן דעם תלמוד זיינען געווארן מוסטערגילטיק פאר גאנצע דורות — ער איז איינער פון די ערשטע און גרעסטע, וואס האבן געלייגט די גרונד-

1 וועגן דעם גרויסן יראת-הכבוד, מיט וועלכן אלע יידן פון אייראפע האבן זיך פארהאלטן צו דעם מיינצער ראש-ישיבה, דערציילט רש"י אין איינעם פון זיינע שו"ת: „רבנו גרשום... שמאור עיני גולה, וכולנו מפיו חיין. וכל בני גלות אשכנז וכיתים (איטאליע) תלמידי תלמידיו הן" (זע „אוצר נחמד", ב' 115; „תשובות חכמי צרפת ולותיר" סי' כ"א).

2 אמת, אייניקע נייערע פארשער האבן דערוויזן, אז א טייל פון די תקנות, וואס טראגן רבנו גרשומס נאמען, זיינען ערשט ארויסגעגעבן געווארן אין די שפעטערע דורות, יעדנפאלס ניט פריער ווי אין 12—13טן י"ה.

שטיינער פון קולטור פאר דעם דייטש=פראנצויזישן יידנטום; און ניט אומזיסט איז ער פארבליבן אין זכרון פון די קומענדיקע דורות אלס דער „מאור הגולה" — דער ליכטיקער שטערן פארן פאלק אין גלות.

ווי משה בר קלונימוס, אזוי איז אויך רבנו גרשום געווען א פייטן [1]. ער איז אבער ניט געווען געבענטשט מיט אן אמתן דיכטערישן טאלענט, און זיינע פיוטים און פזמונים האבן א קנאפן פאעטישן ווערט. בלויז זיין באקאנטע סליחה, וואס מען זאגט ערב ראש=השנה: „זכור ברית אברהם ועקדת יצחק" — רירט מיט איר ווייבער הארציקייט: „די הייליקע שטאט און איר גאנצע אומגעגנט זיינען געווארן צו שאנד און צו שפאט אלע אירע אוצרות גערויבט און פארלוירן, נאר איינס איז אונז געבליבן — די הייליקע תורה... דעם בונד וואס האסט געשלאסן מיט אונזערע אבות, דיין גרויס געגאר און רחמים פון אייביקע צייטן — לאז געדענקען קעגן אונז, געפייניקטע און געיאגטע, וואס ווערן צוליב דיר יעדן טאג געשאכטן" [2].

* * *

אין דער זעלבער צייט בעת די ישיבות, וועלכע רבנו גרשום האט אין דער ריין=פראווינץ געגרינדעט, זיינען געווארן די אכסניה של תורה, דער צענטער פון תלמודישער וויסנשאפט, האט אין צפון=פראנקרייך אנגעפאנגען זיך צו בילדן א שול פון עקזעגעטן, ד"ה פון ביבל=מפרשים, וואס זייער אויפגאבע איז געווען אויספארשן און דערקלערן דאס ביבלישע ווארט, דעם טעקסט פון דער ביבל. אט די דאזיקע שול פון מפרשים האט זיך פונאנדערגעטיילט אין צוויי ריכטונגען. איינע איז געגאנגען אויפן דרך פון „דרוש", וועלכן ס'האבן דורכגעלייגט די באשעפער פון די מדרשים, די בעלי הדרשנים פון דער תלמודישער און גאונישער תקופה, ביי וועלכע דער „פסוק", דער ביבל=טעקסט איז געווען נאר אן ארט הקדמה, אן ארייננפיר צו זייער קונציקן געוועב פון אגדיסטישע לעגענדעס און הארציקן מוסר. די צווייטע ריכטונג אבער האט זיך געשטעלט א גאנץ אנדערע אויפגאבע: פארטייטשן און דערקלערן דעם פשט, דעם ווערטלעכן זין פון דעם ביבלישן טעקסט. די באגרינדער פון דער דאזיקער עקזעגעטישער שול מיט אירע ביידע ריכטונגען זיינען געווען צוויי ברידער: שמעון קרא און מנחם בר חלבו

---

1 זע וועגן דעם: לאנדסהוט, „עמודי העבודה".

2 „העיר הקודש והמחוזות — היו לחרפה ולביזות — וכל מחמדיה טבועות וגנוזות — ואין שיור רק התורה הזאת... ברית אבות ואמהות והשבטים — רחמיך וחסדיך ברבות עתים — יה זכור למוכים ונמרטים — ועליך כל היום נשחטים".

דער ערשטער ווערט גערעכנט אלס דער באשעפער פונם פאפולערן זאמלבוך פאר מדרשים, וואס טראגט דעם נאמען „ילקוט שמעוני" [1], אין וועלכן עס זיינען זייער קונציק צונויפגעזאמלט אלע לעגענדעס פונם מדרש, וואס האבן א סמך אינם ביבלישן טעקסט. נאר פון אן אנדער שניט איז געווען די טעטיקייט פון מנחם בר חלבו. פון זיין ביאגראפיע ווייסן מיר כמעט ווי גארנים. אויפן סמך פון זיין ביינאמען — „קרא", קען מען רעכענען, אז ער איז אפשר געווען א פארלעזער פון תורה אין שולן און בתי־מדרשים, און א מתורגמן, וואס פלעגט דערקלערן דעם טייטש פונם ביבלישן טעקסט פאר דער יוגנט. און טאקע די דאזיקע באשעפטיקונג האט פילייכט געבראכט מנחם בר חלבו צום געדאנק זיך ספעציעל אפצוגעבן מיט ביבל־דערקלערונג און ווערן א מפרש [2]. נאר פון אלע זיינע דערקלערונגען (פתרונים) און פירושים צו פארשיידענע ביבלישע ביכער זיינען דערגאנגען צו אונז בלויז קליינע פראגמענטן, וואס ווערן אלס ציטאטן געבראכט ביי די שפעטערדיקע פראנצויזישע מפרשים [8]. נאר אפילו בלויז די דאזיקע ווייניקע פראגמענטן גיבן אונז דאך א קלאר בילד וועגן בר חלבום מעטאדע. דאס איז געווען א מענטש מיט א ניכטערן קלארן שכל, וואס האט זיך געשטעלט די אויפגאבע אויספארשן דאס ביבלישע ווארט; ניט זוכן דארט קיין סימבאלישע רמזים, קיין סמך אויף כל המיני לעגענדעס, נאר קלאר מאכן די באדייטונג פון יעדן ווארט באזונדער, אויספארשן דעם ווערטער־מאטעריאל ריין לעקסיקאגראפיש. די דאזיקע אויפגאבע איז ביי יענע באדינגונגען געווען א גאנץ שווערע. די יידישע מפרשים פון אראבישן שפאניע זיינען געווען אין א באדייטנד גינסטיקערער לאגע. זיי האבן דאך פאר זיך געהאט די קלאסישע מוסטערן: ראשית די אראבישע פילאלאגישע שול,

---

1 זע שי״ר (שלמה יהודה ראפאפארט) אין „כרם חמד", VII, 4—12. אמת, ראפאפארטס מיינונג, אז דער צוזאמענשטעלער פונם „ילקוט שמעוני" איז מנחם בר חלבוס ברודער — האט פילע קעגנער. דער וויכטיקסטער פון זיי איז א. עפשטיין (זע זיין ארבעט „ר' שמעון קרא והילקוט שמעוני", 1891), וואס רעכנט גלייך מיט צונצן, אז דער „ילקוט שמעוני" איז ערשט געשאפן געווארן אינם 13טן יארהונדערט. עס איז אבער ווארשיינלעכער, אז דער דאזיקער ילקוט איז טאקע באשאפן געווארן אין דער צייט פון מנחם בר חלבו, נאר אין די שפעטערדיקע דורות האט מען אין אים געמאכט א סך שינויים און פיל שטעלן מוסיף געווען.

2 זע: א. גייגער, „פרשנדתא", 11; איינשטיין, „מאגאזין" 219, 1886; מ. ליפשיץ, „רש״י", 154—7, 1914.

8 א פולשטענדיקע זאמלונג פון בר חלבום אויפגעהיטע „פתרונים", גיט ש. פאזנאנסקי אין „ספר היובל", 439—402; זע אויך דוקעס, אין „ליטעראטורבלאט ד. אריענטס", 1847, 344—48.

וואָס האָט געבראַכט די וויסנשאַפטלעכע שפּראַך־פאָרשונג צו אַ זייער הויכער מדרגה; דאָן די באַרימטע ווערק פון די גרויסע יידישע פילאָ־לאָגן ווי חיוג, גאַנאַח און שמואל הנגיד. בר חלבום מוטער־שפּראַך איז אָבער געווען דער דעמאָלסט נאָך זייער ווייניק אַנטוויקלטער פראַנצוי־זישער דיאַלעקט, און פון די יידישע פילאָלאָגן אוים שפּאַנישער שול זיינען אים געווען באַקאַנט בלויז די ווערק פון מנחם בן סרוק און דונש בן לברט 1. ניט קוקנדיק אויף די גאַנץ קנאַפּע וויסנשאַפטלעכע מיטלען, וועלכע בר חלבו האָט געקענט באַנוצן, איז אים דאָך, אַדאַנק זיין פילאָ־לאָגיש־קריטישן חוש, געלונגען פיל אויפצוטאָן אויף דעם געביט פון אויפקלערן דעם פשט פון דעם ביבל־טעקסט.

מנחם בר חלבו האָט געשאַפן אַ גאַנצע שול, נאָר דער וויכטיק־סטער און באַדייטנדיקסטער פון זיינע נאָכפאָלגער איז געווען זיין תלמיד און ברודערזון יוסף בן שמעון קרא; און טאַקע אַדאַנק אים און זיינע פירושים, זיינען צו אונז דערגאַנגען וועלכע ס׳איז פראַגמענטן פון מנחם בר חלבום „פתרונים". אויך וועגן יוסף קראס לעבן ווייסן מיר זייער ווייניק צו דערציילן 2. עס איז בלויז באַקאַנט, אַז ער האָט געלעבט אין רש״ים געבורטסשטאָט טרואַ, און איז טאַקע געווען איינער פון רש״ים מקורבים. אַלס ביבל־דערקלערער האָט זיך יוסף קרא טריי געהאַלטן אין די כּללים, וואָס ס׳האָט אויפגעשטעלט זיין רבי, מנחם בר חלבו, און ער האָט זיך שטענדיק געפלייסט אָנצווייזן ווי שטאַרק עס גרייזן אָט די מפרשים, וואָס מישן אוים ביים דערקלערן דעם ביבל־טעקסט דעם דרך הפּשט מיט דעם דרך הדרש, און פאַרשטייען אפילו ניט, אַז דאָס זיינען גאָר גאַנץ פאַרשיידענע צוויי סיסטעמען. „איר דאַרפט וויסן — שרייבט ער אין זיין פּירוש אויף ספר שמואל — אַז די הייליקע שריפט איז גע־שריבן קלאָר און דייטלעך, אָן רמזים, וואָס מען זאָל זיך ערשט דאַרפן אָנשטויסן, אָדער נייטיקן זיך אין אָנווייזונגען און ראיות פונם מדרש. דער מדרש ווידער, איז אַ לימוד פאַר זיך, און אים האָבן אונזערע חכמים מתקן געווען בכדי צו באַשיינען און באַפּוצן די תורה. דער אָבער, וואָס פאַרשטייט ניט דעם פשט פון דער תורה און פּרוווט אַרויסבאַ־קומען דעם תוך מיט דער הילף פונם מדרש, דער איז געגליכן צו אַ מענטשן, וואָס ווערט געטראָגן פון אַ שטאַרק געוויסער, און ראַנגלענ־דיק זיך מיט די כוואַליעס, פּרוווט ער זיך אָנכאַפּן אָן אַלץ, וואָס ער

1 ווייל נאָר די ווערק זיינען געשריבן אין העברעיש.

2 זע „מאַגאַזין", 1886, 206—261, ד״ר איינשטיינס אַרבעט „יאָזעף קאַרו אונד זיין קאָמענטאַר צו קהלת".

טאַפּט נאָר אָן מיט דער האַנט. ווער עס וויל אָבער ערנסט אויספאָרשן גאָטס וואָרט, דער דאַרף קודם=כל זיך פלייסן צו פאַרשטיין דעם פשוטן פשט פון יעדער וואָרט באַזונדער [1].

און יוסף קַרא איז טאַקע נאה דורש ונאה מקיים, און אין אַלע זיינע פּרושים [2] האַלט ער זיך טריי אָן דעם פון אים און זיין פעטער אויפגעשטעלטע פאָדערונג, און דערקלערט דעם ביבל=טעקסט אויסשלים=לעך על=פי דרך הפשט. עס איז דאָ כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף איין אינטערעסאַנטן פּרט. ווי מנחם בר חלבו אַזוי האָט אויך יוסף קַרא זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אמתן שכל הישר. נאָר דער ניכטערער און שאַר=פער שכל איז אין אָט דעם מענטשן פונם 11טן יאָרהונדערט געווען צונויפגעפלאָכטן מיט נאַיִווער תמימות און פשטות, און אדאַנק דעם האָט ער אין זיינע פירושים ניט זעלטן ארויסגעזאָגט אַזוינע געדאַנקען, וואָס טראָגן אין זיך בלי ספק דעם זאָמען פון פרייער וויסנשאַפטלעכער קריטיק, און פאַר יענער צייט איז דאָס געווען אמתע אפיקורסות; מערניט — קַרָאן גופא מיט זיין תמימותדיקער וועלט=אַנשויונג איז גאָר אפילו אויף דער מחשבה ניט געקומען, אַז דאָס שמעקט מיט פריידענ=קעריי. למשל, דעם זאַץ פון שמואל א׳ (IX ,9): „וועמען מע רופט היינ=טיקע צייטן „נביא״, דער פלעגט אַמאָל הייסן „רואה״ (זעער, טרעפער) — באַגלייט קַרא מיט פאָלגנדיקער באַמערקונג: „דערפון איז געדרונגען, אַז בעת דער ספר שמואל איז געשריבן געוואָרן, פלעגט מען שוין דעם אַמאָליקן „רואה״ רופן „נביא״. דאָס באַווייזט, אַז דער ספר איז פאַר=פאַסט געוואָרן אַ סך שפּעטער נאָך שמואל הנביא״ [8]. קַראס באַמערקונג איז טאַקע זייער אַ ריכטיקע: אין דער גאַנצער ביבל ווערט דער נביא אין ערגעץ ניט אָנגערופן מיט דעם נאָמען „רואה״ אויסער אין אָט דער באַ=טרעפנדיקער שטעלע, ווו שמואל הנביאס דור ווערט באַטראַכט אלס „אַמאָ=ליקע צייטן״ (לפנים). אין גאַנץ תורת משה ווערט אָבער דער נביא אויך

1 „ואין ברצוני לכתוב בספר זה שום מדרש, שלפי מדרשו רצוף ספר בפני עצמו, והרוצה לקרות בו קורא. דע לך שכשנכתבה הנבואה שלימה נכתבה עם פתרונה וכל הצורך שלא יכשלו בה דורות הבאים וממקומו אין חסר כלום ואין צריך להביא ראיה ממקום אחר ולא ממדרש, כי תורה תמימה נכתבת ולא תחסר כל בה, ומדרש חכמינו כדי להגדיל תורה ויאדיר; אבל כל מי שאיני יודע פשוטו של מקרא ונוטה לו אחר מדרשו של דבר דומה לזה ששטפינהו שבולת הנהר ומעמקי מים מציפין, אוחז בכל אשר בידו להנצל. ואילו שם לבו אל דבר ד׳ היה חוקר אחר פשר דבר ופשוטו ומוצא לקיים מה שנאמר: אם תבקשנה וגו׳״ (זע איינשטיין, ציט. װ., 250).

2 ער האָט געמאַכט אַ פירוש כמעט אויף אַלע נביאים און כתובים.

8 זע: איינשטיין, ציט. װ., 250; גייגער, ציט. װ., 32—33.

(2)

אין ערגעץ ניט אָנגערופֿן מיטן נאָמען „רואה", מוז מען הייסט עס קומען צו דער מסקנא, אַז אויך די תורה איז רעדאַקטירט געוואָרן ניט נאָר נאָך משה־רבנוס טויט, נאָר אַפֿילו אַ סך שפּעטער פֿון שמואל הנביאס דור. נאַטירלעך האָט אַזאַ אַפּיקורסישער געדאַנק דעם גאָטספֿאַרכטיקן יוסף קרא אַפֿילו אויף דער מחשבה ניט געקענט קומען [1].

אין דער זעלבער שטאָט, אין וועלכער עס האָט פֿאַרבראַכט זיינע יאָרן יוסף קרא, איז אויסגעוואַקסן אויך דער גרויסער מאַן, וואָס האָט זוכה געווען מיט זיין נאָמען און מעשים צו פֿאַרדרענגען אַלע איבעריקע דייטש־פֿראַנצויזישע מפרשים און דערקלערער פֿון ביבל און תלמוד. מיר ריידן וועגן ר' שלמה בן יצחק, וואָס איז באַקאַנט ביים יידישן פֿאָלק אונטער די „ראשי תיבות": רש"י. אָט דער גרעסטער מיטלאַלטערלעכער תלמוד־דערקלערער און פּאָפּולערסטער ביבל־עקזעגעט איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1040 אין טרואַ, די דעמאָלסטיקע הויפּטשטאָט פֿון דער פּראָווינץ שאַמפּאַני, וווּ ער איז אויך געשטאָרבן אינם יאָר 1105. ייִנגל ווייז האָט זיך דער צוקונפֿטיקער גאון געלאָזט איבער יענער זייט ריין צו שעפּן תורה פֿון די דאָרטיקע ישיבות. מיר האָבן שוין פֿריער אָנגעוויזן, אַז די ישיבות, וואָס רבנו גרשום האָט געגרינדעט אין די ריינישע שטעט מיינץ, וואָרמס, שפּייער, זיינען געוואָרן די הויפּט־צענטרען פֿון תלמודישער וויסנשאַפֿט. די דאָזיקע ישיבות האָבן צו זיך צוגעצויגן די הונדערטער תלמידים פֿון מזרח און מערב, און די „חכמי לותיר" [2] זיינען איבעראַל געווען אָנערקענט אַלס די גרעסטע אויטאָריטעטן אין חכמת היהדות. פֿון די דאָזיקע ישיבות זיינען אַרויסגעקומען פֿיל גרויסע דייטשע רבנים און תלמידי חכמים, דאָרט האָט אויך פֿאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן רבי שלמה יצחקי.

רש"יס ערשטער רבי איז געווען רבנו גרשומס תלמיד, ר' יעקב בן יקיר [3], דער ראש־ישיבה אין וואָרמס; נאָך יענעמס טויט איז רש"י אַוועק קיין מיינץ צום דאָרטיקן ראש־ישיבה ר' יצחק בן יהודה. ער האָט אויך אַ געוויסע צייט פֿאַרבראַכט אין שפּייער, און ערשט דערנאָך האָט רש"י (אינם יאָר 1065) זיך צוריקגעקערט אין זיין געבורטסשטאָט,

---

[1] מער באַריכות וועגן יוסף קרא זע די אויבן ציטירטע אַרבעט פֿון ד"ר איינשטיין און אויך ביי שד"ל אין „כּרם חמד", 56—7, VII.

[2] מיט דעם נאָמען „לותיר" (לאָטאַרינגיע) פֿלעגט מען דעמאָלט באַצייכענען דעם גאַנצן שטח לאַנד, וואָס ליגט פֿון ביידע זייטן ריין.

[3] רש"י דערמאָנט אים אונטערן נאָמען „מורי הזקן" (מיין אַלטער לערער). זע, צ"ב, סוכּה, דף ל"ח עמ' ב'.

ווי ער האָט געגרינדעט זיין אייגענע ישיבה, וועלכע איז מיט דער צייט געוואָרן דער וויכטיקער צענטער פון תלמודישער וויסנשאַפט, די באַ=רימטע אכסניה של תורה.

נאָך אין זיינע לערניאָרן אין די ישיבות פון די חכמי לותיר, האָט רש"י שוין געזאַמלט מיט גרויס פלייס און מסירת=נפש דעם נייטיקן=מאַטעריאַל פאַר דעם ריזיקן אונטערנעמען, וואָס ס'איז געוואָרן דער ציל פון זיין לעבן: מאַכן דעם תלמוד בבלי מיט זיין שווערער און ווייניק פאַרשטענדלעכער שפּראַך פאַר אַ שוה לכל נפש, צוגענגלעך פאַר יעדן; מען זאָל מער ניט באַדאַרפן, בכדי צו פאַרשטיין דעם פשט פון אַ בלאַט גמרא, זיך ווענדן צו ספּעציעלע מומחים און געניטע לערער. צו דעם צוועק האָט רש"י קודם=כל געמוזט פאַרזעצן און פאַרענדיקן די אַרבעט, וואָס ס'האָט שוין אָנגעפאַנגען רבנו גרשום: אַרויסבאַקומען דעם ריכטיקן ניט אַנטשטעלטן טעקסט, באַפרייען אים פון די אַלע גרייזן און פעלערן, וואָס אָפּשרייבער און קאָפּיסטן עם=הארצים האָבן אָנגעמאַכט. זיין גוואַלדיקע בקיאות און שאַרף=קריטישער חוש האָבן מיטגעהאָלפן רש"ין דורכצופירן בשלימות אָט די דאָזיקע גאָרניט גרינגע אויפגאַבע. פאַר זיין פירוש גופא האָט רש"י מיט גרויס קונציקייט אויסגענוצט אַלע פירושים פון זיינע פאָרגייער, די אַלע דערקלערונגען און טייטשן פון די ראשי ישיבות, וואָס זייערע תלמידים פלעגן זיך פאַרצייכענען אין זייערע „קונטרסים" (נאָטיץ=ביכלעך). פון דעם דאָזיקן ריזיקן און פאַרשיידנאַר=טיקן מאַטעריאַל האָט רש"י פאַרשטאַנען אויסצוקלייבן דאָס וויכטיקסטע און נייטיקסטע, מאַכן דערפון אַ כלי שלמה, אַן אָרגאַניש גאַנצע און פולקומע זאַך. רש"י פאַרגעסט קיינמאָל ניט, אַז זיין הויפּט=צוועק איז מאַכן צוגענגלעך און לייכט פאַרשטענדלעך דעם זייער אייגנאַרטיקן און קאָמפּליצירטן טעקסט; ער לאָזט זיך דערפאַר קיין מאָל ניט אַריין אין טיפע חקירות, שטעלט ניט אַרויס קיין פאַרדרייטע און איבערגעשפּיצטע סברות. ער פאַרגעסט ניט אויף איין מינוט, אַז ער איז בלויז אַ מבאר — אַ פאַרטייטשער און דערקלערער, וואָס דאַרף ווערטלעך און גענוי איבער=געבן דעם געדאַנק פונם פאַרפאַסער און ניט ערלויבן זיך קיין שום זייטיקע באַמערקונגען, וואָס געהערן ניט צום עצם ענין און האָבן ניט קיין דירעקטן שייכות צו דעם ווערטלעכן פשט פונם טעקסט. און אַלע זיינע דערקלערונגען פאַרשטייט אָט דער דאָזיקער אומפאַרגלייכלעכער מייסטער פון גאונישער פשטות איבערצוגעבן אין אַ העכסט קלאָרער און פאַר אַלעמען פאַרשטענדלעכער פאָרם. דערצו איז רש"י כלל ניט קיין ותרן אויף ווערטער; ער ווייסט דעם „סוד הצימצום", פאַרשטייט ווי מען דאַרף קאַרגן מאַטעריאַל. ביי אים איז יעדעס וואָרט געציילט און גע=

מאַסטן, יעדער אויסדרוק געפּיילט און געשליפן. כל ימיו איז ער ניט מיד געוואָרן זיין פּירוש אויף תּלמוד איפּסניי צו רעדאַקטירן, אים מאַכן וואָס פּשוטער און פאַרשטענדלעכער [1]. די טונקלסטע און אומפאַרשטענדלעכע ערטער ווערן ביי רש"ין גאַנץ אָפט דערקלערט מיט געציילטע צוויי-דריי ווערטער, וואָס מאַכן מיטאַמאָל קלאָר און פאַרשטענדלעך די גאַנצע סוגיא, און עס ווערן פאַרענטפערט אַלע קשיות און שאלות [2].

בכדי אָבער צו זיין אימשטאַנד קלאָר און פאַרשטענדלעך איבער-געבן דעם געדאַנק פון יעדן מבעלי התלמוד באַזונדער, האָט רש"י גע-מוזט זיך רעכענען נאָך מיט איין שוועריקייט. אין תּלמוד איז זייער אַ גרויסער פּלאָנטער אויפן געביט פון כראָנאָלאָגיע. דער געוויסער תּלמודישער זאַץ: „אין מוקדם ומאוחר בתורה" (אין דער תורה איז ניט פאַראַן: „פריער און דערנאָך", ד"ה דאָרט איז אַלץ גלייך וויכטיק), אַנטפּלעקט זיך אין תּלמוד גופא אויף אַ גאַנץ מאָדנעם אופן: מען האָט בכלל זיך ניט אינטערעסירט מיט פעסט באַשטימטע דאַטן, מיט „פריער" און „שפּעטער", און פערזאָנען פון גאַנץ פאַרשיידענע תקופות ווערן דאָרט ניט זעלטן באַהאַנדלט ווי חברים, ווי מענטשן פון איין דור. בכדי אָבער קלאָר צו פאַרשטיין די אָדער יענע תקנה, וואָס איינער פון די בעלי התלמוד האָט מתקן געווען, איז זייער וויכטיק באַשטימט צו ווּיסן, אין וואָסער צייט, ביי וועלכע צושטאַנדן האָט דער באַטרעפנ-דיקער תנא געלעבט. דאָ האָט רש"י באַוויזן זיין אויסעראָרדנטלעך שאַרפן היסטאָרישן חוש. ער האָט זיך אַזוי איינגעלעבט אין דער תּלמודישער וועלט, זיך באַקאַנט מיט אַלע פּרטים, וואָס זיינען נוגע דעם לעבן און די סביבה פון יעדן תנא און אמורא באַזונדער, אַז אים איז על-פּי רוב געלונגען אויסצומיידן די אַלע אַנאַכראָניזמען און דעם פּלאָנטער פון דאַטן און גאַנצע דורות, וואָס זיינען געווען אַזוי שכיח אין דער תּלמודי-שער ליטעראַטור. אויף אַזאַ אופן איז רש"י געווען אימשטאַנד אויסצו-טייטשן און דערקלערן די אַלע תּלמודישע דינים, תקנות און החלטות לויט זייער היסטאָרישן סדר נאָך. אין די פאַלן אָבער, ווו רש"ין מיט זיין גאַנצער גאונישקייט איז דאָך ניט געלונגען צו דערגיין דעם פּשט פון דעם אָדער יענעם שטאַרק טונקעלן תּלמודישן זאַץ, האָט ער מיט זיין

---

[1] רש"יס פּירוש אויף תּלמוד איז צו אונז דערגאַנגען אין דריי רעדאַקציעס.

[2] אויף די דאָזיקע רש"יס וואונדערבאַרע איינגעשאַפטע האָט שוין אָנגעוויזן אַ גע-לערנטער פון 14טן יאָרהונדערט, יצחק לאַטעס. אין זיין „שערי ציון" (ז' 38) שרייבט ער: „אין מעלתו נכרת רק ליחידים, כי במלה אחת יכלול פעמים תירוצים של חבלי קשיות".

האַרציקער עניוות און פשטות זיך אָפּן מודה געווען: „איך פאַרשטיי ניט“, „איך ווייס ניט“, עס איז מיר ניט קלאָר“ [1].

רש"יס פירוש אויף תלמוד איז גלייך אָנגענומען געוואָרן בכל תפוצות ישראל; אַלע „קונטרסים“, מיט וועלכע מען פלעגט זיך פריער באַנוצן אין די ישיבות, זיינען באַלד בטל געוואָרן אַנטקעגן אָט [דעם איין און איינציקן „קונטרס“ [2], און רש"ין גופא האָט מען געקרוינט מיט דעם נאָמען „פּרשנדתא“ — דער איינציקער, אומפאַרגלייכלעכער דערקלע־רער און מפרש.

רש"י איז אָבער באַרימט געוואָרן ניט בלויז אַלס תלמוד־דערקלע־רער. ער האָט זיך ניט ווייניקער קונה־שם געווען אויך מיט זיינע פירושים אויף ביבל, דער עיקר מיט זיין פירוש אויף תורה. דער דאָזיקער פירוש איז שוין אָבער פון גאָר אַן אַנדער שניט. אמת, אויך דאָ ווייזן זיך בולט אַרויס רש"יס גרויסע מעלות: זיין פשטות, זיין גלענצנדער טאַלענט מסביר זיין יעדן ענין אין קלאָרע קנאַפע ווערטער; ניט קוקנדיק דערויף, וואָס רש"ין זיינען געבליבן אומבאַקאַנט די אַראַבישע פאָרשונגען פון די גרויסע יידישע פילאָלאָגן (חיוג, גאַנאַח און אַנדערע), דאָך איז אים געלונגען טיף אַריינצודרינגען אין דעם גייסט פון דער ביבלישער שפּראַך ביים דערקלערן דעם פשט פונם טעקסט. דאָך אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז רש"י אין זיין פירוש אויף תורה אין אַ גאַנץ נייער געשטאַלט. דאָרט, אינם פירוש אויף תלמוד, האָבן מיר פאַר זיך דעם שטרענג ניכטערן און קאַלטן בעל־שכל־הישר, דעם גרויסן פשטן, וואָס יעדעס וואָרט איז ביי אים געציילט. דאָ אָבער, אין דעם פירוש אויף תורה, זעען מיר פאַר אונז קודם־כל דעם גאָטספאַרכטיקן מאמין מיט זיין ווייכער און צאַרט פילנדיקער נשמה, פאַר וועלכן אַלע הגדות און לעגענדעס פון תלמוד און מדרשים זיינען רעאַלע געשעענישן, פול מיט לעבנסזאַפט [3]. תמימותדיק־נאַיוו, אָן אַ שום שפּור פון ספיקות, איז פאַר דעם דאָזיקן מיטלאַלטער־לעכן גאון ניט גאַנץ קלאָר דער גרויסער אונטערשייד צווישן „פשט“ און „דרש“; זיינע קלאָרע און גענויע טעקסט־דערקלערונגען ווערן ביי אים דערפאַר גאַנץ אָפט קונציק צונויפגעפלאָכטן מיט גאַנצע קרענץ פון פאַ־

---

1 „לא ידענא היכא“, „עיקר מלתא לא ידענא“, „לא שמעתי טעם מקובל“, „לא ידעתי לשונו“ (זע: א. ה. חייס, „דור דור ודורשיו“, 288, IV; „בית תלמוד“, 135, II.

2 אין דער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור ווערט רש"יס פירוש אויף תלמוד סתם אָנגערופן „קונטרס“.

3 וי אַזוי רש"י פלעגט זיך באַנוצן מיט מדרשים זע: חייס, אין „בית תלמוד“, 226, II.

עטישע לעגענדעס [1], און דאָס ווערט געטאָן מיט אזא קינדישער תמימות און הארציקער פשטות, אז עס גיט צו דעם גאַנצן ווערק רש"ים אַ באַזונדערן חן, באַשטראַלט עס מיט וואַרעמען ליכט פון אינטימער שיינקייט. און ניט אומזיסט איז דאָס דאָזיקע ווערק געוואָרן דאָס פּאָפּולערסטע און באַליבטסטע בוך ביים יידישן פאָלק. אויף לאַנגע, לאַנגע דורות האָט רש"יס פירוש זוכה געווען צונויפגעשמאָלצן צו ווערן אינם באַוווּסטזיין פונם פאָלק צוזאַמען מיט תורת משה; "חומש מיט רש"י" זיינען געוואָרן איין גאַנצע זאַך, און יעדעס וואָרט פון יצחקים פירוש האָט מען כמעט ניט מיט קיין קלענערן פלייס געגלידערט און געפאָרשט ווי דאָס וואָרט פון דער ביבל גופא [2]. עס איז אויך דערפאַר גאַנץ באַגרייפלעך, וואָס רש"יס פירוש, אויף וועלכן עס זיינען דערציונגן געוואָרן אַזוי פיל דורות, איז געווען דאָס ערשטע יידישע בוך, וואָס ס'איז אַרויף אויף דעם דרוק-וואַרשטאַט [3]. אין משך פון אַ קורצער צייט האָט רש"יס פירוש פאַרדרענגט אַלע מפרשים, וואָס זיינען פאַר אים געווען אָדער אין זיין צייט געלעבט; די נעמען פון מנחם בר חלבו, יוסף קרא און אַנדערע זיינען פאַרגעסן געוואָרן, און ערשט אין דער לעצטער צייט, אַדאַנק דער מי פון פלייסיקע פאָרשער און געלערנטע, זיינען זיי תחית המתים אויפגעשטאַנען, און מען האָט זיך פון זייערע פאַרלוירענע נעמען דערוווּסט. אפילו די שפּאַנישע יידן, וואָס האָבן זיך אַזוי גרויס געהאַלטן מיט זייער הויכער קולטור און ברייטן וויסן, האָבן מיט גרויס רעספּעקט זיך פאַרהאַלטן צום פראַנצויזישן ביבל- און תלמוד-פאָרשער. דער ראב"ד (ר' אברהם בן דוד) רעדט אין זיין "ספר הקבלה" מיט גרויס התפעלות,

---

[1] דערויף האָט שוין אָנגעוויזן אינם 12טן יאָרהונדערט דער שאַרפזיניקער אברהם בן עזרא, וואָס האָט זיך בכלל פאַרהאַלטן מיט גרויס רעספּעקט צו רש"ין. "רבי שלמה — שרייבט ער, — האָט דערקלערט די תורה על דרך הדרש, ער האָט אָבער געמיינט, אַז ער טרעט ניט אָפּ פונם דרך הפשט (זע "שפה ברורה", 5a). עס איז אויך זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר רש"יס וועלט-אָנשויונג זיין פאַרהאַלטן זיך צו אַלטע, פאַרצייטיקע מנהגים. "אַ מנהג — פלעגט ער זאָגן — טאָר מען ניט עובר זיין". "אַ מנהג איז ניט קלענער פון אַ דין"; "אַ מנהג איז אַ תורה". "יעדער מנהג — פלעגט רש"י אונטערשטרייכן — איז זיך סומך אויף אַ פעסטן יסוד". "כך נהגו העם" — אַזוי איז דער מנהג פונם פאָלק — דאָס איז געווען פון די שטאַרקסטע באַווייזן ביי רש"ין. אין זיין "פרדס" זיינען פאַראַן אַ סך אַזעלכע אויסדריקן, ווי למשל: "וישראל בגלות, אם אינם נביאים — בני נביאים הם, ואלו נוהגים מנהג הנאה וההגון ואין לשנות המנהג". "שמע בני מוסר אביך... נאה הוא... לעשות כמנהג הטוב... שלא נהגו כן בחנם אלא שראו שהוא מנהג טוב". "שמנהג אחרונים תורה היא, ועל זה נאמר: ואל תטוש תורת אמך".

[2] וועגן פירושים אויף רש"י זע ביי טולידאנו, אפיריון, 1905.

[3] אין דער איטאַליענישער שטאָט רעדזשיאָ, אינם יאָר 1475.

ווענן דעם געלעהטן פון טרוא און רופט אים „דאס גרויסע ליכט, וואס בלענדט די אויגן" [1], און דער בארימטער אברהם אבן עזרא שרייבט לויבלידער לכבוד רש"ין, דעם „אין פראנקרייך אויפגעשיינטן שטערן", ביי וועמעס ליכט „אפילו בלינדע זיינען זעענדיק געווארן" [2]. אויך אין דער קריסטלעכער וועלט האט רש"ים פירוש געמאכט א גרויסן רושם. דער גרעסטער קריסטלעכער עקזעגעט פונם מיטלאלטער, ניקאלאי דע־ליראַ, האט רש"ין זייער פיל צו פארדאנקען; ער האט זיין פירוש שטארק אויסגענוצט, און גאנץ אפט אפגעשריבן ווארט ביי ווארט. אדאנק דע־ליראס ווערק האט לוטער זיך באקאנט מיט רש"ים דערקלערונגען און זיך מיט זיי שטארק באנוצט ביי זיין ביבל־איבערזעצונג [8].

רש"י האט אויך אלס מענטש געמאכט א גרויסן רושם אויף זיין דור. זיין עניוות, גוטהארציקייט און פשטות, זיין צארט־ווייכער אומגאנג מיט מענטשן, האבן צוגעגעבן זיין פערזענלעכקייט אן אויסשליסלעכע אנציונגס־קראפט, באשיינט מיט גייסטיקער שיינקייט און אומפארגלייכ־לעכן חן [4]. עס איז דערפאר קיין חידוש ניט, וואס רש"י איז באלד גע־ווארן איינער פון די באליבטסטע גייסטיקע העלדן פונם יידישן פאלק, און ארום זיין נאמען האט די פאלקס־פאנטאזיע אנגעפאנגען צו שפינען דאס גאלדענע געוועב פון הארציק נאיווע לעגענדעס. איינע פון די דאזיקע לעגענדעס דערציילט ווענן רש"ים גוטפריינדשאפט מיט גאטפריד אויס בוליאן, וואס האט געשפילט אזא באדייטנדיקע ראלע אינם ערשטן קרייצ־צוג. איידער גאטפריד האט זיך געלאזט אין וועג קיין פאלעסטינע, האט אים רש"י פארויסגעזאגט, אזוי דערציילט די לעגענדע, אז אין דער

---

1 זע „ספר הקבלה" (נייבויערס אויסגאבע) 84: ובצרפת יצא אור גדול לא נראה כמוהו לאור עינים, הוא הרב הגדול החסיד רבנו שלמה מטרויש בר' יצחק... ואם חס ושלום נשתכחה מישראל תורה יחזירה והוא עשה שלא תשתכח.

2 כּוֹכָב דָּרַךְ מִצָּרְפָתָה מַחֲנֶה עָרַךְ עַל יִשְׁרָתָה.

• • • • • • • • •

אוֹר כָּל סוּמָא בוֹ, כָּל צָמֵא נוֹפֶת מֵימֵי מִתְקוֹ שָׁתָה,

פֵּרוּשׁ נוֹרָא שָׂם לַתּוֹרָה, עַל כֵּן נִקְרָא פַּרְשַׁנְדָּתָא.

8 מער באריכות וועגן דעם זע: ק. זינפריעד, „רש"ים איינפלוס אויף ניקאלאוס דע לירא אינד לוטער", אין מערק־ארכיוו, ב. I, 428,, II 39; אויך א. גייגער, געזאמלטע שריפטן, 175—6. II.

4 די דאזיקע אייגנשאפטן פון רש"ים כאראקטער ווייזן זיך גאנץ בולט ארויס אין זיינע שאלות־ותשובות (זע „אוצר נחמד", II, 178; „חופש מטמונים", 8; בפרט א. בערלינער: „צור כאראקטעריסטיק רש"יס", אין (קויפמאן־געדענקבוך, 260—278) און ליפשיץ, „רש"י", 22—38.

התחלה וועט ער אין מלחמה מנצח זיין, נאר דערנאך וועט ער האבן א שרעקלעכע מפלה און וועט זיך אומקערן צוריק קיין פראנקרייך סך־הכל מיט דריי פערד. גאטפרידן האט אזא נביאות געבראכט אין שטארקן כעס, און ער האט מבטיח געווען, אז ער וועט זיך מיט רש״ין אפרעכענען ווי באלד ער וועט זיך אומקערן אהיים, זאל זיין אפילו בלויז מיט איין פערד מער ווי רש״י האט פארויסגעזאגט. רש״יס רייד זיינען טאקע מקויים געווארן. גאטפריד האט געהאט א מפלה, זיין גאנץ חייל איז אומגעקומען, דאך האט ער זיך אומגעקערט קיין פראנקרייך מיט דריי רייטער חוץ זיין אייגן פערד, אויף וועלכן ער אליין האט געריטן, צוזאמען אלזא פיר פערד. האט ער זיך געלאזט מיט זיינע רייטער צו רש״יס הויז צו באשטראפן דעם יידישן געלערנטן, וואס האט דאך ניט געטראפן. נאר ביים טויער פון דער שטאט איז איין פערד אונטער א רייטער אנידערגעפאלן טויט, און גאטפריד איז אריין אין שטאט בלויז מיט דריי פערד. מיט א געבויגענעם קאפ איז ער הכנעהדיק צוגעריט צום הויז פונם געטלעכן מאן, נאר דארט האט ער זיך דערוואוסט, אז רש״י איז שוין געשטארבן [1].

די דאזיקע לעגענדע שטימט, אמת, ניט מיט די געשיכטלעכע דאטן. גאטפריד איז דווקא געשטארבן דריי יאר פאר רש״ין, און דאס אין פאלעסטינע; נאר אמת איז דאס, אז דער ערשטער קרייצצוג, וואס איז געווען באגלייט מיט שרעקלעכע שחיטות און הריגות אין אלע דייטש־פראנצויזישע יידישע קהילות, האבן אויפן אלטן רש״ין געמאכט א גוואל־טיקן רושם. און ער האט זיך אפגערופן אויף דער דאזיקער איומדיקער נאציאנאלער קאטאסטראפע מיט א גאנצער צאל הארציקע סליחות און קינות. „זינט דאס בית־המקדש איז חרוב געווארן — קלאגט רש״י אין איינער פון די דאזיקע סליחות [2] — וואקסן אונזערע צרות אן צאל און אן מאס. יעדער טאג ברענגט אונז נייע ליידן און נויט; אונזער שרעק ווערט אלץ גרעסער, אין שטויב און שאנד אונזער פראכט... מיר זיינען געגליכן צו צעבראכענע שארבנס, אנטבלויזט און נאקעט זיינען מיר אצינד! אנטשוויגן איז דעם נביאס ווארט, ניטא קיין טרייסט, קיין גאולה. מיר בלאנדזשען ווי בלינדע אויף אלע וועגן, און יעדן טאג טוען מיר פרעגן: ווען וועט קומען דער סוף? בעסער דער טויט איידער אזא לעבן, וואו אויף יעדן טריט לויערט געפאר און שרעק... פאר אונזערע זינד זיינען מיר געווארן צו שאנד און צו שפאט; מיר ווערן פון אלעמען

[1] זע „מעשי נסים", נומ' 17.

[2] די תפילה „ומשחרב בית מקדשנו", וואס מען זאגט יום־כיפור צו מוסף.

געטראָטן, פאַראַכטעט, באַגאָסן מיט גאַל און מיט עקל; פרעמדע גע־וועלטיקן איבער אונז, מיר גייען צו גרונד, מיר ווערן פארלוירן! אָ גאָט, דו אַלמעכטיקער! דערלייז אונז פון קנעכטשאַפט, שיק גיכער דיין הילף...״

* * *

רש״י האָט באַוויזן צו דערהויבן די ישיבות אין פראַנקרייך כמעט צו דער זעלבער הויכער מדרגה, אויף וועלכער עס זיינען אַמאָל גע־שטאַנען די באַרימטע ישיבות פון בבל. נאָך דעם ערשטן קרייצצוג, וואָס ביי אים האָבן אַמשטאַרקסטן געליטן די יידישע קהילות אין די ריין־שטעט (מעץ, וואָרמס, קעלן, מיינץ, שפּייער), איז זייער געפאַלן די באַדייטונג פון די ישיבות, וואָס די „חכמי לותיר״ האָבן געגרינדעט, און ביסלעכווייז האָבן זייער אָרט פאַרנומען די ישיבות, וואָס רש״יס תלמידים און איידעמס [1] האָבן געגרינדעט אין פאַרשיידענע שטעט פון דער פּראָ־ווינץ שאַמפּאַני (ראַמערו, דאַמפּיער, אָקסער, סאַן, פּאַריז). נאָר די דאָ־זיקע נייע ישיבות זיינען ניט געווען פון דעם זעלבן שניט, וואָס יענע פון די ריין־פּראָווינצן. דאָרט האָבן די ישיבה־בחורים אונטער דער הנהגה פון געאיבטע ראש־ישיבות געפלייסט זיך משיג צו זיין דעם פשט פון דעם טונקעלן און שווער פאַרשטענדלעכן תלמודישן טעקסט. אָט איז אָבער געקומען דער גרויסער מייסטער ר׳ שלמה יצחקי, דער גאון פון פשטות און קלאָרקייט, וואָס האָט באַוועסן דעם אומפאַרגלייכלעכן טאַ־לענט צו באַלייכטן יעדער טונקל ווינקעלע און מאַכן פאַרשטענדלעך און קלאָר דעם הארבסטן און טיפסטן ענין. ער איינער האָט פאַרענדיקט דאָס, וואָס גאַנצע צוויי דורות (פון רבנו גרשום ביז אים) זיינען ניט געווען אימשטאַנד דורכצופירן: מאַכן דעם תלמוד פאַר אַ „שוה לכל נפש״ און זיין טעקסט פאַר אַלעמען צוגענגלעך. רש״יס תלמידים און נאָכפאָלגער האָבן דערפאַר שוין געמוזט שטעלן פאַר זיך אַנדערע צילן, פרוּוון זוכן נייע דרכים. די דאָזיקע, על־פּי רוב זייער באַגאַבטע מענטשן, האָבן אָבער געלעבט אין אַ זייער ענגן אידעען־קרייז, זייער גאַנץ וויסן האָט זיך באַגרענעצט נאָר מיט שטרענג יידישע רעליגיעזע

[1] רש״י האָט קיין זין ניט געהאַט, נאָר דריי טעכטער, וואָס האָבן חתונה געהאַט פאַר דריי רש״יס תלמידים. אין פילע קוועלן איז אָנגעוויזן, אַז איינע פון רש״יס טעכטער איז אויף אַזוי פיל געווען באַהאַוונט אין דער רבנישער ליטעראַטור, אַז זי פלעגט ביי איר פאָטער אויספילן די פליכטן פון אַ סעקרעטאַר און שרייבן זיינע שאלות־ותשובות. דאָס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַלס פשוטע לעגענדע, וואָס האָט צו פאַרדאַנקען אַ פאַרגרייזטן טעקסט פון רש״יס אַ שאלה־ותשובה, וווּ אָנשטאָט: „ולבן בתי קראתי״ האָט מען געלייענט: „ולכן בתי קראתי״ (זע צונץ, „צור געשיכטע״, 567; ש. בובער, „שבלי הלקט״, פאָררעדע; א. בערלינער, „מאָנאַטשריפט״, 288, 1872).

פּראָבלעמען און פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו יידישן ריטואַל און רעכט. פון אַלע חכמות און דיסציפּלינען האָבן זיי אָנערקענט — בלויז זייער וויסנשאַפט, די איינציק מעגלעכע און איינציק וויכטיקע וויסנשאַפט — דעם תלמוד. און אים האָבן זיי טאַקע אָפּגעגעבן זייערע רייכע גייסטיקע קרעפטן, זייערע שאַרף געשפּיצטע מוחות און גלענצנדיקע דיאַלעקטיק. נאָך זייער באַרימטן לערער, דעם גרויסן און אומפאַרגלייכלעכן „בעל הקונטרס", האָבן זיי שוין געהאַלטן פאַר איבעריק דעם תלמודישן טעקסט אויפסנייַ אויסצוטייטשן און דערקלערן; זיי האָבן זיך דערפאַר געשטעלט די נייע אויפגאַבע: אים קריטיש אויסצופאָרשן. נאָך דעם גרויסן עקזעגעט און דערקלערער, זיינען געקומען די „אויספאָרשער", די „בעלי התוספות" [1], וואָס האָבן אָנגעפאַנגען אויסצופאָרשן און צעגלידערן דעם טעקסט פון דער גמרא נאָך דער זעלבער שטה, ווי די אמוראים האָבן בשעתם געפאָרשט און געגריבלט אינם טעקסט פון דער משנה. די בעלי התוספות האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע אַריינדרינגען אין אַלע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון תלמודישן רעכט און געזעצפאָרשונג, צעגלידערן און אויספאָרשן אויפן אַנאַליטישן און קריטישן אופן יעדע סוגיא פון תלמוד, פאַרגלייכן און אַנטקעגנשטעלן אַלע סברות און החלטות אויס דעם תלמוד, וואָס האָבן צווישן זיך וועלכע ס'איז שייכות און ענלעכקייט, און אויף אַזאַ דרך אַנטפּלעקן און באַלייכטן דעם זייער פאַרפּלאָנטערטן פּראָצעס, דורך וועלכן די בעלי התלמוד זיינען סוף-כל-סוף געקומען צו דער אָדער יענער לאָגישער הנחה.

עס איז אָבער קיין שום ספק ניט, אַז דאָס אויסטערליש פיינע אַנאַליטישע געשפּינס און די חדושימדיק שאַרפעמות-אַרבעט, וואָס די בעלי התוספות האָבן באַוויזן ביים אויספאָרשן די קאָמפּליצירטע און פאַרפּלאָנטערטע סוגיות פונם תלמוד — זיינען ניט געווען בלויז דער פועל-יוצא פון זייער הייסן ווונטש אויפדעקן און אָפּשאַצן דעם ווערט און דעם אַנטוויקלונגס-גאַנג פון יעדן תלמודישן געזעץ באַזונדער. זיי זיינען אַגב אויך אויסן געווען דעם פּילפּול פאַר זיך אַליין, דאָס פּילפאַרביקע שפּיל מיט געדאַנקען-בליצן, דאָס בלענדן מיט וויציקע המצאות, דער חשק אַרויסצוווייזן דעם גלאַנץ פון די שטאָל-שאַרפע מוחות און דאָס גרויסע עשירות פון גייסטיקער באַגאַבונג, פּונקט ווי די דעמאָלטיקע

---

[1] די דאָזיקע פאָרשונגען פון רש"יס תלמידים און נאָכפאָלגער פלעגן פון די ישיבה-בחורים פאַרשריבן ווערן אין די ישיבות אַלס הערות, באַמערקונגען און „צוגאָבן" (תוספות) צו דעם תלמוד, און דער נאָמען תוספות איז פאַרבליבן אויך אין די שפּעטערדיקע דורות.

אַדעליקע ריטער האָבן זיך געפלייסט אַרויסצוּווייזן אויף טורנירן זייער גוואַלטיקע גבורה און אומדערמידלעכע קאַמפּסלוסט.

די עלטסטע פאָרשטייער פון די בעלי התוספות זיינען געווען: רש״יס תּלמיד ר׳ יצחק בן אשר [1] און רש״יס איידעם ר׳ מאיר בן שמואל אויס ראַמערו. נאָר דעם אמתן גלאַנץ האָט די דאָזיקע שול ערשט דערגרייכט ביי ר׳ מאיר בן שמואלס קינדער: ר׳ שמואל (באַקאַנט אונטער דעם נאָמען רשב״ם) און ר׳ יעקב, אָדער רבנו=תם.

דער עלטסטער אייניקל רש״יס, דער רשב״ם [2], איז געווען דער גלענצנדסטער פאָרזעצער פון זיין באַרימטן זיידן אויפן געביט פון עקזעגעטיק. ער האָט זיך אָבער זייער שטאַרק אונטערשיידט פון רש״ין דערמיט, וואָס ער איז געווען אַן אַנטשיידענער קעגנער פון דעם אַזוי גערופענעם דרך הדרש, ד״ה דאָס אויסנוצן ביים טעקסט=דערקלערן אגדתאָס און פאָלקסלעגענדעס. ער ווייזט אַפילו אָליין דערויף אָן אין זיין פּירוש אויף תורה, אַז ער פלעגט וועגן דעם פירן לאַנגע וויכּוחים מיט רש״ין, בכדי אים צו באַווייזן ווי וויכטיק און נייטיק עס איז זיך שטרענג צו האַלטן ביים ווערטלעכן פּשט פונם ביבלישן טעקסט און ניט אַריינמישן דערביי קיין זייטיקע דרשות און לעגענדעס. „איך, שמואל, דער זון פון זיין איידעם מאיר — דערציילט דער רשב״ם — האָב לאַנג מיט אים זיך געשפּאַרט וועגן דעם ענין, און ער האָט סוף=כּל=סוף מודה געווען, אַז ווען ער זאָל נאָר האָבן גענוג פרייע צייט, וואָלט ער געמאַכט אַ נייעם פּירוש אויף תורה אויסשליסלעך על דרך הפּשט״ [3].

פעסט זיך האַלטנדיק אָן דער שיטה פון מנחם בר חלבו און יוסף קרא, האָט דער רשב״ם אַרויסגעשטעלט אַלס הויפּט=כּלל דעם באַקאַנטן זאַץ פון דער גמרא: „אין המקרא יוצא מידי פשוטו״ (מען דאַרף זיך האַלטן טריי אָן דעם פּשט פונם פּסוק). און קיין שום אַנדערער מפרש פון דער פראַנצויזישער שול קען זיך ניט פאַרגלייכן מיטן רשב״ם אַלס

---

1 באַקאַנט אונטער די „ראשי תיבות״: ריב״א. מער באַריכות וועגן אים זע: א. ה. חיים אין „דרור״ו״, ב׳ IV, ז׳ 298—9; א. עפּשטיין, אין „מאָנאַטשריפט״, ב׳ 41, ז׳ 470, ב׳ 45, ז׳ 47.

2 געבוירן בערך 1085, געשטאָרבן בערך 1174. מער באַריכות וועגן אים זע: ד. ראָזין, ר׳ שמואל בן מאיר אַלס שריפט-דערקלערער, 1880. אַ געלונגענע כאַראַקטעריסטיק פונם רשב״ם זע ביי ד. קויפמאַן אין „מאַגאַזין״, 1886, ז׳ 129—131.

3 ...„וגם רבנו שלמה אבי אמי מאיר עיני גולה שפירש תורה נביאים וכתובים, נתן לב לפרש פשוטו ש׳ מקרא, ואף אני שמואל ב״ר מאיר חתנו זצ״ל נתווכחתי עמו ולפניו, והודה לי שאילו היה לו פנאי היה צריך לעשות פרושים אחרים לפי הפשטות המתחדשים בכל יום (בראשית ל״ז, ב׳).

מסביר און דערקלערער פון דעם קלאָרן פשט פונם ביבלישן וואָרט. און דאָך איז אַפילו דעם רשב״מס פירוש ניט אימשטאַנד געווען צו קאָנקורירן מיטן פירוש פון זיין באַרימטן זיידן. רש״יס האַרציקער נוסח, אַט די אַלע אגדתאס און לעגענדעס פונם מדרש, וואָס זיינען אַזוי קונציק איינגעפלאָכטן אין זיין פירוש, האָבן פיל מער אויסגענומען ביי די, דורך די ווילדע אַכזריותדיקע מעשים פון די קרייצצוגן פאַראומערטע און דערשראָקענע הערצער, ווי די טרוקענע און שכלדיק קלאָרע רייד פונם פשטן, דעם רשב״ם. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס דער רשב״ם האָט זיך שטאַרק קונה־שם געווען אַלס איינער פון חשובסטע בעלי התוספות [1], איז זיין פירוש אויף תורה אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן; ערשט אינם 18טן יאָרהונדערט האָט מען געפונען אַן איין און איינציקע האַנטשריפט־לעכע זייער פאַרגרייזטע אָפּשריפט פון זיין פירוש און צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט [2]. אַט ערשט דעמאָלט האָט זיך די געלערנטע וועלט דערוווּסט, אַז דער רשב״ם דאַרף פאַרנעמען איינעם פון די בכבודיקסטע ערטער צווישן די בעסטע ביבל־דערקלערער [3].

ווי גרויס און געאַכפּערט ס׳איז ניט געווען דעם רשב״מס נאָמען צווישן די בעלי התוספות, דאָך האָט אים פאַרדעקט מיט זיין גלאַנץ זיין יינגערער ברודער יעקב, מער באַקאַנט אונטערן נאָמען דער רבנו תם [4], דער אמתער שטאָלץ און שיינדל פון דער גאַנצער תקופה, דער באַרימטסטער און גלענצנדסטער נאָמען נאָך רש״ין, וואָס דאָס גאַנצע מיטלאַלטערלעכע דייטש־פראַנצויזישע יידנטום האָט אויפצווייזן. „פון נאָך חתימת התלמוד אָן — ווייזט אָן איינער פון די גרעסטע רבנישע אויטאָריטעטן [5] — האָט אויפן געביט פון פּילפּול רבנו יעקב צו זיך קיין

---

1 אַ פולשטענדיקן רייסטער פון די בעלי התוספות גיט צונץ אין זיין „צור געשיכטע ד. ייד. ליטעראַטור“, 29—60.

2 אינם יאָר 1705. אַ קריטיש פאַרבעסערטע אויסגאַבע האָט אָפּגעדרוקט ראָזין אין 1881.

3 דער זעלבער גורל איז געפאַלן אויך אויף דעם רשב״מס תלמיד, יוסף בן יצחק בכור־שור, דעם לעצטן באַדייטנדן עקזעגעט אויס דער צפון־פראַנצויזישער שול. אויך זיין אויסגעצייכנטער פירוש אויף תנ״ך, וואו מען קען ניט זעלטן טרעפן געדאַנקען און אָנשוייונגען פון די גייסטע חיסנשאַפטלעכע ביבל־קריטיקער, איז אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן און מען האָט זיך מיט אים באַקאַנט ערשט גאָר אין דער לעצטער צייט. (מער באַריכות וועגן אים זע די אַרבעטן: ג. וואַלטער, „יאָזעף בכור שור, דער לעצטער נאָרד־פראַנצויזישער ביבל־עקזעגעט“, 1890; ג. פּאָרגעס, „יאָזעף בכור שור“ (1908).

4 „תם“ נעמט זיך פונם אויסדרוק: ויעקב איש תם.

5 זע ריב״ש, שאלות־ותשובות, סי׳ שצ״ד.

גלייכן ניט". רבנו־תם גופא האָט מיט שטאָלץ אָנגעוויזן: „זאָגן אין דער גמרא וועגן איין און דעם זעלבן ענין אַרויסגעזאָגט ווערן די אַנטקעגנגעזעצטע מיינונגען, וואָס מען קען זיך נאָר דענקען, מיר וועט עס דאָך ניט שווער זיין זיי אַזוי אויסצוטייטשן, אַז זיי וועלן זייער גוט פּאַסן איינס צום אַנדערן" [1]. די שווערסטע קאָפּ־אַרבעט פלעגט ער אויספירן מיט אַזאַ פלינקער לייכטקייט, גלייך דאָס וואָלט געווען אַ פשוט שפּילצייג די צייט צו פאַרטרייבן. דער האַרטער און ברעכיקער תלמודישער שטאָף ווערט אין די הענט פון דעם דאָזיקן קונציקן מייסטער ווייך ווי וואַקס און ער קנעט און גיסט אויס אים די חידושימדיקסטע פאָרמען. קיינער פון זיינע פאָרגייער האָט ניט באַוויזן אַזאַ גוואַלדיקע בקיאות, אַזאַ גאונישע דיאַלעקטישע קונסט. רבנו־תם האָט באַוויזן צו אַנטוויקלען ביז צו דער העכסטער מדרגה די קריטישע אויספאָרשונג פון דעם תלמודישן טעקסט, דורך קונציקן פאַרגלייכן און צוזאַמענשטעלן פון פאַרשיידענע סוגיאָס, אויפדעקן אויפן אַנאַליטישן אופן זייערע פאַרבאָרגענע סתירות און טאַקע דערנאָך זיי לאָגיש פאַרענטפערן. אַדאַנק אים איז דער ענין פון „תוספות" געוואָרן אַ גאַנצע סיסטעם, אַ מין אַרכיטעקטאָנישער סטיל, לויט וועלכן מען האָט באַקומען די מעגלעכקייט ווייטער צו בויען דעם ריזיקן בנין פון תלמודישער הלכה, אָרגאַניש ווייטער צו אַנטוויקלען און באַגרינדן די אַלע נייע כללים און דינים פאַר דעם שפּעטערדיקן געזעלשאַפטלעכן און ריטועלן לעבן [2]. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס רבנו־תם איז אָנגענומען געוואָרן ביים גאַנצן מיטלאַלטערלעכן דייטשפראַנצויזישן יידנטום אַלס דער גרעסטער אויטאָריטעט אין אַלע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו רעליגיעז־ריטועלער פּראַקטיק [3]. נאָך ביים לעבן האָט שוין זיין נאָמען געקלונגען אין אַלע לענדער. זיין בן דור — דער ראב"ד, וועיזט שוין אָן אין זיין „ספר הקבלה", ווי אויס פראַנקרייך, דייטש־

---

[1] אפילו כשיש בתלמוד חייב במקום האחד ופטור במקום האחר, אני מתרצם יפה, כל־שכן קשיות אחרות.

[2] אַ באַדייטנדיקער טייל פון רבנו־תמס תוספות, חידושים און שאלות־ותשובות זיינען צונויפגעזאַמלט אין „ספר הישר". דאָס בוך גופא, וואָס רבנו־תם האָט אַליין באַאַרבעט אין צוויי רעדאַקציעס, איז פאַרלוירן געגאַנגען. מיר באַזיצן בלויז די ניט גענויע און פאַרגרייזטע נאָטיצן, צונויפגעשטעלט פון איינעם פון זיינע תלמידים.

[3] אינטערעסאַנט איז אין דעם פּרט אַ פּאָפּולערע פאָלקס־לעגענדע, ווי אַזוי משה רבנו בכבודו ובעצמו האָט גענומען אַ וויכּוח וועגן אַ האַרבער הלכה מיט דעם באַרימטן בעל־התוספות, און רבנו־תם האָט מנצח געווען (זע „שלשלת הקבלה", מעשה של שמואל הנביא).

לאנד און פראוואנס לאָזן זיך הונדערטער תּלמידים קיין ראמערו לערנען תורה און הערן גאָטס וואָרט פונם בארימטן גאון ר׳ יעקב [1].

רבנו־תּם איז אויך געווען דער ערשטער צווישן די פראנצויזישע חכמי התּלמוד, וואָס האָט ארויסגעוויזן א געוויסן אינטערעס צו דער ליטעראַרישער טעטיקייט פון די שפּאַניש־אַראַבישע יידן. ער האָט אפילו פארפאסט א ספּעציעל פילאָלאָגיש ווערק „ספר ההכרעה", אין וועלכן ער פליסט זיך צו באווייזן, אַז דונש בן לברט איז געווען אומגערעכט אין זיין וויכוח מיט מנחם בן סרוק. אמת, דער בארימטער בעל התּוספות האָט זיך ארויסגעוויזן אַלס גאַנץ שוואַכער פילאָלאָג און זיין ווערק [2] האָט א גאַנץ קנאַפּן וויסנשאַפטלעכן ווערט. ער האָט אויך שירים געשריבן און דווקא לויט די כּללים פון אַראַבישער מעטריק. דעם שטענדיקן נע־ונדניק, אברהם בן עזרא, האָט דאָס שטאַרק פארחידושט. אים האָט עס אויסגעוויזן עפּעס מאָדנע, אַז א פראנצויזישער תּלמודיסט זאָל פרווון באהערשן די אַראַבישע מעטריק און ארויסטרעטן אויפן געביט פון דיכ־טונג. ער האָט דערפאַר צוגעשיקט רבנו־תּמען א שאַרפן עפּיגראַם, אין וועלכן ער פרעגט מיט שטאָלץ: „ווער האָט עס דעם פראנצויז געבראַכט אינם טעמפּל פון דיכט־קונסט? ווי אונטערשטייט זיך א פרעמדער ארייננדרינגען אין הייליקטום?" [3]. רבנו־תּם האָט אָפּגעענטפערט אויך בדרך שיר מיט גרויס עניוות און דערקלערט זיך אַלס „אברהמס קנעכט", וואָס „בוקט זיך פאַר זיין האַר" [4]. אַזאַ ענטפער מצד דעם גרעסטן תּלמודישן גאון האָט שטאַרק גערירט אברהם בן עזרא, און פול מיט חרטה בעט ער אין א ווייטערדיקן שיר הכנעהדיק מחילה ביי רבנו תּם. „עס פאַסט ניט — שרייבט ער — אַז דער גרעסטער פארשטייער פונם אויסדערוויילטן פאָלק זאָל זיך דערנידעריקן פאַר א פּשוטן נע־ונדניק. ווי דאַרף עס גאָטס אויסדערוויילטער קניען פאַר א נישטיקן פון פאָלק" [5].

נאָך אויף איין פּרט פון רבנו־תּמס טעטיקייט מוז אָנגעוויזן ווערן. אדאנק דעם גרויסן שם, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן, איז אים געלונגען צו לייגן דעם ערשטן יסוד פון צענטראַלער זעלבסטפארוואַלטונג. אונטער זיין לייטונג איז פארגעקומען אינם יאָר 1160 אין טרואַ דער ערשטער

---

1 זע „ספר הקבלה" אין נייבויערס אויסגאַבע.

2 פארעפנטלעכט דורך פיליפּאָווסקין (1855) צוזאַמען מיט דונשס „תשובות".

3 וּמִי הֵבִיא לְצָרְפָתִי בְּבֵית שִׁיר — וְעָבַר זָר מְקוֹם קוֹדֶשׁ וְרָמַס.

4 אֲנִי עֶבֶד לְאַבְרָהָם לְמִקְנֵה — וְאֶקּוֹדָה וְאֶשְׁתַּחֲוֶה לְאַפָּיו.

5 הֲנָכוֹן אֶל אֲבִיר עַם־אֵל וְרוֹעָם — לְהַשְׁפִּיל רֹאשׁ בְּמַכְתָּם אֶל בְּזוּי עַם?
וְחָלִילָה לְמַלְאַךְ הָאֱלֹהִים — אֲשֶׁר יִקּוֹד וְיִשְׁתַּחֲוֶה לְבַל־עַם.

רבנישער צוזאַמענפאַר, אויף וועלכן עס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן נייע תקנות און אָנגענומען געוואָרן נייטיקע החלטות, וואָס די באַדערפעניש פונם פראַקטישן לעבן האָבן זיי אַרויסגערופן. אַזוינע רבנישע צוזאַמענפאָרן (כנופיא של שוק טרויש) פלעגן פון דעמאָלסט אָן פאָרקומען פעריאָדיש.

צווייטער קאַפּיטל.

די בהלות פון די קרייצצוגן און די אָפּקלאַנגען אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. — סליחות און קינות. — מעמוארן און ספרי זכרונות פון יענער צייט. — זייער ליטעראַרישער באַדייט.

אין דער זעלבער צייט האָט דער האָריזאָנט איבער דעם יידישן ישוב זיך אַלץ מער באַדעקט מיט חושכדיקע וואָלקנס. פופציק יאָר נאָכן ערשטן קרייצצוג איז פאָרגעקומען (1147) דער צווייטער, און עס האָבן זיך דעמאָלסט איבערגעחזרט די אייגענע אכזריותן קעגן יידן. רבנו־תם איז דעמאָלסט נאָר על־פּי נס לעבן געבליבן. אַ גאַנצע באַנדע איז אַריין צו אים אין שטוב, אַלץ צעראַבירט [1] און אים אַליין אַוועקגעשלעפּט אויפן פעלד און דאָרט געלאָזט פּייניקן און דערנאָך הרגענען — אַלס נקמה־אַקט פאַר קריסטוסעס טויט. „דו ביסט דאָך — האָבן זיי צו אים געטענהט — אַ גדול בישראל, ווילן מיר זיך אין דיר נוקם זיין פאַר די עינויים, וואָס ס'האָט נעבעך געליטן אונזער געקרייציקטער דערלייזער". רבנו־תם איז שוין געלעגן מיט פינף ווונדן אין קאָפּ, בעת עס איז צופעליק פאַרבייגעריטן זיינער אַ באַקאַנטער ריטער, וועלכער האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן און אַלס לוין פאַר זיין הילף געפאָדערט פונם יידישן געלערנטן אַ טייערן פערד. רבנו־תם האָט זיך נאָכדעם באַזעצט אין טרואַ און אינם לעצטן יאָר פון זיין לעבן געמוזט צוזען דאָס נייע אומגליק, וואָס ס'האָט געטראָפן דאָס פראַנצויזישע יידנטום: עס איז דעמאָלסט פאָרגעקומען דער ערשטער עלילת־דם אין פראַנקרייך און אין דער שכנותדיקער שטאָט בלואַ זיינען כ' סיוון 1171 — 31 מענטשן פאַרברענט געוואָרן אויף קידוש־השם. [2]

---

1 זע זכרונות פון אפרים בן יעקב אין „העברעיִשע בעריכטע איבער די יודענפערפאָלגונגען", 64, II.

2 די פּרטים וועגן דעם דאָזיקן עלילת־דם זיינען איבערגעגעבן אין דעם בריוו, וואָס די אָרלעאַנער קהילה האָט געשיקט צו רבנו־תם. דער דאָזיקער בריוו ווערט געבראַכט אין צוויי קוועלן (זע „העברעיִשע בעריכטע", 66 — 68, 32 — 34).

נאָך טרויעריקער איז געווען די לאַגע פון יידן אין דייטשלאַנד. געיאָגט און געהעצט ווי די ווילדע חיות פון די גאָטספאַרכטיקע, נאָר זייער רויבגיריקע קרייצטרעגער, האָבן יידן געפרווט זוכן הילף און שוץ ביי דער וועלטלעכער מאַכט; קודם=כל ביי דעם דייטש=רוימישן קיסר. דער קיסר און זיינע מקורבים האָבן באַלד איינגעזען, אַז דאָס קען ווערן אַ קוועלע פון גרויסע הכנסות, און פאַר דער הילף, וואָס די יידן האָבן צייטנווייז באַקומען מצד דער מלוכה=מאַכט, האָבן זיי געמוזט זייער טייער באַצאָלן: אין משך פון אַ בערך קורצער צייט איז די פריער (ביז די קרייצצוגן) פרייע יידישע באַפעלקערונג געוואָרן אַן עבד כנעני, אַ „קאַמער=קנעכט" פון דער רוימיש=דייטשער קרוין, דעם קיסרס אייגנטום [1].

אָבער ניט בלויז צו דער וועלטלעכער מאַכט האָט די יידישע באַפעלקערונג זיך געווענדט אין איר גרויסער נויט. מענטשן פון שטאַרקער אמונה און טיפן רעליגיעזן געפיל, האָבן זיי בשעת אַ צרה אַפּעלירט צו דער העכסטער אינסטאַנץ, צו דער שטאַרקסטער מאַכט—צום רבונו=של=עולם, צום גאָט פון די אָבות. ביי אים, ביים שטענדיקן, אַלמעכטיקן באַשיצער, האָבן זיי געבעטן הילף, פון אים, דעם דיין אמת, האָבן זיי געפאָדערט גערעכטן משפט פאַר דעם שרעקלעכן אומרעכט, וואָס מען האָט קעגן זיי באַגאַנגען. און אָט די דאָזיקע בקשות און פּראָטעסטן, די האַרציק=טרויעריקע קינות און סליחות, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון פאַרוויטאָגטע נשמות און פון שרעק פאַרשטאַרטע ליפּן — פאַרנעמען אַ באַזונדער אָרט אין אונזער רעליגיעזער פּאָעזיע. צונץ, בעת ער פאַרגלייכט דאָס רעליגיעז=פּאָעטישע שאַפן פון די שפּאַנישע און דייטש=פראַנצויזישע יידן, מאַכט פאָלגנדיקע באַמערקונג: „ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די אַנשויונגען און נאַציאָנאַלע מאָטיוון זיינען געווען כמעט איינע און די זעלבע, דאָך איז לייכט צו באַמערקן א י י ן מאָטיוו, וואָס מען באַגעגנט אים כמעט אויסשליסלעך ביי די שפּאַנישע יידן: דיכטערישע באַגאַבונג. אין פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד איז די מוטער פון דער „סליחה" געווען בלויז די נויט... און זייער זעלטן האָט זיך אין איר באַטייליקט אמתע באַגאַבונג אויך. אין שפּאַניע, בפרט אין דער צייט פון קולטורעלן אויפבלי, זיינען די פּייטנים, דאָס הייסט די ליטורגיסטן, קודם=כל געווען טאַלאַנטפולע דיכטער און טאַקע דערפאַר, וואָס

1 אָט דער פאַרענדיקטער און פעסטגעשטעלטער פּראָצעס פון דעם קאַמער=קנעכטשאַפט=אינסטיטוט אָ:טפּלעקט זיך שוין גאַנץ בולט אין די פּריווילעגיעס פון די ביידע פרידריכס: אין דער פּריווילעגיע פון פרידריך דעם ערשטן (אינם יאָר 1182 ווערן יידן דערקלערט אַלס „אָנגעהעריקע צו דער קייזערלעכער קאַמער"; און אין דער פּריווילעגיע פון פרידריך דעם צווייטן ווערן שוין די דייטשע יידן אָנגערופן „קאַמער=קנעכט" (Servi kamerae nostrae).

זיי זיינען אמתע דיכטער געווען, האָבן זיי געשאַפן אויך רעליגיעזע פּאָעזיע. אין אַנדערע לענדער אָבער... האָבן באַגייסטערט צו קינות און רעליגיעזע לידער די געטינס פון שרעק און אומגליק"[1].

די דייטש=פראַנצויזישע יידן האָבן איבערגענומען די פּאָעטישע פאָרמען פאַר זייערע רעליגיעזע לידער ביי די פון איטאַליע אָנגעקומענע קלונימוסן [2]. זיי האָבן זיך ניט געוואָלט באַנוצן מיט דער זיי אַזוי פרעמדער אַראַבישער מעטריק[3]. אויך האָבן זיי ניט אויסגענוצט די שפּראַך=פאָרשונגען פון די גרויסע שפּאַניש=יידישע פילאָלאָגן, וואָס האָבן אַזוי פיל מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון שפּראַך און סטיל. דער אַלטער פּייטן אלעזר הקליר איז נאָך אַלץ פאַר זיי געבליבן דער גרעסטער אויטאָריטעט און אומפאַרגלייכלעכער מייסטער [4]; און אין זייערע קינות און פּיוטים פילט זיך טאַקע גאַנץ שטאַרק זיין השפּעה, זיין נוסח מיט די משונה=האַרבע ווערטער, וואָס ווילן ניט וויסן פון קיין גראַמאַטיקאַלישע כּללים. און דאָך דערגרייכט ציימנווייז די דורך „די געטינס פון שרעק און אומגליק" אַרויסגערופענע באַגייסטערונג אַ ממש דערשיטערנדע קראַפט; און ניט אומזיסט האָבן די שפּעטערדיקע דורות מיט יראת הכּבוד געזאַמלט די דאָזיקע מיט טרערן און בלוט אָנגעטרונקענע „מענטשלעכע דאָקומענטן" און זיי געלייענט אין דער היים מיט פאַרציטערטע הערצער און געבראָכענע געמיטער אין די טעג פון פאַסטן און טרויער. בכדי אויך דער טייל פון אונזערע לייענער, וואָס פאַרשטייען ניט דעם העברעישן טעקסט, זאָלן האָבן אַ באַגריף וועגן דעם אייגנאַרטיקן סטיל פון די דאָזיקע מיטלאַלטערלעכע אַנגסט=געשרייען, ברענגען מיר אייניקע פון זיי אין אונזער כּמעט ווערטלעכער איבערזעצונג.

דער פּייטן דוד בן משולם, וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט די שרעקן פונם ערשטן קרייצצוג, בעט ביים רבונו=של=עולם: „גאָט דער אַלמעכטיקער! ניט אַנטשווייגן זאָל ווערן מיין פאַרגאָסן בלוט! פאַרגעס עס ניט מיינע מערדער, פאָדער עס פון מיינע פאַרוויסטער. זאָל די ערד ניט צודעקן דאָס בלוט פון מיינע קינדער, זאָל עס רינען און שפּריצן און זידן פאַר דיינע

---

1 זע צונץ, „די זינאַגאַגאַלע פּאָעזיע דעם מיטעלאַלטערס", 332, 333.

2 כּמעט אַלע פאָרשטייער פון דער דאָזיקער משפּחה, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די ריין=פּראָווינצן, זיינען געווען פּייטנים.

3 כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט איז די באַמערקונג פון דעם פּאָפּולערן מוסר=ספר „ספר חסידים": „אַז די יידן זיינען געגאַנגען אין גלות, האָבן דאָרט די אויסגעלאַסענע (הפּריצים) געזונגען שיינע לידער, צונויפגעשטעלט לויט דער מעטריק פון די אומות העולם. האָבן די יידן זיך אָפּגעלערנט און אויך געמאַכט אַזעלכע לידער".

4 משה סקו, דער מחבר פונם „כּתב תּמים", וואָס האָט געלעבט אין דער התחלה פונם XIII יאָרהונדערט, רופט אָן קלירן „מלאך אלהים" (זע „אוצר נחמד", 85, III).

אויגן, דאָס בלוט פון דיינע אומגעקומענע, ווי שעפסן געשאָכטענע!.. גיפּטיק ווי שלאַנגען, האָבן זיי באַשלאָסן אויסצומעקן אונזער נאָמען פון דער גאַנצער וועלט, טריי זיינען אָבער דיר געבליבן די קינדער פון דיין הייליק פאָלק. „אונזער גאָט איז אונזער שטאָלץ — האָבן זיי געזונגען — ער איז אונזער האָפענונג, אונזער פרייד און ליבע!" פרויען און קינדער האָבן זיך דיר פאַר אַ קרבן געבראַכט, אויף די ברענענדיקע שייטערהויפנס זייער לעבן אָפּגעגעבן. דו איינציקער און שטאַרקער! אין דיין נאָמען ווערן מיר געשאָכטן און געדראָשן; קליינינקע עופעלער, שעפעלער־קינדערלעך בעטן די מוטערס אין רחמים פאַרגעסן, די הערצער פאַרשטאָלן: „מיר ווערן געפאָדערט, פאַר אָפּער געפאָדערט פון די הימלען דאָרט אויבן!" זיי שווימען אין בלוט, זיי צאַפּלען און האַלזן אַנאַנדער, און קושנדיק, האַלזנדיק, — שנעל טויטן זיי איינער דעם צווייטן. אַ גוואַלטיק גרויסן מזבח האָט מען אויפגעבויט פאַר דיר, אַ גאָט! פול און ענג איז דורך אַרום פון דיינע קינדערשע, געברענטע און געשאָכטענע קרבנות. אויף אַלע וועגן, אין אַלע ווינקעלעך און עקן ליגן זיי אַנטבלויזטע, צעגלידערטע, געשענדעטע און צו אַש פאַרברענטע. כּוהנים און גאָטס געלייטערטע דינער האָבן געהייליקט מיטן טויט פון מאַרטירער אי מענער אי פרויען; די שעכטער און געשאָכטענע זיינען צוזאַמען געפאַלן אין יאָמער־געשרייען; דאָס בלוט פון קינדער האָט צוזאַמען געפלאָסן מיטן בלוט פון די עלטערן, און הויך האָט געקלונגען דער „שמע ישראל" פון אַלע קרבנות. ווי איז צו גלויבן, וווּ איז אַזאַ שרעקלעך וווּנדער צו זען, אַז צאַרטע ליבנדע מוטערס זאָלן מיט פרייד און מיט שמחה, ווי אונטער דער חופּה, פירן צו דער שחיטה זייערע אייגענע קינדער!... כּשרע יידישע טעכטער האָט מען אין העלן טאָג אַנטקעגן דער זון אַנטבלויזט, זיי געשלעפּט און געשאָכטן; די נאָך ניט געבוירענע קינדער האָט מען ביי די מוטערס פונם טראַכט אויסגעשניטן — און דו זעסט דאָס און שווייגסט, דו גרויסער, דו שטאַרקער, דו גאָט פון נקמה?!"[1].

אָט דער דאָזיקער טאָפּלטער מאָטיוו: ווי קען עס דער גאָט פון גערעכטיקייט רויק צוזען אַזעלכע שרעקלעכע מעשים, און דער שטאַרציקער וויינגעשריי וועגן נקמה און שטרענגן משפּט — קלינגט אויף זייער שטאַרק אין פילע סליחות און קינות פון יענער בלוטיקער צייט. „זע—הופּט אוים דער פּייטן קלונימוס בן יהודה[2] — ווי מיינע דערשלאָגענע, דורך דער שווערד דערשלאָגענע, וואַלגערן זיך נאַקעט, אַנטבלויזט. מיט זייערע קערפּערס ווערן די ווילדע חיות און פייגל געשפּייזט. קליינע קינדער און זקנים,

1 די באַקאַנטע סליחה „אלהים אל דמי לדמי".

2 די באַקאַנטע קינה „מי יתן ראשי מים", וואָס ווערט געזאָגט אום תשעה באב.

יונגעז און בתולות — אלע האט דער שונא פארפייניקט, זיי באגאסן מיט שפאט און מיט שאנד. „וו איז זייער גאט — האבן יענע מיט חוצפה געפרעגט — זייער באשיצער און היטער? זאל ער זיך באווייזן און די דערשלאגענע ווידער אויפלעבן!" אוי גאט, דו אלמעכטיקער! אמת, גרוים איז דיין געדולדיקייט, ווער קען זיך מיט דיין געמיט פארגלייכן — ווי קאנסטו אבער אויך איצט רויק שווייגן און ניט אויסברעכן אין צארן, בעת יענע שפאטן און לאכן: איז ער א גאט — זאל ער זיין שטארקייט באווייזן! (באמור אלי מלעיגי: אם אלהים הוא — ירב!").

„מי כמוד באלמים — ווער קען זיך מיט דיר אין דיין שווייגן פארגלייכן, — רופט אויס אן אנדער פייטן פון 12טן יארהונדערט[1] — דו האסט געשוויגן ווען מען האט דיין טעמפל צעשטערט, האסט אויך געשוויגן ווען נידערטרעכטיקע האבן דיינע קינדער מיט די פיס געטראטן, און רויק צוגעזען ווען דיין פאלק האט מען פאר א גראשן פארקויפט. מען האט אונז געווארפן אין די טיפע אפגרונטן, מיט פלאמיקן פייער געברענט, מיט שטיינער באווארפן, אויף תליות געהאנגען, געדריקט און דערנידעריקט—און מיר האבן אליין דיין נאמען געגרויסט, ווארעם שטארק ווי דער טויט איז די ליבע. מען האט אונז געיאגט און געפלאגט, מיט די גרעסטע גזירות געפייניקט, מיט אלע מיני פורעניות געמאטערט, געדריקט און געטראטן; מען האט אונז ביים לעבן אין גיהנום געשליידערט — דארט גייען מיר צו גרונט, מיר ווערן אלע פארלוירן... דו ביסט דאך דער קנוא ונוקם — וו זשע איז דיין נקמה?.."

דעם גרעסטן שמארץ האבן דערוועקט אינם צעווייטאגטן הארץ פונם פאלק צוויי שרעקלעכע מעשים: די אומשולדיק אומגעקומענע קליינינקע קינדערלעך, און די געשענדעטע הייליקע ספרי תורות. און דער הייסער פראטעסט פונם אויפגעבראכטן פאלקס-געוויסן געפינט א שארפן אפקלאנג אין א סך עלעגיעס פון יענער צייט.

„אין שמוץ — רופט אוים דער פייטן יצחק בן שלום — האט מען געווארפן די הייליקע תורה און דעם תלמוד פון רבינא ורב אשי — און דו וועסט צוזען און שווייגן?!"[2] „א צארט בלימעלע — קלאגט אן אנדער קינה[8] — האט מען אין דער מוטערס שוים דערשטיקט, דאס קינד מיט

[1] מנחם בן יעקב אין זיין קינה „אללי לי", פארעפנטלעכט אין „קובץ על יד", ג׳, 5 — 9.

[2] אין דעם יוצר לשבת ראשון נאך פסח „אין כמוך באלמים" („סחי קמו תורת משה — ותלמוד רבינא ורב אשי — העל אלה תתאפק ותחשה?").

[8] די קינה „אמרר בבכי" (איבערגעדרוקט אין בערנפעלדס „ספר הדמעות", I, 250 — 254).

דער מוטער אומגעבראַכט — באַצאָל זשע זיי פאַר זייער ווילדן רשעות, באַצאָל זיי כפל כפלים!.. חו גאָט, דער אַלמעכטיקער! ווילסטו זיך ניט דערבאַרעמען איבער דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון דיינע קינדער — זע ווי דיין הייליקע תורה ווערט אין שמוץ מיט די פיס געטראָטן, און יענע שפּאָטן און לאַכן: וווּ איז ער, זייער קיניגלעכער באַשיצער און אויסלייזער?" „מלך עולמים איום ונורא — דו שטרענגער, אַלמעכטיקער קעניג איבער אַלע וועלטן! באַצאָל זיי וואָס גיכער, שנעל שיק זיי דעם בראַך, קער זיי אום ווי סדום און עמורה (חושה לשלוח בם מאֵרה—מהרה הפכם כסדום ועמורה)".

די אומשולדיקע קרבנות פונם בלוט־בלבול אין בלוא (זע אויבן ז' 32) באַווייגט אַ פייטן פון יענער צייט, הלל בן יעקב [1], איז זיין האַרציקער סליחה „אמוני שלומי ישראל", פון וועלכער מיר ברענגען דאָ די ערשטע סטראָפן:

„די בעסטע און איידלסטע פון דיין פאָלק ישראל, ריינע ווי קרישטאָל, האָסטו, גאָט, געטאָן פאַרלאָזן דעם פיינד זיי איבערגעגעבן... פרילינג איז געווען [2], די ביימער האָבן געבליט, און זיי, די בעסטע קינדער פון דיין פאָלק, האָט מען געפאַנגען גענומען. נאָר זיי אַלע האָבן באַשלאָסן פאַר זייער גלויבן אומצוקומען. געשמעקט האָבן די בלומען — און דער גורל פון די געפאַנגענע איז שוין געווען באַשלאָסן; מען האָט זיי אין אַ טורעם אַ הויכן פאַרשפּאַרט, מיט שרעקלעכע יסורים זייער ווילן געוואָלט ברעכן. נאָר קיינער פון זיי האָט זיך ניט אונטערגעגעבן; ווי אַ כלה צו דער חופה האָבן זיי ליבטיק און פריילעך דעם שייטערהויפן באַשטיגן און אַלע צוזאַמען, הן פרויען [3] הן מענער, האָבן מיט נצחון, מיט שטאַרקייט „שמע ישראל" געשריען".

שוין ניט צו גאָט גופא, נאָר צו זיינע באַדינער, די מלאכי השרת, בעט הכנעהדיק רחמים און הילף אַ פייטן פון סוף 11טן יאָרהונדערט, שמואל הכהן:

„מלאכי רחמים משרתי עליון — דערבאַרעמדיקע מלאכים, דינער פונם אייבערשטן! בעט ביי גאָט מיט האַרציקע רייד, טאָמער וועט ער דערבאַרמען דאָס אָרעם־אומגליקלעך פאָלק, אולי ירחם! טאָמער וועט ער דערבאַרעמען דעם לעצטן רעשט פון יוספס קינדער, וואָס ווערן אומעטום

1 הלל ברודער, אפרים בן יעקב, האָט אויך צום אָנדענק פון די דורכן בלוא־בלבול אומגעקומענע צוויי קינות פאַרפאַסט: „אשיחה במר נפשי" און „למי אוי ולמי אבוי".

2 דער בלבול איז פאָרגעקומען אין כג סיון.

3 צווישן די 31 אומגעקומענע זיינען געווען 17 פרויען. אַלע נעמען פון די אומגעקומענע זיינען אויסגערעכנט אינם 3טן באַנד „קוועלן צור געשיכטע דער יודען", 135 — 136.

נעיאָגט און געפּלאָגט, נאַקעט און בלויז, ווערן פאַרקויפט פאַר אַ גראָשן, געמאַכט צו שפּאָט און שאַנד, און דאָך טוען זיי אַלץ בעטן תּפילה, און שרייען צו גאָט דעם באַשיצער. טאָמער וועט ער דערבאַרעמען די, וואָס שמאַכטן אין קיימן, דאַרבן אין עלנט און פּיין, וואָס זיינען דער אָפּשיי פון אַלע אומות און פעלקער און ווערן פון אַלע באַלאַכט און באַשפּיגן... טאָמער וועט ער דערבאַרעמען די — וועמעס יסורים זיינען אָן צאָל און אָן מאָס, וואָס אין די געלעגער פון לייבן און אין די גאָרעס פון שלענג טוען דאָך ניט פאַרגעסן דיין הייליק וואָרט, גאָטס אייביקע שריפט. טאָמער וועט ער דערבאַרעמען די, וואָס טראָגן אַלץ שווייגנדיק אַלע ליידן און שאַנד; זיי שווייגן און האָפן — אויף דיין הילף און דערבאַרעמען. טאָמער וועט ער דערבאַרעמען, די געשרייען דערהערן, און וועט צערייסן די קייטן, באַפרייען פון קנעכטשאַפט, פאַרהיילן די ווונדן און באַלד שיקן דעם טאָג פון דער־לייזונג"...

איינער פון די באַדייטנדיקע פּייטנים אין דייטשלאַנד, אפרים בר יצחק [1], קלאָגט אין זיין באַקאַנטער סליחה „אבותי כי בטחו", וואָס ווערט געזאָגט אינם תּענית עשרה בטבת:

„ווי ברייט מיינע פיינד האָבן אויף מיר זייערע מיילער געעפנט, מיין גאַנץ האָב און פאַרמעגן האָבן זיי איינגעשלונגען. בייגעקומען האָבן זיי מיך, און טרינקען גיריק מיין בלוט. פון אַלע זייטן רינגלען מיך אַרום די פיינדלעכע אומות. אונטערדריקן און יאָגן מיינע אָרעמע ברידער. עשוס קינדער שרייען: „צעשטערט זיי, פאַרטיליגט זיי!" „קומט — רופן זיי — לאָמיר זיי אַלע אויסראָטן, אויסמעקן זייער געדעכעניש"!.. אָ, גאָט! דו גאָט פון נקמה! באַצאָל זיי פאַר זייערע מעשים, צעשטער זייערע האָפענונ־גען, צעברעך זייער שפּיץ — אומגעהייער זאָל זיין זייער בראָך!.. מיינע ווונדן זיינען אַלע אָפן, און אומדערטרעגלעך איז דער שמאַרץ; מיינע אויגן ווערן בלינד פונם לאַנגן וואַרטן אויפן ליכטיקן גואל, אויפן האַרציקן פריינד... נאָך אַלץ ניט געשטילט דער שרעקלעכער צאָרן? צי וועט ער אייביק טאָן געדויערן? פאַרוואָס, פאַרוועט? פאַר וועלכע זינד? דערבאַרעם זיך, אָ גאָט, ניט פאַרלאָז אונז אויף אייביק! ווי שרעקלעך לאַנג זיינען די טעג פון מיין טיפן טרויער, ווי גרויס איז דער שמאַרץ פונם צעווייטאָגטן האַרץ. קער זשע אום, מיין גאָט, אין מיין געצעלט, באַרענדיק די טעג פון מיין טרויער. קום מיר צו הילף, נעם אַראָפּ פון מיר די קליידער פון טרויער און גאַרטל מיך אַרום מיט שטראַלן פון פרייד. די פינסטערניש פון מיין נאַכט באַלייכט מיט דיין שיין, חוו—מיין איינציקער ווונטש, מיין איינציקע ליכט!"

[1] זע וועגן אים און זיין שאַפן: צונץ, „ליטעראַטורגעשיכטע", 274-9; לאַנדסהוט, „עמודי העבודה", 48, 4.

די שרעקלעכע געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער פינסטערער צייט פון די קרייצצוגן, האָבן אַרויסגערופן נאָך איין אַרט ליטעראַטור: מעמוּאַרן און טרויער־כראָניקעס. די לעבן־געבליבענע, די וואָס האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן צוגעזען דאָס גרויסע אומגליק, וואָס ס'האָט די יידישע קהילות געטראָפן, האָבן געהאַט איין פאַרלאַנג: אײַנקריצן אין זכרון פון די קומענדיקע דורות אַלץ, וואָס זייערע אָבות האָבן דורכגעלעבט אין די אימהדיקע טעג פון בלוטיקן שרעק; פאַרצייכנט זאָלן בלייבן אין פּאַלקס־פּינקס די נעמען פון די קדושים, וואָס האָבן זייער לעבן אָפּגעגעבן אויף קידוש־השם. די געשעענישן זיינען אָבער געווען פון אַזאַ גוואַלטיקער טראַגיק, עס האָבן זיך אַזוי אייגנאַרטיק צונויפגעפלאָכטן אין איין דראַמאַטישן קנויל די עקסטרעמסטע אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער נשמה: די העכסטע מדרגה פון זעלבסט־אָפּעררונג און גייסטיקע התלהבות פון איין זייט, און אַכזריש חיהשער דורשט נאָך בלוט פון דער אַנדערער—אַז אַפילו די פּראָטאָקאָלישע נאָטיצן פון די תמימותדיק־פּשוטע כראָניסטן מאַכן אַ גוואַלטיקן רושם. די פּאַטעטישע טראַגיק פון די געשעענישן גופא זיינען אין אַזאַ גרויסער מאָס משפיע אויף די כראָניסטן, אַז זייער פעדער באַקומט אַן אויסשליסלעכע שילדערונגס־קראַפט, און עס אַנטשטייען בלעטער, עס וואַקסן אויס בילדער און סצענעס, וואָס מען קען אין זיי שוין מער ניט פאַרגעסן. . .

בכדי צו געבן אַ באַגריף וועגן דער דאָזיקער ליטעראַטור, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף פיר פון זיי: דריי דערציילן די מעשים, וואָס זיינען פאָרגעקומען בעת דעם ערשטן קרייצצוג, און די פערטע באַשרייבט די געשעענישן פונם צווייטן קרייצצוג[1]. איינע פון די ערשטע דריי האָט פאַרפאַסט דער תלמיד־חכם ר' אלעזר בן נתן (ראב"ן) אוים מיינץ[2], דער מחבר פון „אבן־העזר”, וואָס האָט אין זיינע יונגע יאָרן איבערגעלעבט דעם ערשטן קרייצצוג; די צווייטע כראָניק האָט צוזאַמענגעשטעלט אינם יאָר 1140 איינער מיטן נאָמען שלמה בן שמעון[8]; דער מחבר פון דער דריטער כראָניק[4] איז אומבאַקאַנט, און ווייל מען איז זיך משער, אַז דער פאַרפאַסער

1 אַלע פיר זיינען צוזאַמען אָפּגעדרוקט אין „העברעישע בעריכטע איבער די יודענפערפאָלגונגען וועהרענד דער קרייצציגע”, אַרויסגעגעבן פון א. נייבויער און שטערן, בערלין, 1892.

2 דער ראב"ן האָט אויך פאַרפאַסט אייניקע קינות און סליחות אויף דער זעלבער טעמע: אלהים זדים קמו, אלהים באזננו (זע צונץ, „ליטעראַרטורגעשיכטע”, 261).

3 דער נאָמען און די דאַטע ווערן אָנגעוויזן אין דער כראָניק גופא.

4 פון דעם דאָזיקן ווערק איז פאַראַן בלויז אייןאיינציקער מאַנוסקריפּט, וואָס געפינט זיך אין דאַרמשטעטער ביבליאָטעק.

איז געווען אַ מיינצער איינוווינער, רופט מען אים „דער מיינצער נעלם" (מיינצער אַנאָנים). די פערטע כראָניק האָט פאַרפאַסט דער באַגאַבטער פייטן אפרים בן יעקב פון באָן [1], וואָס האָט אַלס 13יאָריק יונגל איבערגעלעבט די שרעקן פונם צווייטן קרייצצוג.

דער „מיינצער נעלם" הייבט אָן זיין כראָניק מיט פאָלגנדיקער באַשרייבונג:

דאָס איז געווען אינם יאָר 1028 נאָכן חורבן בית המקדש, בעת דאָס אומגליק האָט אונז יידן געטראָפן. תחילת האָבן זיך אויפגעהויבן די שררות, די ריטער און דאָס פשוטע פאָלק אין פראַנקרייך. זיי האָבן באַטראַכט און באַשלאָסן אויפצוהויבן זיך ווי די אָדלערס און מיט געווער אין די הענט דורכשלאָגן פאַר זיך דעם וועג קיין ירושלים, די הייליקע שטאָט, וו עס געפינט זיך דער קבר פונם געקרייציקטן, דעם פגר מובס, וואָס קען קיינעם ניט באַהילפיק זיין, ווארעם ער אַליין איז פויל און וויסט. און זיי האָבן דערביי געזאָגט איינער דעם אַנדערן: „אָט לאָזן מיר זיך אין ווייטע לענדער, מיר גייען דאָרט מלחמה האַלטן מיט די דאָרטיקע מלכים, שטעלן איין אונזער לעבן בכדי אויסצוראָטן און צו צעשטערן די מלוכות, וואָס גלויבן ניט אינם געהאַנגענעם, דאַרף מען זיך דאָך מיט די יידן אוודאי אָפּרעכענען, זיי האָבן אים דאָך געהרגעט און געהאַנגען". אָט אַזוי האָבן זיי אומעטום אין אַלע עקן און ווינקלען געהעצט קעגן אונז, און זיי האָבן באַשלאָסן און ערקלערט: אָדער מיר, יידן, זאָלן אָננעמען זייער אָפּשיילעכע אמונה, און באם ניט, וועלן זיי אונז אַלע אויסראָטן, ניט איבערלאָזן אפילו קיין קליינע זויגקינדער. און זיי האָבן אויפגענייט דעם שלעכטן סימן אויף זייערע בגדים — דעם שתי וערב (קרייץ), הן די ריטער, הן דאָס פשוטע פאָלק, און האָבן אָנגעטאָן קיווערס (מעטאַלענע הימלען) אויף די קעפּ. אז עס האָבן וועגן דעם אַלץ דערהערט די קהילות אין פראַנקרייך, האָט זיי אָנגעכאַפּט אַ גרויל און אַ טויט-שרעק. האָבן זיי געטאָן ווי די אָבות פלעגן זיך נוהג זיין: זיי האָבן גלייך אָנגעשריבן כתבים, זיי צעשיקט מיט שלוחים אין אַלע קהילות, וואָס ביים טייך ריין, מען זאָל גוזר תענית זיין און בעטן פאַר זיי רחמים ביים אייבערשטן, ער זאָל זיך דערבאַרעמען איבער זיי און זאָל זיי ראַטעווען פונם שונאס הענט. און אַז די דאָזיקע כתבים זיינען אָנגעקומען צו די גרויסע צדיקים און הייליקע מענער, וואָס וווינען אין מגנצא (מיינץ). האָבן יענע באַלד געשריבן אַ תשובה קיין פראַנקרייך, און אָט וואָס זיי האָבן געענטפערט: „אַלע קהילות האָבן גוזר תענית געווען, מיר האָבן אונזערס געטאָן, זאָל דער רבונו-של-עולם אונז און אייך אַלע ארויסהעלפן פון יעדער צרה

---

[1] זע צונץ, צ. ח. 288—293; לאַנדסהוט, „עמודי העבודה", 47—48.

און נויט. מיר זיינען אין גרויס פחד וועגן אייך, בנוגע אונז האָבן מיר אָבער נים וואָס מורא צו האָבן: דאָ איז אַלץ רויק, מען הערט נישט וועגן קיין שום גזרה און געפאַר, וואָס זאָל הענגען איבער אונזערע קעפּ".

,,נאָר ווען די פאַרפירטע (ד"ה די קרייצטרעגער) האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין אונזער לאַנד, האָבן זיי גלייך אָנגעפאַנגען ביי אונז צו פאָדערן געלט אויף ברויט צו קויפן. מיר האָבן דערפילט זייער ווילן, ווי אין פסוק שטייט: ,,דינט דעם מלך פבל בכדי איר זאָלט לעבן בלייבן" (ירמיה, 7, 27). דאָס אַלץ האָט אָבער נים געהאָלפן; אונזערע זינד האָבן עס גורם געווען, אַז אין אַלע שטעט וווהין די ,,פאַרפירטע" זיינען געקומען, זיינען די אָרטיקע איינוווינער אויפגעשטאַנען קעגן אונז און אַלע צוזאַמען האָבן באַשלאָסן צו פאַרטיליגן דעם גאַנצן ווייגאָרטן (ד"ה דאָס פאָלק ישראל) צוזאַמען מיט די וואָרצלען, אויף זייער גאַנצן לאַנגן וועג ביז קיין ירושלים. און אַז די ,,פאַרפירטע" האָבן אָנגעהייבן אָנצוקומען אַ באַנדע נאָך אַ באַנדע, גרויס ווי סנחריבס חייל, האָבן אַ טייל פון די אָרטיקע שררות אַזוי געזאָגט: ,,וואָס זשע זיצן מיר עס אויף די ערטער? לאָמיר אויך מיטגיין מיט זיי, וואָרעם יעדער וואָס וועט זיך לאָזן אין וועג אַריין און וועט זוכה זיין נאָך אַלע שוועריקייטן צו דערשלאָגן זיך צום קבר פונם געקרייציקטן, וועט ער דאָך דערנאָך זיכער אַריין אין גן־עדן". האָבן זיך פאַרזאַמלט די ,,פאַרפירטע" צוזאַמען מיט די, וואָס זיינען צו זיי צוגעשטאַנען אין יעדער מדינה, און געגנגט באַזונדער, אין איין אומגעהייער גרויסע מחנה, טאַקע ווי זאַמד פונם ים, הן פון אַדל, הן פון פשוטן פאָלק. און מען האָט פאַר אַלעמען אַרויסגעלאָזן אַ כרוז [1], אַז ווער ס'וועט אומברענגען אַ יידן, דעם איז מען מוחל אַלע זיינע זינד. עס איז אויך דאָרט געווען איינער פון די שררות מיט דעם נאָמען דיטמאַר, האָט ער ערקלערט, אַז ער וועט נים אָפּפאָרן פונם לאַנד ביז ער וועט נים הרגענען ווייניקסטנס איין יידן, ערשט דאַן וועט ער זיך לאָזן אין וועג אַריין. ווי נאָר ס'האָט דאָס דערהערט די קהילה קדושה פון מיינץ (מגנצא), האָט מען גלייך גוזר תענית געווען, געטאָן תפילה פאַר גאָט, און הויך און שטאַרק צו אים גערופן. טעג און נעכט האָט מען פאַרבראַכט אין תענית, געזאָגט קינות און סליחות ביי טאָג און ביינאַכט, פון גרויס ביז קליין. נאָר גאָט האָט זיך אָפּגעקערט פון אונז אין זיין גרימצאָרן. און די ,,פאַרפירטע" האָבן זיך דערנענטערט צו אונזערע הייזער מיט זייערע פאָנעס און צייכנס, און ווי נאָר זיי האָבן ווען פון אונז דערזען, האָבן זיי זיך גלייך געלאָזט נאָכיאָגן און דערשטאָכן מיט די שפּיזן. מיר האָבן דערפאַר פחד באַקומען איבערצוטרעטן די שוועל" [2].

---

1 אין טעקסט שטייט: ברנקי, פונם אַלט־פראַנצויזישן וואָרט franchise, ד"ה פרייבריוו.

2 ,,העברעיִשע בעריכטע", 47—48.

די מייַנצער יידן האָבן זיך געפּרוּווט אַנטקעגנשטעלן מיט געווער אין האַנט. זיי זיינען אָבער ניט געווען אימשטאַנד אָפּצוטרייבן די גרויסע מחנות קרייצטרעגער. אַז דער שונא האָט זיי אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, האָבן זיי זיך פאַרשפּאַרט אין איין גרויסן הויף. אָט ווי אַ צווייטער כראָניסט, דער אויבנדערמאָנטער שלמה בן שמעון, באַשרייבט דעם לעצטן אַקט פון דער דאָזיקער בלוטיקער דראַמע:

„דער פייַנד האָט זיך אַריינגעריסן אין הויז דינסטאָג דעם דריטן סיוון, דער טאָג פון חושך און פינסטערנייש, פון פּלוד און פון גרויל; אויסגעמעקט זאָל ווערן זיין גיַדעכעניש, קיין ליכט, קיין שטראַל זאָל אים ניט באַשיינען — אין אים איז אונדזער גרויס אומגליק געשען. אָ, איר שטערן! פאַרוואָס האָט איר אייער ליכט ניט אויסגעלאָשן? צו די שטערן איז דאָך ישראל געגליכן און צו די מזלות יעקבס צוועלף שבטים; פאַרוואָס זשע האָט איר אייער ליכט ניט פאַרהוילן בכדי ניט צו באַלייכטן די שונאים, וואָס האָבן באַשלאָסן אויסצומעקן דעם נאָמען פון יידן?.. אַז די קינדער פונם הייליקן בונד (בני ברית קודש) האָבן דערזען, אַז די גזרה איז שוין באַשלאָסן, דער שונא האָט מנצח געווען און רייסט זיך שוין דורך אין הויף אַריין, האָבן אַלע צוזאַמען, אַלטע און יונגע, בתולות און קינדער, קנעכט און דינסטן, אָנגעהויבן צו שרייַען צום פאָטער אין הימל, האָבן באַקלאָגט און באַוויינט זיך און זייער לעבן. זיי האָבן אויף זיך מצדיק את הדין געווען און איינער צום אַנדער'ן געזאָגט: לאָמיר זיך שטאַרקן און פריי טראָגן דעם עול פון יראת שמים. פון אַלע פיר מיתות איז דער טויט דורכן שווערד פון אונדזערע שונאים דער לייכטסטער, און דער טויט איז דאָך בלויז לפי שעה, און אין דעם זכות וועלן אונדזערע נשמות געניסן דאָס אייביקע לעבן אינם גלאַנץ פונם ליכטיקן גן-עדן... ווויל איז אונדז, וואָס מיר דערפילן דעם ווילן פון זיין ליבן נאָמען, ווויל איז די, וואָס זיינען זיך מקריב פאַר זיין הייליקן נאָמען"... דערנאָך האָבן אַלע ווי איין מענטש מיט אַ הויך קול אויסגעשריען: ווייטער זיך אַנטקעגנשטעלן האָט דאָך מער קיין זין ניט, די פייַנד האָבן אונדז שוין דערגרייכט, לאָמיר זיי פאַרויסקומען און וואָס גיכער אונדז ברענגען פאַר אַ קרבן צו גאָט. ווער ס'האָט אַ חלף זאָל ער אים גיך בודק זיין צי ער האָט קיין פּגם ניט און זאָל ער אונדז שעכטן אויף קידוש-השם פאַר דעם, וואָס לעבט אייביק, און דערנאָך זאָל יענער מיט דעם זעלבן חלף זיך אַליין איבערשניידן דעם האַלז אָדער דאָס מעסער אין בויך אַריינשטעקן"...

„און ווען די שונאים האָבן זיך גלייך אַריינגעריסן אין הויף, האָבן זיי דאָרט געטראָפן אייניקע חסידים גמורים מיטן גרויסן חריף רבנו יצחק ב"ר משה בראש; ער האָט רויִק זיין האַלז אויסגעשפּרעקט און מען האָט

אים דעם ערשטן דעם קאָפּ אָראָפּגענומען; די איבעריקע זיינען זיצן געבליבן איינגעוויקלט אין די טליתים. זיי האָבן וואָס גיכער געוואָלט דערפילן דעם ווילן פונם באַשעפער, זיי זיינען דערפאַר ניט אַנטלאָפן זיך באַהאַלטן אין די חדרים, און מיט ליבע האָבן זיי אָנגענומען דעם גזר מן השמים. די שונאים האָבן זיי באַוואָרפן מיט פיילן און שטיינער און זיי האָבן זיך אַלין ניט גערירט פונם אָרט, ניט געפּרוווט אַנטלויפן, ביז מען האָט זיי אַלע אויסגעהרגעט און פאַרטיליקט, עס איז קיינער פון זיי ניט געבליבן. ווען די, וואָס האָבן זיך אין די חדרים פאַרשפּאַרט, האָבן דערזען, וואָס די שונאים האָבן געטאָן מיט די צדיקים אויפן הויף, האָבן זיי אַלע אויסגעשריען: „לאָמיר בעסער אַליין זיך ברענגען פאַר אַ קרבן". האָבן פרויען אָנגעגורט זייערע לענדן, געשאָכטן זייערע זין און טעכטער און דערנאָך זיך אַליין; אויך מענער אַ סך האָבן זיך געשטאַרקט און געקוילעט זייערע ווייבער און קינדער פון גרוים ביזן קליין. איידעלע, ווייכהאַרציקע מוטערס האָבן אומגעבראַכט זייערע הייסגעליבטע קינדערלעך, אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן: הן מענער הן פרויען, און איינער דעם אַנדערן געבראַכט פאַר אַ קרבן; און יונגע מיידלעך, כלות און חתנים האָבן געקוקט דורך די פענסטער און געשריען מיט אַ גרוים געשריי: „זע, רבונו־של־עולם! זע, וואָס מיר טוען פון דיין נאָמענס וועגן, אַבי ניט פאַרבייטן דיך אויף דעם געהאַנגענעם און געקרייציקטן, אויף דעם נידערטרעכטיקן, שמוציק־נמאסן ממזר, דעם בן־הנידה, דעם אויסגעבוירט פון זנות... גאָטספאָרכטיקע נשים צדקניות האָבן איינער דער אַנדערער זייערע העלזער אויסגעצויגן און זיך מקריב געווען פאַר דעם איין און איינציקן. דער מאַן — דעם זון און דעם ברודער, דער ברודער — די שוועסטער, די פרוי — דעם זון און די טאָכטער, דער שכן — זיין חבר, דער חתן — די כלה; איינער איז מקריב — דער אַנדערער איז אַ קרבן, און בלוט האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט בלוט, אויסגעמישט האָט זיך דאָס בלוט פון מענער און פרויען, פון עלטערן מיט קינדער, פון ברידער מיט שוועסטער, פון רבנים און תלמידים, פון חתנים און כלות, פון חזנים און סופרים, פון קליינינקע זויג־קינדער צוזאַמען מיטן בלוט פון זייערע מאַמעס; אַלע, אַלע זיינען זיי געהרגעט און געשאָכטן געוואָרן פון זיין, דעם אייביקן און אַלמעכטיקנס, נאָמענס וועגן"[1].

„צי איז ווען געזען געוואָרן, צי איז ווען געהערט געוואָרן — פרעגט דער כראָניסט ווייטער — אַז מענטשן זאָלן זיך איילן איינער פאַרן אַנדערן מיט איין הייסן פאַרלאַנג: איך וויל דער ערשטער אומקומען אויף קידוש־השם פאַר דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא! די פרומע כשרע

1 „העברעישע בעריכטע", 6 — 8.

פרויען האָבן אָנטקעגן די שונאים געוואָרפן געלט און זילבער דורך די פענ-סטער, בכדי זיי צו פאַרהאַלטן אַ ווײַלע אום צייט צו געווינען צו שעכטן די אייגענע זין און טעכטער, און דערפילן דעם רצון פונם באַשעפער. און אַז די שונאים האָבן אויפגעבראָכן די טירן און אַרײַן אין די צימערן, האָבן זיי דאָרט געפונען לויטער מענטשן, וואָס טרינקען זיך אין אייגן בלוט און ראַנגלען זיך מיטן טויט. יענע האָבן צוגענומען אַלע ווערט-זאַכן, אויסגעטאָן אַלעמען נאַקעט און ווער עס האָט נאָך געלעבט — דעם האָבן זיי דערהרגעט, קיינעם נישט איבערגעלאָזט. אַזוי האָבן זיי געטאָן אין יעדן צימער באַזונדער, ווו נאָר ס'האָבן זיך באַהאַלטן יידישע קינדער. עס איז נאָר געבליבן איין חדר מיט זייער פעסטע טירן, און דער שונא האָט זיי נישט געקענט בייקומען ביז אין אָוונט. אַז די קדושים וואָס אין יענעם חדר האָבן אָבער דערזען, אַז דער שונא איז גובר, און ס'איז שוין מער נישט מעגלעך זיך אַנטקעגנצושטעלן, האָבן זיי באַשלאָסן די שונאים פאַרויסצוקומען. קודם-כל האָבן די מענער און די פרויען געשאָכטן אַלע קינדער, דערנאָך האָבן די פרויען די צדקניות אָנגעפאַנגען צו וואַרפן שטיינער דורך די פענסטער אין דעם שונא: יענע האָבן אויך געענטפערט מיט שטיינער, און די פרויען זיינען רויק געשטאַנען אונטער דעם רעגן פון שטיינער, זייערע קעפּ און לייבער זיינען געוואָרן לויטער בײלן און געשווירן, און זיי זיינען אַלץ געשטאַנען בײַ די פענסטער און געשפּאָט איבער די „פאַרפירטע", געלאַכט און געלעסטערט דעם שמו-ציקן געהאַנגענעם, דעם זון פון זנות... „אויף וועמען פאַרלאָזט איר זיך?— האָבן זיי געשריען—אויף אַ פאַרעיפּושטן פגר?!" דעמאָלט האָבן די „פאַר-פירטע" אָנגעהויבן איינצוברעכן די טיר"...

„...ווער האָט עס געזען, ווער האָט עס געהערט, ס'זאָל אַזוינס געשען ווי מיט דער יונגער צדקת רחל בת יצחק בן אשר, דאָס ווייב פון ר' יהודהן. זי האָט געזאָגט צו די חברטעס אירע: פיר קינדער האָב איך, האָט זשע אויף זיי אויך קיין רחמנות נישט, אַלאַ נישט וועלן קומען די דאָזיקע ערלים און וועלן זיי פאַנגען לעבעדיקערהייט און זיי איבערפירן אין זייער פאַלשער אמונה; היילּיקט זשע אויך מיט מיינע קינדער גאָטס נאָמען. האָט איינע פון אירע חברטעס גענומען דעם שעכט-מעסער צו שעכטן איר זון; ווי נאָר די מוטער האָט דאָס מעסער דערזען, האָט זי אויפגעהויבן אַ ביטער געשריי, האָט זיך געשלאָגן אין פּנים און אין דער ברוסט און געיאָמערט: „ווו זשע איז דיין באַרעמהערציקייט, גאָט אין הימל?" האָט די אומגליקלעכע מוטער אין איר נויט געטענהט צו די חברטעס: „הרגעט נישט מיין זון יצחק פאַר זיין ברודער אהרון, זאָל יענער נישט זען ווי מען ברענגט אום זיין ברודער". אהרון איז אַנטלאָפן (ד"ה ער האָט זיך באַהאַלטן), האָט די פרוי גענומען דעם יינגערן און געשאָכטן, און דער איז געווען אַזוי קליין און אַזוי שיין... האָט די מוטער

אויסגעשטרעקט די דלאָניעס און מיט זיי צוגעפּגעזאַמלט דאָס בלוט פון איר קינד אין דער פאַלע פון איר קלייד, אַ גאַנצע שיסל בלוט. אַז דאָס יינגל אַהרון האָט דערזען, ווי מען האָט זיין ברודער געשאָכטן, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען: „מאַמע, הרגע מיך ניט!" און ער האָט זיך טיף באַהאַלטן אונטער אַ קאַסטן. האָט די מוטער געהאַט נאָך צוויי טעכטער, ביילע און מאַדרונע, שיינע צוויי מיידלעך, איר מאַנס ר' יהודהס טעכטער. האָבן די מיידלעך אַליין דאָס מעסער גענומען, אָנגעשאַרפט עס זאָל קיין פּגם ניט זיין; די מוטער האָט זיי די העלזער אויסגעשטרעקט און ביידע זיי מקריב געווען פאַרן הייליקן גאָט־צבאות, וואָס האָט אונז געבאָטן מיר זאָלן פעסט האַלטן זיין ריינע אמונה און בלייבן איר טריי, ווי אין פּסוק שטייט: „טריי זאָלסט דו זיין דיין גאָט דעם אַלמעכטיקן" (דברים, 13, 18), און נאָכדעם ווי די צדקת האָט אירע דריי קינדער אומגעבראַכט, האָט זי הויך אָנגעהויבן צו רופן: אַהרון, אַהרון! ווו ביסטו? איך וויל אויך איבער דיר זיך ניט דערבאַרעמען!" און זי האָט אים ביים פוס אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דעם קאַסטן, וווּ ער איז געלעגן באַהאַלטן, און האָט אויך אים מקריב געווען אינם נאָמען פון דעם גרויסן אַלמעכטיקן גאָט. און זי האָט דאַן גענומען אַלע אירע געשאָכטענע קינדער צו צוויי פון יעדער זייט און צוגעטוליעט צו איר שוים און יענע האָבן זיך נאָך געצאַפּלט אינם קראַמף פון טויט. און ווען די שונאים האָבן זיך אַריינגעריסן אין חדר, האָבן זיי זי געטראָפן ווי זי זיצט און באַוויינט אירע קינדער. האָבן זיי צו איר געשריען: „ווייז דאָס געלט, וואָס דו האַלטסט אין שוים באַהאַלטן!" אַז זיי האָבן אָבער די געשאָכטענע קינדער דערזען, האָבן זיי אויך זי דערהרגעט און איר נשמה איז אויסגעגאַנגען; און ס'איז אויף איר מקויים געוואָרן, וואָס שטייט געשריבן: „און די מוטער איז דערשטאָכן צוזאַמען מיט די קינדער"...[1]

און די זעלבע שרעקלעכע בילדער זיינען פאָרגעקומען אין אַלע ריינישע שטעט. אָט דערציילט דער כראָניסט וועגן דעם בלוטיקן סוף פון אַן אַנדער קהילה, ניט וויט פון קעלן. „דאָנערשטאָג, פיר טעג אין תמוז, האָט דער שונא אַרומגערינגלט די קהילה פון אַלטענאַר (אילנא), און האָט באַשלאָסן צו נעמען די גאָטספאָרכטיקע איינוווינער פון דער קהילה, דורך גרויסע יסורים און שטאַרקן פּייניקן, זיי זאָלן אָננעמען דעם פינסטערן גלויבן. אַז די פרומע קהילה האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָבן אַלע געטאָן תשובה פאַר גאָט און האָבן אויסגעקליבן פון צווישן זיך פינף גאָטספאָרכטיקע לייט, יראי־שמים און באַהאַרצטע מענטשן, אַז זיי זאָלן אויסשעכטן אַלע איבעריקע. עס זיינען דאָרט אויך געווען קעגן דריי הונדערט ייִדעלע

---

[1] דאָרטן, 10—9.

חשובע מענטשן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די קהילות אַרום קעלן — זיי אַלע האָבן זיך אויך געלאָזט שעכטן, קיינער איז פון זיי ניט געבליבן, אַלע האָבן זיך מקריב געווען פון קדושת השם וועגן... אויך פרויען האָבן זיך אין די מענגעם מקריב געווען פאַר אַלעמען אין די אויגן. עס איז צווישן זיי געווען אַ יונג מיידל, אַ כלה, מיטן נאָמען שרית; זי איז געווען בלענדנד שיין און פול מיט חן ביי יעדן אין די אויגן; ווי זי האָט דערזען, ווי די פרויען שעכטן איינע די אַנדערע מיט מעסערס און שווערדן, האָט זי פאַר גרויס שרעק געוואָלט אַנטלויפן דורכן פענצטער. דאָס האָט באַמערקט איר מחותן, איר חתנס פאָטער, דער פרומער יהודה בר אַברהם, און ער זאָגט צו איר: ,,טאָכטער מיינע! איך האָב ניט זוכה געווען צו דערלעבן עס זאָל דיך נעמען מיין זון אַברהם, איך וועל אָבער ניט דערלאָזן דו זאָלסט אַריינפאַלן אין די הענט פון אַ נכרי. און ער האָט זי אָנגעכאַפּט, אַראָפּגענומען פונם פענסטער, האָט זי געקושט אויף די ליפּן און צוזאַמען מיט דער מיידל האָבן זיי אָנגעהויבן ביידע ביטער צו וויינען און צו קלאָגן. ער האָט זיך געווענדט צו אַלע אַרום און אַזוי געזאָגט: ,,זעט צו, איר אַלע, ווי איך וועל הייגט מיין טאָכטער, מיין כלה, צו דער חופּה פירן". אַלע האָבן דאָס הערנדיק אָנגעהויבן צו ליאַרמען און צו קלאָגן מיט אַ ביטער וויי-געשריי. און דער חסיד ר' יהודה האָט געזאָגט: ,,טאָכטער מיינע! גיי און לייג זיך איגם שויס פון אַברהם אבינו! אין איין שעה וועסטו דיר קויפן די אייביקע וועלט און וועסט זיין אין איין מחיצה מיט אַלע צדיקים און חסידים". און ער האָט זי גענומען, אַנידערגעלייגט אויף די קני פון איר חתן אַברהם, האָט זי מיט אַ שווערד אויף צווייען צעשפּאָלטן, און דערנאָך אויך דעם זון געשאָכטן"[1].

נאָר דאָס פאַרשטיינערטע האַרץ פונם כראָניסט האַלט דאָך ניט אויס; ער רייסט פּלוצלונג איבער אין דער מיט די באַשרייבונג פון די שרעקלעכע בלוטיקע מעשים און עס רייסן זיך ביי אים אַרויס פון דער אָנגעווייטאָגטער ברוסט ווילדע געשרייען פון האַס און נקמה: ,,דער, וואָס האָט מיט זיין וואָרט באַשאַפן די וועלט, זאָל ער נעמען נקמה פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון זיינע טרייע קנעכט, זאָל ער זיך נוקם זיין אין די, וואָס האָבן ערקלערט: ,,מיר וועלן זיי אויסראָטן פון! צווישן די פעלקער און מיר וועלן אויסמעקן דעם נאָמען פון ישראל!" גאָט איז דאָך דער אֵל נקמות — טאָ ערשיין זשע, דו גאָט פון נקמה! זע ווי מען הרגעט אונז פון דיין נאָמען וועגן! באַצאָל זיי, דו גאָט פון משפּט, פאַר אַלע זייערע מעשים. גיס אויף זיי אויס דיין צאָרן, פאָדער פון זיי דאָס בלוט פון דיינע אומגעקומענע קנעכט! זאָל די ערד ניט צודעקן אונזער פאַרגאָסן בלוט, זאָל דער חלל פון דער וועלט פול ווערן פון אונדזערע וויי-געשרייען. אאַז"ו.

---

[1] דאָרטן 21, — 20.

דריטער קאַפּיטל[1]

די מוסר־ספרים. — דער „ספר חסידים" און זיינע פאַרפאַסער. — די שרעקן פונם מיטלאַלטער. — דורות פון פינסטערניש און חילדקיים. — די עטישע יסודות פונם „ספר חסידים". — דער „ספר חסידים" אַלס פאָלקס־בוך און אַלס שפּיגל פונם יידישן לעבן. — דער באַטייט פונם „ספר חסידים" אַלס קוועלע פאַר יידישן פאָלקלאָר.

דאָס צוועלפטע יאָרהונדערט קען גערעכנט ווערן אַלס גרעניץ, וואָס טיילט אָפּ פון אַנאַנד צוויי תקופות פונם יידישן לעבן אין אייראָפּעיִשן מיטלאַלטער. ביז אים האָבן יידן, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, געלעבט מער אָדער ווייניקער במנוחה, און פאַרנומען אַ באַשטימטן בכבודיקן אָרט אינם עקאָנאָמישן לעבן. פון אים אָן אָבער, ד"ה פון נאָך די צוויי ערשטע קרייצצוגן אָן, הייבט זיך אָן די בלוטיקע תקופה פון שרעקלעכע רדיפות און גרוילעכע רציחות, וואָס יידן האָבן אויסצושטיין פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. „ביז דער דאָזיקער צייט — באַמערקט ריכטיק דער געשיכטע־שרייבער גרעץ — פלעגן בלויז ציימנווייז פאָרקומען רדיפות אויף יידן, אָבער זינט דעם יאָר 1146 (ד"ה זינט דעם צווייטן קרייצצוג) זיינען די דאָזיקע רדיפות געוואָרן אַלץ אָפטער, אַלץ האַרטנעקיקער און אוממענטשלעכער". די געשיכטע ווייס אָבער צו דערציילן ניט נאָר וועגן דער ווילדער אַכזריות פונם קריסטלעכן המון, פון די באַנדעס קרייצטרעגער, וואָס דער פריער דערמאָנטער כראָניסט, ר' אליעזר בר נתן, פאַרגלייכט זיי צו די „וועלף פון די מדבריות" (זאבי ערבות). די געשיכטע־שרייבער[2] און אויך פיל פון אונזערע סליחות און קינות[3] דערציילן אָבער אויך וועגן וואונדער־

---

1 דעם דאָזיקן קאַפּיטל האָבן מיר פאַרעפנטלעכט אין העברעיִש אינם ערשטן באַנד „העבר", 1918.

2 זע צונץ, „די סינאַגאַגאַלע פּאָעזיע דעם מיטלאַלטערס", 20; „קוועלען צור געשיכטע דער יודען אין דייטשלאַנד", ב. II און III.

3 למשל די קינות: „אלהים אל דמי לדמי", „האת הקול קול יעקב", „מי יתן ראשי מים", „שלומי אמוני ישראל" און פילע אַנדערע. פילע פון די דאָזיקע קינות און סליחות האָט שמעון בערנפעלד איבערגעדרוקט אין זיין „ספר הדמעות", ב. I.

לעבער מסירת־נפש, ווען בלוטיקער זעלבסטאָפּפערונג פון גאַנצע יידישע קהילות, וואָס האָבן מיט התלהבות מקריב געווען זייער לעבן פאַר זייער הייליקטום, פאַר זייער אמונה.

מיר האָבן געזען אין פריערדיקן קאַפּיטל, ווי די יידישע באַפעלקע־רונג האָט בשעת די קרייצצוגן בעסער געוואָלט אומקומען דורך די הענט פון אייגענע און נאָענטע, איידער אַריינפאַלן אין די הענט פון די בלוט־דורשטיקע צווייפיסיקע חיות. זיי האָבן דערפאַר ליבער אַליין זיך פאַרברענט אין די אייגענע הייזער אָדער איינע די אַנדערע מיט מעסערס געשאָכטן. אין איין וואָרמס זיינען אויף אַזאַ אופן אומגעקומען אַכט הונדערט יידן, אין מיינץ האָבן זיך מוסר־נפש געווען אויף קידוש־השם דרייצן הונדערט מענטשן אאַז"וו. אַפּטריניקע, וואָס האָבן דורך שמד געראַטעוועט זייער לעבן, זיינען געווען בלויז געציילטע, און אַפילו ווען זיי דערציילט מען גאַנצע לע־גענדעס, ווי אַזוי זיי האָבן באַלד חרטה געקראָגן[1]. יעדער יידישער יחיד איז געווען מוכן ומזומן זיך מוסר־נפש זיין פאַר זיין הייליקטום, פאַר די ירושה פון זיינע אָבות, מיטן גאַנצן ברען פון זיין טיף גלויביקער נשמה. פול מיט תמימותדיקער אמונה, האָט ער ניט געוווּסט, ניט פון ספקות, ניט פון פשרות, און אין קאַמף פאַר זיין גלויבן האָט ער ניט געוואָלט און ניט געקענט זיין נאָכגעביק, מוותר זיין די מינדסטע קלייניקייט. יעדער מיט־גליד פון דער קהילה, אַפילו דער פּשוטער ייד פונם פאָלק, דער „עם־הארץ" נאָר, האָט דאָך געמוזט אין יענער שרעקלעכער צייט באַזיצן אין זיך די גרויסע מאָראַלישע קראַפט גרייט צו זיין יעדן מאָמענט ווערן אַ „גיבור", אַ „קדוש", וואָס איז זיך מוסר־נפש אויף קידוש־השם. צו דערוועקן און צו שטאַרקן אָט די דאָזיקע קראַפט אין יעדן יחיד באַזונדער, זיינען נאַטיר־לעך ניט געווען אימשטאַנד די קונציקע חריפות פון די בעלי־התוספות, זייערע „חידושים", זייערע שאַרף־שכלדיקע סברות און שפּיצלעך. ניט מיט זיי האָט מען געקענט דערוועקן דאָס התלהבות ביים פּשוטן פאָלק, אָנצינדן דאָס פייער פון מסירת־נפש אין זייערע הערצער. דאָ זיינען נייטיק געווען גאָר אַנדערע ווערטער: ניט קיין שאַרף־שפּיציקע, נאָר ברענענדיק־הייסע; ווערטער, וואָס ריידן ניט צום געשפּיצטן מוח, נאָר צום ווייכן געפיל, וואָס דערגרייכן די טיפסטע טיפעניש פונם מענטשנס נשמה, מאַכן ציטערן די פאַרבאָרגנסטע סטרונעס פון דעם מענטשנס בענקענדיקן האַרצן און דער־וועקן די אינטימסטע חלומות און האָפענונגען. די דאָזיקע אויפגאַבע האָט בשלימות דערפילט די אַזוי־גערופענע „מוסר־ספרים"־ליטעראַטור, וואָס

---

1 איינע פון די דאָזיקע לעגענדעס האָט דער דיכטער טשערניכאָווסקי אויסגע־נוצט אין זיין פּאָעמע „ברוך ממגנצא".

האָט אַזוי שטאַרק אויפגעבליט ביים דייטש־פראַנצויזישן יידנטום אין משך פונם 12טן און 13טן יאָרהונדערט.

בכדי צו געבן דעם לעזער אַ קלאָרן און בולטן באַגריף וועגן דער דאָזיקער ליטעראַטור, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן באַריכות אויף דעם וויכטיקסטן און פּאָפּולערסטן מוסר־ספר פון יענער תקופה, דעם באַרימטן „ספר חסידים", וואָס ס'איז ניט אַ ווערק פון אַ יחיד, נאָר פון אַ גאַנצן קיבוץ, און איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין משך פון עטלעכע דורות.

דער „ספר חסידים" איז דערגאַנגען צו אונז אין צוויי נוסחאות (וואַריאַנטן). איינע פון זיי, דווקא די שפּעטערע, וואָס באַשטייט פון 1178 פּאַראַגראַפן (סימנים, סעיפים), האָט עס זוכה געווען פאַרשפּרייט צו ווערן בכל תפוצות ישראל אלס איינס פון די באַליבטסטע פאָלקסביכער. דאָס ערשטע מאָל איז דאָס אָפּגעדרוקט געוואָרן אין באָלאָניע אינם יאָר 1538 און איז דערנאָך פיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן[1]. די צווייטע, פיל עלטערע נוסחא, איז פאַרבליבן אין מאַנוסקריפּט צווישן די כתבי־ידן פון פּאַרמער ביבליאָטעק [2] און איז ערשט אין דער לעצטער צייט (1891—93) פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין בערלין דורכן פאַרלאַג פון „מקיצי נרדמים" אונטער דער רעדאַקציע פון יהודה וויסטינעצקי. דער גרויסער ווערט פון דעם דאָזיקן עלטערן וואַריאַנט באַשטייט ניט נאָר אין דעם, וואָס ער איז בערך אַנדערטהאַלבן מאָל גרעסער [3] ווי יענער, דער אַלט באַקאַנטער; נאָך וויכטיקער איז דאָס, וואָס ערשט דורך אים, ווייל ער איז געשריבן געוואָרן אין אַ באַדייטנדיק פריערער צייט, באַקומט מען אַ באַגריף, ווי אַזוי דאָס דאָזיקע קאָלעקטיווע בוך איז באַשאַפן געוואָרן. אין דער צווייטער, יינגערער נוסחא, זיינען שוין די דאָזיקע סימנים ניט אַזוי בולט און עס איז דערפאַר אוממעגלעך געוואָרן צו דערקענען דאָרט די נאָטן, וואָס פאַרבינדן די פאַרשיידענע טיילן, וועלכע זיינען באַשאַפן און געזאַמלט געוואָרן אין משך פון דריי דורות. די פאַרשער, וועלכע זיינען געווען באַקאַנט בלויז מיט דעם יינגערן וואַריאַנט, האָבן בשעתם אַרויסגעזאָגט פאַרשיידענע השערות וועגן

1 אין דער צווייטער אויפלאַגע, וואָס איז ערשינען אין באַזל סוף 1580, זיינען שוין אָפּגעדרוקט בלויז 1172 סימנים, די איבעריקע 6 האָט די צענזור אויסגעשטראָכן. וועגן דעם הייסערדיקן קאַמף, וואָס די צענזור פון פאַרשיידענע לענדער האָט געפירט מיטן יידישן מוסר־ספר, זע ביילאַגן נומ' 1.

2 נומ' 1133, Cod. de Rossi.

3 אין דעם מאַנוסקריפּט פון פּאַרמע זיינען פאַראַן 1983 סימנים. אפילו די סימנים, וואָס זיינען פאַראַן אין ביידע וואַריאַנטן, געפינען זיך ניט נאָר אין אַן אַנדערן סדר, נאָר אויך אין פאַרשיידענע רעדאַקציעס. עס טרעפט ניט זעלטן, אַז אַ גרויסער פּאַראַגראַף פון איין נוסחא געפינט זיך שטיקלעכווייז אין פאַרשיידענע סימנים פון דעם אַנדערן וואַריאַנט.



דער שער־בלאט פון דער ערשטער אויסגאבע „ספר חסידים" (בולוניא, 1538).

דעם מחבר פונם פּאָפּולערן מוסר־ספר. גידעמאַן, למשל, האָט אין זיין באַ־קאַנט ווערק [1] געפּלייסט זיך צו באַווייזן, אַז דאָס בוך האָט פאַרפאַסט ר׳ יהודה חסיד, נאָר אין די ישיבות פון זיינע תלמידים (ר׳ אלעזר מוואָרמס און אַנדערע) איז עס פאַרשפּרייט געוואָרן מיד ליד אין דריי וואַריאַנטן, און אַט לויט די דריי וואַריאַנטן איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דער טעקסט, וואָס ס׳איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין באָלאָניע. דער אין בערלין אָפּגעדרוק־טער פּאַרמער וואַריאַנט לייקנט אָבער אָפּ די אַלע השערות.

אין דער באָלאָניער אויסגאַבע ווערט אין 2טן פּאַראַגראַף גערעדט וועגן דעם מחבר פונם בוך אין דריטער פּערזאָן און עס ווערט אָגב אָנגע־וויזן, אַז דער אייגענער מחבר האָט אויך פאַרפאַסט באַזונדערע קונטרסים וועגן „דברי חסידות״, וועגן „ענוה״ און וועגן „יראה״ [2]. גאָר אַנדערש זעט אויס דער אָנפאַנג פונם „ספר חסידים״ לויט דעם פּאַרמער וואַריאַנט, וואָס וויסטינעצקי האָט אָפּגעדרוקט. אין אָנהייב פון ספר איז מיט גרויסע אותיות אָנגעשריבן דער נאָמען „שמואל״, און גלייך דערנאָך שטייט דער פּסוק „סוד יראי אלהים״, וואָס באַטרעפט בגימטריא די אייגענע צאָל, וואָס דער נאָמען שמואל (377). נאָכדעם הייבט זיך אָן אינם נאָמען פונם מחבר גופא דער טעקסט [3] פונם ערשטן פון די דריי קונטרסים (ספר היראה) וועגן וועלכע עס ווערט גערעדט אין דער באָלאָניער אויסגאַבע; און נאָך דעם ערשטן קונטרס גייט גלייך דער צווייטער קונטרס (ספר חסידים ב׳) [4]. עס איז איצט מער קיין ספק ניט, אַז די ערשטע 26 פּאַ־ראַגראַפן פון דעם פּאַרמער מאַנוסקריפּט זיינען דער עלטסטער טייל פונם „ספר חסידים״, וואָס זיי האָט פאַרפאַסט אין פאָרם פון צוויי באַזונדערע קונטרסים ר׳ יהודה החסידס פאָטער, ר׳ שמואל בן קלונימוס, וואָס שטאַמט

---

1 „געשיכטע די ערציהונגסוועזען״, ב. I, ביילאַגעס IV — VI.

2 „ואמר בעל זה הספר אשר חבר דברי החסידות והענוה והיראת כל אחד במחברת״.

3 „ליראי השם ולחושבי שמו אכתוב זה ספר זכרון לפניהם... ע״כ ערכתי ספר היראה״.

4 דער ספר היראה פאַרנעמט די ערשטע 13 פּאַראַגראַפן; אין אָנהייב פונעם 14טן פּאַראַגראַף שטייט: ספר חסידים ב׳, און די פאָלגנדיקע 12 פּאַראַגראַפן (15—26) זיינען אויך אַ באַזונדער קונטרס, וואָס רעדט אויסשליסלעך וועגן תשובה. פון די ערשטע 13 פּאַראַגראַפן געפינען זיך אין דער באָלאָניער אויסגאַבע, אין דאָס אין פאַרשיידענע ערטער, בלויז 10 (די סימנים: קנ״ג—קנ״ח, ק״ס, קס״א, רס״א און תקפ״ח). אויך פונם „ספר תשובה״ געפינט זיך דאָרט בלויז אַ טייל (די סימנים: קס״ג—קס״ו, תקפ״ה, תק״ץ, תקצ״א).

פון אַ חשובער פאַמיליע אויס מיינץ[1]. ווענן שמואלס לעבן זיינען אונז גאַנץ ווייניק פּרטים באַקאַנט. מיר ווייסן בלויז, אַז ער איז פרי געבליבן אַ יתום[2], רוב ימיו געווען נע־ונד[3] און פון זיין יוגנט אָן זיך אויסגעטאָן פון דער וועלט און געלעבט אין גרויס פּרישות. מען האָט אים דערפאַר אויס גרויס דרך־ארץ גערופן „קדוש"; „חסיד" און אַפילו נביא; ער איז אויך געווען, ווי מיר וועלן ווייטער זען, אַ גרויסער מקובל, איינער פון די ערשטע און באַדייטנדיקסטע בעלי־קבלה ביי די דייטש־פראַנצויזישע יידן. דערווייל אָבער שטעלן מיר זיך אויף אים אָפּ בלויז ווי אויף דעם פאַרפאַסער פון די ערשטע און עלטסטע טיילן פונם „ספר הסידים". אָט צו די קונטרסים פון שמואל בן קלונימוס האָט זיין זון, יהודה חסיד, מוסיף געווען אַ סך זיינע אייגענע דברי מוסר, און שפּעטער האָט ר' יהודה חסידס תלמיד, ר' אלעזר פון וואָרמס, צו דעם ספר פון די צוויי „חסידים" צוגעגעבן פיל נייע מאמרים. אָט די דריי בעלי־מוסר און מקובלים דאַרפן גערעכנט ווערן אַלס די פאַרפאַסער פון די וויכטיקסטע טיילן, פון וועלכע דער גאַנצער „ספר חסידים" איז אויפגעבויט געוואָרן. די באַזונדערע קונטרסים פון די דריי מחברים האָבן די שפּעטערדיקע אָפּשרייבערס ערטערווייז געענדערט, געמאַכט געוויסע הוספות און הערות[4] און אויך אַריינגעשטעלט

---

[1] מער באריכות וועגן שמואל בן קלונימוס זע אברהם עפּשטיינס אַרטיקל אין זאַמלבוך „הגורן", IV, 92—95, אויך אין „מאָנאַטשריפט", 448, 39. עס איז אויך פאַראַן אַ אינטערעסאַנטע מיטטיילונג פונם בעל „שלשלת הקבלה", אַז ער האָט אַליין געזען אַ קליין מוסר־ספר אונטער דעם נאָמען „ספר חסידים", ווו עס איז געווען בפירוש אָנגעוויזן, אַז דער פאַרפאַסער איז ר' יהודה חסידס פאָטער, שמואל הנביא („ואני ראיתי חבור קטן האומר בראשו: זה ספר חסידים אשר יסדו רבנו שמואל הנביא אביו של רבינו יהודה חסיד").

[2] זיין פאָטער קלונימוס איז אין דער צייט פונם ערשטן קרייצצוג אַנטלאָפן פון מיינץ קיין שפּייער, און דאָרט איז ער געשטאָרבן אינם יאָר 1126. שמואל איז דעמאָלסט געווען נים מער ווי 10 יאָר (זע „לעטטערבאָדע", 112, X, ווו עס ווערט גע־בראַכט דער באַריכט פון ר' יהודה חסידס תלמיד, ר' אלעזר בעל הרוקח, וועלכער ווייזט אָן: „רבנו קלונימוס הזקן בשעת פטירתו היה רבנו שמואל חסיד בנו נער").

[3] די לעגענדע וועגן דעם ווי אַזוי שמואל בן קלונימוס האָט זיך באַגעגנט מיט רבנו תם, זע בריל, „יאהרביכער", ב' IX, ז' 26. אינטערעסאַנט איז אויך די שוין פריער דערמאָנטע „מעשה רבנו שמואל חסיד", וואָס ווערט געבראַכט אין „שלשלת הקבלה", ווו עס ווערט דערציילט ווי אַזוי רבנו תם פירט אין ר' שמואל הנביאס חדר אַ ויכוח מיט משה רבנון.

[4] אין דער נוסחא פון דעם פּאַרמער מאַנוסקריפּט זעט מען נאָך ערטערווייז גאַנץ בולט אַרויס, ווי אַזוי עס קומען צום גרונדט־טעקסט צו נייע הוספות. לעבן דעם פּאַראַגראַף 430 איז פון זייט צונעשריבן: תוספ', ד"ה צונאָב, און אַלס „צונאָב" ווערט דאָ געבראַכט אַ פאַנטאַסטישע מעשה וועגן ר' יהודה חסיד („שמעתי בשם ר' יהודה חסיד"). ווייטער גייט ווידער אַ תוספה און עס ווערט אַפילו דערביי אָנגעוויזן ווער עס האָט די תוספה צוגעשריבן: „וכתבתי אני יצחק בר' משה".

גאנצע מאמרים און פראגמענטן פון פריערדיקע מחברים [1]. אויף אזא אופן זיינען באשאפן געוואָרן אָפּשריפטן פונם „ספר חסידים" אין פארשיידענע נוסחאות, וועלכע די שפּעטערדיקע רעדאקטאָרן האָבן זיך געפּלייסט צו פאראייניקן און מאכן פון זיי אלע א פולשטענדיקן און אויסגעבעסערטן טעקסט[2]. דערמיט ערקלערט זיך טאקע, וואָס אין דער פיל איבערגעדרוקטער באלאָניער אויסגאבע זעט מען גיט זעלטן ווי איין און דער זעלבער פאראגראף חזרט זיך איבער אייניקע מאָל אין פארשיידענע ערטער [8]; עס טרעפט אפילו אמאָל, אז איין פאראגראף איז סותר דעם אנדערן [4].

כדי ריכטיק אָפּצושאצן דאָס דאָזיקע אזוי פּאָפּולער געוואָרענע בוך, מוז מען נעמען אין באטראכט, ביי וואָסערע צושטאנדן, אין וואָס פאר א סביבה עס האָבן געלעבט זיינע באשעפער. דערצו איז אָבער כלל ניט נייטיק זיך ווענדן צו די געשיכטע-שרייבער און קולטור-פאָרשער פון יענער תקופה. דער „ספר חסידים" גופא גיט אונז גענוג מאטעריאל, כדי צו באקומען א בולט בילד פון יענער פינסטערער און שרעקלעכער צייט. עס איז גענוג זיך נאָר אָפּצושטעלן אויף די אזוי וואָכעדיק געוואָרענע אלטעגלעכע געשעענישן, וועגן וועלכע דער „ספר חסידים" רעדט אין אזא רויקן, שטרענג זאכלעכן טאָן:

אינם פאראגראף 197, למשל, ווערט גערעדט וועגן א קהילה, אויף וועלכער מען האָט גוזר געווען: אָדער גיין צום שמד, אָדער געהרגעט צו ווערן; און דער מרא דאתרא, דער רב פון דער דאָזיקער קהילה, האָט ניט באוויזן די נייטיקע עקשנות, און האָט געראָטן גיין אויפן וועג פון פשרות: לפנים זיך שמדן און דערנאָך ווידער צו דת ישראל זיך אומקערן. אין אנדערן סימן (רי"ב) ווערט דערציילט וועגן א קהילה ווו עס זיינען געווען גרויסע עשירים און מחמת עשירות זיינען זיי צו גאווה געקומען, און וויינוק זיך פארנומען מיט תורה. איז דאָרט געווען א זקן, א גרייסער חכם, האָט ער זיי געוואָרנט: זייט וויסן, אויב איר וועט קיין תשובה ניט טאָן און וועט ניט עוסק זיין אין לימוד התורה, האָב איך שטארק פחד, אז די קהילה

---

1 למשל: פון ר' נסימס „מגלת סתרים", פון ר' סעדיהס „ספר תשובה", פון שבתי דונולאס „חכמני" אאז"וו.

2 אין באָלאָניער אויסגאבע ווערט פארן פאראגראף 1136 אָנגעוויזן: „זה הועתק מספר חסידים אחר". א ענלעכע באמערקונג געפינט זיך אויך אין דעם פארטער וואריאנט פארן פאראגראף 721: „זה מצאתי בספר אחר".

8 למשל: §§ 14 און 300, 69 און סוף 207, 97 און 911, 129 און 275, 422 און 704, 255 און 639, 588 אין 785.

4 למשל, די §§ 679 און 701.

וועט חרוב ווערן... און כך הוה: ווי נאָר דער זקן איז נפטר געוואָרן, איז געקומען דער שונא און די גאַנצע קהילה חרוב געמאַכט [1].

„אַ סך יידן — לייענען מיר אין אַן אַנדער אָרט (§ 222) — זיינען אומגעקומען בשעת הגזרה (אין דער צייט פון די קרייצצוגן), נאָך פילע זיינען גרייט געווען אויף קידוש־השם, נאָר זיינען על־פי־נס לעבן געבליבן. האָט איינער פון זיי, ר' שבתי האָט ער געהייסן, געזען אין חלום איינעם פון די אומגעקומענע, וואָס האָט אויך געהייסן שבתאי. האָט ר' שבתאי דער דערהרגעטער געזאָגט: „אַלע די, וואָס זיינען געווען גרייט זיך מקריב צו זיין אויף קידוש־השם — איז פאַר זיי גרייט אַן אָרט אין גן־עדן". יעדער ייד באַזונדער איז אין יענער בלוטיקער צייט געווען בחזקת „קדוש", יעדער יחיד האָט געמוזט זיין יעדן מאָמענט מוכן ומזומן צו פאַלן פאַר אַ קרבן, אומצוקומען פון דעם בלוטדאָרשטיקן ווילדן המון, אָדער פון די געלטגי־ריקע שררות און רימער.

אין איין שטאָט — דערציילט דער „ספר חסידים" — האָבן די גויים אויסגעהרגעט אַלע יידן, וויל זיי האָבן זיך ניט געוואָלט שמדן, עס האָבן זיך געראַטעוועט בלויז צוויי בחורים, תלמידים פון דער ישיבה. זיי איז געלונגען זיך צו באַהאַלטן, און די גויים האָבן פון זיי ניט געוווּסט. ביי נאַכט, אין דער פינסטער, האָבן די צוויי בחורים געהאַט די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן. זאָגט אָבער איינער צום צווייטן: „איך וועל אַרויס פון מיין באַ־העלטעניש, כדי מען זאָל מיך הרגענען אויף קידוש־השם. איך וויל שטאַרבן מיט אַזאַ טויט ווי ר' חנינא בן תרדיון [2], וואָס מען האָט אים אויפן שייטער־הויפן פאַרברענט". האָט אים דער חבר געענטפערט: „גיין, אויב יענע וועלן קומען צו אונז, בין איך גרייט זיך מקריב צו זיין, נאָר מיט מיין ווילן זיך איבערגעבן אין זייערע הענט וויל איך ניט. ר' חנינא בן תרדיון איז דאָך אויך פאַרברענט געוואָרן מיט דער ספר תורה צוזאַמען" [3]. ניט זיין אייגן יונג לעבן טוט אים באַנג, עס איז אים אַ שאָד די תורה, וואָס וועט מיט אים, דעם תלמיד־חכם פון דער ישיבה, גיין פאַרלוירן...

איין שר פון אַ שטאָט — דערציילט ווייטער דער „ספר חסידים" [4]. איז געווען זייער שלעכט צו די דאָרטיקע יידן, האָבן זיי באַשלאָסן צו אַנט־

---

[1] „כשנפטר והלך לעולמו בא מלך אחד ודחק את העיר ונתנו את חשליש על פי השבועה... באו רוכלים ואמרו למלך שהטמינו תחת קרקע כספים... והוליכם בשביה והחריב העיר".

[2] איינער פון די „עשרה הרוגי מלכות".

[3] פאַרמער הוצאַה, סי' 251.

[4] דאָרט, סי' 423.

לויפן פון דער שטאָט. דער שר האָט זיך דערוווּסט דערפון, האָט ער זיי פאַרהאַלטן און געצוווּנגען צו שווערן, אַז זיי וועלן מער ניט אַנטלויפן. איז דערנאָך די קהילה געווען אין ספק, צי מעגן זיי עובר זיין אויף דער שבועה, וואָס איז דאָך געגעבן געוואָרן באונס; דאָך האָבן זיי סוף־כל־סוף אָנגענומען דעם באַשלוס, אַז מען טאָר ניט עובר זיין, עס זאָל דערפון קיין „חלול השם" ניט אַרויסקומען, ווייל מען וועט יידן מער אויף זייער שבועה ניט גלויבן.

אַזוינע שלעכטע „שרים" זיינען אָבער געווען זייער אַ סך, און טאַקע תּיכּף אין ווייטערדיקן סעיף ווערט דערציילט וועגן אַן אַנדער שר, וואָס איז אַ גרויסער רשע געווען, און האָט אַלע יידן געוואָלט אויסשמדן, זיינען זיי אַנטלאָפן. האָבן די שכנותדיקע קהילות געוואָלט גוזר חרם זיין, אַז קיין ייד זאָל שוין קיינמאָל ניט טאָרן וווינען אין דער דאָזיקער שטאָט. האָט זיי איינער אַ חכם געזאָגט: „צו וואָס דאַרפט איר מאַכן שווערקייטן די קומענדיקע דורות. גענוג איר וועט גוזר זיין, אַז מען טאָר דאָרט ניט וווינען כּל־זמן דער דאָזיקער רשע לעבט".

די שרעקלעכע צושטאַנדן פון יענער בלוטיקער און פינסטערער צייט האָבן געשטעלט אויפן סדר־היום פיל עטישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן געמוזט פּראַקטיש פאַדענטפערט ווערן אינם אַלטעגלעכן לעבן.

אָט ווערט, למשל, פאָלגנדיקע פראַגע געשטעלט אין „ספר חסידים" (סי' תרצ"ט): אינם פאַל, ווען די שונאים דערקלערן: „גיט אונז אַרויס איינעם פון אייך און מיר וועלן אים אומברענגען, אלא ניט, וועלן מיר אייך אַלע אויסהרגענען" — זאָלן זיי אויסהרגענען, און מען טאָר ניט איבערגעבן אינם פיינדס הענט קיין איין נפש מישראל. ווען די שונאים זאָגן: „גיט אונז אַרויס איינע פון אייערע טעכטער און מיר וועלן זי מטמא זיין, אלא ניט, וועלן מיר שענדן אַלע אייערע פרויען" — זאָלן זיי מיט געוואַלד אַלע שענדן, מען טאָר אָבער ניט אַרויסגעבן אויף זנות קיין איין יידישע פרוי אפילו אַ פּנויה (ניט קיין אשת־איש).

די פּראַקטיק פונם אַלטעגלעכן לעבן האָט אויך געפאָדערט, אַז עס האָבן געמוזט פאַרענטפערט ווערן אויך אַזוינע מיני „שאלות": ווי איז, למשל, דער דין, ווען מען געפינט אין אַ סך יאָרן אַרום אַ מעסער אין אַ קבר פון הרוגים, וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם?[1] האָט מען געפסקנט: דאָס מעסער דאַרף צוריקגעלייגט ווערן ווו מען האָט עס געפונען, און מען טאָר זיך דערמיט ניט באַנוצן. ווייטער פסקנט דער „ספר חסידים"[2]: אין אַ הויז, ווו עס זיינען געהרגעט געוואָרן „קדושים" על

---

[1] „ספר חסידים", סי' 1113.

[2] דאָרט, סי' 449.

קידוש־השם און זייער בלוט האָט באַשפּריצט די שטיינער און די ווענט, מאָר דער באַלעבאָס בעת ער ווייסט אויס זיין הויז, ניט אָפּקראַצן די בלוט־פלעקן און ניט זיי פאַרשמירן, ווי אין פּסוק שטייט: „ארץ אל תכסי דמי".

ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די תורה פאַרבאָט, פּרויען זאָלן טראָגן מענער־קליידער, פונדעסטוועגן — ערקלערט דער „ספר חסידים" — בשעת גזרה, ווען דער פייגד באַלאַגערט די שטאָט, אָדער בשעת מען איז אונטער־וועגס און עס איז אַ געפאַר, אַז דער שונא קען אָנפאַלן און די פרויען פאַר־גוואַלטיקן, זאָלן די פרויען זיך פאַרשטעלן פאַר מענער [1]. און טאַקע תיכּף ווערט אין אַ צווייטן סימן דערציילט אַ מעשה ווענן אַ בילדשיינער פרוי, ווי זי האָט זיך אונטערוועגנס אָנגעטשעפּעט אַ באָרד און איז דורך דעם ניצול געוואָרן. נאָר — וואָרנט דערביי דער „ספר חסידים" — מען טאָר ניט אָנ־טאָן קיין שתי־וערב (קרייץ) און קיין מלבוש פון קריסטלעכע גייסטלעכע, אויך טאָר מען אין די פענסטער ניט אַרויסשטעלן קיין הייליקע בילדער (איקאָנעס), אפילו ווען מען איז זיכער, אַז נאָר אויף אַזאַ אופן קען מען זיך ראַטעווען פונם טויט [2]. „נאָר אונז, יידן — ערקלערן מיט שטאָלץ די בעלי „ספר חסידים" — איז געבאָטן זיך מקריב צו זיין על קידוש השם, אָבער ניט אַנדערע אומות העולם!" [3]

ווענן די אַלע רציחות און רדיפות, וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצו־שטיין, דערציילט דער „ספר חסידים" אין אַ גאַנץ רויקן, ריין עפּישן טאָן, גאָר זעלטן, און דאָס נאָר ווען צו דער רציחה מישט זיך נאָך צו פאַלשקייט און נידערטרעכטיקייט — רייסט זיך אויך דורך דאָס געפיל פון צאָרן און עמפּערונג.

„זייער מויל איז פול מיט ליגן, זייער האַנט איז אַ האַנט פון פאַלש־קייט!" — רופט אויס מיט כעס דער „ספר חסידים", און אַלס ראיה דער־ציילט ער פאָלגנדיקע טרויעריקע מעשה, וואָס איז געשען אין דער צייט פון די טסעי־הצלב (קרייצצוגן): „איינמאָל האָט מען אויף יידן גוזר געווען זיי זאָלן פאַרלאָזן דעם גאָט פון זייערע אבות און אָננעמען די פרעמדע אמונה. האָבן יידן באַשלאָסן אַנטלויפן פון זייערע ערטער. האָבן פיל יידן געהאַט באַקאַנטע שרים און יענע האָבן זיך אַרויסגעגעבן פאַר זייערע בעסטע גוטע פריינד, און האָבן זיי איינגערעדט: „קומט צו אונז, מיר וועלן אייך שיצן פאַר אייערע פיינד". נאָר אַז די יידן זיינען צו זיי געקומען, האָבן יענע זיי אויסגעהרגעט" [4].

---

[1] דאָרטן, סי׳ 200.
[2] דאָרטן, סי׳ 221.
[3] דאָרטן, סי׳ 219.
[4] דאָרטן, סי׳ 697.

די תּקופה, אין וועלכער דער „ספר חסידים" איז באַשאַפן געוואָרן, איז נים נאָר געווען אײנגעטונקט אין בלוט, רויב און רציחה — דאָס איז אויך געווען די צייט פון שטאָק־פינסטערן אומוויסן און מאַוויימדיקער עם־הארצות, ווען איבער די מיטלאַלטערלעכע מוחות האָבן געוועלטיקט וויל־דער אָבערגלויבן, אומגעלומפערט גאַרישע באָבע־מעשיות און פאַנטאַס־טישע לעגענדעס. אין מיטל־אייראָפּע האָבן יידן געוווינט צווישן אַ באַפעל־קערונג, וואָס איז נאָך געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקן קולטורעלן מצב. די חכמה פון לייענען און שרייבן איז דעמאָלט געווען פון די גרעסטע זעלטנהייטן; ביי די דעמאָלטיקע קריסטלעכע אײנוווינער האָט זיך נאָך זייער שטאַרק געפילט די שליטה פון די אַלטע, ריין־געצנדינערישע אָנשויונ־גען, פון די אימהדיקע פּחדים און דעם פינסטערן שרעק, וואָס שטאַמט נאָך פון דער אַלטער היים — פון די געדיכטע פּאַרוואַקסענע און חושכדיקע וועל־דער. די תּורה פון דער מיטלאַלטערלעכער קירך וועגן דעם „חטא הקדמון", וועגן די צוויי רשויות: דעם מלכות שמים און די ממשלה פונעם שטן, וועגן מלאכי עליון און שדים מיט דער סיטרא אחרא — דאָס אַלץ האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די אֵימה און די מרה־שחורה, נאָך מער אײנגעשראָקן די נשמה פונעם פשוטן פאָלק, פאַרשטאַרקט אין אים דעם פּחד פאַר דעם סודותדיקן אָרום, פאַר דעם אומבאַקאַנטן און פאַרבאָרגענעם, וואָס לויערט פון אַלע זייטן. דער אומוויסנדער און פאַרחושכטער מענטש פונם מיטלאַלטער, נידערגעשלאָגן און געפאַלן ווי ער איז, פול מיט פּחד פאַר זיין זינדיקייט, פילט ער זיך זייער עלנט און פאַרלאָזן; ער פּרוּווט איבער־בעטן, אונטערקויפן מיט געבעט און תּחנונים, מיט השבעות און סגולות די בייזע פינסטערע גייסטער, וואָס לויערן נאָך אים, ווי זאָלן זיך דערבאַרע־מען און געבן אים הילף און שוץ. די לופט פונם מיטלאַלטער איז געווען פול און פיל מיט מילי מיליאָנען מחבלים, אָבשיקעניש, שדים און מזיקים; דער חלל פון דער וועלט האָט געווימלט מיט מחנות לצים, מכשפים, מלאכי חבלה און נים־גוטע, און דאָס אַלץ האָט זיך געדרייט, געטאַנצט, געפראַוועט חתונות, אַרויסגעשטעלט צונגען, פאַרהילכט מיט זייער טייוולאָנישן גע־לעכטער...

און דער „ספר חסידים", וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין אַזאַ גע־שטיקטער און אומגאַטירלעכער סביבה, איז נים געווען אימשטאַנד זיך צו באַפרייען פון דעם פאַרבישופטן שווינדל־שפּיל, פון דער דאָזיקער פאַנטאַס־טישער אָקום־פאַקום־וועלט; און פיל בלעטער פון דעם דאָזיקן באַריטמטן מוסר־ספר זיינען פול מיט אויסטערליש־ווילדע מעשיות און שטאָק־פינ־סטערן אייבערגלויבן. אמת, דער „ספר חסידים" איז זיך שטאַרק מתרעם אויף די, וואָס האָבן צו טאָן מיט אָפּשפּרעכן בישוף (בלחישות כשפים) און

מיט השבעות, ווייל זיי זיינען דאָך דערמיט עובר אויף אַ לאו פון דער תורה („לא נחש ביעקב", לא תנחשו" אאַז"וו) און ער איז זיי מזהיר, אַז זיי וועלן דערפאַר האָבן אַ שלעכטן סוף[1]. „אַ בן ישראל, שטרייכט אונטער דער „ספר חסידים", דאַרף זיך ווענדן מיט זיינע תפילות און בקשות נאָר צום גאָט דעם אַלמעכטיקן, דעם גאָט פון רחמים, אָבער ניט צו דער סיטרא אחרא, צו די שרי חושך און מלאכי חבלה". אָט די שרי חושך און מלאכי חבלה אָבער זיינען אויך אין די אויגן פון די בעלי „ספר חסידים" געווען ממשתדיקע לעבעדיקע כוחות; אויך זיי, די גאָטספאָרכטיקע באַשעפער פון דעם פּאָפּולערסטן מוסר־ספר, האָבן צוזאַמען מיט דער אַרומיקער קריסט־לעכער באַפעלקערונג געגלויבט אין מכשפים, וואָס זיינען בכוח פאַרוואַנדלען אַ מענטשן אין אַ געשטאַלט פון אַ וואָלף צי פון אַ קאַץ, „נאָר די אויגן בלייבן ביי אַלע גילגולים איינע און די זעלבע"[2]. דער „ספר חסידים" דער־ציילט אויך גאַנץ באַריכות וועגן די אַלע שפּיצלער, וואָס עס טוען אָפּ די פאַרשיידענע אַרמן מכשפות, וועלכע ווערן אַפילו אויסגערעכנט מיט זיי־ערע נעמען: אשטרייה[3], מרש[4], ווֶרולש[5]. אשטרייה, דערציילט דער „ספר חסידים", איידער זי לאָזט זיך פליען אין דער לופטן, צעלאָזט זי אירע האָר; זיי פאַלן אָן אויף מענטשן בשעת זיי שלאָפן און זויגן ביי זיי אויס דאָס בלוט [6]. די דאָזיקע מכשפות קענען זיך אויך פאַרשטעלן פאַר אַ קאַץ. באַקומט אַזאַ קאַץ אַ קלאַפּ פון אַ מענטשן, מוז זי שטאַרבן, סיידן עס גע־לינגט איר צו פאַרזוכן ברויט מיט זאַלץ ביי דעם זעלבן מענטשן, וואָס האָט זי געשלאָגן[7]. די מכשפות קענען אויך איבערטראָגן אַ קראַנקהייט פון איין קינד אויף אַן אַנדערן[8], קענען אָפּמאַכן כישוף אַ פרוי זי זאָל בלייבן אַן עקרה[9], אָדער אַ מאַנספאַרשוין ער זאָל אויסגיין פאַר ליבע[10]. „ווען אַ דינסט אָדער אַ קנעכט — איז מזהיר דער „ספר חסידים" מיט תמימות — פאָדערט פון זיין האַר ער זאָל אים פריילאָזן, ובאם ניט, וועט ער אים אָפּמאַכן

---

1 דאָרטן, סי' 59, 205, 206.

2 דאָרטן, סי' 1166.

3 פונם אַלט פראַנצויזישן וואָרט Estrie.

4 פונם וואָרט maren.

5 פונם וואָרט werwolf.

6 דאָרטן, סי' 680, 464.

7 דאָרטן, סי, 465.

8 דאָרטן, סי' 681.

9 דאָרטן, סי' 476, 447, 391.

10 דאָרטן, סי' 175, 172.

כישוף, זאָל דער באַלעבאָס למה"ש זיך נים אײנשפּאַרן און יענעם פּריי-לאָזן"[1].

דער „ספר חסידים" ווייס אויך גאַנץ באַשטימט, אַז די מכשפים קענען מזיק זיין נאָר דעמאָלט, ווען זיי געפינען זיך אויף דער ערד, אָבער נים ווען זיי פליען אין דער לופטן[2]. די מזיקים, בעת זיי פליען אין דער לופטן, פאַרפירן אָפּט געשלעגן צווישן זיך און וואַרפן איינער אינם אַנדערן פיילן[3]. צווישן די שדים זיינען די שטאַרקסטע מזיקים פון דעם סאָרט, וואָס הייסן „דרגון". אַ דרגון ווערט נישט ניזוק אַפילו פון קיין שווערד, אים קען בייקומען נאָר אַ מענטש, וואָס איז געבוירן פון אַ פרוי, וועלכע האָט געלעבט אָט מאַקע מיט דעם דרגון גופא[4]. די שדים, אַזוי אויך די וואַלד-לצים (אנשי היער הפראים), דערציילט אונז דער „ספר חסידים", זאַמלען זיך געוויינלעך צוגויף כיתותווייז, צו ניין אין יעדער כיתה, דערפאַר מאַקע דאַרף יעדער, וואָס איז דורך זיי ניזוק געוואָרן, אָפּשפּרעכן ניין מאָל; „ווי מען איז זיך נוהג אין דייטשלאַנד" (כמו שעושים באשכנז), אָדער אויפ-הענגען זיך אויפן האַלדז ניין שטעקעלעך, וואָס טראָגן דעם נאָמען שטי-לימיש (stiletti) און די שטעקעלעך דאַרפן געגומען ווערן פון ניין בריקן, וואָס הענגען פאַר ניין טויערן[5]. ווען איינער האָט מורא אַ מזיק זאָל אויף אים נים אָנפאַלן בשעתן שלאָף איז דאָ אַ בעסטע סגולה, יענער זאָל איבער אים קיין שליטה נים האָבן, פעסט פאַרבויגן דעם גראָבן פינ-גער[6] דער „ספר חסידים" גים אויך געגויע ידיעות וועגן דעם אויסזען פון די שדים: די זכרים זיינען באַוואַקסן מיט האָר, ביי די נקבות אָבער, איז דער קאָפּ אין גאַנצן אָן האָר[7]. אויך דערציילט דער „ספר חסידים" ווי וועגן אַ דבר ידוע, אַז ווען מען מאַלט אויס דעם גנבס צורה אויף דער וואַנט און מען דערלאַנגט אַ קלאַפּ אויף דעם אָרט, וווּ דאָס אויג איז אויס-געמאָלט, ווערט דער גנב תיכף ומיד דערפילן אַ שטאַרקן ווייטאָג אין אויג[8].

---

1 פּאַרמער כתב-יד, סי' 381.

2 „ספר חסידים", געוועגלעכע אויסגאַבע סי' 478.

3 דאָרטן, 469, 443.

4 דאָרטן, סי' 469.

5 דאָרטן, סי' 1153.

6 דאָרטן, סי' 236. אַ פאַרגלייך צווישן די אַלע לעגענדעס און סגולות, וואָס גע-פינען זיך אין דעם „ספר חסידים", מיט ענלעכע לעגענדעס ביי דער אַרומיקער קריסט-לעכער באַפעלקערונג, זע גידעמאַן צים"ו, ב' ו, קאַפּ' 6.

7 דאָרטן סי' 1155, 1162.

8 דאָרטן, סי' 1172. וועגן ענלעכע גלייבענישן ביי פעלקער זע: Потебня Из лекции по теории словесности, 105.

אויך וועגן די מתים און זייער הנהגה גיט דער „ספר חסידים״ די געגויסטע ידיעות. די מתים קענען רייךן, דאָס רײדן קומט זיי אָבער אָן זייער שווער; דערפאַר אָבער לייענען קענען זיי אַזוי לייכט ווי לעבעדיקע מענטשן, „עס ליגן ביי זיי ספרים אויף די טישן״ און ווי דער מענטש איז זיך נוהג געווען צו לערנען בײַם לעבן, אַזוי אויך נאָכן טויט. „געשען אַ מעשה — דערציילט דער „ספר חסידים״ — עס זיינען גויים פאַרבייגעפאָרן אַ בית־הקברות פרייטאָג צונאַכטס, האָבן זיי געזען ווי אַ ייד אַ מת זיצט מיט אַ ספר ביים טיש״[1]. אין באַשטימטע נעכט, אַ שטייגער אין דער נאַכט פון הושענא־רבה, גייען אַרויס די מתים פון די קברים און שטעלן זיך דאַווענען. עס האָט אַ מאָל פּאַסירט — דערציילט דער „ספר חסידים״ — ווי צוויי בחורים האָבן זיך באַהאַלטן אויפן בית־הקברות, האָבן זיי דערהערט ווי איין מת זאָגט צום אַנדערן: לאָמיר אַרויסגיין און אַלע אין איינעם דאַווענען. זיינען אַלע מתים אַרויס פון זייערע קברים און מתפלל געווען פאַר די לעבעדיקע, זיי זאָלן באַהיט זיין פאַרן טויט, און אַז די, אויף וועלכע ס'איז שוין נגזר געוואָרן צו גיין פון דער וועלט, זאָלן פאַר דער מיתה תשובה טאָן און שטאַרבן מיט אַ גרינגן טויט. די בחורים זיינען צוריק אין שטאָט געקומען און דערציילט, וואָס זיי האָבן געזען און געהערט. אויפן צווייטן יאָר האָבן די בחורים זיך ווידער באַהאַלטן אין דער נאַכט פון הושענא־רבה אויפן בית־הקברות. און אויך דאָס מאָל זיינען אַלע מתים אַרויס פון זייערע קברים, נאָר איין בתולה, וואָס איז ערשט פאַר שבת געשטאָרבן, איז געבליבן אין איר קבר. זי האָט ערקלערט, אַז דער פאָטער אירער, וואָס איז פריער געווען אַ פאַרמעגלעכער, איז אַזוי פאַראָרעמט געוואָרן, אַז ער האָט אויף תכריכים ניט געהאַט, און מען האָט זי דערפאַר באַגראָבן נאַקעט און בלויז. אויך האָבן די בחורים געהערט ווי אייניקע מתים האָבן גערעדט צווישן זיך: מען דאַרף מער ניט דאַווענען בציבור. מענטשן האָבן זיך אונטערגעהערט און וועגן יעם דערציילט צווישן די לעבעדיקע; זאָל יעדער איצט דאַווענען פאַר זיך אין קבר. אַז די בחורים האָבן וועגן דעם אַלץ דערציילט, איז קהל שטאַרק אין כעס געוואָרן אויף דער בתולהס פאָטער. מען האָט גלייך געגומען תכריכים און זיי אָנגעטאָן דער בתולה[2].

די מתים דאַווענען אָבער ניט נאָר אויפן בית־הקברות. אַמאָל, דערציילט דער „ספר חסידים״, איז איינער אין אָוונט אַנטשלאָפן געוואָרן אין

---

1 דאָרטן, סי׳ 455—56.

2 דאָרטן, סי׳ 452. דאָרט ווערט אויך דערציילט, אַז ווער עס זעט אין דער הושענא־רבה־נאַכט זיין שאָטן אָן דעם קאָפּ, דער וועט דאָס יאָר שטאַרבן. „עס האָט אָבער פּאַסירט, אַז איינער האָט אין דער דאָזיקער נאַכט געזען זיין שאָטן אָן דעם קאָפּ, האָט ער גוזר תענית געווען, און געגעבן אַ סך צדקה, האָט ער נאָך אָפּגעלעבט אַ סך יאָרן״.

שוּל, דער שמש האָט אים ניט באַמערקט און פאַרשלאָסן די שול. אין האַלבער נאַכט האָט זיך יענער אויפגעכאַפּט און דערזען די גאַנצע שול איז פול מיט מתים אײַנגעוויקלטע אין טליתים, און צווישן זיי האָבן זיך אויך געפינען צוויי לעבעדיקע. אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען יענע צוויי געשטאָרבן 1.

די מתים זיינען זייער גערן, מען זאָל וואָס אָפּטער באַזוכן זייערע קברים. „איינמאָל — דערציילט דער „ספר חסידים" — האָט אַ קהילה געוואָלט פאַרלאָזן איר שטאָט און זיך באַזעצן אויף אַ נייעם אָרט. איז אַ מת געקומען צו חלום איינעם פון דער קהילה און אים געוואָרנט: „פאַרלאָזט אונז ניט, מיר האָבן דאָך שטאַרק הנאה ווען איר קומט אויפן בית-הקברות. ווייסט-זשע, אַז וויבאַלד איר וועט אונז פאַרלאָזן, וועט איר געהרגעט ווערן". האָט די קהילה ניט געקוקט דערויף, זיינען טאַקע אַלע אויסגעהרגעט געוואָרן" 2, פון אַן אומאײַנגענעמען שכן זיינען אויך מתים ניט צופרידן. עס האָט זיך אַמאָל געטראָפן, אַז מען האָט איינעם אַ תלמיד-חכם און אַן אמתן צדיק מקבר געווען לעבן אַ ניט אָנשטענדיקן מענטשן; איז געבליבן דער דאָזיקער צדיק געקומען צו חלום די מיטגלידער פון דער קהילה און זיך געקלאָגט: „פאַרוואָס האָט איר מיך אַריינגעלייגט אין אַזאַ אומריינעם אָרט. עס איז דאָך ניט אויסצוהאַלטן פון דעם געשטאַנק". האָט מען געמאַכט אַ מחיצה פון שטיינער צווישן די קברים, און דער צדיק האָט אויפגעהערט קומען צו חלום 3.

די מתים ווערן אויך לייכט ברוגז פאַרן מינדסטן אומכבוד און זיינען זיך שטאַרק נוקם דערפאַר. און דער „ספר חסידים" דערציילט טאַקע וועגן דעם אַ מעשה, ווי אַזוי מען האָט געמאַכט פון אַ מת-וועגן אַן אָרון, און פון די ברעטער איז איבערגעבליבן אַ נשאר. האָט איינער געוואָלט דערויס מאַכן פאַר זיך אַ פידל; איז געקומען צו יענעם דער מת צו חלום און האָט אים געוואָרנט, ער זאָל זיך ניט דערוועגן מאַכן אַ כלי-שיר פון דעם דאָזיקן נשאר. האָט יענער ניט געהערט און טאַקע געמאַכט דעם פידל; איז דער מת נאָכאַמאָל געקומען אין חלום און זיך געבייזערט: „באַם דו צעברעכסט ניט דאָס פידל, ביסטו מסוכן". און דער מענטש איז טאַקע באַלד מסוכן קראַנק געוואָרן. האָט זיין זון גענומען דאָס פידל, אים אַוועקגעטראָגן אויפן קבר פון יענעם מת, עס צעבראָכן און די שטיקלעך דאָרט איבערגעלאָזן, דער קראַנקער איז גלייך געזונט געוואָרן 4.

1 דאָרטן, סי' 711.

2 דאָרטן, סי' 709.

3 דאָרטן, סי' 705.

4 דאָרטן, סי' 727.

* * *

מיר וואָלטן געקענט ברענגען נאָך פיל אַזוינע מעשיות אויס דעם „ספר חסידים", מיר רעכענען אָבער, אַז שוין די, וואָס מיר האָבן דאָ געבראַכט, גיבן אַ גענוג בולט בילד פון דער מיטלאַלטערלעכער שטאָק־פינסטערער סביבה מיט איר ווילדן איבערגלויבן און אָפּגעשטאַנענקייט, אין וועלכן עס האָבן געלעבט די באַשעפער פונם „ספר חסידים". און אָט אויף דעם דאָזיקן פאַרהוישכטן טאָן פון אומטענטשלעכער אכזריות און גייסטיקער פאַרווילדונג, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונזערע אויגן אין איר גאַנצן העלן גלאַנץ און האַרציקער צאַרטקייט די אויסטערליש שיינע מאָראַלישע לערע פון די גאָטספאַרכטיקע מענטשן, וואָס האָבן מזכה געווען זייער פאָלק מיט דעם באַרימטן מוסר־ספר.

מיר האָבן שוין אין אונזער ערשטן בוך געזען, ווי דער רמב"ם און די וואָס גייען אין זיין שיטה האָבן ערקלערט, אַז דער גרעסטער עיקר איז — פאַרשטיין גאָט (ידיעת השם יתברך), באַגרייפן מיטן שכל די גרויסע חכמה פון זיינע מעשים [1]. די באַשעפער פונם „ספר חסידים" האָבן אָבער געהאַלטן פאַרן „גרעסטן עיקר" און וויכטיקסטן ציל די ל י ב ע צו גאָט, אַ גיריקע, ברענענדיק־הייסע ליבע, וואָס איז שטאַרקער אפילו פונם טויט, פונם חשק און לוסט צום לעבן.

„שטאַרקער פון אַלץ — דערקלערט דער „ספר חסידים"—דאַרף זיין די ליבע צו גאָט; מיט גרויסער ליכטיקער פרייד דאַרף זי באַלייכטן און באַשיינען דעם מענטשנס נשמה. און די דאָזיקע ליבע צו גאָט דאַרף זיין פריי פון וועלכע ס'איז זייטיקע טעמים; ניט אויס מורא פאַר שטראָף און ניט צוליב וועלכן ס'איז שכר, נאָר אויס אמתער איבערגעגעבנקייט צו גאָט דעם באַשעפער, ווייל ער איז די העכסטע מדרגה פון אמת, דער פולקומסטער תמצית פון גוטסקייט און לייטזעליקייט... גאָט דעם באַשעפער דאַרף מען ליב האָבן מיט הייסער, שטאַרקער ליבע, מען דאַרף קראַנק זיין פון דער ליבע, ווי אַ מענטש איז קראַנק אויס ליבע צו זיין געליבטער, ער קען אָן זיין ליבע קיין איינציקע מינוט ניט פאַרגעסן, און טראַכט וועגן איר זיצנדיק און שטייענדיק, גייענדיק און קומענדיק, ווען ער עסט און ווען ער טרינקט, אפילו שלאָפן און אַנטדרעמלט ווערן קען ער ניט אויס ליבע. נאָך פיל, שטאַרקער דאַרף פלאַמען אין מענטשנס האַרצן די ליבע צום באַשעפער" [2]. „קענן די אַכצן ברכות אין „שמונה־עשרה", — שטרייכט אונ־

1 זע „מורה נבוכים", חלק שלישי, פרק נ"ד: „לחשוב מחשבות אמונות ודעות עבודה השם... זאת היא התכלית האחרונה והיא משלמת האדם שלמות אמת, והיא לו לבדו ובעבורה יזכה לקיום נצחי ובמה האדם אדם".

2 דאָרטן, סי' 14.

טער דער „ספר חסידים" — ווערט אין „שיר השירים" אַכצן מאָל איבער־געחזרט דאָס וואָרט ליבע"[1]. אַלע תענוגים פון דער וועלט פאַרלירן זייער גאַנצן ווערט אַנטקעגן דעם פאַרגעניגן און זיסער פרייד, וואָס דער מענטש געניסט בעת ער האָט דערפילט אין זיך דעם ליבע־ברען צו גאָט. עס איז ניט פאַראַן קיין גרעסערער גליק אויף דער וועלט ווי זיך מוסר־נפש זיין אויס ליבשאַפט צום בורא עולם"[2].

אין יענער פינסטערער צייט פון בלוט און שרעק, ווען יעדער פשוטער ייד אַפילו איז געווען בחזקת „קדוש", און האָט יעדע מינוט באַדאַרפט זיין גרייט זיך מוסר־נפש זיין פאַר זיין אמונה, האָט דער „ספר חסידים", אָט דער מוסר־ספר, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ניט דורך דעם יחיד, נאָר פון אַ גאַנצן קיבוץ — זיך געפלייסט וואָס שטאַרקער צו וועקן אין די הערצער פונם פאָלק דאָס התלהבות, דעם מיסטישן עקסטאַז פון מסירת־נפש און קידוש־השם. עס איז דערפאַר גאַנץ באַגרייפלעך, וואָס די גאָטספאָרכ־טיקע פאַרפאַסער פונם „ספר חסידים", וועלכע האָבן געהאַלטן פאַר דער גרעסטער מצווה דאָס לערנען די הייליקע תורה — האָבן דאָך זיך פאַר־האַלטן מיט אַ געוויסער קאַלטקייט, צייטנווייז אַפילו מיט רוגזה, צו דעם תלמודישן פילפול פון די בעלי־התוספות. די הויפט־גרינדער פונם „ספר חסידים"[3] זיינען דווקא פערזענלעך געווען גאַנץ נאָענט צו די בעלי־התוספות, נאָר אַלס מענטשן פון טיפן געפיל און הייסער התלהבות, האָבן זיי ניט געקענט זיך גלייכגילטיק פאַרהאַלטן אָט צו דעם שכלדיקן, נאָר קאַלטן סיסטעם פון איבערגעשפיצטער מוח־אַרבעט און קונציקע המצאות, וואָס קענען אַזוי ווייניק געבן דעם אָנגעווייטאָגטן האַרץ פונם פשוטן פאָלק, וועל־כעם גאַרט נאָך טרייסט און האָפענונג. און אָט דער פּראָטעסט קעגן טרוקע־נעם פילפול פילט זיך שוין גאַנץ בולט אינם אַריינפיר פונם עלטסטן טייל „ספר חסידים", פון ר' שמואל הנביאס „ספר היראה".

„פאַר יראי שמים און פאַר די, וואָס אַכפּערן זיין הייליקן נאָמען — אַזוי הייבט אָן דער בעל „ספר היראה" — וועל איך שרייבן לזכרון דעם דאָזיקן ספר. זאָלן זיי און זייערע קינדער לערנען אויס אים ווי אַזוי מען דאַרף זיך פאַרכטן פאַר גאָט. און איך נעם מיך דערצו ניט דערפאַר, וואָס איך בין דער קליגסטער פון אונזער דור, איך ווייס ווי קליין איך בין. אין מעשים טובים און אין תורה, און אין מיין דור זיינען אַוודאי דאָ אַ סך גרע־סערע פון מיר אין תורה, חכמה, מעשים טובים און יראת שמים, נאָר יענע

1 פאַרמער מאַנוסקריפּט, סי' 389: „שמונה עשרה פעמים אהבה בשיר השירים כנגד שמונה עשרה ברכות".

2 „ספר חסידים", באָלאָניער אויסגאַבע, סי' 300.

3 שמואל „הנביא", יהודה חסיד און אלעזר בעל הרוקח.

פאַרנעמען זיך אוים פיל הכמה מיט לויטער פילפול און תלמוד, וואָס זיין חכמה איז אַזוי טיף"[1].

אָבער, איז מוסיף דער פאַרפאַסער, נים אַלע יראי־שמים זיינען בעלי תורה און קענען גום לערנען. עס זיינען פאַראַן אַזוי פיל, וואָס „זייערע הערצער ברענען מים גלוסטעניש צו דערפילן דעם רצון פונם בורא, זיי ווייסן אָבער נים דעם דרך ווי אַזוי צו דערפילן דעם באַגער פון זייער הארץ". אָט פאַר די פשוטע, תמימות־דיקע מענטשן, וואָס זיינען נים שטאַרק באַהאַוונט אין די שבלדיקע סוגיות פון דער גמרא, נאָר וואָס זייער הארץ „ברענט" אוים חשק צו גאָטס ווילן, האָט דער גאָטספאַרכטיקער שמואל בן קלונימוס געשריבן זיין ספר.

אָט זיי, די דאָזיקע פשוטע מענטשן פונם פאָלק, ערקלערט דער „ספר חסידים", אַז אַ ירא־שמים איז חשובער פון אַ תלמיד־חכם[2], אַז די גרעסטע פרייד פאַרן מענטשנס נשמה איז די תפילה צו גאָט, די תפילה, וואָס רייסט זיך אַרוים פון די טיפענישן פונם האַרצן, נים די קאַלטע, בלויז איינגעחזרטע.

„ווען עס וועט קומען צו דיר — לערנט דער „ספר חסידים" — אַ ייד, וואָס פאַרשטייט נים קיין לשון־קודש, נאָר ער איז אַ ירא־שמים און וויל דאַוונען מיט כוונה, אָדער אַז ס'וועט קומען אַ יידענע, וואָס פאַרשטייט אַוודאי נים קיין לשון־קודש, זאָלסטו זיי זאָגן זיי זאָלן דאַוונען אויף דעם לשון, וואָס זיי פאַרשטייען, וואָרעם די תפילה, דאָס איז דאָך דאָס געבעט פונם האַרצן, און וויבאַלד דאָס האַרץ ווייס נים, וואָס די ליפּן זאָגן, וואָס קען העלפן אַזאַ תפילה? לכן איז בעסער יעדער מענטש זאָל מתפלל זיין אויף דעם לשון, וועלכן ער פאַרשטייט"[3].

און דער „ספר חסידים" ברענגט דערביי אַן אויסטערליש שיינע מעשה, וואָס רירט אַזוי מיט איר האַרציקער פשטות, נאָר עס פילט זיך אין איר אַגב אויך דער פאַרבאָרגענער שפּאָטישער שמייכל איבער די שאַרף־שכלדיקע „תלמידי חכמים":

אַ מעשה פון איינעם אַ יידיש קינד, וואָס איז געווען אַ פאַסטעך. ער פלעגט פאַשען בהמות, און איז געווען אַזאַ עם־הארץ, אַז ער האָט אפילו נים געקענט דאַוונען. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער נאָר אַזוי זאָגן: „רבונו־של־

---

1 „ספר חסידים", פּאַרמער מאַנוסקריפּט, סי׳ א": „...אלא מרוב חכמתם מפלפלים בתלמוד אשר אין קץ לחכמתה". זע אויך באָלאָניער אויסגאַבע סי׳ 51. קענגן דעם פּילפּול צילן אויך די סימנים 292 און 599.

2 דאָרטן, סי׳ 361: „תלמיד חכם וירא שמים — ירא שמים קודם".

3 דאָרטן, די געוויינלעכע אויסגאַבע, סי׳ 588 און 785.

עולם! דיר איז דאָך באַוווּסט, ווען דו זאָלסט האָבן בהמות און דו זאָלסט זיי מיר איבערגעבן צו היטן, איז אַלעמען היט איך פאַר געצאָלט, דיר אָבער וואָלט איך געהיט גאָר בחינם — אָט אַזוי שטאַרק איז מיין ליבע צו דיר".
אַמאָל איז נחאָד פאַרבייגעגאַנגען אַ תּלמיד־חכם, און ער הערט ווי דער פּאַסטעך דאַוונט עס אַזוי. זאָגט ער צו אים: „שוטה! זאָלסט זיך ניט דער־וועגן אַזוי מתפּלל צו זיין!" פרעגט אים דער פּאַסטעך: „ווי אַזוי דען זאָל איך דאַוונען?" האָט דער תּלמיד־חכם מיט אים איינגעחזרט דעם סדר ברכות, קריאת־שמע און אַנדערע תּפילות, און אים אָנגעזאָגט, ער זאָל מער שוין ניט זאָגן זיין איינענע עם־האַרצישע תּפילה. דער תּלמיד־חכם איז זיך אַוועק זיין וועג, דער פּאַסטעך אָבער האָט גלייך פאַרגעסן די אַלע תּפילות, וואָס דער תּלמיד־חכם האָט מיט אים איינגעחזרט; זיין געוויינלעכע בקשה צו זאָגן האָט ער אָבער שוין מורא געהאַט צו זאָגן, האָט ער אינגאַנצן אויפגעהערט תּפילה צו טאָן. האָט דער דאָזיקער תּלמיד־חכם ביינאַכט אין חלום דערהערט אַ קול: „זיי וויסן, אַז באַם דו וועסט ניט גיין צו אים און אים ניט ערקלערן, אַז ער מעג זאָגן זיין געוויינלעכע תּפילה, וואָס ער פלעגט מתפּלל זיין איידער דו ביסט צו אים געקומען — וועסטו האָבן אַ שלעכטן סוף, וואָרעם דו האָסט פאַר יענער וועלט צוגעגזלט איינעם פון מיינע טרייע דינער". איז יענער גלייך אַוועקגעגאַנגען און געפרעגט דעם פּאַסטעך: „וואָ־סער תּפילה זאָגסטו?" האָט דער פּאַסטעך געענטפערט: „איך דאַוון גאָרניט. די תּפילות, וואָס דו האָסט מיר געלערנט, האָב איך פאַרגעסן, און די תּפילה וועגן די בהמות האָסטו מיר דאָך פאַרבאָטן צו זאָגן". האָט אים דער חכם וועגן חלום דערציילט און אים אָנגעזאָגט ער זאָל ווייטער זאָגן זיין געוויינלעכע תּפילה. „גאָט זעט — איז דערביי מוסיף דער „ספר חסידים" — איר האָט דאָ ניט קיין תּורה און ניט קיין מעשים טובים, נאָר דעם פּשוטן ווּנטש צו טאָן גוטס — און דאָס איז שוין פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ זייער וויכטיקער זאַך, וואָרעם די תּורה פאָדערט קודם־כּל דאָס באַוויליקונג פונם האַרצן" (רחמנא ליבא בעי) [1].

„אַ ריין האַרץ, אַן אָפענע נשמה און אמת אויף די ליפּן" [2] — אָט דאָס איז דער אידעאַל פון די באַשעפער פונם „ספר חסידים".

„גרויס איז די פרייד, וואָס שטאַמט פון האַרציקער תּפילה — דערציילט אונז דער „ספר חסידים" [3] — אָבער נאָר דעמאָלט, ווען אין דער תּפילה איז אויסגעגאָסן ניט נאָר זיין איינגענער ווייטאָג און זיין אייגן ווּנטש,

---

1 פּאַרמער מאַנוסקריפּט, סי' 5 — 6. פּאַראַלעלע מעשיות ביי אַנדערע אומות, זע: Hebrew union college Annual, 1927, V. IV, 370 — 374.

2 „שפת אמת ורוח נכון ולב טהור" („ספר חסידים", סי' 51).

3 דאָרטן, סי' 553

נייערט אויך די לײדן און דאָס באַגערן פֿון זײַנע גאָענטע, ווי אין פּסוק שטייט: „ואהבת לרעך כמוך״...

„ואהבת לרעך כמוך״ — אָט דאָס איז דער איינציקער כּלל פֿון מאָראַל, די ריכטיקע און איינציקע מאָס, מיט װעלכער מען דאַרף, לויט דעם „ספר חסידים״, שאַצן און מעסטן אַלע מעשים, דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן [1].

ווי דאַרף זיך נוהג זיין אַ מענטש, וואָס באַזיצט די מאַכט צו געוועלטיקן איבער אַנדערע מענטשן? זאָל דער מענטש באַטראַכטן און געדענקען — לערנט דער „ספר חסידים״ — ווי וואָלט ער געוואָלט מען זאָל אים באַהאַנדלען, ווען ער זאָל זיין אין יענעמס רשות, אָט פּונקט אַזוי זאָל ער זיך נוהג זיין מיט זיינע קנעכט און דינער״ [2]. „אַ מענטש טאָר ניט בעטן פֿון זיין טובה וועגן אַזוינס, וואָס קען אַן אַנדערן שאָדן ברענגען, און ווער עס האָט אין זינען טובת הכּלל (תּיקון העולם) נאָך איידער ער טראַכט וועגן זיין איינענער טובה — וועט אויך אים זיין גוט און וווּיל״ [3]. אַ מענטש דאַרף ניט אַרויסשטעלן זיין פּערזאָן פֿריער פֿון אַלע אַנדערע; ער דאַרף ניט זאָגן: „איך און דו״, נאָר: „דו און איך״ [4].

די אונטערדריקטע און געיאָגטע ברידער זייערע לערנען די באַשעפֿער פֿונם „ספר חסידים״: „פֿון אַלע מעלות איז די בעסטע עניוות״ [5]. „ענטפֿער ניט אויף יענעמס זילזולים; טוט יענער דיר שעלטן — פֿאַרשווייג״ (סי׳ 650). „מעשה בחסיד אחד — דערציילט דער „ספר חסידים״ — וואָס איז געווען אַ זקן מופלג. האָט מען אים געפֿרעגט: מיט וואָס האָסטו עס זוכה געווען אויף אַזאַ אריכות ימים? האָט יענער געענטפֿערט: אין מיין לעבן האָב איך קיינעם ניט אָפּגעענטפֿערט אויף זיינע זילזולים און קללות, נאָר איך פֿלעג גלייך מוחל זיין דעם, וואָס האָט מיר מצער געווען״ (סי׳ 649). „מעשה בחסיד אחר[6] — דערציילט ווייטער דער „ספר הסידים״ — האָט איינער געהאַט די העזה אים מבייש צו זיין און שטאַרק אים געזידלט. איז קהל שטאַרק אין כּעס געוואָרן און באַשלאָסן: אויף אַזאַ מענטשן דאַרף מען גוזר חרם זיין. האָט זיי דער חסיד געזאָגט: טוט דאָס ניט. האָבן יענע געטענהט: מען דאַרף אים שטראָפֿן, כּדי ער זאָל ווייטער זיך ניט ערלויבן אַזוינס צו טאָן. דער חסיד האָט זיי אָבער געענטפֿערט: לערנט זיך פֿון

1 זע דאָרטן, סימנים: 218, 247, 349, 470, 932, 967, 982 און אַנדערע.

2 דאָרטן, סי׳ 668.

3 פּאַרמער מאַנוסקריפּט, סי׳ 478.

4 געהיינלעכע אויסגאַבע, סי׳ 15.

5 דאָרטן, סי׳ 53: „בכל המעלות זו היא המשובחת הענוה״.

6 סי׳ 182.

מיר און טוט אויך אַזוי. איך ענטפער מיט שווייגן אויף דער באַליידיקונג, און איך וויל ניט איר זאָלט צוליב מיר פאַרפירן אַ קריג. און טוט אויך ווייטער ווי איך: ווען אייך נידערטרעכטיקע מאַכן צו שפּאָט, ווען זיי אייך לעסטערן און שענדן — מאַכט אייך דערפון ניט וויסן, רעכנט זיך ניט מיט זייערע רייד". ניט רעכענען זיך מיט די רייד פון שפּעטער און אָפּלאַכער — אָט דאָס איז דער אמתער שורש פון חסידות [1]; און די גרעסטע עבירה איז יענעם מבייש זיין בפני רבים[2]. ווען איינער איז עפנטלעך מבייש אַדער מצער דעם אַנדערן, איז גלייך ווי ער האָט יענעם געהרגעט. מען דאַרף זיך זייער היטן יענעם ניט מבייש צו זיין, אַפילו ניט ווילנדיק; אין דער אַנוועזנהייט פון אַ קנעכט אָדער אַ זון פון אַ קנעכט טאָר מען ניט ריידן מיט פאַראַכטונג וועגן קנעכט [3]. אין אַנוועזנהייט פון אַ אַבלינדן אויף איין אויג דאַרף מען ניט ריידן וועגן באַשעפענישן מיט איין אויג [4]. בעת מ'הערט ווי דער מלמד איז זיך טועה ביים לערנען מיט זיינע תלמידים, טאָר מען אים ניט אָפן ערקלערן: „דו טייטשסט פאַלש!" איז מעגלעך אים אויפמערקזאַם מאַכן אויף זיין טעות און אים דערביי ניט פאַרשעמען, איז גוט, אלא ניט — גיב דאָס איבער זיינעם אַ נאָענטן מענטשן, יענער זאָל אים דאָס ערקלערן, אַבי אים ניט מבייש צו זיין [5]. ביי אַן אורח טאָר מען ניט פרעגן קיין דברי תורה בכל־זמן מען איז ניט זיכער, אַז יענער איז אימשטאַנד צו ענטפערן [6]. מען טאָר ניט מבייש זיין בפני רבים ניט קיין דינער און ניט קיין קנעכט [7], און עס איז אַ גרויסע עבירה מצער זיין וועלכע ס'איז באַשעפעניש, אָדער אָנלאָדן אויף אַ בהמה מער משא ווי זי איז אימשטאַנד צו דערטראָגן [8]. מען טאָר ניט אָפּשניידן קיין עק ביי אַ בהמה, ווייל מען איז דאָך זי דערמיט מצער און זי איז ניט אימשטאַנד אָפּצוטרייבן פון זיך די פליגן [9]. „פיינט האָבן, לערנט דער „ספר חסידים", מעג מען נאָר

---

1 דאָרטן, סי' 7.

2 דאָרטן, סי' 54.

3 פאַרמער כתב־יד, סי' 96.

4 געוויינלעכע אויסגאַבע, סי' 635.

5 דאָרטן, סי' 310.

6 דאָרטן, סי' 312.

7 דאָרטן, סי' 665.

8 דאָרטן, סי' 666. אינם פאַרמער וואַריאַנט ווערט וועגן דעם געבראַכט אַ אינטערעסאַנטע מעשה מיט אַ אייזל (סי' 144).

9 דאָרטן, סי' 589.

דאָס, וואָס גאָט ברוך הוא האָט פיינד" (אין לשנוא אלא מה שהקב"ה שונא) [1].

אין זייער אַ סך דברי מוסר און ווערטלעך פונם „ספר חסידים" הערט זיך דאָס אמתע פּיקחות פונם פּשוטן פאָלק מיט זיין תמימותדיקער וועלט־אָנשויונג. „זיי ניט מקנא דעם, וואָס איז גרעסער פון דיר, און זיי ניט מבזה דעם, וואָס איז קלענער פון דיר" (סי' 282). „שווייגן איז די בעסטע חכמה. האָב איך גערעדט, קען מיר אויסקומען דערנאָך חרטה האָבן; רייד איך ניט, האָב איך ניט אויף וואָס חרטה צו האָבן כל־זמן איך האָב דאָס וואָרט פון מיין מויל ניט אַרויסגעבראַכט, געוועלטיק איך איבער דעם וואָרט; האָב איך עס שוין אַרויסגעבראַכט, געוועלטיקט דאָס וואָרט איבער מיר" [2].

„אונזער וועלט איז קעגן יענער וועלט ווי אַ חלום קעגן וואָר זיין", לייענען מיר אין „ספר חסידים" [3]. דאָך האַלטן די פאַרפאַסער פונם „ספר חסידים" גאַנץ ווייניק פון סיגופים און פייניקן זיך, און זיי ערקלערן, אַז „ווער עס פייניקט זיך, דער הייסט אַ זינדיקער" (כל את המסגף עצמו נקרא חוטא). דער מענטש איז מחויים השגחה געבן אויף זיין געזונט, בכדי ער זאָל כּוח האָבן דינען דעם בורא עולם [4], ער דאַרף זיך אָבער אויך זייער היטן פאַרן יצר־הרע, באַזונדערס דאַרף ער געהיט זיין, ניט נכשל צו ווערן אין דער תאווה צו שיינקייט פון פרויען, וואָרעם די דאָזיקע תאווה פירט זייער אָפט אַראָפּ פונם דרך־הישר און ברענגט לידי עבירה. „זע ווי גרויס ס'איז דער יצר־הרע פון פרויען־ליבע, וואָרנט דער „ספר חסידים", שמשון איז געווען דער גבור צווישן אַלע גבורים, דוד המלך דער חסיד איבער אַלע חסידים און שלמה המלך דער חכם איבער אַלע חכמים — און זיי אַלע דריי זיינען דורך פרויען נכשל געוואָרן... אָט ווי גרויס ס'איז דער נסיון פון פרויען [5]. דערפאַר — וואָרנט דער „ספר חסידים" — דאַרף מען זען זיין וואָס ווייטער פון זיי, וואָס ווייניקער קוקן זיי אין פּנים אַריין. בחורים דאַרפן ניט אַרומגיין מיט מיידלעך צוזאַמען. זאָלן מיידלעך טאַנצן באַזונדער און בחורים זיך האַלטן מיט די זקנים. אַפילו קינדער דאַרפן אויך ניט שפּילן צוזאַמען, נאָר מיידלעך באַזונדער און יינגלעך באַזונדער" [6]

---

1 דאָרטן, סי' 973.

2 דאָרטן, סי' 36: „כללה של חכמה — שתיקה. מלה בסלע, שתיקותא בתרין. כשאני מדבר אני מתחרט, ושאיני מדבר איני מתחרט. עד שלא דברתי אני שליט ומושל על דברי; אבל כשיצא הדבר מפי, אז הדבר מושל בי."

3 דאָרטן, סי' 15.

4 דאָרטן, סי' 127 און 617.

5 דאָרטן, סי' 619.

6 דאָרטן, סי' 168.

דערפאַר מאַכט לייגט דער „ספר חסידים" אַזוי פיל אויפמערקזאַמ־קייט אויפן ריינקייט פונם פאַמיליען־לעבן, און איז אַזוי שטאַרק מדקדק אין יעדן פּרט, אין יעדער מינדסטער קלייניקייט, וואָס איז נוגע דאָס אינ־טימע לעבן פון מאַן און ווייב.

„זאָל דער מענטש ניט זאָגן — וואָרנט דער „ספר חסידים" — איך בין אַזוי אָרעם, ווי מעג איך נעמען אַ פרוי. איך וועל דאָך ניט האָבן מיט וואָס זי מפרנס צו זיין. ווער עס טראַכט אַזוי, דער איז פון די „מחוסרי אמונה", האָט אַ קליינעם בטחון אין גאָט. אויך דער, וואָס האָט ברויט בלויז אויף היינטיקן טאָג און ער דאגהט: פון וואָס וועל איך מאָרגן לעבן — דער איז פון די „מחוסרי אמונה"[1]. ווען אַ יונגער בחור וויל נעמען פאַר אַ ווייב אַ פיל עלטערע פאַר זיך — דאַרף אַן אמתער חסיד, וואָס האָט מורא פאַר אַן עבירה, זיך האַלטן דערביי פון וויטן און קיין אָנטייל ניט נעמען אינם שידוך"[2]. „מען טאָר זיין טאָכטער ניט חתונה מאַכן פאַר אַ זקן" — וואָרנט דער „ספר חסידים" — סיידן זי אַליין וויל דווקא אים און ניט קיין אַנדערן. עס שטייט אין דער תורה: דו טאָרסט דיין טאָכטער ניט איבער־געבן אויף זנות", דאָס הייסט: מאַך איר ניט חתונה פאַר אַ זקן, אָדער פאַר דעם, וואָס איז איר ניט ליב... עס שטייט דאָך: ואהבת לרעך כמוך, אַזוי ווי דו וואָלסט ניט געוואָלט נעמען אַ פרוי, וואָס איז דיר נמאס, אַזוי זאָלסטו אויך דיין טאָכטער ניט צווינגען דערצו". אַ זקן ווידער, ווען ער נעמט אַ בתולה, באַגייט ער אויך אַ זינד. און דער „ספר חסידים" דערציילט וועגן דעם אַ „מעשה": „עס האָט זיך אַמאָל געטראָפן, מען האָט געוואָלט אַן אַלטן מאַן משדך זיין מיט אַ בתולה, האָט דער זקן ניט געוואָלט, ווייל ער האָט מורא געהאַט צו באַגיין אַ זינד. האָט מען אים נעזאָגט: „זי וויל אָבער נאָר דיך". איז דאָן דער זקן געגאַנגען צו דער דאָזיקער בתולה, אָפּגעדעקט דעם קאָפּ זיינעם און געזאָגט: „זע ווי אַלט איך בין, מיין קאָפּ איז אינגאַנצן גראָ, איך בין געבויגן פון עלטער, זאָלסט ניט זאָגן: „איך האָב דערפון ניט געוווסט". האָט זי געענטפערט: „מיין האַר! איך בין גרייט דיר די פיס צו וואַשן אַבי טראָגן דיין נאָמען". האָבן זיי חתונה געהאַט און געבאָרן לייטישע קינדער[3]. איינעם אַן עלטערן מענטשן האָט מען דערציילט: „דאָרט און דאָרט וווינט אַ שיינע פרוי און זי וויל דיר נעמען, פאָלג אונזער עצה, גיי אַהין, נאָר פאַרב דיר פריער אָפּ די האָר אין שוואַרצן, ווען יענע מיינען דו

[1] דאָרטן, סי' 519.

[2] דאָרטן, סי' 379.

[3] דאָרטן.

ביסט נאָך ניט אַלט". האָט יענער געענטפערט: „חס וחלילה, איך וויל זי ניט נאַרן, זאָל זי טאַקע זען, אַז איך בין שוין אַלט"[1].

דער „ספר חסידים" שטעלט זיך אויך פיל אָפּ אויף קינדער־ערציען. כאַראַקטעריסטיש זיינען פאָלגנדיקע ווערטער: אויב דו זעסט, אַז דאָס יינגל נעמט לייכט איבער תנ"ך, דער לימוד פון תלמוד גיט זיך אים אָבער שווער, זאָלסטו ניט דוחק את השעה זיין און פאָדערן ער זאָל דווקא שוין לערנען גמרא. זאָל ער לערנען דאָס, וואָס ער פאַרשטייט, און גמרא וועט ער לערנען ווען ער וועט אַלט ווערן 15 יאָר. אלא אויב אַפילו דעמאָלט וועט די גמרא זיין פאַר אים צו האַרב, זאָל ער לערנען הלכות גדולות און מדרש[2]. יעדער איז אָבער מחוייב צו לערנען תורה אויך מיט זיינע טעכטער, זיי באַקאַנט מאַכן מיט די געזעצן און הלכות. און דאָס וואָס די גמרא זאָגט: כל המלמד לאשה תורה כאילו מלמדה תפלות, דאָס רעדט זיך נאָר וועגן די טיפעניש פון די סוגיות התלמוד און וועגן די פאַרבאָרגענע סודות פון דער תורה. אָבער — איז מוסיף דער „ספר חסידים" — מיט די מיידלעך דאַרף מען נאַטירלעך ניט לערנען קיין בחור, נאָר דער פאָטער גופא זאָל לערנען מיט זיינע טעכטער און מיט זיין פרוי[3].

איינציקע שטעלן רירן מיט זייער תמימותדיקער האַרציקייט. „אַ פאָטער — וואָרנט אַ שטייגער דער „ספר חסידים" — דאַרף אין בית־הכנסת ניט קושן זיין קינד: עס זיינען האָך דאָרט דאָ אויך חשוכי בנים, מענטשן, וואָס האָבן קיין קינדער ניט, קענען זיי דערביי האָבן עגמת־נפש"[4]. זייער אינטערעסאַנט איז אויך ווי די באַשעפער פונם „ספר חסידים" פאַרהאַלטן זיך צום בוך. מען מוז דערביי געדענקען, אַז דעמאָלסט איז נאָך קיין ביליג פאַפיר ניט געווען און פון קיין דרוק־וואַרשטאַט האָט מען נאָך אויך ניט געוווּסט; אַ בוך, אַ כתב־יד, איז געווען אַ יקר המציאות, אַן אמתער לוקסוס־אַרטיקל, און ניט יעדער איז געווען אימשטאַנד צו קויפן אַ ספר. מיר וועלן נאָך ווייטער זען, אַז אַפילו באַרימטע לומדים־רבנים האָבן געוויסע מסכתות (שוין ניט צו ריידן וועגן אַנדערע ספרים) אין זייערע אויגן זייער גאַנץ לעבן ניט געזען, ווייל עס איז זיי שווער געווען צו באַקומען. דערפאַר טאַקע שרייבט דער „ספר חסידים" אַזוי אָפט אונטער, וואָס פאַר אַ גרויסע מצווה דאָס איז — לייען דעם אַנדערן אַ ספר. „ווען איינער — ווייזט אָן דער „ספר חסידים" — האָט צוויי זין, איינער לייט גערן זיינע ספרים און דער אַנדערער ניט, זאָל דער פאָטער אַלע זיינע ספרים לאָזן בירושה דעם,

---

1 דאָרטן.

2 דאָרטן, סי׳ 308.

3 דאָרטן, סי׳ 313.

4 דאָרטן, סי׳ 255 און 639.

וואָס לייט גערן — וואויל און גוט וועט זיין צו זיין נשמה״[1]. „עס איז געווען אייגער — דערציילט ווייטער דער „ספר חסידים״ — וואָס פלעגט לייען זיינע ספרים מען זאָל לערנען אין זיי, האָט ער אָנגעזאָגט זיינע קינדער: געדענקט, אַפילו ווען איר וועט מיט ווען זיין אין קריג, זאָלט איר אים פונדעסטוועגן ניט אָפזאָגן צו לייען ספרים; טאָמער האָט איר מורא ער וועט אייך די ספרים ניט אָפגעבן, נעמט ביי אים אַ משכון, נאָר לייען דאַרפט איר... זייט וויסן, אַז ווען איר זעט אַמאָל, אַז ספרים ווערן פאַרברענט, איז דאָס אַן עונש דערפאַר, וואָס מען האָט זיי ניט געוואָלט לייען, יענער זאָל אויס זיי לערנען[2]. ווען איינער האָט ספרים צו פאַרקויפן און עס זיינען אויף זיי דאָ צוויי בעלנים: זיין אייגענער ברודער, וואָס ס'איז באַוווּסט, אַז יענער לייט קיינעם ניט קיין ספר, און אַ ווילד פרעמדער, וועלכער לייט גערן זיינע ביכער — זאָל ער זיי פאַרקויפן דעם ווילד-פרעמדן און ניט דעם קמצן דעם ברודער״[3]. „מעשה בחסיד אחד—דערציילט ווידער דער „ספר חסידים״ — איז ער געשטאָרבן און געלאָזן אַ סך ספרים. האָבן געקומען די יורשים און אויספאַרקויפט אַלע ספרים. האָבן באַקאַנטע געקרעכצט דערויף, וואָס די יורשים מוזן געבער פאַרקויפן דעם פאָטערס ירושה. איז דאָרט געווען אַ חכם, האָט ער געזאָגט: „איר האָט דערויף ניט וואָס צו זיפצן, איך וויים וואָסערע זינד ס'האָבן עס גורם געווען די ספרים זאָלן ניט בלייבן ביי די יורשים אין די הענט: זייער פאָטער פלעגט קיינעם קיין ספר ניט לייען״[4]. „עס האָט אַמאָל געטראָפן — דערציילט ווייטער דער „ספר חסידים״ — מען האָט אַ צדיק אויסגעגראָבן פונם קבר און אים אָנגעטאָן בזיונות. איז ער דערנאָך געקומען צו איינעם אין חלום און האָט דערציילט: „דאָס האָב איך עס באַקומען אַן עונש דערפאַר, וואָס איך האָב אויף ספרים קיין געהעריקע השגחה ניט געגעבן; איך פלעג זען ווי ספרים ווערן צעריסן און פאַרדאָרבן, און איך האָב זיי ניט איינגעבונדן״[5]. דער „ספר חסידים״ ברענגט אויך אַ גאַנץ פעקל מעשיות פון גאַנץ אינטימען כאַראַקטער, וועלכע שילדערן די גרויסע ליבע, וואָס אויך די מיטלאַלטערלעכע יידישע פרוי האָט געהאַט צום הייליקן ספר[6].

---

1 דאָרטן, סי׳ 270, 1036.

2 דאָרטן, סי׳ 871.

3 דאָרטן, סי׳ 927.

4 דאָרטן, סי׳ 869.

5 דאָרטן, סי׳ 911.

6 דאָרטן, סי׳ 873—875. די דאָזיקע מעשיות האָבן אַ באַדייטנדן עטנאָגראַפישן ווערט.

נאָר ווי טייער און ליב ס'זיינען הייליקע ספרים—טייערער פון אַלץ, שטרייכט אונטער דער „ספר חסידים", איז מדת הרחמים, רחמנות האָבן אויפן לעבעדיקן מענטשן.

„ווען איינער ווענדט דיך פרעגן — לערנט דער „ספר חסידים" — איך קען איצט מנדב זיין געלט, זאָגט מיר, וואָס איז גלייכער: זאָל איך עס געבן אַ סופר ער זאָל שרייבן אַ ספר תורה, צי זאָל איך עס אַוועקגעבן אָרעמעלעכע געמיינע לייט, וואָס האָבן אויף קיין מלבוש ניט? זאָלסטו אים זאָגן: ישעיהו הנביא האָט געהייסן: אם תראה ערום וכסיתו — זעסטו אַ נאַקעטן — קלייד אים אָן"[1]. „דערפאַר, איז מוסיף דער „ספר חסידים", איז בעסער צו חברן זיך מיט אַן עם-הארץ אַ וותרן, וואָס גיט גערן אַ נדבה, איידער מיט אַ תלמיד-חכם אַ בייזן קמצן"[2].

נאָך שטרענגער פאַרהאַלט זיך דער „ספר חסידים" צו די פּראָצענט-ניקעס, די מלוי פּרבית, און צו די, וואָס רייבן אָפּ דאָס גאָלד פון די מטבעות און פאַרקלענערן דערמיט זייער ווערט („מגלחי מעות"). „ווער עס פירט עסקים מיט פּראָצענטניקעס, מיט די, וואָס פיילן אָרום גאָלדענע מטבעות, און מיט זייער גלייכן—דער ווערט פאַראָרעמט ווערן", דערקלערט מיט כעס דער „ספר חסידים"[3]. „ווער עס גיט געלט אויף פּראָצענט — זאָגט ווייטער דער „ספר חסידים" — ווער עס פיילט אָרום די מטבעות, ווער עס פעלשט די וואָג און די מאָס אָדער טוט ענלעכע עוולות — אַלע וועלן זיי האָבן איין סוף: זיי וועלן אַלע פאַראָרעמט ווערן, זייערע קינדער וועלן ווערן צעזייט און צעשפּרייט און דאַרפן אָנקומען צו יענעמס הילף. אַזאַ סוף וועלן האָבן אויך די, וואָס האַנדלען מיט זיי צוזאַמען"[4].

צו די אינטערעסאַנטסטע בלעטער אינם „ספר חסידים" געהערן די, וו עס האַנדלט זיך וועגן דעם פאַרהאַלטן זיך פון די פאַרפאַסער פונם „ספר חסידים" צו זייערע קריסטלעכע שכנים. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז גראָד אין יענער צייט, אין דער תקופה פון שרעקלעכע רדיפות, האָט זיך פאַרשאַרפט די אָפּזונדערונג פונם יידישן קיבוץ פון דער פיינדלעכער אַרומיקער באַפעלקערונג. די באַשעפער פונם „ספר חסידים" פלייסן זיך טאַקע וואָס מער צו פאַרשטאַרקן די אָפּגעזונדערטקייט, זיי ווילן טאַקע די יידן זאָלן זיין אַן „עם לבדד ישכון", אַן אומה פאַר זיך, וואָס פאַרהאַלט זיך פרעמד צו דער אַרומיקער וועלט, מיידט אוים פרעמדע מנהגים. כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט, ווי דער „ספר חסידים" וואָרנט:

---

1 דאָרטן, סי' 1036.

2 דאָרטן, סי' 323.

3 דאָרטן, סי' 1073.

4 דאָרטן, סי' 1076.

איר טאָרט ניט דערמאָנען די נעמען פון די פרעמדע געטער, איר טאָרט אַפילו ניט גורם זיין, אַז דורך אייך זאָלן זיי די גויים דערמאָנען, ניט נאָר איר גופא זאָלט זיי אויף אייער מויל ניט ברענגען. דו טאָרסט ניט זאָגן דיין גוײשער דינסט, זי זאָל מיט לידער איינוויגן דיין וויינענדיק קינד, ווען דו ווייסט, אַז זי וועט זינגען אירע רעליגיעזע לידער״[1]. די דאָזיקע פיינדלעכע טענדענץ ווייזט אָבער אַרויס דער „ספר חסידים״ בלויז צו די פרעמדע מנהגים און „פרעמדע געטער״; גאַנץ אַנדערש אָבער פאַרהאַלט ער זיך בנוגע צו די פרעמדע איינוווינער, צו די קריסטלעכע שכנים גופא. די פאַרפאַסער פונם „ספר חסידים״ זיינען, ווי מיר וועלן ווייטער זען, פערזענלעך זייער פיל אויסגעשטאַנען פון די קרייצטרעגער און זייער אַכזריותדיקער ווילדקייט, זיי האָבן אָבער געקוקט אויף זייערע פייניקער בלויז ווי אויף בלינדע שלוחים פון גאָטס רצון, ווי אויף דער בלוטיקער רוט פון שטראָף און צאָרן, פאַר די גרויסע זינד, וואָס ייִדן זיינען קעגן גאָט און זיינע מצוות באַגאַנגען. „יעדעס מאָל — שטרייכט דער „ספר חסידים״ אונטער — ווען די אומות העולם טוען אונז שלעכטס, געשעט דאָס ניט דורך זייער בייזן ווילן, נאָר אַלס נעצאָלט און שטראָף פאַר דעם שלעכטס, וואָס ייִדן זיינען באַגאַנגען איינער קעגן דעם אַנדערן, אָדער דערפאַר, וואָס זיי האָבן די תורה מבזה געווען״[2]. „ווען דו זעסט, אַז אַ מלך אָדער דער שר פון דער שטאָט לייגט אַרויף פיל מס אויף דער קהילה, זאָלסטו וויסן: דאָס איז דערפאַר, וואָס קהל האָט ניט געשטיצט ווי געהעריק די אָרעמע לייט און יענע האָבן געמוזט נעבעך פאַרלאָזן זייער הויזגעזינד און גיין איבער דער וועלט זאַמלען נדבות״[3]. „מען טאָר קיינעם ניט אָפּנאַרן, ניט קיין ייִדן, ניט קיין גוי״, „מען טאָר אויך אַ גוי קיין שום עוולה ניט טאָן״ — אַזוינע אויסדרוקן באַגעגנט מען זייער אָפט אינם „ספר חסידים״[4]. „אינם פאַל, ווען אַ גוי האָט אַ טעות, טאָרסטו דערמיט זיך ניט באַנוצן, זאָל דורך דיר גאָטס נאָמען ניט פאַרשוועכט ווערן. איז אַ מענטש אָרעם, זאָל ער בעסער נדבות בעטן און ניט אַנטלויפן מיט גוייש געלט און דורך דעם זאָל גאָטס נאָמען פאַרשוועכט ווערן; וואָרעם די גויים וועלן זאָגן אויף די ייִדן: זיי זיינען גנבים, רמאים״[5]. „מען טאָר ניט אויסנוצן דעם

---

1 פאַרמער כתב־יד, סי׳ 346 און 349. דער „ספר חסידים״ פאַרבאָט אויך איינצושלעפערן דאָס קינד כ״ט יידישע רעליגיעזע ניגונים (זע געהיינלעכע אויסגאַבע, סי׳ 238).

2 דאָרטן סי׳ 209: „לא יעשו הערלים רעה אלא אם כן יעשו ישראל תחלה רעה ביניהם זה לזה או שמבזין את התורה״.

3 דאָרטן סי׳ 211.

4 זע למשל: סי׳ 7, 51, 1074 און פיל אַנדערע סימנים.

5 דאָרטן, סי׳ 1080.

מעות פון אַ גוי, וואָס איז מקיים די זיבן געבאָטן פון די בני נוח, זיין מעות איז אָסור; האָט ער עפּעס פאַרלוירן, דאַרפסט עס אים אומקערן, דו טאָרסט זיך ניט פאַרהאַלטן צו אים מיט ביטול, נאָר האַלט אים מער בכבוד ווי אַ יידן, וואָס וויל ניט עוסק זיין אין דער הייליקער תורה"[1]. „ווען אַ גוי לאָזט זיך אין אַ פרעמדער שטאָט אַריין און פרעגט זיך פריער אָן ביי אַ יידישן באַקאַנטן: ווער פון די דאָרטיקע יידן ס'איז באַגלייבט, מען זאָל מעגן מיט אים האַנדלען און ווער ניט, איז דער ייד מחוייב צו זאָגן דעם אמת און וואָרענען דעם גוי, אַז מיט דעם און דעם טאָר מען ניט האַנדלען"[2]. „ווען אַ ייד גייט אין וועג און פוןביידע זייטן וועג איז גרוים דער זומפּ, און אים קומט אַנטקעגן איינער אָנגעלאָדן מיט משא, מעג יענער אַפילו זיין אַ גוי דאַרף ער אים אָפּטרעטן דעם וועג, ווי אין פסוק שטייט: און עד זאָל געפינען חן און לייטזעליקייט ביי גאָט און ביי לייטן; בעסער דיין חבר זאָל דיך אָפּשטופּן, איידער דו זאָלסט אָפּשטופּן דיין חבר'[3]. „מעשה באיש אחד, דערציילט דער „ספר חסידים", ס'אַמאָל געווען אַ ייד; האָט ער געהאַט אַ סך זין און טעכטער און אַלע זיינען זיי תיכף נאָך זייער חתונה אויסגעשטאָרבן, און דאָס אַלץ אַלס עונש דערפאַר, וואָס ער האָט געטאָן אומרעכט און גענאַרט דעם גוי מיט וועלכן ער האָט געהאַנדלט; וואָרעם גאָט ברוך=הוא איז אַ שופט צדק, ער נעמט זיך אָן פאַר באַגזלטע און באַרויבטע, סיי פאַר אַ יידן, סיי פאַר אַ פרעמדן"[4]. „מען מעג מתפלל זיין פאַר גאָט אויך צוליב אַ גוי, וואָס טוט גוטס, אַפילו פאַר אַ משומד, וואָס טוט טובות פאַר יידן"[5]. „דערמאָנט אַ ייד אַ פאַרשטאָרבענעם אָרנטלעכן מענטשן, סיי אַ יידן סיי אַ גוי, מעג ער אויף אים זאָגן: זכרונו לברכה"[6]. זייער כאַראַקטעריסטיש איז פאָלגנדיקע שטעלע אין „ספר חסידים": „ווען אַ ייד זעט — לייענען מיר אין סימן 1018 — אַז אַנדער ייד וויל הרגענען אַ גוי, וועלכער טראָגט מיט קיין שלעכטס אויף יענעם יידן, דאַרף דער ייד קומען צו הילף דעם גוי". און טאַקע תיכף דערביי געפינט זיך אַ צווייטער זאַץ, וואָס וואַרפט מיט אַמאָל, ווי אַ בליץ אין דער שטורעם=נאַכט אַ בלענדנדיק ליכט אויף די שרעקלעכע, אימהדיק פינסטערע און אוממענטשלעך בלוטיקע צושטאַנדן, אונטער וועלכע יידן האָבן דעמאָלסט געלעבט. „ווען אויף

[1] דאָרטן, סי' 358.
[2] דאָרטן, סי' 1086.
[3] דאָרטן, סי' 551.
[4] דאָרטן, סי' 661.
[5] דאָרטן, סי' 790.
[6] דאָרטן, סי' 982.

יידן — ווייזט אָן דער „ספר חסידים" — פאַלן אָן אין וועג גזלנים און די יידן האָט זיך איינגעגעבן זיי בייצוקומען און אויסהרגענען, נאָר דאָס האָבן צוגעזען זייטיקע גויים, און די יידן האָבן מורא יענע וועלן וועגן דעם דערציילן די קרובים און חברים פון די גזלנים, וואָס וועלן זיך דערנאָך אין די יידן נוקם זיין, האָבן די יידן דאָס רעכט צו הרגענען אויך די זייטיקע גויים, וואָס זיינען בלויז עדות געווען"[1].

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז דעם „ספר חסידים" האָט באַשאַפן ניט קיין יחיד, נאָר אַ גאַנצער קיבוץ אין משך פון דורות. ער איז באַשאַפן געוואָרן ניט נאָר פ אַ ר ן פאָלק, נאָר אין אַ געוויסער הינזיכט דורכן פאָלק גופא. ער האָט ווי אַ שוואָם אין זיך איינגעזאַפּט די האָפענונגען, אָנשווינגען, גלויבן און אָבערגלויבן פון די ברייטע שיכטן פונם פאָלק, און אַדאַנק דעם איז דער דאָזיקער מוסר־ספר געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע קוועלן פאַרן יידישן פאָלקלאָר אינם מיטלאַלטער. כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט אפילו דער סטיל פונם בוך. רעליגיעזע דינים און זאַצן פון מוסר און דרך־ארץ זיינען צונויפגעפלאָכטן מיט נאַיווע פאָלקסלעגענדן און פאַנטאַסטישע מעשיות, און די בלעטער פונם „ספר חסידים" זיינען פול מיט די אויסדרוקן און אַריינפירן, וואָס זיינען אַזוי טיפּיש געוואָרן פאַר דער שפּעטערדיקער יידישער פאָלקסטימלעכער מעשיות־ליטעראַטור: „מעשה בחכם אחד", „מעשה באשה", „מעשה בחסיד", „מעשה בזקנה", „מעשה בנכרי" אאַז"וו. דאָס רוב מאָראַלישע סענטענצן און אויסדרוקן זיינען אויך איינגעטונקט אין ספּורי מעשיות. ווייזט אַ שטייגער, דער „ספר חסידים" אָן, אַז ערב שבת איז אַ מצווה זיך צו באַשעפטיקן אויסשליסלעך נאָר מיט „צרכי שבת", ברענגט ער תיכף דערביי אַ מעשה: „מעשה באשה אחת, ס'איז געווען אַמאָל אַ יידענע, פלעגט זי אינם ערב שבת זיך פאַרנעמען מיט שפּינען פלאַקס און זיך ניט געהעריק אָפּגעבן „בצרכי שבת". איז נאָך איר טויט האָט איינער אין חלום געזען, ווי די אויגן און די הענט פון דער דאָזיקער יידענע ווערן געפּרענט אויף בינטלעך פלאַקס. האָט ער געפרעגט: „פאַרוואָס קומט דאָס איר אַזוי?" האָט מען אים געענטפערט: „אָט דערפאַר, וואָס זי פלעגט אינם ערב שבת פלאַקס שפּינען און פלעגט זיך ווייניק אָפּגעבן מיטן שבת צוגרייטן"[2]. וואָרנט ווייטער דער „ספר חסידים", אַז בחורים דאַרפן ניט טאַנצן מיט מיידלעך צוזאַמען, ווערט טאַקע תיכף, „ליתר תוקף", געבראַכט אַ זייער טיפּישע פאָלקסמעשה: „מעשה באדם אחד, איינער איז אַמאָל געריטן איינער אַליין ביינאַכט און מדבר ביים שיין פון דער לבנה. האָט ער פלוצלונג דערזען אַ גרויסע מחנה פון אַ סך וואָגנס, די וואָגנס זיינען אָנגעזעצט מיט מענטשן

1 דאָרטן, סי' 1017. 2 דאָרטן, סי' 122.

און ווערן אויך געשלעפּט פון מענטשן... אַז ער איז צוגעקומען נענטער, האָט ער דערזען, אַז דאָס זיינען לויטער מתים. פרעגט ער ביי זיי: „וואָס שלעפּט איר עס גאַנצע נעכט די אַלע וואָגנס?" האָבן יענע אים געענטפערט: „דאָס איז די שטראָף פאַר אונזערע זינד, וואָס ביים לעבן פלעגן מיר שפּילן און טאַנצן מיט מיידלעך און פרויען" [1]. דער „ספר חסידים" וואָרנט שטאַרק מען זאָל ניט נכשל ווערן דורך דעם יצר־הרע צו פרויען, און אויך דערביי ווערט גלייך געבראַכט אַ מעשה: „לערנט זיך אָפּ ביי די חסידי אומות העולם — ווייזט אָן דער „ספר חסידים" — עס איז געווען אַ שר און אין זיין שטאָט פלעגט יעדעס יאָר פאָרקומען אַ גרויסער יריד... פלעגן אַהין זיך צונויפקומען פיל פרויען פון זנות און איבער זיי אַלע איז געווען אַן עלטערע אָנגעשטעלט. האָט דער שר באַפוילן צו זיין געהילף: „גיי צו דער דאָזיקער עלטסטער פון די גאַסן־פרויען און זאָג איר צו אַז דו וועסט איר און אַלע פרויען באַצאָלן מער וויפל זיי רעכענען צו פאַרדינען אין משך פונם גאַנצן יריד. דינג פאַר זיי אָפּ אַ באַזונדער הויז, באַזאָרג יעדע פון זיי מיט אַ באַזונדער בעט, ריין וועש און גוטן מיטאָג, און האַלט זיי מיט אַלעמען אויס די גאַנצע צייט פונם יריד". אָט אַזוי פלעגט זיך דער שר נוהג זיין יעדן יריד" [2].

„אַ מענטש — לערנט דער „ספר חסידים" — דאַרף ניט זיין קיין כעסן און קיין קפדן". און טאַקע גלייך דערביי ווערט געבראַכט אַ מעשה וועגן איינעם, וואָס זיין פאָטער האָט אים אָנגעזאָגט פאַרן טויט, אַז ווען ער וועט שטאַרק אין כעס ווערן, זאָל ער למען־השם „איבערוואַרטן אַ נאַכט" און ערשט אין דער פרי טאָן דאָס, וואָס ער האָט בשעת כעס בדעה געהאַט צו טאָן. דער זון האָט פאַרשפּראָכן מקיים זיין די צוואה פונם פאָטער. דערציילט דער „ספר חסידים" ווי אַזוי דער דאָזיקער מענטש האָט אַמאָל חושד געווען זיין פרוי, אַז זי האָט געפעלשט אין אים, האָט ער בשעת כעס שיר ניט אומגעבראַכט אי זיין אומשולדיקע פרוי אי זיין אייגענעם זון, האָט ער זיך אָבער דערמאָנט אינם פאָטערס באַפעל; ביז אין דער פרי איז אָבער אַלץ קלאָר געוואָרן, דער מענטש האָט זיך איבערצייגט אין זיין טעות, און אַלע זיינען געווען איבערגליקלעך [3].

[1] דאָרטן, סי' 169. [2] דאָרטן, סי' 179. [3] דאָרטן, 655.

פערטער קאַפּיטל.

די ערשטע מיסטישע שטרעמונגען ביי יידן. — דער „ספר יצירה" און די „יורדי מרכבה". — זייער לערע און וועלטאַנשויונג. — די מיסטישע לערע ווערט איבערגעטראָגן פון מזרח־לאַנד אין דער ריין־געגנט. די רדיפות און צרות פאַרשטאַרקן די מיסטישע שטרעמונגען. יהודה חסיד אַלס מיסטיקער. — אלעזר פון וואָרמס און זיין שאַפן.

דער „ספר חסידים", וואָס איז געוואָרן אַזוי באַליבט ביים פאָלק, איז ענג פאַרבונדן מיטן נאָמען פון ר' יהודה חסיד. אין געדעכעניש פונם פאָלק איז ער פאַרבליבן אַלס דער איינציקער באַשעפער פונם באַליבטן מוסר־ספר, און די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט זיין נאָמען באַקרוינט מיט דעם פיל־פאַרביקן קראַנץ פון וואונדערבאַרע לעגענדן. אַן אַלטע אַגדה דערציילט, אַז נאָך איידער דער האָזיקער געטלעכער מאַן האָט די וועלט דערזען, זיינען שוין צוליב אים גרויסע וואונדער געשען. די מוטער זיינע, בעת זי איז מיט אים געווען מעוברת, איז אַמאָל פאַרבייגעגאַנגען די ווייבערשע שול אין וואָרמס; פּלוצלינג איז אין דעם ענגן געסל אָנגעפאָרן אַ שווערער לאַסט־וואָגן און האָט די שוואַנגערע פרוי צוגעדריקט פעסט צו דער וואַנט. איז דעמאָלסט אַ נס געשען: אין דער וואַנט האָט זיך מיטאַמאָל אַ וועלבונג געבילדעט און די פרוי איז דורך דעם ניצול געוואָרן[1]. לויט דער פאָלקס־לעגענדע איז ר' יהודה חסיד געווען אַ ווילדער עם־הארץ[2], ער האָט אַפילו דאַווענען ניט געקענט, און פלעגט גאַנצע טעג אַרומלויפן מיטן פייל־און־בויגן אין דער האַנט. אַמאָל איז געזעסן ר' שמואל חסיד (ר' יהודהס פאָטער) און האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים. פּלוצלונג לויפט אַריין יהודה חסיד און הייבט אָן וואַרפן פיילן. זיינען די תלמידים ברוגז געוואָרן און זאָגן צום

1 די זעלבע לעגענדע נאָר אין אַ גאַנץ אַנדערן וואַריאַנט ווערט געבראַכט אינם באַקאַנטן „שלשלת הקבלה": „וקבלתי מחכמי הדור כי בלכת רבנו יהודה החסיד לכנסת עבר קרון א' מאחורי ב"ה בהיותו שם והקרון הזה לוחצו מאוד ונעשה לו נס ופתח הקיר את פיו וקבלהו בתוכו וניצל, ועדיין נראה הרושם ההוא".

2 די זעלבע לעגענדע ווערט דערציילט אויך וועגן אַנדערע גדולים, צ"ב וועגן דעם רמב"ם.

רבין: „דו ביסט אַ גרויסער צדיק און למדן, דיינע אָבות זיינען אויך גרויסע למדנים געווען, און דיין זון איז אַזאַ עם־הארץ און פאַרנעמט זיך מיט אַ מלאכה פון גזלנים". האָט ר' שמואל גרויס עגמת־נפש געהאַט און זאָגט צו זיין זון יהודה: ווילסטו לערנען? ענטפערט יענער: יאָ. איז ר' שמואל אַוועקגעגאַנגען מיט זיין זון יהודה אין בית־המדרש אַריין און אים אַנידער־געזעצט לעבן זיין עלטערן זון אַברהם. האָט ר' שמואל אַרויסגעבראַכט פון זיין מויל אַ הייליקן „שם", איז דאָס גאַנצע בית־המדרש פול געוואָרן מיט אַזאַ בלענדנדיק ליכט, אַז אַברהם, דער עלטערער זון, האָט געמוזט דאָס פנים צודעקן, נאָר יהודה איז זיך גאַנץ רויִק זיצן געבליבן. האָט ר' שמואל אַרויסגעזאָגט נאָך אַן אַנדער שם, האָט אַברהם ניט אויסגעהאַלטן און האָט זיך איבערגעדעקט מיטן פאָטערס מאַנטל, און יהודה האָט בלויז דעם קאָפּ איינגעבויגן. האָט דאַן ר' שמואל אויסגערופן: „אַברהם, מיין זון! דאָס מזל פון היינטיקער שעה שיינט באַזונדערס פאַר דיין ברודער יהודה. ווייס, מיין זון, דו וועסט זיין אַ גרויסער למדן און אַ ראש־ישיבה, פאַר דיין ברודער אָבער וועלן זיין אָפן אַלע פאַרבאָרגענע סודות פון חכמת הנסתר און אַנט־פּלעקט וועט זיין פאַר אים אַלץ, וואָס ס'טוט זיך אויפן הימל און אויף דער ערד"[1].

פאַקטישע ידיעות וועגן ר' יהודהס לעבן זייַנען זייער ווייניק באַ־קאַנט. מען ווייס בלויז, אַז זיינע תּלמודישע ידיעות האָט ער צו פאַרדאַנקען זיין רבין, רבנו תּמס באַליבטן תּלמיד, ר'יצחק בר שמואל[2], און אַז אינם יאָר 1195 האָט ער געגרינדעט זיין באַרימטע ישיבה אין רעגענסבורג. אָט אין דער דאָזיקער ישיבה האָט עס אויפגעבליט די אייגנאַרטיקע מיסטישע לערע (חכמת הנסתּר), וואָס ס'האָט זי צום ערשטן פאַרפלאַנצט אין דייטש־לאַנד ר' שמואל החסיד, און שוין ביי זיין זון, בפרט אינם דור פון זיין זונס תּלמידים, האָט זי געוועלטיקט איבער די יידישע הערצער און פאַר־נומען אַ בכבודיקן אָרט אין דער יידישער קולטור. די ערשטע זוימען פון דער דאָזיקער לערע דאַרף מען זוכן נאָך גאָר אין די אַלטע דורות. עס איז קיין שום ספק נישט, אַז אויסגעשפּראָצט און יניקה געשעפּט האָבן די ערשטע אידעען פון דער „חכמת הנסתּר" אין די מזרח־לענדער, אין בבל און אין ארץ־ישראל. סימנים פון די דאָזיקע שטרעמונגען געפינען זיך שוין אין תּלמוד בבלי און אין תּלמוד ירושלמי, אין די פאַרבליבענע רעשטן פון דער

---

1 זע „מעשה־בוך", ז' 48, רעדעלסהיימער אויסגאַבע (ציטירט לויט גרינבוים, „יוד' חרעסטאָמאַטע", 9—418). „ספר מעשיות", ברילס „יאַהרביכער", XI, 32.

2 זע ווייס, „דור דור ודורשיו", חלק ד', 310 (נאָך דער אויסגאַבע פון 1904).

ליטעראַטור, וועלכע די אסיים [1] האָבן געשאַפן, און אויך אין די פיל ספרי פליאות און מיסטישע שריפטן, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין בבל אין דער תקופה פון די גאונים. שוין אין דער צייט פון בית שני האָט מען אין די שולן פון די אַסיים און פון די גאָטפאָרשער, די גנאָסטיקער (יודעים) זיך שטאַרק באַשעפטיקט מיט אויסטייטשן און ערקלערן די געוויסע שטעלן פון ספר יחזקאל [2], וו עס ווערט באַשריבן און געשילדערט אין אַלעגאָרישע בילדער גאָטס רייטוואָגן („מעשה מרכבה"). מען האָט דאָרט געזוכט טיפע סודות און רמזים וועגן זייער הויכע ענינים, אַרויסגעפונען פילע פאַרבאָרגענע נעמען פון דער פמליא של מעלה, און מאַכע אויך חידושמדיקע „שמות", ווונדערבאַרע פאַרהוילענע געטלעכע נעמען, וואָס מיט זייער הילף קען מען אַריינדרינגען איגם סוד פון „מעשה בראשית" — פון וועלט־באַשאַפן. שוין אין תלמוד ווערן אָפט דערמאָנט פירושים אויף „מעשה מרכבה". עס ווערט דאָרט אויך פיל גערעדט וועגן די סודות, וואָס ליגן פאַרבאָרגן אין פאַרשיידענע פאַרבינדונגען פון ווערטער און צאָלן, וועגן די גרויסע ניסים, וואָס קענען געטאָן ווערן דורך „צרופי אותיות", דורך קאָמבינירן און צוזאַמענהעפטן די אותיות פון גאָטס הייליקן נאָמען; וואָרעם גאָט ברוך־הוא גופא האָט דאָך אויך הימל און ערד באַשאַפן דורך דער קראַפט פונם שעפערישן וואָרט [3].

עס איז קיין ספק ניט, אַז נאָך צוויי הונדערט יאָר פאַר חורבן בית שני זיינען שוין ביי די יידישע גנאָסטיקער געווען געוויסע מיסטישע שריפטן מיט באַשטימטע כללים און אָנווייזונגען, ווי אַזוי אַריינצודרינגען אין די טיפע סודות פון „צרופי אותיות", בכדי צו זיין אימשטאַנד זיך באַנוצן פאַר באַשטימטע צוועקן מיט דער גרויסער קראַפט, וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין די בוכשטאַבן און צייכנס פון גאָטס הייליקן נאָמען. דאָס עלטסטע העב־

---

1 אַן אַסקעטיש-עטישע כיתה (סעקטע), וואָס האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אינם יידישן אידעען-לעבן אין די לעצטע צוויי הונדערט יאָר פונם בית שני.

2 יחזקאל, קאַפּיטלען: 1, 10, 43.

3 זע סנהדרין, דף סה עמ"ב; דף סז עמ"ב ברכות, דף נה, עמ"ב א. אַ. וו. חוץ דער השפּעה פון בבל איז אין די דאָזיקע מיסטישע אָנשויונגען צו דערקענען אויך די ווירקונג פון גריכישע און עגיפּטישע עלעמענטן. ביי די תנאים, צום ביישפּיל, ווערט אָפט איבערגעחזרט דער זאַץ: בעשרה מאמרות נברא העולם" — מיט צען מימרות האָט גאָט די וועלט באַשאַפן. אין דעם אויסדרוק „מימרא" (וואָרט-אויסשפּרוך) ווערט דאָ נעגעבן כמעט דער זעלבער סימבאָלישער באַגריף ווי אינם וואָרט „לאָגאָס", וואָס שפּילט אַזאַ באַדייטנדע ראָלע אין דער רעליגיעז-פילאָזאָפישער סיסטעם פון פילון, דעם יידישן דענקער אויס אַלעקסאַנדריע (ידידיה האלכסנדרוני). מער באריכות — אינם פערטן טייל פון אונזער ווערק.

רעלִיגיעזע ווערק, וואָס מיר באַזיצן, אין וועלכן עס ווערן באַהאַנדלט פילאָזאָ־פיש־מיסטישע פּראָבלעמען צוזאַמען מיט דער פראַגע וועגן „מעשה בראשית" — וועגן דעם סוד פון וועלטן־באַשאַפונג, איז דער אַלט־באַקאַנטער „ספר יצירה".

דאָס דאָזיקע באַרימטע ווערק, וואָס האָט געהאַט אַזאַ געוואַלטיקע השפעה אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונם יידישן רעליגיעז־פילאָזאָפישן געדאַנק, איז, ווי דער „ספר חסידים", אויפגעהיט געוואָרן אין צוויי וואַריאַנטן [1], נאָר ביידע זיינען שטאַרק פאַרגרייזט, און דאָס מאַכט נאָך טונקעלער און שווער־פאַרשטענדלעכער דעם טעקסט פונם בוך, וואָס איז אַזוי אויך אָנגעשריבן מיט אַ האַרבער מיסטישער שפּראַך, פול מיט רמזים און סודות. נאָר דווקא די האַרבע און טונקעלע שפּראַך האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די חשיבות פון דעם ספר [2]. מען האָט גערעכנט, אַז ער שטאַמט פון גאָר אַלטע, קדמונישע צייטן און אַלס מחבר פונם ספר האָט געגאָלטן אַב־הם אָבינו אַליין [3]. אַלע גדולי ישראל האָבן זיך פאַרהאַלטן צום „ספר יצירה" מיטן גרעסטן יראת־הכבוד. מענטשן פון פאַרשיידענע וועלט־אָנשויונגען: דער פשרה־מאַכער סעדיה גאון, דער נעאָפּלאַטאָניקער גבירול, דער עקלעקטיקער שבתי דונולו, מיסטיקער פון פאַרשיידענע תקופות, פון ר' אלעזר בעל „הרוקח" און דעם רמב"ן ביז דעם ווילנער גאון ר' אליהו — אַלע האָבן זיי געשריבן פירושים אויף דעם דאָזיקן ספר און זיך געשטיצט אויף אים, ווי אויף דעם גרעסטן בר־סמכא.

דער „ספר יצירה" איז ניט קיין גאַנץ בוך מיט אַן איינהייטלעכן סטיל; עס זיינען אין אים צונויפגעפלאָכטן דריי פאַרשיידענע טעמעס: 1) די אידעע וועגן געטלעכער השפעה, וואָס אוים איר האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט די לערע פון אצילות (עמאַנאַציע), וועגן וועלכער עס וועט נאָך ווייטער גערעדט ווערן באַריכות; 2) די לערע מכוח דער „גרויסער

---

1 ביידע וואַריאַנטן, איינער אַ קירצערער און דער אַנדערער אַ לענגערער, געפינען זיך אין כתב־יד אין מאַנטואַ (איטאַליע). פון זיי ביידע שטאַמען די טעקסטן פון די געדרוקטע אויסגאַבן פון „ספר יצירה" (זע א. עפּשטיין אין „מאָנאַטשריפטען", ב' 37, ז' 226; ב' 39, ז' 6 און 135; שם טוב, „ספר אמונות", 39b; א. יעלינעק, „ביטרעגע" 15; M. Lambert, Commentaire sur le Sefer Jezira Iner, IV -- VI)

2 לויט דער השערה פון אברהם עפּשטיין („החוקר", II, ז' 1 — 5), איז געווען נאָך אַ דריטער שפּעטערדיקער וואַריאַנט, וועלכן עס האָבן שטאַרק באַנוצט די דייטשע מיסטיקער פון ר' יהודה חסידס חדר.

3 זע, למשל, „כוזרי" IV, סי' 25. די לעגענדע נעמט זיך דערפון, וואָס אין דער לעצטער „משנה" פון „ספר יצירה" ווערט טאַקע אָנגעוויזן, אַז די דאָזיקע מיסטישע תורה האָט גאָט ברוך הוא מגלה געווען אברהם אבינון.

וועלט" (מאַקראָקאָסם) פון שטערן און פּלאַנעטן, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער „קליינער וועלט" (מיקראָקאָסם) — מיטן געבוי פונם מענטשלעכן קערפּער; 3) די מיסטישע לערע וועגן דער גרויסער באַשאַפנדיקער קראַפט, וואָס שטעקט אין „צרופי אותיות".

לויט דעם „ספר יצירה" איז דער איינציקער יסוד פון דער גאַנצער „מעשה בראשית" — גאָטס גייסט, וואָס אויס אים האָבן אָן אַ שום זייטיקע הילף „אַרויסגעשטראַלט" (עמאַנירט) צען ספירות[1]. „זייער סוף איז פאַרבונדן מיטן אָנהייב, ווי דער פלאַם מיט דער קויל"[2]. קודם-כל ווערן די „עשר ספירות" באַטראַכט אַלס דער חלל פון דער וועלט, אַלס יסוד פון רוים און פאַרנעם, וואָס ערשט דורך זיי ווערט באַשאַפן די מעגלעכקייט, זאַכן און באַשעפענישן זאָלן קענען מיטעקסיסטירן, ד"ה גלייכצייטיק פאַרנעמען אַן אָרט יעדעס באַזונדער. חוץ די זעקס „טיפענישן", וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די זעקס[3] מעסט-ריכטונגען „שאין להם סוף", וואָס האָבן ניט קיין עק און קיין גרונד, — רעכנט דער „ספר יצירה" אויס נאָך פיר „טיפענישן": די טיפענישן פון אָנהייב און סוף, דאָן פון גוטס און פון שלעכטס. איבער די אַלע צען „טיפענישן" געוועלטיקט פון אייביק אָן דער „איינציקער האַר"[4]. דאָן גייט אַ ווייטערדיקער פירוש אויף דעם מהות און באַדייט פון די צען ספירות. די ערשטע ספירה, דאָס איז דער רוח הקודש, דער „גייסט פונם לעבעדיקן גאָט", וואָס אַנטפּלעקט זיך „דורכן קול, גייסט און וואָרט"[5]. פון דער ערשטער ספירה שטראַלט אַרויס (ווערט „נאָצל", עמאַנירט) דער „גייסט", ד"ה די „לופט" פון וועלכער עס זיינען באַשאַפן געוואָרן די 22 אותיות פון דער תורה און אויך דער יסוד פונם וואַסער; און ערשט פונם וואַסער האָבן זיך געבילדעט די ערד און דאָס פייער. די לופט, דאָס וואַסער און דאָס פייער — זיי זיינען עס די קדמונישע יסודות, די ערשטע סובסטאַנצן, וואָס אויס זיי איז ערשט אַנטשטאַנען אַלץ, וואָס עקסיסטירט. די עמבלעמען און צייכנבילדער פון די דריי גרונד-שטאָפן זיינען די דריי גרונד-אותיות, די דריי „מוטערס"

1 וועגן דער אַנטשטייונג פון וואָרט „ספירה" זיינען פאַראַן חלוקי דעות. אייניקע רעכענען, אַז עס נעמט זיך פונם וואָרט „ספּיר" צייל; אייניקע ווידער דרינגען זיך, אַז עס שטאַמט פונם פּרעמד-וואָרט: ספעראַ; אַ קאַבאַליסט פון XIII יאָרהונדערט, דער מחבר פונם קבלה-ספר „מערכת אלהים", רעכנט גאָר, אַז עס שטאַמט פונם וואָרט ספּיר (אַ טייערער שטיין).

2 „ספר יצירה", פרק א' משנה ז': „עשר ספירות בלימה נעוץ סופו בתחלתו כשלהבת קשורה בגחלת".

3 צו צוויי אין יעדער ריכטונג: אין דער לענג, ברייט און הייך.

4 „ספר יצירה", קאַפּ' I, משנה ה'.

5 דאָרטן, קאַפּ' II, משנה ו'.

(אָמות) פונם אַלעף=בייז: אֹ מֹ שֹ. די שטומע מעם (מ׳ דוממות), מיט וועלכער עס הייבט זיך אָן דאָס וואָרט „מַים“, איז דאָס עמבלעם פון וואַסער, אין וועלכן עס לעבן די שטומע פיש; די „זידנדיקע שין“ (ש׳ שורקת), וואָס איז דאָך דער גרונד=אות פונם וואָרט „אש“, דערמאָנט אינם זידנדיקן פייער; און די אומפאַסבאַרע אַלעף, דער ערשטער אות פונם וואָרט „אויר“, איז דער סימבאָל פון דער אומפאַסבאַרער לופט[1].

די ווייטערדיקע אותיות פונם אַלף=בית פאַרבינדט דער „ספר יצירה“ שוין ניט מיט די ערדישע יסודות, נאָר מיט די שטערן און פּלאַנעטן. די זיבן טאָפּלטע אותיות זיינען קעגן די זיבן פּלאַנעטן (שבעה כוכבי לכת), זיבן טעג אין דער וואָך און זיבן עפענונגען אינם מענטשלעכן קערפּער און מיט דער הילף פון די צוועלף פשוטע אותיות זיינען באַשאַפן געוואָרן די 12 מזלות[2]. אמת, אויס דעם טונקעלן טעקסט פונם „ספר יצירה“ איז ניט גאַנץ קלאָר, וואָס פאַר אַ שייכות די 22 אותיות פון דער תורה האָבן צו די 10 ספירות, און וואָס פאַר אַ ראָלע עס האָט געשפּילט יעדער פון זיי בשעת „מעשה בראשית“, בעת פון די פשוטע יסודות, פונם לעבלאָזן און פאָרמלאָזן תוהו=ובוהו זיינען נולד געוואָרן לעבעדיקע פאָרמען, פול מיט סדר און אָרדענונג. איינס איז יעדנפאַלס קלאָר, אַז לויט דער וועלט=אָנשויונג פון דעם „ספר יצירה“ ווערן די אותיות און צאָלן, די עלעמענטן און בוי=מאַטעריאַל פון גאָטס שעפערישן וואָרט, — באַטראַכט ניט נאָר אַלס סימבאָלן, נאָר טאַקע אַלס די גרונד=פאָרמען פון אַלץ, וואָס עקסיסטירט. שוין אויפן ערשטן בלאַט פון „ספר יצירה“ ווערט גערעדט וועגן די „צוויי=און=דרייסיק וווּנדערבאַרע וועגן פון חכמה, וועלכע גאָט דער אַלמעכטיקער האָט געגרינדעט“[3], און אין די פאַרלעצטע צוויי משנות ווערט דערציילט וועגן דעם גרויסן סוד, ווי אַזוי פון די צוויי=און=צוואַנציק אותיות ווערן גאָטס הייליקע נעמען צונויפגעשטעלט, וואָס מיט זייער קראַפט „האָט גאָט זיין גאַנצע וועלט אויפגעבויט, באַשאַפן אַלע באַשעפענישן און אַלץ, וואָס דאַרף ערשט און וועט ערשט געבוירן ווערן“[4].

---

1 דאָרטן, פרק ג׳, משנה א׳.

2 דאָרטן, פרק ה׳, משנה ג׳.

3 דאָרטן, פרק א׳, משנה א׳: „בשלשים ושתים נתיבות פליאות הכמה חקק יָהּ ד׳ צבאות. די צען צאָלן צוזאַמען מיט די 22 אותיות זיינען עס די 32 וועגן פון חכמה און זיי אַלע פאַראייניקן זיך אין זייער איינציקן מקור — אין גאָט.

4 דאָרטן, פרק ו׳ משנה ה׳: „אלו הם עשרים ושתים אותיות שבהן חקק... ברא מהם את כל עולמו וצר בהם את כל היצור ואת כל העתיד לצור“. חוץ דעם „ספר יצירה“, זיינען אויפן באָדן פון בבל און פּאַלעסטינע באַשאַפן געוואָרן נאָך אַ ריי אַנדערע מיסטישע ביכער, וווּ די אותיות ווערן באַטראַכט אַלס סימבאָלן און גרונטשטאָף פון אַ ל ץ וואָס עקסיסטירט, ווי למשל: „מדרש אלפא ביתא דרבי עקיבא“ און אַנדערע.

עס וועט אונז נאָך ווייטער אויסקומען זיך לענגער אָפּצושטעלן אויף דער, אין דער געשיכטע פון מענטשלעכער קולטור אינטערעסאַנטער ערשיינונג, וואָס ביי די פאַרשיידנסטע פעלקער איז אַזוי שטאַרק געווען דער גלויבן אין דער מיסטישער קראַפט און גרויסן באַטייט פון דעם וואָרט גופא, פון די אותיות, וואָס אוים זיי אַנטשטייט דער נאָמען, דער באַגריף, דער סימבאָל. דערווייל וועלן מיר דאָ בלויז אָנווייזן אויף די אייגנאַרטיקע פאַרבונג, וואָס ס'האָט באַקומען אָט דער גלויבן אין דער סודותדיקער קראַפט פון די אותיות, אוים וועלכע גאָטס נאָמען ווערט צונויפגעשטעלט — ביי אַ ווייניק באַקאַנטער, נאָר זייער אינטערעסאַנטער גרופּע ייִדישע רעליגיעזע מיסטיקער, וועלכע האָבן געלעבט אין בבל אין דער צייט פון די גאונים. מיר האָבן גאַנץ קנאַפּע ידיעות וועגן דער דאָזיקער גרופּע, וואָס איז געווען אָרגאַניזירט אין אַ מין אָרדען און האָט געטראָגן דעם כאַראַקטעריסטישן נאָמען „יורדי מרכבה" (די וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פון גאָטס רייטוואָגן). מיר האָבן אָבער פון זיי אַלס ירושה אַ ליטעראַרישן דענקמאָל, וועלכער האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקע השפעה אויף די רעליגיעז=מיסטישע אָנשווּנגען פון דעם אייראָפּעישן ייִדישן קיבוץ. דער דאָזיקער דענקמאָל איז — דער מדרש „היכלות רבתי", וואָס איז אויך באַקאַנט אונטער אַ סך אַנדערע נעמען [1].

דער „היכלות רבתי" איז אָנגעשריבן געוואָרן אין אַ התלהבותדיקן, מיסטיש=פּאָעטישן, נאָר זייער אומגלייכמעסיקן סטיל. שטורמיש=פייערדיקע השתפכות הנפש, הייסע האַרציקע תפילות פול מיט באַגייסטערונג און ברענענדיקן פּאַטאָס, זיינען דאָרט צוזאַמענגעפלאָכטן מיט טונקעלע און אומפאַרשטענדלעכע השבעות, מיט אַ גאַנצן תוהו=ובהו פון קלאַנגען און הברות, וואָס פון זיי ווערן צונויפגעשטעלט די האַרבע און משונהדיקע קלינגענדיקע נעמען פון גאַנצע חיילות מלאכים, וואָס רינגלען אַרום די „מרכבה" — גאָטס רייטוואָגן. אַ כאַראַקטעריסטישע סטיל=אייגנאַרט פון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן ווערק, איז די גרויסע חולשה צו באַצייכענונגען און עפּיטעטן. ווערן, למשל, דערמאָנט הימלישע רייטער, וואָס טראָגן זיך איבער די הימלען אויף פייערדיקע פערד, ווערט דער „היכלות רבתי" ממש ניט מיד אויסצורעכענען, וואָס פאַר אַ מיני פערד דאָס זיינען געווען: „זייערע פערד זיינען פערד פון פינסטערניש, פערד פון טויט=שרעק, פערד

---

1 דער דאָזיקער מדרש איז אויך באַקאַנט אונטער די נעמען: „ספר היכלות", „ברייתא דר' ישמעאל", „פרק דר' ישמעאל", „פרק מרכבה", „מעשה מרכבה", „ספר המרכבה", „היכלות רבתי". דאָס ווערק איז פאַרעפנטלעכט אין יעלינעקס „בית המדרש", III, ז' 83 — 108 און 163 — 161.

פון שוואַרצער נאַכט, פערד פון פייער, פערד פון בלוט, פערד פון שטורם, פערד פון אייזן, פערד פון גרויל״[1]

בכדי אָנגעקומען צו ווערן אַלס מיטגליד אין דער חברה „יורדי מרכבה״, האָט מען געמוזט אויסשטיין זייער שווערע נסיונות: צוועלף טעג נאָכאַנאַנד האָט מען געמוזט זיצן ביחידות אויף איין אָרט און עסן און טרינקען, די אויגן געווענדט אויף אַ באַשטימטן פונקט, און אָן אויפהער זאָגן תפילות. דער בעל־תשובה קומט דורך דעם אין אַלע גרעסערן עקסטאַז, בּיסלעכווייז פאַנגט ער אָן איינצופלעכטן אין די תפילות ספּעציעלע השבעות, וואָס זיינען פול מיט נעמען פון גאַנצע כיתות מלאכים, און אין יעדן נאָמען באַזונדער איז פאַרבאָרגן אַ רמז אויף אַ הייליקן „שם״[2]. אָט דעמאָלט, ווען דער נייער מיטגליד פון דער חברה דערגרייכט צו דער דאָזיקער הויכער מדרגה, ווערט פאַר אים אַנטפּלעקט דער גרויסער סוד, דער „רז של תורה״, וואָס ליגט באַהאַלטן אין נאָטס אוצרות פון „ימי בראשית״ אָן [3], און די גאַנצע וועלט גאַרט און גלוסט נאָך אים ווי נאָך איר שענסטן צירונג און טייערסטער קרוין (דאָרטן, ז׳ 106).

„פרייט זיך, איר דינער מיינע! איר, פאַר וועמען עס האָט זיך אַנטפּלעקט דער סוד פון מיינע פאַרבאָרגענע אוצרות! פון אייך קומט די ישועה פאַר דער גאַנצער וועלט, און גרויס און אומבאַגרענעצט איז אייער מאַכט!״[4]. פאַר די אָפענע אויגן פון די „יורדי מרכבה״ זיינען קיין סודות נישטאָ. פאַר יעדער מיטגליד פון דער חברה איז גלוי וידוע אַלץ, וואָס עס קומט פאָר פאַרן כסא הכבוד און וואָס עס וועט און דאַרף פאָרקומען. פאַר קיינעם פון זיי זיינען מער קיין סודות נישטאָ, פאַר זיי ליגן אַנטפּלעקט אַלע מענטשלעכע מעשים, סיי אָפענע, סיי פאַרבאָרגענע, הן גוטע, הן שלעכטע (דאָרטן, ז׳ 83). ווער ס׳האָט די העזה אויף אַ „יורדי מרכבה״־מיטגליד אויפצוהויבן אַ האַנט, אָדער זאָגן אויף אים רכילות, — דער איז אַ פאַרפאַלענער אויף אייביק. גרויס און געוואַלדיק איז די מאַכט פון דעם, וואָס ס׳האָט די זכיה צו זען די „מרכבה״ אַליין, פאַר וועמעס אויג ס׳איז אַנטפּלעקט אַלץ, וואָס קומט פאָר אין די הימלישע היכלות...

„זיי, די „יורדי מרכבה״, זיינען מבטל שטרענגע גזירות. זיי מאַכן צו נישט די האַרבסטע שבועות, שטילן דעם צאָרן, צעשטערן די קנאה און

---

1 „סוסיהם סוסי שחק, סוסי צלמות, סוסי אפילה, סוסי אש, סוסי דם, סוסי ברד, סוסי ברזל, סוסי ערפל״.

2 „בית המדרש״, III, ז׳ 107. די דאָזיקע השבעות דאַרף מען איבערחזרן 112 מאָל. וועגן פּערסישער השפּעה זע אין יעלינעקס פאָררעדע, ז׳ XXI.

3 „גנוז מימות עולם ומימי בראשית״.

4 דאָרטן, ז׳ 105.

דערמאָנענ פאַר זייער קיניג די גרויסע ליבשאַפט פון אברהם אָבינו. ווען זיי דערזעען, אַז דער פּאָטער אין הימל איז דערצאָרנט אויף זיינע קינדער, ווייסט איר, וואָס זיי טוען? זיי וואַרפן אַראָפּ זייערע קרוינען, מאַכן לויז זייערע לענדן, שלאָגן זיך אין קאָפּ און פאַלן אויף די פּנימער און שרייען: דערלויב, דערלויב, דו באַשעפער פון דער וועלט! פאַרגיב, פאַרגיב, דו שטיצע פון יעקבן! מחילה, מחילה, דו קדוש ישראל, דו שטאַרקער גרויסער קיניג" [1].

די תפילה, דאָס געבעט פאַר גאָט, האָט פאַרנומען אין די תּקנות פון דער חברה „יורדי מרכּבה" דעם בּכּבודיקסטן אָרט; אין איר האָבן זיי געזען דעם יסוד, דעם קיום פון דער וועלט.

„ווייל איז דעם פאָלק ישראל, וואָס זיינע קינדער זיינען חשובער ביי גאָט פון די מלאכי השרת. בעת די מלאכים ווילן די ערשטע זאָגן שירה פאַר גאָט, רינגלען אַרום דעם כּסא־הכּבוד טייכן פון פייער און שטראָמען פון פלאַם, און גאָט ברוך־הוא זאָגט צו די מלאכים: שווייגט שטיל, יעדער באַזונדער, איר אַלע מלאכים, שרפים און אופנים, וואָס איך האָב באַשאַפן! איך וויל פריער הערן דאָס געזאַנג און געלויב פון ישראל, מיינע קינדער!" [2]. און עס שטייען און וואַרטן אַלע פּמליות פון מלאכים, זיי האַלטן זיך אויף מיט זייער געזאַנג, ביז די קינדער פון ישראל הייבן אָן תפילה צו טאָן; און ווי נאָר עס דערהערט זיך דאָס געשריי פון די בתי־מדרשים: קדוש, קדוש, קדוש! — גלייך דערהויבט זיך דאָס וווּנדערבאַרע געזאַנג פון אַלע מלאכים און אַלע הימלישע שאַרן; אין איין הייליק־מעכטיקן ניגון גיסן זיך צונויף אַלע קולות און טענער פון די הימלישע כּלי־זמר, און דורך אַלע הימלישע טויערן פליסן און שטייגן טייכן פון זיסער ליכטיקער פרייד, טייכן פון גליק, טייכן פון ליבע, טייכן פון פרידן, טייכן פון פריינדשאַפט; און דאָס אַלץ שטייגט, פליסט און שטראָמט אַלץ העכער און העכער אַרום דעם כּסא־הכּבוד" [3].

נישטאָ אין דער וועלט נאָך אַזאַ קראַפט, וואָס זאָל זיך קענען גלייכן צום כּוח פון גאָטס טרייע דינער, ד"ה פון די „יורדי מרכּבה", בעת זיי זאָגן זייערע שירות ותשבחות דריי מאָל אין טאָג. ווי נאָר זיי ברענגען אַרויס פון זייער מויל גאָטס הייליקן נאָמען — ווערן אַלע וועלטן פול מיט דעם בלענדנדיקן שטראַלנדיקן ליכט, וואָס שיינט, גלאַנצט און שימערירט פיל שטאַרקער פון אַלע טייערע פינקל־שטיינער אין דער וועלט; וואָרעם גרויס

---

1 היכלות רבתי, פּרק י"ב, ז' 92.

2 דאָרטן, ז' 151.

3 „בית המדרש", III, ז' 90.



א בלאט פון דעם מקובל ישעיה בן יוסף חערק.

און טיף און אומבאַשרייבלעך איז דער הייליקער סוד, וואָס ליגט באַהאַלטן אין דעם „שם", מיט וועלכן הימל און ערד זיינען באַשאַפן [1].

עס הערט זיך גאַנץ שטימע, וואָס זאָגט: „געבענטשט זאָלט איר זיין אויפן הימל און אויף דער ערד, איר יורדי מרכבה, וויבאַלד איר וועט פאַר מיר זאָגן און דערציילן, וואָס איך טו בשעת שחרית, מנחה און מעריב, יעדן טאָג און יעדע שעה, בעת יידישע קינדער זיינען מתפלל און זאָגן: קדוש, קדוש! לערנט־זשע זיי, דערציילט זיי און זאָגט: הייבט אויף אין אייערע בתי־מדרשים די אויגן צום הימל בעת איר זאָגט פאַר מיר: קדוש, קדוש! וואָרעם אין דער גאַנצער וועלט, וואָס איך האָב באַשאַפן, האָב איך פון קיין זאַך אַזאַ נחת־רוח ניט, ווי בשעת איר טוט ביי דער תפילה אייערע אויגן צו די מייניקע דערהויבן און מיינע אויגן זיינען צו אייערע געווענדט... דערציילט זיי אַלעמען, זאָגט עדות וועגן דעם, וואָס איך טו אין דער שעה פון תפילה מיטן קלסתר פנים פון יעקב אייער פאָטער, וואָס איז איינגע־קריצט אין מיין כסא־הכבוד. דריי מאָל אין טאָג, בשעת איר רופט צו מיר: קדוש, קדוש! — נויג איך מיך צו זיין בילד, און האַלז אים און קוש אים..." [2].

אַז דער דאָזיקער איינגאַרטיקער ליטעראַרישער דענקמאָל פון די „יורדי מרכבה" האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף די מיסטישע שטי־מונגען פון דעם אייראָפּעאישן יידנטום נאָך אינם 12טן י"ה, דערויף זאָגט עדות יהודה חסידס אַ יונגערער בן־דור, דער מקובל ישעיהו בן יוסף, וואָס שרייבט אין 1127 אַ פּירוש אויף „פרקי היכלות" און פאַרזיכערט דאָרט, אַז דאָס דאָזיקע ווערק איז דער קוואַל פון אַלע חכמות, און ווער עס באַקענט זיך מיט דעם ווערק, דער דערגרייכט ניט נאָר די בחינה פון „חכם אמת", נאָר ער איז אויך זוכה עס זאָל אויף אים רוען דער רוח נבואה [3].

דער מיסטישער גלויבן אין דער גרויסער מאַכט, וואָס שטעקט אין דער תפילה און אין דעם גוואַלטיקן רושם, וואָס זי מאַכט אין אַלע עולמות, די פעסטע אמונה אין דער סודותדיקער קראַפט, וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין דעם קאָמבינירן און מצרף זיין די אותיות פון גאָטס נאָמען און די שמות פון זיינע מלאכים — דאָס אַלץ האָט איבערגעוואַנדערט פון בבל און די שכנותדיקע לענדער צו די ריינישע קהילות. מיר ווייסן אַפילו גאַנץ באַ־שטימט אויף וואָס פאַר אַן אופן אַט די דאָזיקע אידעען און אַנשויונגען,

---

1 דאָרטן, 90—91: „כי מופלא ומשונה רז גדול הוא שם שנבראו בו שמים וארץ".

2 דאָרטן, 90.

3 חענך ישעיהו בן יוספס ווערק, וואָס איז געבליבן אין מאַנוסקריפּט, זע ביילאַגן נומ' 2.

וואָס מען האָט זיי אין משך פון דורות געהאַלטן בסוד אין גאַנץ ענגע קרייזן, זיינען סוף־כל־סוף באַקאַנט געוואָרן אין די ווייטע דייטשע מדינות. וועגן דעם גיט גאַנץ קלאָרע ידיעות דער באַקאַנטער תּלמיד פון ר׳ יהודה חסיד — ר׳ אלעזר, דער בעל „הרוקח״. אין זיין מיסטישן ווערק „סוד שכל״, ווו עס האַנדלט זיך וועגן די סודות, וואָס זיינען באַהאַלטן אין די תּפילות און אין די אותיות פון וועלכע די ווערטער פון די תּפילות באַשטייען, דערציילט ר׳אלעזר :

„איך, אלעזר, האָב מקבל געווען די סוחות, וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין די תּפילות פון מיין פאָטער ר׳ יהודה בר קלונימוס... און אויך פון מיין רבין, ר׳ יהודה חסיד, וואָס אים האָט די דאָזיקע סוחות איבערגעגעבן זיין פאָטער ר׳ שמואל. און אַזוי זיינען די סוחות איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, פון דור צו דור און פון גאון צו גאון ביז ר׳ משה בר קלונימוס, וואָס אים מיט זיינע זין האָט דער מלך קאַרלאָ מיטגענומען פון דער שטאָט לוקאַ, וואָס אין לאָמבאַרדיע, קיין דייטשלאַנד. ר׳ משהן, ווידער, האָט די אַלע איבערגעגעבן אבו אהרן, דער זון פון שמואל הנשיא אוים בבל. און דאָרט אין בבל זיינען די סודות איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל פון ר׳ שמעון הצדיק אָן, און ער האָט זיי באַקומען בקבלה פון די זקנים און נביאים. די פריערדיקע דורות האָבן געהאַלטן די דאָזיקע ידיעות בסוד און האָבן זיי אַנטפּלעקט נאָר פאַר געציילטע יחידי סגולה; איצט איז עס געווען ביז אין דור פון מיין רבין, ר׳ יהודה חסיד. ער האָט מיר די אַלע סודות איבערגעגעבן און מיר באַפוילן זיי מגלה זיין פאַר די גאָטספאָרכטיקע פון אונזער דור״ 1.

ר׳ אלעזר באַרירט אין דעם זעלבן ווערק נאָכאַמאָל די אייגענע פראַגע

---

1 זע „מצרף לחכמה״, ז׳ 65 (װאַרשעװער אױסגאַבע, 1890). ר׳ אלעזרס אינטערעסאַנטע מיטטיילונג האָט בשלימות אָפּגעדרוקט נייבייער אינם „לעטטערבאָדע״, X, ז׳ 111 — 113. כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם בעל־הרוקח זיינען די לעצטע שורות פון דער דאָזיקער מעלדונג: „ואכתוב סוד התפלות למען ידע כל אדם מה סוד הברכות ויכון לבו לעבוד ה׳ ביראה ואשריו. והנה עדי וסהדי במרומים שלא דברנו בדברים האלה לא לכבודינו ולא לכבוד בית אבותינו, אלא שלא יחלוק עלינו החוטא בנפשו, כי החולק על זה כחולק על התורה שניתנה בסיני, כי סוד התפלות קיבלנו רב מרב עד נביאים וזקנים וחסידים ואנשי כנסת הגדולה שתקנוה״. דעם אייגענעם געדאַנק, אַז די מיסטישע אידעען זיינען איבערגעגעבן בקבלה פון דור צו דור ביז די אנשי כּנסת הגדולה, שרייבט ר׳ אלעזר אונטער אויך אין זיין ספר רזיאל: „כבר נשלם פירוש חיבור וציור מספר חשבון בקדושת קבלה המקובלת מפי הגבורה למשה מסיני ומסרה ליהושע ויהושע לזקנים וזקנים לנביאים ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה כי הם היו בעלי חכמה, בעלי קבלה, בעלי יראה, בעלי כבוד ובעלי בינה, ועליהם נאמר: סוד ד׳ ליראיו והם גנוזות בתוך סודות התולדות כי הכל קבלה למשה מסיני״.

און ווייזט דערביי אָן, אַז דער אויבן דערמאָנטער אַבו־אַהרן בן שמואל הנשיא האָט געוואַנדערט פון בבל קיין לאָמבאַרדיע (צפון איטאַליע) און דאָרט האָט ער אין דער שטאָט לוקאַ זיך באַקאַנט מיט ר׳ משה בר קלו־נימוס און „אים האָט ער איבערגעגעבן אַלע סודות" (ומסר לו כל סודתיו). און ר׳ משה בן קלוגימוס איז דאָך דערנאָך איבערגעפאָרן, אויפן באַפעל פונם מלך קאַרל, קיין מיינץ, האָט ער טאַקע דאָרט באַקאַנט געמאַכט יחידי סגולה מיט די סודות, און אַזוי זיינען זיי איבערגעגאַנגען פון דור צו דור ביז ר׳ יהודה חסיד [1], „און דורך אים פערזענלעך, איז ר׳ אלעזר מוסיף, האָב איך מיך באַקאַנט מיט די סודות, וואָס זייגען פאַרבאָרגן אין די תפילות און מיט פיל אַנדערע סודות"[2].

אויך אַן אַנדער מקובל, וואָס האָט געלעבט איין דור שפּעטער פון אלעזר בעל הרוקח, דער ספרדי יצחק בן יעקב, זאָגט אויך עדות, אַז די עלטסטע קבלה־ספרים (ווי דער ספר „הבהיר" למשל) זיינען געקומען פון ארץ־ישראל „לחסידי הקדמונים חכמי אשכנז המקובלים" און פון דאָרט ערשט האָט מען זיי געבראַכט „עד קצת הגאונים הקדומים רבני פרובינסיא" [8]. און ווייטער דערציילט דער מקובל ר׳ יצחק, אַז ווען ער איז געווען אין דער שטאָט אַרלי (פּראָוואַנס) האָבן אים די „חכמי קבלה" געוויזן אַ זייער אַלטן „קנטרס" פול מיט סודות הקבלה. און דעם דאָזיגן קונטרס האָט פאַרפאַסט דער גאון רבי מצליח אויס דער הייליקער שטאָט ירושלים און געבראַכט האָט אים אין דער פּראָוואַנס ר׳ גרשום אויס דמשק [4].

לויט ר׳ אלעזרס דערציילונג קומט אויס, אַז ר׳ יהודה חסיד האָט עס באַשלאָסן „מגלה זיין" פאַר מער ברייטערע קרייזן די מיסטישע סודות,

---

1 לויט אַן אַנדערע, באַדייטנדיק שפּעטערע קוועלע (דער רש"ל אין זיינע שו"ת נומ׳ 29), איז ביי ר׳ יהודה חסיד געווען באַהאַלטן אַ גאַנצער קאַסטן מיט קונטרסים און כתבים, אין וועלכע עס זיינען געווען פאַרשריבן הייליקע סודות („וסודות וקדושות כתובות בקונטרסים היו באותה התיבה").

2 דער באַקאַנטער מיסטיקער פונם 15טן י"ה, שם טוב אבן שם טוב, דער־ציילט וועגן „אַ גרויסן גאון ר׳ קשישא", וואָס האָט פאַרלאָזן די באַרימטע ישיבה פון סורא און געקומען קיין אַפּוליע (דרום איטאַליע). דאָרט, דערציילט ר׳ שם טוב, האָט ער פון זיין געליבטן תלמיד וועגן, ר׳ יהודה חסיד, פאַרפאַסט אַ ספּעציעל ווערק, אין וועלכן ער האָט אים באַקענט מיט די פאַרבאָרגענע סודות פון דער חכמת הקבלה, און ר׳ יהודה פון זיין זייט האָט מיט זיי באַקענט זיין תלמיד ר׳ אלעזר אויס וואָרמס. (זע „ספר אמונות", חלק ד׳, פרק 14). וועגן דעם ווערט אויך דערציילט אין אַן אַלטן כתב־יד, וואָס געפינט זיך אין בערלינער ביבליאָטעק (זע שטיינשניידער אין „האַנדשריפט־ליכע פערצ. ד. קעניגל. ביבל. צו בערלין", II, 135).

8 „ספר אמונות", דף צד, ע"ב.

4 „מדעי היהרות", II, 248 — 9.

וואָס עס האָט געבראַכט מיט זיך פון איטאַליע קיין דייטשלאַנד די משפחה קלוגימוס. דער דאָזיקער „באַשלוס", וואָס ר' יהודה חסיד האָט אָנגענומען, איז אָבער געווען ניט מער ווי אַ פועל־יוצא פון אַ סך אַנדערע סיבות. מיר וועלן ווייטער זיך אָפּשטעלן מער באַריכות אויף אייניקע פון זיי, וואָס טראָגן אַ מער אַלגעמיינעם כאַראַקטער: דאָס איז די פאַרשטאַרקונג פון מיסטישע שטרעמונגען אין דער התחלה פונם 13טן יאָרהונדערט אויך אינם קריסטלעכן אייראָפּע. דערוויי״ל האַלטן מיר פאַר נייטיק בלויז צו דערמאָנען פאָלגנדיקן פרט: אין איין צייט מיט ר' יהודה חסיד און ר' אלעזר אוים וואָרמס האָט אויך געלעבט דער באַרימטער פראַנציסק פון אַססיז (געשטאָרבן אינם יאָר 1226), דער ערשטער אמתער קריסט פאַרן גאַנצן מיטלאַלטער, וואָס האָט ווירקלעך באַטראַכט דאָס קריסטנטום אַלס לערע פון ליבע, און געוואָלט זען אין איר די אמונה פון מיסטישער האַרציקער מילדקייט און התלהבישער פרישות (אַסקעטיזם). פון פיל גרעסערער באַדייטונג איז אָבער בלי־ספק געווען אַן אַנדערע סיבה, וואָס זי האָט עס אמטייסטן גורם געווען, אַז ביים יידישן קיבוץ אין דייטשלאַנד זאָלן זיך אַזוי מיטאַמאָל פאַרשטאַרקן די מיסטישע שטרעמונגען: דאָס איז דער שינוי אינם סאָציאַל־רעכטלעכן לעבן, וואָס ס'איז דעמאָלסט פאָרגעקומען אין דער יידישער סביבה.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז גראָד אינם צוועלפטן יאָרהונדערט האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט די יידישע לאַגע אין מיטל־אייראָפּע. די שרעקלעכע רציחות, וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין בשעת די ערשטע קרייצצוגן — דאָס איז בלויז דער ערשטער רינג אין דער לאַנגער קייט פון צרות און גזירות. ביסלעכווייז אָבער, וואָס ווייטער אַלץ מער, האָט זיך געשטאַרקט דער פּראָצעס פון באַגרעניצן די יידן אין זייער עקאָנאָמישער טעטיקייט, אַרויסשטויסן זיי טריט ביי טריט אוים דעם רוב צווייגן פון האַנדל און אונטערנעמונגען, וואָס זיינען ביז יענער צייט געווען ביי די יידן אין די הויפּט אַלס יסוד פון זייער סאָציאַלער עקסיסטענץ און מאַכט. דאָס האָבן עס גורם געווען די שטאָטישע שיכטן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, די סוחרים און בעלי־מלאכות, וואָס האָבן ערשט אין דער תקופה פון די קרייצצוגן אָנגעהויבן צו שפּילן אַ מער־וויניקער אָנגעזעענע ראָלע. זיי האָבן געקוקט אויף די יידן ווי אויף די נעפערלעכסטע קאָנקורענטן; מיט ווילדער עקשנות האָבן זיי געפירט זייער קאַמף קעגן די „קריסטוס־קרייציקער", ביז ס'איז זיי געלונגען אַרויסשטופּן די יידן הן פונם גרויס־האַנדל הן פון געווערבן, און געלאָזט פאַר זיי נאָר דעם קליינ־האַנדל און די קרעדיט־אונטערנעמונגען. דער דאָזיקער שמאַרצהאַפטיקער פּראָצעס פון עקאָנאָמישער ירידה איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט די

שרעקלעך אַכזריותדיקע רדיפות און רציחות, און דאָס אַלץ אויפן בלוטיקן פאָן פון דעם געוואַלטיקן קאַמף פון צוויי פיינדלעכע וועלטן: דעם קריסטנ־טום מיט דעם איסלאַם. און דער דאָזיקער קאַמף קומט פאָר אינם הייליקן לאַנד פון די אָבות, אויף די חורבות פון ציון...

עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס אין דער יידישער פאָלקס־פאַנטאַזיע איז דער קאַמף אַרום דעם קבר פון דעם געקרייציקטן אויסגע־וואַקסן אין „מלחמת גוג ומגוג"; די צרות, וואָס יידן האָבן דאָ אויסצו־שטיין, דאָס זיינען די „חבלי משיח", די גרויסע געבורטס־ווייען, וואָס נאָך זיי וועט קומען די גרויסע ישועה און עס וועט זיך באַווייזן אין זיין גאַנצער פראַכט דער ליכטיקער גואל, משיח בן דוד.

אָט אין יענער צייט ווערן עס באַשאַפן אַזעלכע מיסטישע ווערק ווי דער מדרש „ר' שמעון בן יוחאי", וואו עס ווערן באַשריבן די ביטערע יסורים און ליידן, וואָס די קינדער פון יעקב לעבן איבער אין גלות. דער באַליבטער העלד פון דער פאָלקס־פאַנטאַזיע, ר' שמעון בן יוחאי, ער איז די שטימע, דער ווידערקול פון די פאָלקס־חלומות און האָפענונגען; און פול מיט ווייטאָג און שרעק פרעגט ער אין נאָמען פונם גלות־פאָלק, די הארבע גרויסע שאלה: „אימתי יבוא משיח בן דוד? מתי יבוא גואל ישראל?" — ווען וועט קומען משיח בן דוד, דער אויסלייזער פונם פאָלק ישראל? [1] און אויף דער דאָזיקער פראַגע האָט געמוזט קומען אַן ענט־פער — וואָרעם צו גרויס זיינען געווען די ליידן, צו שרעקלעך די וועגן!.. יאָ, נאָענט איז דער טאָג פון גרויסער ליכטיקער פרייד! אָתא בוקר וגם לילה! שטאָק־פינסטער איז געוואָרן — ווייל באַלד ברעכט אויס דער טאָג! און מיט געפילדער פון מלחמה, אינם רעש פון חורבן וועט זיך פּלוצלונג אַנטפּלעקן דער ליכטיקער משיח, דער גואל פונם פאָלק ישראל און פון דער גאַנצער וועלט. „גאָר, זאָל ער שוין וואָס גיכער קומען, דער גואל!" מיט אָט דעם שמאַרצלעכן אויסגעשריי פאַרענדיקט זיך כמעט איינער פון די גאָר וואָס דערמאָנטע מדרשים אוים יענער צייט[2].

די אומגעדולד איז געווען אַזוי געוואַלדיק גרוים, אַז ס'האָבן ממיכויש, איינע נאָך דער אַנדערער אויסגעבראָכן אין פאַרשיידענע יידישע ישובים משיחישע פאָלקס־באַוועגונגען. אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך, אין דער ביזאַנטישער מלוכה, אין תימן און אין אַפריקע — איבעראַל האָט אויפ־געבליצט די ליכטיקע בשורה, אַז משיח בן דוד האָט זיך שוין באַוויזן און

1 „בית המדרש", IV, 118, 19.

2 דאָרטן, III, 82.

עס באַגלייטן אים גרויסע שטאַרקע חיילות פון די פאַרלוירענע „עשרת השבטים", וואָס לעבן אויף יענער זייט פונעם שטורמישן טייך סמבטיון. די אין דער נייערער צייט אין די אַלטע „גניזות" אויסגעפונענע דאָקומענטן דערציילן וועגן גאַנצע אַכט משיחישע באַוועגונגען, וואָס האָבן אין פאַרשיידענע לענדער אויסגעבראָכן אין די הונדערט יאָר פון די דריי ערשטע קרייצצוגן[1]. אַזוי שטאַרק איז געווען דער גלויבן ביים פאָלק, אַז נאָענט איז שוין דער „קץ", ווייל גרוים און שרעקלעך זיינען די „חבלי משיח"...

און וואָס לענגער די שרעקלעכע לאַגע האָט געדויערט, וואָס פינסטערער דער גלות איז געוואָרן, אַלץ שטאַרקער און הייסער איז געווען די האָפענונג, אַז דער טאָג פון ישועה קומט אָן, ער מוז קומען. אַז די רעאַלע וועלט איז געוואָרן אַ טאָל פון יאָמער און לייד, האָט דאָס אומגליקלעכע פאָלק אין קאַמף פאַר זיין קיום, אויס דראַנג און חשק צום לעבן, געמוזט באַשאַפן פאַר זיך אַן אַנדער וועלט, אַ פאַנטאַסטישע וועלט פון מיסטישע חלומות און גאָלדענע האָפענונגען; דאָרט האָט עס געפונען זיין טרייסט, דאָרט האָט עס געזען פאַרווירקלעכט אַלץ, נאָך וואָס עס האָט אַזוי געבענקט זיין פאַרוויטאָגטע נשמה. אין דרייען געבויגן איז דער ייד געווען אינם רעאַלן לעבן, מען האָט אים, דעם לעבעדיקן מענטשן, באַטראַכט בלויז אַלס חפץ, אַלס אייגנטום פון דעם מלכס „קאַמער"; זיין פערזענלעכקייט, זיין זעלבסט-געפיל האָט יעדער באַזונדער מיט די פיס געטראָטן, מיט האַס און מיט שפּאָט באַשפּיגן — האָט דער ייד פון געטאָ אַן אַנדער וועלט אויסגעבויט, די סודותדיקע מיסטישע וועלט; און דאָרט ווערט די מענטשלעכע פערזענלעכקייט ערקלערט פאַרן גרונדשטיין פון דער וועלט. דאָרט איז תחית המתים: אַפילו טויטע לעבלאָזע זאַכן באַקומען לעבן, שימערירן מיט פראַכט און שיינקייט; פשוטע ווערטער און קלאַנגען ווערן לעבעדיקע באַשעפענישן. און אַפילו אין איינציקע, צעוואָרפענע אותיות האָט מען אַנטפּלעקט אַ גרויסע כשופדיקע מאַכט, אַ טיפן געטלעכן סוד...

און וואָס שווערער ס'איז געוואָרן דער גלות און ביטערער דאָס לעבן אין געטאָ—אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן די אמונה אין דער ליכטיקער גאולה, אַלץ הייסער די האָפענונג אויף באַלדיקער באַלוינונג פאַר די שרעקלעכע יסורים און פורעניות. דער לאַנג-אָנגעדיקער גלויבן אין ביאת המשיח, אין דער ליכטיקער גאולה, וואָס וועט קומען „באחרית הימים" — איז געוואָרן זינט דעם 13טן יאָרהונדערט די איינציקע האָפענונג, די איינציקע טרייסט פון דעם ליידנדיקן וואָגל-פאָלק. און וואָס מער די יסורים זיינען געוואַקסן,

1 מער באַריכות וועגן די דאָזיקע משיחישע באַוועגונגען זע ביי יעקב מאַנן אין זיין אַרבעט „התנועות המשיחיות בימי מסעי הצלב הראשונים" („התקופה", כ"ג—כ"ד).

אַלץ ברענענדיקער איז געוואָרן די האָפענונג אויף באַלדיקער גאולה; מען האָט געמוזט זיך קלאַמערן אָן איר אויס יאוש, קלאַמערן מיט די לעצטע כוחות פון דער לעכצנדיקער נשמה, אויס דורשט נאָך לעבן, נאָך ליכט, — ווי עס ראַנגלט זיך יעדער לעבעדיקער אָרגאַניזם, וואָס וויל ניט אונטערגיין, וויל זיך ניט צעשיידן מיטן לעבן..

אויף דעם שורש פון אָט די פאָלקס־חלומות און האָפענונגען האָט עס אַרויסגעשפּראָצט, באַפרוכפּערט מיט די זוימען פון אַלטע מסורות און אָנשוויונגען, דאָס אייגנאַרטיקע געוועקס פון „חכמת הנסתר”, פון דער קבלישער לערע און מיסטישן וועלט־באַנעם, וואָס האָט מיט דער צייט פאַרנומען אזא בכבודיקן אָרט אין דעם יידישן קולטורעלן לעבן.

מען דאַרף אָבער אויך ניט פאַרגעסן דערביי נאָך אין איין פאַקטאָר, מיט וועלכן מען מוז זיך תמיד רעכענען, בעת מען באַטראַכט די אידעען־שטרעמונגען ביי יידן פון וועלכער ס'איז תקופה — די השפעה פון דער אַרומיקער סביבה. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז אויך אינם קריסטלעכן אייראָפּע האָבן זיך גראָד אינם דרייצנטן יאָרהונדערט באַדייטנד פאַרשטאַרקט די מיסטישע שטרעמונגען. די גרויסע סאָציאַלע שינויים, וואָס די קרייצצוגן האָבן אַרויסגערופן אינם געבוי פונם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן, דאָס באַקענען זיך מיט אַ גאַנץ נייער וועלט — מיט דער רייכער פילפאַרביקער מזרח־וועלט פון די מוסלמאַנישע פעלקער, האָט אַלץ האָט שטאַרק אויפגערודערט די האַלב־איינגעדרעמלטע נשמה פון דעם מיטלאַלטערלעכן אייראָפּעער. זיין ווייניק אַנטוויקלטער שכל, איינגעשראָקן און פאַרקנעכטעט, ווי ער איז געווען אונטער דער שטרענגער השגחה פון זיינע גייסטלעכע אַפּיטראָפּסים און אויפזעער, איז פשוט ניט געווען אימשטאַנד משיג צו זיין אָט די גאַנצע נייע וועלט פון באַגריפן און פאָרשטעלונגען; איז דאָן דעם אָרעמען שוואַכלעכן שכל געקומען צו הילף די פאַנטאַזיע, האָט אין האַנט מיט דעם אייבערגלויבן, און זיי האָבן גענומען פירן דעם באַאומרויִקטן און דורך טויט־שרעק געפּייניקטן מיטלאַלטערלעכן מענטשן איבער די פאַרפּלאָנטערטע שטעגן פון מיסטישע סודות, השבעות און סגולות פון כישוף און מאַגיע...

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז יהודה חסיד, וואָס האָט געגרינדעט זיין באַרימטע ישיבה אין רעגענסבורג אינם יאָר 1195, האָט פיל מיטגעווירקט, אַז די מיסטישע אידעען זאָלן זיך פאַרשפּרייטן אין מער ברייטערע קרייזן. זיינע מיסטישע און רעליגיעז־פילאָזאָפישע אָנשויונגען האָט ער אַרויסגעזאָגט אין צוויי זיינע ווערק: אין זיין פירוש אויף די תפילות און אין דעם „ספר הכבוד”, וואָס ווערט אַזוי אָפט דערמאָנט אינם „ספר

חסידים״[1]. בײדע זײנע װערק זײנען פֿאַרלאָרן געגאַנגען, מיר באַזיצן בלויז אײן רעליגיעז געדיכט, װאָס טראָגט זײן נאָמען[2] און אין װעלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ זײן רעליגיעז-פֿילאָזאָפֿישע װעלט-אָנשױונג. דאָס איז דאָס באַקאַנטע ליד „אנעים זמירות״ (הײסט אױך „שיר הכבוד״), װאָס מען זאָגט יעדן שבת און יום-טוב צום סוף פֿון דאַװנען.

דער רמב״ם, דער מענטש מיטן שאַרפֿן און קאַלטן שכל, האָט גע-האַלטן פֿאַר נאַראָנים און עמי-הארצים די פּייטנים, װאָס ערלױבן זיך צו שילדערן גאָט מיט באַשטימטע אײגנשאַפֿטן און אַטריבוטן. אָבער מענטשן מיט רעליגיעזן התלהבות און פֿײערדיקן פּאַטאָס, װי הױך ס׳איז ניט גע-װען די מדרגה פֿון זײער פֿילאָזאָפֿישן געדאַנק, דאָך האָבן זײ געמוזט אױס-גיסן זײער ברענענדיקע ליבע צו גאָט, װאָס ס׳האָט געפֿלאַקערט אין זײער ברענענדיקער נשמה, אין בולטע בילדער און קאָנקרעטע סימבאָלן. „זיסע לידער װעל איך זינגען—אַזױ הײבט אָן ר׳יהודה חסיד זײן „שיר הכבוד״— זיסע לידער װעל איך שפּינען, װײל צו דיר בענקט מײן נשמה! אונטער דער שוץ פֿון דײן רעכטער האַנט גלוסט זי צו רוען, אַרײַנדרינגען װײל זי אין די װאונדער פֿון דײנע סודות. דערמאָן איך מיך אינם גלאַנץ פֿון דײן פּראַכט, בענקט מײן נשמה נאָך דײן לוסט און ליבע — דיך לױבן דערפֿאַר מײנע לעפּצן, אין ליבע-לידער באַזינג איך דײן נאָמען! איך דערצײל דײן לױב און דײן פּראַכט, כאָטש פֿאַרהױלן ביסטו פֿאַר מיר; דעם גלאַנץ פֿון דײן נאָמען טו איך פּרײזן און לױבן, כאָטש ניט אימשטאַנד בין איך דיך צו באַגרײַפֿן און פֿאַרשטײן. דורך דײנע נביאים, דײנע טרײַע קנעכט, האָסטו באַװיזן דעם װונדערלעכן אָפּשײַן פֿון דײן הײליקן כבוד[8]. לױט דײנע װערק און דײן

---

1 „ספר חסידים״, סי׳ 197, 321, 449, 464, 808, אויך אין „כתב תמים״, אינם װערק פֿון יהודה חסידס תלמיד, משה תקו.

2 זע צונץ, „ליטעראַטורגעשיכטע״, 300. פֿאַרן פֿאַרפֿאַסער פֿון דעם אַנדערן שיר, דעם שיר „היחוד״, װאָס מען זאָגט אויך נאָכן דאַװנען, האָט מען לאַנג גערעכנט ר׳ יהודה חסידס פֿאָטער, ר׳ שמואל (זע לאַנדויער, אין „ליטעראַטורבל. דעם אָריענטס״, 1845, 564). די נײַערע פֿאָרשער לײקענען דאָס אָפּ. אב. עפּשטײן רעכנט, אַז דער „שיר היחוד״ האָט פֿאַרפֿאַסט טאַקע אײנער מיטן נאָמען שמואל בן קלונימוס, חזן אין ערפֿורט, װאָס איז געװען אַ בן דורו פֿון ר׳ יהודה חסיד. מיר האַלטן פֿאַר מער ריכטיק די השערה פֿון יעקב רײפֿמאַן („אוצר טוב״, 1885, 20—23), אַז באַזונדערע טײלן פֿונם „שיר היחוד״ זײנען פֿאַרפֿאַסט פֿון פֿאַרשײדענע פּערזאָנען. מיר רעכענען, אַז די ערשטע דרײַ שירים האָט פֿאַרפֿאַסט אַ מער באַגאַבטער פּייטן װי די לעצטע פֿיר, װאָס זײנען צעצױגן און פֿאַרװאַסערט מיט צופֿיל מליצה.

8 דאָס װאָרט „כבוד״ װערט בײַ די בעלי הקבלה געברױכט אין אַ גאַנץ ספּעציעלן זין: דאָס איז דער לבוש, דאָס בלענדנדיקע ליכט, װאָס שטראַלט אַרויס פֿון דעם „אֵין-סוף״. גענױערע פּרטים — װײטער.

באַשאַפן האָבן זיי דיין גרויסקייט געשאַצט, אין אַלע בילדער האָבן זיי געזען דעם אָפּגלאַנץ פון דיין געשטאַלט. אומצייליק די בילדער — און דאָך אומפּאַסבאַר; אַזוי פיל אַנטפּלעקונגען — און דאָך נאָר איינער; און ניט באַגרייפן, ניט דערגרונטן דיך קען קיינער. זיי האָבן געזען אין דיר דעם גרייז און דעם יונגלינג; דער קאָפּ באַקרוינט מיט שוואַרצע לאָקן און אויך מיט שניי באַדעקט. אין טאָג פון דין — אַ ווייסער זקן, אין טאָג פון קריג — אַ זיגרייכער קריגער פול מיט יוגנט=קראַפט; זיין שטראַלנדיקער פּאַנצער — דער בעסטער שוץ, זיין הייליקער אָרעם — די זיכערסטע הילף. מיט דופטנדיקן טוי איז זיין קאָפּ באַדעקט, מיט טראָפּן פון נאַכט — די לאָקן געטרענקט. ער גלוסט נאָך מיר, איך בין זיין פרייד, ער איז מיין קרוין און מיין שטאָלץ. ווי גין=גאָלד שיינט זיין שטאָלצער קאָפּ און אויף זיין ליכטיקן שטערן שימערט די קרוין פון ליב און פּראַכט, — דאָס געשאַנק פון זיין אומה, דעם געליבטן פאָלק... זיין שיינקייט איז מיין שטאָלץ, און איך בין זיין צירונג; ווי נאָענט ער איז ווען איך רוף נאָר צו אים... דו, וועמעס וואָרט פון אמת עס שאַלט זייט אייביקע צייטן — דערהער דיין פאָלקס געבעט, וואָס רופט צו דיר פון דור צו דור. פאַרנעם מיין ליב=געזאַנג, וואָס קלינגט דיר אַנטקעגן! זאָלן מיינע לידער צו דיר זיך דערהויבן! זאָל מיין פּשוטע תּפילה פון דיר זיין באַוויליקט, ווי די לוויִמס געזאַנג דאָרט ביים מזבח... מיין גאָט! דערהער מיין געבעט — פול מיט בענקשאַפט איז מיין נשמה צו דיר..."

ווייל יהודה חסידס טעאָלאָגיש=מיסטישע ווערק זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען[1], קענען מיר באַקומען אַ וועלכן ס'איז באַגריף וועגן זיינע רעליגיעז=פילאָזאָפישע אָנשויונגען נאָר אויס די שריפטן פון זיין טרייען תלמיד, ר' אלעזר אויס וואָרמס. ר' אלעזרס פּערזענלעך לעבן איז ענג צונויפגעוועבט מיט די בלוטיקע שרעק פון דער קרייצצוגן=תקופה. נאָך יינגלווייז האָט ער צוגעזען ווי זיין געבורטשטאָט מיינץ, וואו זיין פאָטער ר' יהודה איז רב געווען[2], זיינען באַפאַלן (אינם יאָר 1187) באַנדעס קרייצטרעגער.

---

1 עס איז זייער מעגלעך, אַז צווישן יהודה חסידס פאַרלאָרן געגאַנגענע ווערק איז געווען אויך אַ פּירוש אויף תורה. אַ רמז דערויף געפינען מיר אין אַן אַלטן כּתב=יד, וואָס איז געשריבן ניט שפּעטער ווי אין די אַכציקער יאָרן פונם 13טן י"ה. צוזאַמען מיט רש"יס און דוד קמחים פּירושים זיינען אין דעם מאַנוסקריפּט פאַרשריבן „חידושי הומשי תורה" פון אַ אומבאַקאַנטן פאַרפאַסער. דאָרט געפינט זיך פאָלגנדיקער זאַץ: „מיהו הא דנקט שור וחמור משאר בהמות? פּי' הרב ר' יהודה הסיד — לפי ששור מעלה גרה וחמור אינו מעלה גרה" (דער דאָזיקער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין לענינגראַדער אַזיאַטישן מוזיי).

2 יהודה בן קלונימוס איז געווען אויך פּייטן, זע צונץ „ליטעראַטורגעשיכטע", 280—2.

אים איז געלונגען צו אַנטלויפן, און אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, האָט ער באַשריבן אין זיין באַקאַנטן בריוו, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַלס וויכטיקער היסטאָרישער דאָקומענט [1]. אין צען יאָר אַרום האָבן די קרייצטרעגער חרוב געמאַכט זיין הויז און זיין גאַנצע פאַמיליע. ער אַליין דערציילט, ווי אין אַ שפּעטער חשוון־נאַכט אינם יאָר 1196, בעת ער איז רויק געזעסן איבער אַ כתב־יד, האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיין וווינונג צוויי קרייצטרעגער (מסומנים), דערהרגעט פאַר זיינע אויגן זיין פרוי דולצע, זייערע דריי קינדער (צוויי טעכטער און איין זון) און אים אַליין שווער פאַרוווּנדעט [2]. מיט אַ צעבראָכן געמיט און אַ טיפער ווונד אין האַרצן, האָט דער אומגליקלעכער געלערנטער זיך פאַרטיפט אין דער סודותדיקער וועלט פון קבלה מיט וועלכער ס'האָט אים באַקאַנט זיין רבי, יהודה חסיד. ווילדע אַכזריותדיקע שנאה האָט ביי אים צוגערויבט דאָס טייערסטע, וואָס ער האָט געהאַט אין לעבן, און ער האָט מיט זיין פאַרוווּנדעט האַרץ זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דעם התלהבותדיק־זיסן געטראַנק פון סודותדיק־טיפער, וועלט־אימפּאַסנדיקער און אַלץ גוברדיקער ליבע צו גאָט... [3]

דער רוב עטישע אָנשווּנגען און כללים פון מוסר, וואָס געפינען זיך אין זיין הויפּט־ווערק „רוקח", זיינען ענג פאַרבונדן מיטן „ספר חסידים"; פילע סענטענצן און מאמרים וועגן מוסר און דרך־ארץ חזרן זיך איבער אין ביידע ספרים כמעט מיט די זעלבע ווערטער [4]; און דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך, ווייל דער „בעל הרוקח" איז דאָך אויך איינער פון די. וואָס האָבן אַמטייסטן מיטגעהאָלפן באַשאַפן דעם „ספר חסידים".

„עס איז ניטאָ אַזאַ ליבע — ערקלערט ר' אלעזר, — וואָס זאָל זיין שטאַרקער פון דער ליבע צו גאָט; עס קען קיין שענערע קרוין ניט געמאָלט זיין, ווי די קרוין פון עניוות" (אין אהבה כאהבת השם, אין עטרה כענוה). „דרייצן מאָל חזרט איבער די הייליקע תורה, אַז גאָט דאַרף מען ליב האָבן מיטן גאַנצן האַרצן און שטענדיק זיין גרייט זיך מוסר־נפש זיין פאַר זיין ליבן נאָמען וועגן. די ליבע צו גאָט דאַרף אויספילן דעם גאַנצן מענטשן; דינען גאָט דאַרף מען ניט ווי אַ קנעכט זיין האַר, נאָר מיט התלהבות און גרויסער פרייד, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום שטערענישן און מניעות: ער

1 פאַרעפנטלעכט אין „קוועלענשריפטען", II, 76—8. דעם דריטן קרייצצוג באַחיינט ער אין זיין קינה „תאות עניים".

2 זע לאַנדסהוט, עמודי העבודה", 25; א. עפּשטיין, „די וואָרמסער מנהג־ביכער" (אין קויפמאַנס דענקבוך, 295).

8 אלעזר בן יהודה האָט אויך פיל פיוטים געשריבן, זע לאַנדסהוט, „עמודי העבודה"; צונץ, „ליטעראַטורגעשיכטע", 317 - 324.

4 פאַרגלייך, למשל, „ספר חסידים" סי' 7, מיט „רוקח", קאַפּ' „שורש ראש דחסידות".

מ ו ז דערפילן דעם רצון פונם בורא, ווייל דערצו לעבט זיין נשמה, און אין הארצן פלאַקערט דער פלאַם פון דער ליבע, וואָס איז גובר אַלץ אין דער וועלט. „אַלץ דאַרפסטו טאָן אוים ליבע; דערוואַכט אָבער אין דיר די שנאה, דערמאָן זיך אין דיין גרויסער ליבע, און ווער עס ליבט — דער טאָר נ י ט פ י י נ ט ה אָ ב ן"[1].

„עניוות, זיין נידעריק און קליין ביי זיך — לערנט ר' אלעזר, דער זון פונם געיאָגטן און פאַרפאָלגטן פאָלק — דאָס איז די גרעסטע מעלה. אַ עניוו האַלט זיך קליין אין זיינע אייגענע אויגן; ער איז נידערגעשלאָגן, מיט אַ געבראָכן געמיט און מיט אַ ווייך האַרץ. ווייזט מען עפנטלעך אָן אויף זיינע חסרונות, דאַנקט ער דערפאַר דעם באַשעפער, ווייל ער זעט אין דעם אַ פאַרדינטן עונש פאַר זיינע זינד, און באַקומט די מעגלעכקייט זיך צו בעסערן און תשובה טאָן... דער עניוו איז מוחל דעם, וואָס רעדט אויף אים שלעכטס; אַליין אָבער רעדט ער ווייניק און שטיל, ער פאַרשוועכט נים זיינע לעפצן מיט ניבול-פה, און זיצט קיינמאָל נים צווישן לצים. ער ווערט קיינמאָל נים אין כעס, און אַז מען איז אים מבזה, שווייגט ער שטיל, און איז מוחל פאַר דעם בזיון אַפילו ווען ער האָט די מעגלעכקייט זיך נוקם זיין. טרעפט אים חלילה אַן אומגליק, פאַרלירט ער זיין פאַרמעגן, אָדער זיינע קינדער און נאָענטע — אַלץ נעמט ער אָן פאַר ליב, און מיט אַ פאַרשלאָסן מויל בייגט ער זיך הכנעהדיק פאַר דעם גזר פונם באַשעפער[2].

דאָס רעדט עס דער פיל געפרוווטער מאַן וועגן זיך גופא. ער, ביי וועמען מענטשלעכע ווילדקייט און רשעות האָט צוגענומען „זיינע קינדער און נאָענטע", ערקלערט הכנעהדיק: „האָט דיר ווער שלעכטס געטאָן, טראַכט נים וועגן נקמה. דו דאַרפסט געדענקען, אַז חאָס אַלץ איז דאָך אַן עונש פאַר דיינע זינד, און יענער איז בלויז דער בלינדער שליח, וואָס דערפילט גאָטס רצון".

אינם ערשטן קאַפּיטל „רוקח" [8] און אויך אינם ספּעציעלן מאמר „שער היסוד והייחוד" [4] באַקאַנט ר' אלעזר מיט אייניקע וויכטיקע שטריכן פון דעם מיסטיש-פילאָזאָפישן סיסטעם, וואָס ס'איז אויסגעוואַקסן אין די טעאָסאָפישע (רעליגיעז-פילאָזאָפישע) שולן פון רעגענסבורג און וואָרמס[5].

---

1 „עֲשֵׂה מאהבה, אם באת לשנוא דע שאתה אוהב ואין אוהב שונא."

2 „רוקח, שורש ענוה".

3 הלכות חסידות, שורש קדושת הייחוד.

4 פאַרעפנטלעכט אין „כוכבי יצחק", XXVII, 7—15.

5 אַז נים נאָר אין רעגענסבורג, וואו ס'האָט געלעבט ר' יהודה חסיד, נאָר אויך אין וואָרמס איז געווען אַ מיסטיש-רעליגיעזע שול, וואו עס זיינען באַשאַפן געוואָרן ספּעציעלע טעאָסאָפישע ווערק, דערויף זאָגט עדות ר' יהודה חסידס תלמיד, משה תקו, אין זיין „כתב תמים": „ו ס פ ר י ם ד ה ר מ ש א דורשין מעשה בראשית" („אוצר נחמד", III, 77).

ר' אלעזר איז זיך שטארק מתרעם אויף די, וואס טוען די גאטהייט זיך פארשטעלן אין מענטשלעכע פארמען: „ווער ס'מיינט, אז דער, וואס ס'האט די וועלט באשאפן, האט א בילד און א געשטאלט מיט אברים — דער האט גאר קיין גאט נישט!"[1]. „ווער קען וויסן, ווער קען באגרייפן — ווער און וואס איז גאט? צי האט אים ווען אן אויג געזען? נישט קיין מלאך, נישט קיין שרף און נישט קיין נביא... מען קען אים נישט פארגלייכן מיט קיין שום געשטאלט און ערשיינונג, ווארעם אלץ האט א גרעניץ, אלץ האט א סוף, נאר דער בורא איז אומענדלעך, ער האט נישט קיין אנהייב און האט נישט קיין סוף; נישט ער און נישט זיין חכמה און אויך נישט זיין מאכט. נאר אין זיינע מעשים אנטפלעקט ער פאר די מענטשנס אויגן זיין קראפט און דעם גלאנץ פון זיין דערהויבענער פראכט... אין איין און דעם זעלבן אויגנבליק רופן און בעטן צו אים אלע זיינע באשעפענישן, זיי גיסן אויס פאר אים זייערע לײדן און דעם ווײ פון זייערע הערצער און ער פארנעמט יעדנס געבעט באזונדער און רופט זיך אפ אויף יעדנס געשריי! יא, נאענט איז ער יעדן, ווער עס רופט צו אים, נאר — זיי וויסן, מיין זון, שטרעב נישט אומזיסט אים צו באגרייפן, אים צו פארשטיין, ווארעם אלע באגריפן און פארגלייכן, אלע אייערע בילדער און ווערטער קענען קענען נאר דערצײלן וועגן דעם, וואס ס'איז באשאפן און וואס עס קען משיג זיין דעם מענטשנס שכל; גאט אבער משיג זיין איז דעם מענטשנס שכל נישט אימשטאנד, ווייל ס'איז נישטא מיט וואס אים צו פארגלייכן; ער איז דאך דער איינציקער, ער דערפילט אלץ און נעמט אלץ ארום, און פארהוילן איז ער, און פארבארגן איז ער פאר די אויגן פון זיינע באשעפענישן... ער, דער איינציקער, האט באשאפן די וועלט מיט זיין פרייען ווילן אן א שום צוואנג און מוז (ברא... בולם ברצון חפצו... ולא שלא ברצונו).

ר' אלעזר ברענגט אויס דעם „ספר יצירה" דעם פריער ציטירטן זאץ וועגן די צען „ספירות" אלס באגריף פון ארט און פארנעם, און איז דערביי מוסיף: „דער באשעפער אבער שטייט איבער יעדן פארנעם און צייט, ווארעם ער איז פריער פון אלץ, וואס ס'איז ערשט געווארן; ער דרינגט דורך און טראגט אין זיך אלע וועלטן, און אלע אונזערע באגריפן, ווי ליכט און שאטן, בילד און פארם — פארלירן זייער זין בעת מען רעדט וועגן גאט חעם באשעפער. מיט זיין פרייען ווילן האט ער פון זיך אויסגעשטראלט

---

1 „כל הסובר על הבורא יוצר הכל שיש לו צלם ודמות ואברים -- אין לו אלוה כלל".

דעם גלאַנץ פון זיין כבוד (מראה כבודו)[1]. לויט זיין רצון נאָך אַנטפּלעקט זיך זיין אָפּשפּיגלונג, דער „כבוד" מיטן שאַפנדיקן וואָרט (קול נברא)[2] און נעמט אָן אַ באַשטימטע געשטאַלט, אַ וווּנדערבאַרע, אַ דערהייבענע גע-שטאַלט פון לויטער גלאַנץ, ליכט און הייס-פלאַקערנדיקן פייער"[3]. אָט די דאָזיקע געשטאַלט הייסט „שכינה". און ווען דער נביא זאָגט: „און גאָט האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט" — דאָס האָט ער געזען בלויז גאָטס „כבוד". אַפילו משה רבנו, וואָס האָט געזען מער פון אַלע נביאים און אויך אַלע מלאכים מיטן מלאך סנדלפון בראש — אַפילו זיי זיינען ניט אימשטאַנד צו זען גאָט".

---

1 ס'איז קיין שום ספק ניט, אַז דער באַגריף וועגן „כבוד", אַלס ערשטע אויסשטראַלונג (עמאַנירונג) פון גאָט, האָט פאַרנומען דעם צענטראַלן אָרט אין ר' יהודה חסידס „ספר הכבוד". וועגן דעם זאָגט עדות ניט נאָר דער נאָמען פון דעם ווערק, נאָר אויך די גרויסע ציטאַט, וואָס ס'ברענגט פון דאָרט משה תקו אין זיין „כתב תמים" (זע „אוצר נחמד", III, 65, 67). הן ר' יהודה חסיד הן ר' אלעזר, האָבן ווי עס שיינט ביידע איבערגענומען דעם דאָזיקן באַגריף פון דעם איטאַליענישן געלערנטן שבתי דונולו (וועגן אים וועט אונז נאָך אויסקומען צו ריידן), וואָס האָט אַ לענגערע צייט זיך אויפגעהאַלטן אין די מזרח-לענדער. ר' אלעזר שטרייכט דאָס אַליין טאַקע אונטער; אין זיין פירוש צו „ספר יצירה" שרייבט ער: „חסלת „ספר יצירה" ופירשו שבתי בר אברהם החכם והרופא"... אין אַ אַנדער אָרט ווייזט אָן ר' אלעזר: „כך קבלתי אני ר' אלעזר הקטן מפי אבא ר' יהודה בן ר' קלונימוס שקבל מה"ר יהודה החסיד והוא קבל מרבותיו... ור' שבתי דונולו (זע אין דער פאָררעדע צו „חכמוני"). די פאַרפאַסער פון „ספר חסידים" ברענגען אַפילו אין דעם דאָזיקן ווערק אַ באַדייטנדן טייל פון דער פאָררעדע צו „חכמוני" (זע „ספר חסידים" פאַרמער כתבי-יד, סי' 545). עס איז אויך זייער מעגלעך, אַז די לערע וועגן „כבוד אלהים", וועגן גאָטס אָפּגלאַנץ האָט זיך אַנטוויקלט ביי יידישע מיסטיקער אונטער דער השפעה פון דעם קאַראַימישן רעליגיעזן דענקער בנימין נהאַוועגדי, וועגן וועלכער מיר לייענען ביי יהודה הדסי: „ובנימן אל נהאונדי אמר כי קודם בריה ברא אלהים הכבוד וכסאו... וכן שאמר כי בצלם אלהים עשה את האדם... זו הצלם שעשה בכסא הכבוד" (זע הרכבי, „רשים גם ישנים", X, 16).

2 די לערע וועגן דעם „קול נברא", ד"ה וועגן דעם גטלעכן באַשאַפנדיקן וואָרט, וואָס האָט פיל קרובהשאַפט מיט דער לערע פונם יידישן פילאָזאָף אויס אלעקסנדריא פילו, וועגן דעם „לאָגאָס" — האָט געהאַט ביי יידן אין פאַרשיידענע תקופות פיל אָנהענגער. דער שוין פריער דערמאָנטער משה תקו ווייזט אַפילו אָן, אויס וועלכן קוועלע די יידישע מיסטיקער אין דער ריין-געגנט האָבן געשעפט די דאָזיקע לערע. ער דערציילט וועגן אַ קאַראַימיש בוך, אין וועלכן עס ווערט ערקלערט, אַז ניט משה רבנו האָט געהערט ניט גאָט גופא, נייערט אַ ספּעציעלע דערצו פון גאָט באַשאַפענע שטימע („כי ד' ברא קול והוא הקול קרא למשה"); און אָט דאָס דאָזיקע בוך האָט מען „געבראַכט פון בבל קיין רוסלאַנד און פון רוסלאַנד קיין רעגענסבורג" (והגיד לנו שאותו ספר מעוקל בא מבבל לרוסיא ומרוסיא הביאו לרגינש בורק).

3 הצורה המופלאה, מנושאה, מוזהרת, מונהרת, מודבקה, מחושקה.

מיר זעען, ווי ר' אלעזר אוים וואָרמס שטרייכט שטענדיק אונטער דעם געדאַנק, אַז דער מענטש איז ניט אימשטאַנד ניט באַגרייפן מיט זיין שכל, ניט אויסדריקן מיט ווערטער דעם מהות פון גאָט דעם באַשעפער, ווייל דער מענטש קען בלויז באַגרייפן און אויסדריקן מיט ווערטער דאָס, וואָס ס'לאָזט זיך פאַרגלייכן און ס'געפינט זיך אונטער דעם סדר פון צייט און פון זיין. און דאָך איז אָבער דער זעלבער בעל הרוקח אויך איינער פון די באַגרינדער פון דער „קבלה מעשית"; דאָס איז ע ר געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט זיך זייער פיל אָפּגעגעבן מיט אויסגעפינען די סודות, וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין די „צירופי אותיות" — אין דעם קאָמ־בינירן בשעת דער תפילה די אותיות פון גאָטס נאָמען און פון באַשטימטע זאַצן אין דער תורה. דאָס האָט ער, דער פילאָזאָפיש־דענקענדער מיסטיקער, זיך פיל פאַרנומען מיט השבעות פון כל המיני גמטריאות [1] און נוטריקון[2] און שטאַרק געגלויבט, אַז אין זיי ליגט באַהאַלטן אַ גרויסע פאַרכישופטע קראַפט. מען קען אין דעם זען אַ געוויסע סתירה, נאָר פול מיט סתירות איז דאָך דאָס מענטשלעכע לעבן און דעם מענטשנס נשמה...

עס איז איצט כמעט מער קיין ספק ניט, אַז טאַקע דער בעל הרוקח איז אויך דער פאַרפאַסער פונם וויכטיקסטן טייל פונם באַקאַנטן קבלה־ספר, דעם „ספר רזיאל" [8] אָדער „סודי רזיא". אין דעם ווערק גופא ווערט אונ־טערגעשטראָכן, אַז עס שטאַמט פון זייער אַלטע צייטן: דאָס האָט עס דער מלאך רזיאל בכבודו ובעצמו איבערגעגעבן נאָכן מבול דעם אָלטן נחן אַליין, און פון אים איז דאָס איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור. ניט

---

1 וואו די אותיות ווערן באַטראַכט אַלס צאָלן, צום ביישפיל דער נאָמען „משה" באַטרעפט — בגמטריא 345.

2 ווו די אותיות פון אַ וואָרט ווערן באַטראַכט אַלס ראשי־תיבות. למשל, דאָס וואָרט „מים" איז דער נוטריקן פון משיח יבוא מהרה.

8 עס איז פאַראַן אַ קאָפּיע פון ר' אלעזרס דריי ווערק, וועלכע דער באַוווסטער געלערנטער אליהו לעוויטע האָט קאָפּירט פאַר אַ באַקאַנטן קריסטלעכן געלערנטן. די דריי ווערק זיינען: אַ פּירוש אויף „ספר יצירה", „חכמת הנפש" און „ספר רָזָ ָא". ש. ד. לוצאַט, וואָס האָט דעם דאָזיקן כתב־יד דורכגעשטודירט, האָט אויסגעפונען, אַז דער גרעסטער טייל פון דעם לעצטן ווערק (ספר רזיא) איז איבערגעדרוקט אין אַלע אויסגאַבן פונם „ספר רזיאל". אַז דעם „ספר רזיא" האָט פאַרפאַסט דער בעל הרוקח, זעט מען קלאָר אויס פאָלגנדיקע שורות: „כאשר קבלתי מפי רבנא יהודה החסיד, כאשר קבל מאביו רבנו שמואל החסיד וגם קבלתי מפי אבא מורי הר' יהודה א נ י א ל ע ז ו ר ה ק ט ן (זע אגרות שד"ל 1891, 1020; אויך „ליטעראַטורבל. ד. אָריענטס", 1847, 341). אין דעם נאָמען פונם בוך גופא איז אגב באַהאַלטן דער נאָמען פונם פאַר־פאַסער. די ווערטער „ס' רזיאל" „ספר רזיא" און „אלעזר" באַטרעפן אַלע בגמטריא איין און די זעלבע צאָל: 308. גרעץ האָט דאָס, אגב, ניט באַמערקט, און בויט דערויף פאַלשע השערות.

קוקנדיק דערויף, וואָס דער ספר שטאַמט פון אַזאַ גרויסן יחוס, איז דאָס נאָך דעם אינהאַלט נאָך אַ ווילד געמיש פון כּל המינים: האַרציקע תּפילות, דברי מוסר און רעליגיעז-אַסטראָלאָגישע אָנשווערונגען [1] זיינען צונויפ-געמישט מיט אַלע מעגלעכע השבעות, קמיעות און ציורים.

אויך אינם „ספר רזיאל" ווערט פיל גערעדט וועגן דער ליבע צו גאָט, און טאַקע כּמעט אין די זעלבע ווערטער ווי אין „ספר חסידים" און „רוקח"; אפילו דער פאַרגלייך פון דער ברענענדיקער ליבע צו גאָט מיט דעם תּאווה-דיקן גלוסטן צו אַ פרוי געפינט זיך אין „ס' רזיאל" וואָרט אין וואָרט, ווי אין „ספר חסידים". און טאַקע ווי דער שטייגער איז געווען אינם מיטל-אַלטער, איז די ליידנשאַפטלעכע ליבע צום באַגערטן אָדער צו דער באַגער-טער, געווען ענג פאַרבונדן מיט כּל המיני השבעות און סגולות. אַזוי איז אויך די מיסטישע ליבע צו גאָט צונויפגעפלאָכטן אינם „ספר רזיאל" מיט מיסטישע השבעות, קמיעות און צירופי אותיות. אמת, צווישן די דאָ-זיקע השבעות געפינען זיך אויך אַזוינע, וואָס זיינען ערשט שפּעטער אַריינ-געשטעלט געוואָרן [2], אָבער דער באַדייטנדיקער טייל פון זיי שטאַמט בלי-ספק פון דעם בעל הרוקח גופא, און ער האָט זיי וואַרשיינלעך באַקומען ביתושה פונם רבין זיינעם, ר' יהודה חסיד, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע „סודות". דאָס ווייזט אויס אויפן ערשטן קוק עפּעס צו משונה, און דאָך איז דאָס פּסיכאָלאָגיש גאַנץ דערקלערלעך. אין די מיטלאַלטערלעכע ליבע-השבעות ליגט אַ געוויסער „כּישוף", אין דעם „באַשווערן" דריקט זיך אויס דאָס געבעט, דער הייסער וואונטש, אַז דאָס באַגערטע זאָל געשען וואָס גיכער. אַז דאָס יידישע געמאָ-לעבן איז געוואָרן אַזוי שרעקלעך און מוראדיק פינסטער, קען דען היידוש, וואָס אַלץ ברענענדיקער איז געוואָרן דער ווונטש אַרויסצובאַקומען אָט דעם וווּנדערבאַרן „כּישוף", וואָס ער זאָל געבן די מאַכט גובר זיין די פיינדלעכע כּוחות, און „באַשווערן, אַז דאָס באַגערטע זאָל קומען וואָס גיכער"...

אַזוי זעען מיר, ווי אין דער ערשטער העלפט פונם 13טן יאָרהונ-דערט, אין דער זעלבער צייט, ווען אין שפּאַניע האָט באַקומען די אייבער-

---

[1] די דאָזיקע אָנשווערונגען זיינען ענג פאַרבונדן מיט דעם „ספר יצירה" און מיט שבתי דונולוס ווערק „חכמוני". אויפן „ספר יצירה" פאַררופט זיך עטלעכע מאָל דער פאַרפאַסער פונם „ס' רזיאל" (זע, למשל, דאָרטן עמ' 13, 2): „ואני קבלתי כמו שהוא כתוב בספר יצירה". זע אויך דאָרטן, 215, 219 (מיר ציטירן נאָך דער מעזשבישער אויסגאַבע, 1818). אום דונולוס ספר ווערן אויך געבראַכט אייניקע ציטאַטן, חי, למשל, דער באַחייז, חי אַזוי אוים וואָסער אַנטשטייט ערד (דאָרטן 1,15).

[2] אַזוינע שפּעטערדיקע הוספות זיינען באַזונדערס באַמערקבאַר אין דעם שלוס-טייל „ספר רזיאל". אין איין תּפילה, למשל, הורט זיך אין דער מעזשבישער אויסגאַבע צוויי מאָל איבער „אני דוד בן זלאטה" (זע 3,43), און אין די אַנדערע אויסגאַבן שטייט דאָרט: „פלוני בן פלוני".

האָט די ראַציאָנאַליסטישע שיטה פונם רמב״ם און זיינע תּלמידים, האָט אין צפון־פראַנקרייך און אין דער ריין־געגנט אַלץ מער גובר געווען די מיסטישע שטרעמונג. דאָס זיינען געווען ניט נאָר צוויי באַזונדערע, נאָר אויך פ י י נ ד ל ע כ ע וועלטן. אין דער התחלה האָבן זיי ניט געקענט זיך פיינדלעך צוזאַמענשטויסן, ווייל זיי זיינען געווען צו אָפּגעזונדערט איינע פון דער אַנדערער. צו גרוים איז געווען די סתירה, צו טיף דער אונטער־שייד אין דעם קולטורעלן מצב פון דעם יידישן קיבוץ אין שפּאַניע און פון זייערע ברידער פון יענער זייט פירענעען. אָבער ווי נאָר איינער פון די דייטשע תּלמידי חכמים, ר׳ יהודה הסידס אייבנדערמאָנטער תּלמיד, משה תּקו האָט זיך באַקאַנט, ווען אויך אין אַ גאַנץ קנאַפּער מאָס, מיט די ראַציאָנאַליסטישע ווערק פון יידיש־שפּאַנישע רעליגיעזע דענקער, איז ער גלייך ארויסגעטראָטן מיט זיין פּאָלעמישן ווערק „כתב תּמים״[1], אין וועלכן ער ערקלערט פאַר אַפּיקורסות יעדע פילאָזאָפישע חקירה בכלל.

נאָר משה תּקום אַרויסטריט איז געווען בלויז אַ פאָרשפּיל צו דעם גרויסן מחלוקת, וואָס ס׳האָט אַ מי יודע וואָסער וויכטיקע באַדייטונג פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע אידעען־שטרעמונגען. דער קאַמף־פּלאַץ פון דער היסטאָרישער מחלוקת איז געווען די מדינה, וואָס ליגט צווישן די ביידע אַזוי פאַרשיידענע יידישע קיבוצים — דאָס בליענדיק שיינע לאַנד פּראָוואַנס.

1 אייניקע פּרקים פון דעם ווערק זיינען צום ערשטן געווען פאַרעפנטלעכט אין אַ שטאַרק פאַרגרייזטן טעקסט אין 1798 אין „לקוטים מרב האי גאון״ (דף ט״ו — כ״ה). אין אַ בעסערן טעקסט זיינען די דאָזיקע קאַפּיטלען איבערגעדרוקט אין „אוצר נחמד״, III. עס איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט, צי איז דער מחבר פונם „כתב תּמים״ איין פּערזאָן מיט דעם פּייטן משה בן חסדאי (זע צונץ, „ליטעראַטורגעשיכטע״, 7—316). די חלוקי דעות וועגן דער פראַגע זע: „מאָנאַטשריפט״ 1910, 607—600, אויך מ. ווינער, אין „העבר. ביבל.״ V, 44—5. לויט ר׳ ישראל ברונס שאלות ותשובות האָט דער בעל „כתב תּמים״ געוווינט לעבן ווין אין ניישטאָט. זע דאָרטן, נומ׳ 24: „וראיתי בתשוב, הרב רבנו משה תקו ז״ל שיסד כתב תמים וקבורתו בעיר ניאושטט״.

פינפטער קאַפּיטל.

די פּראָוואַנס און איר קולטורעלע ראָלע. — די באַשרייבונג פון בנימן בעל המסעות. — די קולטורעל-אויפקלערערישע ראָלע פון די בני קמחי און בני תיבון. — דאָס פּאָלעמישע ווערק פון יעקב בן ראובן. — יוסף קמחי אַלס גראַמאַטיקער און פּאָלעמיסט. — די צוויי ברידער משה און דוד קמחי. — יהודה אבן תיבון אַלס איבערזעצער; זיין „צוואה". — דעם רמב"ם השפּעה אויף די חכמי פּראָוואַנס. — די איבערזעצער פונם „מורה נבוכים". — די יידישע דיכטער אין פּראָוואַנס: אזובי, אברהם בדרשי און יעקב גֹרני. — די גרויסע תלמודיסטן זרחיה הלוי און ראב"ד דער „בעל ההשנות".

„אין דעם וואונדערבאַר שיינעם לאַנד, וואָס ליגט צווישן ד' אַלפּן און די פּירענעען — אַזוי הייבט אָן דער דייטשער היסטאָריקער שלאָסער די פּרקים וועגן „דרום-פראַנקרייך און דער אַלביגענזן-קריג" — זיינען נאָך פאַרבליבן רעשטן פון אַמאָליקער רוימישער און באַזונדערס פון גריכישער קולטור, וואָס האָט דאָרט געבליט נאָך זייט דעם גרינדן די שטאָט מאַרסעל. דאָרט האָבן נאָך אינם מיטן מיטלאַלטער פרי אָנגעהויבן זיך צו אַנטוויקלען, צוזאַמען מיטן שטאָטישן לעבן, וויסנשאַפטן, קונסט און נוצלעכע ווערק-שאַפטן. דאָרט, וווּ עס זיינען זיך צונויפגעקומען ראָמאַנישע, לאַטייניש און שפּאַנישע עלעמענטן מיט די אָריענטאַל-אַראַבישע, האָט אויפגע-שפּראָצט אַ גאַנץ אייגנאַרטיק געוויקס — די פּראָוואַנסאַלישע פּאָעזיע. דאָרט איז געבוירן געוואָרן די „פרייליכע קונסט", דאָרט איז געשאַפן גע-וואָרן אַ מאָדנער מין „בית דין", וווּ שיינע פרויען זיינען עס געווען די „בוררים" און דיינים אין ליבע-אָנגעלעגנהייטן, און אין פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו געזאַנג, איידלקייט און שיינע מאַניערן. ווי אין גריכנלאַנד אין האָמערס צייטן, אַזוי האָט אויך אין דעם לאַנד פּראָוואַנס, די פּאָעזיע פאַרנומען דעם בכבודיקסטן פּלאַץ אויף אַלע שמחות און ימים-טובים, וווּ די דיכטער און זינגער פּלעגן זיך פלייסן צו באַווייזן און צו פאַרפולקומען זייער קונסט. אַט די דאָזיקע דיכטער זיינען עס געווען די ערשטע קוועלן, פון וועלכע עס האָבן געשעפּט יניקה דאַנטע און פּעטראַרקע אין דער התחלה פון זייער פּאָעטישן שאַפן. פון די וויס-שאַפטן האָט אין דער פּראָ-

וואָס באַזונדערס געבליט די מעדיצין... חוץ דעם האָבן דאָרט די יידן גע־גרינדעט פילע ווישנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן" [1].

נאָך צפון־איטאַליע איז דרום־פראַנקרייך דאָס איינציקע לאַנד, ווו עס האָבן זיך אַמבעסטן אויפגעהיט די רעשטן פון דער אַלטער רוימישער ציוויליזאַציע. אין דער פּראָוואַנס האָט אויך באַדייטנד פריער ווי אין אַלע אַנדערע קריסטלעכע לענדער זיך אַנטוויקלט אַן אינטענסיוו שטאָטיש לעבן, און ס'האָבן דאָרט אויפגעבליט האַנדל און האַנטווערק. דערפאַר טאַקע האָבן שוין אין פריען מיטלאַלטער די פּראָוואַנסאַלישע שטעט זיך דער־שלאָגן צו אַ געוויסער זעלבשטענדיקייט, און האָבן גענאָסן אַזעלכע פריי־הייטן, וועגן וועלכע אַנדערע קריסטלעכע לענדער אין אייראָפּע האָבן אפילו נישט געקענט חלומען. דעם בליענדן קולטורעלן מצב פון דער פּראָוואַנס אין משך פון די XIII — IX יאָרהונדערטער האָט אויך פיל מיטגעהאָלפן דאָס, וואָס די פּראָוואַנס האָט נישט געהאַט איבער זיך קיין שטאַרקע רעגירנדיקע מאַכט. דאָס רוב מושלים און שררות, אונטער וועלכע דאָס לאַנד איז גע־ווען איינגעטיילט [2], האָבן געשטיט פאַר מעצענאַטן און באַשיצער פון פּאָ־עזיע, קונסט און פאַרשיידענע ווישנשאַפטן. לעבן דעם אַדלשטאַנד איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ שטאַרקער שטאָטישער בירגערשטאַנד, וועלכער האָט עקשנותדיק געהיט און געשיצט זיין זעלבשטענדיקייט. אַפילו אין דער שטאָט טולוזאַ, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון דעם מעכ־טיקן גראַף ריימונד, איז אויך אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ זעלבשטענדיקע שטאָ־טישע פאַרוואַלטונג. און טאַקע אין די פּראָוואַנסאַלישע שטעט, ווו עס האָבן געבליט פרייע קונסט און ווישנשאַפט, האָט זיך אויפגעהויבן דער ערשטער פּראָטעסט קעגן דער דעספּאָטישער מאַכט פון דער קאַטוילישער קירך; פּראָוואַנס איז געווען די וויג פון די ערשטע אַפּיקורסישע חברות, ווי די אַלבגיגענזער, וואַלדענזער און זייער גלייכן. דער שטענדיקער מגע־ומשא מיט די יידן און די מוסלמענער פונם שכנותדיקן שפּאַניע האָט באַדייטנד אָפּגעשוואַכט ביי דער אָרטיקער באַפעלקערונג די נאַציאָנאַלע און רעלי־גיעזע פאָראורטיילן. די רעגירונגס־פאַרטרעטער פונם אַדלשטאַנד, וואָס זיינען געווען ליבהאָבער פון שיינער קונסט און ווישנשאַפט, האָבן זיך פאַרהאַלטן זייער טאָלעראַנט צו יידן, און פלעגן אָפט איבערגעבן אין זיי־ערע הענט אַנגעזעענע שטעלעס. צווישן די דעמאָלסטיקע פריידענקער פלעגן פילע זיך באַזונדערס פריינדלעך פאַרהאַלטן צו יידן, צו דעם פאָלק פונם „אַלטן טעסטאַמענט". אין יענע קרייזן איז אפילו געווען זייער אָנגע־

[1] „וועלט־געשיכטע", ב' VII, 251—2 (פראַנקפורט־מיין, 1847).

[2] זע וועגן דעם ביי גרעץ, ב' VI, 209.

נומען דער כּלל: „דער יידישער גלויבן איז בעסער פונם קאַטוילישן גלויבן"[1].

ביי אַזעלכע גינסטיקע צושטאַנדן איז קיין חידוש ניט, וואָס שוין אין מיטן מיטלאַלטער האָבן זיך געבילדעט רייכע בליענדיקע יידישע קהילות אין די אַלטע פּראָוואַנסאַלישע שטעט נאַרבאָנע, מאַרסעל, לונעל, מאָנפּעליע. וועגן דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן מצב פון די דאָזיקע קהילות גיט אונז אַ לעבעדיק בילד אין זיינע זכרונות דער באַרימטער רייזנדער בנימין אויס טודעלאַ, וואָס האָט געמאַכט זיין רייזע איבער דער וועלט אין די יאָרן 1160—1173[2]. אויף זיין רייזע האָט ער באַזוכט אָט די אַלע יידישע יידישע קהילות אין דער פּראָוואַנס און דאָס, וואָס ער האָט דאָרט געזען, באַשרייבט ער אויף פאָלגנדיקן אופן:

....„אין דריי טעג אַרום בין איך אָנגעקומען קיין נאַרבאָנע. דאָרט איז אַן אַלטע יידישע קהילה, וואָס שטעט שוין פון אַמאָליקע ציטן מיט אירע חכמים און גילט פאַר פיל לענדער אַלס אמתע אַכסניה של תורה[3]. איך האָב דאָרט געטראָפן פילע חכמים און אָנגעזעענע מענטשן, און בראש פון זיי שטייט רבי קלונימוס, דער זון פון דעם באַקאַנטן נשיא ר' טודרוס, וואָס שטאַמט מזרע בית דוד. ר' קלונימוס איז אַן אייגנטימער פון פיל נחלאות און פעלדער, וואָס די הערשער פונם לאַנד האָבן אים געשענקט אויף אייביק און קיינער האָט ניט דאָס רעכט ביי אים זיי אָפּנעמען. דאָ זיינען ר' אַברהם דער ראש־ישיבה, ר' מכיר און ר' יהודה און נאָך פיל אַנדערע תלמידי חכמים. עס וווינען דאָרט אינגאַנצן בערך דריי הונדערט יידן...

---

[1] Dicunt quod lex Judaeorum melior est quam lex christianorum (זע גרעץ, געשיכטע, ב' VI, 210).

[2] אָט די נאָטיצן פון דעם יידישן רייזנדן, וואָס גיבן זייער אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן דאָס רוב לענדער פון דער דעמאָלט באַקאַנטער וועלט, זיינען איינער פון די חיכטיקסטע דענקמעלער, וועלכע זיינען אונז געבליבן בירושה פון מיטלאַלטער. בנימין איז דער ערשטער אייראָפּעער, וואָס באַשרייבט די סעקטע אַססאַסינען אין סיריע און פּערסיע, באַקענט מיטן האַנדל מיט אינדיע, דערציילט וועגן כינע און חעגן די געפאַרן מיט וועלכע עס איז דעמאָלט געווען פאַרבונדן דאָס פאָרן איבערן גרויסן אינדישן אָקעאַן. הכלל, ער האָט געגעבן אַזוינע ידיעות וועגן וויטע לענדער, וואָס ביז אים און אויך אַ לאַנגע ציים נאָך אים איז קיינער ניט אימשטאַנד געווען צו געבן. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס די רייזע־באַשרייבונג פון דעם דאָזיקן געבילדעטן און שאַרפבליקנדיקן מאַן איז איבערזעצט כמעט אויף אַלע שפּראַכן און פאַרנעמט אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער געשיכטלעכער ליטעראַטור.

[3] נאָך אינם 11טן י"ה האָט אין נאַרבאָנע געלעבט רבנו גרשומס באַוואוסטער תּלמיד משה הדרשן, דער מחבר פונם באַרימטן מדרש אויף תנך (מער באַריכות חעגן משה הדרשן זע: א. עפּשטיין, „מאָזעס הדרשן אויס נאַרבאָנע", 1891).

צווײ טעג רײזע פון דער שטאָט בידרש (בעזיע) געפינט זיך די שטאָט הר־געש, ד"ה מאָנפעליע, זײער אַ באַקוועמער האַנדלס־פּלאַץ... עס קומען אַהין האַנדלען סוחרים פון אדום און ישמעאל (ד"ה קריסטלעכע און מוסלמענישע) פון פאַרשײדענע לענדער: אויס אַלהאַמבריע (אַל־ערוה), אויס לאָמבאַרדיע, פון דעם אַלטן רוימישן לאַנד, פון מצרים, פּאַלעסטינע, גריכנלאַנד, פראַנקרײך, ענגלאַנד, הכלל סוחרים פון אַלע פעלקער און לשונות, וואָס קומען האַנדלען קײן פּיזע און גענוע. אויך איז מאָנפּעליע װױנען אַ סך גרויסע חכמים און זײער חשובע מענטשן. בראש פון זײ ר' ראובן בר טודרוס... אויך זײנען דאָרט גרויסע עשירים און בעל צדקות, וואָס שטיצן גערן װער עס װענדט זיך נאָר צו זײ. פיר מײל פון דאָרט גע־פינט זיך די שטאָט לונעל, װו עס געפינט זיך אַ זײער גאָטספאָרכטיקע יידישע קהילה און מען זיצט דאָרט טאָג און נאַכט און מען לערנט תורה. דאָרט האָט געלעבט דער באַרימטער רב ר' משולם, און איצט געפינען זיך דאָרט זײנע פינף זין: ר' יוסף, ר' יצחק, ר' יעקב, ר' אַהרן[1] און דער פּרוש ר' אשר, וואָס איז אינגאַנצן אויסגעטאָן פון דער װעלט, זיצט יום־ולילה איבער די ספרים, פאַסט תעניתים און עסט קײן מאָל קײן פלײש נישט. דאָרט װױנט אויך... דער דאָקטאָר ר' יהודה אבן תיבון פון שפּאַניע. אַלע יונגעלײט, וואָס קומען אַהין לערנען תורה פון װײטע ערטער, האַלט מען אויס על־חשבון הקהילה מיט אַלץ וואָס נײטיק איז, מיט עסן, הלבשה אאַז"וו אין משך פון דער גאַנצער צײט, וואָס זײ לערנען אין בית־מדרש. דאָרט זײנען אמתע חכמים, גאָטספאָרכטיקע הײליקע מענטשן, גרויסע בעלי־מצוות, וואָס זײנען תמיד גרײט קומען צו הילף זײערע ברידער... צװײ מײל װײטער געפינט זיך פּותײקיר (באָקער), אַ כּרך גדול... דאָרט געפינט זיך אַ גרויסע ישיבה אונטער דער השגחה פון דעם באַרימטן רב ר' אַברהם בן דוד[2], וואָס האָט אַ גרויסן שם אַלס גאונישער בקי אין תלמוד און ביבל. צו אים קומען לערנען תלמידים פון די װײטסטע לענדער; און אַלע װױנען זײ בײ אים אין הויז און די נויטבאַדערפטיקע פון זײ האַלט ער אויס אויף זײן רעכענונג מיט אַלע הצטרכותן, וואָרעם ער איז אַ גרויסער עושר. דרײ מײל פון דאָרט געפינט זיך די שטאָט נוגיש, אָדער בורג־סען־זשיל, דאָרט איז אויך אַ יידישע קהילה מיט אַ סך תלמידי חכמים... דאָס

---

1 הענגן אים חעם נאָך קומען צו רײדן חײטער.

2 ר' אברהם בן דוד אויס פּאָסקיערע (געבוירן אין 1125, געשט' אין 1198), איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „ראב"ד בעל ההשגות" נאָך זײן באַרימט װערק „השגות", ד"ה קריטישע באַמערקונגען צום רמב"מס „משנה תורה" און צו אַנדערע פּוסקים פון יענער צײט.

איז אַן אָרט, וווּהין עס קומען גאָט דינען פון די ווייטסטע לענדער און אינזלען... בראש פון דער קהילה געפינט זיך דער נשיא ר׳ אבא מאָרי בר יצחק, וואָס איז דער נאָמען פון דעם גראַף רייַמונדס אַלע גיטער און מאַיאָנטקעס... פון אַרליט (אַרל) איז דריי טעג וועג קיין מאַרסעל. דאָס איז אַן אָרט פון גאונים, רבנים און תּלמידי חכמים. די דאָרטיקע יידישע באַפעלקערונג טיילט זיך אין צוויי קהילות: איינע וווינט אין דער נידער ביים ברעג פונם ים, די צווייטע אַ ביסל העכער לעבן דער פעסטונג. דאָרטן געפינט זיך אויך אַ גרויסע ישיבה. בראש פון ביידע קהילות שטייען גרויסע תּלמידי הכמים, ר׳ שמעון בר אנאַטולי, דער עושר ר׳ יעקב פּערפּיינו און פיל אַנדערע. מאַרסעל איז אַ גרויסע האַנדלס־שטאָט, וואָס ליגט אויפן ברעג פונם ים...״ 1

די נאָענטע שכנות און ענגע פאַרבינדונג מיט דעם אַראַבישן שפּאַניע האָט פיל מיטגעהאָלפן, וואָס די השפּעה פון דעם שפּאַנישן יידישן קיבוץ האָט זיך אַלץ מער געלאָזט פילן אין די בליענדיקע קהילות פון פּראָוואַנס. שוין אין דער ערשטער העלפט פונם צוועלפטן יאָרהונדערט האָט געשפּילט אין דער פּראָוואַנס אַ גרויסע קולטורעל־אויפקלערערישע ראָלע דער אַלזייטיקער יידישער געלערנטער אויס שפּאַניע, אַברהם בר חייא הנשיא, וואָס איז באַקאַנט אין דער קריסטלעכער געלערנטער וועלט אונטערן נאָמען Abraam Judaeus, אָדער Safasorda 2. ער האָט געהאַט זייער אַ גרויסן שם ניט נאָר אין דער אַראַבישער געלערנטער וועלט, נאָר האָט אויך פאַרנומען אַ גאַנץ בכבודיקן אָרט אין דער מיטאַלטערלעכער וויסנשאַפט פונם קריסטלעכן אייראָפּע. זיינע אַסטראָנאָמישע טאַבעלן זיינען געווען זייער אָנגענומען און איבעראַל באַקאַנט, און זיין געאָמעטריע „חבור המשיכה והתשבורת״ (פאַרעפנטלעכט דורך שטיינשניידער אין „קובץ על יד״, XI; 1905) איז געווען איבערגעזעצט אויף לאַטיין דורך זיין בן־דור פּלאַטאָ אויס טיוואָלי, און האָט ביי לעאָנאַרדאָ פּיזאַנאָ געדינט אַלס הויפּטקוועלע בעת יענער האָט געשריבן זיין באַרימט ווערק Practicia Geometrie (זע „צייטשריפט פיר העבר. ביבליאָגראַפיע״, VIII, 90–92).

---

1 זע „שלשה בעלי המסעות״, 4–11, אויסגאַבע פ. מרגלין, 1881.

2 פונם אַראַבישן: Sahib al surt (צאהב אל שרטה), ווייל אברהם בר חייא האָט פאַרנומען ביי איינעם פון די מאַורישע מושלים אַ שטעלע פון אַ שטאָט־פאַרוואַלטער. דערפון נעמט זיך זיין יידישער טיטל: נשיא. ביאָגראַפישע פּרטים וועגן דעם דאָזיקן באַרימטן געלערנטן זיינען זייער ווייניק באַקאַנט. עס איז בלויז פעסטגעשטעלט, אַז ער האָט געלעבט אַ לענגערע צייט אין באַרסעלאָנע און איז געשטאָרבן נאָך דעם יאָר 1136 (זע וועגן אים: פיליפּאָווסקי, פאָררעדע צו „ספר העבור; י. גאָלדענטאַהל, אין „קבוצת חכמים״, 1861, 8 — 12; ש. ראַפּאָפּאָרט און פריימאַן, דאָררעדע צו „הגיון הנפש״; „ליטעראַטורבל. דעס אָריענטס״, 1850, 423).

דער דאָזיקער באַרימטער יידישער אַסטראָנאָם און מאַטעמאַטיקער איז אָבער געווען ניט נאָר אַ געלערנטער, נאָר אויך אַן א ו י פ ק ל ע ר ע ר. ער איז געווען העכסט איבערצייגט, אַז די העכסטע און שענסטע אויפגאַבע פונם מענטש איז ניט נאָר זאַמלען ידיעות און וויסנשאַפטן, — דער עיקר איז-זיי פ אַ ר ש פּ ר ײ ט ן צווישן ברייטערע שיכטן. „עם-הארצות איז פינסטערניש" — ערקלערט אַברהם בר חייא אין זיין עטישן ווערק „הגיון הנפש" — און פאַרטרייבן דאָס פינסטערניש קען מען נאָר מיטן ליכט פון וויסן. ווער עס האָט אַ סך וויסן געזאַמלט און האַלט עס באַהאַלטן פאַר זיך, ביי דעם זיצט זיין חכמה אין דער פינסטער פאַרשפּאַרט; ווער עס פאַרשפּרייט אָבער זיין וויסן, און מאַכט עס צוגענגלעך פאַר אַלע, וואָס באַגערן, דעמס חכמה שיינט און שטראַלט ווי די זון אין מיטן העלן טאָג, דער באַפעסטיקט די יסודות פון דער וועלט און שאַפט זיך אומשטאַרבלעכקייט. וואָרעם ער שענקט דאָך דעם מענטשנס נשמה, וואָס איז געווען ווי אַ בהמה גלייך, דאָס אייביקע לעבן. ווער עס פאַרשפּרייט וויסן אין זיין דור, דער ווערט געבענטשט מיט פיר גרויסע מעלות: ער באַקומט שכר אויף יענער וועלט, האָט כבוד און לויב אויף דער וועלט, זיין תורה שיינט ווי אַ קרוין איבער זיינע תלמידים, און דער קוואַל פון זיין חכמה ווערט אַלץ פרישער און שטאַרקער" [1].

אין די יאָרן, וואָס אַברהם בר חייא האָט פאַרבראַכט אין דער פּראָוואַנס, האָט ער זיך נאָענט באַקאַנט מיט דעם אָרטיקן יידישן קיבוץ און ער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו באַקענען זיינע ברידער, וואָס פאַרשטייען ניט קיין אַראַביש, מיט די וויסנשאַפטלעכע אוצרות, וואָס זיינען אויפגעזאַמלט געוואָרן אויף דער דאָזיקער שפּראַך. מיט גרוים ענווות ערקלערט ער אין זיין מאַטעמאַטיש-אַסטראָנאָמיש ווערק „ספר העיבור": „וואָלט שוין אין פראַנקרייך עקסיסטירט אַ העברעיש ווערק, וואָס זאָל קלאָר און פאַרשטענדלעך באַקאַנען אָט מיט דעם וויכטיקן ענין, וואָלט איך נאָמירלעך ניט געהאַט די העזה אַרויסצוטרעטן פאַר דער געלערנטער וועלט מיט מיינעם אַ ווערק. ווען עס זאָל וויניקסטנס זיין אַ פּאַסנד לערנבוך אין

---

1 „הגיון הנפש", ז' 16—18: „והכסיל בחשך הולך ואם אתה מלמדו חכמה תהיה מאיר את חשכו... אם הוא (דער געלערנטער) כמסתיר אותה בתוך לבו ואינו מלמדה, תהיה חכמתו זאת כאלו היא יושבת באפלה, וכשהוא מודיעה ומגלה אותה לכל דורשיה, תהיה גלויה וזהירה כשמש בצהרים... והמלמד את החכמה מביא לעולם דבר שיש לו עמידה וקיימא ותהיה בה נפש אדם שהיתה נחשבת כבהמה... ובָנו ממך חרבות עולם מוסדי דור ודור תקומם... ונמצא המפיץ מחכמתו על בני דורו זוכה לארבע מעלות גדולות: שכר טוב לעולם הבא ושבח והדר לעולם הזה, והדר תורתו נראה על תלמידיו וניב חכמתו ובינתו נובע וגובר בידו".

אַראַביש, וואָלט איך עס פשוט איבערגעזעצט; ווייל איך האָב אָבער אַזאַ בוך ניט געפונען, האָב איך קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און אַליין פאַרפאַסט אַזאַ חיבור אויף ווי ווייט איך בין אימשטאַנד געווען"[1]. אין ענלעכע אויסדרוקן ערקלערט ער אויך די טעמים, צוליב וועלכע ער האָט פאַרפאַסט זיין באַקאַנטע אַסטראָנאָמיש ווערק „צורת הארץ", וועלכעס דער באַוווסטער קריסטלעכער געלערנטער סעבאַסטיאַן מונסטער האָט פאַרעפנטלעכט מיט אַ לאַטיינישער איבערזעצונג אין באַזעל אינם יאָר 1546[2].

אָבער ניט בלויז ידיעות וועגן נאַטורוויסנשאַפטן האָט דער נשיא פון באַרצעלאָנע פאַרשפּרייט צווישן זיינע ברידער; ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ פּאָפּולער ווערק וועגן עטיק, „ספר הגיון הנפש", וווּ ער רעדט אין אַ האַרציקן טאָן מכּח מוסר און דרך־ארץ, וועגן אַ לעבן פון יושר און יראת־שמים. דער געלערנטער נאַטורפאָרשער רעדט אין ווייכע הירנדיקע ווערטער וועגן „אחרית הימים", וועגן דער קומענדיקער ליכטיקער צייט, ווען עס וועט געוועלטיקן אין דער וועלט לויטער יושר און אמת. „דעמאָלסט, ערקלערט מיט באַגייסטערונג אברהם בר חייא, „אין די טעג פון דער גאולה" וועט אַלס הויפּט־יסוד פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן גילטן דער זאַץ: ואהבת לרעך כמוך. אַלע מענטשן וועלן איינער דעם אַנדערן ליב האָבן ווי אייגענע ברידער; קנאה, שנאה, ווילדע תאוות, וואָס ברענגען צו רציחות און רשעות, וועלן ווערן פאַרגעסן, און רעגירן איבער דער וועלט וועלן לויטער ליבע און הייליקייט"[8]. אברהם בר חייא איז טאַקע איבערצייגט, אַז די יידן זיינען אַ אויסדערוויילט פאָלק[4]. און דאָך שטרייכט ער שטענדיק אונטער, אַז מען דאַרף ניט מיינען, אַז אין די טעג פון דער „ליכטיקער גאולה" וועט געהאָלפן ווערן נאָר דאָס יידישע פאָלק אַליין. „איך בין איבערצייגט, — פאַרזיכערט דער בעל „הגיון הנפש", — אַז מען טאָר אַזוי ניט מיינען; מען דאַרף גלויבן, אַז די טויערן פון תשובה זיינען אָפן פאַר אַלע מענטשן

---

1 „ספר העבור", 4, (פיליפּאָווסקיס אויסגאַבע, 1851)

2 „צורת הארץ", פאָררעדע: „כל ימי דרשתי וחפשתי למצוא חבור בלשון הקודש המפרש את החכמה הזאת על סדור ולא מצאתי, ונראה בעיני כאלו אני מחויב להמציא אותה כפי יכולתי והייתי מתרשל ומתעצל מעשות זאת כי לא ראיתי לסמוך על דעתי ולא לקיים דבר זה מעצתי ורשותי, וכשבאו לידי שורות יקרות וטורים יקרים יוצאים מלפני קצין הדור וגבירו, שמש המדע ומאורו, והוד השכל והדרו, הנקרא בשם איש (נשיא) אלהים ובחירו, יסגא מאוד שלומו ולפני שמש ינון שמו, ויועץ אותי לחבר בחכמת הכוכבים חבור שיהיה מבאר את ענינה ומפרש כהוגן דרכיה ופניה. ועמדתי על דבריו הנעימים ומצותו להשלים ראויה ולהתמים, מיד השתדלתי לעצתו כפי כבודו עלי וחברתיה".

8 „הגיון הנפש", ז' b42.

4 דאָרטן, דף 7, עמ' ב'.

גלייך, ווי אין פסוק שטייט: שוב אל ד' וירחמהו, ווער עס ווענדט זיך צו גאט, איבער דעם דערבארעמט זיך גאט, ווארעם ער איז א גאט פון רחמים"[1].

דער דאזיקער געלערנטער מאן מיט אזא פרייען, טאלעראנטן קוק, איז אבער דאך געווען א בן דורו, א זון פונם טיפן מיטלאלטער; און דערפאר טאקע, בכדי צו שטארקן אין די הערצער פון זיינע ברידער די האפענונג אויף דער „ליכטיקער גאולה", וואס מוז קומען „באחרית הימים", שרייבט אברהם בר חייא א ספּציעלן מאמר „מגלת המגלה"[2], ווו ער דערווייזט אויפן סמך פון אסטראלאגישע חשבונות און פון פסוקים אויס דעם ספר דניאל, אז משיח וועט באשטימט קומען אינם יאר קי"ח לפ"ק (1358).

ווייל אברהם בר חייא איז געווען איינער פון די ערשטע, וואס האט אויף העברעיש געשריבן וויסנשאפטלעכע ווערק[3], איז אים אויסגעקומען צו שאפן נייע טעכנישע ווערטער און אויסדרוקן. זיינע ווערק זיינען דערפאר אויך וויכטיק פאר דער געשיכטע פונם העברעישן וויסנשאפטלעכן סטיל. זיין שפראך איז, אמת, נאך א ביסל צו הארב, און פילע זיינע אויסדרוקן צו אומקלאר און צעשוומען, באלד זיינען אבער קיין פראוואגם אנגעקומען נייע שפאנישע פארשער און זיי האבן מיט ערפאלג פארענדיקט דאס, וואס אברהם בר חייא האט אנגעהויבן.

מיר האבן שוין אין ערשטן בוך אנגעוויזן, מיט וואס פאר א כבוד און דאנקבארקייט די יידישע קהילות האבן באגעגנט די אויפקלערערישע טעטיקייט פונם בארימטן אברהם אבן עזרא. דער אבן עזרא האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו באקענען דאס פראוואנסאלישע און אויך איטאליענישע יידנטום מיט די וויסנשאפטלעכע אוצרות, וואס דער שפאניש־יידישער קיבוץ האט אנגעזאמלט. בכדי צו דערוועקן אין די יידישע צענטרען, וואס פארשטייען ניט קיין אראביש, דעם אינטערעס צו וויסנשאפטלעכער שפראך־פארשונג, האט ער איבערגעזעצט אויף העברעיש די קלאסישע ווערק פון חיוג, און אויך פארפאסט איינענע גראמאטישע ווערק. באלד נאך אבן עזרא זיינען פון שפאניע אנגעקומען אין דער פראוואנס נאך פיל אנדערע יידישע געלערנטע. דאס זיינען זיי עס אנטלאפן פון שפאניע מחמת די רדיפות, וואס די יידן האבן געהאט אויסצושטיין אין

---

[1] דארטן, a8, סוף ערשטן פרק.

[2] דער פולשטענדיקער נאמען פון דעם ווערק: „ס' מְגִלַּת הַמְגַלֶּה, סוד הגאולה, חמשה שערים".

[3] אברהם בר חייא האט אויך פארפאסט א גרויס ענציקלאפעדיש וויסנשאפטלעך ווערק. פראגמענטן דערפון זיינען געדרוקט אין „העבר. ביבל." VII, 84 — 95.

דער מיט פונם צוועלפטן יאָרהונדערט פון די פּאַנאַטיקער, די אַלמאָהאַדן [1]. די אַנטלאָפענע זיינען אָבער געקומען אינם פרעמדן לאַנד ניט מיט ליידיקע הענט, נאָר אָנגעלאָדן מיט דער בעסטער סחורה: מיט די טייערסטע אוצרות פון קולטור און וויסן. אין דעם פאַרשפּרייטן די שפּאַניש-יידישע קולטור אין דער פּראָוואַנס האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט צוויי רייך באַגאַבטע און געבילדעטע פאַמיליעס: די קימחידן און די תיבונידן.

דער פאָטער פון די בני קמחי, יוסף בן יצחק קמחי, האָט אויסגעוואַנדערט פון דרום-שפּאַניע אינם יאָר 1150 און האָט זיך באַזעצט אין נאַרבאָנע. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט איז געווען אַ זייער פילזייטיקע: ער האָט געשריבן גראַמאַטישע ווערק, געמאַכט אַ פּירוש כמעט אויף גאַנץ תנ"ך, האָט איבערגעזעצט פון אַראַביש אויף העברעיש רבנו בחיים „חובות הלבבות" [2], האָט אויך געשריבן פּיוטים, נאָר דער עיקר קונה-שם געווען האָט ער זיך מיט זיינע צוויי פילאָלאָגישע ווערק: „ספר זכרון" און „ספר הגלוי" [3]. זיינע פּיוטים (זע לאַנדסהוט, „עמודי העבודה", 90—92) זיינען געשריבן מיט אַ שיינער שפּראַך, נאָר עס פעלט אין זיי די אמתע פּאָעטישע באַגייסטערונג; פיל וויכטיקער און אינטערעסאַנטער איז אָבער זיין זאַמלונג דידאַקטישע סענטענצן און שפּריכווערטלעך „שקל הקודש". דאָס דאָזיקע ווערק געהערט צו די שורן פון קדמונישע צייטן ביי יידן זייער באַליבטע „ספרי חכמה", וו עס ווערן אין קורצע משלים און פיין צוגעשפּיצטע לער-זאַצן געגעבן די וויכטיקסטע כללים און אָנווייזונגען, ווי אַזוי דער מענטש דאַרף זיך פירן אין לעבן, בכדי ער זאָל גיין אין דרך-הישר פון מוסר און דרך-ארץ. דאָס קלאַסישע „ספר חכמה" פון דער ביבל-צייט איז דאָס זאַמלווערק „משלי", און פון דער תקופת התלמוד — די „פרקי אבות". נאָר אויך אינם מיטלאַלטער זיינען ערשינען אַזוינע דידאַקטישע זאַמלביכער, ווי למשל, דער „מבחר הפנינים" פון שלמה גבירול און דער אַנאָנימער „ספר היראה", וואָס איז ערשט אין דער נייערער צייט געדרוקט געוואָרן [4]. דאָס לעצטע זאַמלבוך איז געשריבן אין גראַמען; אין גערדיכט-

[1] זע וועגן דעם אין ערשטן בוך, ז'. 191, 228.

[2] פון דער איבערזעצונג איז פאַרבליבן בלויז אַ פראַגמענט, וועלכן יעלינעק האָט פאַרעפנטלעכט אינם יאָר 1896.

[3] ביידע ווערק זיינען פאַרעפנטלעכט דורך דעם פאַרלאַג „מקיצי נרדמים" (1887—1888). אַ קריטישע אָפּשאַצונג גיט בליט אין זיין מאָנאָגראַפיע („מאַגאַזין פיר די וויסענשאַפט ד. יודענטומס", ב. XVIII, — XIX, 1890—1); זע אויך א. גייגער, אין „אוצר נחמד", I, 98 -106.

[4] דורך דער חברה „מקיצי נרדמים" אין יאָר 1846. אויפסניי געדרוקט לויט אַן אַנדער כתב-יד דורך ה. גאָלאַנץ אין יאָר 1919.

פאָרם איז אויך געשריבן קמחים „שקל הקדש"[1]. אַלס הויפּט-קוועלע פאַר זיין ווערק האָט קמחי באַנוצט דעם „מבחר הפנינים", נאָר ווי עס שייגט אין דעם אַראַבישן אָריגינאַל, ניט אין דער העברעישער איבערזעצונג. קמחי האָט דערביי אַרויסגעוויזן אַ גרויסע געניטקייט אין דער טעכניק פון דיכטפאָרם און פערז-קונסט, און זיין „שקל הקודש" פאַרדינט צו פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט צווישן די „ספרי חכמה" פונם מיטלאַלטער.

אַ באַדייטנדיקן קולטור-היסטאָרישן ווערט האָט אויך קמחים פּאָלעמיש ווערק „ספר הברית". פון דעם דאָזיקן ספר זעט מען אַמבולטסטן אַרויס, ווי טאָלעראַנט און פריי מען האָט זיך אין דער פּראָווענס פאַרהאַלטן אין רעליגיעזע פראַגן אינם צוועלפטן יאָרהונדערט. כידוע, פלעגט מען אינם מיטלאַלטער ליב האָבן צו פירן וויכוחים מכח אמונה-זאַכן, בפרט צווישן פאַרשטייער פון פאַרשיידענע אמונות, באַזונדערס צווישן יידן און קריסטן. ביז דעם 13טן יאָרהונדערט, איידער דער פאַנאַטישער פּויפּסט אינאָקענטי דער דריטער האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו רודפן יידן, פלעגן די דאָזיקע רעליגיעזע וויכוחים טראָגן אַ גאַנץ פרידלעכן כאַראַקטער. די וויכוחים פלעגן אָפט אַרויסגערופן ווערן פון דער יידישער זייט און זיי פלעגן פריי און אָפן שאַרף קריטיקירן די עיקרים פון דער קריסטלעכער אמונה. די קריסטן האָבן איינגעזען, אַז זיי איז שווער צו קעמפן אין רעליגיעזע פראַגן מיט די יידישע תלמידי חכמים, ווייל יענע זיינען פיל מער בקי אין דעם טעקסט פון די כתבי הקודש; דערפאַר פלעגן די קריסטן זייער גערן אַרויסשטעלן פון זייער זייט משומדים, וואָס זיינען דאָך, אַלס געוועזענע יידן, אויך געניט אין דער יידיש-רעליגיעזער ליטעראַטור. בפרט אין צפון-שפּאַניע, די נאָענטסטע שכנה פון פּראָווענס, האָט די דאָרטיקע קירך, וואָס איז געווען, ווי מיר וועלן ווייטער זען, זייער קריגעריש געשטימט, געפלייסט זיך אויסצונוצן די משומדים אַלס מיסיאָנערן, האָפנדיק, אַז דורך זייערע וויכוחים און פּראָפּאַגאַנדע וועט זיך איינגעבן פועלן ביי די יידן זיי זאָלן „מחזיר בתשובה" זיין און איבערגיין צום קריסטנטום. און אָט די משומדים-מיסיאָנערן פלעגן אין זייערע וויכוחים מיט זייערע אַמאָליקע ברידער פּרוּוון באַווייזן דעם פעסטן אמת פון דער קריסטלעכער אמונה, ניט נאָר מיט ראיות אויס דער ביבל, נאָר אַפילו אויס דעם תלמוד און דער אַגדה. אין דער דאָ-

1 ביז דער לעצטער צייט איז דאָס דאָזיקע ווערק געווען באַקאַנט בלויז לויט אייניקע פראַגמענטן, וואָס ס'האָבן פאַרעפנטלעכט: דוקעס, אין „ציון", 1841, 97–100, און „ליטעראַטבל." 1846, 728—31, דאַן עדעלמאַן אין „דרך טובים", 1852, 24. פולשטענדיק איז עס ערשינען ערשט אין 1919 (זע ביילאַגן נומ' 3).

2 דאָס ווערק איז צו אונז ניט דערגאַנגען בשלימות, בלויז אַ טייל דערפון איז אָפּגעדרוקט אין „מלחמת חובה", 1710, 18—33.

זיקער פּאָלעמיש-מיסיאָנערישער טעטיקייט האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דער משומד משה ספרדי, וואָס האָט נאָך זיין איבערגיין צום קריסטנטום געטראָגן דעם נאָמען פּעטער אַלפאָנזי, און זיך שטאַרק קונה-שם געווען מיט זיין באַקאַנטער זאַמלונג פון מעשיות או. לעגענדן „Disciplina clericalis“ (פאַרפאַסט אין 1106) [1]. דער דאָזיקער משומד האָט פאַרפאַסט אַ ספּעציעל פּאָלעמיש ווערק „Dialogi“ [2], אין וועלכן ער שטרעבט צו באַוויזן, אַז די איינציקע ריכטיקע אמונה איז די קריסטלעכע. דאַן האָבן די יידן אויך פון זייער זייט אָנגעפאַנגען זיך פאַרנעמען מיט אַפּאָלאָגעטיק, און האָבן געשריבן ספּעציעלע האַנטביכער, ווי אַזוי צו פירן וויכוחים מיט קריסטן.

איינע פון די עלטסטע פּאָלעמישע שריפטן, וואָס מיר באַזיצן פון יענער צייט, איז יעקב בן ראובנס „מלחמות השם“ (הייסט אויך „ספר התשובות“), אויך אין 12 וויכוחים ווי אַלפאָנזיס ווערק. וועגן יעקב בן ראובן ווייסן מיר בלויז, אַז ער האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פונם צוועלפטן יאָרהונדערט און זיין בוך האָט ער פאַרענדיקט אינם יאָר 1170. ווי עס שיינט איז ער אַ געבאָרענער אַ שפּאַניער, ווייל דער באַקאַנטער קאַראַימישער געלערנטער, כלב אַפענדופּולו, רופט אים „יעקב אויס וואַלענסיע“. עפּעס דורך אַ סיבה האָט ער געמוזט פאַרלאָזן זיין פאַטערלאַנד און זיך באַזעצט אין גאַסקאָן, וווּ ער האָט זיך באַפריינדעט מיט אַ קריסטלעכן גייסטלעכן, „אַ גרויסער בקי אין פילאָזאָפיע און אין אַנדערע חכמות“, ווי עס פאַרזיכערט יעקב בן ראובן. די צוויי פריינד פלעגן אָפט זיך אַריינלאָזן אין לאַנגע רעליגיעזע וויכוחים, און דער קריסטלעכער גייסטלעכער פלעגט אַלץ וועלן באַווייזן מיט ציטאַטן אויס יעראָנימוס, אַווגוסטין און אַנדערע קריסטלעכע אויטאָריטעטן, אַז טאַקע נאָר דאָס קריסטנטום איז די איינציק אמתע רעליגיע. דאָך פלעגט דער גייסטלעכער דערביי מוסי- זיין: „טאָמער ווילסטו דערווייזן, אַז איך האָב אַ טעות, האָסטו ניט וואָס מורא צו האָבן, קענסט פראַנק און פריי אַרויסזאָגן וואָס דו ווילסט, קיינער וועט דיר ניט ווערן“ [3].

און יעקב בן ראובן האָט אים טאַקע געענטפערט אויף אַלע זיינע

1 זע דעם ערשטן באַנד, ז' 266.

2 דאָס ווערק באַשטייט אויס 12 וויכוחים צווישן דעם יידן משה און דעם קריסט פּעטער. אַ מאָנאָגראַפיע וועגן אַלפאָנזיס „דיאַלאָגן“ האָט פאַרעפנטלעכט יוסף עטטרייכער אין „פינפטען יאהרעבעריכט ד. דייטשען לאַנדעס-אָבעררעבּינשולע אין בודאַפּעשט“ (מערן), 1—40.

3 „ועתה אם און בידך — הרחיקהו, ואם אמת בשפתיך — השיבהו, דבר כרצונך ואל תיראני, אשאלך והודיעני“.



די לעצטע זײַט פֿון יעקב בן ראובנס „מלחמות השם" מיט די צושריפֿטן פֿון אַפּשרײַבער און כּלב אַפֿנדופּולו.

טענות און אַלץ פאַרשריבן אין זײַן ספר, ווי עס גייט אַ וויכּוח צווישן דעם „המכחד" (דער אַפּיקורס, וואָס לייקנט אַלץ אָפּ) און דעם „המיחד", דעם וואָס גלויבט אין דעם איינציקן גאָט. דער ערשטער שטעלט אַלץ פראַגן, און דער צווייטער ענטפערט [1].

כּמעט אין איין צײַט מיט יעקב בן ראובן האָט אויך יוסף קמחי אָנגעשריבן זײַן פּאָלעמישן ווערק, בכדי, ווי ער ווײַזט אַליין אָן, צו געבן אַ געווער אין די הענט פון די, „וואָס מוזן פירן וויכּוחים מיט אָפּטריניקעס פון אונזער פאָלק, וועלכע פאַרשפּרייטן ליגן און פריידיקן שקר, און האָבן די העזה צו מיינען, אַז מיט קינדערשע מעשיות און נאַרישע טענות קען מען מאַכן צו נישט די הייליקע ווערטער פונם לעבעדיקן גאָט" [2]. אויך קמחיס בוך איז געשריבן אין פאָרם פון אַ וויכּוח צווישן אַ גאָטספאָרכטיקן ייִדן, דעם „מאמין", און דעם אָפּטריניקן, דעם „מין". אין דעם ריין טעאָלאָגישן טייל פונם ווערק ווײַזט קמחי אַרויס זײַן גאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט דער לאַטיינישער ביבל־איבערזעצונג פון יעראָנימוס, און באַווײַזט טאַקע דערבײַ מיט גרויס געניטקייט, אַז אַט דער גרויסער קריסטלעכער געלערנטער האָט אָפטמאָל פאַלש איבערזעצט, ווײַל ער איז ניט געווען קיין שטאַרקער בקי אין דער העברעיִשער שפּראַך. דער „מאמין" איז נאַטירלעך פעסט איבערצייגט, אַז די איינציקע אמתע און געטלעכע אמונה איז די ייִדישע, און דאָס, טענהט דער „מאמין", קען מען טאַקע קלאָר אַרויסזען פון דעם ריינעם, מאָראַלישן לעבן, וואָס די ייִדן פירן. „קיין שום אומה — ערקלערט ער מיט שטאָלץ — דערפילט ניט אַזוי טריי די געבאָטן פון די עשרת הדברות, ווי מיר ייִדן. מיר גלויבן אין דעם איינציקן גאָט און האַלטן זיך טריי אָן דעם געבאָט: „לא תעשה לך כל תמונה"; נאָר מיר דערפילן דאָס געבאָט פון שבת האַלטן, און פאַרשוועכן ניט מיט קיין שום מלאכה דעם דאָזיקן הייליקן טאָג. קיין אומה אין דער וועלט דערפילט ניט אַזוי שטרענג, ווי מיר ייִדן, די געבאָטן: „לא תרצח" און „לא תנאף". בײַ אונז זײַנען ניטאָ ניט קיין רוצחים, ניט קיין מענטשן באַפלעקטע מיט זנות; גזילה און מערה־דערייען זײַנען בײַ ייִדן כּלל ניט אַזאַ געוויינלעכע זאַך, ווי בײַ אײַך

---

1 דער „מלחמות השם", וואָס פּאָלעמיזירט שטאַרק מיטן קריסטנטום, איז עד־היום ניט געדרוקט. שטיינשניידער האָט פאַרעפנטלעכט בלויז אַ פּאָר פראַגמענטן פון יעקב בן ראובנס חערק אין „אוצרות חיים" (371—378), און אַלס ביילאַגע צו „וכוח הרמב"ן" (1860). מיר האָבן זיך באַקענט מיט דעם „מלחמות השם" אין האַנטשריפטלעכע קאָפּיע (געשריבן אין 1423), וואָס געפינט זיך אין דער אָפּט־ביבליאָטעק אין לענינגראַד (זע ביילאַגן נומ' 4).

2 „מלחמת חובה", 19a: „אחרי אשר ראיתי כי האנשים מפרצי בני עמנו התנשאו להעמיד חזון שקר ודברי כזבים ומשלים חתולים ונשאם פתיותם והשיאם אולתם מבלי דעת יחשכל ופיתם אותם סכלותם להפיך דברי אלהים חיים".

קריסטן, ווו מען באַראַבעוועט מענטשן אויף די וועגן, שטעכט נאָך זיי אָפּ די אויגן אוים און הענגט זיי אויף די ביימער. „טוען דען ווען אויך יידן אַזעלכע זאַכן? — פרעגט יוסף קמחי [1].

„צי הערשט אויך ביי אייך — פרעגט ווייטער דער „מאמין"—אַזאַ צניעות ווי ביי אונז, הן ביי מענער, הן ביי פרויען? יעדן זון לערנט מען ביי אונז פון קינדווייז אָן תורה, די מיידלעך ווערן דערצויגן מיט מוסר און דרך־ארץ, מען זעט זיי ניט אַרומגיין פראַנק און פריי איבער די גאַסן, עס זיינען ביי אונז יידן ניטאָ קיין אויסגעלאַסענע (פרוצות), ווי ביי אייך קריסטן, וואָס מען באַגעגנט שטענדיק אויף די געמאַרקן און אויף די ירידים. און איר האָט נאָך די העזה אָפּצושפּאָטן פון אונזער מאָראַל און אונזער שטייגער לעבן? איר האַלט זיך פאַר מענטשן מיט אַ העכערער מאָראַל, איר, וואָס פירט אַזאַ לעבן און טרעט מיט די פיס אַלע געזעצן פון מוסר און יושר?"

„נאָך איינס וועל איך דיר זאָגן — זאָגט ווייטער דער „מאמין" — מ י ר ווייסן, וואָס הייסט ברידערלעכקייט. שטעלט זיך אָפּ איין ייד ביים אַנדערן, קען ער פאַרברענגען אַ טאָג, צוויי, אַ גאַנץ יאָר אַפילו — ער וועט ביי אים דערפאַר גאָרניט מאָנען, ניט פאַר עסן און ניט פאַר נאַכטלעגער; און אַזוי איז דער מנהג ביי יידן אויף דער גאָרער וועלט; זיי זיינען גערן מכנים אורח, וואָרעם יידן זיינען בני רחמנים און פאַרהאַלטן זיך מיט ליבע צו זייערע ברידער. זעט אַ ייד, אַז אַן אַנדערער איז געפאַנגען גענומען — לייזט ער אים גלייך אוים, איז יענער נאַקעט — קליידט ער אים אוים... און ביי אייך, קריסטן, איז פונקט דער היפוך (והפכם בנוצרים)" [2].

דער „מין", ד"ה דער קריסט, וואַרפט פאָר די יידן; אַז זיי זיינען פראַצענטניקעס און לעבן פון וואָכער. אין דער פראָוואַנס אָבער, ווו דער האַנדל איז געווען אין בליענדיקן צושטאַנד, האָט מען זיך אָן קרעדיט ניט געקענט באַגיין, לייען געלט אויף פראָצענט, אָדער פאַרלייגן סחורה פאַר אַ משכון מיט אַ תנאי זיך צו טיילן דערנאָך מיטן ריווח — דאָס אַליין איז געווען אַ מ ו ז ־ זאַך, אָן דעם וואָלט דער מסחר געמוזט פאַלן, ווי עס שטאַרבט אָפּ אַ אָרגאַניזם אויס בלוט־מאַנגל. דאָס לעבן האָט זיך ניט גע־וואָלט רעכענען מיטן פאַרבאָט פון דער קריסטלעכער קירך, וואָס האָט גע־קוקט אויף פראָצענט ווי אויף דער גרעסטער עבירה. און קמחים „מאמין" דערציילט אונז טאַקע דעם אינטערעסאַנטן פאַקט, אַז פיל קריסטן אין דער

1 „אין בהם רוצחים ומנאפים, עושק וגזל אין ביהודים מפורסם כמו בנוצרים שמלכתים הבריות בדרכים והולין אותם ומנקרים עיניהם למקצתם, ולא תוכל להחזיק על היהודים דברים אלו" (דאָרטן, 205).

2 דאָרטן, a21.

פראָוואַנס האָבן זיך געמאַכט אַ היתר און גענעבן געלט אויף פּראָצענט. „אין דער עבירה פון פּראָצענט נעמען—ווייזט אָן דער „מאמין"—זיינען דאָך די קריסטן פיל מער שולדיק ווי מיר יידן, וואָרעם זיי, די קריסטן, נעמען גרויסע פּראָצענטן הן ביי יידן און הן ביי קריסטן, מיר אָבער נעמען ווייניקסטנס ביי אונזערע ברידער קיין פּראָצענט נים"[1].

בעת דער „מאמין" מאַכט דעם פאָרוואורף, אַז דאָס לעבן ביי די קריסטן איז פול מיט זינד און לאַסטער, ווייזט אָן דער „מין" אויף די פילע קריסטלעכע אַסקעטן און פּירושים, וואָס שיידן זיך אָפּ פון אַלע תענוגים אין דער וועלט, גייען אַוועק אין מדבריות און אין איינזאַמע וועלדער, און פאַרברענגען דאָרט זייער גאַנץ לעבן אין גרוים החקות און נוים. „יאָ, אמת — ענטפערט דער „מאמין" — אָבער אייערע הייליקע און פּרושים זיינען דאָך בלויז יחידים און קעגן איין הייליקן זיינען ביי אייך דאָ פיל טויזנטער, וואָס זיינען איינגעטונקט אין זינד און שאַנד. אַפילו אייערע גייסטלעכע, אייערע גלחים און קאַרדינאַלן, וואָס דאַרפן דאָך פירן אַ ריין אָנשטענדיק לעבן — ווייסן דאָך אַלע ווי להוט זיי זיינען נאָך לאַסטער און זנות" [2].

יוסף קמחים וויסנשאַפטלעכע אַרבעט האָבן פאָרגעזעצט זיינע צוויי זין, משה און דוד. דער עלטערער האָט זיך באַזונדערס קונה-שם געווען מיט זיין גראַמאַטישן לערנבוך „מהלך שבילי הדת", די ערשטע העברעישע גראַמאַטיק, וואָס איז אין דרוק ערשינען [8]. אין דער תקופה פון רעפאָרמאַציע

---

1 דאָרטן b21: „ועוד כי נשמרים היטב מאבק רבית, לא ימכרו ליהודי אחיהו לא חטים ולא יין ולא שום מקח לזמן קצוב כדי להרבות לו בדמים. והנה אתם שתחדלו מן הרבית תמכרו לאחיכם כל מקח לזמן קצוב בכפל דמים, הלא תבושו שתאמרו לא תלוו רבית, הנה זה רבית גדול, ועוד כי הרבה גויים מלוים ברבית ידוע ליהודים ולגויים מה שאין היהודים עושים לאחיהם יהודים".

2 דאָרטן.

8 דער פולשטענ. יקער נאָמען פון דעם לערנבוך איז: „מהלך שבילי הדת קרבת מליצת חכמה יתרון להב דרכי לשון יקדש". דער ביבליאָגראַף ש. ווינער האָט דער ערשטער אָנגעוויזן, אַז דאָס דאָזיקע חערק איז געהען צום ערשטן געדרוקט אין סאָנטשינאָ אינם יאָר 1489. איין עקזעמפּלאַר (אַ דעפעקטער) פון דער דאָזיקער זייער זעלטענער אויסגאַבע געפינט זיך אין אַזיאַטישן מוזיי אין לענינגראַד. אין פירקאָוויטשעס מאַנוסקריפּטן-קאָלעקציע נומ' I, (112) געפינט זיך אַ אָפּשריפט פון דער ערשטער סאָנטשינער אויסגאַבע. אין סוף מאַנוסקריפּט געפינט זיך פאָלגנדיקע צושריפט פונם סאָנטשינער פאַרלעגער: „בהיות זה הקיצור מדקדק רב התועלת לנערים והיותר נבחר מכלל שאר הקיצורים הנעשים בו מצורף לזה היות מחברו אָב למדקדקים ראינו לעשות במלאכתנו מלאכת הדפוס מדויק. פה סונצין י"ג אב רמ"ח לאלף הששי" (1488). די דריטע אויפלאַגע פון קמחים גראַמאַטיק (1519) איז דערשינען מיט אַ אינטערעסאַנטער פאָררעדע פון בנימין בן יהודה.

איז משה קמחים ווערק געווען דאָס באַליבטע לערנבוך ביי די קריסטליכע געלערנטע. אוים וועלכן זיי האָבן זיך באַקענט מיט דער העברעישער שפּראַך. דער באַריממער אליהו לעוויטע האָט אַרויסגעגעבן קמחים ווערק מיט אַ סך הערות און הוספות, עס איז דערנאָך פיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן און אין 1531 האָט עס דער קריסטליכער געלערנטער סעבאַסטיאַן מונסטער איבערגעזעצט אין לאַטיין און געדרוקט אין באַזעל. משה קמחי האָט אויך געשריבן פּירושים אויף אייניקע ביבלישע ביכער: איוב (פאַר־עפנטלעכט אינם יאָר 1868 דורך י. שוואַרץ אין „תקות אנוש״), משלי, עזרא און נחמיה. אַ מאָדנעם מזל האָבן די לעצטע דריי פּירושים. שוין אינם מיטלאַלטער האָבן זיי געטראָגן אַ פרעמדן נאָמען — דעם באַרימטן נאָמען אַברהם אבן עזרא, און עד־היום הזה ווערן זיי געדרוקט אין פיל תנ״ך־אויסגאַבן אַלס אבן עזראס פּירושים.

באַדייטנדיקער פון משה קמחי איז זיין יונגערער ברודער, דוד, דער באַרימטער רד״ק (רבי דוד קמחי) [1], וועגן וועלכן ס׳פלעגט אין דער שפּע־טערדיקער ליטעראַטור אָפט געברויכט ווערן דאָס ווערטל: „אם אין קמח אין תורה״ — אָן קמחין קען מען דעם פּשט פון דער תורה ניט פאַרשטיין. אַן אויסגעצייכנטער סיסטעמאַטיקער און גלענצנדער פּשטן, וואָס האָט דעם כּשרון אָנצוקליידן דעם שווערסטן און האַרבסטן ענין אין קלאָר פאַר־שטענדלעכער פאָרם, איז דעם רד״ק געלונגען אין זיין צוויי־בענדיקן „מכלול״ צו ברענגען אין אַ שטרענגן סדר דעם גאַנצן קאָלאָסאַלן גראַמאַ־טישן און לעקסיקאָגראַפישן מאַטעריאַל, וואָס ס׳האָבן צונויפגעזאַמלט די באַרימטע שפּראַך־פאָרשער פון דער שפּאַנישער שול. אין דעם ערשטן טייל,[2] וו עס ווערט געגעבן די גראַמאַטיק פון דער העברעישער שפּראַך, איז דעם רד״ק געלונגען אַזוי קונציק אויסצונוצן אַלץ, וואָס זיינע פאָר־גענגער האָבן געשאַפן אויף דעם געביט, אַז מען האָט זיך שוין מער ניט נויטיקט אין זייערע ווערק, און זיי זיינען טאַקע מיט דער צייט אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן, און ערשט אין דער נייערער, וויסנשאַפטלעכער צייט, זיינען זיי תחית־המתים אויפגעשטאַנען. דער רד״ק איז געווען שטאַרק אָנגענומען ניט נאָר ביי יידן, נאָר אויך ביי קריסטן און מיט זיינע ווערק האָבן זיך באַ־נוצט אַזעלכע געלערנטע, ווי רייכלין, סעבאַסטיאַן מונסטער און אַנד

רד״קס גרויסער שם אַלס שפּראַך־פאָרשער האָט פיל מיטגעהאָלפן,

---

[1] געבאָרן אין 1160, געשטאָרבן אין נאַרבאָנע אין 1235.

[2] דער צווייטער טייל, וואָס טראָגט אַ באַזונדערן נאָמען „ספר השרשים״, איז אַ ביבל־ווערטערבוך, און ווערט אַלס זעלבשטענדיק ווערק באַזונדער געדרוקט.

וואָס איך זיינע פירושים אויף תנ״ך[1] זיינען געווען זייער אָנגענומען. זיינע פירושים זיינען געווען אַזוי פּאָפּולער אין דער קריסטלעכער וועלט, אַז מען האָט זיי מערערע מאָל איבערגעזעצט אין לאַטיין. אין זיינע פירושים מרעט דער ר״דק אַרויס אַלס הייסער אָנהענגער פון דעם בעל ,,מורה נבוכים״[2] און זיין פילאָזאָפיש־ראַציאָנאַליסטישע ערקלערונג פון „מעשה בראשית״ און ,,מעשה מרכבה״ האָט, ווי מיר וועלן ווייטער זען, שטאַרק אויפגעבראַכט קעגן אים די גאָטספאַרכטיקע רבנים פון צפון־פראַנקרייך. און ווען עס איז אין זיינע לעצטע יאָרן אויסגעבראָכן דער קאַמף צווישן דעם רמב״מס אָנהענגער און קעגנער, איז דער אַלטער קמחי גלייך צוגעטראָטן צו די מיימוניסטן און האָט אין דעם קאַמף געשפּילט אַ זייער אַקטיווע ראָלע, וועגן וועלכער עס וועט נאָך זיין די רייד אין ווייטערדיקן קאַפּיטל[3].

* * *

דער הויפּט־פאַרדינסט פון די בני קמחי ליגט אין זייערע גראַמאַטישע ווערק. דער קולטורעלער באַדייט פון דער צווייטער אויבנדערמאָנטער פאַמיליע, די בני תיבון, באַשטייט הויפּטזעכלעך אין זייער טעטיקייט אַלס איבערזעצער, וואָס אַדאַנק זיי זיינען די חשובסטע וויסנשאַפטלעכע ווערק פון יידישע פאָרשער אין שפּאַניע געוואָרן צוגענגלעך אויך פאַר די יידן, וואָס האָבן אַראַביש נים פאַרשטאַנען.

בערך אין דער זעלבער צייט, ווען יוסף קמחי האָט זיך באַזעצט אין דער פּראָוואַנס, האָט אויך דער אין גראַנאַדע געבאָרענער יהודה בן שאול אבן תיבון[4] פאַרלאָזן שפּאַניע און זיך באַזעצט אין דער פּראָוואַנסאַלישער

---

1 דוד קמחי האָט געשריבן פירושים אויף בראשית, נביאים, תהלים און דברי הימים.

2 מיט דעם „מורה נבוכים״ האָט זיך דער רד״ק באַקענט אין דער העברעישער איבערזעצונג פון זיין פריינד שמואל אבן תיבון. אַ טרייער אָנהענגער פון דעם רמב״מס שיטה, ערקלערט קמחי, אַז דאָס געשפּרעך צווישן אברהם אבינו מיט גאָט איז פאָרגעקומען בלויז אין חלום. ער ערקלערט אויך אויף אַ ריין ראַציאָנאַליסטישן אופן די ביבלישע דערציילונג, ווי אַזוי אליהו הנביא איז לעבעדיקערהייט אַוועק אין הימל אַריין.

3 ווי זיין פאָטער אַזוי פלעגט אויך דוד קמחי פירן אָפטע וויכוחים מיט קריסטלעכע גייסטלעכע און געלערנטע. זיינע פּאָלעמישע אַרויסטרעטונגען קעגן קריסטנטום אין זיין פירוש אויף „תהילים״ האָט די קריסטלעכע צענזור אַרויסגעוואָרפן, זיי זיינען דערפאַר באַזונדער אָפּגעדרוקט אונטערן נאָמען „תשובות הנוצרים״. ער האָט אויך אָנגעשריבן קעגן דעם קריסטנטום אַ ספּעציעל פּאָלעמיש ווערק „ויכוח״ (אַ פראַגמענט דערפון איז אָפּגעדרוקט אין „מלחמת חובה״). אין דעם דאָזיקן פראַגמענט דערציילט קמחי, ווי ער האָט געהאַט אַ וויכוח מיט איינעם אַ פראַנציסקאַנער („בא להתוכח עמי אחד הצעירים״).

4 געבוירן אין 1120, געשטאָרבן נאָך 1190.

שטאָט לונעל, ווו בראש פון דער יידישער קהילה איז געשטאַנען ר' משולם בן יעקב, וועגן וועלכן עס רעדט מיט אַזאַ התפעלות דער געבילדעטער רייזנ־דער בנימין בן יונה אוים טודעלאַ. אַ מענטש פון ברייטן וויסן, איז משולם בן יעקב געווען אַן אמתער ליבהאָבער און שטיצער פון וויסנשאַפט און בילדונג. ער האָט מיט גרויס ליבע צונויפגעזאַמלט מאַנוסקריפּטן און קאָפּיעס פון די באַדייטנדסטע וויסנשאַפטלעכע ווערק, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אויפן באָדן פון אַראַביש־יידישער קולטור. ער האָט אויך גלייך באַשלאָסן איסצונוצן יהודה אבן תיבונס אַראַבישע קענטעגישן און ביי אים באַשטעלט (1161) אַ העברעיִשע איבערזעצונג פון בחיי בן פקודהס עטיש ווערק „חובות הלבבות"[1]. יהודה אבן תיבון האָט אין דער התחלה איבער־זעצט בלויז דעם ערשטן, ריין פילאָזאָפישן, פּרק „שער היחוד"; אויפן אָרט פון דעם איבעריקן טייל פון בן פקודהס ווערק האָט אבן תיבון איבער־זעצט פון אַראַביש שלמה גבירולס קליינע שריפט „תיקון מידות הנפש", ווו עס ווערט אין זייער אַ קנאַפּער, אָבער גאַנץ קלאָרער פאָרם געריעדט וועגן די זעלבע עטישע „חובות" פון דעם מענטשנס האַרץ, וועגן וועלכע עס האַנדלט זיך אין „חובות הלבבות". ערשט נאָך דעם, ווי עס איז ערשינען יוסף קמחיס איבערזעצונג פון „חובות הלבבות" און זי איז אבן תיבון זייער נים געפעלן, האָט ער באַשלאָסן אַליין צו איבערזעצן דאָס גאַנצע ווערק. אינטערעסאַנט איז די הקדמה פון דעם איבערזעצער, ווו ער קלאָגט זיך אויף די גרויסע שוועריקייטן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט זיין אַרבעט. „די אַראַבישע שפּראַך — שרייבט אבן תיבון — איז זייער רייך און ברייט, מען קען אין איר זייער לייכט איבערגעבן יעדן עניין, יעדן גע־דאַנק מיט אַלע ניואַנסן, ווייל דער אַראַבישער סטיל איז אַנטוויקלט ביז צו דער העכסטער מדרגה, נים ווי ביי דער העברעיִשער שפּראַך, וואָס איר סכום ווערטער און אויסדרוקן איז זייער באַגרעניצט; מיר שעפּן אַלץ פון איין קוואַל — פון דער ביבל. דאָס קען אָבער נים מספּיק זיין פאַר אַלע באַ־דערפענישן... מיר זיינען דערפאַר נים אימשטאַנד איבערצוגעבן אין אַ שיי־נער פאָרם אַזוי קלאָר און דייטלעך אונזערע געדאַנקען און געפילן אין העברעיִש, ווי עס געלינגט אונז ביי אַזאַ רייכער שפּראַך ווי אַראַביש"[2].

1 אבן תיבון שרייבט אַליין וועגן דעם אין דער פאָררעדע צו זיין איבערזע־צונג: „הרב משולם נר"ו בן החכם הישיש רבי יעקב ז"ל... צוני לתרגם לו ענינו בלשון עברי".

2 זע אבן תיבונס בריוו צו משולמס זון, ר' אשר.

8 עס איז ביי אונז קיין ספק נים, אַז אָט קענגן דעם געדאַנק, וואָס אבן תיבון זאָגט דאָ אַרויס, צילט עס דער דיכטער אלחריזי אין זיין פאָררעדע צו „תחכמוני", וועלכע מיר ציטירן אין דעם ערשטן באַנד פון אונזער ווערק (241 — 3).

דער אויסדרוק „שיינע פאָרם" פּאַסט מאַקע גאַנץ ווייניק פאַר אבן תיבונס שפּראַך: זי איז האַרט און ניט געשליפן; דערפאַר אָבער איז אבן תיבון אַ זייער טרייער און זיכערער איבערזעצער; ער איז פון די פלייסיקע גרינדלעכע אַרבעטער, וואָס מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן; דערפאַר מאַקע האָט זיין איבערזעצונג באַלד איינגעצן פאַרדרענגט די איבערזעצונג פון יוסף קמחי. נאָך דעם „חובות הלבבות" האָט אבן תיבון איבערזעצט נאָך אַ גאַנצע צאָל אַנדערע אַראַביש-יידישע ווערק. אין 1167 האָט ער פאַרענדיקט יהודה הלוים „כוזרי", דערנאָך האָט ער איבערזעצט שלמה גבירולס „מבחר הפנינים", דאַן אבן גנחס ווערק: „ספר הרקמה" און „ספר השרשים" און צום סוף, אויף דער עלטער (1186) האָט ער איבערזעצט ר' סעדיה גאונס באַרימט ווערק „ספר האמונות והדעות".

יהודה אבן תיבון האָט מיט רעכט פאַרדינט דעם נאָמען „ראש המעתיקים" — דער פאָטער פון די איבערזעצער, ניט קוקנדיק אויף אַלע זיינע חסרונות. ער פלייסט זיך איבערזעצן מלה במלה, בלייבן וואָס טרייער דעם אַראַבישן אָריגינאַל, ניט רעכענענדיק זיך דערמיט, וואָס דערביי ליידט דאָך זייער דער גייסט פון דער העברעאישער שפּראַך, און דער זאַץ קומט אַרויס האַרט און פעדאַנטיש-טרוקן. דאָך איז אבן תיבון געווען אַ מורה דרך — אַ וועגווייזער; ער האָט מיט זיין מיזאַמען פלייס געשאַפן אויף העברעאיש אַ פילאָזאָפיש-ווּיסנשאַפטלעכע טערמינאָלאָגיע, זי איז אַפילו געווען צו שווער-וואָגיק און אומגעשליפן, דאָך איז דאָס געווען פאַר די, וואָס האָבן אַראַביש ניט געקענט, דאָס ערשטע נייטיקע געווער בכדי צו באַהערשן דאָס געביט פון פילאָזאָפישן דענקען. ער (צוזאַמען מיט זיינע יורשים) האָבן אַדאַנק זייערע יאבערזעצונגען געראַטעוועט רייכע אוצרות פון אַראַביש-יידישער קולטור, וואָס וואָלטן אַזוי געגאַנגען לטמיון, און זיי פאַרשפּרייט און געמאַכט צוגענגלעך בכל תפוצות ישראל.

פון אבן תיבונס אייגענע ווערק האָט אַ קולטור-היסטאָרישן אינטערעס בלויז זיין „צוואה", וואָס ער האָט געשריבן פאַר זיין איינציקן זון, שמואל אבן תיבון, אַלס 70יאָריקער זקן. „צוואות" פאַרנעמען בכלל אַ גאַנץ בכבודיקן פּלאַץ אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור. ספּעציעלע ווערק פון אַמאָליקע צייטן, וואָס זאָלן אונז שילדערן דעם דעמאָלטיקן שטייגער-לעבן, באַזיצן מיר ניט; מען האָט דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען, אַז באַשרייבן דעם „עולם הזה", דאָס וואָכעדיקע לעבן, קען אויך עפּעס האָבן אַ ווערט. דערפאַר מאַקע זיינען אַזוי אינטערעסאַנט די „צוואות", וואָס פילע גדולי ישראל האָבן אויף דער עלטער געשריבן פאַר זייערע קינדער, ווו זיי זאָגן זיי מוסר און לערנען זיי, ווי מען דאַרף זיך נוהג זיין בכדי מען זאָל נושא-חן זיין ביי גאָט און ביי לייט. דערביי ווערן ווילנדיק נים ווילנדיק באַרירט

פיל פרטים פונם דעמאָלסטיקן לעבן, וואָס אין אַנדערע קוועלן איז זיי אוממעגלעך צו געפינען. אין דער הינזיכט איז אבן תיבונס „צוואה" איינע פון די אינטערעסאַנטסטע. דאָרט געפינען מיר זייער פיל כאַראַקטעריסטישע שטריכן אויס דעם קולטורעלן לעבן פון דעם שפּאַנישן יידנטום. טיפּיש איז זיין ערציילונג, ווי אַזוי ער „האָט זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט די גרויסע הוצאות און מיט די סכנות, וואָס שטייען פאָר אינם וועג, און האָט זיך געלאָזט פאָרן אין ווייטע מדינות, בכדי צו באַקומען פאַר זיין זון אַ גוטן לערער פאַר „חכמות חיצונית". „איך האָב אַלץ געטאָן — ווייזט אָן דער אַלטער אבן תיבון — בכדי צונויפצוזאַמלען פאַר דיר אַלע ספרים, וואָס האָסט נייטיק, זאָלסט נישט דאַרפן זוכן קיין שום ספר. דו זעסט, ווי אַנדערע מוזן אַרומלויפן זוכן אַ נייטיק בוך און קענען עס ניט באַקומען, דו אָבער, גאָט צו דאַנקען, פאַרלייסט יענעם און אַליין דאַרפסטו ביי קיינעם ניט לייען... דו זעסט דאָך, ווי גרויסע חכמים קומען צו מיר פון ווייטע ערטער, ווילן גערן באַקענען זיך מיט מיר און מיט מיין ביבליאָטעק"[1].

אין יענער צייט, ווען ביכער האָבן עקסיסטירט בלויז אין כתב־יד, האָט אַ ריינע און שיינע האַנטשריפט געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע, עס איז ממש געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר פון קולטור און בילדונג, ווייל אין דעם, וואָס דאָס כתב־יד איז ריין און לייכט צום לייענען און די אָפּשריפט איז ריכטיק און אָן גרייזן — איז געלעגן אין אַ געוויסער מאָס דער גורל און דאָס מזל פונם בוך גופא. דערפאַר מאַקע גיט דער אַלטער אבן תיבון זיין זון די דעטאַלסטע אָנווייזונגען, ווי אַזוי מען דאַרף זיין אויפמערקזאַם ביים אָפּשרייבן, מען דאַרף זיך פלייסן, אַז יעדער אות באַזונדער זאָל זיין קלאָר און בולט. „דאָס שרייבן — רופט באַגייסטערט אויס אבן תיבון — איז אַ קונסט, גלייך מיט אַנדערע קונסטן!"[2] „מיין זון! — שרייבט ווייטער דער אַלטער פאָטער — זאָלן ביכער זיין דיינע חברים, און די אַלמערס פון ספרים דיינע סעדער און גערטנער... דו זאָלסט יעדן חודש איבערציילן דיינע העברעישע ביכער, אַלע צוויי חדשים — די אַראַבישע, און די צונויפגעבונדענע זאַמלונגען — איין מאָל אין דריי. דיינע ביכער דאַרפן שטיין אין בעסטער אָרדענונג, דו זאָלסט ניט דאַרפן לאַנג זוכן דאָס נייטיקע בוך... אין יעדן אַלמער באַזונדער דאַרף ליגן אַ פולשטענדיקער רייסטער פון אַלע ספרים, וואָס געפינען זיך אין אים, און יעדעס בוך

1 „צוואת ר' יהודה" (שטיינשניידערס אויסגאַבע, 1852), 4.

2 דאָרטן, 8: „כי הכתיבה... היא צורה מן הצורות". אויס דעם זעלבן גרונט האָבן די חכמי התלמוד גערופן די מלאכה פון די אָפּשרייבער (סופרים) „מלאכת שמים". ווען ר' מאיר, וואָס איז געווען אַ קונציקער סופר, איז געקומען צו ר' ישמעאלן, האָט יענער אים געוואָרנט: „בני, הוי זהיר במלאכתך שמלאכתך מלאכת שמים".

זאָלסטו צוריקשטעלן אין זיין אָרט. זיי אויפמערקזאַם אויף איינציקע בלעטלעך אָדער בריוו, וואָס ליגן אַריינגעלייגט אין ספרים, וואָרעם אויך אין די איינציקע בלעטלעך געפינען זיך גאַנץ אָפט זייער וויכטיקע נאָטיצן, וואָס איך האָב מיט דער צייט געזאַמלט און פאַרשריבן. זע, עס זאָל ניט גיין לאיבוד קיין איין ספר און קיין איינציקע נאָטיץ, וואָס איך לאָז דיר איבער... פאַרהענג די אָלמערס מיט שיינע פירהענגלעך, היט אָפּ עס זאָל אין זיי קיין וואַסער ניט אַריינרינען, זע אויך, אַז די ספרים זאָלן ניט פאַרדאַרבן קיין עכברים אָדער אַנדערע מזיקים — זיי זיינען דאָך דיין בעסטער אוצר. לייענסטו דו עמעצן אַ בוך, פאַרשרייב פאַר אים אין די אויגן זיין נאָמען אין דיין נאָטיץ-בוך, קערט ער דיר אום — מעק אויס די נאָטיץ"[1].

יהודה אבן תיבון שטראָפט אין דער „צוואה" זיין זון, און וואַרפט אים אויס, אַז ער איז צו לייכטזיניק און פאַרהאַלט זיך ניט מיטן נייטיקן יראת הכבוד צו וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען. דעם פאָרוווּרף האָט אָבער שמואל אבן תיבון ניט פאַרדינט. ער איז געווען דער גייסטיקער יורש פון זיין פאָטערס קולטורעל-וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט און האָט אים נאָך איבערגעשטיגן מיט זיין ברייטער פילאָזאָפישער בילדונג און שאַרפן אַנאַליטישן שכל. יהודה אבן תיבונס טעטיקייט האָט שטאַרק פאַרגרעסערט דעם אינטערעס פון די פּראָוואַנסאַלישע געבילדעטע יידן צו פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, און זי האָט אויך פיל מיטגעהאָלפן, אַז צום אָנפאַנג פון שמואל אבן תיבונס וויסנשאַפטלעכער אַרבעט האָט שוין אין אַלע קהילות פון דער פּראָוואַנס געגאָלטן אַלס גרעסטער אויטאָריטעט און אַלס גייסטיקער פירער און וועגווייזער — דער בעל „מורה נבוכים" רבנו משה בן מיימון. אַלע האָבן געקוקט אויף אים, ווי אויף דעם גרעסטן גאון, ווי אויף דעם עמוד האש, וואָס באַלייכט דער אומה דעם וועג אין גלות. „פונם ים — פון אומוויסן — שרייבט ר' אהרן, דער זון פון דעם פריער דערמאָנטן ר' משולם — האָט ער (דער רמב"ם) זיין פאָלק אַרויסגעפירט, און זיין תורה אין זייערע הערצער איינגעקריצט... זייט רבינא ורב אשים צייטן איז ביי יידן ניט געווען קיין גלייכער צו דעם משהן"[2] ביי יעדער וויכטיקער וויסנשאַפטלעכער פראַגע האָט מען זיך גלייך געווענדט קיין מצרים צום רמב"ם, ער איז געווען דער „אורים ותומים", די העכסטע אינסטאַנץ[3].

---

1 דאָרטן, 12.

2 „ומים הסכלות עמו משה ונתן תורתו בלבם כתובה וחרושה... כי אמנם מימות רבינא ורב אשי לא קם עוד בישראל כמשה" („טעם זקנים", 67; „אגרות קנאות", 11).

3 ר' מאיר אבולפיה שרייבט אין זיין בריוו צו דער לונעלער קהילה: „אף לזאת יחרד לבי וימס בקרבי, בשמעי כי נפלא הספר („משנה תורה") בעיניכם מאוד באמרכם איש אל רעהו כי יפלא מינו דבר לאמר: הגישה האפוד!"

איינציקע יידישע קהילות האבן זיך געווענדט צום רמב"ם מיט דער ספעציעלער פראגע, צי האט טאקע די אסטראלאגיע א וויסנשאפטלעכן ווערט, און צי איז טאקע אמת, אז די מזלות האבן א שליטה איבער דעם מענטשנס גורל [1]. איינציקע תלמידי חכמים אין לונעל מיט יהונתן הכהן בראש, האבן זיך געווענדט אין 1194 צום רמב"ם מיט דער בקשה, ער זאל זיי דערקלערן איינציקע טונקעלע שטעלן אין זיין „משנה תורה". בעת זיי האבן באקומען די ידיעה, אז ס'איז ערשינען דעם רמב"מס פילאזאפישע ווערק „מורה נבוכים", האבן זיי געשיקט א ספעציעלן שליח קיין מצרים מיט דער בקשה, דער רמב"ם זאל זיי צושיקן זיין ווערק אין אריגינאל אדער אין העברעישער איבערזעצונג. אז זיי האבן באקומען צוגעשיקט דעם אריגינאל פונם „מורה נבוכים", האבן זיי זיך גלייך געווענדט צו שמואל אבן תיבון אלס גרינדלעכן קענער פון אראבישער שפראך, ער זאל איבערזעצן דעם רמב"מס מייסטערווערק אויף העברעיש. אויף שמואל אבן תיבון האט דער „מורה נבוכים" געמאכט א געוואלטיקן רושם און ער איז אויף זיין גאנץ לעבן געווארן א פייערדיקער אנהענגער פון דעם רמב"מס שיטה. אויך דעם גרויסן יראת הכבוד צום ווערק האט אבן תיבון אין דער התחלה געוואלט זיך אפזאגן פון דעם פארשלאג. „איך האב זיי (די פארשטייער פון דער לונעלער קהילה) ערקלערט — שרייבט אבן תיבון — אז איך קען ניט בשלימות ביידע שפראכן, זיי האבן אבער אזוי לאנג געבעטן, ביז איך האב איינגעוויליקט און זיך גענומען צום איבערזעצן".

שמואל אבן תיבון האט געוואלט טאן זיין זאך בשלימות; האט ער זיך קודם-כל געווענדט (אין 1199) צום מחבר גופא נאך נייטיקע אנווי

---

1. כאראקטעריסטיש איז דעם רמב"מס ענטפער. אין זיין בריוו צו דער מארסעלער קהילה טרעט ער זייער שארף ארויס קעגן אסטראלאגיע, און ערקלערט די דאזיקע חכמה, אין וועלכער נאך האט אזוי שטארק געגלויבט ביז אין דער נייער צייט, אלס פאלשע באטריגערישע וויסנשאפט. „זייט וויסן — שרייבט ער — עס זענען פאראן דריי ארטן אמתן אין וועלכע דער מענטש קאן גלויבן; 1) דאס וואס קאן באוויזן ווערן מיט ראיות פון לאגישן מענטשלעכן שכל, למשל כללים פון מאטעמאטיק, אסטראנאמישע בארעכענונגען וכדומה; 2) ידיעות און איבערצייגונגען, וואס דער מענטש באקומט דורך זיינע חושים, צ"ב: דורך דער ראיה באקומט דער מענטש צו וויסן, אז די זאך איז שווארץ, די אנדערע איז רויט, א. א. וו.; 3) אמתן וואס דער מענטש האט באקומען בקבלה פון נביאים און צדיקי הדור... און יעדער בר דעת דארף זיך תמיד אפגעבן א קלארן חשבון, פון וואס פאר א ארט איז די אדער יענע אפשאצונג און מיינונג, צי איז ער צו איר געקומען מיטן אייגענעם שכל, צי אדאנק זיינע חושים, אדער זי באַקומען בקבלה. ווער אבער ס'גלויבט און האלט פאר א אמת אזוינע זאכן, וואס גייען נישט אונטער צו איינער פון די דריי קאטעגאריעס, וועגן דעם זאגט דער פסוק: פתי יאמין לכל דבר — א נאר גלויבט אין אלץ".

זונגען. דער רמב"ם, וואס האט שוין פון לאנג זיך ארומגעטראגן מיטן גע־ דאנק איבערצוזעצן זיינע אראבישע ווערק אין העברעיש [1], האט זיך זייער דערפרייט ביי דער ידיעה, אז אבן תיבון האט בדעה איבערזעצן זיין „מורה", ער האט אים גלייך געענטפערט און אים געגעבן פיל וויכטיקע אנווייזונגען, ווי אזוי ער דארף זיך נוהג זיין ביי זיין שווערער ארבעט; ער האט אים אויך אנגעוויזן, אז דער איבערזעצער דארף זיך שטענדיק האלטן ביים כלל: ריכטיק איבערגעבן דעם געדאנק איז פיל וויכטיקער, ווי טריי

עס איז שווער צו זאגן, צי מחמת דעם, וואס ביי שמואל אבן תיבון, איבערזעצן יעדעס ווארט [2].

ועלכער האט זיך פארהאלטן מיט אזא יראת הכבוד צום „מורה נבוכים" [3], האט די איבערזעצונג געפאדערט צו פיל צייט [4]. צי זיינען דא נאך געווען אנדערע סיבות — יעדנפאלס די לונעלער קהילה, וואס האט זיך ווי צום גיכסטן געוואלט באקאנען מיט דעם פילאזאפישן ווערק פון דעם גרויסן גאון, האט זיך געווענדט (אין 1200) צו אים פערזענלעך מיט דער בקשה, ער זאל זיי טאן צוליב און איבערזעצן פאר זיי דעם „מורה נבוכים". דער רמב"ם האט געענטפערט, אז ער טראכט שוין טאקע פון לאנג וועגן איבערזעצן זיינע אראבישע ווערק אין העברעיש, אים פעלט אבער די צייט דערצו [5]; „עס געפינט זיך אבער צווישן אייך דער חשובער זון פון דעם געלערנטן יהודה אבן תיבון און ער איז דער פעיקסטער מאן צו דער דאזי־ קער ארבעט" [6].

---

1 זע זיין בריוו צו יוסף בן גאבר אוים באגדאד: „ואני מבקש עתה להחזיר היריש המשנה וספר המצוות ללשון הקדש" („טעם זקנים", 73; „תשובות הרמב"ם„ II, 15b).

2 „תשובות הרמב"ם" II, 27b.

3 ער האט אפילו באשלאסן ספעציעל צו פארן קיין מצרים, בכדי צו באַ־ קומען פונם מחבר גופא דערקלערונגען וועגן אייניקע שווערע ערטער אין טעקסט. דער רמב"ם האט אים אפילו דערפון אפגעשלאגן, דאך האט ער שפעטער זיין ווונטש דערפילט.

4 אבן תיבון האט פארענדיקט זיין איבערזעצונג דעם 30 נאוועמבער 1204, צוויי וואכן פאר דעם רמב"ם טויט. די דאזיקע דאטע געפינט זיך אין דער הוספה, וואס איז אפגעדרוקט אין סוף פון דער ערשטער דרוק־אויסגאבע פונם „מורה נבוכים" (רוים, בערך אינם יאר 1476): „וזה לשון המעתיק: השלמתי העתקת המאמר הנכבד הזה בחדש טבת ארבעת אלפים ותשע מאות וששים וחמש לבריאת עולם". אין אלע איבעריקע אויסגאבן פעלט די הוספה פונם איבערזעצער. וועגן די פעלערן, וואס געפינען זיך אין אבן תיבונס איבערזעצונג, זע שם טוב פלקירה „מרה המורה", 148—58.

5 „מי יתנני כירחי קדם לעשות בזה הספר ובשאר הספרים שחברתי בלשון קדר, אשר הקדיר שמשי כי אהלי חם שכנתי ושמחה גדולה היתה לי בזה להוציא יקר מזולל ולהיטיב גזלה אל הבעלים".

6. „תשובות", II, 44 „אוצר נחמד" II, 3.



השכל וידוע אותי כי אני ה׳ או היה אומר כי אין לו תמונה או כי אין כמוהו ומה
שדומה לזה אבל אמר שאין להתהלל רק בהשגתו ובידיעת דרכיו ותאריו ר״ל לומר פעולות
כמו שבארנו באומרו הודיעני נא את דרכיך וגו׳ וביאר לנו בזה הפסוק שהפעולות ההם
שראוי שיודעו ויעשה בהם הם חסד ומשפט וצדקה והוסיף ענין אחר צריך מאד והוא
אמרו בארץ אשר הוא קוטב התורה ולא כמחשבת החודשים שחשבו שהשגחתו ית׳
כלתה אצל גלגל הירח ושהארץ ומה שבה נעזב עזב ה׳ את הארץ אבל רק כמו שבאר
לנו על ידי אדון כל החכמים כי לי הארץ יאמר שהשגחתו ג״כ בארץ כפי מה שהוא כמו
שהשגיח בשמים כפי מה שהם והוא אמרו כי אני ה׳ עושה חסד משפט וצדקה בארץ
ואחר כן השלים הענין ואמר כי באלה חפצתי נאם ה׳ יאמר בחפצי במשפט וצדקה
החסד נאם ה׳ ר״ל לומר שכוונתי שיצא מכם חסד משפט וצדקה בארץ כמו שבארנו
בשלש עשרה מדות כי הכוונה להדמות בהם ושנלך על דרכם אם כן הכוונה אשר
זכרה בזה הפסוק הוא באורו שתכלית האדם אשר בו יתהלל באמת הוא להגיע אל
השגת השם כפי היכולת ולדעת השגחתו בברואיו בהמציאו אותם והנהיגו אותם ואחר
היות ולכת אחר ההשגה ההיא בדרכים שיתכוון בהם תמיד לעשות חסד וצדקה ומשפט
להדמות בפעולות השם כמו שבארנו פעמים בזה המאמר זהו מה שראיתי
לשום בזה המאמר במה שאחשוב שהוא מועיל מאד לכמוך בעזרת השם ית׳ עליך
שים השם הטוב השיג כל העניינים שבכללו
כן בשמו הוא יזכנו וכל ישראל חברים לפי שיעד לנו
ש׳ הפקחנה עיני עורים ואזני חרשים
העם ההולכים בחשך ראו אור
גדול ישבי בארץ צלמות
אור נגה עליהם
זה הספר נשלם ב״ה א״ל עולם
[illegible] השלמתי העתקת המאמר הנכבד הזה בחדש טבת שנת [illegible]
[illegible] מאות וששים וחמש לבריאת עולם אני שמואל בן יהודה בן תבון [illegible]
[illegible] הנה הוא יעזרנו ויושיענו ברוב רחמיו וחסדיו הרבים [illegible]
[illegible] סודות תורתינו ויתענג בכל הנבואה המיושרה [illegible]
[illegible] רבים ואמרו לכו ונעלה אל הר ה׳ אל בית אלהי יעקב ויורנו מדרכיו
[illegible] כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים ונאמר בית יעקב לכו
ונלכה באור ה׳

די לעצטע זייט פון דער ערשטער אויסגאבע „מורה נבוכים" (פאר 1480)

גראָד אין יענער צייט איז געקומען קיין דרום־פראַנקרייך דער דיכ־טער יהודה אַלחריזי. אַן אויסגעצייכנטער סטיליסט און אַ מענטש מיט פי־לאָזאָפישער בילדונג, איז ער געווען זייער געוווּנטשן אַלס איבערזעצער. און באַלד האָבן זיך מאַקע צו אים געווענדט די מאַרסעלער קהילה און יונתן הכהן אוים לונעל מיט דער בקשה איבערצוזעצן אין העברעיִש דעם רמב״מס אַראַבישע ווערק [1]. אַלחריזי איז דערויף איינגעגאַנגען און האָט איבערזעצט דעם רמב״מס פירוש אויף משנה און אויך דעם „מורה נבוכים״ [2].

די משכילים אין דער פּראָווּאַנס האָבן זיך אָבער ניט באַנוגנט בלויז מיט די ווערק פון רבנו משה בן מיימון, זיי האָבן זיך אויך געוואָלט באַקענ־נען מיט דער אידעען־וועלט פונם רמב״מס בן־דור, דעם אַראַבישן ראַציאָנאַ־ליסט און פריידענקער אבן רשד; האָט די אינטעליגענץ פון נאַרבאָנע און בעזיע (בדרש) זיך געווענדט צום געניטן איבערזעצער יעקב בן אבא מארי אַנאַטאָלי [3], ער זאָל איבערזעצן אויף העברעיִש אבן רשדס פילאָזאָ־פישע ווערק.

די פּראָווּאַנסאַלישע קהילות, ווי מיר זעען, האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס צו וויסנשאַפט און בילדונג, זיי זיינען מיט דער צייט גע־וואָרן אַ זייער וויכטיקער קולטור־צענטער; דאָרט האָט זיך געבילדעט אַ גאַנצע שול פון ערשטקלאַסישע איבערזעצער, וואָס אַדאַנק זיי זיינען גע־ראַטעוועט געוואָרן טייערע קולטור־אוצרות אוים דער מוסלמענישער וועלט, און עס איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט, עס זאָל זיך מיט זיי באַקענען דער קריסטלעכער מערב. די יידישע געלערנטע אין דער פּראָווּאַנס זיינען אָבער געווען און געבליבן בלויז באַגאַבטע תלמידים, פלייסיקע גע־הילפן, אויסגעצייכנטע סרסורים און פאַרשפּרייטער פון פרייער געשאַ־פענע קולטורעלע אוצרות, אָבער אַליין ווערן זעלבשטענדיקע פאָרשער און באַשעפער פון קולטורעלע ווערטן, צו דער מדרגה האָבן זיך די יידן פון פּראָווּאַנס אין משך פון אַ לאַנגער צייט נישט דערהויבן. ביז דעם סוף 13טן יאָרהונדערט האָט דאָס פּראָווּאַנסאַלע יידנטום ניט געגעבן קיין איין קלענ־גענדיקן נאָמען אויפן געביט פון פילאָזאָפישן געדאַנק, קיין איינציקן פאָר־שער אויפן געביט פון וועלכער ס׳איז וויסנשאַפט. אין דער פּראָווּאַנס, די אמתע וויג פון אייראָפּעיִשער מיטלאַלטערלעכער פּאָעזיע, דאָרט וווּ אין

---

1 זע „תחכמוני״, פאָררעדע, אויך ז׳ 410 (וואַרשעווער אויסגאַבע).

2 אלחריזיס איבערזעצונג איז לייכטער, אָבער ווייניקער גענוי ווי אבן תיבונס (וועגן דעם פאַרגלייך פון ביידע איבערזעצונגען זע ביי ד. קויפמאַן, „געז. שריפטן,״ II, 163—166.

3 וועגן אַנאַטאָלי און זיינע איבערזעצונגען, מער באריכות אין דריטן בוך.

משך פון XI—XIII יאָרהונדערט האָבן די וואַנדערנדע זינגער, די טרובאַדורן, דערהויבן די ריטערלעכע ליריק צו דער הויכער מדרגה פון אמתער קונסט — האָבן די דאָרטיקע יידן אין דער גאַנצער צייט ניט געגעבן קיין איינציקן באַדייטנדיקן דיכטער, וואָס זיין נאָמען זאָל קענען פאַרנעמען א בכבודיקן אָרט אין דער געשיכטע פון יידישער דיכטקונסט [1]. דער אַלטער מייכטער, לעאָפּאָלד צונץ, גיט אפילו אָפּ אין זיין ווערק „צור געשיכטע אונד ליטעראַטור" 459—483 אַ גאַנץ קאַפּיטל „די יידישע דיכטער אין דער פּראָוואַנס". נאָר אָט די פילע, צענדלינגער „דיכטער", וואָס צונץ רעכנט אויס, זיינען באמת בלויז גראַמענמאַכער, וואָס האָבן מיט מער אָדער ווייניקער געניטער האַנט געשריבן פּיוטים, שירים ותשבחות נאָכן נוסח פון די באַרימטע שפּאַנישע דיכטער, אָבער אָן זייער טאַלענט, אָן זייער פּאָעטישער באַגייסטערונג.

דער באַקאַנטסטער פון די פּראָוואַנסאַלע דיכטער איז יוסף האזובי, וואָס האָט געלעבט אין פּערפּיניאַן אין דער ערשטער העלפט פונם 13טן יאָרהונדערט. ער האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין דידאַקטישער פּאָעמע „קערת כסף", וואָס ער האָט געשיקט אלס דרשה-געשאַנק זיין זון צו דער חתונה [2]. די דאָזיקע פּאָעמע איז געווען זייער פּאָפּולער, און דער באַקאַנטער קריסטלעכער געלערנטער רייכלין האָט זי איבערזעצט אין לאַטיין. רייכלין איז שטאַרק נתפעל געוואָרן פון אזובים פּאָעמע און ער רופט אים „דער זיסער העברעישער דיכטער" (Judaeorum poeta dulcissimus). דאָך

---

1 מען דאַרף דאָ אמת, דאָך נעמען אין באַטראַכט, אַז די פּראָוואַנסאַלישע פּאָעזיע, ביי איר גאַנצער איגנאַרטיקער שיינקייט, האָט דאָך נישט געקענט האָבן קיין באַמערקבאַרע השפּעה אויף דער יידישער ליטעראַטור. קודם כל מוז מען געדענקען, אַז די אינטימע וועלט פונם קריסטלעכן טרובאַדור איז דאָך אין עצם געווען צו עלעמענטאַר, צו פּרימיטיוו פאַר דעם פּראָוואַנסאַלן יידנטום, וואָס האָט געלעבט אין אַ קאָמפּליצירטערער אין רייכערער קולטור. חוץ לזה האָט דאָך די ריטערלעכע פּאָעזיע גאַנץ בולט געטראָגן דעם שטעמפּל פון דעם שטאַנד, אויס וועלכן זי האָט דער עיקר געשעפּט איר יניקה; זי איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן פעאָדאַלן שטייגער לעבן, וואָס איז דעם שטאַטישן יידנטום געווען אינגאַנצן פרעמד. דערצו נאָך איז די ריטערלעכע פּאָעזיע געווען קודם כל אַ מינדלעכע פּאָעזיע, ענג פאַרבונדן מיט זינגען. דער ריטער האָט נישט געליינט דעם טרובאַדורס ליד, נאָר צוגעהערט, בעת מ'האָט עס דעקלאַמירט אָדער געזונגען אונטער דער באַגלייטונג פון אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט. אַיינס נאָר האָבן די יידישע דיכטער אין דער פּראָוואַנס איבערגענומען ביי זייערע קריסטלעכע ברידער: פּאָעטישע טורנירן, לידער־קאַמף. די טורנירן ביי די יידישע דיכטער זענען אָבער נישט פאָרגעקומען בעל־פּה ווי ביי די טרובאַדורן, דורך זינגען, נאָר בכתב, מיט הילף פון פּען און פּאַרמעט.

2 דאָס ערשטע מאָל געדרוקט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין 1523, איבערגעדרוקט אויך מיט אייניקע ערגענצונגען אין וואָלפס „ביבליאָטעקא העבראַיקא" IV, 67 — 1140.

מוז מען מודה זיין, אַז „קערת כסף" איז כלל נים קיין מייסטערווערק. די פּאָעמע איז, אמת, געשריבן אין אַ ווייכן אינטימען טאָן. עס פילט זיך דער ליבנדער פאָטער, וואָס זאָרגט פאַר זיין קינד, נאָר אמתע פּאָעזיע איז דאָרט גאַנץ ווייניק. אין קעגנזאַץ צו יהודה אבן תיבון — לערנט אזובי זיין זון, ער זאָל שטרעבן דערצו, אַז זיינע חברים און לערער זאָלן זיין לעבעדיקע מענטשן נים ספרים. „בחר פי סופרים לא פי ספרים, עשה לך רב ואל תבטח בספרא!" „מיין קינד — שרייבט אזובי — קויף חכמה, קויף וויסן!" און דאָך האַלט דער פּאָטער פאַר נייטיק צו וואָרנען זיין זון, ער זאָל זיך נים צו פיל אַריינלאָזן אין „חכמת יוונית" — אין דער גריכישער פילאָזאָפיע. „מייד אוים אירע וויינגערטנער, וואָרעם די ווינשטאָקן אירע זיינען פון סדום, און פון עמורה די צווייגן"[1]. דערפאַר אָבער רעדט ער מיט גרוים התפעלות וועגן „משה איש האלהים" — דעם גרויסן גאון פון קאָרדאָווע, וואָס זיינע ספרים „זיינען טייערער פון טייערסטע שטיינער". אַליין אַ ליבהאָבער פון קונסט, ראָט ער זיין זון ער זאָל זיך פיל אָפּגעבן מיט שיינעם סטיל און פּאָעזיע, „דעמאָלסט וועסטו ווי דיין פאָטער שאַפן לידער"[2].

אזובים תלמיד איז געווען דער באַקאַנטער „מליץ" אברהם בדרשי פון בעזיע (בדרש)[3]. בדרשי איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער דיכטונג פון די פּראָוואַנסאַלישע טרובאַדורן, ער האָט אפילו ביי זיי איבערגענומען דעם מנהג פון פּאָעטישע טורנירן, און פלעגט אָפט ארויספאָדערן זיינע חברים אויף אַ וועט־קאַמף מיט לידער. ער האָט פאַרפאַסט פיל פיוטים, צווישן זיי דעם „אלף אלפין", אַ שיר, וואָס באַשטייט אוים טויזנט ווערטער און יעדעס פון זיי הייבט זיך אָן מיט אַ „אלף"[4]. ער האָט אויך געשריבן סאַטירעס, פּאַראָדיעס, ליבעזאַנגען יידישע מעצענאַטן און שררות[5], און

---

1 סטראָפע 36:
גפע מעל כרמיה הכי מן —
סדום גפנם ומשדמות עמורה.

2 בני בשיר שעה ורעה דרכיו
ובמליצה תהי נפשך זהירה
עדי תוליד כאביך בני שיר...

3 ביבליאָגראַפישע פרטים וועגן בדרשי זע: Les rabbins juifs ,707 — 19

4 דער שיר איז פאַרעפנטלעכט אין „כרם חמד", IV.

5 ווי צ"ב דעם קלוניכוס בן מאיר אוים אַרל, דעם באַקאַנטן מקובל און דיכטער טודרוס אבולפיה אאַז"וו (זע „חותם תכנית", מרדכי תמהם „משכיות כסף", 23—26 און „ליטעראַטורבלאַט דעם אָריענטס", 1846, 563, וואו עס ווערט איבערגעגעבן דער אינהאַלט פון בדרשים לידער־זאַמלונג.

אַלע זיינען זיי געשלאָגן מיט איין און דער זעלבער חולשה: עס פעלט זיי דער פּאָעטישער פונק, די ווירקלעכע באַגייסטערונג. ניט קוקנדיק דערויף, רעכנט זיך בדרשי גופא פאַר דעם גרעסטן דיכטער פון זיין צייט. אין זיין פּאָעמע „חרב המתהפכת"[1] ערקלערט ער מיט גדלות: „ווי די אַלטע דיכטער זיינען געווען גרויס אין זייער צייט, אַזוי בין איך פאַר דעם היינ-טיקן דור!" ער, וואָס גייט שטענדיק אין זיינע לידער, ווי אויף שטאָלצן, איז פעסט איבערצייגט, אַז זיין „צונג איז שאַרף ווי אַ פייל, און פול מיט צויבער זיינען זיינע לידער (ולשוני חץ, ועמי ים ותנין... וקסם על שפת שירי). דאָך האָט בדרשים פּאָעמע אַ געוויסן היסטאָרישן אינטערעס, ווייל דער פאַרפאַסער פּרוּווט דאָרט געבן אַ קורצן איבערזיכט איבער דער העב-רעישער פּאָעזיע זייט יהודה הלוי, דעם „אורים ותומים", ווי בדרשי רופט אים, ביז זיין צייט. בדרשי קלאָגט זיך, אַז אין זיין דור איז די דיכטקונסט שטאַרק געפאַלן. „וואָס קומט אַרויס, אַז אויף מיין האַרף קלינגען זיסע טענער אין אַ דור, וואָס איז אַזוי אָרעם אין לידער!" „פאַרשטומט זיינען געוואָרן די שיינע לידער פון די רוימער און פּראָוואַנסאַלער, מען הערט מער ניט דאָס זיסע געזאַנג פון פאָלקעט * און זיינע חברים, פאַרלאָשן די דופּטנדיקע קלאַנגען פונם גרויסן קאַרדנאַל" *.

בדרשי קלאָגט זיך אַפילו אויף זיין פאַריתומט דור, ווען „פאַרשטומט זיינען דיכטער און זינגער" (נרדמו נוגני ושרי), דאָך האָט ער אוים קליינ-לעכע קנאה פון קיינעם פון זיינע חברים ניט געקענט מוחל זיין, ווען יענער האָט געהאַט די העזה צו זיין באַגאַבטער פון אים. באַזונדערס כאַראַקטע-ריסטיש פאַר בדרשי איז אין דער הינזיכט, מיט וואָס פאַר אַ ביטול און האַס ער האָט זיך פאַרהאַלטן צו דעם דעמאָלסטיקן ווירקלעך באַגאַבטן דיכטער יעקב בן אברהם גורני[2]. דאָס איז געווען אַן אומבאַדינגט באַ-גאַבטע, אָבער זייער ניט געשטעלטע נאַטור. אַ שטענדיקער נע-ונדניק, פלעגט ער וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט און באַזונדערס ליב געהאַט צו פאַרברענגען די צייט אין די שענקען און גאַסטהייזער ביים פולן כוס[8] אַלס טיפּישער וואַנדערנדיקער דיכטער, ווי אַלחריזי בשעתו, האָט אויך

---

[1] פאַרעפנטלעכט אין 1865, אין סוף פון זיין פילאָלאָגיש ווערק „חותם תכנית". די פּאָעמע באַשטייט פון 210 סטראָפן, און מיט איין און דעם זעלבן גראַם: רי. דער גראַם, ווי אויך דער נאָמען פון דער פּאָעמע (חרב), באַטרעפן ביידע בגימטריא — 210.

* באַדייטנדע פּראָוואַנסאַלישע זינגער.

[2] גורן — דאָס איז די העברעישע איבערזעצונג פונם נאָמען פון דיכטערס גע-בורטסשטאָט Aire. זע װעגן אים: 719 — 723, Les rabbins juifs.

[8] אויף זיין ליבע צו שטאַרקע משקאות ווייזט אָן דעם דיכטערס קעגנער, ישעיה בן שמואל דבש (Muel) בעת ער רעדט וועגן „סובאי יין" (מיט ווייַן באַטרונקענע).

גורני געליטן הונגער און נויט. זיין איינציק פארמעגן זיינען געווען זיינע לידער, נאר בדרשׂי איז געווים אומגערעכט, בעת ער באשולדיקט גורנין, אז יענער פארשאכערט זיין טאלאנט און פאקויפט זיינע לידער פאר געלט („רק נכנע בשיריו מצד כספו ותשוקתם לרצי כספם"). א מענטש מיט א לייכט אויפרעגלעכן כאראקטער, איז גורני אמווייניקסטן געווען מסוגל צו זיין א נכנע מיט א געבויגענעם רוקן. קעגן רייכע און שטארקע פלעגט ער זיך דווקא האלטן אן א שום התבטלות, מיט א געוויסן שטאלץ, געפלייסט זיך ארויסווייזן זיין קאלטקייט צו זיי. „איך פארשילט — ערקלערט ער אין איינעם פון זיינע לידער — די דיכטער, וואס פארקויפן זייערע לידער...פלעסקען בראווא און פאלן כורעים פאר די זעק מיט זילבער... שטאלץ הייב איך מיין פויסט קעגן דעם רייכן, ער מעג זיין דער גרעסטער נדבן... איך קען זיי און וויים: ווען אפילו זיי שעצן דעם געלערנטן, דאך בלייבט יענער מיט א געבויערטן אויער (ד"ה ער טראגט דעם צייכן פון אן אונטערטעניקן קנעכט)" [1].

און טאקע פאר זיין שטאלצן און אומאפהענגיקן כאראקטער האט ער, דער דיכטער, דער נע-ונדניק, זיך געשאפן א סך שונאים, און האט זייער פיל געהאט אויסצושטיין אין זיין ארעם וואנדער-לעבן. „וואסערע זינד, וועלכע שולד — פרעגט מיט ווייטאג דער דיכטער — געפינען די שונאים אין מיר? צי האב איך געזעצן פארשוועכט, דעם בוגד דעם טרייען צעשטערט? זיי זיינען מעכטיק און רייך, געניסן פונם בעכער פון לעבן, און איך בין פארוואגלט מיט ליפן פארשמאכטע, זיי בליען ווי דער זאפטיקער גארטן, און איך בין קראנק און ארעם... איך ווער פון די שררות די רייכע מיט די פיס געטראטן; מיין פידל, מיין טרייסט, ווערט געטרענקט מיט טרויער, און מיין ליד פארוואנדלען זיי אין געוויין... וווהין זאל איך לויפן, ווו זיך באהאלטן. אומעטום איז פארשפרייט די נעץ פאר מיין פוס... אוי, גורני! פאר וועמען איז דער טראך, פאר וועמען שפאט און געלעכטער? אלץ פאר דיר, פאר דיין הארץ דאס פארשמאכטע..." [2].

ניט אבער בלויז די שטארקע און רייכע האבן גערודפט גורנין, נאר אויך זיינע חברים — די ליטעראטן און דיכטער. אין דער שטאט עי

---

1 זע „מאנאטשריפט," 1882, 516:

אאור מליצי דור אדמות יסחרו...

ובעד צרורי כסף, כדי קצף, לאיש ישתחוו ארצה וכף ירקעו...

אגבע ולא אשח לנבר יעשר — לו אוצרותיו בעזר נגעו

כי ינחלו כבוד חכמים אעבור — על המזוזה אזני ירצעו...

2 דארטן, 4 — 513.

(אייגש — Aix) האָט אים געדרודפט דער דיכטער ישעיה דבש, אין פּער־פּיניאַן—בדרשי גופא. גורני האָט דווקא זייער געהאַלטן פון בדרשי און אים גערעכנט פאַרן „ראש פון אַלע דיכטער" אין זיין דור [1], און בעת גורני האָט געלעבט אין פּערפּיניאַן, האָט ער בדרשין געשיקט אַ לויבגעזאַנג (אָדע), וועלכע ער האָט פאַרפאַסט ספּעציעל פון זיין כבוד וועגן [2]. לויט דעם אָנגענומענעם מנהג אין יענער צייט, האָט בדרשי באַדאַרפט אָפּ־ענטפערן אויך מיט אַ ליד; דער אויפגעבלאָזענער בדרשי האָט אָבער גע־רעכנט, אַז דאָס פּאַסט ניט פאַר אים זיך האַלטן אויף גלייכן פוס מיט עפּעס אַ וואַנדערנדיקן דיכטער, און ער האָט אים אויף זיין לויב־ליד ניט גע־ענטפערט. האָט אים דאַן גורני אויפגעפאָדערט אויף אַ לידער־וועט־קאַמף (געזאַנג־טורניר). דערויף האָט דער גדלן בדרשי געענטפערט מיט פאָלגנ־דיקער עפּיגראַם:

אַז אַלכסנדר האָט די אַמאַזאָנקעס מלחמה ערקלערט

האָבן זיי דעם גבור מיט קלוגשאַפט דערקלערט:

ניט גרוים איז דער כבוד גובר זיין פרויען,

און ווי גרוים די שאַנד באַזיגט ווערן דורך פרויען [3].

די דיכטערישע באַגאַבונג — אָט וואָס בדרשי האָט ניט געקענט מוחל זיין גורנין, דעם נע־ונדניק. ער האָט אויך די קומענדיקע דורות גע־וואָלט פאַרזיכערן, אַז „זיסער פון האָניק זיינען בדרשים לידער און ביטער ווי פאָלין איז גורנים געזאַנג" [4].

גורנים איינציקע טרייסט איז געווען די מוט אים באַפריינדעטע מוזע, די געטין פון געזאַנג. אין זיינע לידער פלעגט ער אויסגיסן דעם ווייטאָג פון זיין האַרץ, דעם טרויער פון זיין בלאָנדזשענדיקער נשמה. כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט זיין ליד, אין וועלכן ער באַשרייבט זיין לעבן אין דער שטאָט עי (אייגש — Aix) :

אין עי האָט מיין נשמה קיין רו ניט געפונען,

קיינער הערט ניט מיינע רייד, מיין געבעט!

אַלע באַריידן מיך, לאָזן אַרוים פאַלשע קלאַנגען,

זיי שרייען: אַז אויסוואָרף איז גורני,

גרוים איז די זינד פונם דיכטער!

---

1 אבי כל תופשי כנור מליצה — גדול הפורסים על פי נבלי.

2 שטיינשניידער האָט זי פאַרעפנטלעכט אין „חותם תכנית".

3 אלכסנדר בריב נשים בצאתו יעצוהו באמרותן ערבות:
נקבות אם תנצחוני תנצח, נצחנוך תנוצח מנקבות.

4 „וישאר בצוף שירי בדרשי — והגרני במלוחו ורתי".

און דער אָרעמער דיכטער דערציילט וועגן די רדיפות און דערנידע־רונגען, וואָס ער האָט דאָרט געהאַט אויסצושטיין ניט נאָר פון די גבירים, וואָס ווילן אים אַפילו קיין שלום ניט אָפּגעבן, נאָר אַפילו פון זיין חבר, דעם דיכטער ישעיה דבש. און דאָך פאַלט ער ביי זיך ניט אַראָפּ, און שטאָלץ רופט אויס דער געדרודפטער דיכטער:

זאָגט ניט — ניטאָ מער קיין דיכטער,
ווען גורני האָלט נאָך זיין האַרף אין דער האַנט!
זיין ליד קען צעשטערן און שאַפן,
קען בויען און אויך חרוב מאַכן;
עס הייבט זיך שטאָלץ אין די הימלען די ווייטע, —
און מיט שפּוינען פאַרנעמען די גלגלים די קלאַנגען...
אַלע ווינטן פון צפון, קומט גיך מיר אַנטקעגן!
שענק מיר, דו זון, דיינע ליכטיקע שטראַלן —
איך וועל מיט מיין ליד אַלע ליידן שטילן.
מיט נייע קרעפטן איז דערפילט מיין האַרץ,
פרישער מוט באַלעבט אויף ס'ניי די מידע גלידער;
און אַלט און יונג וועלן אַרום מיר זיך פאַרזאַמלען
און פאַרחידושט הערן וועגן מיינע גרויסע מעשים.[1]

אָט דער שטאָלצער מאַן קלינגט אין פיל גורנים לידער:

גרויס איז די צאָל פון גורנים פיינד אין פּראָוואַנס,
זיי רודפן אויך מיינע לידער.
דאָך ווייס איך: דער פּאָעטער בין איך פון געזאַנג;
אין אונזער דור — דער איינציקער דיכטער.
ערשאַלט מיין ליד — טאַנצן די בערג רונד אַרום,
עס צאַפּלען פאַר פרייד אַלע טאָלן און וועלדער.
נעם איך מיין האַרף אין די הענט —
לאָזן זיך פרייליכער אין טאַנצנדן ראָד די טעכטער פון ציון;
רוף איך צו די ביינער אין קברים —
אויך זיי וועלן גלייך פונם טויט־שלאָף ערוואַכן;
דערהייבט זיך מיין ליד צו די שטיינערנע פעלזן —
ווי דער ירדן דאַן טוען זיי פליסן.[2]

ווייטער פאַנטאַזירט דער דיכטער:

נאָך מיין טויט וועלן יונגע מיידן טאָג־טעגלעך

---

[1] „מאָנאַטשריפט", 1882, 511 — 12.

[2] דאָרטן, 521 — 27.

אויף מיין קבר מיך קומען באווייגען.
אין ווייטע לענדער וועלן פאר גינגאלד און טייערע שטיינער
די סוחרים פארקויפן זעקלעך ערד פון מיין קבר.
אוים דעם האלז פון מיין ארון וועט מען שניצן קמיעות —
פאר עקרות די טייערסטע סגולות.
די האר מיינע וועט מען אויף הארפן, אויף פידלען,
ווי סטרונעס אנציען,
און אויפקלינגען וועלן אויף זיי, פון קיין האנט באריט,
די הארציקסטע שענסטע ניגונים.
מיינע קליידער, אלץ, וואס מיין האנט האט באריט —
וועלן פארהייליקן די קומענדיקע דורות.
צעמאלט גיכער מיינע ביינער אויף שטויב —
אניט וועט מען אוים זיי אפגעטער מאכן... [1]

„געדענקען וועלן מיינע לידער די קומענדיקע דורות“ [2], האט זיך געטרייסט דער דיכטער, דער גע־ונדניק. נאר אויך די האפענונג איז נים דערפילט געווארן. געדורפט ביים לעבן, און אויך פארגעסן אין די קומענדיקע דורות. ארעם און פארלאזן, אז א שטארקן כאראקטער און פעסטן ווילן, האט ער נים אויסגענוצט ווי געהעריק די מתנה פון דער נאטור — זיין דיכטערישן טאלאנט, און ער האט נים באשאפן אזעלכס, וואס זאל שטארקער זיין פון דער צייט און לעבן אין משך פון דורות. און זיין נאמען און זיינע לידער זיינען פארגעסן געווארן... [3]

מיר האבן פריער אנגעוויזן, אז ביזן סוף פונם 13טן יארהונדערט האט דאס פראוואנסאלער יידנטום נים געגעבן קיין איין קלינגענדיקן נאמען אויף וועלכן ס׳איז געבים פון וויסנשאפט און קונסט. אמת, איין אויס־נאם מוז דא געמאכט ווערן — דאס איז דאס געבים פון תלמודישער

---

1 דארטן, 522 — 23: „ומי ידיק לעפר את עַצְמַי — בטרם יעשון אותן צַלְמָיִת“.

2 „גרני מנגן טוב — לדור דורים יחי“.

3 בלויז איין יעקב פראוונסאל, א שריפטשטעלער פון סוף 15טן יארהונדערט דערמאנט גורנים נאמען צו גוטן און שטעלט אים אין איין שורה מיט אלחריזין. פון גורנים ליטעראַרישער ירושה זיינען פארעפנטלעכט בלויז אייניקע פראגמענטן (דורך שטיינ־שניידער אין דער פארערדע צו „חותם תכנית“ און דורך גראסס אין „מאנאטשריפט“, 1882, 510—523). נייבויער גיט איבער אין ם. ראבינאוויטשעס נאמען (Les Rabbins 721 fr.), אז גורנים „דיוואן“ זאל זיך געפינען אין פירקאוויטשעס קאלעקציע. אויף דעם סמך, חי עס שיינט, ווערט אנגעוויזן אין Jewish Encycl. VI, 619, אז גורנים לידער־זאמלונג געפינט זיך אין פעטערבורג. מיר האבן זיך אבער פערזענלעך איבערצייגט, אז די מיטיילונג איז פאלש, און אין פירקאוויטשעס קאלעקציעס איז גורנים „דיוואן“ ניטא

פאַרשונג, ווו צוויי פּראָוואַנסאַלישע פאָרשער האָבן זיך אַ גרויסן נאָמען דערוואָרבן. נאָר די דאָזיקע צוויי פאָרשער האָבן געלעבט נאָך אין אַ פריערדיקן דור איידער די פּראָוואַנסאַלישע קהילות האָבן דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון זייער קולטורעלער אַנטוויקלונג. ביידע האָבן זיי געלעבט אין 12טן יאָרהונדערט: זרחיה הלוי גרונדי, און דער שוין אויבנדערמאָנטער ראב"ד, דער „בעל ההשגות".

גרונדי האָט שוין יונגלווייז[1] געגלאַנצט פאַר אַן עילוי, און צו 19 יאָר האָט ער שוין אָנגעשריבן זיין פירוש און השגות אויף אַלפס. ווי עס שיינט, האָבן אייניקע תלמידי חכמים פון זיין געבורטשטאָט זיך מתרעם געווען דערויף, וואָס אַזאַ יונגער מענטש זאָל האָבן אַ העזה צו שרייבן השגות אויף איינעם פון די גרעסטע גאונים, און זיי האָבן מיט שפּאָט אָנגעוויזן, „אַז יונג מוז זיין דער וויין, וויל די כלי איז נאָך יונג". גרונדי, וואָס האָט גאַנץ געלויפיק געשריבן שירים[2], האָט דערויף אָפּגעענטפערט מיט אַ שאַרפער עפּיגראַם, אין וועלכער עס פילט זיך דער שטאָלצער באַוווסטזיין פונם יונגן געלערנטן און דער פעסטער גלויבן אין זיינע אייגענע גרויסע גייסטיקע כוחות: „אָט זיי זיינען עס די אמתע גייסטיקע בעטלער; ווי קליין און נישטיק אין פאַרגלייך מיט דיר. קער אָפּ מיט דיינע דופּטנדיקע רויזן פון די דאָזיקע שפּיציקע דערנער. זיי, די ווילדע געוויקסן פונם מדבר, ערקלערן: „יונג איז דיין וויין, וויל דער קרוג איז צו יונג!" ניט זיי זיינען אימשטאַנד צו פאַרשטיין, אַז יונג ביסטו אין יאָרן און אַ גרייז אין וויסן. ווי אַן אָדלער אַ שטאָלצער וועסטו שוועבן אַלץ העכער, און צווישן די שטערן וועסטו בויען דיין נעסט!"[3]

ער האָט פאַרלאָזן זיין געבורטשטאָט און זיך באַזעצט אין לונעל, ווו ער האָט פאַרענדיקט זיין בארימטן „ספר המאור", וואָס האָט אים געשאַפן אַ גרויסן נאָמען און ער איז אָנערקענט געוואָרן אַלס ערשטקלאַסיקער תלמודישער פאָרשער[4].

אין נאָענטן שכנות פון לונעל, אין דער שטאָט פּאָשקיירא, האָט אין יענער צייט געלעבט דער צווייטער תלמודישער גאון, דער בר פלוגתא און

---

1 געבוירן בערך 1125, געשטאָרבן בערך 1186 אין לונעל.

2 גרונדי האָט אויך געשריבן פיל פּיוטים, וואָס זיינען אַריין אין דעם ספרדישן מחזור, און אַ סך וועלטלעכע שירים, נאָר זיי אַלע פעלט דער פּאָעטישער פונק (וועגן זיינע פּיוטים, זע צונץ, „צור געשיכטע אונד ליטעראַטור" 476; לאַנדסהוט, „עמודי העבודה", 63).

3 דאָס געדיכט איז געדרוקט ביי יעקב רייפמאַן אין זיין „זרחיה הלוי", 30.

4 אַלס המשך פונם „ספר המאור" האָט זרחיה הלוי אָנגעשריבן זיין צווייט ווערק „ספר הצבא".

קעגנער פון זרחיה הלוי — ר' אברהם אבן דוד, דער באַרימטער בעל „ההשגות". דעם דאָזיקן גרויסן בקי אין חכמת התלמוד [1] זיינען לחלוטין פרעמד געווען אלע אַנדערע געביטן פון וויסן. און דער רמב״ם האָט מיט רעכט אונטערגעשטראָכן זיין איינזייטיקייט, בעת ער האָט אים אָנגערופן: „בעל מלאכה אחת". און אָט דער דאָזיקער איינזייטיקער פאָרשער איז געווען דער ערשטער אָנזאָגער פון דעם היסטאָרישן אידעען-קאַמף, וואָס ס'האָט באַלד צעשפּאָלטן די קולטורעלע יידישע שיכטן אין צוויי פיינדלעכע לאַגערן, אין מיימוניסטן און אַנטימיימוניסטן*.

מיט דעם דאָזיקן קאַמף הייבט זיך אָן א נייע תקופה אין דער אַנטוויקלונג פונם יידישן געדאַנק. די יידישע קולטור באַקומט אַן אַנדער ריכטונג, ארויסגערופן דורך נייע שטרעמונגען. וועגן דעם אין דעם ווייטערדיקן קאַפּיטל.



1. באַריכות וועגן ראב״ד בעל ההשגות זע די מאָנאָגראַפיע פון גראָסס אין „מאָנאַטשריפט" 1874.

*) ד״ה אָנהענגער און קעגנער פון דעם רמב״ם שיטה.

זעקסטער קאַפּיטל.

דער אָנפאַנג פון דער מלחמה קעגן ראַציאָנאַליזם.

דער אַרויסטריט פון ראַב"ד דעם „בעל ההשגות" און פון מאיר אבולפיה. — דער ענטפער פון די חכמי פּראָוואַנס. — אבן רשד און זיין השפּעה איף דעם יידנטום. — אַלעגאָרישע ביבל-ערקלערונג. — די השפּעה פון די קריסט-לעכע שעלאָגן. — שמואל אבן תיבון און זיין ווערק „יקוו המים". — די יידישע אַלעגאָריסטן. — דער בעל-דרשן משה מקוצי. — דער אַרויסטריט פון שלמה אוים מאָנפּעליע. — זיינע מיטהעלפער יונה גירונדי און דוד בן שאול. — דער דיכטער משולם בן שלמה דאַפּעראַ. — די מיימוניסטן קעגן די רבני צרפת. — די אָפענע בריוו פון משה בן נחמן און מאיר אַבולפיה; פּאָלע-מישע ליטעראַטור אין בריוו-פאָרם. — שלמה אוים מאָנפּעליע אין חרם. — דוד קמחי און זיין אַגיטאַציע-רייזע. — דער אַרויסטריט פון יוסף הלוי און יהודה אַלפּאַכאַר. — עפּיגראַמען אַלס קאַמף-מיטל. — שלמהס מסירה. — דעם רמב"מס ווערק אויפן שייטערהויפן. דער בלוטיקער סוף.

מיר האָבן שוין אין ערשטן בוך אָנגעוויזן, אַז די ראַציאָנאַליסטישע עלעמענטן אין דעם רמב"מס סיסטעם האָבן שוין ביי זיין לעבן אַרויסגע-רופן אַ סך קעגנער. איינער פון די ערשטע איז מאַקע געווען אברהם בן דוד אוים פּאָשקייראָ; ער איז זייער שאַרף [1] אַרויסגעטראָטן אַנטקעגן בן מיימון דערפאַר, וואָס יענער האָט געוואָלט אַלס גרונד-יסוד פאַר רעליגיעזע פּראָ-בלעמען לייגן די אַריסטאָטעלישע פילאָזאָפיע, געפּרוווט ראַציאָנאַליזירן די יידישע אמונה, זי צעגלידערן אויף ספּעציעלע דאָגמען *, וועלכע דער שכל איז מחייב און זיי קענען באַגרינדעט ווערן מיט לאָגישע באַווייזן. באַזונדערס אויפגעבראַכט האָט דעם פּרוש פון פּאָשקייראָ דעם רמב"מס מענדעניץ בגנבה אַריינשמוגלען פילאָזאָפישע אידעען אונטער דעם לבוש פון מאמרי חז"ל; נאָר מער פון אַלץ האָט געבראַכט אין כעס דעם ראב"ד

1 זיינע „השגות" קעגן רמב"ם זיינען פול מיט אַזוינע אויסדריקן ווי: „ער האָט אַלץ פאַרפּלאָנטערט; ס'אַ טעות, נים געשטויגן נים געפלויגן, קינדערשע ריידן; אַלץ וואָס ער שרייבט איז נאַרישקייטן, שוא ושקר, ער האָט געפעלשט" אאז"וו (זע: ווייס, „דור דור ודורשיו", IV, 266).

* וויכטיקע כללים, עיקרים.

דעם רמב"מס פאַרהאַלטן זיך בנוגע דער פראַגע פון עולם־הבא און תחית־המתים. ווי נאָר דער רמב"ם באַרירט די דאָזיקע פראַגן[1], ווערט ער, דער קלאָרער פשטן און און אויסגעצייכנטער סטיליסט, מיסטאָל טונקל און אומפאַרשטענדלעך; ער רעדט בלויז האַלבע ווערטער, אויף אָנצו־שטויסן זיך. דאָס האָט געבראַכט אין פאַרלעגנהייט אַפילו אַ סך פון זיינע הייסע חסידים, און דער רמב"ם האָט סוף־כל־סוף געמוזט אַרויסטרעטן מיט אַ ספּעציעלע ערקלערונג אין זיין „מאמר תחית המתים". דער רמב"ם ענטפערט אין זייער אַן אויפגערעגטן טאָן און רעדט מיט גרויס בימול וועגן די, וואָס „האַלטן זיך פאַר חכמי ישראל און פאַקטיש זיינען זיי די נאַרישסטע צווישן מענטשן; זיי בלאָנדזשען פיל מער ווי פשוטע בהמות, און דער מוח זייערער איז פול מיט משוגענע מעשיות פון אַלטע ווייבער"[2]. צום סוף איז דער רמב"ם מודה, אַז ער רעדט אין זיין „משנה תורה" דער־פאַר ניט באַריכות וועגן תחית־המתים, ווייל דעם ענין קען מען פילאָזאָפיש מיט לאָגישע ראיות ניט באַגרינדן, עס איז חוץ לדרך הטבע[3].

דעם רמב"מס ערקלערונג האָט אָבער ניט באַפרידיקט ניט נאָר „די נאַרישסטע צווישן מענטשן", נייערט אויך אַזאַ אָנגעזעענעם מענטשן און אמתן תלמיד חכם, ווי מאיר אַבולפיה אויס טולעדאָ, דער זון פונם בור־גאָסער „נשיא", טודרוס אַבולפיה. אַפילו מאיר אַבולפיהס ליטעראַרישע קעגנער ריידן וועגן אים מיט גרויס הדרת הכבוד; דער אויבנדערמאָנטער אהרן בן משולם רופט אים אָן „אוהב חכמה" און „גרויסער געלערנטער" („אוהב חכמה וראש התעודה... מאיר עיני חכמים לתורה ולתעודה"), און דעם רמב"מס הייסע אָנהענגער, דער דיכטער אברהם אבן חסדאי, וואָס האָט פערזענלעך געקענט אַבולפיהן[4], רעדט וועגן אים ווי וועגן „דעם שפּאָלץ פון זיין דור", דעם מאַן מיטן „שאַרפן שכל" (מופת הדור ופלאו רום השכל ושיאו)[5].

---

1 הלכות תשובה, פרק 8, סימ' 28 און ווייטער.

2 מאמר תחית המתים, אין „תשובות הרמב"ם", 11, 8.

3 דאָרטן, 11 — 10: „אמנם תחית המתים הוא אחד מהמופתים ומבואר מאוד שענינו מובן ואין שם אלא להאמין בו לבד כמו שבאתנו ההגדה האמתית והוא ענין יוצא חוץ לטבע המציאות ואין ראיה עליו מצד העיון... שהוא נמנע מצד השכל לא ממנהג הטבע"...

4 אויף פערזענלעכער באַקאַנטשאַפט ווייזט אָן פאָלגנדיקע שטעלע אין אבן חסדאיס בריוו: „מפני שמעט הימים אשר התענגתי בכבוד חברתך" („אגרות קנאות", 7).

5 אַלס תלמודישער פאָרשער האָט זיך מאיר אַבולפיה דערוואָרבן אַ נאָמען מיט זיין „יד רמה". ער האָט אויך פאַרפאַסט „מסורת סיג לתורה", וועגן דער מסורה בנוגע צום ביבלישן טעקסט.

אינם יאר 1202 האט דער 22־יאריקער מאיר אבולפיה זיך געווענדט מיט א בריוו צו דעם רמב"מס שטארקע פארערער, צו די ,,חכמי לוניל". אויך ער זאגט ארויס זיינע ספקות בנוגע צו דעם, וואס דער בעל ,,משנה תורה", בעת ער רעדט וועגן עולם־הבא, פארשווייגט אינגאנצן די פראגע וועגן תחית־המתים[1]. אבולפיהס בריוו האט שטארק אויפגעבראכט די חכמי לוניל, און אין זייער נאמען האט אים אפגעענטפערט מיט א זייער בייזן בריוו אהרן בן משולם[2]. אנטקעגן מאיר אבולפיהן איז אויך ארויס־געטראטן א שפאניער, ששת בר יצחק בנונשתא, וואס האט אויף אבולפיהם בריוו זיך אפגערופן מיט א בייסיקער עפיגראם: ,,מיינע פריינד פרעגן אלץ: פארוואס הייסט ער מאיר — ער גייט דאך אין פינסטערע וועגן? ענטפער איך זיי: צי ווייסט איר דען ניט, אז נאכט ווערט ביי די חכמים ,,ליכט" אנגערופן[3] — דאס איז דאך בלשון סגי נאור"[4].

אבולפיה האט ניט אפגעשוויגן; ער האט געענטפערט אהרן בן משולם מיט א זייער לאנגן בריוו (כתאב אל רסאייל, 51—105), און ניט ווארמנדיק אויף א תשובה, האט ער זיך אויך געווענדט צו זיבן אנגע־זעענע רבנים פון פראנקרייך[5], באקאנט זיי מיט זיין וויכוח מיט די חכמי לוניל און בעט זיי אלס אמתע ,,רועי ישראל" און אנערקענטע אויטארי־טעטן, זיי זאלן ארויסזאגן זייער מיינונג. די רבני צרפת אבער, וואס האבן געפירט א גאנץ אפגעזונדערטן שטייגער לעבן, האבן בכלל געהאט נאך א צו קנאפן באגריף וועגן דער באדייטונג פון דעם גרויסן גאון פון מצרים, אפילו מיט זיין ,,משנה תורה" זיינען זיי געווען גאנץ ווייניק באקאנט[6]. אינם נאמען פון די ,,רבני צדפת" האט אבולפיהן געענטפערט דער באקאנטער

---

1 דער בריוו איז אפגעדרוקט אין ,,כתאב אלרסאייל" (,,ספר אגרות"), 1871, 13—16.

2 דער בריוו איז אפגעדרוקט אין ,,טעם זקנים", 66—70, און אין ,,אגרות קנאות", 11—13. א מער ריכטיקער טעקסט איז אפגעדרוקט אין מאיר אבולפיהס ,,כתאב אלרסאייל", 25—40. אוים דעם טעקסט זען מען, אז אהרנס בריוו איז געשריבן נאך ביים רמב"מס לעבן, זע ז"ז 29, 32.

3 דאס איז א אנצוהערעניש אויף דעם תלמודישן ווארט ,,אורתא" — אוונט.

בנוונשתים בריוו צו די חכמי לוניל וועגן מאיר אבולפיה איז אפגעדרוקט ניט בשלמות אין ,,מאנאטשריפט", 1876, 511—12. בנוונשתי האט געהאט א געשיקטע פעדער און האט אויך פיל שירים געשריבן. א טייל פון זיי האט קויפמאן פארעפנטלעכט אין Revues d. etudes juives, XXXIX, 62—75, 215—225. בנוונשתי איז אויך געווען אן אנ־געזעענער מעצענאט און אים האט דער דיכטער יוסף זאבארא געווידמעט זיין ,,ספר שעשועים".

5 דארטן, זייט 4, וואו די אלע 7 רבנים ווערן אנגערופן ביי די נעמען.

6 דארטן, 113.

בעל־התוספות, ר' שמשון מסאַנץ [1]. ר' שמשון איז אין תוך מסכים מיט אַבולפיהן, און דאָך האָט אַבולפיה קיין קלאָרע תשובה ניט באַקומען; דער בריוו פונם שאַרפן בעל התוספות איז פול מיט פּילפּול, וואָס האָט צום ענין גופא אַ גאַנץ קנאַפּע שייכות.

דער ענטפער פון די רבני צרפת איז שוין געשריבן געוואָרן נאָך דעם רמב"מס טויט [2]. די דורך דעם רמב"ם אַרויסגערופענע ראַציאָנאַליס־טישע שטרעמונג איז נאָך זיין טויט ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, נאָר זיך נאָך באַדייטנד געשטאַרקט. גראָד אין דער צייט איז אין די יידישע אינטע־ליגענטע קרייזן געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער דער באַרימטער אַראַבישער אַריסטאָטעליקער אבן רשד, וואָס איז מיט זיין שטרענג ראַציאָנאַליסטי־שער שיטה געגאַנגען נאָך ווייטער פונם רמב"ם [3]. אבן רשד האָט אין אַריסטאָס לאָגיק געזען די העכסטע מדרגה פון דעם מענטשנס חכמה; דעם מענטשנס גליק און פרייד האָט ער געשאַצט מיט איין איינציקער מאָס — מיט דער מאָס פון וויסן. נאָר אינם באַגרייפן, אינם פאָרשן, איז נאָך אבן רשדס פעסטער איבערצייגונג דער מקור פון גליק און פרייד, און וואָס שאַרפער דער מוח — אַלץ גרעסער די מעגלעכקייטן פון אמתער גליקלעכקייט. אבן רשדס לערע וועגן דער אַליינהערשאַפט פונם פאַרשטאַנד האָט פּאַקטיש אָפּגעלייקנט די פּערזענלעכע אומשטאַרבלעכקייט. אומ־שטאַרבלעך איז דאָך אינם מענטשן נאָר דער געדאַנק; שטאַרבט דער מענטש, לעבט ניט זיין נשמה ווייטער פאַר זיך — זי איז נאָר אַ פונק פונם אַלוועלטלעכן שכל, פונם קאָלעקטיוון אַלמענטשלעכן פאַרשטאַנד. דער רמב"ם, וואָס איז געווען מיט ניין יאָר יינגער פון אבן רשד, האָט זיך באַקאַנט מיט די ווערק פון זיין בן דור שוין נאָך דעם, ווי ער האָט דעם „מורה נבוכים" פאַרענדיקט; זיי זיינען אים זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט זיין תלמיד יוסף עקנין, ער זאָל זיך וואָס גיכער באַקענען מיט אבן רשדס פירוש אויף אַריסטו.

דאָס אַלץ האָט מיטגעבראַכט, אַז אין די ערשטע יאָרצענדלינגער פון דעם 13טן יאָרהונדערט, זיינען אַריסטוס אידעען אין אבן רשדס אויפ־פאַסונג געוואָרן זייער פּאָפּולער אין די בריימע שיכטן פון דער יידישער

---

1 מער באַריכות וועגן שמשון מסאַנץ זע די אַרבעט פון גראָסס אין Revue d. et. juives, VI.

2 „כתאב אלרסאייל", 131, וואו ר' שמשון מסאַנץ שרייבט: „ולא להשיב את הארי הגדול לאחר מיתה באתי".

3 אבן רשד (באַקאַנט אין דער אייראָפּעעישער וועלט אונטערן נאָמען אַווערראָעס) איז געבוירן אין דער זעלבער שטאָט, וואָס דער רמב"ם אינם יאָר 1126; געשטאָרבן אין 1198.

אינטעליגענץ אין שפּאַניע [1]. די אידעען פון דעם גרויסן גריכישן פילאָזאָף האָבן אָבער געהאַט אַ ביטערן מזל: זיי זיינען געוואָרן אַ מאָדע=זאַך, זיי זיינען אַרייַנגעפאַלן אין די הענט פון דילעטאַנטן. עס האָט זיך ביסלעכוויז געבילדעט אַן אייגנאַרטיקע אַריסטאָטעלישע שול, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט דעם רמב"מס מעטאָדע, נאָר אָן דעם רמב"מס טיפקייט און חריפות. ניט גענייטע הענט האָבן זיינע אידעען פאַרוואַנדלט אין שאַבלאָנען, פילאָזאָפיע איז געוואָרן — פילאָזאָפישע שפּילעריי. אַ באַזונדערס משונהדיקע פּנים האָט באַקומען די פונם רמב"ם גערן באַנוצטע אַלעגאָרישע מעטאָדע ביים אויסטייטשן דעם ביבלישן טעקסט. דער רמב"ם איז אָבער געווען דערביי זייער פאָרזיכטיק; ער האָט געפרוווט זוכן אַן אַלעגאָרישע אָנדייטונג נאָר אין די פאַלן, ווען אַנדערש איז אוממעגלעך געווען ראַציאָנאַליסטיש דעם טעקסט צו ערקלערן, אָדער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פילאָזאָפיש באַגרינדן די ביבלישע גאָט=אָנשויונגען און די ערציילונג וועגן מעשה בראשית. פיל ווייטער זיינען אָבער געגאַנגען אין דער הינזיכט זיינע אָנהענגער, וואָס האָבן געלעבט אין קריסטלעכן שפּאַניע און בפרט אין דער פּראָוואַנס. דאָ פילט זיך בלי=ספק די קריסטלעכע השפּעה. מען מוז דערביי געדענקען, אַז די אַלעגאָרישע מעטאָדע איז שוין זייער אַלט. די קדמונישע גריכן האָבן זיך שוין אויך מיט איר באַנוצט. האָמער, וואָס איז אָנגענומען אַלס פאַרפאַסער פון די באַרימטע עפּאָסן „איליאַדע" און „אָדיסעע", האָט דאָך ביי די גריכן געגאָלטן ניט נאָר אַלס גאונישער דיכטער: אין אים, דעם ליבלינג פון די געטלעכע מוזעס, דעם מאַן מיטן רוח הקודש, דעם בלינדן מיט די אָפענע טיף=זעענדיקע אויגן — האָט מען אויך געזען דעם אומפאַרגלייכלעכן לערער פון מאָראַל, דעם אמתן מדריך און וועגווייזער, וואָס נאָר ער איז אימשטאַנד צו אַנטפּלעקן דעם ריכטיקן תוך פונם לעבן. דאָס לעבן איז אָבער אַלץ ווייטער געגאַנגען; צוזאַמען מיט דער קולטורעלער אַנטוויקלונג זיינען אויך פאָרגעקומען שינויים אינם מאָראַלישן זעלבסטבאַוווסטזיין און אין דעם גאַנצן וועלט=באַנעם פון דעם אַלטן גריך; אים האָבן שוין ניט געקענט באַפרידיקן די אָנשויונגען און דער נאַאיווער גלויבן, אין וועלכע עס לעבט די האָמערישע וועלט. די דאָזיקע אַלטע אָנשויונגען אָבער האָבן נאָך געלעבט אין זכרון פונם פאָלק, זיי זיינען געווען צונויפגעוואַקסן מיטן פאָלקס=גלויבן, מיט דער פאָלקס=נשמה. האָט מען אומבאַוווסטזיניק אין דער קלאַסישער פאָרם, אין דעם

1 אין אָנהאַנג פונם 13טן יאָרהונדערט, חייזט אָן דער דייטשער געלערנטער ריטער („געטינגער געלעהרטען אַנצייגער", 1847, 46), זיינען אבן רשדם אָנהענגער געחען פון בלויז יידישע קרייזן.

אַלטן באַגריף, אַריינגעלייגט אַ נייעם אינהאַלט. דער אַלטער האָמערישער טעקסט, די אַלטפרענקישע אידעען=וועלט האָט באַקומען אַ נייעם פירוש. ניט נאָר דאָגמאַטיקער און לערער פון מאָראַל האָבן זיך גערן געשטיצט אויף האָמערס פּאָעמען, באַוויזן דעם אמת פון זייער לערע דורך „פּסוקים" און פערזן אוים „איליאַדע" און „אָדיסעע", אין וועלכע זיי האָבן געזען טיפע פאַרבאָרגענע סודות; אַפילו פילאָזאָפן און געלערנטע האָבן אויך זיך געפלייסט צו געפינען ביי האָמערן אַ סמך אויף זייערע וויסנשאַפטלעכע געזעצן און טעאָריעס. „אין האָמער שטייט אַלץ" — אין דעם אמת האָט קיינער ניט געצווייפלט. און וואָס מער ס'איז געוואַקסן די סתירה צווישן רעאַלן לעבן און דער לאַנג=פאַרגאַנגענער האָמערישער וועלט מיט איר גלויבן און אָנשויונגען — אַלץ קונציקער זיינען געוואָרן די פירושים; און אין יעדן זאַץ און וואָרט ביי האָמערן האָט מען געזוכט סודות, משלים און רמזים. האָמערס מעשיות און ערציילונגען וועגן געטער און העלדן, זיינען מגולגל געוואָרן אין אַלעגאָריעס, אין לויטער משלים און אָנצוהערענישן. דער שטרענגער גאָט זעווס — דאָס איז בלויז אַ רמז אויף דעם אַבסטראַקטן געדאַנק; די טאָכטער זיינע אַטענע — אַן אַלעגאָרישער סימבאָל פון קונסט. די מעשה ביי האָמערן, ווי דער גאָט אַפּאָלאָ שליידערט טויטלעכע פיילן אין דער מחנה פיינדלעכע קריגער — דאָס איז אויך בלויז אַ משל, דאָס ווערט עס דערציילט אין אַלעגאָרישער פאָרם, ווי אין די זומער=היצן האָט אויסגעבראָכן די שרעקלעכע פעסט...

אָט די זעלבע שוועריקייטן, וואָס געבילדעטע גריכן האָבן באַגעגנט ביים אויסטייטשן דעם „געטלעכן" האָמער, זיינען אויך געשטאַנען פאַר די העלעניזירטע, אויף דער גריכישער פילאָזאָפיע אויפגעוואַקסענע, אַלכּסנדריער יידן בנוגע צו זייער האָמער — צו דער ביבל. אויך אין דער תורה האָבן זיך געפונען פילע אָנשויונגען, וואָס געפינען זיך אין געוויסער סתירה מיט דער לערע פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. ביי די גריכישע יידן אין אַלכּסנדריה איז נאָך געווען זייער טייער די אמונה פון זייערע אָבות; האָבן זיי געמוזט מאַכן שלום צווישן די צוויי פאַרשיידענע וועלטן, אַרויסגייענדיק פון דעם אַלטן יידישן זאַץ: „גם אלה ואלה דברי אלהים חיים". האָבן זיי קיין אַנדער וועג ניט געהאַט, ווי נאָר דעם וועג פון אַלטגאָריע, זען אין דעם פּשוטן ביבל=טעקסט בלויז אַ לבוש פאַר טיפע פאַרבאָרגענע סודות. אויף דעם וועג איז שוין געגאַנגען דער העלעניזירטער יידישער געלערנטער אַריסטאָבול, וואָס האָט געלעבט אינם צווייטן יאָרהונדערט פאַר קריסטלעכער רעכענונג. אַדאַנק זיין אַלעגאָרישן טעקסט=פאַרטייטשן האָט ער שוין קיין שום סתירה ניט געזען צווישן דער תורה און דער גריכישער פילאָזאָפיע, און ער איז אַפילו געווען פעסט איבערצייגט, אַז די גריכישע דע=

קער האָבן זייערע אמתן געשעפט מאַקע פון תורת משה. די דאָזיקע אַלעגאָרישע מעטאָדע האָט ווייטער אַנטוויקלט, ווי עס איז שוין פריער געווען אָנגעוויזן, דער באַריממער יידישער דענקער פילו (ידידיה אַלכּסנדרוני).

נאָך אין אַ גרעסערער מאָס האָבן די דאָזיקע מעטאָדע אויסגענוצט די קריסטלעכע טעאָלאָגן און עקזעגעטן. און אויך ביי זיי איז דאָס געווען אַ מוז־זאַך. עס איז דאָך באַקאַנט, אַז אין עוואַנגעליום ווערן אָפט געבראַכט די ווערטער פון קריסטוס, ווו ער פאַרזיכערט, אַז ער איז געקומען „ניט צעשטערן דעם געזעץ, נאָר אים דערפילן" און אַז „כּל־זמן עס עקסיסטירן ערד און הימל, וועט קיין פּינטעלע, קיין איין אות פון משהס געזעץ ניט פאַרלאָרן גיין ביז עס וועט אַלץ ניט מקויים ווערן"[1]. די קריסטלעכע קירך, וואָס פּוילוס האָט אויפגעבויט, האָט אָבער באַלד אָפּגעשאַפט דעם רוב מצוות און געזעצן פון תורת משה. בכדי צו פאַרענטפערן אָט די געוואַלדיקע סתירה, האָבן די קריסטלעכע טעאָלאָגן ניט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג, ווי זיך באַנוצן מיט פּילוס אַלעגאָרישער מעטאָדע[2]; זיי זיינען אָבער געגאַנגען נאָך ווייטער, און ווען פילו באַנוצט זיך מיט זיין מעטאָדע בלויז ביים אויסטייטשן דעם טעקסט פון דער תורה, האָבן די קריסטלעכע געלערנטע זי אויסגענוצט ביי דער גאַנצער ביבל. אויף דעם דרך איז גאָרניט שווער געווען ניט נאָר מאַכן אוים אַלע מצוות און געזעצן לויטער רמזים און אַלעגאָריעס, נאָר מאַקע באַווייזן, אַז יעדע מעשה, וואָס קומט פאָר אין דער תורה, איז אַן אָנצוהערעניש אויף קריסטוס לעבן און זיינע וווּנדער. שוין די ווערק, וואָס לויט דער קריסטלעכער מסורה האָט פּוילוס גופא זיי געשריבן, זיינען אויפן אַלעגאָרישן דרך אינגאַנצן מבטל אַלע ריטוס־געזעצן פון תורת משה, און אַ סך ביבלישע ערציילונגען ווערן דאָרט אַזוי אַלעגאָריש אויסגעטייטשט, אַז זיי דינען אַלס פעסטער באַוויז, אַז דער קריסטלעכער גלויבן איז חשובער פונם יידישן[3]. שטיצנדיק זיך אויף אַזאַ גרויסן אויטאָריטעט, האָט דער באַריממטער קריסטלעכער טעאָלאָג פונם דריטן יאָרהונדערט, אָריגען, געזען באַשיינפּערלעך, אַז יעקב אָבינוסביידע פרויען לאה מיט רחלען זיינען דאָך בלויז אַן אַלעגאָרישער רמז אויף די ביידע אמונהס: לאה, די עלטערע, מיט די שוואַכע אויגן —

---

1 זע מתתיהו, 5, 17—18; לוקאַ, 16, 17 אאַז"וו.

2 דערויף ווייזט שוין אַן דער באַקאַנטער יידישער געלערנטער פון 14טן יאָרהונדערט, פּראָפיאַט דוראַן, אין זיין פּאָלעמיש ווערק „כלימת הגוים" (כּתב־יד): „וכשהרגישו פקחיהם באלו הספקות הניחו הקדמה אחת כוזבת להעזר בה בכל דבריהם... והיא שכל מה שכתוב בתורה ובנביאים, הן ממצות הן מספורים, הם משל וחקוי לענין המשיח המדומה בהתגשמו והמשך ענינו מתליתו והתחיה שלו ועליתו לכרום וזולת זה מטענות בטלות"...

3 זע דעם בריוו צו די גאַלאַטער, 4 21—23; דאָרטן 3, 5—10; דעם בריוו צו די רוימער, קאַפּ' 4, 9—10, 10, 5. דעם ערשטן בריוו צו די קאָרינטער, קאַפּ' 9, 8—10.

דאָס איז דאָס „בלינדע" יידנטום, וואָס האָט ניט דערזען דאָס ליכט פון דעם אמתן גלויבן. דער געלערנטער מערטולי האָט אין די צוועלף שטיינער, וואָס זיינען געווען איינגעפאַסט אין אַהרן הכהנס חושן, געזען אַ רמז אויף קריסטוסעס צוועלף תלמידים, און דער קירכלעכער היסטאָריקער יעווסעווי ווייזט אָן, אַז דאָס איז דאָך אַ דבר ידוע, אַז פיל מעשיות אינם „אַלטן טעסטאַמענט" זיינען אַ סימבאָלישע באַשרייבונג פון קריסטוסעס לעבן. דער הייליקער אַווגוסטין זעט כמעט אין יעדן קאַפּיטל תהילים אָנצוהערענישן אויף קריסטוסעס ערשיינען. דער שפּאַניער איסידאָר אויס סעווילי'ע האָט אַפילו אין משה רבינוס עלטערן, אין עמרם מיט יוכבד, געזען אַ רמז אויף קריסטוסן און די קירך. אַן אַנדער קריסטלעכער למדן האָט אַנטדעקט אין די פיר טייכן, וואָס אַרום דעם גן-עדן, אַ רמז אויף די פיר עוואַנגעליעס; דוד דערהרגעט גליתן — דאָס איז אַן אַלעגאָרישע באַשרייבונג, ווי קריסטוס איז מנצח דעם שטן. אַפילו דער באַרימטער דענקער אַבעליאַר, וואָס מען האָט אים חושד געווען אין אַפּיקרסות, האָט אויך כמעט אין יעדער ביבלישער פראַזע געזען אַן אַלעגאָריע[1]. „מיר דאַרפן ניט — ערקלערט דער אָנגעזעענער קריסטלעכער טעאָלאָג בעדאַ — נאָכמאַכן די יידן, וואָס באַגנוגן זיך נאָר מיטן פשט פונם ביבלישן טעקסט". נאָך אין צוועלפטן יאָרהונדערט ווייזט אָן דער באַרימטער אברהם אבן עזרא אין דער הקדמה צו זיין פּירוש אויף חומש, אַז ביי די קריסטן איז אָנגענומען די אַלעגאָרישע מעטאָדע, וועלכע באַשטייט אין דעם, וואָס „אין דער גאַנצער תורה זעען זיי לויטער רמזים און רעטענישן, הן אין די מעשיות פון חומש בראשית, הן אין די מצוות און משפטים". „זיי, די קריסטן — זאָגט פאַרחידושט אַן אַנדער ביבל-ערקלערער פון יענער צייט, יוסף בכור שור, — זעען אין די רייד פון משה רבינו לויטער אַלעגאָריעס און משלים, און זיי פאַרטייטשן ניט קיין איין וואָרט מיט זיין אמתן פשט"[2]. באַלד אָבער איז די אַלעגאָרישע מעטאָדע געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער אויך אין געוויסע יידישע קרייזן, ספּעציעל אין די קרייזן פון דעם רמב"מס אָנהענגער. דעם רמב"מס אוטאָריטעט האָט געדינט אַלס בעסטער הכשר פאַר דער מעטאָדע, און די השפעה פון די קריסטלעכע קרייזן האָבן שטאַרק מיטגעהאָלפן איר פאַרשפּרייטונג צווישן דער יידישער ראַציאָנאַליסטיש געשטימטער אינטעליגענץ. שוין

---

1 מער באריכות וועגן דעם ענין זע: דיסטעל, „געשיכטע ד. אַלטען טעסטאַמענטס אין די קריסטליכען קירכע"; E. Uatch, The Influence of greek ideas and usages upon the chrisstian church'; אל. שולמאַן „הפשט והדרש" („ספר היובל", 1904, 512–23).

2 „שדברי משה רבנו אליגוריא הם, כלומר חידה ומשל, ומוציאין הדבר ממשמעותו לגמרי".

דער איבערזעצער פונם „מורה", שמואל אבן תיבון, וואָס איז פון זיין יוגנט אָן געווען באַקאַנט מיט קריסטלעכע געלערנטע, האָט געהאַלטן פשוט פאַר אַ „חרפה", וואָס יידן באַגניגן זיך נאָר מיט דעם פשט פונם ביבלישן טעקסט, און ווילן ניט פאַרשטיין דעם טיפערן תוך און תמצית. אינטערעסאַנט זיינען אין דער הינזיכט די לעצטע בלעטער פון זיין „יקוו המים" — אַ פילאָזאָפישער פירוש אויף „מעשה בראשית"[1].

„זאָל מען אויף מיר זיך ניט מתרעם זיין — שרייבט ער אינם לעצטן (צווייאונצוואַנציקסטן) קאַפּיטל — דערפאַר, וואָס איך האָב אפשר צו פיל אויפגעדעקט דאָס, וואָס אונזערע חכמים האָבן געבאָטן צו האַלטן בסוד. גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב דאָס געטאָן טאַקע נאָר פון זיין כבוד וועגן, ווייל איך האָב מיך איבערציינגט, אַז די סודות, וואָס אונזערע נביאים און חכמים האָבן בשעתם געהאַלטן פאַר נייטיק ניט מגלה צו זיין — זיינען איצט אַלע אַנטפּלעקט פאַר די אומות העולם, און זיי ערקלערן טאַקע לויט די דאָזיקע אויפגעדעקטע אמתן די אַלע טיפע ענינים, וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין דער תורה און אין די רייד פון די נביאים. אין דעם פרט איז אונזער אומה זייער אָפּגעשטאַנען, און האָט ניט וועגן דעם קיין שום באַגריף (ואומתנו סכלה מהם סכלות גמורה); אַנדערע פעלקער לאַכן דערפאַר פון אונז און זאָגן מיט שפּאָט, אַז מיר באַזיצן בלויז די שאָלעכץ (הקליפות) פון די נביאים רייד, ניט דעם אמתן קערן. מיר האָבן דערפון גענוג חרפה און בושה"[2].

„בלויז דער רמב"ם, ערקלערט מיט באַגייסטערונג אבן תיבון, ער האָט געזען מיט זיין ליכטיקן שכל, ווי ווייניק מען פאַרשטייט ביי אונז די רמזים, וואָס געפינען זיך אין די כתבי־הקודש, און ער האָט אויפגעדעקט זייער טיפע ענינים, ליידער האָבן אָבער זייער ווייניק ביי אונז „פאַרשטאַנען זיינע רמזים"; דערפאַר האָב איך איינער פון זיינע יונגסטע תלמידים", בעת איך האָב געזען, ווי די אמתע חכמות (החכמות האמתיות) זיינען פיל מער פאַרשפּרייט ביי די קריסטלעכע פעלקער צווישן וועלכע איך וווין, ווי אין די מוסלמענישע לענדער, האָב איך געהאַלטן פאַר נייטיק „צו דערלויכטן די אויגן פון די, וואָס זיינען גיריק נאָך וויסן", און באַקענען זיי מיט דעם ביסל „מיט וואָס גאָט האָט מיך געבענטשט"[3].

אָט דער דאָזיקער קאָנסעקווענטער ראַציאָנאַליסט האָט געהאַט, ווי מיר וועלן ווייטער זען, פיל אָנהענגער. נאָמירלעך האָבן די יידישע ראַציאָנאַליסטן געמוזט אָפּוואַרפן אַלע ביבלישע אַלעגאָריעס מיט וועלכער כ'איז

1 דאָס ווערק האָט פאַרעפנטלעכט ביסעליכעס אין פרעסבורג אין 1837

2 „יקוו המים" 173.

3 דאָרטן, 175.

קריסטלעכער באַפאַרבונג, וואָרעם אַלס ראַציאָנאַליסטן זיינען זיי דאָך געווען איבערצייגטע קעגנער פון דער קריסטלעכער אמונה [1]. דערפאַר אָבער האָבן זיי מיט גרויס חשק געזוכט אין ביבלישן טעקסט רמזים אויף פילאָזאָפישע אמתן. דאָ האָבן זיי אַרויסגעוויזן ניט קיין קלענערע חריפות פון די קריסטלעכע טעאָלאָגן. די מלחמה פון משה רבינו מיט פרעהן, דאָס איז די מלחמה מיטן יצר-הרע, די זינדיקע שטאָט שומרון — דאָס איז דער „פאַרשאָלטענער חומר" (החומר הארור), דער משכן מיט זיינע כלים— איז אַ משל אויפן מענטשן מיט זיינע איברים; דער אָרון — איז דאָס האַרץ, די לוחות — דעם מענטשנס שכל, דער שלחן — די לעבער, די מנורה — די גאַל אאַז"וו. דער לויתן, וואָס פון אים וועלן געניסן די צדיקים אויף יענער וועלט, דאָס איז בלויז אַן אַלעגאָרישער רמז אויף די „תאוות הגשמיות", וואָס די צדיקים דאַרפן אין זיך גובר זיין [2]. די גאַנצע ביבל איז געוואָרן לויטער אַלעגאָריע, אַ ראַציאָנאַליסטיש-פילאָזאָפישע אַלעגאָריע; אין יעדן מנהג, אין יעדער מצווה און געבאָט, האָט מען גע-זוכט דעם טעם („טעמי המצוות"), דעם שכלדיקן מיין, וואָס מען איז דער-

[1] די יידישע ראַציאָנאַליסטן, פון דעם רמב"ם ביז מענדלסאָנען, האָבן זיך אַלע פאַרהאַלטן זייער פיינדלעך צו די גרונד-דאָגמען פון דער קריסטלעכער אמונה, ווייל זיי איז דאָך שווער צו ערקלערן מיטן פשוטן ניכטערן שכל. דער רמב"ם ערקלערט אין זיין „משנה תורה" די קריסטן אַלס פשוטע געצנדינער, און איינער פון זיינע אָנהענגער, אַ פּראָווענסאַלער ראַציאָנאַליסט אויס דער צווייטער העלפט פונם 13טן יאָרהונדערט, ניסן בר משה פון מאַרסעל, רעדט מיט ביטול וועגן די קריסטלעכע טעאָלאָגן, אָט די „הוברי שמים", וואָס גלויבן אין כל המיני נאַרישקייטן. מיט אַ שפּאָטישן שמייכל דערציילט ער ווייטער, ווי די קריסטלעכע געלערנטע וואַרפן אים אין פּאָלעמיק פאָר, אַז „אַלץ וואָס אייער לערער, משה, זאָגט אין זיין תורה", אין דעם אַלץ „גלויבט דאָך אויך און דאָס זאָגט דאָך אויך דער פילאָזאָף". „זיי מיינען — איז מוסיף ניסן אויס מאַרסעל — דער-מיט צו דערנידעריקן אונזער תורה; זיי פאַרשטייען ניט, אַז, אדרבה, זיי מאַכן זי דער-מיט גרויס; וואָרעם דער דת און דער פאַרשטאַנד זיינען דאָך ביידע פון איין נאָמ נעגעבן, ניט ווי די קריסטן אין זייער גרויס נאַרישקייט מיינען, אַז דער תמצית און תוך פון יעדער אמונה באַשטייט דווקא אין דעם, וואָס מ'דאַרף גלויבן אין ווילדע אומגע-לומפּערטע מעשיות, וואָס דער שכל מוז זיי אָפּלייקענען (זע „החלוץ", VII, 110 : „ותמיד אומרים לנו חכמי הגוים בוכוח: כל מה שאמר משה רבכם בתורתו, גם כן יאמינוהו ויאמר אותו הפילוסוף כלו או רבו. וחושבים בזה לגרוע מעלת התורה האמיתית, והם משבחים אותה, כי השכל והדת נתני מרוע אחד, והגוים יחשבו בסכלותם שגדר כל דת הוא אמונת דברים נמנעים שהשכל יכחישם ולא זולת זה משימים מר למתוק ולילה לאור ישימו").

[2] זע דעם אַפּאָקריפישן בריוו פון רמב"ם צו זיין זון („קיבוץ תשובות הרמב"ם", II, 39). עס איז שוין פון לאַנג פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער רמב"ם האָט דעם בריוו ניט געשריבן, דאָס האָבן אים זיינע אָנהענגער פאַרפאַסט, ווען עס האָט אויסגע-בראָכן דער ערשטער קאַמף קעגן דעם רמב"מס שיטה (זע „ישורון", I, 47,3).

מיט אויסן; אָן דעם קען דאָך און דאַרף דאָך קיין שום מצווה קיין קיום ניט האָבן. דאָס איז פאַר די יידישע ראַציאָנאַליסטן געווען קלאָר ווי דער טאָג. קען דען דערביי ווונדערן, וואָס אין די אינטעליגענטע און רייכע יידישע קרייזן האָט מען כּלל ניט מדקדק געווען מקיים צו זיין די מצוות און געבאָטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן רעליגיעזן ריטוס, און אַפילו ווייניק זיך גערעכנט מיט עזראס פאַרבאָט, ניט צו נעמען קיין אַנדערש גלויביקע פרויען. אַז געמישטע זיווגים זיינען דעמאָלט אין שפּאַניע געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך, זאָגט עדות אָפּ אַזאַ עד נאמן, ווי דער פראַנצויזישער בעל־דרשן און פּוסק, יהודה חסידס תּלמיד, משה בן יעקב מקוצי [1]. אַ פייערדיקער רעדנער, איז ער אינם יאָר 1236 אַרומגעפאָרן איבער שפּאַנישע קהילות, געהאַלטן דרשות אין די שולן און בתּי־מדרשים, געזאָגט מוסר דעם עולם און געפאָדערט, מען זאָל שטרענג דערפילן אַלע געבאָטן פון דער תּורה [2].

„מיט גאָטס הילף — דערציילט משה מקוצי — האָבן, אַדאַנק מיינע דרשות, טויזנטער און צענדליקער טויזנטער ווידער אָנגעהויבן צו לייגן תּפילין און דערפילן דאָס געבאָט פון מזוזה און ציצית, אויך האָבן זיי זיך געשיידט מיט זייערע פרעמדע ווייבער" [3].

---

1 משה מקוצי, דער פאַרפאַסער פונם באַקאַנטן קאָדעקס „ספר מצות הגדול" (דער סמ"ג), איז בכלל געווען אַ אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט. אַ טיף רעליגיעזע נאַטור, האָט ער אַמאָל אין חלום דערהערט אַ באַפעל, אַז מען איז אויף אים גוזר, ער זאָל פאַרפאַסן אַ זאַמלבוך פון יידישע ריטועלע געזעצן, וואָס זאָל לויט זיין גייסט נאָך מער זיין צוגעפּאַסט, צו די מנהגים און שטייגער לעבן פון די נאָטספאָרכטיקע פראַנצויזישע קהילות, ווי דעם רמב"מס „משנה תּורה". דער טעמפּעראַמענט פון אַ רעדנער און בעל־דרשן פילט זיך שטאַרק אין דעם דאָזיקן ווערק. עס איז גיכער אַ זאַמלבוך פון פייערדיקע מוסר־דרשות, איידער אַ קאָדעקס פון דינים און געזעצן. ער נוצט אויס יעדע געלעגנהייט צו שטראָפן דעם עולם, צו דערמאָנען, אַז מ'דאַרף האָס מער אויסמיידן די נאַרישע תּאוות פון דער וועלט, וואָס ברענגען אַזוי לייכט צו אַ ניסיון. עניוות, ליבשאַפט און אַ האַרץ, וואָס פאַרגינט און איז מוחל אַלעמען — לערנט דער דאָזיקער טרייער תּלמיד פון ר' יהודה חסיד — אָט דאָס זיינען די בעסטע חענוויזערס אין לעבן. דאָס יידישע פאָלק — זאָגט ער ווייטער — דאַרף זיין דער טרעגער פון דער העכסטער מאָראַל, בכדי אַלע פעלקער זאָלן זען, אַז די יידן זיינען טאַקע די אויסדערוויילטע אומה ביי גאָט. מיט שלעכטע מעשים פאַרשוועכט מען גאָטס נאָמען (סמ"ג, חלק לא תעשה, סי' 2, 3, 16; חלק תעשה, סי' 2, 64, 170).

2 סמ"ג, לא תעשה, סי' 12; מצות עשה, סי' 3, 23. אַז די שפּאַניש־יידישע אינטעליגענץ האָט קאַרג וואָס געהאַלטן פון ריטועלע געזעצן, זאָגט עדות אויך אַ קריסטלעכער טעאָלאָג Guillaume G. Auvergne (ציטירט ביי גרעצן ב' VII).

1 סמ"ג, לא תעשה, סי' 112: „והארכתי בדרשות כאילו בגלות ירושלים אשר בספרד והוציאו נשים נכריות רבות בשנת תתקצו לפרט שבח לאדון הכל" (מיר ציטירן נאָך דער ערשטער ווענעציאַנער אויסגאַבע פון 1546).

מיר האָבן שוין געזעז, אז אויך אין דער פּראָוואַנס האָט די אַריס־טאָטעלישע פילאָזאָפיע געהאַט ניט ווייניקער הייסע אָנהענגער, ווי אין שפּאַניע. דער רמב"ם האָט מערערע מאָל אָנגעוויזן, אַז ער האָט זיין פילאָזאָפיש ווערק געשריבן בלויז פאַר יחידי סגולה, פאַר מענטשן מיט פילאָזאָפישער בילדונג, אָבער ניט פאַר די ברייטע, ווען אַפילו אינ־טעליגענטע, קרייזן [1]. שמואל אבן תיבונס איבערזעצונג, בפרט די איבערזעצונג פון יהודה אלחריזי, וואָס איז געשריבן אין אַ לייכט־פאַר־שטענדלעכער שפּראַך, האָבן געמאַכט דעם „מורה נבוכים" צוגענגלעך אויך פאַר מענטשן, וואָס האָבן אַ קנאַפּע ידיעה אין פילאָזאָפישע פּראָ־בלעמען. דערצו האָבן מאַקע פאַקטיש געשטרעבט שמואל אבן תיבון און די אַנדערע ראַציאָנאַליסטן, וואָס זייער הייסער ווונטש איז געווען וואָס ברייטער צו פאַרשפּרייטן די אידעען פון זייער לערער.

גראָד אין דער זעלבער צייט, וואָס די ראַציאָנאַליסטישע שטרעמונג און דאָס גלייכגילטיקע פאַרהאַלטן זיך צו רעליגיעזע געבאָטן און מנהגים האָבן זיך אַלץ געשטאַרקט אין די יידישע אינטעליגענטע קרייזן — האָט זיך די סאָציאַלע לאַגע פון די יידן אין דער פּראָוואַנס שטאַרק געענדערט צו שלעכטן. נאָך דער שרעקלעכער מפּלה, וואָס די אַלביגענזער באַוועגונג האָט געליטן אין דער התחלה פונם 13טן יאָרהונדערט, האָבן אין דער פּראָ־וואַנס די קאַטוילישע גייסטלעכע באַקומען די גאַנצע דעה. דעם קאַמף קעגן די אַפּיקורסישע סעקטעס האָבן זיי קונציק אויסגענוצט בכדי זיך נוקם זיין אין זייערע אַלטע שונאים און קעגנער—אין די יידן. אויף דעם צו־זאַמענפאָר פון גייסטלעכע, וואָס איז פאָרגעקומען אין נאַרבאָנע אינם יאָר 1227, איז אָנגענומען געוואָרן די החלטה אַמשטרענגסטן דורכצופירן אין לעבן די רעכט־באַגרענעצונגען, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן בנוגע צו יידן אויף דער פערטער קאַטוילישער לאַטעראַנער פאַרזאַמלונג אין רוים [2]. בכדי וואָס מער דערנידעריקן די יידן, האָט מען אויך באַשלאָסן אויפסניי דורכצופירן דאָס אַלטע געזעץ, וואָס פאַרווערט די יידן זיך צו באַווייזן אויף די גאַסן אין משך פון דער קריסטלעכער פּסח־וואָך. די אינקוויזיציע מיט די דאָמיניקאַנער בראש האָט שטאַרק געווילדעוועט, אומעטום געגישטערט נאָך פאַרדעכטיקע אָנהענגער פון אַפּיקורסישע סעקטעס און מיט באַזונ־דערער שנאה גערודפט יידן. די לאַגע פון די פּראָוואַנסאַלער יידן האָט זיך נאָך מער פאַרערגערט נאָכן יאָר 1229, ווען דער מושל איבער פּראָוואַנס,

---

[1] זע די פאָררעדע צום „מורה נבוכים", אויך דעם רמב"מס בריוו צו שמואל אבן תיבון: „כי חברתיו למי שקרא הרבה מן החכמות ולא. חברתיו למי שלא קדם לו לעולם עיון בדבר מענינים העמוקים האלה הקשים להבין („תשובות הרמב"ם", II, 27).

[2] דער פערטער לאַטעראַנער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אינם יאָר 1215.

דער פריידענקער און טאָלעראַנטער ריימונד, איז געווען גענייטיקט איבער־צוגעבן די ממשלה איבער א טייל פון זיין לאַנד לודוויק דעם הייליקנס מוטער, דער פאַנאַטיש־גאָטספאָרכטיקער בלאַנש פון קאַסטיליע.

דער רעאַקציאָנערער גייסט, וואָס האָט אָנגעהויבן געוועלטיקן אין לאַנד, האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעפאַנגען צו פילן אויך אין די יידישע קרייזן. אָנגעשראָקענע דורך די נייע גזירות, האָבן די גאָטספאָרכטיקע עלעמענטן אין די פּראָווינסאַלע קהילות אויך פחד באַקומען פאַר אפּיקורסות; אין די ראַציאָנאַליסטן, וואָס ערלויבן זיך עובר זיין אויף די מצוות, וואָס זיינען געבאָטן פון דער תורה, האָבן זיי דערזען די אמתע „פורצי גדר" (צוימען־ברעכער), וועלכע ברענגען אין געפאַר דעם קיום פון דעם גאַנצן יהדות. און ווייל ביי די ראַציאָנאַליסטן האָט געגאָלטן אַלס שילד און פאָן דער גלענצנדיקער נאָמען פונם בעל „מורה נבוכים", איז קיין חידוש ניט, וואָס דער קאַמף, וועלכער ס'האָט אויסגעבראָכן צווישן די אָרטאָדאָקסן און פריידענקער־ראַציאָנאַליסטן, האָט גלייך אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון א קאַמף צווישן מיימוניסטן און אַנטימיימוניסטן.

די מיימוניסטן האָבן פיל עפטער, ווי זייערע קעגנער, זיך באַנוצט אינם קאַמף מיט געווער פון פּאַמפלעטן, פלוגבלעטער און עפּיגראַמען. און אין דער דאָזיקער פּאָלעמיק־ליטעראַטור זיינען אַלע קעגנער פון די ראַציאָ־נאַליסטן געמאָלט מיט איין און דער זעלבער פאַרב: קויל און סאַזשע. אַלע קעגנער פון מיימונים פילאָזאָפישע אידעען ווערן דאָ געשילדערט ווי ווילדע אָבסקוראַנטן, וואָס קענען זיך ניט באַפרייען פון די מגושמסטע אַנטראָפּאָמאָרפיזמען. אפילו אזא ווייכער און איינגעהאַלטענער מענטש, ווי דעם רמב"ם זון, אברהם, שילדערט אין זיין מאמר „מלחמת השם" (געשריבן אינם יאָר 1235) אַלע קעגנער פון זיין פאָטער, ווי א באַנדע „טיפשים מיט בלינדע הערצער און שמוציקע מוחות"[1], וואָס טראַכטן נאָר וועגן דעם שכר, וועלכן זיי וועלן באַקומען אויף יענער וועלט פאַר זייער פרומקייט: אָנשטאָפּן דעם בויך מיט פעטע שטיקער לויתן, פאַרבייסן מיט זעמעלעך, וואָס וואַקסן גרייט אויף די ביימער, און פאַרטרינקען מיטן טייערן „יין המשומר"[2]. די היסטאָרישע דאָקומענטן אָבער און די בריוו, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט, טיילווייז שוין פון לאַנג און טיילווייז ערשט אין דער נייערער צייט[3], נייטיקן דעם אָביעקטיוון פאָרשער זיך פאַרהאַלטן

1 „אגרות קנאות", דף 18b ע' ב': „הטפשים עורי לב... שלא יכנס במוחם המזוהם".

2 דאָרטן.

3 צווישן די לעצטע זיינען באַזונדערס וויכטיק דער פּאַק בריוו, וואָס ש. ז. האַלבערשטאַם האָט פאַרעפנטלעכט אין „גנזי נסתרות", III — IV.

מיט אַ געוויסן חשד צו אַט די איינטאָניק שוואַרצע בילדער, וואָס העגט פון קעגנער און שונאים האָבן געמאָלט.

אויסגעבראָכן האָט דער קאַמף אין יאָר 1232, און די אָנפֿאַנגער זיינען געווען דער תּלמיד־חכם שלמה בר אַברהם אויס מאָנפעליע (שלמה מההר) מיט זיינע צוויי תּלמידים: דוד בן שאול און יונה בן אַברהם גירונדי, וואָס האָט זיך דערנאָך שטאַרק קונה־שם געווען מיט זיינע מוסר־ספרים [1]. זיי זיינען אַרויסגעטראָטן מיט אַ האַרבן חרם אַנטקעגן די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פילאָזאָפיע, און האָבן אַרויסגעלאָזן אַ ספּעציעלן פאַרבאָט, אַז מען טאָר ניט לייענען דעם רמב״מס צוויי ספרים, דעם „מורה נבוכים" און דעם „מדע" [2], ווייל עס שטעקט אין זיי אַ געפאַר, וואָס קען וואַקלדיק מאַכן די יסודות פון דער אמונה. עס איז אויך אויפגעהיט געוואָרן שלמה מההרס אַ בריוו אויס יענער צייט, וואָס גיט אונז די מעגלעכקייט צו באַקומען אַ מערוויניקער קלאָרן באַגריף וועגן אַט דער טיפּישער פיגור, וועלכע האָט אַרויסגערופן אַזאַ שטורעם אין דעם קולטורעלסטן טייל פון דעמאָלטיקן יידנטום. דער בריוו איז געשריבן צו איינעם אַ שפּאַניער, שמואל בן יצחק, און שלמה ערקלערט אים די מאָטיוון, וועלכע האָבן אים גענייטיקט אַרויסצוטרעטן אַנטקעגן די פרייַדענקער: „נעמענדיק אין באַטראַכט — שרייבט שלמה — אונזער אַלטע פריינדשאַפט, האַלטן מיר (ד״ה שלמה און זיינע תּלמידים) פאַר נייטיק אייך צו באַקענען מיט די סיבות, וואָס דורך זיי איז דער קריג אויסגעבראָכן. מיר, וועלכע האַלטן טייער און ליב די תּורה, וואָס גאָט האָט אונז געגעבן, האָבן צוגעזען, ווי אַלטע און יונגע האָבן אָנגעפאַנגען צו פאַרשפּרייטן געדאַנקען און מיינונגען, וואָס ניט מיר און ניט אונזערע עלטערן האָבן ווען געהערט וועגן זיי. מיר האָבן געזען: זיי גייען אין שלעכטן וועג, און, פאַרפירט פון די נייע שטרעמונגען, ווילן זיי צעשטערן אַלץ, וואָס מיר האָבן בקבלה (להרוס הקבלות); זיי פאַרדרייען דעם פּשט פון דער תּורה, אַלץ ווערט ביי זיי אַ משל; מעשה בראשית, די געשיכטע וועגן קין און הבל, יעדער פּסוק אין דער תּורה ווערט ביי זיי אַן אַלעגאָריע, אַן אויסגעטראַכטע זאַך [3]. מיר האָבן געהערט פונם איבערזעצערס [4] מויל אַליין, ווי אַזוי ער האָט מגלה געווען פאַר אַלעמען דאָס, וואָס דער רב ז״ל (דער רמב״ם) האָט

---

1 זיינע מוסר ספרים „שערי תשובה" און „ספר היראה" זיינען געווען זייער באַליבט; ס'האָט זיי פיל מאָל געדרוקט הן אין העברעיִש הן אין יידישער איבערזעצונג (די ערשטע יידישע איבערזעצונג פון „ספר היראה" איז שוין ערשינען אין 1546).

2 דער ערשטער, פילאָזאָפישער טייל פון „משנה תורה".

3 „ולמשול משלים בדברי התורות, להפך למשל ולהבל, מעשה בראשית ותולדות קין והבל, ובשאר כתובים הכתובים בתורה.

1 געמיינט שמואל אבן תיבון".

געהאַלטן פאַר נייטיק צו באַהאַלטן — ווי ער האָט אָפן פאַר אַלעמען ערקלערט, אַז אַלע ספּורים, וואָס ווערן געבראַכט אין דער תּורה, אַלע מצוות און געבאָטן — אַלץ איז נאָר אַ משל... איך האָב פיל מאָל געהערט, ווי זיי האָבן הוזק געמאַכט פון דברי חז"ל — און אַ שרעק איז מיך באַפאַלן בעת איך האָב דאָס אַלץ געהערט! איך האָב פיל מאָל געלאָזט זיך מיט זיי אין הייסע וויכּוחים, מיר פלעגן זיך אָפט שפּאַרן, אָבער צו פיינדשאַפט און קריג איז עס ניט געקומען. דאָ איז אָבער אָנגעקומען די פינסטערע שעה, און אין אונזערע וויכּוחים האָבן זיך אַריינגעמישט די חכמים פון בדרש (בּעזיע) מיט זייער גדלות און גאווה. זיי זיינען אַרויסגעטראָטן ווי אמתע שונאים, וואָס ווילן אונז פאַרטיליקן, מיר זאָלן מער קיין קיום ניט האָבן. זיי האָבן געוואָלט מיך מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר אַלעמען אין די אויגן און האָבן אויף מיר אויסגעטראַכט, אַז איך האָב געלעסטערט אין גאָטס הייליקער מחנה, און אַז איך האָב געהאַט די העזה מבזה צו זיין דעם אָנדענק פון דעם גרויסן גאון, וואָס האָט פאַרשפּרייט תּורה צווישן דעם פאָלק ישראל, דעם רבי משה בן הרב הדיין רבינו מיימון ז"ל. דאָס האָבן זיי אַלץ געטאָן, בכדי אונז צו מאַכן לעכערלעך פאַר דער גאַנצער וועלט, און אַלע קהילות זאָלן זיך אָפּווענדן פון אונז. אַז מיר (ר"ה שלמה און זיינע תּלמידים) האָבן געזען, אין וואָס פאַר אַ שווערער לאַגע מיר געפינען זיך, האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו די רבני צרפת, וואָס זיינען דאָך פון לאַנג אָן באַקאַנט אַלס אמתע מרביצי תּורה בישראל... אַז זיי האָבן באַקומען אונזער כּתב [1], האָט זיי אויך אָנגעכאַפּט אַ שרעק, און זיי האָבן אַוועקגעשיקט אַ שטראָף־בריוו צו אָט די דאָזיקע מענטשן און צו זייערע אָנהענגער. אויך האָבן זיי געשיקט אַ ספּעציעלן שליח, ער זאָל אויפן אָרט חוקר ודורש זיין, צי איז טאַקע אַזוי די לאַגע, ווי איך האָב זיי געשריבן. אין דער צייט האָבן זיי אויך באַקומען אַן עקזעמפּלאַר „מורה נבוכים". ווי זיי האָבן זיך מיטן ספר באַקאַנט, איז שרעקלעך געוואָרן זייער צאָרן, מחמת דעם חילול־השם, וואָס זיי האָבן דאָרט דערזען; האָבן זיי גלייך אָנגעגורט זייערע לענדן און ווי איין מאַן זיינען זיי אַלע אַרויסגעטרעטן פאַר גאָט און פאַר זיין תּורה מיט קללות און חרמות, מיט שטרענגע באַפעלן און געשרייען, אַז אַלע אַרום און אויך איך צווישן זיי, זיינען נבהל ונשתומם געוואָרן"[2].

1 לויט דער מעלדונג פון דעם רמב"מס זון, האָט שלמה בן אברהם אין זיין בריוו צו די רבני צרפת באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די ספקות, וואָס עס מוזן אַרויסרופן דעם רמב"מס אָנשויונגען וועגן עולם הבא און תּחית־המתים, ווי אויך זיינע ראַציאָנאַליסטישע ערקלערונגען מכּוח „טעמי המצוות" אינם דריטן טייל „מורה נבוכים".

2 „גנזי נסתרות", IV, 10—13.

מיר זעען אויס דעם בריוו, אַז אָנגעהויבן דעם קריג האָבן די „חכמי בדרש", אויף וועלכע שלמה מהר באַקלאָגט זיך, אַז זיי האָבן אויף אים בלבולים אויסגעטראַכט. אַז שלמהס באַשולדיקונג איז ריכטיק, באַשטעטיקן עטלעכע בריוו, וועלכע האַלבערשטאַם האָט פאַרעפנטלעכט[1]. אין די דאָזיקע בריוו ווערט באריכות דערציילט; ווי אייניקע פון די „חכמי בדרש", בכדי צו דיסקרעדיטירן שלמהס נאָענטסטן מיטהעלפער, יונה גירונדי, האָבן זיי אויסגעטראַכט אַ שם רע אויף זיין גאַנצער משפחה[2]. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס טאַקע דער באַליידיקטער יונה גירונדי איז אַוועקגעפאָרן אַגיטירן קעגן די מיימוניסטן אויף שלמהס באַפעל קיין פאַריז, ווו עס האָט געלעבט דער ראש פון די „רבני צרפת", יחיאל בן יוסף, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיין אַרויסטרעטן אַנטקעגן דעם משומד דאָנין[3]. אָט אַזוי, דורך די שולד פון איניקע צו היציקע מיימוניסטן, האָט דער אויסגעבראָכענער אידעען־קאַמף, פונם אָנפאַנג אָן גלייך אָנגענומען אַ ריין־פערזענלעכן און פאַרביטערטן כאַראַקטער...

נאָר אין גיכן האָט שלמה מהר באַקומען אַ טאַלאַנטפולן מיטהעלפער אין דער פּערזאָן פונם דיכטער משולם בן שלמה ען־ווידאַש דאַפּערא. דאַפּערא איז בכלל ניט געווען פון די „מורדי אור"; ניט אומזיסט זאָגט ער וועגן זיך: „עס ברענט אין מיין האַרצן די יידישע אמונה — נאָר איך פייניק מיך ניט מיט תעניתים" (מלהטת בלבי דת יהודית — ואם לא אהליש לבי בצומים). ער ליבט די נאַטור, פאַרברענגט אויך גערן מיט חברים ביים שוימעדיקן וויין־בעכער, און באַזינגט די נאַטור און דעם וויין אין גאַנץ שיינע פערזן[4]. זיין ראָמאַנטיש־פּאָעטישע נשמה איז אָבער אַזוי פרעמד די ראַציאָנאַליסטישע וועלט־אָנשויונגן; אַ נאָענטער פריינד

---

1 זע די בריוו נומ' 9—12 („גנזי נסתרות", IV 15 — 36; זע אויך שטיינשניידערס מיטטיילונג, דאָרטן ז' 70.

2 דער פסול אין דער משפחה, וואָס זיי האָבן אויסגעטראַכט, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן אַ געוויסן גם געפּסלט, און אויף דעם סמך האָבן זיי ערקלערט פאַר ניט געזעצלעך די שפּעטערדיקע חתונה, און די דערנאָך געבוירענע קינדער אָנערקנט פאַר ממזרים. די פאַמיליע גירונדי איז געווען איינע פון די חשיבסטע אין לאַנד, און פון איר שטאַמען אַ גאַנצע צאָל באַרימטע רבנים און געלערנטע, צווישן זיי אויך דער רמב"ן. ניט אומזיסט שרייבט יונה גירונדי אונטער און זיין „שערי תשובה" בעת ער רעדט וועגן דער שווערער זינד פון רכילות: „ואמרו ז"ל כי המוציא שם רע בדברי פגם משפחה אין לו כפרה עולמית" (זע דאָרטן, דף 26, עמ' א, ווארשעווער אויסגאַבע, 1848)

3 באריכות וועגן דעם ווידוח זע: א. קישט אַרבעט אין „מאָנאַטשריפט", 1874.

4 זע זיין ליד „ביום סגריר, ביום רעם גשמים", אין „החוקר", II, 26,1

פון משה בן נחמן [1], אַ הייסער אָנהענגער פון די מיסטיקער עזרא און עזריאל [2], האָט דער דיכטער משולם ניט געקענט בלייבן אַ זייטיקער צוזעער פונם אויסגעבראָכענעם קאַמף. אין זיין געדיכט „יהגו מזימות" [8] טרעט ער שאַרף אַרויס קעגן די ראַציאָנאַליסטן, און לויבט שטאַרק שלמה מההר פאַר דעם מוט, מיט וועלכן ער באַשיצט אין קאַמף דעם „הייליקן בונד" (ברית קודש). אין זיין פּאָעמע „אנשי מינות" [4] גיסט ער אויס זיין גאַנצן צאָרן אויף אַלחריזין, ווייל יענער איז מיט זיין „מורה"-איבערזעצונג „געוואָרן אַן אבן-נגף פאַר דעם פאַרדאָרבענעם דור" („נתן מוקש— אל דור עקש — לא יוכל על, זאת נקיון"), און ער ווענדט זיך צו די רבני צרפת, זיי זאָלן „גיך זיך באַקליידן מיטן פּאַנצער" און „מיט צאָרן אַרויסטרעטן אַנטקעגן די מענער פון בעזיע". און די רבני צרפת האָבן טאַקע גלייך „געהויבן דעם פּאַנצער". שלמה מההר האָט אין זיין בריוו טאַקע געשריבן דעם ריינעם אמת. זיי, די אָרטאָדאָקסישע און גאָטספאָרכטיקע רבנים, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן פאַרבראַכט „באהלה של תורה", האָט טאַקע אָנגעכאַפּט אַ שרעק, בעת זיי האָבן זיך באַקענט מיט דעם „מורה נבוכים". זיי האָבן זיך גלייך געווענדט מיט אַן אויפרוף צו די קהילות פון פּראָוואַנס, וו זיי טרעטן שאַרף אַרויס קעגן דעם רמב"ם, און סטראַשען מיט דעם האַרבסטן חרם, ווען עס וועט זיך ווער אונטערשטיין לייענען אַזוינע אַפּיקורסישע ספרים ווי דעם „מורה" און דעם „מדע" [5].

דאָס אַרויסטרעטן פון שלמה בן אַברהם און זיינע אָנהענגער קעגן דעם רמב"ם האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלטיקע אויפרעגונג אין די אינטעליגענטע קרייזן פון די גרויסע פּראָוואַנסאַלע קהילות לונעל, בעזיע און נאַרבאָנע. דער רמב"ם איז דאָך ביי זיי געווען דער „אורים ותומים", דער איינציקער און דער אומפאַרגלייכלעכער. מיט גרוים צאָרן זיינען זיי אַרוים

1 אין איינעם פון זיינע לידער ערקלערט דאַפּערא:
„יש לי ידיד שעות...
אחד קראתיו הוא ידיד עולם לבד — בן נחמן מלכי אשר נסכתי".

2 ווענן די דאָזיקע מיסטיקער שפּעטער. אין איינעם פון זיינע לידער זאָגט דער דיכטער:
„...לנו בנו נחמן למגדל עוז... עזרא ועזריאל...
הם כהני, המה יאירון מזבחי, הם כוכבי נשפי"...

8 נעדרוקט אין „דברי חכמים", 75—77, און אויך אין „מורה מקום המורה", 9—12.

4 „דברי חכמים", 78; „מורה מקום המורה", 3.

5 זע דעם רמב"נס בריוו צו די רבני צרפת („אגרות קנאות", 8) וווּ ער שרייבט: „העהרתם בדברים הנשמעים למרחוק באמרכם על הגאון: יש לנו גדול ממנו שנעשה צדוקי... כל ארץ צרפת רבנים ושרים ענת שבטה, כולם הסכימו לנדות ולהחרים על כל איש אשר ידו הרים להגות בספר „מורה נבוכים" וספר „מדע".

קעגן די „נידערטרעכטיקע מענטשן", וואָס קעמפן קעגן דעם רמב"ם דעות, און האָבן זיך געווענדט מיט אַן אויפרוף צו אַלע קהילות פון פּראָוואַנס, קאַטאַלאָניע און קאַסטיליע, זיי זאָלן זיך אָננעמען פאַרן פאַרשוועכטן כבוד פונם גרויסן גאון און לערער, און אַריינוואַרפן אין חרם די עזותדיקע לעסטערער (ר"ה שלמה בן אברהם און זיינע אָנהענגער). איינער פון דעם רמב"ם הייסע חסידים האָט אָנגעשריבן אַ זייער שאַרפן בריוו די רבני צרפת, און דער בריוו איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די ראַציאָנאַליסטישע אינטעליגענטע קרייזן: ער ווייזט גאַנץ בולט אָן, ווי אַזוי די דאָזיקע קרייזן פלעגן זיך פאַרהאַלטן צו די רבנים און לומדים, וואָס זיינען געווען בקי נאָר אין ים התלמוד און אומוויסנד אין חכמות חיצונות [1].

„איידער איר — ווענדט זיך דער אומבאַקאַנטער צו די פראַנצויזישע רבנים — זייט אַזוי שאַרף אַרויסגעטראָטן אַנטקעגן דעם גרויסן גאון און זיינע ספרים, זייט איר געווען מחוייב קודם־כל זיך גוט, ווי עס געהער צו זיין, באַקענען מיט די דאָזיקע ווערק זיינע. איר אָבער האָט, ווי עס שיינט, קיינמאָל אַפילו אין די אויגן ניט געזען ניט דעם „מדע", ניט דעם „מורה נבוכים", און דאָך האָט איר אַרויסגעטראָגן אייער פסק און אייער אומגערעכטן משפט. עס איז דאָך קלאָר, אַז איר, וואָס אַלע אייערע יאָרן האָט איר פאַרבראַכט נאָר אין די ד' אמות פון תלמודישן פּילפּול — איר זייט גאָרניט אימשטאַנד משיג צו זיין פילאָזאָפישע פּראָבלעמען און! פאַרשטיין מיט אייער מוח די וואונדערלעכע וועגן פון די וויסנשאַפטן. צו וואָס־זשע זייט איר אַרויסגעטראָטן פון אייער גדר און אונטערשטייט אייך אָננעמען באַשלוסן אין אַזעלכע הויכע ענינים, וועלכע איר קענט גאָרניט משיג זיין? און ווי קומט איר צו דער העזה אונז, וועלכע גייען אין אמתן וועג פון חכמה, ווי עס האָט אונז געלערנט אונזער רבי, רבנו משה בן מיימון — ערקלערן פאַר מינים און אַפּיקורסים? איר, וואָס אַלע מעשיות פון דער תורה, אַפילו אַלע אגדות פון די מדרשים — נעמט איר אָן אין זייער ווערטלעכן באַגריף. אַפילו גאָט דעם באַשעפער שטעלט איר זיך פאָר אין געשטאַלט פון אַ בשר ודם, מיט אַלע אברים פון אַ מענטשן... צי זיינען דען נאָך דאָ צווישן אַלע אומות העולם מיט אַלע זייערע ווילדע נאַרישקייטן — אַזוינע געצנדינער ווי איר זייט? [2] און איר האָט נאָך די

---

1 דעם בריוו האָט ש. י. ראַפּאָפּאָרט פאַרעפנטלעכט אין „כרם חמד", V, 9—13 דער פּראָפעסער פונם בריוו איז געבליבן אומבאַקאַנט. די השערה, אַז דעם בריוו האָט געשריבן שמואל שפּורטא, האָט זיך באַוויזן אַלס ניט ריכטיק.

2 היש בהבלי הגויים מגשימים...

העזה, אונז, וואָס מיר באַשיצן די ריינקייט פון דער הייליקער תורה, צו באַשולדיקן אין אַפּיקורסות און ערקלערן, אַז מיר לייקענען גאָט וואָרט? איך שווער ביי גאָט, אַז עס זיינען צווישן אונז נישטאָ קיין פאַרפירער, קיין פאַלשע נביאים, און קיין אַפּיקורסים, וואָס לייקענען אין גאָט. איר זייט אין טעות, איר האָט בלינד זיך פאַרלאָזן אויף ליגנערס און רכילותניקעס, און זיי האָבן אייך פאַרפירט. איר זייט אַרויס קעגן אונז מיט קללות און חרמות, איר האַלט זיך פאַר די גדולי הדור און אונז פאַר קליינינקע נישטיקע מענטשן. דאָס אַלץ וואָלטן מיר אייך נאָך מוחל געווען, נאָר איינס קענען און טאָרן מיר ניט פאַרשווייגן: איר האָט זיך אונטערשטאַנען צו ריידן מיט ביטול און פאַראַכטונג קעגן אונזער שטאָלץ און קרוין, קעגן גרויסן גאון רבנו משה בן מיימון, וואָס זייט רב־אשי איז ניט געווען אַזאַ גדול בתורה, קעגן אים, דעם אמתן וועגווייזער און מדריך..."

שלמה מההר און זיינע חברים זיינען אָבער אויך ניט געבליבן אָן שפּיצע. דער ערשטער איז געקומען זיי צו הילף דער רמב"ן (משה בן נחמן). יונה גרונדים אַ נאָענטער קרוב [1], האָט דער רמב"ן אויך זיך געפילט באַליידיקט פון דעם שם רע, וואָס די „חכמי בעזיע" האָבן מיט אַ ביוון אַרויסגעלאָזט קעגן דער פאַמיליע גרונדי. דאָס פילט זיך שטאַרק אין דעם שאַרפן טאָן, מיט וועלכן דער רמב"ן טרעט אַרויס קעגן די „פאַלשע עדות" און „רכילותניקעס" פון בעזיע, וועלכע ער רופט אָן אַ „קאָמפּלאָט פון רשעים" (קשר רשעים) און „די פאַרפלוכטע באַנדע" (הכת הארורה) [2]. אין בריוו צו פּריוואַטע מענטשן, און אויך אין זיין אָפענעם בריוו צו די פּראָוואַנסאַלע קהילות „פון נאַרבאָנע ביז מאַרסעל", לאַדט ער איין די „רכילותניקעס" צום געזעלשאַפטלעכן געריכט, און אַלס בוררים לייגט ער פאָר אָדער די רבני צרפת אָדער מאיר אַבולפיה. און ווען די מיימוניסטן, און די „חכמי בעזיע" צווישן זיי, האָבן אָנגעהויבן צו אַגיטירן מען זאָל אַריינלייגן אין חרם שלמהן פון מאָנפּעליע און זיינע תלמידים, האָט דער רמ"בן זיך געווענדט וועגן דעם מיט אַ בריוו צו די קהילות פון אַלע דריי שפּאַנישע מלוכות: נאַוואַריע, אַראַגאָניע און קאַסטיליע. ער וואָרנט זיי, אַז עס טאָרן אַרום „שליחים פון זינד, מיט פאַלשע כתבים פול מיט חנופה און שווינדל" [3]. זאָלן זיי זיך ניט לאָזן פאַרפירן דורך די רייד פון די דאָזיקע פאַלסיפיקאַטאָרן (פן תשמעו אל דברי הזייפים), וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר רודפי שלום, און פאַקטיש זיינען

---

1 דער רמב"ן און יונה גירונדי זיינען געווען שוועסטער־קינדער.

2 „גנזי נסתרות" 1872, IV, 1922.

3 „ובידים כתבי חלקות, מגנבים הלבבות ומחניפים המחשבות"

זיך עם די אמתע מחרחרי ריב [1]. דערפאר דארפן די קהילות זיין פארזיכ־טיק, נים לאזן זיך איינרייזן געבן זייער הסכמה אויפן חרם איידער זיי וועלן אויסהערן ביידע צדדים [2].

דער ערשטער, וואס האט זיך אפגערופן אויף דעם רמב"נס אויפ־רוף, איז געווען דער אונז שוין באקאנטער מאיר אבולפיה, וועלכער האט גלייך ווי נאר דאס מחלוקת האט אויסגעבראכן, צונויפגעזאמלט דעם גאנצן פאק בריוו, וואס איז ביי אים פארבליבן אויס יענער צייט, ווען ער האט זיך געווענדט קיין מארסעל און צו די רבני צרפת, און האט זיי אין פילע עקזעמפלארן צעשיקט איבער די פראוואנסאלע קהילות [3]. דער בריוו, וועלכן אבולפיה האט געשריבן אלס ענטפער אויף דעם רמב"נס אויפרוף, איז זייער אינטערעסאנט, ווייל אין אים אנטפלעקן זיך אס־בולטסטן די אינעווייניקסטע מאטיוון, וואס האבן געטייטיקט די אנטי־מיימוניסטן ארויסטרעטן אנטקעגן זייערע קעגנער. מיט מרויער ווייזט אן אבולפיה אין זיין בריוו, אז עס וואקסט אלץ מער די צאל פון די, ,,וואס האקן אפ די זאפטיקע צווייגן פון רעליגיעזע געזעצן" און פלייסן זיך צו באווייזן על־פי שכל, אז אין די אלע ריטועלע פארשריפטן און מצוות נייטיקט זיך כלל נים דער בורא־עולם. דער עיקר איז נאר, זאגן זיי, דער מענטש ,,זאל באגרייפן גאט; פארשטיין די חכמה פון זיין שאפן", ווארעם דעם באשעפער גופא אינטערעסירט לחלוטין נים ,,צי איז דער גוף ריין צי טמא, צי איז ער זאט, צי פייניקט ער זיך מיט תעניתים". זיי בלאנדזשען אויף קרומע וועגן, שטאלץ ערקלערן זיי אלס איינציקן זיכערן וועגווייזער — זייער שכל; פוסטע און ויסטע מאכן זיי די נשמות, וואס שמאכטן נאך מצוות און מעשים טובים, זיי לעשן אוים דעם פלאם פון די בענקענדיקע הערצער, זיי ווילן טויטן דעם גייסט, וואס איז אומ־שטארבלעך (להמית נפשות אשר לא תמותינה) [4].

צווישן די מיימוניסטן און זייערע קעגנער האט, ווי מיר זעען, אויף ס'ניי אויפגעלעבט דער אלטער וויכוח, וואס האט צוריק מיט טויזנט יאר צעטיילט אויף צוויי פיינדלעכע לאגערן די חכמי המשנה און די גנאסטי־קער. דער הויפט־פרינציפ פון די גנאסטיקער איז געווען: ,,וידעת את ה'", דאס ו ו י ס ן, דאס פארשן גופא; די חכמי המשנה האבן אבער געדרונגען, אז ,,הכל לפי המעשה" — דעם מענטשנס מ ע ש י ם זיינען דער עיקר. ,,ולא המדרש עיקר אלא המעשה", זאגט ר' שמעון בן רבן גמליאל — נים

1 הכת המתחדת נפשות מצודדת והיא המורדת.

2 ,,אגרות קנאות" 5a, (לייפציגער אויסגאבע, 1859).

3 כתאב אל אסאייל, 10, 14.

4 ,,אגרות קנאות", 6b

דער „דרש", דאָס זוכן די אַלעגאָרישע רמזים אין דער תורה איז דער עיקר, נאָר די מעשה, דאָס מקיים זיין די מצוות און געבאָטן. „כל שמעשיו מרובין מחכמתו — זאָגט רבי חנינא בן דוסא — חכמתו מתקימת, וכל שחכמתו מרובה ממעשיו אין חכמתו מתקימת" (פרקי אבות, III, 10) — ווען מעשים טובים זיינען גרעסער פון זיין תורה, האָט זיין חכמה אַ קיום, ווען חכמה אָבער איז גרעסער פון זיינע מעשים, ביי דעם האָט זיין תורה קיין קיום ניט.

אַבולפיה איז געוון מסכים, אַז ס'זיינען באמת זייער גרויס די פאַר־דינסטן פון רבנו משה בן מיימון; ער רופט אים „איש אלהים", וואָס האָט אַלעמען געעפנט די אויגן מיט זיין „משנה תורה"; דערפאַר אָבער מרעמט ער אַמשאַרפסטן אַרויס קעגן דעם רמב"מס „מורה נבוכים". „בלאָט נאָך בלאָט — שרייבט אַבולפיה — האָב איך פלייסיק שטו־דירט דעם דאָזיקן ספר און איך האָב מיך איבערצייגט, אַז ער וויל מאַכן באַפעסטיקן די וואָרצלען פון דער אמונה, נאָר מאַכט דערביי שניידט ער איר אָפּ אַלע אירע צווייגן; ער פּרוּווט מאַכן אויסבעסערן אַלע שפּאַלטן און לעכער — נאָר צעשטערט דערביי אַלע צוימען. טויט און לעבן צוזאַ־מען באַהאַלט אין זיינע בלעטער דאָס דאָזיקע בוך"[1]. אַבולפיה רעדט דערפאַר מיט גרויס רעספּעקט וועגן שלמה אויס מאָנפּעליע, ווייל יענער האָט געהאַט דעם מוט אָפן אַרויסטרעטן, און אָן מורא אָנווייזן אויף דער געפאַר, וואָס האַלט, לויט זיין מיינונג, אין איין וואַקסן.

דערווייל האָט זיך דאָס מחלוקת אַלץ מער צעפלאַקערט, און ערטער־ווייז איז דאָס געקומען צו זייער שאַרפע צוזאַמענשטויסן און אַפילו צו האַנטגעשלעגן אויך. עס איז אָבער קיין שום ספק ניט, אַז אין דעם דאָזיקן פאַרשטאַרקטן קאַמף האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אויסער ריין אידעאָלאָגי־שע מאָטיוון אויך גזעלשאַפטלעכע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע סיכסוכים. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, ווי אַזוי די „חכמי בדרש" האָבן אין דעם אויסגעבראָכענעם מחלוקת אַריינגעבראַכט ריין־פּערזענלעכע מאָטיוון און געפּרוּווט דיסקרעדיטירן דורך אַ פאַלשער באַשולדיקונג די פאַמיליע גרונדי, צו וועלכער עס האָבן געהערט שלמה מההרם תלמיד, יונה, און

---

1 דאָרטן: „וארה והנה יונקתו מחוקת שרשי הדת ומסעפת פארותיה, מחוקת בדקי יסודותיה והורסת נדריתיה, רוממות אל בגרונה ומות וחיים בלשונה". ס'איז אינ־טערעסאַנט וואָס די זעלבע מיינונג וועגן דעם רמב"מס „מורה" האָט אויך אַרויסגעזאָגט אַן אַראַבישער געלערנטער פון יענער צייט. אַבדאָללאַטיף דערציילט אין זיין זעלבסט־ביאָגראַפיע: „איך האָב דאָס דאָזיקע בוך (דעם „מורה") געלייענט און געפונען, אַז דאָס איז אַ שעדלעך בוך, ווייל עס איז מער מסוגל צו צעשטערן די זעלבע גרונד־יסודות פון דער אמונה, וועלכע עס וויל באַפעסטיקן" (זע „ליטעראַטורבלאַט ד. אָריענט", 1846, 355).

דער רמב"ן. פיל וויכטיקער איז אין דער הינזיכט דעם רמב"נס אַ בריוו, וואָס געפינט זיך, לײדער, בלויז אין אויסצוגן [1], אין דעם אויבנדערמאָנטן פּעקל בריוו, וואָס האַלבערשטאַם האָט פאַרעפנטלעכט. אין דעם דאָזיקן בריוו ווערט מיט גרויס גרימצאָרן גערעדט וועגן די הויף-יידן פון סאַראַגאָסע בחיי און שלמה בני אַלקאָנסטאַנטיני. בחיי איז געווען לייב-מעדיקער ביים אַראַגאָנישן מלך יעקב דעם ערשטן און אויך זיין סעקרעטאַר און האָלמעטשער ביי די אונטערהאַנדלונגען מיט די אַראַבער בשעת די מלחמות, וואָס דער קיניג יעקב האָט געפירט קעגן מאַראָקאָ און וואַלענסיע. בחיי און זיין ברודער שלמה זיינען געווען גרויסע חשובים ביים קיניגלעכן הויף און פאַרנומען וויכטיקע פינאַנסיעלע פּאָסטנס. דורך אַ קיניגלעכן דעקרעט איז שלמה אַלקאָסטאַנטיני באַשטימט געוואָרן פאַר נשיא און הויפּט-ריכטער איבער אַלע יידישע קהילות פון אַראַגאָניע. ווי עס שיינט, האָבן די ברידער אַלקאָסטאַנטיני געפירט זייער „שררות" ביד רמה און אויסגענוצט זייער חשיבות ביים קיניגלעכן הויף אויף זייער איינגנוציקן אופן. עס איז דערגאַנגען אויף אַזוי ווייט, אַז די אַראַגאָנישע קהילות האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק זיך באַקלאָגן פאַרן קיניג אויף זייערע „נשיאים" און „דיינים", און אויך דער רמב"ן גופא איז פאַרזענלעך אַרויסגעטראָטן פאַרן קיניג מיט זייער האַרבע טענות, קעגן די „בני שחץ" (אויסוואורפן) און „בעלי עברות מכוערות", ווי ער רופט די בני אַלקאָסטאַנטיני אין דעם באַטרעפנדן בריוו. מיט גרויס כעס און פאַרדרוס רעדט ער וועגן די דאָזיקע „הויף-יידן", וואָס וואַרפן פון זיך אָפּ אַלע מצוות פון דער תורה, זיי דאַוונען ניט, זיי בענטשן ניט, זיינען ניט נזהר אין זייער וויין און מאכלים, היטן ניט אָפּ שבת און פירן זיך ווי אמתע מוסלמענער (כי ישמעאלים הם). „ווי איז דאָס געהערט געוואָרן — רופט אויס דער רמב"ן — אַז אַן עם-הארץ גמור און אַ בור זאָל גאָר זיין אַ „רב ושליט, נשיא ונגיד", וואָס געוועלטיקט איבער דעם ציבור!.."

מיר וועלן ווייטער זען, אַז אין דעם לאַגער פון די מיימוניסטן און ראַציאָנאַליסטן זיינען גאַנץ רייך געווען פאַרטראָטן די הויף-יידן און יידישע באַנקירן און פינאַנסיסטן, וואָס זיינען לויט זייערע הנהגות און לעבנסשטייגער געווען „אמתע מוסלמענער" און האָבן געהאַט גרויס חשק זיך צו באַפרייען פון דעם פאַר זיי לעסטיקן עול פון מצוות מעשיות. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס אין דעם פאַרשטאַרקטן קאַמף קעגן

---

1 זע קאַבאַקס „ישורון", ב' VIII, 120—124. דער ערשטער וואָס האָט אָנגעוויזן אויף דעם ריכטיקן באַדייט פון דעם דאָזיקן בריוו איז: פר. יצחק בער, „דביר" II, 1924, 316—17.

שלמה מהחר און זיינע אָנהענגער נעמען אַ גאַנץ אַקטיוון אָנטייל די גאַר וואָס דערמאָנטע בני אַלקאַסטאַנטיני.

אַלקאַסטאַנטיני האָט צוזאַמען מיט גאָר צען מיטגלידער פון דער קהילה אַריינגעוואָרפן אין חרם שלמה מהחר און זיינע מיטהעלפער, און גלייך נאָכדעם (יולי 1232) זיך געווענדט מיט אַן אויפרוף צו אַלע אַראַ־גאָנער קהילות „אויפשטיין באַשיצן משהן (בן מיימון) און זיין הייליקע תורה", זיך אָננעמען פאַר דעם גרויסן מאַן, „וואָס האָט אונז אַרויסגע־צויגן אויס דעם זומפּ פון ווילדקייט און אָבערגלויבן". זיי ליגן דערפאַר פאָר, אַז אויך אַנדערע קהילות זאָלן געבן זייער הסכמה און אַריינלייגן אין חרם „די דאָזיקע דריי פרידנשטערער און פאַרדאַרבער" (שלשה חרשי משחית והם מסיתים את העם ומדיחים)[1].

אויף דעם אויפרוף האָבן זיך גלייך אָפּגערופן פיר אַראַגאָנער קהילות[2]. אויך זיי האָבן מסכים געווען, אַז מען דאַרף מחרים זיין אָט די „קליינע פוקסעלעך", די „דריי פושעי ישראל", דעם „גידערטערעכטיקן" שלמה און זיינע תלמידים, וואָס האָבן זיך ערלויבט צו לעסטערן דעם „מאור הגולה רבי משה בן מיימון".

דעמאָלט, אינמיטן ברען פון דער מלחמה, איז נאָך אַמאָל אַרויס־געטראָטן דער רמב"ן. אַ מענטש מיט אַן איידעלן כאַראַקטער, האָט ער אָוועקגעלייגט אַלע זייטיקע פניות, פאַרגעסן אין די פּערזענלעכע באַליידי־קונגען און געפרוווט זוכן אַ פּשרה־וועג, ווי שלום צו מאַכן צווישן די צוויי פיינדלעכע צדדים. לויט זיין וועלט־באַנעם האָט דער רמב"ן געמוזט זיין אַן אַנטשיידענער קעגנער פון די ראַציאָנאַליסטן, וואָס זיינען געגאַנגען אינם רמב"מס שיטה. מיט גרויס דרך־ארץ האָט ער זיך פאַרהאַלטן צום רמב"ם, דעם פאַרפאַסער פונם „משנה תורה", ווי צו איינעם פון די גרעסטע גאונים אויף דעם תלמודישן געביט; אָבער די פילאָזאָפישע אידעען־וועלט פונם „מורה" איז אים געווען פרעמד און פיינדלעך. אַ מענטש מיט אַ פאַרחלומטער התלהבותדיקער נשמה, איז דער רמב"ן, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, געווען איינער פון די באַגרינדער פון דער מיסטי־שער לערע, דער „תורה שבלב", וואָס האָט געזען אין דעם פילאָזאָפישן ראַציאָנאַליזם איר פאַרביטערטן שונא... בכדי צו שטילן דעם קאַמף האָט דער רמב"ן זיך געווענדט מיט אַ לאַנגן בריוו צו די רבני צרפת[3], געלאַסן, רויק, נאָר פול מיט זעלבסטבאַוווסטזיין, ווייזט ער אָן די פרומע

---

1 דאַרטן, 5.

2 הועסקא (ושקה), מאָנצאָן (מנתשון) לערידאַ (לארדה), און קאַלאַט־יוד (קלעה)

3 דאָרט, 8—10.

פראנצויזישע רבנים, ווי שטאַרק זיי האָבן געפעלט, בעת זיי האָבן באַשולדיקט אין אַפּיקורסות אַזאַ מאור הגולה, ווי דעם רמב"ם. מיט זייער פאַרבאָט צו שטודירן דעם רמב"מס ווערק און מיט זייער אַסרן דעם לימוד פון פילאָזאָפיע, וועלן זיי גאָרניט פועלן. זיי וועלן נאָר נאָך מער פאַרשטאַרקן דעם מחלוקת, וואָרעם צו גרויס איז דער אַווטאָריטעט פונם רמב"ם, און צו פאַרשיידן זיינען די קולטורעלע צושטאַנדן, אין וועלכע עס לעבן די יידן אין שפּאַניע און אין פראַנקרייך. דער רמב"ן ווייזט דערביי אָן, וואָס פאַר אַ בכבודיקן אָרט עס פאַרנעמען ביי די שפּאַנישע יידן די „הכמות חיצונית" און די גריכישע פילאָזאָפיע; מיט זייער חרם וועט מען זיך דערפאַר אין די ספרדישע קהילות בכלל ניט רעכענען און ער וועט ניט דורכגעפירט ווערן אין לעבן. „מיט פרידן און מיט ליבע דאַרפט איר, רועי ישראל, פאַשען אייער טשערעדע". „מען קען ניט — שטרייכט אונטער דער רמב"ן — צווינגען, אַז אַלע יידן זאָלן זיין לויטער חסידים און פרושים".

דער רמב"ן רעדט מיט גרויס כבוד וועגן שלמה אויס מאָנפּעליע, מיט וועלכן ער האָט אַפילו געפירט אַ בריוולעכן פאַרקער [1], דאָך ווייזט ער אָן, אַז ער קען ניט באַשליסן, ווער פון די קעגנער ס'איז גערעכט; ער בעט נאָר די רבני צרפת, זיי זאָלן זיך אַריינלייגן אין שלום און פּרווון שטילן דעם מחלוקת. ער לייגט דערביי פאָר, די רבני צרפת זאָלן פּרווון מאַכן אַזאַ מין פשרה: אָפּנעמען דעם פאַרבאָט פונם רמב"מס „מדע", דערפאַר אָבער באַשטעטיקן דעם באַשלוס, אַז עס זאָל זיין פאַרווערט צו פאָפילאַריזירן און צו פאַרשפרייטן צווישן ברייטן עולם דעם „מורה נבוכים".

די דאָזיקע פשרה האָט אָבער קיינעם פון די צדדים ניט געקענט באַפרידיקן. דעם רמב"נס בריוו האָט נאָר אין איין פּרט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג: די רבני צרפת זיינען אינגאַנצן אָפּגעשטאַנען און מער קיין אָנטייל ניט גענומען אין דעם מחלוקת. סוף־כל־סוף האָבן זיי פאַר „זייערע" קהילות, ד"ה פאַר די פראַנצויזישע יידן, געקענט זיין גאַנץ רויק: יענע האָבן דעם „מורה" אין די אויגן ניט געזען און די פּראָבלעמען, וואָס ווערן דאָרט אַזוי שאַרף געשטעלט, האָבן זיי בכלל ניט אינטערעסירט.

אין דער פּראָווענס אָבער האָט זיך אין דער צייט דער קאַמף אַלץ מער צעברענט. די מיימוניסטן האָבן אַוועקגעשיקט דעם אַלטן דוד קמחי קיין שפּאַניע, ער זאָל דאָרט אַגיטירן פאַר זיי אין די אָנגעזעענסטע קהילות.

---

[1] זע „לעטערבאָדע", 1877, 1.

„זיי, די מיימוניסטן — קלאָגט זיך שלמה מהחר אין זיין פריער ציטירטן בריוו — האָבן געשיקט אַ ספּעציעלן שליח, ער זאָל נאָך מער פאַרגרעסערן די מחלוקת און אויפהייבן אַייערע קהילות קעגן אונז; זיי פאַרשפּרייטן צווישן אייך פאַלשע קלאַנגען וועגן מיר, און טראַכטן אויס אויף אונז, אַז מיר האָבן פּוגע בכּבוד געווען אין דעם אָנדענק פונם רמב״ם. גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב זיך קיין מאָל ניט ערלויבט אָנצורירן מיט אַ שלעכט וואָרט דעם כּבוד פון דעם גרויסן גאון און זיין תורה, וואָרעם הויכגעשעצט און טייער זיינען בײַ מיר זיינע רייד, און איך דערמאָן תמיד מיט גרויס יראת־הכּבוד זיינע פּסקים און באַשלוסן. און עס איז בײַ מיר זייער צו גלויבן, אַז דער מענטש מיט דער לאַנגער באָרד (דוד קמחי) וועט בײַ אייך נאָכמאָן דאָס אייגענע, וואָס ס׳האָבן זיך ערלויבט בײַ אונז זיינע חברה־לייט: זיי האָבן געפעלשט מיין אויפרוף צו די רבּני צרפת און האָבן אויסגעטראַכט אויף מיר, אַז איך האָב פאָרגעלייגט, מען זאָל אַריינלייגן אין חרם דעם רמב״מס אַלע אָנהענגער".

קמחים אַגיטאַציע־רייזע האָט אָבער געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּן ערפאָלג. אין פילע קהילות האָט מען אים גאַנץ קאַלט אויפגענומען, ווייל די רבּני צרפת זיינען אין זייער אויפרוף זייער שאַרף אַרויסגעטראָטן אַנטקעגן דעם רד״ק פאַר זיין ראַציאָנאַליסטישן פּירוש אויף „מעשה בראשית" און „מעשה מרכּבה"[1]. אין דער שטאָט בורגאָס האָט מען אים אַזוי פיינדלעך באַגעגנט, אַז ער האָט געמוזט פון דאָרטן גלייך אַפּפאָרן. איינער פון די אָנגעזעענע פאָרשטייער פון דער דאָזיקער קהילה, יוסף בן טודרוס הלוי, איז גלייך נאָך דעם אַרויסגעטראָטן מיט אַ ספּעציעלן אויפרוף צו די קהילות פון פּראָוואַנס. דער דאָזיקער אויפרוף איז באַזונדערס אינטערעסאַנט, ווייל זיין פאַרפאַסער האָט ניט געהערט צו איינער פון די קעמפנדיקע פּאַרטייען[2]. יוסף בן טודרוס איז אַ זייטיקער עדות, וואָס האָט צוגעזען מן הצד דעם היסטאָרישן קאַמף, דערפאַר באַקומען זיינע ווערטער אַ באַזונדערן ווערט.

„זייער טרויעריקע זאַכן קומען איצט פאָר אין גאַנצן הייליקער מחנה — קלאָגט זיך יוסף הלוי — די עלטערן צעלייגן דאָס פייער, און די קינדער וואַרפן אונטער שטאָף צום ברענען, און אַלץ גרעסער ווערט דער פלאַם, וואָס כאַפּט אַרום די יסודות פון דעם אַלטן גלויבן, און צעשטערט ווערן זיינע פעסטע מויערן. עס זיינען געקומען מענטשן, וואָס צעברעכן די צוימען פון דער הייליקער תורה; יעדער קומט מיט זיינע

---

1 זע פריער, 3.

2 זע „גנזי נסתרות", IV, 6. דער בריוו איז געדרוקט, דאָרטן, III, 149—175.

איינפאַלן, מיט נייע המצאות, און אַלע טראַכטן נאָר וועגן דעם, וואָס ניכער אָפּוואַרפן אַלע פאַרבאָטן, זיך לויז מאַכן פון אַלע באַגרענעצונגען. אַלע ווערטער פון דער תורה, אַלע, וואָס מיר האָבן בקבלה פון אונזערע אָבות — ווערט ביי זיי אַ בלויזער משל און אַלעגאָריע, די ניסים און מופתים, וואָס ווערן געבראַכט אין דער תורה, ווערן ביי זיי צו שפּאָט און געלעכטער, זיי מאַכן פון טאָג — נאַכט און פון פינסטערניש — ליכט. זיי לאַכן אין שפּאָט פון די רייד פון אונזערע חכמים און האָבן נאָך די העזה זיך שטיצן דערביי אויף אַ גרויסן אויטאָריטעט; זיי ערקלערן זיך אַלס תלמידים און נאָכפאָלגער פון איינעם פון אונזערע גרעסטע גאונים, וואָס זיין גלייכן איז ניט געווען זייט רבינא ורב אשי; רבנו משה בן מיימון, דעם מאור הגולה, מאַכן זיי פאַר זייער שירעם, זיי זיינען זיך אַלע סומך אויף זיין נאָמען. זיי ווילן ניט פאַרשטיין, אַז אונזער גרויסער לערער האָט געשאַפן זיין „מורה נבוכים" נאָר פאַר די יחידי סגולה, פאַר די, וואָס זיינען אַריינגעדרונגען אין אַלע סודות פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. אָט פאַר די איז דער „מורה" געוואָרן דער פעסטער אָנהאַלט, דער אמתער וועגווייזער, וואָס האָט זיי געלערנט, ווי אַזוי פעסט האַלטן די אייביקע אמתן פון אונזער תורה אַנטקעגן די טיפעניש פונם פילאָזאָפישן געדאַנק — און דערביי ניט געשטרויכלט ווערן, ניט אַראָפּבלאָנדזשען פונם ריכטיקן וועג. נאָר אַפילו פאַר די אויסדערוויילטע האָט דער גרויסער גאון געגעבן בלויז אָנצוהערענישן, ניט מער ווי רמזים, און טאַקע דערביי שטאַרק געוואָרנט, מען זאָל זיין ספר ניט געבן אין די הענט פון אַזעלכע, וואָס זיינען ניט ראוי דערצו. מען האָט אָבער דעם רבינס רצון ניט דערפילט. עס זיינען געקומען מענטשן מיט גאַנץ קנאַפּן וויסן און האָבן דעם רמב"ם פילאָזאָפיש בוך געגעבן אין די הענט פונם „ערב-רב", פון פשוטע עם-הארצים. זיי האָבן פאַרשפּרייט תיבונס איבערזעצונג און אַפילו די איבערזעצונג פון אַלחריזי, וואָס האָט אָפט פאַרדאָרבן דעם מחברס געדאַנק [1] און אים אַריינגעלייגט אין זיין מויל ווערטער, וואָס ער האָט זיי קיין מאָל ניט געזאָגט (בשגגתו טעמי המחבר, לאשר לא צוה ולא דבר"). יעדער גראָבער יונג האַלט זיך פאַר אַ מבין אין דעם טיפן ווערק פון רבנו משה בן מיימון, יעדער טאַפּט מיט זיינע מגושמדיקע

---

[1] אין דער ליטעראַטור פון יענער צייט קאָן מען אָפט באַגעגענען פיינדלעכע אָנפאַלן אויף אלחריזים „מורה"-איבערזעצונג. דעם רמב"מס זון, אברהם, שטרייכט אונ-טער אין זיין „מלחמת השם": „כשהעתיק ר' יהודה אלחריזי... היתה העתקתו משובשת ומקולקלת". דער באַקאַנטער יידישער געלערנטער פונם 13טן יאָרהונדערט שם טוב פלקירא קלאָגט זיך אויך אין זיין אָפענעם בריוו וועגן דעם מחלוקת קעגן רמב"ם: „אבל ההעתקה השנית (אלחריזים) היה רבים טעויותיה והישר שבה לא ימלט מעקשות".

הענט, יעדער נאַר, אַ ליאַדע גאַרנישט, האַלט זיך פאַר אַ גאַנצן פילאָזאָף, קריטיקירט אַלץ, וואָס אויפן הימל און אויף דער ערד. זיי ווייסן פון אַלץ, וואָס גאָט טיינט און טראַכט, אַלע סודות זיינען פאַר זיי אַנטפּלעקט, נישטאָ קיין „הייליקע זאַכן" — אַלץ איז איינפאַך און וואָכעדיק; דאַוונען, תפילין לייגן האַלטן זיי פאַר נאַרישקייטן און לאַכן אָפּ דערפון [1]. און ווען דער רמב"ם האָט זיין ספר אַ נאָמען געגעבן „מורה נבוכים" — דער וועגווייזער פאַר די בלאָנדזשענדיקע, איז ער אָבער איצט געוואָרן דער „נבוכת המורים" — די פאַרבלאָנדזשעניש פון די ווידערשפּעניקע.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס יוסף בן טודרוס טיילט איין די ראַציאָנאַליסטן פון זיין צייט אין צוויי גרופּן: 1) כת החנפים, די גרופּע פון צבועקעס, וואָס פאַרשוועכן די הייליקע ווערטער פון דער תורה און דעקן צו זייערע נידעריקע תאוות מיט דעם מאַנטל פון וויסנשאַפט, און די עבירות, וואָס זיי פּלעגן פריער טאָן בצנעה קיינער זאָל ניט זען, טוען זיי איצט בפרהסיה. 2) כת העשירים, די רייכע, וואָס זיינען פעט געוואָרן פונם שוויים פון די אָרעמע און ווילן זיך אָנטאָן אַלע תענוגים פון דער וועלט, זיינען זיי זייער צופרידן, וואָס מען קען אויף אַ ראַציאָנאַליסטישן אופן זיך באַפרייען פון רעליגיעזע מצוות און געבאָטן [2].

„ניין — ערקלערט יוסף הלוי — די ווערטן פון דער אמונה ווערן ניט געווויגן אויף די וואָגשאָלן פונם קאַלטן שכל, די תורה ווערט אָן דערביי איר גאַנצן דופט און ריח, און איר קומט אויף אַזאַ אופן צו זייער פאַלשע הנחות" [4]. און ער וואָרנט די פאַרשטייער פון די פּראָווינציאַלע קהילות, זיי זאָלן וואָס גיכער אָננעמען מיטלען קעגן דער וואַקסנדיקער געפאַר. „טרייסט אייך ניט דערמיט, וואָס אייער לאַנד איז נאָך דערווייל אַן אכסניה של תורה, איר זייט בקי אין אַלע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון חכמת היהדות, און אָפן זיינען פאַר אייך אַלע וועגן פון גאָטס געזעצן — געדענקט דעם קומענדיקן טאָג. הנה ימים באים, עס וועלן קומען טעג, ווען איר וועט שוין ניט זיין צווישן די לעבעדיקע, און קומען וועלן אייערע קינדער, און זייערע הערצער וועלן זיין דורכגעפּרעסן דורכן גיפט פון אָט דעם נייעם מין אפּיקורסות, וואָס איז פיל געפערלעכער פון יענער, וועלכע

1 דאַרטן, 165: „בשומם הספר הזה למרמס לכל כסיל הווה, וכל עצב נפוץ ונבזה, ויצא העגל הזה, כי גם ערב רב ואת האספסוף כל אחד בעיני׳ פילוסוף... שתו בשמים פיהם ובארץ תהלך לשונם להמלך עם נפשם בידיעת קונם... לנהג בדברים של קודש מנהג חולין ופטורין מן התפלה ומן התפילין, ומורידין בקודש ולא מעלין...

2 דאַרטן, 163—4.

8 דאַרטן, 172. וועגן די ראָלע פון די רייכע הויף־יידן אינם לאַגער פון די מיימוניסטן, וועט נאָך זיין די רעדע אינם פערטן טייל.

4 דאַרטן, 160.

האָט געבראַכט די צעשפּאַלטונג פון די קראים, וואָרעם זיי, 'די קראים (קאַראַימען),לייקענען אָפּ נאָר אַ טייל פון אונזער לערע און דעם אַנדערן טייל נעמען זיי אָן, יענע אָבער וואַרפן אָפּ אַלץ און ווילן גאָרניט אָנערקענען..." [1].

דוד קמחי האָט, ניט קוקנדיק אויף זיין קנאַפּן ערפאָלג, דאָך דעם מוט ניט פאַרלאָרן. דער הויפּט-ציל פון זיין אַגיטאַציע-רייזע איז געווען די גרויסע קהילה אין טאָלעדאָ. ער איז געווען זיכער, אַז באַם עס וועט אים געלינגען צו באַקומען פון דער דאָזיקער גרעסטער יידישער קהילה אַ הסכמה אויף מחרים צו זיין שלמהן אוים מאָנפּעליע, וועט דאָס זיין אַ גרויס געווינס פאַר זיין פּאַרטיי. ניט ווייט פון טאָלעדאָ איז אָבער דער אַלטער קמחי פאַרשלאָפט געוואָרן, און געמוזט זיך אָפּשטעלן אין דער שטאָט אַווילאַ. האָט ער פון דאָרטן אַוועקגעשיקט אַ בריוו צום ראש פון דער טאָלעדאָר קהילה, צום געבילדעטן אַרצט יהודה בן יוסף אבן אַלפאַכאַר. דער קראַנקער קמחי האָט אָבער אויך דאָס מאָל געהאַט אַ טעות אין חשבון. ער איז געווען זיכער, אַז אַלפאַכאַר וועט זיין מיט אים אין איין דעה, צום סוף איז יענער אַרויסגעטראָטן אַלס זיין אַנטשיידענער קעגנער. דער בריוולעכער וויכוח [2], וואָס ס'איז פאָרגעקומען צווישן קמחין און אַלפאַכאַרן, באַווייזט אַמבעסטן, ווי איינזייטיק ס'איז די מיינונג, אַז די אַנטימיימוניסטן זיינען געווען לויטער ,,נאַרישע עמי ארצים" מיט מגושמדיקע באַגריפן פון פּשוטע געצנדינער. אַלפאַכאַר איז ניט נאָר געווען אַ גרויסער בקי אין דער תלמודישער ליטעראַטור, ער איז אויך געשטאַנען אויף דער העכסטער בילדונגס-שטופע פון יענער צייט; דערצו איז ער נאָך געבענטשט געווען מיט אַ שאַרפן אַנאַליטישן שכל, וואָס ער האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אויפצודעקן די אַלע שוואַכע זייטן פון דעם רמב"מס פילאָזאָפישן סיסטעם, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אַלפאַכאַר האָט זייער הויך געשעצט דעם רמב"ם אַלס שטאַרקן דענקער און ערשטקלאַסיקן תלמוד-פאַרשער.

שוין אין זיין ערשטן ענטפער אויף קמחים בריוו ערקלערט אַלפאַכאַר באַשטימט, אַז ער איז מסכים מיט שלמה אוים מאָנפּעליע. ,,־ו

---

1 דאָרטן, 156.

2 די ערשטע פיר בריוו פון דעם אינטערעסאַנטן בריוו-וועקסל זיינען אָפּגעדרוקט אין דעם „אגרות קנאות" ניט נאָך דעם ריכטיקן כראָנאָלאָגישן סדר. אַלס תשובה אויף קמחים ערשטן בריוו, וועלכער פאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער „הנה אנכי יצאתי", האָט אַלפאַכאַר געשריבן זיין ענטפער וואָס פאַנגט אָן: „מי כהחכם" (אין „אגרות קנאות", (געדרוקט אויפן פערטן אָרט), און אויף קמחים צווייטן בריוו „יהודה, אתה יודוך", האָט אַלפאַכאַר געענטפערט מיטן בריוו „יגער ד' בך השטן", וועלכער איז געדרוקט אויפן צווייטן פּלאַץ.

בעטסט מיך — שרייבט ער קמחין — איך זאָל פועלן ביי די פאָרשטייער פון אונזער קהילה, זיי זאָלן געבן זייער הסכם אויפן חרם, מיט וועלכן איר זיים אַרויסגעטראָטן קעגן דעם גאָטספאָרכטיקן שלמהן און זיינע טרייע תלמידים. גאָט זאָל מיך היטן איך זאָל אַזוינס טאָן קעגן דעם דאָזיקן גע־רעכטן מענטשן, וואָס איז ווערט דעם גרעסטן שבח דערפאַר, ווייל ער מיט זיינע תלמידים האָבן געהאַט דעם מוט אָפן אַרויסטרעטן פון גאָטס גאָטען ווענן קעגן די, וואָס זיינען עובר אויף די געזעצן פון דער תורה און צע־שטערן די יסודות פון דער אמונה". „וואָס ס'איז שייך — איז אַלפאַכאַר מוסיף צום סוף — צו דיין שאלה וועגן מיין מיינונג איבער דעם רמב"מס „מורה", איז גלייכער זיך צו האַלטן אין דעם אַלטן ווערטל: „מלה בסלע ושתיקא בתרי" —ריידן איז זילבער און שווייגן איז גאָלד".

אַלפאַכאַר האָט אָבער דאָך ניט אויסגעהאַלטן. ער האָט סוף־כל־סוף פאַרגעסן אין דעם אַלטן גלייכווערטל און אין איינעם פון זיינע שפּעטער־דיקע בריוו צו קמחין זאָגט ער אַרויס גאַנץ אָפן, אַז לויט זיין פעסטער איבערצייגונג שטעקט אין דעם רמב"מס ראַציאָנאַליזם אַ גרויסע געפאַר, בפרט ביי די ווייטערדיקע הנחות, וואָס עס ציען אוים אים דעם בעל „מורה נבוכים" מיטלמעסיקע און פלאַכע נאָכפאָלגער. אין אַ זאַפטיקן שאַרפן סטיל פליסט זיך אַלפאַכאַר צו באַווייזן, אַז דעם רמב"מס גרונד־טעות באַשטייט אין דעם, וואָס ער וויל מאַכן אַ פשרה צווישן צוויי וועלט־אָנשויונגען, וועלכע האָבן צווישן זיך קיין שום שייכות ניט און זיינען לויט זייער תוך נאָך סותר איינער דעם אַנדערן. „ער, דער רמב"ם, וויל אַלץ צונויפפּאָרן די תורה מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע, ער פליסט זיך צו באַווייזן, אַז זיי זיינען פון איין גוף און זיינען איינס צום אַנדערן ענלעך, ווי צוויי צווילינג־שעפעלעך — אומזיסט אָבער די גאַנצע מי, עס קען צווישן זיי קיין שלום ניט ווערן; צו פאַרשיידן זיינען זיי ביידע און קיינ־מאָל וועלן זיי קיין צווילינג־שוועסטער ניט ווערן. אַ טיפער אָפּגרונט טיילט זיי פונאַנדער, דאָס זיינען פאַרשיידענע צוויי וועלטן, און יעדער פון זיי טענהט, ווי די ווייבער אויף שלמה המלכס משפט: נאָר מיין זון איז לעבעדיק און דיינער איז טויט! מען קען ניט און מ'דאַרף ניט ריידן וועגן שלום דאָרטן, וווּ — אין שלום! און ער, דער רמב"ם, קוקט ניט אויף נאָר־ניט, ער וויל אַלץ שלום מאַכן צווישן די יסודות פון אונזער אמונה מיט די הנחות פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. ער האָט דאָך אַליין מודה גע־ווען דאָרט, וווּ ער רעדט וועגן „קדמות העולם"[1], אַז ווען ער זאָל ביי אַריסטון געפינען איבערצייגנדיקע לאָגישע ראיות, אַז די טאַטעריע איז

---

[1] זע דעם ערשטן באַנד, ז' 204.

ניט ניי באשאפן, נאר זי עקסיסטירט פון אייביק אן — וואלט ער שוין געוווסט, ווי אזוי אויסצופייטשן די באטרעפנדיקע פסוקים אין חומש „בראשית", בכדי זיי זאלן ניט סותר זיין אריסטוס הנחה [1].

„ביי משה בן מיימון — זאגט ווייטער אלפאכאר — איז די העכסטע אווטאריטעט דער פילאזאפיע, די שכלדיקע המצאות פון דער גריכישער פילאזאפיע; ער פארגעסט אבער, אז די ריין לאגישע באווייזן, אויף וועלכע די פילאזאפן זיינען זיך סומך, זיינען ניט פריי פון דעם פסולת, וואס טראגט אין גריכיש דעם נאמען „סאפיסטיק", וועלכע באשטייט אויס קונצנמאכעריי, אויס בלענדעניש מיט שארפזיניקע שפיצלעך און איינפאלן, וואס פירן נאר אראפ פונם וועג און ברענגען צו גאנץ פאלשע סברות.

„אמת, שרייבט ווייטער אלפאכאר, מיר זיינען אלע מחויב זיך צו פארהאלטן מיט גרויס יראת הכבוד צום אנדענק פון רבנו משה בן מיימון, צום אומפארגלייכלעכן פארפאסער פונם „משנה תורה", וואס ס'איז זיין גלייכן ניטא. איך ווייס זייער גוט, אז נאר א שטארקער און שארפער דענקער האט געקענט באשאפן אזא ווערק, ווי דעם „מורה נבוכים", איך ווייס אבער אויך, וואס פאר א געפאר עס שטעקט אין דעם דאזיקן בוך; א פרעמד פייער האט ער אנגעצונדן אויף גאטס מזבח, פיינדלעכע גדאנקען ברענגט ער אריין אין תורת משה. און נאך גרעסער ווערט די געפאר דורך די, וואס רופן זיך דעם רמב"מס תלמידים און ריידן אין זיין נאמען. עס וואקסט אלץ די צאל פון די בלומרשט געבילדעטע און האלב-געבילדעטע, וואס ערקלערן זיך אלס מיימונס אנהענגער און אויפן סמך פון דעם „מורה" און די פאלשע הנהות, וואס זיי מאכן אויס זיינע ווערטער, וועלכע זיי האבן קנאפ פארשטאנען, ווארפן זיי אפ גאטס ווארט. דער „מורה" איז געווארן דער פאנצער און שוצמאנטל פאר אלע אפטריניקע און כופרים. שטיצנדיק זיך אויפן „מורה", לייקענען זיי אפ אלע ניסים און מופתים אין דער תורה, אלץ איז ביי זיי בלויז א משל און אלעגאריע; די ווי גאלד און פערל טייערע פסוקים און באלערונגען, האבן זיי צו די גריכן פארקויפט („וכל מקראיה היקרים והפנינים מכרו לבני היונים"), אנגעטאן זיי אין פרעמדע ניט פאסנדע קליידער"...

אלפאכאר ווייס זייער גוט, אז צווישן די מיימוניסטן זיינען אויך פאראן מענטשן פון ברייטן אלזייטיקן וויסן („שידעתי שיש בהם אנשים חכמים וידועים"), און טאקע צו זיי ווענדט ער זיך מיט דער שאלה: „זייט

---

1 „אגרות קנאות", 1: „ועוד שיש בו לענין הקדמות שאלו נמצא עליה מופת ברור לאריסטו בחוק ההגיון משפטו, היה יכול להוציא מקרא מעשה בראשית מידי פשוטו".

ווען ערשיינט עס די תורה פון מצרים * נים פון ציון, און גאַנץ וואָרט קומט מער ניט אוים ירושלים?... ביי אייך איז דער „מורה" א נייע תורה געוואָרן, איר ערקלערט: אַט דאָס איז די לערע, וואָס משה ** האָט אונז געבראַכט! העכער פון די נביאים ווילט איר אים (דעם רמב"ם) שטעלן. יוייסט זשע, אַז גאָט איז נים מיט אייך. באַטראַכט אייך, בלזמן עס איז נאָך נים צו שפּעט. טוט אָפּ פון אייערע געצעלטן די פרעמדע געטער און מאַכט ריין אייערע הערצער... געדענקט, אַז איר צעוואָרפט מיט אייערע אייגענע הענט אייער שטיצע, און אַליין צעשטערט איר די יסודות פון אייער אמונה — און אָט וועלן קומען טעג פון נסיון, שרעקלעכע פינ־סטערע טעג! אייערע אייגענע קינדער וועלן זיך אָפּקערן פון אייך, וועלן זייער גלויבן פאַרבייטן, די אַלטע לערע צוליב די נייע פאַרגעסן [1] און איר, וואָס אויפן סמך פונם „מורה" טוט איר פאַרפירן די קינדער פונם פאָלק, און ברענגט אַריין אַפּטריגיקייט אין דער הייליקער מתגה — איר וועט דאַן וועלן אומקערן צוריק, נאָר עס וועט שוין זיין צו שפּעט, צום פעסטן לאַנד וועט איר וועלן צורודערן, נאָר די ווידערשפּעניקסטע כוואַליעס (המים הזדונים) וועלן אייך פאַרפלייצן, און אַרום וועט איר הערן נאָר דאָס קאַלטע געלעכטער פון גלייכגילטיקייט און דאָס שטאָלצע געשפּאָט פון די פרעמד געוואָרענע...

דער גאַנצער בריוו פון אַלפאַכאַרן איז דורכגעדרונגען מיט דער פעס־טער איבערצייגונג, אַז דער פאָלקס־גלויבן מיט די פון זיינע דורות לאַנג פעסטגעשטעלטע מנהגים און מסורה (טראַדיציע) איז א פעסטער בינ־דונגס־מיטל פאַר דעם נאַציאָנאַלן קיבוץ. דער ראַציאָנאַליסטישער פּרינ־ציפּ אָבער, וואָס ערקלערט אַלס העכסטן און איינציקן בר־סמכא (אווטאָ־ריטעט) דעם מענטשלעכן שכל, דעם שטעלן געדאַנק פון דעם אָפּגעזונ־דערטן יחיד, פון דער אינטעליגענטער און גייסטיק הויך־אַנטוויקלטער פּערזענלעכקייט — צעשטערט נאָך אַלפאַכאַרס מיינונג דעם דאָזיקן פאַר־באַנד און די נאַציאָנאַלע אייגהייט, די גאַנצקייט פונם קיבוץ ווערט דורך דעם געבראַכט אין געפאַר.

די אַלע פּאָלעמישע בריוו, וואָס די קעגנער האָבן געשיקט איינער דעם אַנדערן, זיינען געשריבן אין געריימטער פּראָזע [2], באַפּוצט מיט

* אַן אַנצוהערעניש אויף דעם רמב"מס תּאווינאָרט.

** משה בן מיימון.

1 „ונפשם ישאו להמיר דתם ואותם עון אשמה ישיאו, ושכל אשר יצאו ללמוד ישן מפני חדש יוציאו".

2 דער מנהג שרייבן בריוו אין געריימטער פּראָזע איז אויך געווען שטאַרק אָנגענומען ביי די אַראַבער.

אַריענטאַלישע מליצות און צוגעווירצט מיט מוסיוון סטיל. נאָר חוץ פּאָלעמישע פּאַמפלעטן האָבן די קענער אין ברען פון דער מלחמה אויסגענוצט אויך אַ מער צוגעשפּיצט געווער — די בייסנדיקע עפּיגראַמע. אַממייסטן האָבן זיך דערמיט באַנוצט די מיימוניסטן. אייניקע צענדליקע עפּיגראַמען פון יענער צייט (בערך 80) זיינען דערגאַנגען צו אונז, און מיר וועלן באַקאַנען אונזערע לעזער מיט אייניקע פון זיי אין מעגלעכסט ווערטלעכער איבערזעצונג.

דער אויבנדערמאָנטער דיכטער משולם דאַפּיערא ווענדט זיך צום רמב״ם „מורה״ מיט פאָלגנדיקער עפּיגראַם:

„שווייג, דו מורה נבוכים! פאַרשלים דיינע לעפצן! ניט געהערט זיינען ווען געוואָרן אַזעלכע רייד! עס זינדיקן אַלע, וואָס מיינען — אַ משל איז דאָס וואָרט פון דער תורה, און אַ חלום בלויז די אָפּנבאַרונג פונם נביא״ („מורה מקום המורה״, 16)

די דאָזיקע עפּיגראַם האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די מיימוניסטן און פון אַלע זייטן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן עפּיגראַמען קעגן דעם פאַנאַטישן דיכטער. מיר ברענגען בלויז אייניקע פון זיי:

I. זיי, די ווידערשפּעניקע, וואַגן דעם מורה דעם קאַמף צו ערקלערן! דעם טרעגער פון ליכט טוען זיי פלוכן און שענדן. דעם דופטנדיקן וויירויך ווילן זיי אַלס גיפט פאַרשרייען![2]

II. באַטראַכט גוט דעם מורה, זיין ווערט לערנט שעצן, דאַן ערשט וועט איר באַגרייפן — זיין געצעלט שפּאַרט אין די הימלישע הייכן. דער וועגווייזער פאַר פאַרשטענדיקע, טוט ער די ווידערשפּעניקע מיט זיין שטאָלן

---

1 שטיינשניידער האָט אַ באַדייטנדן טייל פון די דאָזיקע עפּיגראַמען צונויפגעזאַמלט אין זיין „מורה מקום המורה״ („קובץ על יד״, I, 1—32, II, 1—6); זע אויך „צייטשריפט פ. העבר. ביבליאָגראַפיע״, VI, 93—94, ווו עס ווערט געבראַכט אַ פּאָלעמיש געדיכט פון די מיימוניסטן, וואָס ס׳האָט אַפילו זוכה געווען אַריינגענומען צו ווערן אַלס פּיוט אין דעם ראָמאַנישן מחזור. דער שרייבער פון די דאָזיקע ציילן האָט אין אַן אַלטן מאַנוסקריפּט (זע ווייטער) געפונען נאָך אייניקע ביז איצט ניט פאַרעפנטלעכטע עפּיגראַמען.

2 די דאָזיקע עפּיגראַמע, צוזאַמען מיט דריי אַנדערע ביז איצט נאָך אומבאַקאַנטע, האָבן מיר געפונען אין אַ מאַנוסקריפּט פון דער ערשטער פירקאָוויטש-קאָלעקציע (נומ׳ 479), געשריבן אין יאָר 1331 דורך דעם סופר חביב בן אליקם:

מרי במורה יאמרו מורים — המר ימירון מור במי מרים

יתמרמרו וימררו מרים — מאור ויורים בו וממאירים.



תגועה בקומית

ופה משלם שבח לבורא עולם

תם ונכתב בעט חביב

עפיגראַמען קעגן אַנטימײמוניסטן אין אַן אַלטן מאַנוסקריפּט.

צעשמעטערן. ווער עס האָט נאָך פאַרשטאַנד, דער זעט און באַגרייפט: צווישן אַלע ספרי הגאונים איז ניטאָ זיין גלייכן! [1].

III. נעם אָן, מורה נבוכים, מיין גרוס און די באַגריסונג פון אַלע, וואָס לעכצן נאָך וויסן. דאָס פרעכע מויל פון נאַרישקייט טו גיכער פאַרשליסן. דער מאַן פון פאַרשטאַנד וויים צו שעצן די פערל פון „מורה נבוכים", און דו, סורר ומורה! טרעט אָפּ, וואַג ניט צו אים זיך דערנענטערן! [2]

IV. דו נאַר! מיט אַ צוים פון אַ פערד פאַרשליס דאָס מויל פון דיין טיפּשות. די שיך טו אויס, דו מנוול! און האָט ניט קיין העזה דאָ צו שטעלן דיין פוס. דו ביסט ניט אימשטאַנד צו באַגרייפן, אין וואָס אַ משל באַשטייט, ווי קענסטו אונטערשיידן, וואָס הייסט אַ חלום און וואָס אַפּנבאַרונג [3].

V. (דער „מורה נבוכים" רעדט וועגן זיך אַליין):

„איך בין די ברענענדיקע שלאַנג, וואָס משה האָט אין זיך הויך אויפגעהויבן צו היילן די אַלע געביסענע. איך מאַך ליכטיק די אויגן, און אומשטאַרבלעכקייט שענק איך די מענטשן — אָט דערפאַר איז מיין נאָמען: „מורה נבוכים"[4].

אַן אַנדערער דיכטער, יעקב בן עזרא גבאי, ערקלערט מיט שטאָלץ: „די בעסטע לערע איז דער „מורה נבוכים" — ניט אָבער פאַר די פאַרשטאָפּטע הערצער און טומפּיקע מוחות; ניט פאַרשטיין וועלן זיי אים ביז משיח וועט קומען. זאָלן די פאַרדאַרבענע זיך דערווייטערן פון אים — בלויז גערעכטע און פאַרשטענדיקע וויסן, ווי אים צו שעצן"[5].

1 דאַרטן:

ראו מורה ובינו מעלתו — ותראו בשחקים בית נכאתו
שמו מורה למורים יסמכוהו — ומורה הוא בממרים נאותו.
ואם תתבוננו, תדעו בביאור — בספרי הגאונים אין כמותו.

מיר ברענגען דאָ די הייטערדיקע פערזן, וואָס זיינען דאָרט פאַרשריבן אַלס שבח פאַרן „מורה נבוכים":

אומר אמת לפני כל איש ידיד חסון — מורה נבוכים זה חיים ולא אסון
על כן בעת קוראי בו סר כאב לבי מני וגם נהפך אבלי לרוב ששון.

2 „מורה מקום המורה", 17.

3 פתי! במתג סום עדי סכלך בלום, של נעליך, עול, ואל תקרב הלום!
משל להבין אין לך שכל ואיך תוכל הבין אם במראה או חלום! (דאַרטן, 18).

4 אני שרף תלאוני עלי נס ידי משה להחיות בו נשכים
להשכיל בו ויהיל אחרי מות הכי יקרא שמי מרה נבוכים (דאַרטן, 2).

5 הורות נבוכים חֵן ולקח טוב — אך לא לעַרלֵי לב ולקָשים.
הם לא יבינום עד ימות גואל — כנאמר הָשַׁע והַשמן לֵב.
סורר ומורה סור ואל תקרב — צדיק ומורה סור ותשים לב.

טאַקע דעמאָלסט איז געווים אויך פאַרפאַסט געוואָרן דאָס געדיכט, (וואָס מיר האָבן געפונען אין אַן אַלטן כתב־יד), ווו עס ווערט מיט התפעלות דערציילט, אַז ווען דער רמב"ם איז געשטאָרבן און זיין נשמה האָט זיך אין די הימלען דערהויבן — האָט גאָט אַליין צו די מלאכים אויסגערופן: „זעט! אָט קומט דער טרייער פאַרוואַלטער פון מיין הויז, געבענטשט איז דאָס פאָלק, וואָס האָט דערצו זוכה געווען!" און פון אַלע עקן וועלט, פון מזרח און פון מערב, קליין און גרוים — אַלע, אַלע האָבן געטאָן וויינען און קלאָגן אויף דעם געוואַלטיקן שאָדן[1].

עס איז קיין ספק ניט, אַז די מיימוניסטן, וואָס צווישן זיי זיינען געווען מענטשן פון זייער הויכער געזעלשאַפטלעכער שטעלונג, האָבן אַרויסגעוויזן פיל מער אַקטיוויטעט ווי זייערע קעגנער. די לאַגע פון שלמה אוים מאָנפעליע און זיינע אָנהענגער איז דערפאַר געוואָרן אַ גאַנץ קריטישע. די רבני צרפת זיינען געוואָרן זייטיקע צוזעער; אויף זיי קוקנדיק זיינען אויך אַנדערע אָפּגעשטאַנען. שלמה מהחר האָט דערזען, אַז ער בלייבט אָן שטיצע, און די קעגנער און שונאים שטורמען אים פון אַלע זייטן מיטן שרעקלעכן געווער — דעם חרם... דעמאָלט, אין דער נויט, האָט שלמה אָפּגעטאָן אַ פאַרברעכן, וואָס האָט זיין נאָמען באַדעקט מיט שאַנד פאַר אַלע קומענדיקע הורות.

שוין גלייך נאָך זיין בלוטיקן אָפּרעכענען זיך מיט די אומגליקלעכע אַלביגענזער, האָט דער פאַנאַטישער פויפּסט אינאָקענטיע דער דריטער געוואָרפן אַ חשד אויף דעם גרויסן אַריסטו, און אין זיינע ספרים האָט ער דערזען דעם מקור פון אַפּיקורסות און פריידענקעריי. נאָך אינם יאָר 1209 האָט דער פּאַריזער אוניווערסיטעט פאַרבאָטן אַלס אַפּיקורסיש־„אַריסטאָטעלישע" אַ גאַנצע צאָל ביכער, צווישן זיי דאָס אינם מיטלאַלטער זייער באַקאַנטע פילאָזאָפיש ווערק „De causis" און אויך דער חיבור פון דעם „אַלבאַנצאַבראָן", ד"ה דער „Fons vitae" פון שלמה גבירול. אויפן באַפעל פון אינאָקענטיע דעם דריטן איז פאַרבאָטן געוואָרן צו שטודירן אַריסטוס פיזיק און מעטאַפיזיק. אויפן באַפעל פונם פויפּסט גריגאָרי דער נײַנטער (אינם יאָר 1231) איז אויך אַרויסגעלייגט געוואָרן אַן איסור אויף אַריסטוס נאַטורוויסנשאַפטלעכע ווערק, כל־זמן אַ שטרענגע צענזור וועט דאָרט ניט אויסמעקן אַלע פאַרדעכטיקע שטעלן. אין צוויי יאָר אַרום,

---

[1] יום שעלה רוח משה — בן רב מיימון אל היכלו
ויראהו יוצר רוחות — נתן קולו לבני חילו:
שורו, עבדי, נאמן ביתי — אשרי העם שככה לו...
ובני מזרח ובני מערב — כל יחד איש על דגלו
ובמר נפש בכו כולם — גם כל נגיד נשא קולו...

אויפן באַפעל פון דעם זעלבן פויפסט, איז די אינקוויזיציע, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן בכדי אויסצוראָטן די לעצטע רעשטן פון אַלביגענזישער אַפּיקורסות — פון אַ צייטווייליקן געוואָרן אַ באַשטענדיקער געריכטס-אינסטיטוט. איין אָפּטיילונג פון דעם דאָזיקן אינסטיטוט האָט זיך געפונען אין מאָנפּעליע, אין דעם דאָרטיקן דאָמיניקאַנער-קלויסטער. אָט צו די דאָזיקע פאַרביסענע קעמפער קעגן אַפּיקורסות און פרייען געדאַנק האָט זיך געווענדט שלמה מההר און געבעטן אים ביישטיין אין זיין קאַמף מיט די מיימוניסטן. ליידער ווייסן מיר פון שלמהס ריזיקאַלישן שריט נאָר אויס די צו אים זייער פיינדלעכע קוועלן — אויס די מעלדונגען פון זיינע קעגנער, די מיימוניסטן. לויט די דאָזיקע, אין דעם פרט ניט גאַנץ זיכערע קוועלן[1], איז שלמה מיט זיינע אָנהענגער געקומען צו די פראַנציסקאַנער און דאָמיניקאַנער, אַנידערגעלייגט פאַר זיי דעם רמב״מס „מדע" און „מורה נבוכים" און זיי אַזוי געזאָגט: „איר זוכט אַלץ און נישטערט ביי אייך נאָך אַפּיקורסות, איר פאַרטיליקט אייערע אָפּטריניקע (אתם מבערים את המינים שלכם); ווייסט-ושע, אַז אויך ביי אונז זיינען פאַראַן אַפּיקורסישע ביכער, די ספרים פון משה אויס מצרים, דער „מדע" און דער „מורה"; דאָס זיינען זייער געפערלעכע ביכער — פאַרטיליקט אויך זיי".

די דאָמיניקאַנער, ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, האָבן, לויט דעם רצון פונם פויפסט, גראָד דעמאָלסט געפירט אַ מלחמה קעגן די אויס אַראַביש איבערזעצטע ביכער, אויף וועלכע עס איז געלעגן אַ חשד פון אַריסטאָטעלישן ראַציאָנאַליזם. גראָד דעמאָלט, אין די דרייסיקער יאָרן פונם 13טן יאָרהונדערט, האָבן דעם רמב״מס אידעען אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אויך אין דער קריסטלעכער וועלט, און ביים הויף פונם פויפסטס געפערלעכסטן שונא, פרידריך דעם צווייטן, האָט דעמאָלסט אַ גרופּע געלערנטע איבערזעצט דעם „מורה" אויף לאַטיין. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס די דאָמיניקאַנער האָבן זיך זייער דערפרייט צו באַקומען די געלעגנהייט זיך נוקם זיין אינם רמב״מס אַפּיקורסישע ספרים. די אָרטיקע אינקוויזיציע האָט גלייך באַשטימט, מען זאָל פאַרברענען דעם רמב״מס צוויי ווערק. מען איז געגאַנגען פון הויז צו הויז, קאָנפיסקירט אַלע עקזעמפּלאַרן „מדע" און „מורה נבוכים" און זיי אַלע פאַרברענט אויפן שייטערהויפן. שלמהס מיטקעמפער, יונה גרונדי, האָט מיטגעהאָלפן, אַז אויך אין פאַריז האָט מען אויפן עפנטלעכן פּלאַץ פאַרברענט

---

[1] דער אויפרוף פון די ברידער אבן חסדאי צו די קהילות אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע („גנזי נסתרות", III, 177) און קמחים דריטער בריוו צו אַלפאַכאַרן („אגרות קנאות", 4).

פילע עקזעמפלאַר פון מיימונס פילאָזאָפיש ווערק, און אַ פאָלקס־מסורה דערציילט, אַז דעם שייטערהויפן האָט מען אָנגעצונדן מיט אַ ליכט, וואָס ס'איז גענומען געוואָרן פונם אַלטאַר אין דער באַרימטער נאָטרדאַם־קירך[1].

דאָס עפנטלעכע פאַרברענען דעם רמב"מס ספרים האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם. דער יונגער שמואל בן אברהם ספורטה האָט זיך געווענדעט מיט אַ גאַנץ לאַנגן בריוו[2] צו די רבני צרפת און זיי געבעטן, זיי זאָלן זיך אָנגעמען פאַר די פאַרשוועכטע ספרים פונם גרויסן גאון, און זיי, מיט זייער גרויסן אויטאָריטעט, זאָלן עפנטלעך ערקלערן, אַז דעם רמב"מס גערודפטע ווערק זיינען ריין פון וועלכע ס'איז אַפּיקורסות. אַן אומבאַקאַנטער דיכטער האָט באַוויינט די אין פייער אומגעבראַכטע ביכער אין אַ שיין קלאָג־ליד:

> ווי נאַריש זיינען די, וואָס מיינען: מען קען מיט פייער
> פאַרטיליקן ווערטער ווי גינגאָלד טייער.
> זיי זיינען דאָך אַליין ברענענדיק פייער,
> ווי קענען דען זיי אין פלאַמען אונטערגיין?
> זייט ווייסן איר, וואָס האָט גורם געווען
> און מיטגעהאָלפן די שרעקלעכע טאַט זאָל געשען:
> ווי דער נביא פון תשבי זיינען זיי אין פלאַמען געשוועבט,
> אויף פליגל פון שרפים אין די הימלען געפלויגן[3].

בלויז צוויי מענטשן האָבן געהאַט דעם מוט זיך אָנצונעמען פאַר שלמהן אוים מאָנפעליע נאָך דער מסירה. דאָס זיינען: יהודה אַלפאַכאַר און יוסף בן טודרוס הלוי. „דאָס האָט איר — שרייבט יהודה אַלפאַכאַר צו דוד קמחי — מיט אייערע רדיפות אים געבראַכט דערצו. מען מאַר נים ברענגען קיין מענטשן ביז צו דער לעצטער גרענעץ פון יאוש. איצט באַקומט איר געצאָלט פאַר אייערע מעשים"[4]. „אמת — שרייבט יוסף הלוי — איבערגעבן אונזערע אוצרות אין די הענט פון אונזערע שונאים, דאָס איז אַ גרויס פאַרברעכן, נאָר אין דעם זייט איר אַליין שולדיק, וואָס איר האָט אים אַזוי גערודפט. איר האָט אים אין חרם אַריינגעוואָרפן, איר

---

1 זע דעם בריוו פון הלל אוים וועראָנאַ אין „טעם זקנים", 71: „ולא דַיָם בתבערה בלבד אבנם עוד האש אשר בה שרפום העבירוהו מן הנר הגדול שהיה דולק בבית הכומריא הגדולה של פריש לפני המזבח".

2 „גנזי נסתרות", IV, 36—67.

3 „מורה מקום התורה", 15. עס איז פאַראַן אַ מסורה, אַז דאָס ליד האָט פאַרפאַסט דעם רמב"מס זון אברהם.

4 „אגרות קנאות", 4.

האָט אים געיאָגט און פּאַראומערט דאָס לעבן, אויף קיין אויגנבליק אים קיין רו ניט געגעבן... נאָר וואָס ס'איז געשען איז געשען; זעט, מאַכט כאָטש איצט אַ סוף צום מחלוקת, דערווייטערט ניט דעם אָרעמען שלמהן מיט ביידע הענט" („ואל תתנו לבעלי המחלוקת לדחות את הדל בשתי ידים" [1].

נאָר צו שטאַרק איז שוין געווען דער פלאַם פון מחלוקת, מען זאָל אים קענען שטילן מיט רויקע רייד. מיר האָבן דאָך פריער געזען, אַז לויט קמחים מיטטיילונג איז שלמהס מסירה געווענדט ניט נאָר קעגן אַפּיקורסיי־שע ביכער, נאָר אויך קעגן אַ פּ י ק ו ר ס י ם גופא. לויט קמחים דערציי־לונג האָט שלמה דערקלערט די דאָמיניקאַנער: „זייט וויסן, אַז אין אונזער קהילה האָבן זיך שטאַרק געמערט די צאָל אַפּיקורסים, וואָס לייקענען אין גאָט, זיי האָט פאַרפירט די לערע פון משה בן מיימון אוים מצרים, וועל־כער האָט געשריבן אַפּיקורסישע ביכער" [2].

די אינקוויזיציע האָט אָנגעהויבן צו נישטערן נאָך יידישע פרייד־קער. עס איז קיין ספק ניט, אַז אַ סך מיימוניסטן זיינען דעמאָלט געשטאַ־נען אין גרויס געפאַר. מען דאַרף דאָך ניט פאַרגעסן, אַז טאַקע אין יענער צייט, אונטער דער ממשלה פון „דעם הייליקן" לודוויק האָט דער אינקווי־זיטאָר פון פראַנקרייך, ראָבער (Robert) אין משך פון זעקס יאָר (39–1234) פאַרמשפּט צו פאַרברענען אויפן שייטערהויפן 222 מענטשן, וואָס האָבן געהאַט די העזה צו האָבן אייגענע „מיינונגען".

די מיימוניסטן אָבער, צווישן וועלכע עס זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן פאַרנומען זייער חשובע געזעלשאַפטלעכע פּאָסטנס, איז געלונגען צו דערוויזן, אַז די באַשולדיקונג איז אַן אומבאַגרינדעטע מסירה, און די מוסרים זיינען דאַן איבערגעגעבן געוואָרן דעם געריכט אַלס פאַלשע עדות־זאָגער [3]. דער שטרענגער מיטלאַלטערלעכער געריכט האָט געפּסקנט, דער תּליון זאָל זיי די צינגער אויסשניידן. און דער האַס צווישן די קעגנער איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז די פאַרבלוטיקטע קרבנות האָבן נאָך אונטער דעם תּליונס הענט געמוזט צוהערן דעם שפּאָט און געלעכטער פון דער פיינדלעכער פּאַרטיי. איינער פון די מיימוניסטן (העכסט וואַרשייַנלעך

---

1 „גנזי נסתרות", III, 171 174.

2 „ויאמר להם: ראו כי בני עמנו רובם מינים וכופרים, כי נפתו לדברי רבנו משה ממצרים אשר כתב ספרי מינות".

3 ס'איז אַ סברה, אַז אין דעם איבערגעבן די מוסרים אין די הענט פון געריכט, האָט דעם גרעסטן אָנטייל גענומען דער אויבנדערמאָנטער בחייה אַלקאָנסטאַנטיני, וועלכער איז געהאַט זייער אָנגעזען ביים הויף פונם אַראַגאָנישן מלך יעקב דער ערשטער, אונטער וועמעס שליטה עס האָט זיך דאַן געפונען די שטאָט מאָנפּעליע.

דער מאלאנטפולער איבערזעצער פון „בן המלך והנזיר״, אברהם אבן חסדאי) האט ארויסגעלאזן פאלגנדיקע עפיגראם:

די פינסטערע פירער האבן באשלאסן
דעם „מורה״, דעם לערער פון ליכט, אויסצוראטן.
האט גאט זיין צארן אויף זיי אויסגעגאסן,
ס׳האט א בראך נאך א בראך זיי געטראפן.
קענן די הימלען האבן זיי זייערע מיילער דערהויבן,
איצט טרעט מען זייערע צינגער אין שטויבן [1].

העכסט ווארשיינלעך איז צווישן די פארמשפטע געווען אויך דער ראש פון די אנטימיימוניסטן, שלמה בן אברהם אוים מאנפעליע [2], ווארעם פון דעם מאמענט אן ווערט ער אינגאנצן אנטשוויגן. נאך דעם, ווי די רעדלפירער פון איין פארטיי זיינען פארמשפט געווארן, האט זיך דאס מחלוקת אויף א שטיקל צייט געשטילט. אין אייניקע יאר ארום איז אין פאריז פארגעקומען דער בארימטער וויכוח וועגן תלמוד, און אויף דעם זעלבן פלאץ, וו מען האט ערשט נים לאנג געברענט דעם רמב״ם ווערק, האט מען איצט געברענט גאנצע וואגנס מיט מסכתות פון תלמוד. פילע האבן אין דעם געזען אן עונש דערפאר, וואס מען האט צוליב מחלוקת איבערגעגעבן אין די הענט פון קאטוילישע גייסטלעכע ספרים פון א גרויסן גאון, מען זאל זיי דן זיין לשרפה. איינער פון שלמה בן אברהמס ענערגישסטע מיטהעלפער, יונה גרונדי, האט מחזיר בתשובה געווען; ער האט אויף זיך ארויפגעלייגט א גרויסע שטראף פאר די שווערע זינד, וואס ער איז באגאנגען קעגן דעם גדול בישראל רבי משה בן מיימון [3], און האט אויך דערנאך אנגעשריבן א ספעציעל מוסר־ספר וועגן דעם גרויסן ווערט פון תשובה טאן („ספר שערי תשובה״) [4].

---

1 דער עפיגראם ווערט געבראכט אין דעם אויפרויף פון אברהם יהודה אבן חסדאי („גנזי נסתרות״ III, 19) און אין „מלחמות השם״ פון אברהם בן הרמב״ם.

2 א סמך דערויף געפינען מיר אויך אין דעם, וואס אייניקע מיטלעלטערלעכע תלמידי חכמים דערמאנען זיין נאמען מיט דער הוספה „הקדוש״.

3 באריכות וועגן דעם דערציילט גרונדיס תלמיד, הלל אוים ווערא̇נע, אין זיין אויבנדערמאנטן בריוו.

4 כאראקטעריסטיש פאר דעם בעל־תשובה יונה גירונדי זיינען פאלגנדיקע שורות אין זיין „ספר שערי התשובה״: „ויש עון אשר לא תנקה הנפש ממנו ובלתי טהורה ואינה רצויה עד אשר המות יפריד בינה ובין הגוף אשר חטאה בו, כמו שיש חולי, שלא ינקה הגוף ממנו כל הימים, והוא עון חלול השם״. (ז׳ 39, צים. נאך דער ווארשעווער אויסגאבע 1848). גירונדי האט זיך באזונדערס קונה שם געווען מיט זיין צוויים מוסר בוך „ספר היראה״, וואס איז אויך איבערזעצט געווארן אויף יידיש.

אויף לאַנג איז אָבער דאָס מחלוקת ניט געשטילט געוואָרן; עס האָט געמוזט אויף ס׳ניי זיך צעפּלאַקערן, געמוזט דערפאַר, ווייל דאָס איז ניט געווען געווענדט אין דעם בייזן ווילן פון די אָדער יענע „מורדי אור״— עס האָבן דאָ גורם געווען שטאַרקערע, טיפערע סיבות. דאָס מחלוקת האָט געשעפּט יניקה פון דעם לעבן גופא, פון טיפע פּסיכאָלאָגישע און אויך ריין געזעלשאַפטלעכע וואָרצלען. קעגן דעם אַריסטאָטעלישן קאַלטן ראַציאָנאַליזם, קעגן דעם שטאָלצן „שלטון השכל״ איז אויפגעשטאַנען די „תורה שבלב״, דער מיסטישער פּאַטאָס און פייערדיקע התלהבות. מיימוני האָט אַרויסגעשטעלט זיין עפּאָכעמאַכנדיקן דעוויז: פרייהייט פונם מענטשלעכן געדאַנק! און די בעלי הקבלה זיינען אַרויסגעטראָטן מיט זייער דעוויז וועגן דער וועלט־באַפרייענדיקער ראָלע פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט...

און דאָס מחלוקת האָט זיך געצויגן לאַנגע־לאַנגע דורות, עס דויערט נאָך פאַקטיש ביז היינטיקן טאָג... נאָר איידער מיר וועלן איבערגיין צו די ווייטערדיקע עטאַפּן פון דעם היסטאָרישן קאַמף, מוזן מיר זיך פריער נאָך באַקענען מיט איין וויכטיקן יידישן קולטורעלן צענטער, וווּ גראָד דעמאָלסט, ווען דער קאַמף אַרום מיימונס שיטה האָט צום ערשטן אויסגעבראָכן — האָבן דעם רמב״מס אידעען אָנגעהויבן זיך צו דערווערבן אַלץ מער אָנהענגער און דער „מורה״ איז געוואָרן דער אמתער „וועגווייזער״ און מדריך פון דער יידישער אינטעליגענץ. דער דאָזיקער צענטער האָט זיך געפונען אונטער דעם טיף־בלויען הימל פון דעם שיינעם לאַנד איטאַליע, וווּ עס האָבן זיך דעמאָלסט אָנגעהויבן באַווייזן די ערשטע אָנזאָגער פון דער נייער תקופה — די תקופה פון אויפלעבונג, פון רענעסאַנס.

ד ר י ט ע ר ט י י ל

דער יידישער קיבוץ אין איטאַליע

(פונם צענטן יאָרהונדערט ביז דער התחלה פון דער רענעסאַנס-תקופה)

ערשטער קאַפּיטל.

די ראָלע פון איטאַליע אַלס קולטור־פֿאַרמיטלערין. — די אגדה וועגן פיר זקנים. — שבתי דונולו און זיין ווערק. — דער קאַטוילישער הייליקער ניל און די קריסטלעכע גייסטלעכע. — דער נידעריקער קולטורעלער מצב אין יענער צייט. — דער „יוסיפון" און זיינע וואַריאַנטן. — די אלעקסנדער־ראָמאַנען אין דער וועלט־ליטעראַטור. — די ליטעראַרישע באַדייטונג פונם יוסיפון.

אין איטאַליע, אין דעם געבורטסלאַנד פון דער היינטיק־אייראָפּעי־שער מלוכה מיט אירע פּאָליטישע פאָרמען, האָט זיך פריער ווי אין אַלע איבעריקע אייראָפּעישע לענדער אַנטוויקלט דער פאַבריקמעסיק־קאַפּיטאַלי־סטישער סדר. אדאַנק דער גינסטיקער געאָגראַפישער לאַגע און די נאָך ניט אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבענע טראַדיציעס פון דער אַלטער רוימישער תקופה, האָט אין די איטאַליענישע שטעט שוין אינם טיפן מיטל־אַלטער געבליט דער גרויס־האַנדל, און זייערע האַפנס האָבן באַזאָרגט גאַנץ אייראָפּע מיט די טייערסטע סחורות, וואָס פלעגן קומען פון די מזרח־לענדער. איטאַליע האָט אָבער געשפילט אַ סרסור־ראָלע ניט נאָר בנוגע צו סחורות פאַרן מאַטעריעלן געברויך, נאָר אויך אויפן געביט פון ליטעראַטור און וויסנשאַפט. דאָס איז געווען דער זאַמלפונקט, ווו עס פלעגן זיך צוזאַמענשטויסן די פאַרשיידנאַרטיקסטע קולטורן, צווישן זיי אויך די אַראַבישע און ביזאַנטישע [1].

אָט אין דער פאַרמיטלער־אויפגאַבע האָבן אויך יידן, ווי מיר וועלן ווייטער זען, געשפּילט אין איטאַליע ניט קיין קליינע ראָלע; זיי האָבן פיל מיטגעהאָלפן, אַז די לענדער פון מערב־אייראָפּע זאָלן זיך באַקאַנען מיט די אוצרות פון דער גריכיש־רוימישער קולטור, וועלכע זיינען דאַן געלעגן באַגראָבן אין די האַלב־פאַרפוילטע און גאַנץ פאַרגעסענע כתב־ידן. די

1 מען דאַרף דערביי נעמען אין באַטראַכט, אַז סיציליע איז אַ לאַנגע צייט געווען ביי די אַראַבער אין די הענט, און די שטעט פון אַפּוליע און קאַלאַבריע זיינען אין משך פונם ניינטן און צענטן יאָרהונדערט איבערגעגאַנגען פון די גריכן צו די אַראַבער, און דערנאָך ווידער צו די גריכן.

איטאַליענישע יידן האָבן אויך געשפּילט אַ זייער אָנגעזעענע פּאַרמיטלער־ראָלע בנוגע צו ספּעציעל יידישן וויסן צווישן בבל, ארץ־ישראל, צפון־אַפריקע און מערב־אייראָפּע. עס עקסיסטירט אַן אַלטע לעגענדע וועגן פיר תלמידי־חכמים אויס בבל, וואָס מען האָט זיי אויפן וועג גענומען געפאַנגען, און זיי האָט מען עס צו פאַרדאַנקען, וואָס דער צענטער פונם יידישן קולטור־לעבן האָט משנה מקום געווען, און פון פאָדער־אַזיע זיך איבער־געטראָגן קיין צפון־אַפריקע און מערב־אייראָפּע [1]. אין דער לעגענדע איז כאַראַקטעריסטיש פאָלגנדיקער פּרט: די פיר זקנים האָט מען גענומען גע־פאַנגען, בעת זיי זיינען אַרויסגעפאָרן אויפן שיף פון דער איטאַליע־נישער שטאָט באַרי.

ווען מיר זאָלן אַפילו אָננעמען די מעשה מיטן געפאַנגען נעמען די פיר זקנים בלויז אַלס לעגענדע, איז דאָך אָבער אויסער ספק, אַז די אויס פאָדער־אַזיע קיין אייראָפּע איבערגעוואַנדערטע תלמידי־חכמים, ווי אויך זייער קולטור־טרעגערישע ראָלע, זיינען אַ רעאַלער היסטאָרישער פאַקט. מער ניט, ס׳איז מעגלעך, אַז אין דער דאָזיקער לעגענדע, ווי דער שטייגער איז אין פאָלקס־לעגענדעס, ווערט אַ לענגערער בהדרגהדיקער פּראָצעס קאָנצענטרירט אין אַ באַשטימטן מאָמענט און ווערט געשילדערט אַלס באַוווּסטזיניקער ווילנס־אַקט פון אַ יחיד, פון דער אָדער יענער פּערזאָן. אָבער אויך אין דער מעשה מיט די פיר זקנים ווערט אונטערגעשטראָכן די פּאַרמיטלער־ראָלע פון די איטאַליענישע שטעט. אַדאַנק דעם „ספר היוחסין" פונם איטאַליענער אַחימעץ [2] ווייסן מיר איצט גאַנץ באַשטימט, אַז נאָך מיט הונדערט יאָר פריער איידער די פיר זקנים אויס בבל האָבן, לויט דער לעגענדע, באַזוכט די איטאַליענישע שטאָט באַרי, איז אין די זעכציקער יאָרן פונם 9טן יאָרהונדערט אַ געלערנטער פון באַגדאַד, אבו אהרן [3], געקומען קיין איטאַליע, און אַדאַנק זיין מעטיקייט האָבן די קהילות פון די אַלטע דרום־איטאַליענישע שטעט, אָריאַ און באַרי, אָנגעפאַנגען צו שפּילן אַ ראָלע פון קולטורעלע צענטערס, און געוואָרן אכסניות של תורה פאַר דעם איטאַליענישן יידנטום. עס איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס דער ערשטער יידישער געלערנטער אין אייראָפּע, וועמעס נאָמען ס׳איז דערגאַנגען צו אונז, איז אַ געבאָרענער פון אָריאָ, דאָס איז דער אַרצט שבתי בן אברהם דונולו.

---

1 צום ערשטן ווערט די לעגענדע געבראַכט אין דעם ראב״דס „ספר הקבלה".

2 פאַרעפנטלעכט דורך א. נייבויער אין „סדר החכמים וקורות הימים", II, 110—132.

3 וועגן דער קולטורעלער ראָלע פון דער פאַמיליע קלונימוס, וועלכע האָט פיל צו פאַרדאַנקען דעם געלערנטן אבו אהרן, זע אויבן ז׳ 10—11.

אויס דער פאָררעדע צו דונולוס הויפּטווערק „חכמוני" [1] ווייסן מיר, אַז ער איז געבאָרן אין יאָר 913 אין דער שטאָט אורס (אָריאָ) ביי אָט־ראַנטאָ. ווען דונולו איז אַלט געווען 12 יאָר זיינען די אַראַבער, וואָס האָבן דעמאָלט געוועלטיקט איבער סיציליע, באַפאַלן די שטאָט אָריאָ, גענומען געפאַנגען פילע איינוווינער, צווישן זיי אויך דעם קליינעם דונולו. די שכנישע קהילות האָבן אָבער שטאַרק געהאַלטן פון דער מצווה „פּדיון שבויים", האָט מען טאַקע דונולון באַלד אויסגעלייזט. זייער באַגאַבט און וויסנסבאַגיריק, האָט דונולו נאָך פיל מאַטערנישן, דאָך באַוויזן גרינגלעך צו שטודירן מעדיצין, אַסטראָנאָמיע און אַסטראָלאָגיע; און זיין שם איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער שני־למלך פון דעם ביזאַנטישן קיסר, האָט אים געמאַכט פאַר זיין הויז־אַרצט. דונולוס דערציילונג וועגן די מאַטער־נישן, וואָס אים איז אויסגעקומען אין זיינע יונגע יאָרן אויסצושפּיין בכדי צו שטילן זיין דורשט נאָך וויסן — האָט בלי־ספק אַ באַדייטנדיקן קולטור־היסטאָרישן ווערט, און ס'איז כדאי באַקענען מיט איר אונזערע לעזער:

„עס איז ביי מיר, — דערציילט ער אין דער פאָררעדע צו זיין „חכמוני" — געווען זייער גרויס דער חשק זיך צו באַקענען מיט מעדיצין און אַסטראָנאָמיע. צו דעם צוועק האָב איך קאָפּירט אַ סך אַלטע העברעישע כתב־ידן, איך האָב אָבער אין גאַנצן לאַנד ניט געפונען אַזאַ וויסנדיקן מענטשן, וואָס זאָל זיי קענען פאַרשטיין און זיי מיר ווי געהעריק ערקלערן. צווישן די יידישע געלערנטע האָבן זיך אַפילו געפונען אַזעלכע, וואָס זיינען געווען אַזוי אומוויסנד, אַז זיי האָבן מיך פאַרזיכערט, אַז די אַלע יידישע ספרים, וואָס באַהאַנדלען אַזוינע חכמות, ווי אַסטראָנאָמיע און אַסטראָ־לאָגיע, האָבן קיין שום ממשות ניט, ווייל די אמת וויסנשאַפטלעכע ווערק אויף דעם געביט האָבן געשריבן די חכמי אומות העולם, און יענע זיינען בכלל ניט מסכים מיט די דעות, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין די יידישע ספרים. איך האָב דאַן באַשלאָסן זיך באַקענען און גרינדלעך אויס־פאָרשן די וויסנשאַפט פון די גריכן און די ישמעאלים, און אויך די חכמת בבל און הודו. איך האָב ניט גערוט ביז איך האָב אָפּגעקאָפּירט פיל ווערק אין זייער אָריגינאַל־שפּראַך מיט די געהעריקע פירושים, און האָב זיי אַלע דורכגעשטודירט. דאַן האָב איך מיך איבערצייגט, אַז אַלץ, וואָס זיי שרייבן בנוגע צו אַסטראָנאָמיע און אַסטראָלאָגיע, שטימט פולקום מיט די

1 די פאָררעדע צו „חכמוני" האָט צום ערשטן פאַרעפנטלעכט א. גייגער אין זיין „מלא חפנים" (29—32), איבערגעדרוקט אין „כרם חמד", VIII. דאָס גאַנצע ווערק האָט פאַרעפנטלעכט ד. קאַסטעלי אין 1880.

דעות פון אונזערע חכמים...[1] בכדי זיך נאָך מער צו פאַרפולקומען אין די דאָזיקע וויסנשאַפטן, בין איך געפאָרן פון לאַנד צו לאַנד, איבעראַל געזוכט געלערנטע אַסטראָנאָמען, ביי וועלכע איך זאָל קענען ווייטער לערנען די דאָזיקע חכמה. מיר איז געלונגען זיך צו באַקאָנען מיט אַ געלערנטן, אַעבּום אויס בבל, מיטן נאָמען בגדש, קיינער האָט זיך ניט געקענט גלייכן מיט זיינע אומגעוויינלעך גרויסע קענטעניש אין אַסטראָנאָמיע און אַסטראָלאָגיע, מיט זיינע חידושדיקע מאַטעמאַטישע חשבונות... אַז איך האָב מיך איבערצייגט אין דעם גרויסן וויסן פון דעם דאָזיקן געלערנטן, האָב איך ביי אים פאַר גרויס געלט געפּועלט, ער זאָל פאַר מיר אַנטפּלעקן די אומבאַקאַנטע אייגנשאַפטן פון די שטערן און מזלות, זייערע פאַרבאָרגענע וועגן און סודותדיקע כּוחות, וואָס אַנטשטייען און געוועלטיקן ביים צונויפקומען פון פאַרשיידענע מזלות אין אַ באַשטימטן מאָמענט... אָט מיט די אַלע פון מיר אָנגעזאַמלטע קענטענישן האָב איך באַשלאָסן צו באַקאָנען אין אַ ספּעציעל ווערק, מיט דעם נאָמען „חכמוני“[2].

דונולוס ווערק איז אײַנגעטיילט אין צוויי טיילן. דער ערשטער, קירצערער, טייל, באַהאַנדלט דאָס פילאָזאָפיש־טעאָלאָגישע פּראָבלעם וועגן גאָטס „כבוד“[3], ד"ה דעם באַשעפערס אויסשטראַלונג אין אירע אַנטפּלעקונגען. גאַנץ באַריכות אַנטוויקלט דערביי דונולו דעם שוין אין אַלטערטום זייער פּאָפּולערן געדאַנק, אַז דער מענטשלעכער קערפּער איז אַ טריי שפּיגל־בילד פון דעם וועלט־געביי.

„דער מענטש — זאָגט דונולו — און די וועלט זיינען זייער ענלעך איינער צום אַנדערן. דעם מענטשנס קאָפּ — איז ווי דער הימל, דער שאַרבן — איז גלייך צום הימל־געוועלב, די צוויי אויגן — צו דער זון און דער לבנה אאז"וו[4].

„דערפאַר טאַקע — פירט אויס דונולו — ווער ס'הרגעט אַ מענטשן, איז גלייך ווי ער וואָלט אַ גאַנצע וועלט חרוב געמאַכט“.

דער צווייטער טייל פון דונולוס ווערק איז אַ פּירוש אויף „ספר יצירה“. דאָס אינטערעסאַנטסטע אינעם דאָזיקן פּירוש איז דונולוס אויפטו: פּרוּוון באַווייזן עקספּערימענטעל, ד"ה מיט ראיות אויס דער נאַטורוויסנשאַפט, די ריכטיקייט פון די טעאָלאָגיש־קאָסמאָלאָגישע אידעען, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין „ספר יצירה“. ווייל די נאַטורוויסנשאַפטן זיינען

1 „ומצאתים שוים בכל דבר חכמת הכוכבים והמזלות עם ספרי ישראל כלם שוה ונכונה“.

2 „חכמוני“, 4—5; זע אויך: „מלא חפנים“ 29; „כרם חמד“, VIII, 97—100.

3 זע אויבן, ז' 99.

4 דאָרטן, 19—25.

אָבער אין יענער צייט, בפרט אין קריסטלעכן אייראָפּע, נאָך געגאַנגען ממש אין די קינדערשיכלעך, איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס דונולוס עקספּערימענטן זייגען זייער קינדיש און האָבן בלויז אַ היסטאָרישן אינטערעס. בכדי, למשל, צו באַווייזן די ריכטיקייט פון דעם אין „ספר יצירה" אַרויסגעשטעלטן כלל, אַז פייער שטאַמט פון וואַסער, לייגט דונולו אָט וואָס פֿאָר[1]: אין אַ ליכטיקן זומערטאָג שטעלן קעגן דער זון אַ דורכזיכטיקע גלעזערנע כלי אָנגעפילט מיט וואַסער, און אַז מען האַלט אין אַ געוויסער דערווייטערונג פון דער כלי, אין דער ריכטונג פון די זונען־שטראַלן אַ שטיקל היפּקע אָדער אַ שפּענדל פֿאַרפֿוילט האָלץ — צינדט זיך עס באַלד אָן. „מיר זעען — פייער קומט פון וואַסער". דער „ספר יצירה" לערנט אויך, אַז דורכן כוח פון פייער קאָן מען אויסן וואַסער באַשאַפן דעם יסוד פון ערד. יעדער באַזונדער, פֿאַרזיכערט דונולו, קען זיך אין דעם לייכט איבערציינן: „זאָל ער נעמען אַ קופּערנע כלי, זי אָנפילן מיט טייך־וואַסער, קאָכן אויפן פייער, און יעדעם מאָל, ווען דאָס וואַסער זידט אויס, פֿאַרגיסן מיט פרישן וואַסער. טוט מען אַזוי אַ גאַנץ לאַנגע צייט, און מען צעשניידט דערנאָך אויף צווייען די כלי, קען מען זיך איבערציינגן, ווי ס'האָט זיך אינעווייניק אָנגעזאַמלט אַ גאַנץ דיקע שיכט ערד. ווער עס וויל אָבער ניט פֿאַרן קיין פיל צייט דערויף, דעם גיט דונולו אַזאַ עצה: זאָל ער ביי אַ קאָטלער אָפּקויפן אַן אַלט־אָפּגענוצטן קופּערנעם קרוג, וואָס הייסט אויפן גריכישן לשון מוליאַר (miliarum), אין וועלכן די דינער ביי די שררות און פירשטן קאָכן שטענדיק וואַסער בכדי צו האָבן גרייט הייס וואַסער צומישן צום שטאַרקן וויין, בעת זייער האַר פֿאָדערט טרינקען. צעשניידט מען אויף צווייען אַזאַ אַלטע כלי, אין וועלכער מען האָט געזאָטן וואַסער אַ סך יאָרן, וועט מען גלייך דערזען, אַז אינעווייניק האָט זיך געבילדעט אַ דיקע שיכט פעסטע שטיין־האַרטע ערד. „מיר זעען דאָן באַשיינפּערלעך — ערקלערט דונולו — ווי דורכן כוח פון פייער עס בילדן זיך אויס פון וואַסער ערד, זאַמד און שטיין"[2].

אָט אויף אַזאַ נאַיוון אופן פּרוּווט אונזער געלערנטער פונם 10טן יאָרהונדערט עקספּערימענטעל באַווייזן די ריכטיקייט פון וויסנשאַפטלעכע הנחות. אין דער זעלבער צייט ברענגט ער אויך אין זיין בוך גאַנץ לאַנגע טאַבעלן מיט פֿאַנטאַסטישע „צירופי אותיות". זייער וויכטיקייט, זייער גרויסן באַדייט האַלט ער אַפילו ניט פֿאַר נייטיק צו באַווייזן — אין זייער מיסטישער קראַפט האָט דעמאָלסט קיינער ניט געצווייפֿלט. אַלע האָבן

[1] דאָרטן, 28.

[2] דאָרטן, 29.

אויך דעמאָלסט געגלויבט אין דעם גרויסן ווי ס נ ש אַ פ ט ל ע כ ן ווערט פון אַסטראָלאָגיע, און דונולו באַשרייבט מאַקע אין זיין בוך גאַנץ פּינקטלעך, וואָסער צייט און ביי וועלכע צושטאַנדן יעדער שטערן באַזונדער האָט אַ שליטה איבער דעם מענטשנס מזל [1].

בכדי ריכטיק אָפּצושאַצן דעם באַדייט פון דעם דאָזיקן יידישן געלערנטן, מוז מען דערביי געדענקען, אַז ווי אומבאַדייטנד ס'זיינען גאָר דעמאָלסט געווען די וויסנשאַפטלעכע קענטעניש ביי די איטאַליענישע יידן, דאָך זיינען זיי קולטורעל געשטאַנען באַדייטנד העכער פון דער אַרומיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג. אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט די מעשה, וואָס ווערט דערציילט אין דער לעבנסבאַשרייבונג [2] פון דונולוס בן-דור, דעם „הייליקן" אַבאַט ניל דעם יינגערן (געבוירן בערך 910). דונולו, וואָס איז מיט דעם דאָזיקן קריסטלעכן „קדוש" געווען גוט באַקאַנט נאָך פון קינדווייז אָן, האָט זיך דערוווּסט, אַז זיין יוגנט-פריינד איז זייער קראַנק. ער האָט באַזוכט דעם קראַנקן, און אַלס זייער געניטער אַרצט [3], האָט דונולו פעסטגעשטעלט, אַז דאָס גאַנצע שלאַפקייט נעמט זיך פון לאַנגן פייניקן זיך און שטענדיקע תעניתים. ער האָט אים פאָרגעלייגט פאַרשיידענע הייל-מיטלען, גאָר דער גאָטספאָרכטיקער נזיר האָט זיך אַנטשיידן אָפּגעזאָגט פון דונולוס הילף. „ווייבאַלד — האָט ער דונולן ערקלערט — איך וועל מיך באַנוצן מיט דיינע היילמיטלען, וועט דאָס דיר דאָך געבן די געלעגנהייט זיך צו באַרימען, אַז אַ ייד האָט מיך אויסגעהיילט, און דאָס קען דאָך מאַכן אַ זייער פיינלעכן רושם אויף די גאָטספאָרכטיקע קריסטן" [4].

1 דאָרטן, 71 און ח.

2 די מעשה ווערט נעבראַכט אין צווייטן באַנד פון נידעמאַנס „התורה והחיים".

3 דונולו האָט אויך פאַרפאַסט אַ ספּעציעל מעדיצינישע חערק אין העברעיש, „ספר היקר"; פראַגמענטן פון דעם בוך האָט פאַרעפנטלעכט שטיינשניידער (1867).

4 חי גרויס ס'איז דעמאָלסט געווען די עם-הארצות אַפילו צווישן די פאָרטרעטער פונם איינציקן געבילדעטן קלאַס פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג — צווישן די גייסטלעכע, קאָן מען זיך משער זיין אויס פאָלגנדיקן פאַקט: נאָך אינמיטן פונם עלפטן יאָרהונדערט האָט מען אויפן צוזאַמענפאָר פון די העכסטע גייסטלעכע אין רוים אָנגענומען אַ החלטה, אַז עס וואָלט געווען זייער געוואונטשן, יעדער גייסטלעכער זאָל חייניקסטנס באַזיצן די עלעמענטאַרסטע ידיעות פון שול-בילדונג און האָבן אַ חעלכן ס'איז באַגריף הענן דעם טעקסט פון דער הייליקער שריפט. אַפילו צחישן די פויפסטן פון יענער צייט איז געווען אַזאַ אומחיסנדער מענטש חי בענעדיקט דער צענטער (1058—69), חאָס איז נים געווען אימשטאַנד צו פאַרשטיין אַ חעלכן ס'איז פסוק אין תהילים (זע דרעוזדנער, „קולטור אונד זיטען, געשיכטע דעו איטאַלענישען גייסטליכקיים אים X אונד XI יאַהרהינדערס", 178 (מיר ציטירן לוים פאָגעלשטיין א. ריגער, „געשיכטע ד. יודען אין ראָם", 1, 351).

„חכמוני" איז אויס יענער צייט דאָס איינציקע יידישע בוך אין איטאַליע, וועגן וועלכן מיר ווייסן גאַנץ באַשטימט ווער זיין מחבר איז געווען און ווו ער האָט געלעבט. עס זיינען אַפילו אין יענער צייט אין איטאַליע געשאַפן געוואָרן אויך אַנדערע יידישע ווערק און אייניקע פון זיי זיינען געווען זייער באַליבט ביים יידישן לעזער, נאָר אַלע זיינען זיי אָן אַ יחוס=בריוו, מען ווייס ניט ווער זייערע באַשעפער זיינען געווען, און נאָר לויט געוויסע סימנים קען מען זיך משער זיין, אַז זייער געבורטסאָרט איז איטאַליע.

בערך אין דער צייט[1], ווען דונולו האָט זיין „חכמוני" געשריבן, איז אין איטאַליע ערשינען אַ בוך, וואָס ס'האָט געהאַט אַ גוואַלטיקן ערפאָלג ביי די שפּעטערדיקע דורות. עס איז געוואָרן איינס פון די פּאָפּולערסטע פאָלקסביכער, מען האָט עס איבערגעזעצט אויף פיל שפּראַכן, און זינט דער דרוק=וואַרשטאַט עקסיסטירט, האָט עס אויסגעהאַלטן פיל אויסגאַבן. און דאָך שוועבט אַ גרויסער סוד אַרום דעם באַליבטן בוך. אומבאַקאַנט איז ניט נאָר דער נאָמען פונם פאַרפאַסער — מען ווייסט אַפילו ניט אויף זיכער דעם ריכטיקן נאָמען פונם ווערק גופא, כאָטש אַלעמען איז עס באַקאַנט אונטערן נאָמען „יוסיפון"[2]. און נאָר איין פּרט קען מען רעכענען פאַר זיכער: דער מחבר פונם בוך איז געווען אויס איטאַליע[3], און ער האָט זיך אַ שטיקל צייט אויפגעהאַלטן אין רוים[4].

אַן אויסגעצייכנטער סטיליסט, אַ גוטער קענער פון לאַטייניש און גריכישע קוועלן, האָט זיך דער פאַרפאַסער געשטעלט די ברייטע אויפגאַבע: געבן די געשיכטע פונם יידישן פאָלק פאַר דער גאַנצער תקופה פון גלות בבל ביז חורבן בית שני אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַלגעמיינער וועלט=געשיכטע. דער פאַרפאַסער האַלט עס פאַר נייטיק אונטערצו=

1 אויב נישט נאָך פריער, חייל ד. כוואָלסאָנס השערה („קובץ על יד", VII; „שריד ופליט", 5), אַז דער „יוסיפון" איז געשריבן געוואָרן נאָך אין סוף IX יאָרהונדערט, איז גאַנץ וואַרשיינלעך.

2 ס'איז אַ סברה, אַז אין דער התחלה האָט דאָס ווערק געהייסן „דברי ירושלים"; דערויף זאָגט עדות דער שלוס=זאַץ אין דער ערשטער אויסגאַבע: עד „הנה קץ דברי ירושלים.

3 זע: צונץ, „גאָטעסדינסטליכע פאָרטרעגע", 2טע אויסגאַבע 158 — 9; פאָגעלשטיין אונד ריגער, I, 192 — 3.

4 דאָרטן. לויט דער השערה פונם פראַנצויזישן היסטאָריקער באַסנאַזש (Basnage, Histoire des Juives, VII, 89), איז די באַקאַנטע קריינונג=באַשרייבונג אינם יוסיפון (קאַפּ' 77) אַ טרייע שילדערונג פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַליין צוגעזען, ווי ס'איז צוגעגאַנגען דער סדר פון דעם קיסר אָטאָס קריינונג אין רוים (962). די דאָזיקע באַשרייבונג פעלט אָבער אינגאַנצן אין דער עלטערער מאַנטוער אויסגאַבע. עס איז צו גלויבן, אַז דער גאַנצער קאַפּיטל איז ערשט אַ שפּעטערדיקע הוספה.

שטרייכן, אַז אַ היסטאָריקער דאַרף קודם־כּל זיך באַנוצן אויסשליסלעך מיט גאַנץ זיכערע און באַגלויבטע קוועלן, מען זאָל זיך קענען אויף זיינע ווערטער פאַרלאָזן (ולכן ראוי לכל איש אשר יחבר ספרים להעיד בהם על ספורים לכתוב דברי אמת ולבלתי המצא בדבריו משגה). „דער אמת — זאָגט ער אויף אַן אַנדער אָרט — איז וויכטיקער פון אַלץ, ער איז דער יסוד פון דער וועלט" (קאַפּיטל 3). עס איז אָבער אין יענער צייט ניט אַזוי לייכט געווען דעם היסטאָרישן אמת אַרויסבאַקומען. דעמאָלסט, אין כּיפן מיטלאַלטער, האָט די געשיכטע אַלס וויכנשאַפט נאָך ניט עקסיס־טירט, און די פאַנטאַסטישע אגדות, אַלע מעגלעכע פאָלקס־לעגענדעס, האָט מען געהאַלטן פאַר שטרענג היסטאָרישע געשעעניש. אין דער הינ־זיכט איז דער „יוסיפון" אַ טיפּישער פּראָדוקט פון זיין צייט, און עס דאַרף כּלל ניט וווּנדערן, וואָס זיין מחבר גופא איז גאַנץ אָפט עובר, אַז זיין איינענעם ווילן, קעגן דעם „יסוד פון דער וועלט", ווען וועלכן ער רעדט מיט אַזא התהלבות. דער „יוסיפון" הייבט אָן פון אדם הראשונס צייטן, און עס איז גאַנץ באַגרייפלעך פאַר אַ מיטלאַלטערלעכן פאַרפאַ־סער, וואָס ער פלייסט זיך די אָנפאַנגס־געשיכטע פון די קדמונישע פעל־קער ברענגען אין איינקלאַנג מיט דעם, וואָס ווערט דערציילט אין די ערש־טע קאַפּיטלעך פון חומש בראשית. דערפאַר אָבער ווייזט ער דערביי אַרויס אַזוינע געאָגראַפישע קענטעניש, וואָס ברענגען ממש אין שטוינען בעת מען נעמט אין באַטראַכט, אַז מען האָט דאָך צו טאָן מיט אַ מענטשן פונם 10טן יאָרהונדערט. דער מחבר גייט גלייך איבער צו דער לעגענדאַ־רער תקופה פונם אַלטן רוים, און די אַלטע רוימישע לעגענדעס שמעלצט ער צונויף מיט איינענע, ריין יידישע: עשוס, אייניקל, צפו בן אליפז, מאַכט די רוימער צימערן פאַר זיין גבורה, און ראָמול, דער גוואַלטיקער רוי־מישער גבור, רינגלט אַרום רוים מיט אַ פעסטער מויער אויס פּחד פאַר דוד המלך און זיינע גבורים [1].

אין דער געשיכטע פון בבל פלעגט דער פאַרפאַסער גאַנץ קונציק אַריין די מעשה מיט דניאל און זרובבל, דערנאָך ווערט באַשריבן כּורש און זיין מלחמה מיט די סקיטן, די מלכי פּרס און זייערע מלחמות. דעם גרעסטן העלד, וואָס דער אַלטערטום האָט פאַרמאָגט, אַלכּסנדר מוקדון און זיינע גרויסע מעשים, גיט אָפּ דער פאַרפאַסער אַ ספּעציעלן טייל אין זיין ווערק [2].

---

[1] יוסיפון, קאַפּ' 2 און 3.

[2] אין דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אויסגאַבע (1510), וואָס לויט איר טעקסט־וואַריאַנט זיינען איבערגעדרוקט אַלע שפּעטערדיקע אויסגאַבעס, הן העברעישע, הן יידישע, איז דער „יוסיפון" איינגעטיילט אין זעקס טיילן.

אָט דאָס אין דעם „יוסיפון" אײנגעשלאָסענע „אַלכּסנדר-בוך" האָט אַ באַדײטנדיקן קולטור-ליטעראַרישן אינטערעס, װײל עס איז ענג פאַרבונדן מיט די אין דער װעלט-ליטעראַטור אַזוי גוט באַקאַנטע „אַלכּסנדר-ראָמאַנען", װאָס דערצײלן װוּנדערלעכע מעשיות װעגן די גרויסע גבורות פון דעם באַרימטן מוקדונער גבור. דער „יוסיפון"-פאַרפאַסער גופא װײזט אָן, אַז זײן באַשרײבונג װעגן אַלכּסנדר מוקדונס לעבן און זײנע געװאַלטיקע נצחונות האָט ער גענומען אויס אַן אַלטן אַלכּסנדר-בוך, װאָס ס'האָבן בשעתם פאַרפאַסט די „חרטומי מצרים" [1].

דאָס אַלכּסנדר-בוך אין דעם „יוסיפון" איז טאַקע אַן איבערגעאַרבעטע איבערזעצונג פון דעם עלטסטן אַלכּסנדר-ראָמאַן, װאָס אַן אַלטע אַגדה פאַרבינדט אים מיטן נאָמען פון אַריסטוס תּלמיד קאַליסטען, װעלכער האָט באַגלײט אַלכּסנדרן אין זײנע מלחמות. אין דער אמתן איז דער דאָזיקער ראָמאַן באַשאַפן געװאָרן באַדײטנד שפּעטער — בערך אינם אָנפאַנג פונם דריטן יאָרהונדערט לויט קריסטלעכער צײטרעכענונג. שוין אינם תּלמוד (בבלי און ירושלמי) און אין די מדרשים װערן געבראַכט פאַרשײדענע עפּיזאָדן אויס דעם דאָזיקן ראָמאַן, צונויפגעקניפּט מיט פיל פּרטים און דעטאַלן, װאָס זײנען גענומען פון אַנדערע קװעלן [2]. אַלכּסנדר מוקדונס ערשײנונג אין דער פעסטונג פון ציון און אין דער עזרה פונם בית-המקדש האָט געמאַכט אַ געװאַלטיקן רושם אויף דער פאָלקס-פאַנטאַזיע, און מיט דער צײט האָט זיך געבילדעט אַ גאַנצער קראַנץ ספּעציעל ײדישע פאָלקס-לעגענדעס װעגן דעם װוּנדערלעכן גבור, װאָס האָט אַ האַלבע װעלט אײנגענומען. די לעגענדעס, געשאַפן אין אַ פרעמדער סביבה, האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעריסן פונם היסטאָרישן באָדן, פון דעם גריכישן לעבנס-שטײגער און דער גריכישער מיטאָלאָגיע. אָט דער ײדיש-מזרחישער נוסח פונם „אַלכּסנדר-ראָמאַן" איז דערגאַנגען צו אונז אין אײניקע מאַנוסקריפּטן [3]. אָבער אויך דער מצריש-גריכישער ראָמאַן, װאָס

[1] „יוסיפון", אָנפאַנג קאַפּ' 6: „אַך האַב איך עש גפונדן אין דאש בוך פון דיא גבֿרטי פון אלכּסנדרוס, דאש גמאַכט האַבן די צובירר פון מצרים אונ' אירי חכמים" (מיר ציטירן לויט דער אַמסטערדאַמער ײדישער אויסגאַבע, 1781).

[2] זע װעגן דעם: Оршанскій. Талмудическия сказания об Александре (Сборник статей, 1857); Гаркави, там же; idem, Неизданная версия etc., 7—8.

[3] איין כּתב-יד (ניט פולשטענדיק), װאָס שטאַמט פון פאָדער-אַזיע, געפינט זיך אין לענינגראַד אין דער ביבליאָטעק פון „חברה מפיצי השׂכּלה" (הרכּבֿי-קאָלעקציע). דעם זעלבן נוסח האָט פאַרעפנטלעכט לויט אָקספאָרדער מאַנוסקריפּט י. לעווי אין זאַמלבוך „תּהלה למשה", 63—142, און הרכּבֿי האָט װעגן דעם זײן אויבן ציטירטע אַרבעט געשריבן (Неизданная версия, 1892)

טראָגט פאַלש קאַליסטענס נאָמען [1], איז געווען זייער פּאָפּולער ביי די יידן אינם מיטלאַלטער. דעם גריכישן טעקסט פון דעם דאָזיקן ראָמאַן האָט אינם צענטן יאָרהונדערט געבראַכט מיט זיך אויס קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל קיין איטאַליע אַן אָנגעזעענער קאַטוילישער גייסטלעכער לעאָ, און ער גופא האָט אים איבערגעאַרבעט אין לאַטיין אונטער דעם נאָמען „היס־טאָריאַ דע פּרעליס" (Historia de prelis). אָט די דאָזיקע לאַטייניש ווער־סיע האָט עס געדינט אַלס מוסטער פאַר די פילע אַלכסנדר־ראָמאַנען, וואָס זיינען באַלד דערשינען אין דעם רוב אייראָפּעישע ליטעראַטורן. עס איז קיין ספק ניט, אַז אויך אין דער אַלכסנדר־ערציילונג, וואָס געפינט זיך אין אונזער „יוסיפון", איז אויסגענוצט די זעלבע קוועלע, אָבער, ווי עס שיינט, ניט דער לאַטיינישער טעקסט, נייערט די אַ ר אַ ב י ש ע איבערזע־צונג, וועלכע איז געווען זייער פּאָפּולער ביי די יידן, און איז אַפילו אייניקע מאָל איבערזעצט געוואָרן אין העברעיש [2]. איינער פון די איבערזעצער איז געווען דער אונז שוין באַקאַנטער איבערזעצער פונם „מורה נבוכים", שמואל אבן תיבון [3]. ווי עס שיינט, איז די אַלכסנדר־ערציילונג ערשט שפּעטער אַריינגעשטעלט געוואָרן אינם „יוסיפון" דורך איינעם פון זיינע איבערשרייבער און איבעראַרבעטער, ווייל דער פאַרפאַסער פונם „יוסיפון" איז דאָך געווען אַ בן־דור פון דעם פּרעסווייטער לעאָ, און עס איז שווער צו גלייבן, אַז שוין דעמאָלט זאָל האָבן עקסיסטירט אַן אַראַבישע איבער־זעצונג פון זיין לאַטיינישן „היסטאָריאַ דע פּרעליס" [4].

אויף אַלכסנדרס יורשים שטעלט זיך דער „יוסיפון" גאַנץ ווייניק אָפּ, און גייט גלייך ווידער איבער צו דער יידישער געשיכטע, ספּעציעל צו דער מלחמה, וואָס די חשמונאים האָבן געפירט מיט אַנטיכוסן. דאָ האָט דער פאַרפאַסער אַלס הויפּט־קוועלע אויסגענוצט די ספרי חשמונאים פון „כתובים אחרונים" (אַפּוקריפן); די ווייטערדיקע קאַפּיטלען (פון 27 ביז 55) ווו עס ווערט באַהאַנדלט דער משך צייט פון שמעון חשמונאים טויט ביז דעם איבערבויען פון בית־המקדש דורך הורדוסן — זיינען צע־

---

1 דער ראָמאַן איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „פּסיידאָ־קאַליסטען".

2 אַ העברעישע איבערזעצונג דירעקט פונם לאַטיינישן טעקסט „היסטאָריאַ דע פּרעליס" האָט ע־שט אינם XIV יאָרהונדערט פאַרענדיקט דער פאַרפאַסער פונם באַ־קאַנטן בוך „שש כנפים", עמנואל פון טאַראַסקאָן.

3 די איבערזעצונג געפינט זיך אין כתב־יד אין לאָנדאָן. אַן אַנדער איבערזעצונג האָט לויט אַ פּאַריזער כתב־יד פאַרעפנטלעכט י. לעווי אין „קובץ על יד" II, 1886.

4 די פולשטענדיקע ביבליאָגראַפיע וועגן דער „אַלכסנדר־ליטעראַטור", זע שטיינ־שניידער: „העבר. איבערזעצ.", 894—904, און „צור אַלעקסאַנדער־זאַגע", „העבר. ביבל.", IX, 44—53, 13—19.

נויפגעשטעלט נאָך יוסף פלאַוויוס „קדמוניות היהודים“. ביי די לעצטע
42 קאַפּיטלען, וואָס פאַרענדיקן זיך מיט חורבן בית־שני, האָט דער פאַר־
פאַסער הויפּטזעכלעך זיך באַנוצט מיט פלאַוויוס צווייט ווערק „מלחמות
היהודים“, אָבער ניט אין גריכישן אָריגינאַל, נאָר אין דער לאַטיינישער
איבעראַרבעטונג, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „העגעזיפּוס“
(Hegesippus) [1]. אַט דער לעצטער טייל פון דער העברעישן ווערק האָט ווי
עס שיינט געטראָגן ביים פאַרפאַסער אַ באַזונדערן נאָמען „יוסיפון“,
אָדער „ספר בן גוריון“. ווייל אין דעם לאַטיינישן „העזעפּוס“ ווערט דער־
מאָנט בלויז יוסף בן גוריון (Josephum Gorione gentium), דער פרע־
פעקט פון ירושלים בשעת דער מלחמה, האָט דער העברעישער פאַרפאַסער
על־פּי טעות אים צונויפגעמישט מיט דעם באַרימטן געשיכטע־שרייבער
יוסף בן מתתיהו, וועלכער איז בשעת מלחמה געווען דער הויפּט־פירער אין
גליל [2].

אָט דער דאָזיקער טעות, דאָס צונויפשמעלצן פון צוויי גאַנץ פאַרשיי־
דענע פּערזאָנען, האָט אָנגעמאַכט זייער אַ גרויסן פּלאָנטער, און ער האָט
אויך גורם געווען, וואָס די פאָרשער האָבן באַקומען אַ גאַנץ פאַלשן באַ־
גריף וועגן דעם מאָלענטפולן פאַרפאַסער פונם „יוסיפון“. דער באַקאַנטער
קריטיקלעבער געלערנטער פראַנץ דעליטש, בעת ער שטעלט זיך אָפּ אין
זיין ווערק „צור געשיכטע דער יידישע פּאָעזיע“ אויפן „יוסיפון“, לויבט
ער אפילו די ליטעראַרישע באַגאַבונג פונם אומבאַקאַנטן פאַרפאַסער,
אָטעסטירט אים אָבער דערביי אַלס „חוצפהדיקן ליגנער“ און „גידער־
טרעכטיקן רמאי“, וואָס האָט געהאַט די העזה די אויגן צו פאַרבלענדן און
זיך אויסגעבן פאַר דעם באַרימטן „גריכיש־יידישן געשיכטע־שרייבער“ [3].
די דאָזיקע זידלערייען האָט דער „בעל היוסיפון“ כלל ניט פאַרדינט; און
דאָס נעמט זיך אַלץ דערפון, וואָס הן דעליטש הן צונץ זיינען געווען באַקאַנט
בלויז מיט דעם געוויינלעכן יוסיפון־טעקסט, וועלכן תם אבן יחיא האָט

---

1 שטאַמט פונם נאָמען „יוזעפוס“.

2 ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין סוף פון איין אַלטן „יוסיפון“-מאַנוסקריפּט
געפינט זיך אַ צושריפט פונם אָפּשרייבער: „ויוסף בן גוריון הכהן אביו מתיא שמו
וכינויו גוריון, הוא יוסף בן מתיא הכהן עשה ספרים הרבה“ (זע א. נייבויער: „סדר
החכמים וקירות הימים“, I, 190—191). אויף אַזאַ אופן האָט מען פון צוויי פאַר־
שיידענע יוספס געמאַכט איין פּערזאָן.

3 דאַרמן, 37: Der räthselhafte Fabulant... der seiner Autorschaft die Nebel- und Schellenkoppe überzogen hat, und sich mit urbergreiflicher Dreistigkeit und lügnerischer Frivolität zum Doppelgänger des griechisch-jüdischen Geschichtsschreibers, Joseph ben Matatja, macht; זע אויך צונץ: „גאָטעסד. פאָרטרעגע“.

אָפּגעדרוקט אינם יאָר 1510 אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און זיי האָבן אים ניט פאַרגליכן מיטן עלטערן נוסח קיים וועלכן ס׳איז אָפּגעדרוקט די „אַנטואַנער אויסגאַבע [1]. דעם פאַרפאַסער פון „יוסיפון" איז פאַקטיש אַפילו אויף דער מחשבה ניט געקומען צו נאַרן דעם לעזער, אויסגעבן זיין ווערק פאַר אַ קדמוניש ספר, וואָס דער באַרימטער געשיכטע-שרייבער האָט עס באַשאַפן. ניט ער איז שולדיק אין דעם, וואָס אין דער גאַנצער העברעישער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור איז שווער צו געפינען אַ צווייט בוך מיט אַזאַ ביטער מזל, ווי דער „יוסיפון", וואָס אַזוי פיל אָפּשרייבער און קאָמפּילאַטאָרן האָבן איבער אים געבאַלעבאַטעוועט ווי איבער אַן אייגן ווערק, און יעדער פון זיי האָט איבערגעמאַכט, אַריינגעשטעלט אייגענע סברות און פרעמדע ציטאַטן נאָך זיין גוסט נאָך [2]. שוין אין דער מיט פונם 12טן יאָרהונדערט האָט אַ געניטער קאָמפּילאַטאָר, ירחמיאל בן שלמה [3], אַריינגעשטעלט אין זיין „יוסיפון"-אָפּשריפט אַ סך עפּיזאָדן אוים דעם „גרויסן יוסיפון" (גושיפוש מאַגור), ד״ה אויס יוסף פלאַוויוס „מלחמות היהודים". אָט אַזוי איז ביי די שפּעטערדיקע אָפּשרייבערס און קאָמפּילאַטאָרן אַיינגערעדט געוואָרן, אַז אונדזער ווערק — דאָס איז דער „קליינער יוסיפון", וועלכע ס׳האָט געשריבן ספּעציעל פאַר יידן דער אייגענער פאַרפאַסער פונם „גרויסן יוסיפון", „יוסף בן גוריון", וועלכער „הייסט ביי די יוונים יוסיפוס, און ביי די רוימער גוסיפוס" [4]. אין הסכם מיט דעם, האָבן די שפּעטערדיקע אָפּשרייבערס און קאָמפּילאַטאָרס

---

1 דער „יוסיפון" איז דערגאַנגען צו אונז אין צוויי נוסחאות. די ערשטע, עלטערע האָט פאַרעפנטלעכט דער באַקאַנטער דרוקער אברהם כונת (קאָנאַט) אין מאַנטוא, 1477—80. די דאָזיקע אויסגאַבע איז אַ גרויסע ביבליאָגראַפישע זעלטנהייט; ס׳האָט זי אָבער איבערגעדרוקט וואָרט אין וואָרט דער אָריענטאַליסט דוד גינצבורג (1896—1913). דער צווייטער באַדייטנד גרעסערער וואַריאַנט איז געדרוקט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין 1510 און, ווי ס׳איז שוין פריער אָנגעוויזן, פיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן.

2 דער ערשטער, וואָס האָט מיט זיין קריטישן חוש באַמערקט, אַז דער יוסיפון-טעקסט איז מיט דער צייט שטאַרק פאַרגרייזט און פאַרענדערט געוואָרן — איז געווען דער באַרימטער פאָרשער עזריה מן האדומים (זע זיין „מאור עינים", 114—118, 124—5, ווילנער אויסגאַבע, 1865).

3 מער באַריכות וועגן ירחמיאל בן שלמה (קורץ ירחמיאלי) און זיינע קאָמפּילאַציעס, זע: א. נייבויער: „סדר החכמים", I, 70—174; „מאָנאַטסשריפט", 1887, 505—508; The Jewish Quarterly R., 1899, 364—84, ווו עס זיינען פאַרעפנטלעכט ירחמיאלים שירים. ירחמיאלי גופא דערציילט, ווי אַזוי ער האָט „איבערגעמאַכט" דעם יוסיפון: „ואני ירחמיאל בן שלמה ליקטתי דברים מספר בן גוריון ומספרי סופרים אחרים אשר כתבו מעשה אבותינו ואגרתי אותם במגלה אחת".

4 יוסף... והוא יוסיפון... הנקרא יוסיפוס ביוני, גוזיפוס ברומי.

אַרייַנגעשטעלט אין טעקסט אַזוינע באַמערקונגען און ערקלערונגען [1], וואָס האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט ביי די קומענדיקע דורות די פאַלשע מיינונג, אַז דער „יוסיפון" איז זייער אַן אַלטער ספר, וואָס ס'האָט פאַרפאַסט יוסף בן גוריון אין דער תקופה פונם חורבן בית שני.

עס איז אויפגעהיט געוואָרן אַ זייער אינטערעסאַנטע מיטטיילונג, וואָס גיט אונז אַ קלאָרן באַגריף וועגן די פילע נוסחאות און גרויסע שינויים, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אינם „יוסיפון"-טעקסט; דאָס איז די פאַררעדע, וואָס אַ געלערנטער פון 14טן יאָרהונדערט, יהודה ליאון בן משה משקוני, האָט געשריבן צו דעם „יוסיפון"-עקזעמפּלאַר, וועלכן ער האָט איינגעהענטיק קאָפּירט [2]. די פאַררעדע האָט אַ באַדייטנדיקן קולטור-היסטאָרישן ווערט, ווייל מיר באַקומען אויס איר אַ גאַנץ בולט בילד וועגן די גלגולים, וואָס ס'האָבן געהאַט אויסצושטיין אינם מיטלאַלטער און אין נאָך פריערדיקע ציימן באַזונדערס באַליבטע און פּאָפּולערע ווערק. משקוני דערציילט, אַז ער האָט געהאַט פאַר זיך ניט ווייניקער ווי פינף פאַרשיידענע יוסיפון-נוסחאות. איינע פון זיי האָט געשריבן דער בעל „ספר הקבלה" — אברהם אבן דוד (דער ראב"ד); אַ צווייטע — דער באַרימטער שמואל הנגיד. „די צוויי נוסחאות און נאָך אַנדערע צוויי, דערציילט משקוני, זיינען ניט געווען איינגעטיילט ניט אין ספרים ניט אין קאַפּיטלען. די דאָזיקע נוסחאות, איז זיך משער משקוני, זיינע געווען „ניט קיין פולשטענדיקע", ווייל „אַ סך מעשיות און פרטים, וואָס זיינען געווען אין איינער, האָבן געפעלט אין דער אַנדערער" [3]. נאָר דער פינפטער נוסח איז געווען, ווי משקוני פאַרזיכערט, „אַם פולשטענדיקסטן". און אַט דער דאָזיקער וואַריאַנט, איז מוסיף משקוני, „איז פונם אָנהייב ביזן סוף געשריבן אין פערזאָן פונם מחבר גופא, פון יוסף בן גוריון", ד"ה: די גאַנצע דערציילונג ווערט געפירט אינם נאָמען פון יוסף בן גוריון [4]. אָט דערפאַר טאָקע

---

1 צ"ב אין קאַפּיטל 55: „און דר יוסף בן גוריון הכהן זאגט אין זיין בוך: עז חערן פיל זאכען די מיר העטן צושרייבן פון די גרויסי כלוגקייט דיא דא איז גיוועזן בייא דש גאטש פאָלק... אָבר דיא זעלביגי קלוגהייט האבן מיר גשריבן צו די רוטיים; דען עש איז איין בוך דז דאָ גיטיג האָט דיזי באַצייגנוס; אָבר דיזש בוך דש כיר גשריבן האָבן צו דיא קינדר ישראל דאש בדאַרף נים צו די בצייגנס" (מיר ציטירן לויט מנחם מאַנס איבערזעצונג, אמשטרדאם, 1781).

2 די פאַררעדע איז פאַרעפנטלעכט אין „אוצר טוב", 1878, 17—23.

3 דאָרטן, 23.

4 דאָרטן, 21.

האָט משקוני געגעבנט דעם דאָזיקן וואַריאַנט פאַר דעם מער ריכטיקן, און פון אים האָט ער אָפּגעשריבן זיין קאָפּיע. דער דאָזיקער וואַריאַנט איז שוין יאָ געווען איינגעטיילט אין ספרים, און משקוני האָט נאָך יעדן פון די זעקס ספרים איינגעטיילט אין קאַפּיטלען.

עס איז קיין שום ספק ניט, אַז טאַקע דעם דורך משקוני איבערגעשריבענעם נוסח האָט באַנוצט תם אבן יחייא, בעת ער האָט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל פאַרעפנטלעכט דעם „יוסיפון" אין 1510; ער האָט אפילו דערביי אויסגענוצט אַ באַדייטנדיקן טייל פון משקונים פאָררעדע, און זי פּשוט איבערגעדרוקט אין זיין הקדמה צום „יוסיפון". און ווען מען נעמט און מען פאַרגלייכט אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט אָט די אויסגאַבע פון 1510 מיט דער עלטערער, מאַנטואַנער, וואָס זי איז אָפּגעדרוקט געוואָרן בערך אין 1480, לויט אַ קירצערן, „ניט קיין פולשטענדיקן" וואַריאַנט, ווי ס'הייסט ביי משקונין — דעמאָלט ווערט ערשט גאַנץ קלאָר, ווי ווייניק דער פאַרפאַסער פונם „יוסיפון" האָט פאַרדינט, מען זאָל אים רעכענען פאַר אַ שווינדלער און פאַלסיפיקאַטאָר. דער קירצערער וואַריאַנט נאָך וועלכן די מאַנטואַנער אויסגאַבע איז געדרוקט, איז אויך אַ באַדייטנד עלטערער, און ער איז בלי־ספק אויך פיל נענטער צום אורשפּרינגלעכן פאַרלאָרן געגאַנגענעם „יוסיפון"־טעקסט, ווי דער שפּעטערער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער. און בעת אין דער מאַנטואַנער אויסגאַבע ווערט קיין איין מאָל ניט דערמאָנט „יוסף בן גוריון" אין ערשטער פּערזאָן, דערמאָנט די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אויסגאַבע דעם לעזער יעדעם מאָל, אַז דאָס ווערק האָט געשריבן דער זעלבער יוסף בן גוריון, וואָס האָט אויך פאַרפאַסט דעם „גרויסן יוסיפון" „פאַר די רוימער ווענן". דאָס זיינען אָבער אַלץ שפּעטערדיקע הוספות, דאָס איז אַ מין „פּירזש" צום טעקסט, וועלכן ס'האָבן מוסיף געווען די אָפּשרייבערס און קאָמפּילאַטאָרן. אָט, למשל, אין דער מאַנטואַנער אויסגאַבע (ז. 50), וואו עס ווערט דערציילט וועגן דעם מלך כורש, איז דער פאַרפאַסער מוסיף: „די איבעריקע זיינע מעשים זיינען באַשריבן אין די כראָניקעס פון די מלכי פרס ומדי און פון די מלכים פון רוים". אָבער אין דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אויסגאַבע איז נאָך די ווערטער „פון די מלכי פרס ומדי" אַריינגעשטעלט פאַר די שלום־ווערטער „און פון די מלכים פון רוים" פאָלגנדיקער זאַץ: „און אין מיין ספר, וואָס איך, יוסף הכהן בן גוריון, האָב געשריבן פאַר די רוימער, און עס אַ נאָמען געגעבן „יוסיפוס". און איך בין עס דער יוסף בן גוריון, וואָס טיטוס און אספּסיינוס האָבן מיך פאַרטריבן פון ירושלים". ווייטער אין מאַנטואַנער אויסגאַבע גייט דער „יוסיפון" גלייך איבער אָן שום הפסקות פון דעם מלך הורקנוס בן שמעון החשמונאי צו דער געשיכטע

פון אלכסנדר מוקדון[1]. אין דעם ווארינאנט אבער, וועלכן תם אבן יחייא האט געדרוקט אין קאנסטאנטינאפאל, ווערט נאך דער מעשה מיט הורקנוס געמאכט א הפסקה מיט פאלגנדיקן שלוס-זאץ: „דא מיט האט איין ענד דאס ערשטע בוך פון יוסף דער זון גוריון הכהן". דערנאך הייבט זיך אן דער צווייטער ספר מיטן אלכסנדר-ראמאן, נאר אין דער התחלה גייט פאלגנדיקער אריינפאר: „כה אמר: אזוי שפרעכט יוסף דער זון גוריון צו דעם דער דא זיכט (זעהט) זייני ביכער... אזו האב איך מיר פארגנומען אום איין וויניג צו פר ציילן פון זיין גבארט" אאז"וו. אין דער מאנטוּאנער אויסגאבע (ז. 204) ווערן נאך דער ערציילונג וועגן דעם טויט פון דער קיניגין אלכסנדרה געבראכט די אויבן ציטירטע ווערטער, אז א געשיכטע-שרייבער דארף ברענגען לויטער ריכטיקע און באגלויבטע ידיעות; דערנאך גייט דער פארפאסער, גלייך אן שום הפסקה, איבער צו די געשעענישן אין רוים. אין קאנסטאנטינאפאלער אויסגאבע פארענדיקט זיך מיט אלכסנדרהס טויט דער פערטער ספר, און דער פינפטער הייבט זיך ווידער אן מיט דער מעלדונג: „כה אמר, אזוי האט געזאגט יוסף הכהן, דער זון פון גוריון הכהן, וואס דערציילט וועגן די געשעענישן פון ישראל און וועגן זיינע לײדן, ס'זאל זיין א מוסר פאר די, וואס וועלן קומען נאך אים, זאלן זיי לייענען זיינע ספרים און אוים זיי ארויסזוען גאטס גענאדן". דאס אייגענע חזרט זיך איבער אין פילע אנדערע ערטער, וואו אין מאנטוּאנער אויסגאבע (ז' 218, 222, 223) ווערט יוסף בן גוריונס נאמען אפילו ניט דערמאנט, און אין קאנסטאנטינאפאלער אויסגאבע ווערט אין די באטרעפנדיקע שטעלן אנגעוויזן: „און ס'האט געזאגט יוסף הכהן", אדער „און ס'האט געזאגט יוסף בן גוריון". אין סוף פונם פינפטן ספר און אין אנפאנג פונם זעקסטן רעדט אין דער קאנסטאנטינאפאלער אויסגאבע יוסף בן גוריון אין זיין אייגענעם נאמען: „איך יוסף בן גוריון הכהן, וואס ווערט אויך גערופן יוסיפוס, האב דאס אלץ באשריבן אין מיין בוך, וועלכן איך האב פארפאסט אין דער צייט פון יוליוס קיסר"; אין מאנטוּאנער אויסגאבע פעלט אבער דער גאנצער זאץ, און יוסף בן גוריונס נאמען ווערט דארט אפילו ניט דערמאנט. אינם לעצטן טייל פונם ווערק, וואו עס ווערט באשריבן די באלאגערונג פון ירושלים, ווערט אין דער מאנטוּאנער אויסגאבע אומעטום דערמאנט יוסף בן גוריון אין דריטער פערזאן, אין דער קאנסטאנטינאפאלער אבער — אין ערשטער: איך יוסף בן גוריון[2].

---

[1] דארטן, ז' 64—5: „הוא הורקנוס אשר מָל את אדום ויביאם בברית ויאסרם בכבלי מילה. פיליפוס אבי אלכסנדר מלך על מוקדון" אאז"וו.

[2] זע ביילאגע נומ' 5. חייל דאס אייגענע מזל ווי דער „יוסיפון" האבן אויך געהאט אייניקע אנדערע בארימטע דענקמעלער פון אונזער אלטער ליטעראטור, גיבן מיר

בעת מען פאַרגלייכט די ביידע וואַריאַנטן, איז זיך אַגב ניט שווער צו איבערצייגן, וויפיל ס'האָט אויך געליטן דער ריין ליטעראַרישער ווערט פונם „יוסיפון", זיין סטיל און שילדערונגס־קראַפט, אָט דורך די אַלע הוספות און „אויסבעסערונגען" פון די אָפּשרייבערס און קאָמפּילאַטאָרן. די פּלאַסטיש־שיינע קורצע באַשרייבונג אין דעם עלטערן און דערפאַר ווייניקער פאַראומריינקטן וואַריאַנט (מאַנטואַנער אויסגאַבע, 428) ווי מען נעמט אַראָפּ די קייטן פון דעם געפאַנגענעם יוספן, אָדער די שטאַרקע, פול מיט דראַמאַטישער עקספּרעסיע, שלום־סצענעס, וווּ עס ווערט דערציילט וועגן דעם העלדישן טויט פון אליעזרן צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע טויזנט יידישע קריגער — ווערן אין דעם שפּעטערדיקן וואַריאַנט פאַרוואַסערט און צעשווומען דורך די פילע הוספות און „פירושים" פון די ניט געבעטענע „אויסבעסערס". אין מאַנטואַנער אויסגאַבע מאַכט אַ שטאַרקן רושם דער טיפער ליריזם פון יוספס תפילה אין דער היכל (ז. 414) און דער אין טרויער געטרונקענער פּאַטאָס פון זיין קלאָג־ליד, בעת ער זעט צו די שרעקלעכע מעשים, וואָס קומען פאָר אין דער באַלאַגערטער הייליקער שטאָט. אין דעם שפּעטערדיקן וואַריאַנט ליידן אָבער די צוויי שיינע בלומען פון רעליגיעזער ליריק זייער פיל דורך די וואַסערדיקע מליצות פון די שפּעטערדיקע אינטערפּאָלאַטאָרס.

און דאָך, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס דער אורשפּרינגלעכער טעקסט איז אַזוי אומברחמנותדיק אַנטשטעלט און פאַרדאָרבן דורך זייטיקע הענט, טראָגט דער „יוסיפון" אַפילו אין זיין איצטיקער געשטאַלט גאַנץ בולט דעם שטעמפּל פון אַ באַדייטנדיקן ליטעראַרישן טאַלענט. זיין פאַרפאַסער איז געווען אַן אמתער מייסטער, וואָס האָט געוווּסט דעם גרויסן סוד, ווי עס ווערן אויס ווערטער באַשאַפן לעבעדיקע פילפאַרביקע בילדער. דער „יוסיפון" האָט ליב צו שילדערן שטאַרקע טראַגישע געפילן, דעם געוואַלטיקן אויסברוך פון ברענענדיקע תאוות, דעם שיכּרות פון קאַמף און נצחון, די טיפע אָפּגרונטן פון ליידן און וויי. און ביי אים איז דאָס וועלן ענג פאַרבונדן מיטן קאָנען. דער „יוסיפון" דערציילט ניט, נאָר ער מאָלט אין זאַפטיקע פאַרבן, ווי אַזוי דער יונגער הורקנוס, דער זון פון שמעון החשמונאי, באַלאַגערט די שטאָט, וווּ עס האָט זיך פאַרשפּאַרט דער מערדער פון זיין פאָטער, און וווּ עס זיצן דאָרט אין געפענגעניש זיין מוטער און שוועסטער. די צוויי פרויען ווערן אַרויסגעשטעלט אויף די מויערן פון דער שטאָט און מען פייניקט זיי שרעקלעך פאַר דעם זון אין די אויגן, און

אין דער ביילאַגע עטלעכע פאַראַלעלע טעקסטן פון ביידע עלטסטע „יוסיפון"־אויסגאַבן, דער לעזער זאָל באַקומען אַ באַגריף, ווי אַזוי איין און דערזעלבער ספר פלעגט ביסלעכווייז באַקומען אַן אַנדער פּנים, אַן אַנדער נוסח.

דער מערדער ערקלערט אים דערבײַ, אַז באַם ער וועט ניט אָפּטרעטן מיט זײַן חייל פון דער שטאָט, וועט ער זײַן מוטער און שוועסטער אומברענגען. נאָר די שטאָלצע מוטער, די פרוי פונם חשמונאַי, גיט קוקנדיק אויף די גרויסע יסורים, שרײַט אַראָפּ פון דעם שטאָט־מויער צו איר זון, אין וועלכן עס ראַנגלען זיך אַנטקעגנגעזעצטע געפילן: „געדענק, מײַן זון! ניט רחמנות באַווײַזן ביסטו אַהער געקומען, נאָר נעמען נקמה! ניט וועגן אונז דאַרף זײַן איצט דײַן טראַכטן, נאָר ווי זיך נוקם זײַן אין דעם פאַלשן שונא, דעם מערדער פון דײַן פאָטער!” און דער פאַרפאַסער צווינגט דעם לעזער דורכצולעבן דאָס טיפע דראַמע פון דעם יונגן חשמונאַי, אין וועלכן עס קעמפן געוואַלטיק די אַנטקעגנגעזעצטע געפילן: דער דורשט פון נקמה פאַר־דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון זײַן פאָטער, און די ליבע צו מוטער און שוועסטער[1].

דעם רוימישן קריגספירער איז געלונגען זיך דורכברעכן דורך די מויערן פון ירושלים אַדאַנק דעם פאַרביטערטן קאַמף, וואָס עס האָבן דעמאָלסט געפירט צווישן זיך די צוויי פײַנדלעכע חשמונאים־ברידער. די רוימישע קריגער, פאַרשיכורט פון בלוט, זײַנען אַרײַן אין בית־המקדש בעת עס איז פאָרגעקומען די גאָטעסדינסט, און די כוהנים זײַנען געווען באַשעפטיקט מיט די קרבנות, און דער „יוסיפון” גיט אונז אַן אימהדיק בילד ווי אַזוי די קריגער טרעטן אַלץ ווײַטער, און הרגענען איין כוהן נאָכן צווייטן, און די גאָטעסדינסט גייט זיך אַלץ איר געוויינלעכן גאַנג. קיין איין כוהן האָט קיין ציטער ניט געטאָן קעגן די בלאַנקע שווערדן און שפּיזן פון דעם שרעקלעכן פײַנד. רויק „ווי אין מאָל פון פרידן” (כּאשר ילך איש בעמק השלום) האָבן די גאָטעסדינער געשפּאַנט איבער די נאָך צאַפּלדיקע קערפּערס פון זייערע ברידער, און געטאָן זייער זאַך. איז איינער אַנידערגעפאַלן פונם שונאס האַנט, האָט גלײַך אַן אַנדערער יענעמס אָרט פאַרנומען בײַם מזבח. „מיר דאַרפן שטאַרבן אויף אונדזער וואַך” האָבן זיי געזאָגט[2].

אַזוינע דראַמאַטישע סצענעס מיט שילדערונגען פון העלדישן טויטקאַמף זײַנען דאָ זייער פיל אינם „יוסיפון”. למשל, דער טראַגישער טויט פונם קנאי שמעון און זײַן גאַנצער משפּחה[3], דאָס אומקומען פון דעם כוהן אמיתי און זײַנע דריי זין[4], אָדער די פּלאַסטישע באַשרײַבונג פון דעם שרעקלעכן געראַנגל אינם ענגן פאָרהויף פונם בית־המקדש צווישן די

---

1 מאַנטואַנער אויסגאַבע, 169; אין קאָנסטאַנטינאָפּאָלער, קאַפּ' 27.

2 אין מאַנטואַנער אויסגאַבע, 221; אין קאָנסטאַנטינאָפּאָלער, קאַפּ' 39.

3 דאָרטן, סוף קאַפּ' 64.

4 דאָרטן, קאַפּ' 89; אין מאַנטואַנער אויסגאַבע ז' 491 — 2.

רוימישע און ייחישע קריגער. די רוימער, פארשיכורט פון נצחון, די יידן, פארביטערט פון האס און יאוש. „אפגעשניטן איז געווען דער ארויסגאנג, ענג צונויפגעפרעסט איז געווען איין קעמפער צום צווייטן, פעסט ארומגענומען האבן זיך די פיינד אין זייער לעצטן קאמף; פארוואונדעטע, דערשטאכענע, נאך לעבעדיקע און זיך ראנגלענדיקע, אלע זיינען זיי געפאלן איינער איבער דעם אנדערן אין איין פארבלוטיקטן קנויל; און אין איין געוואלדיקן געפילדער האבן זיך צונויפגעגאסן אלע קולות, אלע געשרייען, די זיפצן און כארכלען פון די גוססדיקע, דאס נצחון־געוואלדעװען פון די זיגער, דאס קלינגען פון די שווערדן, דאס קלאפן פון די פאנצערס און דאס הערצן און סקריפען פון מענטשלעכע ביינער און שארבנס אונטער דער שארף פון די שווערדן און העק״[1].

די באקאנטע מעשה אויס דעם תלמוד וועגן דער רייכער יידישער פרוי מרים, וואס האט אויס שרעקלעכן הונגער אין דער באלאגערטער שטאט ירושלים איר אייגן קינד געשאכטן, ווערט אינם „יוסיפון״ באשריבן אין באזונדערס שארפע פארבן. דער לעזער טאפט ממש אן דעם פינסטערן שרעק, וואס כאפט ארום די שטיין־הארטע קנאים, בעת זיי קומען צו לויפן פון גאס דערשמעקנדיק דעם ריח פון געבראטן פלייש; און די אומגליקלעכע מוטער, האלב משוגע פון צער, הייבט אן פאר זיי אויסצולויבן דעם געשמאקן געבראטנס פון דעם אייגן קינדס „פיסלעך און הענטלעך״[2]. מיט אייניקע קורצע שטריכן קריצט איין דער פארפאסער אינם זכרון פונם לעזער דאס בילד פון יוסף הכהנס אלטער 85־יאריקער מוטער, וועלכע דערוויסט זיך, אז איר זון איז געפאלן פארוואונדעט פונם פיינדס א שטיין, און ער געפינט זיך אין טויטלעכער סכנה. מיט צעלאזטע, ווי שניי־ווייסע האר, לויפט זי ארום, די אלטע, איבער דעם מויער פון שטאט און יאמערט: „יוסף, מיין זון! דו ליכט פון מיינע אויגן!״[3] אויך דער מאדערנער לעזער לייענט מיט געשפאנטן אינטערעס די מייסטערהאפט געשילדערטע סצענע צווישן דעם גרויזאמען, קראנקהאפט־פארדעכטיקן הורדוסן און זיין זון אנטיפאטאר. דורך קונציקע אינטריגעס איז דעם פאלשן אנטיפאטאר געלונגען פארדעכטיק מאכן זיינע עלטערע צוויי ברידער אין די אויגן פונם פאטער. יענער האט זיי ביידן אומגעבראכט, און אנטיפאטאר בלייבט דער איינציקער יורש פונם פאטערס קיניג־קרוין. דער חשד־פולער הורדוס האט זיך אבער דערוווסט פון אנטיפאטארס פארבאר־

---

[1] דארטן, קאפ׳ 91; אין מאנטואנער אויסגאבע, ז׳ 504 — 5.

[2] דארטן, קאפ׳ 93; אין מאנטואנער אויסגאבע 519—23.

[3] דארטן, קאפ׳ 90; אין מאנטואנער אויסגאבע, 494.

נעגע פּלענער, ער איז אים חושד, אַז ער וויל וואָס ניכער פאַרנעמען דעם קיניג־שטול, און ער רופט אים צו זיך אַרויס אויס רוים, וווּ אַנטיפּאַטער האָט זיך דעמאָלט אויפגעהאַלטן. יענער האָט געמוזט גלייך קומען אויפן פאַטערס באַפעל, און דער שטרענגער פאָטער באַגעגנט אים מיט אַ ביי־זער באַשולדיקונגס־רעדע. אַנטיפּאַטער זעט — אַלץ איז פאַרלאָרן, אַלע זיינע פאַרהאָרגענע פּלענער זיינען אַנטפּלויזט; און מיטן מוט פון יאוש פּרוווט דער פוקסיש־קלוגער אינטריגאַן זיך ריינוואַשן פון שולד פאַר די אויגן פון זיין גרויזאַמען פאָטער. ער ווייסט — זיין קאָפּ ליגט אויף דער וואָגשאָל; דאָס גיט זיינע ווערטער, זיין גאַנצן האַלטן זיך אַ באַזונדערן פּאַטאָס, אַן אומגעוויינלעכע איבערצייגונגס־קראַפט, און דער לעזער ווערט מיטגעריסן, און ער הערט צו אַנטיפּאַטערס פאַרטיידיקונגס־רעדע מיט דראַמאַטישער שפּאַנונג. „פאָטער מיינער — רופט אויס אַנטיפּאַטער אין דער מיט פון זיין רעדע — זע, דו האָסט מיך גערופן און איך בין גלייך געקומען, אָט שטיי איך פאַר דיר... דריי עדות ברענג איך פאַר דיר, עדות, וואָס ווייסן ניט פון שוחד, מען קען זיי די אויגן ניט פאַרבלענדן, און ניט אונטערקויפן מיט געצאָלט; זאָלן זיי עדות זאָגן פאַר גאָט און פאַר דיר. דער הימל, די ערד און דער ים — דאָס זיינען מיינע עדות, און זיי וועלן דאָך ניט רחמנות האָבן אויף דעם, וואָס האָט געטראַכט זיין אייגע־נעם פאָטערס בלוט צו פאַרגיסן. אָט בין איך געפאָרן צו דיר — פאַרוואָס האָבן אויפן וועג די הימלען קיין דונער אויף מיר ניט געשליידערט און אויס זייערע טיפענישן מיט אַ בליץ מיך ניט צעשמעטערט, אויב איך בין ווירקלעך שולדיק קעגן דיר? איך בין דעם ים איבערגעפאָרן, און ער האָט מיך ניט איינגעשלונגען ווי יונהן, ווען יענער האָט פאַר גאָטס באַפעל גע־וואָלט אַנטלויפן; איך בין איבער דער ערד געגאַנגען, פאַרוואָס האָט זיך די ערד אונטער מיינע פיס ניט צעשפּאָלטן און מיך ניט איינגעשלונגען ווי דתן ואבירם, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען קעגן דעם, וועלכער איז פאַרן גאַנצן פאָלק געווען אַ דערבאַרעמדיקער פאָטער און היטער... נאָר אויב מיין גורל איז שוין באַשלאָסן, בעט איך נאָר איינס ביי דיר, מיין פאָטער: גיב מיך ניט איבער אין פרעמדע הענט, — גיב מיר דעם טויט דורך דיין אייגענער פאָטערלעכער האַנט; עפן דאָן מיין האַרץ, שנייד אויף אַלע זיינע פאַרבאָרגענע קעמערלעך, און איבערצייג זיך אַליין, צי האָט ווען מיין האַרץ שלעכטס קעגן דיר געשפּונען. זאָג ניט: ווי קאָן איך הייבן מיין האַנט אויף מיין אייגענעם זון, אויף מיין אייגן בלוט און פליייש? צי קען דען זיין דיין בלוט און פליייש דער, וואָס האָט געהאַט אין זינען אויפהויבן קענן דיר זיין מערדערישע האַנט?..״ [1].

1 דאָרטן, קאַפּ׳ 60; אין מאַנטואַנער אויסגאַבע, ז׳ 343.

ניט מיט ווייניקער מייסטערשאַפט איז דורכגעפירט די העכסט דראַמאַטישע סצענע, ווי דער לעצטער רעשט פון דעם יידישן חייל, בראש מיט יוסף בן גוריון האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ הייל, וועלכע די רוי־מישע קריגער האָבן באַלד אַרומגערינגלט. די יידישע קריגער האָבן באַ־שלאָסן בעסער צו שטאַרבן פון אייגענער האַנט איידער פונם שונאס האַנט. דער קאַלטבלוטיקער און איבערגעשפּיצטער יוסף איז דערויף מסכּים, עס געלינגט אים אָבער דורך קונציקער דיאַלעקטיק און שפּיציקע איינ־פאַלן צו בלייבן דער לעצטער, און אויף אַזאַ אופן ראַטעווען זיין לעבן[1].

און ווי אַ שיינער שלום־אַקאָרד קלינגט אינם סוף פונם „יוסיפון" דאָס קלאָג־ליד פון יוסף בן גוריון אויף די חורבות פון ירושלים: „אַך, ווי פאַרלאָזן איז איצט די שטאָלצע קיניגלעכע שטאָט! דורך פים פון אומ־ריינע ווערסטו איצט געטראָטן, דו, וואָס הייליקע שאַרן האָבן דיך באַ־שיצט, די הימלען האָבן געקעמפט פאַר דיך, די פּלאַנעטן זיינען פון זייערע שטעגן אַרויסגעטראָטן אום דיר צו הילף צו קומען און דיינע פיינד צע־שמעטערן. איצט ליגסטו אין שטויב און חורבן, אַ בית־עולם פאַר מתים ביסטו געוואָרן... וואַכט זשע אויף, איר אָבות, אַברהם, יצחק ויעקב! שטייט אויף און זעט — די גאַנצע ערד איז באַדעקט מיט די טויטע קערפּערס פון אייערע קינדער! שטייט אויף, משה ואהרן, ערוואַכט פון אייער שלאָף! זעט, אייער תורה איז פאַרבּרענט מיט די כוהנים און לוויים צוזאַמען. שטייט אויף און זעט: מקוים זיינען געוואָרן אייערע נביאישע רייד: ווי וואַסער גיסט זיך בלוט אַרום ירושלים! ווייי איז אונז, די לעבן געבליבענע! וואָס מיר מוזן צוזען דעם שרעקלעכן חורבן! בעסער וואָלטן מיר אונזערע אויגן פאַרלאָרן, איידער צו זען ווי נאָטס הייליקטום ליגט אין שטויב און זיין היכל ברענט אין פייער! געפאַלן איז די קרוין פון אונזער קאָפּ, ווייי צו אונז פאַר אונזערע גרויסע זינד!.."[2].

עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס דער „יוסיפון" איז באַלד געוואָרן אַזוי פּאָפּולער ניט נאָר אין איטאַליע, נאָר בכל תפוצות ישראל. שוין אינם עלפטן יאָרהונדערט האָט אַן אַראַבישער ייד זכריא בן סהיד אל

---

1 דאָרטן, קאַפּ' 71—72, מאַנטואַנער אויסגאַבע, ז' 406 — 415.

2 מאַנטואַנער אויסגאַבע, 532 — 3. אין דעם שפּעטערדיקן וואַריאַנט, וואָס אבן יחייא האָט אָפּגעדרוקט, פעלט דאָס דאָזיקע ליד. אויף זיין אָרט געפינט זיך דאָרט אַן אַנדער ליד אין גראַמען. נאָר הן דאָס ליד, הן די שלום־שורות נאָך אים זיינען בלי־ספק אַ שפּעטערדיקע הוספה פון איינעם פון די אָפּשרייבערס און אינטערפּאָלאַטאָרס.

ימיני אַל־ישראלי, איבערזעצט דעם „יוסיפון" אויף אַראַביש [1], און ווי גאָר די דרוק איז ערשינען, האָט מען דעם „יוסיפון" אויך איבער־זעצט אויף פאַרשיידענע אייראָפּעישע שפּראַכן [2], און אים געדרוקט הן נאַנצערהייט הן אין פילע איבעראַרבעטונגען און פאַרקירצונגען.

1 געדרוקט אין 1872 אונטערן נאָמען „טאריקה יוסיפוס אל יהודי" אין ביירוט. פון אַראַביש איז דער „יוסיפון" אויך איבערזעצט געוואָרן אויף עטיאָפּישער שפּראַך.

2 אויף לאַטיין — דורך מאַנצער און ברייטהויפּט, אויף ענגליש — דורך מאַרחין, אויף יידיש — דורך מיכל אַדאַם און אַנדערע. אַלע איבערזעצונגען, חוץ דער לאַטיי־נישער, זיינען געמאַכט געוואָרן פונם שפּעטערדיקן וואַריאַנט, וואָס איז געדרוקט געוועזן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

צווייטער קאַפּיטל.

די ערשטע פּייטנים אין איטאַליע. — דער פּייטן שפטיה, זיין זון אמיתי און שלמה הבבלי. — די מדרשים-ליטעראַטור. — תנא דבי אליהו. — דער „זרובבל" און די האָפענונג אויף ביאת משיח. — די אגדה וועגן ארמילוס. — אחימעצס „ספר היוחסין" און זיין ליטעראַריש-היסטאָרישער ווערט.

אינם „יוסיפון", אין דעם אינטערעסאַנטן היסטאָרישן ווערק פון אַן אומבאַקאַנטן פאַרפאַסער, געפינען זיך, ווי מיר האָבן געזען, אויך אַזוינע בלעטער, וואָס געהערן צו אַ גאַנץ אַנדערער אַרט ליטעראַטור — צו רע-ליגיעזער פּאָעזיע. פילע פון די פּערזאָנען, וואָס ערשיינען פאַרן לעזער אינם „יוסיפון", ווענדן זיך אין געוויסע קריטישע מאָמענטן מיט זייער תּפילה צו גאָט, אָדער גיסן אויס זייער פאַרביטערט האַרץ אין פּרוּיעריקע קלאָג-לידער. דער געלערנטער דעליטש[1] האָט אָבער אַ טעות בעת ער מיינט, אַז די קינות און עלעגיעס, וואָס קומען פאָר אין „יוסיפון", זיינען די עלטסטע ביי די יידן אין איטאַליע. אַ-דאַנק דעם ניט לאַנג פאַרעפנטלעכטן „ספר יוחסין"[2] ווייסן מיר איצט גאַנץ זיכער, אַז נאָך אינם 9טן יאָרהונדערט האָט אין דער שוין אונז באַקאַנטער שטאָט אוריאַ געלעבט דער פּייטן שפטיה, וואָס איז ביז דער לעצטער צייט געווען כמעט ווי אַ לעגענדאַרע פּערזענלעכקייט, און קיינער פון די פאָרשער איז ניט געווען איִמשטאַנד מיט-צוטיילן וועלכע ס'איז פּרטים פון זיין לעבן[3]. איצט ווייסן מיר באַשטימט, אַז ער איז געווען אַ תּלמיד פון דעם אבו-אַהרן, דעם שוין אונז באַקאַנטן פאַרשפּרייטער פון יידישער קולטור אין דרום-איטאַליע. אבו-אַהרן, דער-ציילט דער „ספר יוחסין", האָט איינגעפירט שפטיהן אין אַלע סודות פון חכמת הנסתּר. און שפטיה האָט געשטמט ניט נאָר אַלס פּייטן, נייערט

---

1 „צור נעשיכטע", ז' 40.

2 וועגן דעם דאָזיקן בוך — ווייטער

3 זע, צום ביישפּיל, צונץ „סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע", 170.

אויך אַלס בעל־שם, וואָס קאָן באַווייזן וווּנדערלעכע ניסים[1]. זיין נאָמען איז געהייליקט געוואָרן און באַקרוינט מיט פילע פאַנטאַסטישע פאָלקס־לעגענדן; איינע פון די דאָזיקע אגדות פאַרבינדט זיין נאָמען מיט דעם גרויסן צורר היהודים, דער קיסר פון ביזאַנץ, וואַסיליאַ מוקדוני דער ערשטער. שפטיה דער „בעל הניסים" זאָל האָבן מיט דער הילף פון וווּנדערלעכע השבעות אויסגעהיילט דעם קיסרס איינציקע, גייסטיק־קראַנקע טאָכטער. דערפאַר, דערציילט ווייטער די לעגענדע, בעת מען האָט אַלע איבעריקע קהילות אין דער ביזאַנטישער מלוכה געגויט צום שמד, האָט שפטיה אינם יאָר 868 באַקומען פונם קיסר אַלס באַלוינונג אַ געחתמעטן באַפרייונגס־בריוו, לויט וועלכן דער קהילה פון אוריאַ[2] ווערט געשענקט דאָס רעכט פריי און אומגעשטערט מקיים זיין אַלע מנהגים און געבאָטן פון דער יידישער אמונה[3].

אָט די שרעקלעכע גזירות פון דעם ביזאַנטישן קיסר וואַסיליאַ, דעם „אין בלוט איינגעטונקטן נידערטרעכטיקן מערדער", ווי עס רופט אים דער

---

1 זיינע ניסים פלעגט שפטיה באַווייזן מיט דער הילף פון דעם מיסטישן בוך „ספר מרכבה", וואָס איז, ווי מיר האָבן פריער שוין אָנגעוויזן, אויך באַקאַנט אונטער די נעמען: „היכל רבתי" און „פרקי דר' ישמעאל" (זע „ספר יוחסין" ביי נייבויערן, ז' 125): „בביתו ספר מרכבה היה שבו שמש כל ימי חייו ר' שפטיה".

2 די שטאָט אוריאַ, ווי גאַנץ דרום־איטאַליע, איז דעמאָלט געווען אונטער דער ממשלה פון דער ביזאַנטישער מלוכה.

3 „ספר יוחסין", 115 — 117; ד. קויפמאַן, „די כראָניק דעם אחימעץ אוריא", 14 — 16; וועגן דער זעלבער לעגענדע דערציילט אונז אויך דער עלטסטער יידישער פאַר־פאַסער, וואָס איז אונז באַקאַנט אויס די סלאַווישע לענדער, אברהם בן עזריאל אויס בעמען אין זיין פירוש אויף מחזור „ערוגת הבושם". דאָרט ווערט דערציילט וועגן דעם פייטן שפטיה: „והוא ר' שפטיה אשר הציל חמש קהלות מן השמד בארץ יון שנטרפה בת המלך והוא רפא אותה בשם; ובקודם לכן הכריח יותר ממאה קהלות לטעותן שהיו כותשין אותם בבית הבד, ועליהם מיוסד בסליחה „אני יום אירא" (ד. קויפמאַן, „מאָנאַטשריפט", 1882, ז' 421). אַ ענלעכע מעלדונג האָט ש"ד לוצאַטאָ געפונען אין אַ האַנטשריפטלעכער זאַמלונג פון סליחות (ז. „אגרות שד"ל", 1148). אין דער סליחות־זאַמלונג, וואָס איז געדרוקט אין אַמסטערדאַם אינם יאָר 1785, געפינט זיך פאַר דער סליחה „ישראל נושע בה' " (ז' 13a) פאָלגנדיקע ערקלערונג: „זה הפזמון וסליחה ט', אני יום אירא" מצאתי שיסד אותם ר' שפטיה בגזירת פולו הרשע שגזר שמד בכל ארץ יון והכריח יותר מאלף קהלות לטעות ולא נשאר בכל ארץ יון רק ח' קהלות שהצילם ר' שפטיה על ידי שרפא בתו של אותו רשע שנטרפה דעתה ורפא אותה ע"י שם וביטל אותה גזירה שלא פשטה באותן ה' קהלות שבמלכות יון. וכך היו מכריחין את כל א' שהוא ממאן לטעותן היו מכניסין אותו לבית הבד ונותנין עץ עליו וכותשין זתים בבית הבד וזהו שיסד בסליחה חשוך השאר כתשם בבית הבד. ושמו חתום בפזמון הזה דהיינו: שעריך פחודים טובותיך יושעו הקשיבה, ר"ת שפטיה."

פאַרפאַסער פונם „ספר יוחסין״ (איש עולה ומרמה בדמים), האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין שפטיהס האַרציקער סליחה „ישראל נושע בה׳ ״, וואָס ווערט ביז היינטיקן טאָג געלייענט אין אַלע קהילות אין די סליחות-טעג:

„נאָר אין גאָט געפינט זיין שטענדיקע הילף דאָס פאָלק ישראל, העלף זשע אונז אויך איצט, דו האַר אין די הימלען! דו ביסט דאָך דער גאָט פון גרוים מיטלייד און באַרעמהאַרציקייט. זע! ווי די אָרעמסטע בעטלער קלאַפּן זיי אין דיינע טויערן, פאַרנעם זשע, דו דערהויבענער, זייער ביטער געבעט. ניטאָ די צרה, וואָס זאָל זיי ניט שרעקן, פון אומצייליקע שונאים געפּלאָגט און באַשפּאָט, פאַרלאָז זיי דאָך דו ניט, דו גאָט פון די אָבות. אין טאָג פון שטראָף און שרעקן באַשיץ זיי מיט דיין גענאָד, שיק זיי הילף און דערלייזונג אין זייער גרויסער נויט. באַפריי אונז אָפּן פאַר אַלע פעלקער אין די אויגן, זאָלן די רשעים ניט מער געוועלטיקן איבער אונז. צעשטער די מלכות פון שעיר [1], און זאָלן די דערלייזטע אויפשטייגן קיין ציון. דערהער זשע, אָ גאָט, זייער ווייגעשריי, זאָל זייער געבעט דיינע הימלען דערגרייכן! דו ביסט דאָך דער גאָט פון גרוים מיטלייד און באַרעמהאַרציקייט!״

לויט דעם „ספר יוחסין״ איז שפטיה געשטאָרבן אויפן זעקסטן טאָג נאָך דעם קיסר וואַסיליאָס טויט, ד״ה אינם דריטן סעפּטעמבער 886 [2]. זיין דיכטערישע באַגאַבונג האָט גערירשנט זיין זון, דער באַקאַנטער פּייטן אמיתּי. דער פאַרפאַסער פון „ספר יוחסין״ דערציילט וועגן דעם דאָזיקן פּייטן, אַז ער פלעגט פאַר זיינע פריינד און באַקאַנטע שרייבן אַלע אַרט לידער: אָדעס, פּזמונים, חתונות-שירים אד״גל; איז געשטאָרבן אַן אָנגעזעענער קהילה-מיטגליד, האָט אים אמיתּי באַוויינט אין אַ קלאָג-ליד. פאַר די לידער פלעגט ער קיין שום געצאָלט ניט נעמען, וואָרעם ער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש און האָט געהאַט אויסער דער שטאָט אַ גרויסן ווייגאָרטן. די אַלע געלעגנהייטס-לידער, וואָס אמיתּי האָט פאַרפאַסט, זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען, עס זיינען פאַרבליבן נאָר איייניקע זיינע רעליגיעזע פּיוטים און מחזורים [3], און יעדער פרומער ייד צו חצות, ווי אויך

---

1 „שעיר״ דאָס איז מלכות יוון. צוליב דער צענזור זיינען אין אַ סך סליחות, וואָס זיינען געדרוקט אין צאַרישן רוסלאַנד, די ווערטער: „כּלה שׂעיר״ איבערגעמאַכט אין: „כלה הרעה״.

2 דער קיסר וואַסיליא איז געשטאָרבן דורך אַן אומגליקס-פאַל אויף דער יאַגד דעם 29סטן אַווגוסט 886.

3 צונץ רעכנט אויס („ליטעראַטור-געשיכטע״, 166—8, 286) בערך 20 אַמיתּיס פּיוטים און סליחות. עס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז עס זיינען געווען צוויי פּייטנים, וואָס האָבן געטראָגן דעם נאָמען אַמיתּי, און דער צווייטער האָט געלעבט מיט אַ צוויי

אום יום-כפור צו „נעילה", ווען די זון נייגט זיך צום אונטערגיין, לייענט מען אין אַלע בתי-מדרשים און שולן מיט אַ האַרציקן טרויעריקן ניגון די שיינע רירנדיקע סטראָפן פון דעם אַלטן פייטן אמיתּי בן שפטיה:

„ד' ד', אל רחום וחנון! דו גאָט פון לייטזעליקייט, פון אמת און גרויס געדעכטיקייט...

„דערמאָן איך מיך, אַ גאָט, קלאָגט מיין האַרץ אין מיר: יעדע שטאָט, זע איך, הייבט שטאָלץ אויף איר קאָפּ, זיצט גאַנץ פעסט אויף איר גרונד, נאָר גאָטס הייליקע שטאָט איז געוואָרן צו שאַנד, טיף ווי דער אָפּגרונט איר שרעקלעכער בראָך. און דאָך טראַכט אונזער האַרץ נאָר וועגן גאָט, אונזער גאַנצע האָפענונג איז נאָר אויף גאָט! מיט דיין פּיטיג באַדעק אונז, דו מדת הרחמים! דערהויב צום אייביקן אונזער געבעט, בעט מיטלייד פאַר דיין פאָלק! זע, ווי צעוויטאָגט זיינען אַלע הערצער, און פול מיט יאוש יעדער געמיט! איך שמיץ מיין האָפענונג אויף דיין געטלעך וואָרט, איך האָף און גלויב — ניט געשלאָסן וועלן ווערן די טויערן פון רחמים פאַר די שטראָמען פון אונזערע טרערן. איך גיס דערפאַר אוים פאַר דיר מיין גאַנץ האַרץ, אָנטבלויזט זיינען דאָך אַלע הערצער פאַר דיר; וועסט אונז ניט פאַר-לאָזן אין זכות פון די אָבות. דו, וואָס פאַרנעמסט יעדן זיפץ און געוויין, אין דיין לאָגל נעם אויף אויך אונזערע טרערן. רעט אונז פון די אַלע גרוי-זאַמע גזירות, דו איינער ביסט דאָך אונזער האָפענונג און טרייסט!..".

שפטיה און זיין זון אמיתּי האָבן געשריבן אין אַ ריינער לייכט פאַר-שטענדלעכער שפּראַך. ווי דער „יוסיפון" אַזוי זיינען אויך זייערע פּיוטים געשריבן אין אַ סטיל, וואָס איז זייער נאָענט צום ביבלישן. און אין זייערע ווערק געפינען זיך גאַנץ ווייניק אויסדרוקן, וואָס זיינען גענומען פון דער שפּעטערדיקער, נאָך-ביבלישער תקופה. זייערע בילדער און פאַרגלייכונגען זיינען קלאָר און בולט. עס פילט זיך אין זיי דער לעבעדיקער אָטעם פון דיכ-טערישער באַגייסטערונג. זיי האָבן אָבער קיין אייגענע שול ניט באַשאַפן, און האָבן געהאַט זייער ווייניק נאָכפאָלגער אין איטאַליע. באַלד נאָך זיי, אינם צענטן יאָרהונדערט, הייבט זיך אָן אַלץ מער צו פילן ביי די איטאַל-יענישע פּייטנים די השפעה פון אלעזר קליר. ער ווערט גערעכנט פאַר אַ קדמון, פאַר אַ הייליקן תנא, און זיינע זייער הארבע און שווער-וואַגיקע פּזמונים, ווערן אָנערקענט אַלס העכסטער מוסטער, אַלס קלאַסישע מייס-

---

הונדערט יאָר שפּעטער, ווי עס איז זיך לייכט משער צו זיין אוים פאָלגנדיקער סטראָפע אין איינער פון זיינע תפילות:

„מדוע כל שכנים — מתוך חרבותיהם נבָנים — ואני חרי אלף וכמת שנים — בוכה על שני חרבנים". (ז' „אגרות שד"ל", 898).

טערווערק. וואָס ווייניקער פאַרשטענדלעך זיי זיינען געווען, אַלץ מער טיפֿקייט האָט מען אין זיי געזוכט, און יעדער פּייטן האָט גערעכנט פאַר אַ חוב נאָכצומאַכן קלירס פּיוטים. מער פון אַלע האָט זיך געפּלייסט אין דער היגזיכט דער באַגאַבטסטער פּייטן פון יענער צייט, שלמה בן יהודה הבבלי. זיינע סליחות און פּזמונים, ווי „אור ישע מאושרים", „אל נשא", „אחשבה לדעת" און פילע אַנדערע, דערמאָנען זייער שטאַרק מיט זייער הילצערנעם סטיל און אַלטמאָדישע אויסדרוקן דעם אַלטן קלירס פּיוטים. און דאָך איז שלמה הבבלי געווען בלי־ספק אַ מענטש מיט דיכטערישער באַגאַבונג, און דורך דעם שטייפן לבוש פון דער האַרבער, הילצערנער שפּראַך רייסט זיך דאָך צייטנווייז דורך דער פלאַם פון אמתער באַגייסטערונג. מיר ברענגען דאָ אין אונזער איבערזעצונג איינע פון זיינע „שלמוניות", די באַקאַנטע סליחה „אב לרחם", וואָס ווערט געלייענט ערב ראש־השנה:

„אב לרחם! דו גאָט פון רחמים און גרויס לייטזעליקייט! דו האָסט אונז דאָך ניט פאַרשעמט, אונז, קינדער פונם הייליקן בונד! אין גלות פאַרוואָגלט — דאָך ביסטו מיט אונז! פאַרגיב זשע אונזער זינד, אונזער שולד זיי אונז מוחל, גיב אונז דערלייזונג! וואַש אונז ריין פונם בלוטיקן פלעק; פון אונזער שטערן מעק אָפּ דעם צייכן פון זינד, דערלויכט אונזערע הערצער מיטן שטראַל פון פאַרצייונג, לאָז הערן דיין באַשלוס: פאַרגעבן ווערט דעם לעצט געבליבענעם רעשט.

„איינגעטונקט זיינען מיר אין לאַסטער פון זינד, ווי שרצים באַדעקט מיט עקלהאַפטן שמוץ — זאָל דיין ריינער קוואַל אונזער נשמה דערפרישן — דו ביסט דאָך דער גאָט פון ליבע און פאַרגעבונג!

„מיר זיינען פאַרוואָרפן פאַר אונזערע לאַסטער, ניטאָ די הייליקע וואַסערן, וואָס זאָלן אונז וואַשן ריין. פון דיין נאָמען וועגן, אַ גרויסער גאָט, פאַרגיב דעם פאָלק זיין שווערע זינד.

„נימאָ קיין גרענעץ צו דיין גענאָד. דו האָסט אַלץ פאַרגעבן דיין ווידערשפּעניק פאָלק, פאַרגיב אים אויך איצט זיינע גרויסע שולד.

„פאַרשפּרייט איבער אונז דיין הייליקן מאַנטל, דערוועק אונזערע הערצער צו נייעם לעבן, לערן אונז בלייבן געלייטערט און ריין, ניט משפּט אונז שטרענג, דו גאָט פון דערבאַרמען...

„פון אונזער טיפער דערנידערונג דערהויב אונז, אַ גאָט! שטיל און באַרויק אונזערע פאַראומערטע הערצער, זאָל נעמען אַ סוף מיט די טעג פון שאַנד און בראָך, זיי אונזער באַשיצער, האָב מיטלייד מיט אונז.

„אַ נישטיקער רעשט זייען מיר געבליבן; ווער אויסער דיר וועט האָבן מיטלייד מיט אונז. אונזער איינציקע שוץ איז דיין לייטזעליקייט בלויז.

הער־זשע אונז, אָ גאָט! פאַרנעם אונז, אָ גאָט! פאַרגיב אונז און העלף!..

„פאַר דיר זייַנען דאָך אָפן אַלע מענטשלעכע הערצער, ניטאָ פאַר דיר קיין פאַרבאָרגענע סודות. דו ווייסט, ווי אונזערע הערצער שמאַכטן אונטער דעם לאַסט פון זינד. זייַנען מיר צו דיר געקומען בעטן טרייסט און הילף, צו דיר, דעם גאָט פון רחמים, פון גענאָד און לייטזעליקייט!..״

צוזאַמען מיט רעליגיעזער פּאָעזיע האָבן זיך דעמאָלט אויך באַוויזן אין איטאַליע שפּראָצונגען פון דער אייגנאַרטיקער דידאַקטיש־דערציילערישער מדרש־ליטעראַטור. דאָ מוזן מיר זיך קודם־כל אָפּשטעלן אויף אַן אינטערעסאַנט ווערק, וואָס איז פאַרבונדן מיטן נאָמען פון דעם באַליבטסטן העלד אין דער יידישער פאָלקס־לעגענדע — מיט אליהו הנביא. דאָס איז דער באַקאַנטער מדרש „תנא דבי אליהו רבא״ [1]. איינגעהילט אין סוד איז דער נאָמען פון זיין פאַרפאַסער, דאָס אָרט פון זיין געבורט, און ניט אין גאַנצן פעסטגעשטעלט איז אויך די צייט, ווען ער האָט געלעבט. אין אַ פּאָר ערטער אינם מדרש גופא, ווי צום בייַשפּיל אינם לעצטן, איין־און־דרייַסיקסטן קאַפּיטל, ווערט אַפילו בפירוש אָנגעוויזן, אַז „עס זייַנען פאַרגאַנגען 900 יאָר זינט חורבן בית שני״ [2], דאָך האָבן אייניקע פאָרשער, ווי, צום בייַשפּיל, וו. מאַרקאָן [3], געפּרוּווט דערווייזן, אַז דאָס זייַנען שפּעטערדיקע הוספות און דער „אליהו רבא״ איז אַ קדמונישער ספר, וואָס איז געשריבן געוואָרן נאָך בימי חכמי התלמוד. דאָס רוב פאָרשער האַלטן זיך אָבער אין דער דעה, אַז דער מדרש איז געשריבן געוואָרן טאַקע אין צענטן י״ה [4], נאָר אַ טייל פון זיי, ווי ש. י. ראַפּאָפּאָרט, האָבן אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז דער אומבאַקאַנטער פאַרפאַסער האָט געלעבט אין בבל; מיר זייַנען אָבער מער נוטה צו גרעצעס און נידעמאַנס מיינונג, אַז דער מדרש „אליהו רבא״ איז פאַרפאַסט געוואָרן אין איטאַליע און זיין פאַרפאַסער האָט געשטאַמט פון רוים, וואָס פלעגט אָפט אין דער העברעישער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור אָנגערופן ווערן מיטן נאָמען בבל. עס איז אָבער זייער וואַרשייַנלעך, אַז דער אומבאַקאַנטער פאַרפאַסער האָט דערבייַ אין געוויסער מאָס אויסגענוצט אַן עלטער ווערק, וואָס שטאַמט פון ארץ־ישראל. דער פאַרפאַסער האָט, ווי עס שייַנט, פיל געוואַנדערט איבער דער

---

1 דער צווייטער טייל, אליהו זוטא, איז ווי עס שייַנט פאַרפאַסט געוואָרן שפּעטער.

2 ומשנחרב הבית האחרון עד עכשיו הרי תשע מאות שנה.

3 „מספרותנו העתיקה״, 1910, 26—46. מאַרקאָנס באַווייזן זייַנען ווייניק איבערצייַגנדיק.

4 ז. צונץ, „גאָטעסדינסטליכע פאָרטרעגע״, 2טע אויפלאַגע; 119—124; פּאָגעלשטאַם אונד ריגער, צייט. וו., 200—203.

וועלט [1], האָט באַזוכט די גרויסע יידישע קהילות אין בבל, געווען אויך אין אַלטן רוים, וועלכן ער רופט אָן „פרך גדול שבעולם" (די גרויסע וועלט-שטאָט). זיינע וויסנשאַפטלעכע ידיעות זיינען געווען גאַנץ קנאַפע און אין דער הינזיכט איז ער ניט געשטאַנען העכער פונם רוב תלמידי חכמים אין איטאַליע. נאָר זיינע שטענדיקע רייזעס האָבן פאַרברייטערט זיין וועלט-אָנשויונג און אין זיינע מוסר-רייד פילט זיך דער מענטש מיטן ברייטן קוק, וואָס פאַרהאַלט זיך מיט טאָלעראַנץ צו פרעמדע רעליגיעזע אָנשויונגען. אמת, דער גאָטספאָרכטיקער פאָטפאַסער איז זיך מתרעם אויף די איטאַליענישע יידן פון יענער צייט דערפאַר, וואָס זיי נעמען גערן איבער די מנהגים פון די קריסטלעכע שכנים, עסן מיט זיי צוזאַמען ביי איין טיש און זיך אַפילו צייטנווייז משדך מיט זיי[2]. עס איז ניטאָ די אומה, וואָס זאָל ניט רודפן יידן, ווייזט אָן דער פאַרפאַסער, און דאָס איז אַלץ דערפאַר, וואָס „אברהם אבינו" האָט געשלאָסן אַ בונד מיט אַ געצנדינער — אבימלך (קאַפּ' 7). „אַ ייד דאַרף זיין געהיט ער זאָל ניט עסן מיט קיין געצנדינער ביי איין טיש", וואָרנט דער „תנא דבי אליהו". „עס איז קלאָר: ווער ס'עסט מיט אַ געצנדינער צוזאַמען ביי איין טיש, איז גלייך ווי ער דינט אַליין עבודה-זרה" [3]. און ווייטער דערציילט דער פאַרפאַסער אַ מעשה וועגן אַ בתולה אַ צדקת, וועלכע האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן פונם דאַך און איז געהרגעט געוואָרן נאָר דערפאַר, וואָס איר פאָטער, דער עם-הארץ, האָט איר געוואָלט חתונה-מאַכן פאַר אַ גוי, מיט וועלכן ער האָט זיך געחברט און גענעסן און געטרונקען צוזאַמען [4]. און טאַקע דער זעלבער פאַרפאַסער, וואָס שטייט פעסט אויף דעם שטאַנדפונקט, אַז יידן דאַרפן זיין אַ „עם לבדד ישכון", אַ פאָלק, וואָס לעבט אָפּגעזונדערט פון אַנדערע אומות, — איז איבערצייגט, אַז י ע ד ע ר מענטש איז אַ אָפּבילד פון גאָט, און ער באַווייזט דערביי אַזאַ ברייטע טאָלעראַנץ, צו וועלכער מען איז אין יענער פינסטערער צייט בכלל ניט געוויינט געווען. „הימל און ערד נעם איך פאַר עדות — ערקלערט מיט פאַטאָס דער פאַרפאַסער — סיי אַ ייד, סיי אַ געצנדינער, סיי אַ מאַן, סיי

1 פילע זיינע מעשיות הייבן זיך אָן מיט דער באַמערקונג: „פעם אחת הייתי עובר ממקום למקום" (זע, צ"ב, קאַפּ' 14, 18, 20, 23 א"אַ).

2 מען דאַרף דאָ נעמען אין באַטראַכט, אַז אין יענער צייט האָבן פילע איטאַליענישע יידן זיך פאַרנומען מיט ערד-אַרבעט און מיט וויינגערטנער.

3 דאָרטן, קאַפּיטל 8, אין אָנפאַנג און צום סוף, 12 א"ח. אין אייניקע אויסגאַבן שטייט „עובדי כוכבים", אין אַנדערע „כשדים". מיר ציטירן לויט דער וואַרשעווער אויסגאַבע פונם יאָר 1880.

4 קאַפּ' 21 : מעשה בבת אחת שהיה אביה הבר לעכו"ם וכו'.

א פרוי, סיי א קנעכט, סיי א דינסט — אויף יעדן פון זיי רוט דער רוח הקודש לויט זיינע מעשים נאָך"[1]. אין אן אַנדער קאַפּיטל לייענען מיר: „איך האָב צו אים אַזוי געזאָגט: מיין זון! עס שטייט אין דער תורה געשריבן: לא תעשוק את רעך ולא תגזול, זאָלסט ניט באַרויבן דיין נאָענטן; דיין נאָענטער — דאָס איז דער כנעני, דער אַנדערשגלויביקער, ער דאַרף ביי דיר זיין ווי דיין ברודער אַליין (רעך הרי הוא כאחיך). דערפון איז געדרונגען, אַז אָפּנאַרן אַ נכרי איז אַ גרויסע זינד[2]. דער גאָטספאָרכטיקער פאַרפאַסער האַלט נאָמירלעך זייער פיל פונם למוד התורה. ווען אַ מענטש— זאָגט ער — האָט אַפילו הונדערט זיינע אייגענע הייזער, הונדערט וויינגערטנער און הונדערט פעלדער — דאַרף ער אַלץ איבערלאָזן און גיין אין בית-המדרש אַריין לערנען תורה. נאָר דאָס וויסן, וואָס דער מענטש האָט דערוואָרבן, טאָר ער ניט באַהאַלטן פאַר זיך — ער איז מחויב דאָס אַלץ אויסנוצן לטובת הכלל. „ווען אַ מענטש איז אַפילו קלוג ווי משה רבנו, פרום ווי אהרן הכהן, טאָר ער דאָך ניט זאָגן: „ווייל איז מיר, גוט איז מיר, איך וועל מיר זיצן במנוחה ביי זיך אין מיין הויז. ניין — ער דאַרף גיין צום צבור און נעמען אָנטייל אין יענעמס צער און ליידן" (קאַפּ' 20).

אָט דער דאָזיקער אַקטיווער ריין=געזעלשאַפטלעכער מאָטיוו, לאָזט זיך זייער שאַרף הערן אין דעם גאַנצן בוך. כאַראַקטעריסטיש איז פאָלגנדיקע שטעלע: „ווייסט איר פאַרוואָס אין די צייטן פון די שופטים זיינען אין דעם טאָל פון בנימין אומגעקומען גאַנצע 70 טויזנט נפשות? ווייל די פירער פונם פאָלק זיינען מחויב געווען פאַרקאַטשען איבער די קני די פאָלעס, אָנגורטן די לענדן מיט אייזערנע שטריק און שפּאַנען איבער אַלע יידישע שטעט, איין טאָג אין לכיש, איין טאָג אין בית=אל, איין טאָג אין חברון, און אַזוי אין אַלע יידישע קהילות, און לערנען דאָרט דאָס פאָלק דרך=ארץ, ווי אַזוי צו הייליקן און צו דערגרויסן דעם נאָמען פון גאָט ברוך=הוא איבער אַלע וועלטן. זיי האָבן אָבער ניט אַזוי געטאָן. ווי נאָר זיי זיינען אַריין אין לאַנד, האָט יעדער באַזונדער ראשו ורובו זיך אָפּגעגעבן מיט זיין פעלד און וויינגאָרטן; אין זינען געהאַט נאָר זיין רו און זיין ווילטאָג, און גאָרניט געטראַכט וועגן טובת הכלל" (קאַפּ' 11).

ווי הויך אין „תנא דבי אליהו" ס'ווערט ניט געשעצט דער לימוד התורה, ווערט דאָך דערביי אָנגעוויזן, אַז עס איז דאָ נאָך העכערס, און

---

1 דאָרטן, אָנפאַנג קאַפּ' 9: „מעיד אני עלי את השמים ואת הארץ: בין ישראל בין עובד כוכבים, בין איש בין אשה, בין עבד בין שפחה, הכל לפי המעשה שהוא עושה כך רוח קודש שורה עליו".

2 קאַפּ' 15: „כתיב לא תעשוק את רעך... רעך הרי הוא כאחיך ואחיך הרי הוא כרעך הא למדת שגזל העכו"ם אסור כי גזל הוא".

נאָך וויכטיקערס — דער מענטש גופא. אַ תלמיד האָט ביי אים געפרעגט: „רבי! צוויי זאַכן זיינען פאַראַן אויף דער וועלט, וואָס איך ליב זיי מיטן גאַנצן האַרצן: די תורה און דאָס פאָלק ישראל. איך ווייס אָבער ניט, ווער פון זיי איז בילכער?" האָב איך אים געענטפערט: „דער רוב רעכנט, אַז די תורה איז בילכער... אָבער איך זאָג דיר: ישראל איז וויכטיקער" [1].

דער „תנא דבי אליהו" האַלט אויך ניט פון סיגופים און פייניקן זיך, און רעכנט עס פאַר אַ „שלעכטן סימן", ווען איינער האַלט זיך ניט פון עולם הזה און לעבנס-ווילמאָגן [2].

דאָס גאַנצע בוך איז געשריבן אין אַ האַרציקן סטיל; זיינע מוסר-רייד פאַרענדיקט דער פאַרפאַסער גאַנץ אָפט מיט אַ געבעט צום „פאָטער אין הימל" (אבינו שבשמים) [3]. און אונזער „פאָטער אין הימל" איז, לויט דער איבערצייגונג פונם פאַרפאַסער, לויטער חסד און לייטזעליקייט. „מיר דאַרפן — דערמאָנט ער שטענדיק — דאַנקען און לויבן דעם הקב"ה פאַר זיינע גרויסע גענאָדן". די סודות פון חכמת הנסתר אינטע-רעסירן אים דווקא גאַנץ ווייניק. ער קוקט אויף דער וועלט מיט גלויביקע, אָבער ניכטערע און קלאָרע אויגן; דערפאַר איז אויך זיין סטיל אַזוי פשוט און איינפאַך, אָן רמזים, אָן רעמעניש, אָן „צירופי אותיות" און גמטריאות.

גאָר אין אַן אַנדער נוסח איז געשריבן אַ צווייטער מדרש פון יענער צייט, וואָס זיין געבורטסאָרט איז געווען בלי-ספק איטאַליע. „ספר זרובבל" הייסט דער דאָזיקער קליינער מדרש, און געשריבן איז ער אינם סטיל פון דעם ביבלישן בוך „דניאל" [4]. זרובבל, אַ „חוטר מגזע ישי", דער שפּראָצליגג פון מלכות בית דוד, האָט געוואָלט זיך דערוויסן, וואָס עס וועט זיין „באחרית הימים", ווען וועט זיין דער „קץ", און משיח דער גואל וועט קומען. האָט אים אַ ווינט אויפגעהויבן, צווישן הימל און ערד אים געטראָגן, און געבראַכט אים אין „דער שטאָט פון בלוט", אינם זינ-

---

1 דאָרטן, קאַפּיטל 14, ז' 267.

2 דאָרטן, ז' 258: „כל הקץ בחיים טובים בעולם הזה סימן רע לו".

3 זע, למשל, ענדע קאַפּ' 19.

4 דאָס ערשטע מאָל געדרוקט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין יאָר 1519, איבערגע-דרוקט אין סוף פונם ספר „כלביאל" אין יאָר 1819, און אויך אין יעלינעקס „בית המדרש", II.

ריקן רוים. איז ער געקומען אויפן מאַרק פון שאַנד, און באַגעגנט דאָרטן אַ מענטשן, וואָס זײַן אויסזען איז געווען עקלהאַפט און נמאס. און אָט דער נמאסער מענטש האָט זרובבלען ערקלערט, אַז דאָס איז ער עס דער משיח פון מלכות בית־דוד, אויף וועלכן עס קוקט אַזוי אַרום דאָס צעזייטע פאָלק ישראל. מיט שרעק און מיט שוידער האָט זרובבל געקוקט אויף דעם שענדלעכן מענטשן, און פּלוצלונג איז דער אומבאַקאַנטער פאַרענדערט געוואָרן: שיין און לײַכטנדיק איז געוואָרן זײַן פּנים... און זרובבל האָט אים דערקענט, דעם ליכטיקן גואל... וואָרם אַזוי איז דער ווילן פונם באַשעפער פון אַלע וועלטן, דעם גרויסן גאָט פון ישראל, אַז געקאָוועט אין קייטן און אין שרעקלעכע יסורים זאָל שמאַכטן דער ליכטיקער גואל, דער דערלייזער פון דער וועלט, דאָרט אין „דער שטאָט פון בלוט..." ביז די באַשטימטע צייט וועט קומען, און דערמאָנען וועט זיך גאָט אין זײַן פאַרוואָגלט פאָלק. אַראָפּפאַלן וועלן דעמאָלט די קייטן פון דעם ליכטיקן גואל, און ערשײַנען וועט ער אין זײַן גאַנצער פּראַכט און שיינקייט...

און פּלוצלונג האָט זיך פאַר זרובבלען אַ נײַע ערשײַנונג אַנטפּלעקט, אַ זעקס־פליגלדיקער מלאך, מטטרון שר הפּנים. גאָטס שליח האָט זיך באַוויזן פאַר אים און אויפגעדעקט פאַר אים דעם גרויסן סוד: נאָך אין די טעג פון נבוכדנאצר, גלייך נאָכן חורבן בית ראשון, איז משיח געבאָרן געוואָרן, און דער פון גאָט געשיקטער ווינט האָט אים אין דער וועלטשטאָט אין רוים פאַרטראָגן, און דאָרט אים באַהאַלטן ביז עס וועט קומען דער גרויסער טאָג פון דער ליכטיקער גאולה. אַלץ ווײַטער האָט מטטרון פאַר זרובבלס אויגן אויפגעוויקלט די געטלעכע מגילה פון טיפע קומענדיקע סודות, וואָס ליגן באַהאַלטן אינעם שוים פון „אחרית הימים". און מטטרון האָט ווײַטער דערציילט: דער נאָמען פון דעם גואל, וואָס דו זעסט איצט פאַר דיר, איז מנחם בן עמיאל. נאָך איידער עס וועט קומען די צייט, ווען משיח וועט דאַרפן נתגלה ווערן, וועט זיך באַווײַזן זײַן פאָרגייער, משיח בן יוסף, וואָס זײַן נאָמען וועט זײַן נחמיה בן חושיאל. יענער וועט צונויפזאַמלען דעם קיבוץ גליות קיין ירושלים און דאָרט וועט דאָס גאַנצע פאָלק מקריב זײַן קרבנות דרײַ חדשים נאָכאַנאַנד. און מטטרון האָט זרובבלען געוויזן אַ שטיינערנע פרויען־פיגור און האָט אים געזאָגט: „זיי וויסן, אַז דורך דעם באַהעפטן זיך פון דעם ס"מ מיט דער דאָזיקער שטיינערנער פרוי, וועט געבוירן ווערן דער שרעקלעכער אומגעהויער, אַרמילוס. פּחדיימדיק וועט זײַן דער אויסזען פון דעם דאָזיקן זון פון דעם שטן און דער שטיינערנער פרוי: אינגאַנצן באַוואַקסן מיט רויטע האָר, צוועלף אײלן וועט האַלטן זײַן וווּקס און ביז צו די קנעכלען וועלן דערגרייכן זײַנע הענט;

ניפט און שרעק וועט פארשפרייטן זיין בליק [1]. ארמילוס וועט איינגע־מען די גאנצע וועלט, קיינער וועט ניט זיין אימשטאנד אים זיך אנטקעגנ־שטעלן; ער וועט הרגענען דעם משיח בן יוסף און ווידעראמאל צעשפרייטן דאס יידישע פאלק איבער דער גאנצער וועלט. און נאכדעם ווי משיח בן יוסף וועט געהרגעט ווערן, וועט זיין שטעקן איבערגעגעבן ווערן אויף גאנץ באפעל אין די הענט פון חפצי־בה, די מוטער פון מנחם בן עמיאל (דער משיח בן דוד). דער דאזיקער שטעקן איז דער וונדער־שטעקן, וואס איז געווען ביי משה ואהרן אין די הענט בעת זיי זיינען צו פרעהן געגאנגען, ס׳איז דער זעלבער שטעקן, וואס איז געווען ביי דוד המלך אין די הענט, און שטאמט נאך פון אדמען מיט שתן; אים האט אליהו בן אליעזר בא־האלטן אין א הייל, לעבן דער שטאט רקת (טבריה) און פון דארטן האט אים ארויסבאקומען דער משיח בן יוסף. אט מיט דעם דאזיקן וונדער־שטעקן וועט ארויסטרעטן חפצי־בה, די מוטער פון מנחם בן עמיאל; אלע שטערן און מזלות וועלן מלחמה האלטן פאר איר, און זי וועט באקומען צוויי שטארקע מלכים, די גרעסטע פיינד פון ציון. און ווען עס וועלן דער־פילט ווערן ניין הונדערט און ניינציק יאר זייט ירושלים איז חרוב געווארן (ד״ה אינם יאר 1058), וועט די מוטיקע פרוי חפצי־בה איבערגעבן דעם מטה אהרן אין די הענט פון איר זון מנחם. און עס וועט זיך באווייזן דער ליכטיקער גואל אין דעם טאל ארבאל. אנפאנגס וועלן די פירער פונם פאלק ישראל זיך פארהאלטן צו אים מיט חשד, דעמאלט וועט זיך דער גואל בא־ווייזן אין זיין גאנצער פראכט און שיינקייט; אויף זיין רוף וועט ערשיינען אליהו הנביא, און אויפשטיין פון זיין קבר וועט דער משיח בן יוסף, נחמיה בן חושיאל. און אלע דריי: דער ליכטיקער גואל מיט זיינע צוויי שלוחים, וועלן אריינטרעטן אין די טויערן פון דער הייליקער שטאט ירושלים. און פון די טיפעניש פונם ים וועלן אויפשטיין אלע קדושים, וואס זיינען אומ־געקומען אויף קדוש־השם. ציטערן וועט די ערד און וואקלען וועלן אירע גרונטן, און באקרוינט מיט פרייד וועלן פון אלע עקן פון דער וועלט זיך צונויפקומען די אויסגעלייזטע קינדער פונם פאלק ישראל. מיטן בלאז פון

---

[1] די לעגענדע וועגן ארמילוס, דעם זון פונם שטן און די שטיינערנע פרוי, געפינט זיך אויך אין אייניקע אנדערע מדרשים, ווי „תפלות ר׳ שמעון בן יוחאי״ („בית המדרש״, IV, 124), „אותיות המשיח״ (דארטן, II, 60) אין „מדרש ויושע״. אין דעם „מדרש אותיות המשיח״ ווערט דערביי אנגעוויזן, אז ארמילוס, דאס איז דער, וואס „די אומות העולם רופן אים אנטיקריסטוס״. דאס באווייזט, אז די דאזיקע לעגענדע איז איבערגענאנגען צו די יידישע מדרשים אויס קריסטלעכע קוועלן. וועגן דעם צוזאמענהאנג פון דער ארמילוס־לעגענדע מיט דער אלטער אגדה, אז דער דיכטער ווירגילי האט געמאכט א וונדער־שיינע פרויען־סטאטוע, זע בײ גידעמאן, „התורה והחיים״, II, ביילאגע IV.

זיין אָטעם וועט משיח בן דוד דערהרגענען דעם אויסוואָרף פון רשעות — דעם ארמילוס; ווידער ווי אַמאָל וועט זיך דאָס בית־המקדש דערהויבן איבער אַלע פינף שפּיצן פון ציון, און דאָס פאָלק ישראל וועט אויף אייביקע צייטן ירשענען זיין לאַנד..."

* * *

דאָס „ספר זרובבל" דערציילט וועגן דעם, וואָס עס וועט געשען — „באחרית הימים". בערך אין איין צייט מיט אים איז אין דעם זעלבן אי־טאַליע פאַרפאַסט געוואָרן אַ בוך, וואָס דערציילט נאָר וועגן דעם, וואָס ס'איז שוין פריער געשען אין די פאַרגאַנגענע דורות. דאָס איז די אָפּט פון אונז ציטירטע כראָניק „ספר יוחסין". בלויז איין איינציקע אָפּשריפט איז צו אונז דערגאַנגען פון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן בוך. מען האָט זי גע־פונען אין שפּאַניע אין דער קאַטעדראַל־ביבליאָטעק פון טאָלעדאָ, און נייבויער האָט זי אָפּגעדרוקט אינם סוף פונם 19טן יאָרהונדערט [1].

דער פאַרפאַסער ווייזט אָן גאַנץ גענוי און סוף פון זיין ווערק ניט נאָר זיין נאָמען, נאָר אויך די שטאָט און דאָס יאָר, ווען ער האָט זיין כראָניק פאַרפאַסט. „איך אחימעץ בר' פלטיאל בר' שמואל — מעלדעט דער פאַרפאַסער — האָב אין מיין וווין־שטאָט אוריאָ (אוירי קריית חנייתי) אינם יאָר פיר טויזנט אַכטהונדערט און פערצן לבריאת עולם (1054) צונויפגעזאַמלט מיין ספר יוחסין" (אספתי זה ספר יחוסי) [2]. אחימעץ בן פלטיאל, ווי מיר זעען, האָט בכלל ניט בדעה געהאַט אָנצושרייבן אַ היס־טאָרישע ווערק, ער האָט בלויז געוואָלט שרייבן „דעם ספר פון זיין יחוס". אַן אוראייניקל פון די פייטנים שפטיה און אמיתי, האָט אחימעץ בן פלטיאל זיך געשטעלט די באַשיידענע אויפגאַבע אויפשצושרייבן די כראָניק פון זיין אייגענער פאַמיליע פאַרן משך פון די לעצטע צוויי הונדערט יאָר (פון מיטן 11טן ביזן מיטן 9טן יאָרהונדערט; פאַרצייכענען לזכרון אַלץ, וואָס אים איז באַקאַנט אויס דעם לעבן פון זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס. נאָר אַגב אורחא, באַשרייבנדיק די געשיכטע פון זיין משפחה, וואָס האָט גע־געבן אייניקע באַדייטנדיקע פערזענלעכקייטן, באַריט דער פאַרפאַסער אויך פילע אינטערעסאַנטע היסטאָרישע געשעענישן און באַקענט אונז

---

1 אין „ספר חכמים וקורות הימים", ב' II, 111—132.

2 אחימעץ בן פלטיאל איז געבאָרן געוואָרן אינם יאָר 1017. זיין חיבור האָט ער אָנגעשריבן ווען ער איז אַלט געווען 37 יאָר. ווי עס שיינט, איז אים באַקאַנט געווען דער מדרש „ספר זרובבל", ווייל אין סוף פון זיין „ספר יוחסין", ווו ער זאָגט אַרויס דעם ווונטש, אַז נאָך ביים לעבן פון זיינע צוויי קינדער זאָל משיח קומען, ווערט אונטערגעשטראָכן: „ויצמח גואל הוא מנחם בן עמיאל ונחמיה בן חושיאל".

מיט כאַראַקטעריסטישע פּרטים אויס דעם קולטורעלן לעבנסשטייגער פון די יידן אין איטאַליע און אַמאַליקע צייטן, אין יענער אַלטער תקופה, וואָס איז אָפּגעטיילט פון אונז מיט גאַנצע טויזנט יאָר.

אויף דעם געשיכטלעכן ווערט פון אַחימעצס כראָניק האָבן מיר שוין מערערע מאָל אָנגעוויזן; איצט וועלן מיר זי באַטראַכטן אויסשליסלעך אַלס אינטערעסאַנטן קולטור-ליטעראַרישן דענקמאָל אויס דעם טיפּן מיטלאַלטער. עס איז בכלל ניט קיין צופאַל, וואָס אין „ספר יוחסין" ווערן אַזוי אָפט דערמאָנט די מלחמות, וואָס די אַראַבער האָבן געפירט אין אַפּוליע און קאַלאַבריע. די אַראַבישע השפּעה איז אין יענער צייט געווען זייער גרויס אין דרום-איטאַליע, און זי פילט זיך אויך אין דעם גאַנצן נוסח פון אַחימעצס כראָניק. דער „ספר יוחסין" איז געשריבן אין סטיל פון די אַראַבישע מאַקאַמען. אין דער געריימטער פּראָזע זיינען (אמת, בלויז אין זעלטענע פאַלן) איינגעפלאָכטן געריימטע לידער, ווי צום ביישפּיל, חננאלס געבעט: „אל אדון על כל העולם" (ז' 121) אָדער די קינה „אתן צדק לאלי" צום אָנדענק פון דעם אַסטראָנאָם און מיניסטער פּלטיאל (ז' 130). אויך אין פילע אויסדרוקן פילט זיך די השפּעה פון דער אַראַבישער שפּראַך[1]. נאָר אַחימעצס סטיל דערגרייכט נאָך לאַנג נישט צו דער מייסטערשאַפט, וועלכע זבירה און אַנדערע. אחימעצס אויסדרוקן זיינען נאָך ערטערווייז אומבאַהאָלפן, עס באַמערקט זיך אויך ניט זעלטן, ווי קנאַפּ די גראַמאַטישע ידיעות זיינען נאָך דעמאָלט געווען ביי די איטאַליענישע יידן. דאָך איז אַחימעצס שפּראַך געוואָגנד רייך און ער באַווייזט אַ גרויסע בקיאות אין דער ביבלישער און נאָך-ביבלישער ליטעראַטור.

ווי דער פאַרפאַסער פונם „יוסיפון", אַזוי מאַכט אויך אַחימעץ בן פּלטיאל קיין שום אונטערשייד ניט צווישן שטרענג פעסטגעשטעלטע היסטאָרישע פאַקטן און פשוטע פאָלקס-אגדות. די פאַנטאַסטישע לעגענדעס דערוועקן ניט אין אונזער פאַרפאַסער דעם מינדסטן חשד, און ער ניט זיי איבער ווי וואָרע געשיכטלעכע געשעענישן. נאָר טאַקע די דאָזיקע לעגענדעס און וואונדערלעכע מעשיות, וואָס ווערן דערציילט מיט אַזאַ נאַיווער פשטות, זיינען זייער אינטערעסאַנט, ווייל עס שפּיגלט זיך אין זיי אָפּ בולטסטן אָפּ דער קולטורעלער מצב פון יענער צייט.

דאָס רוב לעגענדעס, וואָס ווערן געבראַכט אין „ספר יוחסין", זיינען פאַרבונדן מיט די נעמען פון אבו אהרן און דעם פּייטן שפטיה. ביי

[1] זע חענן דעם ד. קויפמאַן: „די כראָניק דעם אַחימעץ ב. אוריאַ", 30.

ר' אליעזר אוים וואָרמס ווערט דערציילט [1], אַז אַבו אַהרנס פאָטער איז געווען „שמואל דער נשיא אין בבל". אין „כתר יוחסין" אָבער פיגורירט אַבו אַהרן אַלס זון פון אַ רייכן מילנער אין באַגדאַד. און עס ווערט דאָרט דערציילט, ווי דער פאָטער האָט אַמאָל געלאָזן זיין זון אַכטונג געבן ביי דער מיל. האָט זיך אָבער דער יונגער אַבו אַהרן פאַרטיפט אין זיינע למודים און אין דער צייט האָט אַ לייב פאַרצוקט דעם אייזל, וואָס האָט געבראַכט אין באַוועגונג די מיל-שטיינער. דער יונגער בעל-קבלה האָט לאַנג ניט געטראַכט און מיט השבעות און שמות געצוואונגען דעם לייב גיין אין געשפּאַן אויפן אָרט פונם פאַרצוקטן אייזל. גראָד קומט אָן דער פאָ-טער און ער זעט מיט שטוינען און שרעק, ווי דער מלך פון די חיות אַרבעט געבעך מיט אַ געבויגענעם רוקן ווי אַ פּשוטער אייזל. דער מילנער פון באַגדאַד האָט אין דעם דערזען אַ שטיקל מרידה קעגן דעם סדר העולם: ס'טייטש, נעמען אַ מלך, וואָס איז באַשאַפן צו געוועלטיקן, ער זאָל גאָר גיין אין געשפּאַן און שווער אַרבעטן ווי אַ לאַסט-חיה. האָט דער פאָטער גוזר געווען אויף זיין זון, ער זאָל אַלס עונש פאַר זיין חוצפה נע-ונד זיין גאַנצע דריי יאָר, „ואז שוב לארצך" און ערשט דערנאָך צוריק אַהיים קו-מען. דער יונגער אַהרן איז אַוועק קיין יפו און דאָרט זיך געזעצט אויף אַ שיף, וואָס האָט געהאַלטן ביים אָפּפאָרן. אויפן אָרט פון געצאָלט האָט אַהרן געגעבן דעם קאַפּיטאַן פון דעם שיף אַ הבטחה, אַז זיין שיף וועט אָפּפאָרן בשלום און עס וועט אים קיין אומגליק ניט טרעפן אויפן וועג. מיטן שיף איז אַהרן אָנגעקומען צו דער איטאַליענישער האַפן-שטאָט — גאַעטאַ — און הייבט דאָרט גלייך אָן באַווייזן ניסים.

עס איז גראָד געווען ערב-שבת, האָט זיך אַבו אַהרן אָפּגעשטעלט ביי אַ יידן אויף שבת. ער האָט אָבער באַלד באַמערקט, אַז דער ייד איז ניט קוקנדיק אויפן הייליקן טאָג, אין גרויסער מרה-שחורה. יענער האָט אים ערקלערט, אַז אים האָט אַן אומגליק געטראָפן: זיין יינגעלע, אַ בן-יחיד, איז פאַרפאַלן געוואָרן. גלייך נאָך הבדלה ליינט אַבו אַהרן פאַר דעם יידן, ער זאָל מיט אים גיין אויף דעם וועג, אויף וועלכן עס פלעגט שטענדיק גיין שפּאַצירן זיין יינגעלע. דער דאָזיקער וועג האָט זיי פאַרפירט גלייך צו אַ הייזל, וווּ עס האָט געוווינט אַן אַלטע מכשפה. די אַלטע האָט אין דער התחלה געלייקנט שטיין און ביין; אַבו אַהרן האָט זיך אָבער ניט געלאָזט נאַרן. לעבן דעם הייזל איז געשטאַנען אַן אייזל, צוגעבונדן מיט אַ שטריק. אַבו אַהרן האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געבעך דאָס פאַרלאָרענע יינגעלע, וועלכן די מכשפה האָט פאַרכישופט, בכדי צו אַרבעטן מיט אים

---

1 זע אויבן, ז' 88.

עבודת פּרך. אַבו אַהרן האָט ניט געמאַכט קיין לאַנגע טענות: ער האָט אָפּגענומען ביי דער מכשפה דעם אייזל, מיט השבעות צעשטערט דעם כישוף, און דער גליקלעכער פאָטער האָט פאַר זיך זיין בן־יחיד דערזען [1]. ניט קיין קלענערן נס האָט אַבו אַהרן באַוויזן אין דער שטאָט ביניבונטו. די אָרטיקע קהילה האָט אים מיט גרוים כבוד מקבל־פּנים געווען און שבת אים איינגעלאַדן אין שול הערן אַ יונגן חזן, וואָס האָט זייער געשמט מיט זיין וווּנדערבאַר־שיינער שטים. ווי נאָר דער חזן האָט אָנגעהויבן דאַוונען, האָט אַבו אַהרן גלייך באַמערקט, אַז דאָס דאַוונט ניט קיין לעבעדיקער מענטש, נאָר אַ בר־מינן, וואָס גייט שוין פון לאַנג אום אין עולם התועה. ער האָט גלייך אָפּגעשטעלט דעם חזן (עס שטייט דאָך בפירוש: לא המתים יהללו יה), געמאַכט אַ חקירה ודרישה, און דער חזן האָט טאַקע מודה געווען, אַז דאָס איז אַלץ אמת און מיט געוויין האָט ער וועגן זיין ביטערן מזל דערציילט: אין איטאַליע האָט אַמאָל געלעבט אַ רייכער גאָטספאַרכטיקער ייד מיטן נאָמען אַחימעץ. ער פלעגט אָפט עולה־רגל זיין קיין ירושלים און דאָרט צעטיילן גרויסע נדבות. דאָרט האָט ער עס באַגעגנט דעם יונגנמאַן מיט זיין וווּנדערבאַרער שטים. האָט ער ביי יענעמס מוטער געבעטן, זי זאָל ערלויבן איר זון מיטפאָרן מיט אים אויף אַ שטיקל צייט קיין איטאַליע. און אַחימעץ האָט ביי זיינע אייגענע קינדער געשוואָרן, אַז ער וועט איר אומקערן איר זון געזונט און שטאַרק. די מוטער האָט איינגעוויליקט און דער יונגער חזן איז מיט אַחימעצן אָפּגעפאָרן קיין איטאַליע. גלייך נאָך זייער קומען האָט אַחימעץ געמאַכט אַ גרויסע סעודה, איינגעלאַדן פיל חשובע געסט און אויך דעם ראש־ישיבה מיט זיינע תלמידים. אויף דער סעודה האָט דער יונגער חזן אַלעמען ממש אַנטציקט מיט זיין זינגען. די שמחה איז געווען זייער גרויס, זי האָט אָבער פּלוצלונג פאַרשטערט אַ חשובער זקן, וואָס איז אויך געווען איינגעלאַדן צו דער סעודה. ער האָט צוגעהערט דעם חזנס זינגען און פּלוצלונג זיך שטאַרק צעוויינט. געוויינט האָט ער דערפאַר, ווייל ער האָט גלייך זיך דערוווּסט, אַז דאָרט אין דער פמליא של מעלה איז אַרויס אַ גזר, אַז דער יונגער חזן מוז באַלד שטאַרבן. ווי אַחימעץ האָט דאָס דערהערט, איז ער שטאַרק פאַרציטערט געוואָרן. „איך האָב דאָך ביי מיינע קינדער פאַר זיין מוטער געשוואָרן, איך קאָן דאָך אויף מיין שבועה ניט עובר זיין!״ בכדי אַחימעצן אַרויסהעלפן אין זיין נויט, האָט מען אויף פּאַרמעט אַ הייליקן שם אָנגעשריבן, דעם יונגנמאַן העכער פון עלנבויגן דאָס פלייש איינגעשניטן און אַהין די קמיעה אַריינגעלייגט. אָפּגעטראָטן איז דאַן דער מלאך־המות, ער האָט זיין שליטה איבער דעם יונגנמאַן אָנגעוואָרן. יענעמס גזר איז שוין טאַקע געווען באַ=

[1] דאָרטן, ז׳ 112—113.

שלאָפן, אויסגעמעקט איז ער געוואָרן פונם ספר־החיים — און דאָך ניט קיין טויטער... ער האָט זיך צו זיין מאַמען אומגעקערט, און געבלאָנדזשעט האָט ער פון דעמאָלט אָן איבער דער וועלט, אַ מת צווישן לעבעדיקע, גע־וואַנדערט אָן רו, ניט געקאָנט ניט לעבן ניט שטאַרבן. איצט, ווען זיין סוד איז נתגלה געוואָרן, בעט ער מען זאָל מאַכן אַ סוף צו זיין אייביקן וואַנדערן און געבן מנוחה זיין גוף און זיין נשמה. האָט מען אַ ווייסן לײלעך געגו־מען; דעם יונגנמאַן אויף אים אַנידערגעלייגט, דער רב האָט די האַנט אויפ־געשניטן, די קמיעה מיטן שם אַרויסגענומען — און גלייך איז אויף שטויב און אַש דער טויטער קערפּער צעפאַלן.

אַ גרויסער בעל־שם איז אויך געווען אַבו אַהרנס תלמיד — דער פּייטן שפטיה. מיט דער הילף פון „שמות" און צירופי אותיות פלעגט ער זיך באַנוצן מיטן סוד פון „קפיצת הדרך", און אין איין מינוט פלעגט ער דורכמאַכן דעם גרעסטן מהלך וועג. ער האָט אויך, ווי ס'איז שוין פריער אָנגעוויזן, מיט השבעות אַרויסגעטריבן דעם „דבוק" פון דעם קיסר וואַסי־ליאָס בת־יחידה[1]. „אַמאָל, דערציילט דער „ספר יוחסין", איז שפטיה ביי־נאַכט פאַרביינגעגאַנגען אַ הויז פון זיינעם אַ באַקאַנטן און ער האָט דער־הערט אַ קינדערש געוויין. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען ביים הויז צוויי ווייבער שטייען. „שוועסטער — זאָגט איינע דער אַנדערער — נעם דאָס קינד, מיר וועלן זיך ביידע דערמיט אַנזעטיקן". שפטיה האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט מכשפות, האָט ער ביי זיי אָפּגע־נומען דאָס קינד, געבראַכט עס אַהיים און ער און זיין פרוי האָבן טאַקע דערקענט, אַז ס'איז זייער שכנס קינד. און ביים שכן אין שטוב איז אַ יללה, אַ קלאָג. מען האָט אין דער פרי ביים אויפשטיין געפונען דאָס קינד טויט אין דער וויג. באַלד קומט שפטיה אַריין צו זיין שכן און אַז ער ווערט גע־וואָר, אַז מען האָט שוין דאָס קינד מקבר געווען, פרעגט ער פאַרחידושט: „איך פאַרשטיי ניט, ווען איר האָט דאָ מקבר געווען — אייער קינד לעבט דאָך?" איז מען אויפן בית־עלמין געגאַנגען, דאָס פרישע קבר אויפ־געגראָבן — איז דאָרט אויפן אָרט פון אַ קינד אַ בעזעם געלעגן. גלייך פונם בית־עלמין האָט שפטיה זיינע שכנים צו זיך אַהיים געפירט און זיי האָבן מיט גרויס שמחה זייער קינד דערזען פריש און געזונט"[2].

ניסים האָבן באַוויזן מיט דער הילף פון דעם שם המפורש אויך שפטיהס ברודער חננאל און זיינע אוראייניקלעך שבתי און פאַפּוליאָן. אַט די צוויי יונגעלייט האָבן זיך אויפגעזעצט אויף אַ שיף און ערקלערט דעם קאַפּיטאַן, אַז זיי ווייסן דעם סוד פון „קפיצת הדרך" און אין איין נאַכט

1 דאָרטן, ז' 115—117.

2 דאָרטן, 122.

וועט דאָס שיף דערגרייכן די ברעגעס פון אַפריקע. זיי האָבן אויף פאַרמעט אַ שם איינגעקריצט און ביים שיף אין וואַסער געוואָרפן. ווי אַ פייל אויסן בויגן האָט זיך דאָס שיף געלאָזט איבערן וואַסער. עס האָט אָבער אַ גרויס אומגליק פּאַסירט. די יונגע בעלי-מופתים האָבן שטרענג אָנגעזאָגט, די מאַטראָסן זאָלן זיי ניט לאָזן איינשלאָפן אויף קיין איין מינוט. האָבן אָבער מעשה-שטן די מאַטראָסן ניט אויפגעפּאַסט, שבתי מיט זיין ברודער זיינען איינגעדרעמלט, און דאָס שיף האָט זיך דאַן געלאָזט לויפן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ס'האָט אַלע מענטשן פונעם באָרט אינעם ים אַראָפּגעשליידערט. דאָס שיף האָט זיך אַלץ ווייטער איבער די כוואַליעס געטראָגן, ביז עס האָט זיך אין שאַרפע שטיינער אָנגעשלאָגן און זיך אויף צוויי צעשפּאָלטן[1].

מיר געפינען אָבער אין „ספר יוחסין” ניט נאָר לעגענדעס, נאָר אויך רעאַלע שילדערונגען, וואָס האָבן אַ געוויסן קולטור-היסטאָרישן אינטערעס, צום ביישפּיל די לאַנגע ערציילונג וועגן דער גלענצנדער קאַריערע, וואָס ס'האָט געמאַכט אַדאַנק זיינע אַסטראָנאָמישע קענטעניש דער שטערנזעער פּלטיאל ביים הויף פונעם באַרימטן אַלמעוז, דעם באַצווינגער פון מצרים [2]. טיפּיש זיינען אויך איייניקע זשאַנער-בילדער אינעם „ספר יוחסין”. איינעם פון זיי באַקענט אונז מיט אַ פריילעכן ליץ, אַ פּייטן פונעם 9טן יאָרהונדערט, סילאַנו אויס וועגוזאַ (ביגוסי).

קיין וועגוזאַ איז אַמאָל געקומען אַ זייער אָנגעזעענער תלמיד-חכם פון ארץ-ישראל. דער ירושלמי האָט שטאַרק אויסגענומען ביי דער אָרטיקער קהילה און מען האָט אים געבעטן ער זאָל דאָרט בלייבן פאַר אַ בעל-דרשן. דער תלמיד-חכם פלעגט יעדן שבת האַלטן אַ דרשה. אָנהייבן פלעגט ער יעדעס מאָל פון אַ מדרש, און אויף דעם סמך פונעם מדרש-טעקסט פלעגט ער בויען זיין דרשה. ריידן פלעגט ער אויפן העברעיש-אַראַמעישן דיאַלעקט און ווייל דאָס רוב צוהערער האָט דעם דיאַלעקט ניט פאַרשטאַנען, איז דערביי געשטאַנען אַ מתורגמן—דער אָרטיקער פּייטן סילאַנו, און ער פלעגט יעדן זאַץ פונעם בעל-דרשן גלייך ערקלערן אויף דער אומגאַנגס-שפּראַך. איינמאָל, אין אַ מאַרק-טאָג, זיינען קיין וועגוזאַ אָנגעפאָרן אַ סך דאָרפס-לייט און עס איז עפּעס פאָרגעקומען אַ סיכסוך צווישן זיי און דער אָרטיקער באַפעלקערונג. דער סיכסוך איז טאַקע באַלד איבערגעגאַנגען אין אַ געשלעג, אין וועלכן עס האָבן זיך אויך באַטייליקט די ווייבער מיט זייער כלי-זיין: קאָטשערעס, בעזימער וכדומה. אַ גאַנצע וואָך האָט די שטאָט געקאָכט וועגן דער מעשה, מענער און ווייבער האָבן געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן דעם געשלעג. סילאַנו, דער מתורגמן, וואָס איז געווען אַ גרוי-

1 דאָרטן, ז׳ 113—114.
2 דאָרטן, ז׳ 125—130.

סער לץ, האָט פרייטאָג גענומען שטילערהייט דעם ירושלמים פאַרמעטע=
נעם מדרש; ער האָט זייער גוט געוווסט, וואָסער שטעלע דער בעל=דרשן
וועט מאָרגן אויסנוצן פאַר זיין דרשה, האָט ער מאַקע דאָרטן אויסגעקראַצט
עטלעכע שורות און אויף דעם ליידיקן אָרט באַשריבן בדרך שיר דאָס גאַנ=
צע געשלעג מיט אַלע פרטים, ניט פאַרגעסן אפילו אין די ווייבער מיט
זייער כלי=זיין. שבת, דער בעל=דרשן עפנט זיין מדרש, לייענט אין דער
הויך דעם טעקסט, דער מתורגמן סילאַנו שטייט דערביי און איבערזעצט
ערנסט, געלאַסן וואָרט ביי וואָרט, און די קהילה שטייט פאַרגאַפט און
שטוינט אויף נאָטס וונדער: אין דעם ירושלמים מדרש איז באַשריבן מיט
אַלע פינטעלעך דאָס געשלעג, וואָס ס'איז אָקאָרשט פאָרגעקומען אין זייער
אייגענער שטאָט. דעם בעל=דרשן איז אויך געווען שטאַרק קשה די מעשה—
עס שטייט אָבער פאָרט אין מדרש... ער האָט זיך אָבער באַלד אָנגעשטויסן,
אַז דאָס דאַרף זיין סילאַוום אַן אייגפאַל. דעם עולם האָט דאָס שטאַרק פאַר=
דראָסן און קהל האָט באַשלאָסן אַרויסטרייבן סילאַנון פון דער שטאָט. מי
יודע ווי לאַנג סילאַנו וואָלט נאָכער געמוזט אַפּריכטן גלות, ווען עס זאָל זיך
אויף אים ניט געווען דערבאַרעמען דער זעלבער גאָטספאָרכטיקער אחימעץ,
וועגן וועמען עס איז שוין פריער דערציילט געוואָרן. אויפן וועג פון ירושלים
האָט זיך אַחימעץ אָפּגעשטעלט אין ווענוזא אין די עשרת ימי תשובה. די
קהילה האָט געבעטן דעם חשובן אורח ער זאָל דאַוונען פאַרן עמוד. עס איז
נאָך אין יענער צייט אין איטאַליע ניט געווען קיין פעסטגעשטעלטער סדר
פון סליחות זאָגן, און יעדער חזן האָט געקאָנט פאָרלייענען די פיוטים און
סליחות, וואָס געפעלן אים אַמבעסטן. ניט זעלטן איז דער חזן גופא אויך
געווען אַ פייטן, פלעגט ער דאַן לייענען פאַרן עולם זיינע אייגענע פיוטים.
אַחימעץ האָט מיט אַ האַרציקן ניגון פאָרגעלייענט אַ וווּנדער=שיינע סליחה,
וואָס זי האָט דעם עולם שטאַרק גערירט און ביי אַ סך אַרויסגערופן טרערן.
נאָכן דאַוונען האָבן פילע זיך געוואָלט דערוויסן ביי אַחימעצן, וועמעס איז
די דאָזיקע ליבע סליחה, וואָס האָט אַלעמען אַזוי גערירט. „דאָס איז דאָך
די סליחה פון אייער בן=עיר, סילאַנו, וואָס איז נאָכער איצט נע=ונד", האָט
אַחימעץ געענטפערט. קהל האָט זיך פאַרשעמט און סילאַנו האָט באַלד באַקו=
מען די מעלדונג, אַז ער מעג צוריקקומען קיין ווענוזא" (דאָרטן, ז' 3–14–115).

דריטער קאַפּיטל.

די קנאַפּע וויסנשאַפטלעכע ידיעות ביי די איטאַליענישע יידן אינם עלפטן יאָרהונדערט. — נתן בר יחיאל און זיין „ערוך". — די אויפקלערער־ראָלע פון אַברהם אבן עזרא און שלמה פרחון אין איטאַליע. — די קולטורעלע באַדייטונג פון די קרייצצוגן. — די קריסטלעך־אייראָפּעישע און די אָריענטאַלישע וועלט. — די וויסנשאַפטלעכע צענטרען אין דרום־איטאַליע און די ראָלע פון די יידישע געלערנטע. — דער קיסר פרידריך דער צווייטער אַלס פריידענקער און זיין פריינדשאַפט מיט יידישע תלמידי חכמים. — יעקב אַנאַטאָלי און זיין „מלמד התלמידים". — אַנאַטאָלי אַלס טיימוניסט. אַנאַטאָלים גייסטיקער אַריסטאָקראַטיזם.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז די אַלטע איטאַליענישע שטעט זיינען געווען די ערשטע צענטערס פון יידישער קולטור אין אייראָפּע. דאָרט זיינען געשריבן געוואָרן די ערשטע בלעטער פון דער אייראָפּעישער יידישער ליטעראַטור, און נאָך איידער די שפּאַנישע און פראַנצויזישע יידן זיינען אַרויסגעטראָטן אויפן געביט פון קולטורעלן שאַפן, זיינען שוין אין איטאַליע געווען אַזוינע טאַלאַנטפולע דיכטער, ווי שפטיה און אמיתי, און גלענצנדע סטיליסטן, ווי דער פאַרפאַסער פונם „יוסיפון". אפילו אין צוועלפטן יאָרהונדערט האָט דער שפּאַנישער גראַמאַטיקער שלמה פרחון, קומענדיק קיין איטאַליע, מודה געווען, אַז בנוגע דער העברעישער פּראָזע, זיינען די יידן „אוים אדום"[1] פיל גרעסערע מייסטערס, ווי זייערע ברידער אין אַראַבישן שפּאַניע. „איך בעט זייער — שרייבט פרחון צום סוף פון זיין „מערכת הערוך" — ווען מיינע לעזער וועלן ביי מיר געפינען ניט פאַסיקע און אומגעלונגענע אויסדריקן, זאָלן זיי מיך דן זיין לכף זכות. ביי אונז אין לאַנד (אין שפּאַניע) איז מען דאָך ניט אַזוי געאיבט אין דער העברעישער שפּראַך, ווייל אין אַלע מוסלמענישע לענדער געוועלטיקט דאָך איין און די זעלבע שפּראַך, און וווּהין אונזערע שפּאַנישע יידן קומען, פאַרשטייט מען זייער לשון און זיי קאָנען זיך לייכט צוגויפריידן מיט זייערע

1 דאָס הייסט אוים דעם קריסטלעכן אייראָפּע, ספּעציעל: איטאַליע.

אָרטיקע בריידער. אַנדערש איז אָבער אין די קריסטלעכע לענדער: אין יעדער מדינה רעדט מען אַן אַנדער לשון, און ווען אַ ייד קומט פון איין מדינה אין אַ צווייטער, פאַרשטייט מען שוין ניט זיין שפּראַך, און ער קאָן זיך מיט זיינע אָרטיקע ברידער אַנדערש ניט צונויפריידן, ווי מיט דער הילף פון לשון־קודש, און אַדאַנק דעם זיינען זיי געוויינט צו דענקען אין צו ריידן העברעיש”.

מיר האָבן שוין אין פריִקן בוך געזען, אַז די יסודות פון יידישער קולטור און תלמודישן וויסן האָבן אויך די יידן פון די ריין־פּראָווינצן באַקומען אויס איטאַליע[1]. שוין אינם ניינטן יאָרהונדערט האָבן די אַלטע שטעט פון דרום־איטאַליע, אוריאָ, באַרי און אָטראַנטאָ, געשמט מיט זייערע ישיבות, און עס איז דעמאָלט געווען גאַנץ פּאָפּולער דער שפּרוך: „כי מבארי תצא תורה ודבר ד' מאָטראַנטאָ” — „באַרי איז די אַכסניה של תורה און גאָטס וואָרט ווערט געלערנט אין אָטראַנטאָ”. נאָר דער „תורה”, וואָס האָט געשטאַמט פון די איטאַליענישע שטעט, האָט געפעלט איין זאַך — דער שטעמפּל פון אָריגינאַליטעט, דער לעבעדיקער אָטעם פון שעפערישער באַגייסטערונג. די איטאַליענישע געלערנטע האָבן געפעלט אי די ברייטע בילדונג און פילזייטיק וויסן פון זייערע שפּאַנישע ברידער, אי די תמימותדיקע אָריגינאַליטעט פון די פראַנצויזישע תלמידי־חכמים. אַ לענגערע צייט האָבן זיך די איטאַליענישע תלמידי־חכמים ניט דערהויבן איבער דער מדרגה פון פשוטע פאַרמיטלער. די תלמודישע ידיעות, וואָס זיי האָבן באַקומען אויס אַזיע, האָבן זיי ניט באַפרוכפערט מיט נייע געדאַנקען, ניט באַרייכערט מיט נייע שעפערישע כוחות. דאָס תלמודישע פאָרשן האָט זיך ביי זיי געפירט אויפן אַלטן שניט, ווי עס איז איינגעפירט געוואָרן אין די ישיבות פון סורא און פומבדיתא. זוכן נייע דרכים האָט זיי געפעלט דער מוט. די העברעישע שפּראַך־פאָרשונג און די ביבל־עקזעגעטיק זיינען נאָך ביי זיי געגאַנגען אין די קינדער־שיכלעך, ווי עס איז לייכט צו באַמערקן ניט נאָר ביי די פייטנים פון שלמה הבבלים שניט, נאָר אַפילו ביי די פאַרפאַסער פונם „יוסיפון” און דעם „ספר היוחסין”

ערשט אויף דער שוועל פונם צוועלפטן יאָרהונדערט האָט דאָס איטאַליענישע יידנטום געשאַפן צום ערשטן מאָל אַ וויסנשאַפטלעך ווערק, וואָס טראָגט נאָך אַפילו ניט דעם שטעמפּל פון אָריגינעלן שעפערישן געדאַנק, דאָך איז עס בלי־ספק אַ וויכטיקער דענקמאָל פון יידישער מיטלאַלטערלעכער קולטור. דאָס איז דער גרויסער תלמוד־לעקסיקאָן „ערוך”,

---

1 דאָרטן, ז' 10 — 11.

וועלכן עס האָט פאַרענדיקט נתן בר יחיאל [1] אויס רוים אינם יאָר 1101. דער „ערוך" איז ניט נאָר אַן עטימאָלאָגישער לעקסיקאָן, וווּ עס ווערט געגעבן דעם פּשט פון יעדן וואָרט, נאָר איז געווען זיין אויך אַ רעאַל־לעקסיקאָן, וווּ עס ווערן באַשריבן און דערקלערט די באַדייטונג פון אַלע דערמאָנטע זאַכן און ענינים. די באַשרייבונג פון פאַרשיידענע מנהגים און אויך דעם פּשט פון אַ סך ווערטער האָט ר' נתן על־פּי רוב איבערגענומען ביי די אַלטע גאונים פון בבל [2]. אַ טייל ווערק, וועלכע דער בעל „הערוך" ציטירט, זיינען מיט דער צייט פאַרלאָרן געגאַנגען און מיר וויסן איצט וועגן זיי נאָר אַדאַנק ר' נתן בר יחיאל. דורכדעם באַקומט דער „הערוך" אויך אַ גרויסן ביבליאָגראַפישן ווערט. ער איז דער איינציקער מקור פאַר פילע פּסקים און הלכות פון די גאונים, און פאַר אַ סך אַלטע מעקסטן פון וויכטיקע, פאַרלאָרן געגאַנגענע מדרשים [3]. דער „ערוך" איז, אמת, בלויז אַ קאָמפּילאַטיוו ווערק, צונויפגעזאַמלט מיט גרויס פלייס פון פרעמדע קוועלן. און דער מחבר גופא ווייזט דערויף אָן אין זיין שיר, וואָס פאַר דער הקדמה, בעת ער דאַנקט „דעם שם־יתברך, וואָס האָט מיין שכל דערלויכטן, מיך געפירט אינם גוטן ריכטיקן וועג, איך זאָל אין סדר פאַר־שרייבן אַלץ, וואָס איך האָב געזען, געהערט און געלערנט" [4]. דאָס אַלץ פאַרקלענערט אָבער ניט דעם גרויסן ווערט פון ר' נתנס ווערק, וואָס איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע וועגווייזער אויפן תלמוד־געביט, און די באַדייטנדסטע גרונדלאַגע פאַר אַלע שפּעטערדיקע לעקסיקאָגראַפן. ר' נתן האָט געלעבט אין דער איבערגאַנגס־תקופה, ווען די זון פונם יידישן בבל האָט זיך געניינט צום אונטערגיין, די דאָרטיקע ישיבות האָבן אויפגעהערט צו שפּילן די ראָלע פון די וויכטיקסטע צענטערס פאַר חכמת היהדות, און די העגעמאָניע פון יידישער קולטור איז איבערגעגאַנגען צו די אייראָ־פּעישע לענדער. אָט אין דער זעלבער צייט האָט דער איטאַליענער ר' נתן מיט זיין גרויסן פלייס צונויפגעזאַמלט גאַנצע אוצרות פון דער וויסנשאַפט־לעכער און קולטורעלער ירושה, וואָס דער יידישער מזרח, האָט געשאַפן דורותווייז. און פיל פון דער דאָזיקער ירושה איז טאַקע נעראַטעוועט געוואָרן

---

[1] נתן בר יחיאל האָט כל ימיו (1035—1106) געלעבט אין רוים. זיין פאָטער איז געווען אַ פּייטן און האָט געשריבן פיל פיוטים ר' נתנס לערער איז געווען משה הדרשן אויס נאַרבאָנע.

[2] ר' נתן האָט אַ שטיקל צייט געלערנט ביי ר' האי גאונס אַ תלמיד, ר' מצליח, און יענער האָט עס אים באַקאָנט מיט דער ליטעראַטור פון די גאונים אויס בבל.

[3] זע וועגן דעם מ. שטיינשניידער, „מאָנאַטסשריפט", 1898, 121–122.

[4] שיעצני (השי"ת) והשכילי בדרך הטובה והישרה
מה ששמעתי וראיתי וסברתי בערך ושטרה.

פאַר די קומענדיקע דורות נאָך אַדאַנק דעם פלייסיקן, עניוותדיקן זאַמלער, ר' נתן בר יחיאל. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס שוין אין דער ערשטער העלפט פונם צוועלפטן יאָרהונדערט איז דער „ערוך" געווען שטאַרק חשוב ניט נאָר אין איטאַליע, נאָר אויך אין פראַנקרייך בײַ די „בעלי תוספות" און ביבל־ערקלערער פון רש"ים חדר[1].

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין איטאַליע ווידעראַמאָל, ווי אינם נײַנטן יאָרהונדערט אבו אהרן אויס בבל, באַוויזן אַ געלערנטער אויס דער פרעמד, אָבער שוין ניט פון מזרח, נאָר פון מערב, וועלכער האָט מיט זײַן אויפקלערונגס־טעטיקייט זייער פיל מיטגעהאָלפן דער ווייטערדיקער קולטורעלער אַנטוויקלונג פונם איטאַליענישן יידנטום. דער דאָזיקער געלערנטער איז געווען דער באַרימטער אברהם אבן עזרא, וואָס איז געקומען קיין איטאַליע בערך אין 1140. ניט אין אַלע איטאַליענישע קהילות האָט מען דעם שפּאַנישן געלערנטן באַגעגנט מיט אַזאַ הדרת כבוד, ווי ער האָט פאַרדינט. עס איז דערגאַנגען צו אונז אבן עזראס אַ פּאַמפלעט, „גדוד אסור אני", אין וועלכן ער רעדט מיט ביטערן צאָרן וועגן דער קהילה אין סאַלערנאָ, בײַ וועלכער עפּעס אַ האַלבוויסנדער „למדן", וואָס איז געקומען פון ביזאַנץ (יוון) איז געווען פיל חשובער אויפגענומען, ווי ער, דער וועלטבאַרימטער געלערנטער. „אין אדום (איטאַליע) — קלאָגט זיך אבן עזרא—פאַרשטייט מען גאָר זייער ווייניק צו שעצן די געלערנטע, וואָס קו־מען צו זיי פון אַראַבישע לענדער; קומט אָבער אַ קליין מענטשעלע אויס דער ביזאַנץ (יוון) ווערט מען שטאַרק פאַר אים נתפעל און ער קריכט אַלעמען אויף די קעפּ"[2]. נאָר ניט אין אַלע שטעט האָט מען אים אַזוי קאַלט אויפגענומען, און אבן עזרא האָט זיך טאַקע אויפגעהאַלטן אין איטאַליע אַ גאַנץ לאַנגע צייט. ער האָט באַזוכט לוקאַ, מאַנטוע, רוים און אַנדערע שטעט. יונגע און אַלטע פלעגן זיך פאַרזאַמלען אַרום דעם פילוויסנדן און פילגערייזטן שפּאַנישן געלערנטן. ער האָט דער ערשטער באַקאַנט די איטאַליענישע יידן מיט די יסודות פון דער וויסנשאַפטלעכער שפּראַך־פאָרשונג. אַפילו אין דעם גרויכן לעקסיקאָגראַפישן ווערק „אבן

[1] דער „ערוך" איז דאָס ערשטע מאָל געווען געדרוקט אין יאָר 1477. די בעסטע וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע איז די, וואָס ס'איז ערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון א. קאָהוט, וועלכער האָט אויסגענוצט ניט נאָר די עלטערע אויסגאַבעס, נאָר אויך זיבן כתב־ידן. די אויסגאַבע איז ערשינען אין 8 בענד, 1878 — 92. מער באַריכות וועגן נתן בר יחיאל: שי"ר, ב' I, א, 127, ב, 143 — 160; „דור דור ודורשיו", IV 272 — 4; קאָהוט, פאָררעדע און הוספות צום „ערוך"; פאָגעלשטיין אונד ריעגער, ב' I, 357 — 66.

[2] באדום אֵיין הָדָר — לכל חכם הָדָר — באדמת בן קדר
אלו בא חָגָב — יָני בם שָׁגב — ורכב על כל גב...

בוחן", וואָס מנחם בן שלמה אוים רוים האָט פאַרענדיקט אין 1143 [1], שטיצט זיך דער פּראָפעסער נאָך אַלץ אויף די פאַרעלטערטע און אַלס פאַלש באַוויזענע אָנגעוויזונגען פון מנחם בן סרוק. דער „אבן בוחן" האָט שוין אָבער פאַרשפּעטיקט. גראָד דעמאָלט איז דער אבן עזרא געקומען קיין איטאַליע, האָט דאָרט איבערזעצט אויף העברעיש דאָס עפּאָכע-מאַכנדיקע גראַמאַטישע ווערק פון חיוגן, דאַן אויך אַ אייגן גראַמאַטיש ווערק פאַר-פאַסט „מאזנים", וואו ער גיט אינם אָנפאַנג אַ אַלגעמיינעם געשיכטלעכן איבערבליק, ווי אַזוי ס'האָט זיך אַנטוויקלט די וויסנשאַפטלעכע שפּראַך-פאָרשונג ביי יידן. ער האָט אויך זיך געפליסט צו דערוועקן ביי די איטאַלי-ענישע יידן דעם אינטערעס צו פּאָעזיע און קונסט, און ווייל אויפן געביט פון רעליגיעזער פּאָעזיע האָט אין יענער צייט, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, געגאָלטן אַלס גרעסטער אויטאָריטעט אלעזר קליר מיט זיינע האַרבע פיוטים, איז אבן עזרא אַרויסגעטראָטן אַנטקעגן דעם אַלטן פייטן מיט אַ זייער שאַרפער קריטיק, וואו ער ווייזט אָן, אַז קליר האָט געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּן באַגריף וועגן דעם גייסט און די אינעווייניקסטע געזעצן פון דער העברעישער שפּראַך, און דערפאַר זיינען די פאָרמען און דער סטיל פון זיינע פיוטים אַזוי אַלטפרענקיש און טעמפּ [2].

אבן עזראס אויפקלערונגס-אַרבעט האָט פאָרגעזעצט זיין תּלמיד, שלמה בן אברהם פרחון אוים אַראַגאָניע, וועלכער האָט אַ משך צייט גע-לעבט אין סאַלערנאָ. אויך ער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו באַקע-נען די איטאַליענישע יידן מיט די יידישע פילאָלאָגישע פאָרשער, וואָס האָבן געשריבן אויף אַראַביש, און צו דעם צוועק האָט ער פאַרפאַסט זיין לעקסיקאָן „מחברת הערוך", וועלכן ער האָט פאַרענדיקט אין סאַלערנאָ אין 1160.

גראָד אין דער צייט האָבן אויך די אויסערע צושטאַנדן פיל מיט-געהאָלפן, אַז ביי די איטאַליענישע יידן זאָל זיך פאַרשטאַרקן דער אינטע-רעס צו וועלטלעכער בילדונג און אַלגעמיינעם וויסן. מיר האָבן שוין פרי-ער אָנגעוויזן, אַז דער קולטורעלער מצב פון די איטאַליענישע יידן איז אין דער התחלה ניט באַזונדערס הויך געווען, דאָך זיינען זיי — פיל העכער געשטאַנען פון דער אַרומיקער סביבה. די קרייצצוגן האָבן אָבער געמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דעם מאַטעריעלן, און אויך קולטורעלן לעבן

---

[1] מער באַריכות וועגן דעם איטאַליענישן געלערנטן מנחם בן שלמה און וועגן זיין פילאָלאָגיש ווערק, זע: שטיינשניידער אין „העבר. ביבליאָגראַפיע" XVII, 38—41, 131—4; ת. וואַכער אין „גרעץ-יובעלשריפט". 94—115.

[2] זע אבן עזראס פירוש אויף קוהלת, קאַפּ' 5, פ' 1.

פון דער שטאַטישער באַפעלקערונג אין איטאַליע. די אַלטע רוימישע קולטור האָט נאַטירלעך צומטייפסטן געלאָזט וואָרצלען אין איר געבורטסלאַנד — איטאַליע; און אַפילו די חשכות און פאַרווילדקייט פונם טיפן מיטלאַלטער זיינען נים געווען אימשטאַנד צו פאַרטיליקן די לעצטע רעשטן פון דער דאָזיקע קולטור. די איטאַליעניש שטעט זיינען קיינמאָל נים געקומען צו אַזאַ חורבן, ווי די שטעט אין די איבעריקע קריסטלעכע לענדער. אַדאַנק זייער מעטיקן האַגדל מיט ביזאַנץ און די אַראַבישע לענדער, איז זייער מאַטעריעלער צושטאַנד געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה, און אַפילו אין דער צייט, ווען דער פעאָדאַליזם האָט צומשטאַרקסטן געוועלטיקט, האָט דאָך די אָרטיקע שטאָטישע באַפעלקערונג נים פאַרלאָרן איר זעלבשטענדיקייט און געלעבט לויט איר אַווטאָנאָמישן סדר. אַדאַנק די קרייצוגן זיינען די איטאַליענישע שטעט געקומען נאָך אין אַ מער בליענדן צושטאַנד. די איטאַליענישע האַפן־שטעט זיינען עס געווען דער זאַמלפונקט פאַר אַלע ריטער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די קרייצוגן, און טאַקע די אייגענע האַפן־שטעט זיינען עס געווען די וויכטיקסטע אַרטעריעס, דורך וועלכע עס זיינען אין די קריסטלעכע לענדער געפלאָסן די בלענדנדיקע רייכטימער פונם מוהלמענישן מזרח. זיי זיינען אָבער געווען נים בלויז די קאַנאַלן, דורך וועלכע עס זיינען געפלאָסן די גאָלדענע אוצרות, נאָר אויך דער טויער, דורך וועלכן עס האָט זיך אין דער שטיקנדיקער פינסטערער נאַכט פונם מיטלאַלטערלעכן אייראָפּע אַריינגעריסן פרישע לופט און שטראַלן פון ליכט. „אויס אַזיע — שרייבט דער באַוווסטער פראַנצויזישער געשיכטע־שרייבער מישלע — אויס דעם לאַנד, וואָס די קריסטלעכע אייראָפּעער האָבן בדעה געהאַט צו פאַרטיליקן, האָט אָנגעפאַנגען צו שיינען דאָס וואונדערבאַרע ליכט, וועמעס געבענטשטע שטראַלן האָבן דורכגעריסן דאָס פינסטערניש, אין וועלכן אייראָפּע איז געווען איינגעהילט. אַ גאַנצע וועלט פון רייכטום און אויסטערלישער שיינקייט, אַ וואונדערבאַרע וועלט, וואָס דאָס מיטלאַלטערלעכע ווילדקייט און עם־הארצות האָט געוואָלט באַשפייען מיט זיין האַס — האָט זיך נצחונדיק אַ לאָז געטאָן צו די מערב־לענדער, ביינעקומען איר באַצווינגער און שונא, אים פאַרפירט און געבלענדט מיט אירע רייכטימער, מיט איר שטייגער לעבן, מיט אירע פאַרשיכורנדיקע תענוגים: אַלע זיינען געבלענדט, אַלע זיינען פאַרליבט אין דער דאָזיקער נייער וואונדערבאַרער וועלט. יעדער וויל נאָר דאָס, וואָס שטאַמט אויס אַזיע. און זי איז אַ גרויסער וותרן, זי קומט אונז אַנטקעגן מיט פולע הענט. די טייערסטע געוועבן, טיכער, שטיקערייען און טעפּיכן, וויך, פילפאַרביק, מיט וואונדערבאַרן חן און האַרמאָנישער שיינקייט, אַלע מיני כלי־זין אויס דעם בעסטן געהאַרטעוועטן שטאָל, געפּאַסט אין גאָלד,

העלפאנדביין און די שענסטע שטיינער—אלץ, אלץ האט געזאגט עדות ווי אפגעשטאנען מיר זיינען. דאס איז אבער נאך אלץ ווייניק. אט די „פארשאלטענע" לענדער, ווו עס וווינען אומגלויביקע „געצנדינער", און ווו דער „סמך־מעם" אליין זיצט זיך ברייטלעך אויף זיין שטול — זיינען ממש געבענטשט פונם הימל. דארט שענקט די נאטור אירע בעסטע מתנות, דארט שפראצן און קוועלן די רייכסטע זאפטן פונם לעבן. דארט וואקסט דאס חשובסטע פון אלע פלאנצן — דער קאפע, און דאס שענסטע פון אלע חיות — דאס אראבישע פערד. דארט איז דאס וואונדערלאנד פון די אומגעהייערע אוצרות: זיידנס, צוקער, די בעסטע אומפארגלייכלעכע נארקאטיק־געוויקסן און קרייטעכער, וואס שטארקן די הערצער, ברענגען אונז טרייסט און היילונג פאר אונזער קערפער..." [1].

און דאס אלץ איז געגאנגען קיין אייראפע דורך די איטאליענישע האפנשטעט. דאס האט פיל פארשטארקט דעם האנדל און דעם געלט־מסחר, און אין די איטאליענישע שטעט האט זיך געבילדעט א שטארקער און רייכער האנדלס־שטאנד, וואס האט זיך געפילט בכוח בייצוקומען די מאכט פון דעם פעאדאלן אדל־שטאנד, און ביסלעכווייז ווערן דאס רוב איטאליענישע שטעט פרייע זעלבשטענדיקע רעפובליקן.

צווישן דער אזוי שטארק געווארענער רייכער שטאטישער באפעלקערונג, האבן יידן געשפילט א גאנץ אנגעזעענע ראלע. ווי אין דער פראוואנס אין יענער צייט, אזוי אויך אין איטאליע האט די ארומיקע באפעלקערונג זיך פארהאלטן גאנץ פריינדלעך צו יידן. די יידישע באפעלקערונג איז ניט געווען אזוי געדריקט ווי אין די אנדערע קריסטלעכע לענדער, זי האט געלעבט גאנץ פריי, און אזא באדייטנדיקע קהילה, ווי די רוימישע, איז אפילו געווען באפרייט פון אלע ספעציעלע שטייערן. בפרט מיט דעם שטארקן אויפבליען פון געלט־ווירטשאפט, וואס די קרייצצוגן האבן ארויסגערופן, האט זיך אנגעהויבן די גליקלעכסטע צייט פאר דעם יידישן האנדלס־שטאנד אין איטאליע. וואס פילזייטיקער און רייכער דאס עקאנאמישע לעבן איז געווארן אין די אינדוסטריעלע איטאליענישע שטעט, וואס מער ס'האבן זיך פארגרעסערט די באדערפענישן, אלץ מער איז געוואקסן די באדייטונג פון קרעדיט־אנשטאלטן. ווייל אבער די קריסטלעכע אמונה פארבאט צו לייען געלט אויף פראצענט און האלט אזא באשעפטיקונג פאר א פארברעכן, איז קיין חידוש ניט, וואס די קרעדיט־אונטערנעמונגען זיינען געווען כמעט אויסשליסלעך ביי די יידן אין די הענט. די שטאטישע פארוואלטונגען און אפילו די מלוכה גופא פלעגן זייערע בענק אפ=

---

1 La sorciere (די מכשפה), ערשטער טייל, קאפ' VIII.

געבן יידן אויף אַרענדע, און אויף אַזאַ אופן זיינען די יידן אין יענער צייט געוואָרן די מאָנאָפּאָליסטן פון קרעדיט-אונטערנעמונגען, די ערשטע גרינדער פון גרויסע באַנק-געשעפטן אין קריסטלעכן אייראָפּע.

צוזאַמען מיט דער מאַטעריעלער קולטור וואַקסט אָבער אויך די גייסטיקע. די נאָענטע באַריהרונג מיט דער אייגנאַרטיקער מזרח-קולטור, די נייע פאָרמען פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס האָבן פאַרשאַרפט די סאָציאַלע סתירות — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן נייע שטרעבונגען און פאָדערונגען. אמת, דער געדאַנק פונם אָנגעשראָקענעם מיטלאַלטערלעכן מענטשן איז נאָך ניט געווען בכוח זיך באַפרייען פון דעם געדיכטן סכאָלאַסטישן שפין-געוועב, אין וועלכן ער איז געווען פאַרפּלאָנטערט; נאָר דער שלאָף איז שוין געווען געשטערט, אומרויק איז געוואָרן די דערשראָקענע נשמה, און בלאָנדזשענדיק האָט זי דאָך אָנגעפאַנגען זוכן אַן אויסוועג, ווי זיך צו באַפרייען, ווי לויז צו ווערן פון די אַלע ספיקות, וואָס רויבן די רו. עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שפּראָצן פון קאָמוניסטישן אַפּיקורסות, וועלכער איז קודם-כל אַרויסגעטראָטן קעגן דעם שטאַרקסטן טרעגער פון מאַכט און רייכטום — קעגן דעם רוימישן פּויפּסט. שוין אין דער מיט פון 12טן יאָרהונדערט איז אַ גייסטלעכער אַרנאָלד אויס ברעסציאַ, דעם באַרימטן דענקער אַבעלאַרס אַ תלמיד, אַרויסגעטרעטן אין רוים מיט פייערדיקע פּרידיקן קעגן דער פּויפּסטלעכער מאַכט. ער האָט געטענהט, אַז דער פּויפּסט איז ניט קיין אמתער גאָטס דינער, ווייל ער לעבט ניט אַזוי ווי קריסטוס און זיינע תלמידים האָבן געלעבט. דער פּויפּסט יאָגט זיך נאָך וועלטלעכער מאַכט, ווייל איבער אַלעמען הערשן און האַלט שטאַרק פון עולם הזה, בעת דאָס עוואַנגעליום לערנט, אַז מען דאַרף זיין אַ נכנע, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, ניט באַפעלן און רעגירן, נאָר זיין קליין און נידעריק, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אמתן עובד, גאָטס דינער. אָט די אומצופרידנקייט מיט דער פּויפּסטלעכער מאַכט אַלס הויפּט-סיבה פון סאָציאַלער אומגערעכטיקייט האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע צאָל אַפּיקורסישע סעקטעס, ווי קאַטאַרן, וואַלדענזער וכדומה. און אָט די אַלע דעמאָקראַטיש-געשטימטע סעקטעס האָבן אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן אינטערעס צום „אַלטן טעסטאַמענט”, ד"ה צו דער העברעישער ביבל, טאַקע דערפאַר, וואָס אין איר הערשט אַ דעמאָקראַטישער גייסט און עס פילט זיך אין איר אַ שאַרפער פּראָטעסט קעגן די מעכטיקע און רייכע[1]. אַדאַנק דעם זיינען פילע אָנגעזעענע פאַרשטייער פון די דאָזיקע סעקטעס געווען אין גאַ

[1] ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס אָט די ריין אַנטיאַטאָרישע ראָל פון דער ביבל האָט שפּעטער באַזונדערס אונטערגעשטראָכן דער רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר לוטער, וועל-

ענטע און פריינדלעכע באַציִונגען צו יידן, און פלעגן אפילו ניט זעלטן איבערנעמען ביי זיי געוויסע מנהגים און געבאָטן[1].

די נאָענטע באַציִונגען צו די קריסטלעכע אפיקורסישע סעקטעס האָבן אויך אין דער יידישער סביבה געוועקט דעם פרייען געדאַנק. אמת, די דאָזיקע פריינדשאַפט האָט פאַר די יידן געהאַט אויך זייער טרויעריקע פאָלגן. דער פויפסט איננאָקענטי דער דריטער, דער מאַן מיטן אייזערנעם ווילן און שטיינערנעם האַרץ, נאָכדעם ווי אים איז געלונגען צו דערשטיקן אין בלוט די אַלבּיגענזער באַוועגונג, האָט ער גלייך גענומען זיך אָפּרעכענען מיט די אים פאַרהאַסטע יידן. עס איז שווער צו זאָגן, צי האָט ער ווירקלעך געגלויבט, אַז די יידן האָבן געווירקט אויף די אפיקורסישע אַלבּיגענזער, אָדער ס'איז געווען בלויז אַ טאַקטישער שריט פון זיין זייט, בכדי מבזה צו מאַכן די סעקטאַנטן אין די אויגן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג — יעדנפאַלס האָט ער זיך געפלייסט אַרויסצושטעלן די אַלבּיגענזער אַלס אָנהענגער און תלמידים פון די יידישע רבנים. און איננאָקענטי איז געווען דער ערשטער פויפסט, וואָס רודפן יידן איז ביי אים געווען אַ פּלאַנמעסיק דורכגעפירטע סיסטעם. אים האָבן עס יידן צו פאַרדאַנקען, וואָס אויפן פערטן צוזאַמענפאָר פון די גייסטלעכע אין רוים (1215) איז צווישן אַנדערע באַגרענצונגען אויך אָנגענומען געוואָרן, אַז יידן דאַרפן טראָגן אַ ספּעציעלן צייכן אויף זייערע קליידער. פון איננאָקענטיס רדיפות האָבן טאַקע שטאַרק געליטן די יידן אין אַנדערע קריסטלעכע לענדער. איבער די איטאַליענישע יידן אָבער האָט איננאָקענטי קיין שליטה ניט געהאַט. עס איז אַן אינטערעסאַנטער פאַקט, אַז די אַלמעכטיקסטע פויפסטן, פאַר וועלכע מלכים און קיסרים האָבן געציטערט, זיינען אַליין געווען מאַכטלאָז אין זייער אייגן לאַנד; דווקא דאָרט האָבן זיי געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע דעה, און עס פלעגט ניט זעלטן פּאַסירן, אַז דער אייגענער פויפסט, וואָס ס'איז אים גאַנץ לייכט געווען אַראָפּוואַרפן מעכטיקע מלכים פון זייערע שטולן, האָט אַליין געמוזט מיט גרויס חרפה אַנטלויפן פון זיין אייגענער קרוינשטאָט אוים פחד פאַרן צאָרן פונעם אויפגערייצטן המון[2].

כער איז פאָליטיש געווען זייער קאָנסערוואַטיוו; אין זיין פאַמפלעט „ווידער די רויבערישען אונד מערדערישען בויערן" חייזט לוטער אַן: „Es hilft auch den Bauern nicht, dass sie fürgeben, Genesis 1 und 2 sein alle Dinge frei und gemein geschafen, und dass wir alle gleich sind. Denn in neuen Testament hält und gilt Moses nicht; sondern da steht unser Meister Jesus Christus und wirft uns mit leib und gut unter den Kaiser und das weltliche Recht.

1 מען דערציילט למשל וועגן די „אביונים פון ליאָן" (Pauvres de Lyon), אַז זיי פלעגן האַלטן שבת, כל זיין די קינדער אאַז״וו.

2 זע: Giesbrecht, Deutsche Kaiserzeit, III, p. 550; Vogelstein u. Rieger, op. c. I, 227; Em. Gebhardt, L'Italie mistique, cap. I.

אין דער זעלבער צייט, ווען אין איטאליע האט זיך געגרינדעט די
גרויסע גייסטלעכע ארדנס פון פראנציסקאנער און דאמיניקאנער, וועלכע
האבן געפירט א הארטנעקיקן קאמף קעגן דעם פרייען קריטישן געדאנק,
זייגען דארט אויך געלייגט געווארן די גרונטשטיינער פון גייע אוניווער=
סיטעטן, וו עס האבן אויפגעבליט אלע צווייגן פון וויסנשאפט. האט איז
געשען הויפטזעכלעך אין דרום=איטאליע, וו די קריסטלעכע מער אנט=
וויקלטע באפעלקערונג איז געקומען אין נאענטער בארירונג מיט די סא=
ראצינען און זייער אייגנארטיקער קולטור. אין דעם אויפבליען פון וויסנ=
שאפטן אין די איטאליענישע אוניווערסיטעטן האבן יידן גענומען א גאנץ
באדייטנדיקן אנטייל. שוין אין דער ערשטער העלפט פונם 13טן יארהונ=
דערט איז מעדיצין געווען די באליבטסטע באשעפטיקונג ביי די יידישע
געלערנטע אין איטאליע, און טאקע די יידישע מעדיציגער האט מען עס צו
פארדאנקען דעם גרויסן שם, וואס ס'האבן זיך דערווארבן די מעדיציגישע
שולן פון נעאפאל, בפרט פון סאלערנא, וווהין עס פלעגן זיך צונויפקומען
וויסנבאגיריקע סטודענטן פון גאנץ מערב=אייראפע. דארט, אין דרום=
איטאליע, וו עס זיינען געקומען אין נאענטער בארירונג די פארשיידנסטע
קולטורן, איז פריער ווי ערגעץ אנדערש אין קריסטלעכן אייראפע געבארן
געווארן דער שטאלצער מוט פון פרייען דענקען. „אין די מדינות פון
דרום=איטאליע, בפרט אין סיציליע — ווייזט אן מיט רעכט פר. אל. לאנ=
גע אין זיין אויסגעצייכנט ווערק „געשיכטע דעם מאטעריאליזמוס" —
גראד דארט, וו ביי איצטיקער צייט געוועלטיקט דער בלינדער אבער=
גלויבן און ווילדער פאנאטיזם, איז דעמאלט געווען דער געבורטסארט פון
די פרייע דענקער, די וויג פון טאלעראנץ און הומאניזם". און די יידן
האבן דערביי געשפילט א גאנץ באדייטנדיקע ראלע. זיי זיינען עס געווען
די פלייסיקע וועקער, די אומערמידלעכע פאפולאריזאטארס פונם פילא=
זאפישן געדאנק. אט די קולטורעל=אויפקלערערישע ראלע האט גלייך גע=
העריק אפגעשאצט דער בארימטער קיסר פרידריך דער צווייטער (1194—
1250), וואס איז אליין געווען בקי אין נאטורוויסנשאפטן. אט דער וווגדער=
בארער מענטש [1], „דער ערשטער אייראפעער", לויט ניטשעס אויס=
דרוק [2], אין וועלכן עס האבן זיך אזוי טאדנע צונויפגעפלאכטן איז איין
קנויל ליכטיקע און טונקעלע פעדעם — האט מיט אלע מעגלעכקייטן גע=
שטיצט יידישע געלערנטע און זיך געפלייסט זיי צוציען צום אוניווערסי=

---

[1] מער באריכות וועגן פרידריך דעם צווייטן: Höfler, Kaiser Friedrich II; Em. Gebhardt, op. c. cap. 4.

[2] Jenseits von Gut und Böse, 1899, 131—2.

טעט, וואָס ער האָט געגרינדעט אין נעאַפּאָל [1]. דער דאָזיקער פּילזייטיק געבילדעטער קיסר האָט מיט רעכט געשטט אַלס גרויסער אַפּיקורס און געפערלעכסטער שונא פון דער פּויפּסטלעכער מאַכט. עס ווערט אַפילו דערציילט, ווי דער דאָזיקער פרייַדענקער האָט אַמאָל מיט אַ שפּאָטישן שמייכל דערמאָנט „די דריי רמאים" (De tribus ympostoribus): משה רבנו, קריסטוס און מוחמד. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס ביי זיין, מיט אָריענטאַלישן לוקסוס באַפּוצטן הויף, האָט זיך געבילדעט אַ וויסנשאַפטלעכער צענטער, וווּ עס פלעגן זיך פרייַנדלעך צוזאַמענקומען פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע אמונות [2]. צווישן די אַראַבישע [3] און קריסטלעכע געלערנטע האָבן געשפּילט אַ חשובע ראָלע די יידישע געלערנטע איבערזעצער, וואָס האָבן אויפן באַפעל פונם פילאָזאָפיש-געבילדעטן קיסר איבערזעצט אַ־אַביש-פילאָזאָפישע ווערק אויף לאַטיין און העברעיש. ביי פרידריכס הויף האָט זיך אויפגעהאַלטן דער יידישער געלערנטער אַסטראָנאָם יהודה ב"ר שלמה הכהן בן מתקה אוים טאָלעדאָ (געבאָרן אין יאָר 1215) [4], מיט וועלכן פרידריך האָט געפירט אַ וויסנשאַפטלעכע קאָרעספּאָנדענץ נאָך איידער ער האָט זיך מיט אים פערזענלעך באַקאַנט [5]. דאָרט האָט אויך אַ לענגערע צייט פאַרבראַכט דער באַוווּסטער יעקב בן אבא מארי אַנאַטאָלי (דער ערשטער אַריסטאָטעליקער אין איטאַליע), מיט וועלכן דער קיסר פרידריך פלעגט פירן לאַנגע שמועסן וועגן דעם רמב"מס

1 פרידריך איז געווען ניט נאָר דייטש-רוימישער קיסר, נאָר אויך מלך פון נעאַפּאָל און סיציליע.

2 דאָס האָט אויך געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער נאָוועלן-ליטעראַטור פון יענער צייט. אין דער גרופּע מעשיות און דערציילונגען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער סביבה פון פרידריכס הויף, און זיינען דערנאָך אַריין אין דער באַקאַנטער נאָוועלן-זאַמלונג „Novelino", געפינט זיך (נאָוועלע 61) די אַדאַנק לעסינגן אַזוי באַוווּסטע מעשה מיט די דריי רינגען, וואָס דער יידישער סוחר דערציילט דעם סולטאַן סאַלאַדין.

3 לויט אייניקע, אמת ניט גאַנץ זיכערע קוועלן, האָבן אין פרידריכס הויף זיך אויפגעהאַלטן אַ שטיק צייט ביידע זין פונם באַרימטן אַראַבישן דענקער אבן-רשד.

4 אבן מתקה האָט פאַרפאַסט אויף אַראַביש אַ ענציקלאָפּעדיש ווערק און אַליין, עס איבערזעצט אויף העברעיש אונטערן נאָמען „מדרש החכמה" (צוויי מאַנוסקריפּטן פון דעם ווערק געפינען זיך אין דער באָדלעאַנע). אין דער קריסטלעכער ליטעראַטור איז דאָס דאָזיקע ווערק באַקאַנט אונטערן נאָמען „Jnqui itio sapientiae". אין ש. זאַקס קאַטאַלאָג פון באַראָן גינצבורגס מאַנוסקריפּטן-קאָלעקציע איז פאַרצייכנט (אונטער נומ' 234) פאָלגנדיק ווערק: „סוד הנלגלים עפ"י ר' יהודה בר' שלמה הכהן בן מתקה". דער מקובל ישעיה בן יוסף (זע איבן, ז' 87), וואָס האָט געלעבט אין 13טן י"ה ציטירט אבן מתקהס ווערק „ספר השמים"

5 זע: „אוצר נחמד", II, 234.

פילאָזאָפיע, און האָט אפילו אַליין פאַרגעלייגט זיינע אייגענע ערקלערונגען צו אייניקע האַרבע שטעלן אין „מורה נבוכים"[1].

יעקב אַנאַטאָלי פאַרנעמט אַ בכבודיקן אָרט אין דער געשיכטע פון יידישער קולטור אין איטאַליע. אַן איבערצייגטער ראַציאָנאַליסט און הייסער אָנהענגער פון דעם רמב"מס אידעען, האָט ער מיט גרויס ענערגיע פאַר זיי דורכגעטראָטן אַ פרייען וועג אין איטאַליע, געמאַכט זיי פּאָפּולער אין די יידישע אינטעליגענטע קרייזן, וואָס האָבן ביז אים בכלל געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּן באַגריף וועגן דעם רמב"ם און זיין באַדייטונג. געבאָרן אין דער פּראָוואַנס אין דער שטאָט נאַרבאָנע[2], האָט אים זיין שווער, דער באַוווּסטער „מורה נבוכים"-איבערזעצער, שמואל אבן תיבון, באַקאַנט מיט דעם רמב"מס פילאָזאָפיע, און זי איז פאַר אים געוואָרן דער עמוד האש, דער לויכטנדיקער שטערן, וואָס האָט אים געפירט זיין גאַנצן לעבנסוועג. „דער „מורה נבוכים" — רופט אַנאַטאָלי אויס מיט התפעלות[3] — מאַכט בלינדע זעענדיק, אויך מיינע אויגן האָט ער פון בלינדקייט באַפרייט". מיט גרויס צאָרן רעדט ער וועגן דעם רמב"מס קעגנער; ער איז זיכער, אַז זייער קאַמף קעגן דעם גרויסן גאון באַווייזט בלויז זייער שלעכטי-

---

1 זע אַנאַטאָלי, „מלמד התלמידים", 53b: „ואדונינו הנפירד פירדריקו נתן טעם לדבר החכם וכו'". אין דעם זעלבן ווערק, אין „פרשה פרה", ווו עס ווערט גערעדט וועגן דער „פרה אדומה", ווייזט אַנאַטאָלי נאָך אַמאָל אָן: „עפר ואפר כמותר הפרה הזאת, ואדוננו פדריך המלך נתן טעם למה פרה ולאפר". דער דאָזיקער אָנווייז אויף דעם מלך פרידריך פעלט אין דער געדרוקטער אויסגאַבע „מלמד התלמידים" (בל' 89), ער איז אָבער פאַראַן אין דעם האַנטשריפטלעכן „מלמד התלמידים", וואָס געפינט זיך אין דער פירקאָוויץ-זאַמלונג נומ' 48, בל' 49. זע אויך שטיינשניידער „העבר. ביבליאָטעק", VII, 62—65 און XX, 24, ווו עס ווערט דערציילט, ווי דער קיסר פרידריך פלעגט אויך פירן ווּיסנשאַפטלעכע שמועסן מיט דעם ריכטער אלחריזי: „שאל הקיסר פרדליך לבן חריזי על ענין פרה".

2 עס איז נישט פעסטגעשטעלט נישט דאָס יאָר פון אַנאַטאָלים געבורט, נישט דאָס יאָר פון זיין טויט. אין איין קוועלע (Journal as atque, XIV, 34) איז אָנגעוויזן, אַז אַנאַטאָלי האָט געלעבט בערך 1194—1256. מיר פאַרהאַלטן זיך אָבער צו די דאָזיקע דאַטן מיט אַ געוויסן חשד. אַנאַטאָלי גופא ווייזט אָן („מלמד התלמידים", ז' 186), אַז בעת ער האָט דאָס דאָזיקע ווערק געשריבן, איז ער אַלט געווען 55 יאָר. אין דעם פריער ציטירטן האַנטשריפטלעכן עקזעמפּלאַר „מלמד התלמידים", מיט וועלכן מיר האָבן זיך באַנוצט, געפינט זיך אָבער אין סוף פון פרשה „אשה כי תזריע" פאָלגנדיקע באַמערקונג: „ח' בחדש אב שנת ה' כ"ו ליצירה". קומט הייסט עס אויס, אַז אַנאַטאָלי האָט נאָך געלעבט אינם יאָר 1266.

3 זע די פאָררעדע צו „מלמד התלמידים".

קייט און טיפשות, און זיי וואָלטן אָנגעפאַלן אַפילו אויף דוד המלך עליו, וואָלט ער נאָר געלעבט אין זייער דור[1].

דער שם פונם יונגן געלערנטן איז דערגאַנגען ביז צו פרידריך דעם צווייטן, און ער האָט אים איינגעלאַדן צו זיך קיין נעאַפּאָל[2]. דאָרט, ביים הויף פונם אויפגעקלערטן קיסר, האָט אַנאַטאָלי זיך באַפריינדעט מיט דעם קריסטלעכן געלערנטן מיכאל סקאָטוס, וועלכן ער דערמאָנט גאַנץ אָפט מיט גרויס דאַנקבאַרקייט[3]. דער דאָזיקער געלערנטער האָט פיל מיטגעהאָלפן אַנאַטאָלין אין זיין זייער פרוכטבאַרער וויסנשאַפטלעכער אונטערנעמונג: באַקענען דעם אייראָפּעישן מערב מיט די וויסנשאַפטלעכע אוצרות, וואָס די אַראַבער האָבן אָנגעזאַמלט. נאָכדעם, ווי ער וואָס איבערזעצט איניקע אַסטראָנאָמישע ווערק[4], האָט ער, דער ערשטער צווישן די אייראָפּעישע געלערנטע, גענומען איבערזעצן די פילאָזאָפישע ווערק פון דעם באַדייטנדסטן אַראַבישן אַריסטאָטעליקער אבן-רשד, און דערמיט הייבט זיך פאַקטיש אָן אַ נייע תקופה אין דער געשיכטע-אַנטוויקלונג פון אַריסטוס אידעען אין קריסטלעכן אייראָפּע[5].

---

1 „מלמד התלמידים", בל' 52.

2 צום סוף פון זיין איבערזעצונג פון אבן-רשדס פירוש אויף אַריסטו, דערציילט אַנאַטאָלי, אַז ער באַקומט פענסיע פון דעם קיסר, „וועלכער האָט זייער ליב וויסנשאַפט און די, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט איר" (בעזר העוזר לכל נעזר, אשר נתן בלב אדוננו האינפּיראדור פרידריך אוהב החכמה ודורשיה לזון אותי ילכלכל אותי לשבעת יגדל השם הסדו אתו וכו' (זע מונק, Melanges, 335 ; „ציטשריפט פ. העבר. ביבל." XII, 127).

3 אַנאַטאָלי ווייזט אָן אין דער פאָררעדע צו „מלמד התלמידים": „אשר שמעתי מפי החכם הגדול מיכאל שמו הוא אשר התחברתי עמו". אין „מלמד התלמידים" גופא ציטירט ער זיין קריסטלעכן חבר 17 מאָל: 2b ; 5b : 9b ; 38a ; 45b ; 47a ; 48a ; 53b ; דאָרטן : 54b ; 83a ; 122b ; 136b ; 154b ; 170a ; 170b ; 177b.

4 אַנאַטאָלי האָט איבערזעצט אויס אַראַביש: 1) חיבור הגדול הנקרא אלמגסטי; 2) קוציר אלמנסט; 3) יסודות התכונה.

5 אַנאַטאָלי האָט איבערזעצט פאָלגנדיקע פינף אַרבעטן פון אבן רשד: „המבוא", „המאמרות", „המופת", „ההלצה" און „ההקש". אַ פּאַרמעטענער מאַנוסקריפּט פון דער דאָזיקער איבערזעצונג געפינט זיך אין דער ערשטער קאָלעקציע פירקאָוויטש, נומ' 380—384. אויס דער פאָררעדע קאָן מען זיך מעטער זיין, אַז די דאָזיקע איבערזעצונג האָט אַנאַטאָלי אָנגעפאַנגען נאָך אין דער פּראָוואַנס לויט דער בקשה פון זיינע פריינד אין נאַרבאָנע און בעזיע. מיר ברענגען דאָ איניקע אינטערעסאַנטע פרטים אויס דער דאָזיקער פאָררעדע לויט דעם דערמאָנטן מאַנוסקריפּט: „...מפני שראיתי שרבו ההוללים הרעים המתפארים עלינו בדרך המחלוקה והנצוח, קנאתי בהם אני יעקב ברבי אבא מארי ברבי שמשון אנטולי ז"ל :התעוררה תשוקתי להעתיק החכמה הזאת כפי אשר תשיג ידי. יאמת כי נתתי אל לבי להקל מעלי תחלה עבודת ספרי התכונה הכבדה בהעתקתה

אַט די אַלע איבערזעצונגען האָט אַנאַטאָלי פאַרענדיקט בערך אינם יאָר 1235; זיין ווייטערדיקע ווינסשאַפטלעכע אַרבעט איז ענג פאַרבונדן מיט דעם רמב״מס פילאָזאָפישן שאַפן. דער רמב״ם איז דאָך אין זיינע אויגן געווען דער גרעסטער אויטאָריטעט, דער רבי און וועגווייזער. אַלס טרייער תלמיד פון זיין שווער, שמואל אבן תיבון, האָט ער אויפן ברייטסטן אופן זיך באַנוצט מיט דער ראַציאָנאַליסטיש-אַלעגאָרישער מעטאָדע. ניט נאָר ניסים, וואָס ווערן געבראַכט אין דער ביבל, נאָר אויך אַלע ערציילונגען, מעשיות און משלים — אין אַלץ האָט דער ראַציאָנאַליסט אַנאַטאָלי געזען בלויז פילאָזאָפישע אַלעגאָריעס און אָנצוהערעניש. נאָך אין זיין היים, אין דער פּראָווענס, האָט אַנאַטאָלי געפּרוווט פאַרשפּרייטן זיינע געדאַנקען צווישן דעם ברייטן עולם. יעדן שבת און יום-טוב פלעגט ער אין די שולן האַלטן דרשות, אין וועלכע ער פלעגט אויף דעם ראַציאָנאַליסטיש-אַלעגאָרישן אופן ערקלערן דעם פירוש פונם ביבל-טעקסט. דאָס האָט אָבער אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט אין דעם אָרטאָדאָקסישן טייל פון דער קהילה. דאָס איינענע האָט זיך אויך איבערגעחזרט, ווען ער האָט זיך געפּרוווט אַרויסטרעטן מיט זיינע פרייַדיקן אין איטאַליע. אַנאַטאָלי האָט סוף-כל-סוף איינגעזען, אַז די בית-מדרש-בימה איז ניט קיין פּאַסיקער אָרט צו פּראָפּאַגאַנדירן זיינע פריידענקערישע אָנשויונגען; ער האָט דערפאַר באַשלאָסן צו פאַרשפּרייטן זיין רבינס אידעען ניט מיט דעם מויל, נאָר מיט דער פען. צוזאַמען מיט זיין קריסטלעכן חבר, מיכאל סקאָטוס, האָט ער איבערזעצט אויף לאַטיין דעם „מורה נבוכים“[1], און די געדאַנקען, וואָס ער פלעגט פריער אַרויסזאָגן בעל-פה פון דער בימה-אַראָפּ, האָט ער צונויפגעזאַמלט אין אַ גאַנץ בוך „מלמד התלמידים“, וועלכן ער האָט איינגעטיילט אין 48 קאַפּיטלען לויט די סדרות פון דער תורה[2]. דאָס דאָזיקע ווערק איז בלי-ספק אַן אינטערעסאַנ-

---

למודה לפי שהיא צריכה לספרים רבים ולהתבוננה זה, אכן הציקתני רוח אחי ורעי אלופי ומיודעי המשכילים אשר בעיר נרבונא ובדרש אשר מלאם לבם לקרבה אל המלאכה הזאת, ולאהבתם אטה שכמי לשאת משא על משאי... ואם ידעתי כי לא יאות לאיש כמוני להרום ולעלות אל הר ההעתקה כי רב הדרך ממני ורבים המכשולים לפני מחסרון ידיעתי בלשון הערב ומקוצר הבנתי, אמרתי אולי במעט הדבש אשר ימצא בספרי והעתקתי יאורו עיני המעיינים בהם...

1 ווי פילע האַלטן אָן, איז די איבערזעצונג געמאַכט געוואָרן אויפן באַפעל פון פרידריך דעם II (זע שטיינשניידער, „העבר. ביבל.“, VI, 31; VII, 62—66).

2 ווען אַנאַטאָלי האָט פאַרענדיקט זיין ווערק, איז ער אַלט געווען 55 יאָר (זע „מלמד התלמידים“ 186b: בן חמשים וחמש כמוני היום). דער „מלמד התלמידים“ איז צום ערשטן מאָל געדרוקט אין 1866 דורכן פאַרלאַג „מקיצי נרדמים“.

מער קולטור=דענקמאָל, אין וועלכן ס׳שפּיגלען זיך אָמבּולטסטן אָפּ אַלע מעלות און אויך אַלע חסרונות פון דעם שטרענגן מיימונישן ראַציאָנאַליזם. אָט מאַקע דערפאַר לוינט עס זיך אָפּצושטעלן מער באַריכות אויף אַנאַטאָלים „מלמד התּלמידים״.

שוין אין דער הקדמה ערקלערט אַנאַטאָלי, אַז די וויכטיקסטע פון אַלע חכמות איז דאָס מעטאַפיזישע דענקען, האָס פאַרטיפן זיך אין דער „מעשׂה מרכּבה״. „וכל החכמות מכונות אליו״ — און אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן זיינען בלויז הילפסמיטלען צו דער דאָזיקער וויכטיקער חכמה. אָבער „די הויות דאביי ורבא״, ד״ה דער תּלמודישע לימוד, איז ניט אַזוי וויכטיק, מען קאָן זיך באַגנוגן בלויז מיט משניות און מיט איינעם פון די פּוסקים. „ליידער — איז דערבּיי אַנאַטאָלי מוסיף — בּיי אונזערע היינטיקע רבּנים (חכמינו דורשי הגמרא) איז האָס וויכטיקסטע — זיך באַשעפטיקן מיט סוגיות התּלמוד, שטעלן האַרבּע שאלות און זוכן אויף זיי תּירוצים, אָבער אין פילאָזאָפיע, אין „חכמת האלהות״ האָבן זיי אַ גאַנץ קנאַפּע ידיעה, און האַלטן עס ניט נאָר פאַר אַ נעבן=זאַך, נאָר מאַקע פאַר אַ זייער שעדלעכע און געפערלעכע״.

מיט זיין ווערק — ערקלערט אַנאַטאָלי — באַצוועקט ער וויזן דעם ריכטיקן וועג, ווי אַזוי צו דערגרייכן דעם אמתן פּשט פונם ביבל=טעקסט. ער וויל „אַראָפּנעמען די אייבערשטע שאָלעכץ, בּכדי אויפצודעקן די אונטער איר פאַרבאָרגענע פּערל״, און אַנטפּלעקן פאַר אַלעמען דאָס וואָרט פון דער תּורה אין זיין גאַנצער פּראַכט און שיינקייט[1]. „יעדע מעשׂה, וואָס ווערט דערציילט אין דער תּורה, ליגט אין איר אַ באַזונדערער מיין: אָדער זי לערנט אונז ווי זיך נוהג צו זיין אין עניני המדינה, אָדער איר ציל איז צו שטאַרקן אין אונז די אמונה״[2]. עס איז קלאָר — ווייזט ווייטער אָן דער פאַרפאַסער — אַז אַלע מעשׂיות אין דער תּורה זיינען בלויז משלים, אַלעגאָריעס. די תּורה איז געשריבן אין אַזאַ סטיל, בּכדי זי זאָל פאַרשטענדלעך זיין פאַר כּל ישׂראל. אָבער אין יעדער פּשוטער מעשׂה שטעקט נאָך אַ טיפער פאַרבאָרגענער מיין, וועלכן ס׳פאַרשטייען בלויז די יחידי סגולה (דאָרטן 44). „דער המון איז ניט אימשטאַנד צו פאַרשטיין דעם אמתן מיין פון די אַלע געשעענישן, וואָס ווערן באַשריבן אין דער תּורה, זיי נעמען דאָס אַלץ אָן פּשוט, ווי עס ווערט דערציילט, אָבער די פילאָזאָפיש=געבילדעטע, זיי פאַרשטייען דעם פאַרבאָרגענעם סוד״ (דאָרטן,

---

1 „מלמד התּלמידים״, 8a.

2 דאָרטן 31a: „כל ספור שבא בתורה בא אם לתועלת הנהגת המדינה או להועלת קיום אמונה״.

58). דאָס — שטרייכט אַנאַטאָלי אונטער — איז אָבער ניט בלויז בנוגע צום טעקסט פון דער תורה. „ווי דער רמב"ם האָט שוין אָנגעוויזן [1], האָט אפילו אין דעם ספר „משלי" יעדער פסוק אַ דאָפּלטן זין: אַ פּשוטן, פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען, און אַ צווייטן, אַ פאַרבאַהאַלטענעם" [2]. דאָס אייגענע, איז מוסיף אַנאַטאָלי, זעען מיר אויך בײַ אונזערע נביאים און חכמים: יעדער אויסשפּרוך זייערער האָט אַ דאָפּלטן פּשט: איינעם פאַר אַלעמען, וואָס פאַרשטייען נאָר דעם פירוש המלות, און אַ צווייטן, אַ טיפן, וואָס נאָר יחידים קאָנען אים משיג זיין [3]. און זייער אַ סך טיפע סודות— שטרייכט אונטער דער פּראָפעסאָר פון „מלמד התלמידים" — זיינען געווען פאַרבאָרגן אין די ספרי הקודש און אין דעם תלמוד, וועגן וועלכע דער רוב אונזערע תלמידי חכמים האָבן אפילו ניט אָנגעהייבן וויסן (נעלם מרוב חכמי תורתנו), ביז ס'האָט זיך באַוויזן דער מאור הגולה, רבינו משה בן מיימון, און ער האָט אַנטפּלעקט דאָס טיף פאַרבאָרגענע. אמת, ער האָט אין זיין „מורה נבוכים" ניט אַלע סודות אויפגעדעקט; ער האָט אונז אָבער אַלעמען די אויגן געעפנט, האָט אונז געלערנט, ווי אַזוי מען קאָן דערגיין דאָס, וואָס ס'איז פאַר אונז, בלינדע, פריער געבליבן פאַרהוילן. און זייט וויסן, אַז אַלץ, וואָס איך אַנטפּלעק דאָ פאַר אייך אין דעם דאָזיקן ספר — דאָס האָב איך אַלץ אים, אונזער גרויסן וועגווייזער צו דאַנקען, דאָס גייען מיר עס איין זיין דרך און פאָלגן זיינע געבאָטן [4].

בכדי צו געבן דעם לעזער אַ באַגריף וועגן אַנאַטאָלים פילאָזאָפישאַלעגאָרישע מעטאָדע, לויט וועלכער ער פלעגט דערקלערן דעם טעקסט פון דער ביבל, איז גאַנץ גענוג צו ברענגען פאָלגנדיקע איינציקע ביישפּילן: נחס תיבה מיט אירע דריי אָפּטיילונגען, דאָס איז, לויט אַנאַטאָלים פּירוש, מער ניט ווי אַ משל צו די דריי חכמות-אָפּטיילונגען: מעטאַפיזיק, פיזיק און מאַטעמאַטיק [5]. די מעשה מיטן ברענענדיקן סנה איז אַ רמז אויף דעם נידעריקן חומר, וואָס „ווערט פאַרברענט אינם פייער פון צעשטערונג" (החומר השפל... הבוער באש הכליון) [6]. אונטער דעם גן-עדן האָבן, נאָך אַנאַטאָלים מיינונג, אונזערע חכמים פאַרשטאַנען דעם זאַמלפּונקט פון

---

1 „מורה נבוכים", I, קאַפּ' 17; III, קאַפּ' 3.

2 „מלמד התלמידים", 56b, 124b.

3 דאָרטן, 116b.

4 דאָרטן, 119b, 122a.

5 דאָרטן, 12a.

6 דאָרטן, 45b.

אַלע חכמות[1]; די מנורה מיט אירע זיבן רערן זיינען אַ רמז אויף די זיבן פּלאַנעטן[2]; אונטער דעם כנעני, וואָס ווערט אַזוי אָפט דערמאָנט אין דער תורה, מיינט מען דעם יצר-הרע[3]; די אשה זונה, וועגן וועלכער עס דערציילט דער נביא הושע — דאָס איז דער שפלער חומר[4]; „דאָס קליינע שוועסטערל" (אחות לנו קטנה), וואָס ווערט דערמאָנט אין שיר השירים — דאָס איז דער „שכל הנקנה", די הויכע שטופע פון פאַרשטאַנד, וואָס דער מענטש דערוועַרבט זיך דורך פילאָזאָפיש פאָרשן און דערקענען אַאַז"וו אַאַז"וו.

דער לעזער דאַרף אָבער דערביי ניט פאַרגעסן דאָס, וואָס מיר האָבן אָנגעוויזן אין פאָריקן בוך, אַז די אַלעגאָרישע מעטאָדע ביים דערקלערן דעם ביבלישן טעקסט איז דעמאָלסט שטאַרק געווען אָנגענומען אויך ביי די קריסטלעכע מעאַלאָגן; מער ניט ביי יענע האָבן די משלים און אַלעגאָריעס געטראָגן ניט קיין ראַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער, ווי ביי דעם מיימוניסט אַנאַטאָלי, נאָר אַ סכאָלאַסטיש-טעאָלאָגישן. די קריסטלעכע טעאָלאָגן פון יענער צייט האָבן ניט נאָר געזען אין אסתר המלכה אַ רמז אויף „גאָטס-מוטער", אין יצחקן — גאָט דעם פאָטער, אין יעקבן — דעם גואל (ישו הנוצרי), אין קינען — דאָס יידנטום און אין הבלן — דאָס קריסטנטום; אַפילו די דיכטער פון הייזנישן אַלטערטום, ווי ווירגילי, אָוויד וכדומה, האָבן ביי זיי אָנגענומען אַ קריסטלעכן לבוש, און זייערע ווערק האָבן דורך אַלעגאָרישע פירושים באַקומען אַ גאַנץ קריסטלעך-טעאָלאָגישן כאַראַקטער. אַפילו די נאַטור מיט איר שפּרודלדיקן לעבן איז ביי זיי מגולגל געוואָרן אין אַ טיפער אַלעגאָריע, אין וועלכער עס זיינען באַהאַלטן גאַנצע אוצרות פון מוסר און דרך-ארץ. עס זיינען דעמאָלסט, אין דער בלי-תקופה פון סכאָלאַסטיק, ערשינען פאַרשיידענע ווערק אונטער מאָדנע נעמען, ווי „בעסטיאַרי", „לאַפידאַרי" וכדומה, אין וועלכע עס ווערט שטאַרק געחקירעט, וואָס פאַר אַ מיין, וואָס פאַר אַ רמז עס שטעקט אין יעדן אבן דומם, אין יעדן פאַשעפעניש באַזונדער... יעדע זאַך, יעדע לעבעדיק באַשעפעניש איז בלויז אַ סימבאָל, אַ משל; „עס מוז אונז עפּעס לאָזן הערן"...

ביי אַנאַטאָלין האָט דאָס אַלץ געטראָגן אַ ריין ראַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער, אַלץ איז ביי אים בלויז אַ לבוש פאַרן פילאָזאָפישן געדאַנק, פאַרן שכלדיקן באַווייז. און אַדאַנק זיין אויסגעהאַלטענעם ראַציאָנאַליזם

---

[1] דאָרטן, 142a.

[2] דאָרטן, 134b.

[3] דאָרטן, 134a: „יכבר בארנו שכנעני שם ליצר הרע".

[4] דאָרטן, 115a.

איז אנאטאָלי א שאַרפער קעגנער פון יעדן פינסטערן אָבערגלויבן און פון פאַנטאַסטישע באָבע־מעשיות. אין יענער צייט, ווען די גאַנצע מיטל־אלטערלעכע לופט איז געווען פיל און פול מיט כל המיני מהבלים, אָנשיקע־נישן און ניט־גוטע, האָט דער פאַרפאַסער פון דעם „מלמד התלמידים״ געהאַט דעם מוט אָפן ערקלערן, אַז ער גלויבט ניט: ניט אין מכשפים, ניט אין שדים, ניט אין ווידערשפעניקע מלאכים, וואָס זיינען מגולגל געוואָרן אין רוחות. אנאטאָלי איז פעסט איבערצייגט, אַז דעם דאָזיקן „גאַרישן אָבערגלויבן״ האָבן יידן איבערגענומען ביי די אַנדערע פעלקער. לויט זיין מיינונג, איז דאָס אַ גרויסער טעות, ווען מען מיינט, אַז אין תנ״ך און אין דער גמרא ווערט דאָך אויך דערציילט וועגן שדים און רוחות — דאָס פאַרשטייט מען עס פשוט ניט דעם ריכטיקן פשט. פאַר אַנאַטאָלין איז קלאָר, אַז ווען עס ווערט דאָרט גערעדט וועגן שטן און סמאל, איז דאָס דאָך בלויז אַ משל צום מענטשנס יצר־הרע, וואָס פירט אים אַראָפּ פונם ריכטיקן וועג [1]. אנאטאָלי דערמאָנט אויך יעדעס מאָל זייגע לעזער, ווי הויך זיי דאַרפן שעצן די וועלטלעכע וויסנשאַפטן, און אין יענער פינסטער־רער צייט פון ווילדן פאַנאַטיזם און בלוטיקער שנאה האָט אַנאטאָלי גע־פלייסט זיך איינצופלאַנצן אין די הערצער פון זיינע לעזער דאָס באַוווסט־זיין, אַז אַלע פעלקער זיינען גלייך, און אַלע מענטשן זיינען ברידער. ער שטרייכט אונטער, אַז העכער פון אַלץ דאַרף מען שעצן די מענטשלעכע פערזענלעכקייט, ניט רעכנענדיק זיך דערביי, צו וועלכער אומה אָדער וועלכער אמונה די פערזענלעכקייט געהערט. „אַלע מענטשן — לערנט אנאטאָלי — זיינען געשאַפן לויט גאָטס בילד, און עס איז לעכערלעך צו מיינען, אַז נאָר יידן האָבן אַ געטלעכע נשמה, און אַנדערע פעלקער ניט: מיר דאַרפן ניט נאָכמאַכן די אַנדערע פעלקער, וואָס ערקלערן, אַז יידן האָבן ניט קיין נשמה; דאָס זאָגן זיי אויס אומוויסן און נאַרישער גאווה. יעדער פון די אומות העולם, חזרט אַנאַטאָלי איבער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די לימודים, וועלכע פאַסן פאַר אים, דער איז פיל חשובער פון דעם בן־ישראל, וואָס פאַרנעמט זיך ניט מיט דעם, וואָס ס'איז פאַסיק פאַר אים״ [2].

נאָר מאַקע דערביי אַנטפּלעקט זיך אויך גאַנץ בולט די שאָטן־זייט פון אַנאַטאָלים וועלט־אָנשויונג. זיין פרייער קריטישער געדאַנק דערהויבט

---

1 דאָרטן, 182b, 183b, 184a.

2 דאָרטן, 25b: „אמנם בצלם אלהים זה השתוו כל האומות, לא שנאמר כי אין נפש רק לישראל כמו שאומרים הגויים הסכלים כי אין נפש לישראל, כי זה רק גאותם וסכלותם. אבל בדרך האמת כלם בעלי צלם... ואחד מן האומות שהוא עוסק בתלמוד הראוי לו גדול מאחד מבני עמנו שאינו עוסק בראוי לו״.

זיך שטעלט איבער די מיטלאלטערלעכע גרענעצן און צוימען, אָבער — ער שאפט דערביי גלייך נייע. ער לעגט שעצן די מענטשלעכע פערזענלעכקייט, נישט רעכענענדיק זיך מיט נאציאָנאלע און רעליגיעזע מחיצות, אָבער — בלויז די געבילדעטע פערזענלעכקייט, וואָס קאָן פילאָזאָפיש דענקען. אנאטאָליס ראציאָנאליזם איז דורכגעדרונגען מיטן גייסטיקן אריסטאָקראטיזם, מיטן ביטול צום המון, צו די ברייטע מאסן, די „נארישע עמי־הארצים". דעם רמב"מס א הייסער חסיד, האָט אנאטאָלי פיינט צוריידן האלבע ווערטער, ער שטעלט יעדע פראגע שארף און בולט. ער האָט דעם מוט אָפן אונטערצושטרייכן דעם אנטידעמאָקראטישן כאראקטער פון מיימונישן ראציאָנאליזם, און אדאנק דעם באקומט זיין „מלמד התלמידים" א באזונדערן היסטאָריש־ליטערארישן אינטערעס.

„דריי כוחות — זאָגט אנאטאָלי — געוועלטיקן אין דעם מענטשן: די קראפט פון וואקסן, די קראפט פון לעבן און באוועגונג, און דער כוח פון וואָרט און געדאנק [1]. דעם ערשטן כוח באזיצט דער מענטש צוזאמען מיט אלע געוויקסן און פלאנצן, דעם צווייטן — בשותפות מיט אלע חיות, דעם דריטן אָבער — צוזאמען מיט די מלאכים. און לויט די דריי כוחות ווערן די מענטשן איינגעטיילט אין דריי כיתות: די ערשטע כיתה באזאָרגט אלץ, וואָס ס'איז נייטיק פארן ערשטן כוח, ד"ה פארן נאָרמאלן וואקסן און גדייען: שפייז, געטראנקען, הלבשה וכדומה. די כיתה איז די גרעסטע אין כמות, צו איר געהערן קודם־כל די ערדארבעטער, דאן סוחרים, בעלי־מלאכות און אויך פארטרעטער פון אזא פראקטישער חכמה ווי מעדיצין. די דאָזיקע כיתה איז אוודאי א זייער נוציקע און נייטיקע, נאָר ניט זי איז מסוגל צו שפילן א פירנדיקע ראָלע אינם געזעלשאפטלעכן לעבן אלס מאַראלישער דערציער, בפרט נאָך אלס לערער און מדריכים אויפן געביט פון פילאָזאָפיע און וויסנשאפט. ניט אין דער כיתה אנטפלעקט זיך דעם מענטשנס גרויסקייט, וואָרעם זי באזאָרגט דאָך בלויז די זעלבע באדערפענישן, וואָס פשוטע געוויקסן און פלאנצן (כי הצמח נמצא במדרגתו). די צווייטע כיתה, א קלענערע אין צאָל, זי באזאָרגט אלע געזעלשאפטלעכע הצטרכותן, גיט אכטונג אויף אָרדענונג און פירט דעם גאנצן סדר פון דער מלוכה. די דאָזיקע כיתה שטייט געוויס העכער פון דער ערשטער, נאָר אויך אין איר דערגרייכט נאָך דער מענטש ניט זיין העכסטע מדרגה. מיר ווייסן דאָך, אז געוויסע מינים חיות, ווי מאלפעס וכדומה, און אפילו פשוטע אינזעקטן פירן אויך א געזעלשאפטלעך לעבן און ווייזן דערביי

2 דאָרט, 143b: „כי האדם התחברו בו שלשה כחות: כח המגדל, וכח החיים וכח המדבר".

אַרוים פיל חכמה און געניטקייט. בלויז די דריטע כיתה, די קלענסטע אין צאָל, איז די פרעגערין פון דעם מענטשנס העכסטער שלמות — די קראַפט פונם וואָרט און געדאַנק. דאָס זיינען די דענקער און פילאָזאָפן, וואָס אַנטפלעקן די טיפסטע סודות און אַנטדעקן דעם וועג פון אמת. זיי זיינען די חשובסטע פון אַלע מענטשן, די קרוין פונם מענטשלעכן געשלעכט. און פונקט ווי ביי אַ פרוכטבוים באַצוועקן אַלע זיינע טיילן, די וואָרצלען, די זאַפטן, די בלעטער, איין באַשטימטן ציל: צייטיקן די פרוכט, אַזוי באַצוועקן ביידע ערשטע כיתות מיט זייער גאַנצער עקסיסטענץ איין באַשטימטן ציל — שאַפן די מעגלעכקייט, די דריטע גרופע, די קלענסטע אין צאָל און וויכטיקסטע לויט איר איכות און ווערט, זאָל קאָנען בליען און געדייען. אָבער אויך אין דער דריטער אויסדערוויילטער כיתה זיינען נישט אַלע גלייך. ווער ס'דרינגט אַמטיפסטן אַריין אין די פילאָזאָפישע אמתן, דער שטייט דורך דעם העכער פון אַלע זיינע חברים, און די גאַנצע דריטע כיתה דאַרף געהאָרכן אים, דעם אויסדערוויילטן; די צווייטע כיתה דאַרף דערפילן דעם ווילן פון דער דריטער, און די ערשטע — פון דער צווייטער. נאָר אויף אַזאַ דרך, פאַרזיכערט אַנאַטאָלי, קאָן דער מענטש דערגרייכן צו דער העכסטער שטאַפל פון שלמות״[1].

אָט אין דעם טאַקע — שטרייכט אַנאַטאָלי אונטער — באַשטייט דער גרויסער טעות פון די, וואָס טענהן, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך און מיינען: איך בין גלייך ווי יעדער אַנדערער. דאָס איז אַ גרויסע נאַרישקייט [2]. אַנאַטאָלי איז פעסט איבערצייגט, אַז נישט אַלע מענטשן טראָגן דעם „צלם אלהים״, דעם געטלעכן שטעמפל, נאָר בלויז דער פ י ל אָ ז אָ פ י ש ־ ד ע נ ק ע נ ד י ק ע ר מענטש, דער מאַן פון וויסנשאַפטלעכער בילדונג. „עס שטייט ביים נביא געשריבן — זאָגט אַנאַטאָלי — „און פול וועט ווערן די ערד מיט וויסן און גאָט וועט פאַרשפרייטן זיין גייסט איבער יעדער באַשעפעניש״ (וישפוך רוחו על כל בשר). „על כל בשר״ — פאַרטייטשט אַנאַטאָלי — דאָס מיינט מען „יעדער ל ע ב ע ד י ק באַשעפעניש״, ד״ה יעדער באַשעפעניש מיט אַ פאַרשטאַנדיק האַרץ. „וואָרעם עס איז דאָך לעכערלעך צו מיינען — איז מוסיף אַנאַטאָלי — אַז גאָט גיסט אויס זיין גייסט אויך איבער די פאַרגרעבטע נאַראָנים. לאָז אונז גאָט היטן גלויבן אין אַזאַ נאַרישקייט, וואָס איז ליידער היינטיקע צייטן (אונטערגעשטראָכן פון אונז. י. צ.) געוואָרן זייער פאָפולער און אָנגענומען ביים

1 דאָרמן: „יבזה ישלם מין האדם לא זולת זה״.

2 דאָרמן, 144: „וזה דבר יכשלו בו רבים כי יאמרו: כלנו בני איש אחד נחנו, או יאמרו: ישר אנכי כפלוני ופלוני, וזו סכלות גמורה״.

עולם. דער המון איז אפילו איבערצייגט, אז אט אין דער נארישקייט גלויבן די פרימסטע און בעסטע פון אונזער דור; זיי מיינען, אז דערמיט גרויסן זיי און אכפערן גאטס נאמען; אין דער אמתן אבער לעסטערן זיי אים דערמיט"[1]. ביי אנאטאלין איז קיין שום ספק ניט, אז דעם דאזיקן גרויסן טעות האבן יידן איבערגענומען ביי די אומות העולם.

אט דער „גרויסער טעות", דער גלויבן, אז גאטס שכינה רוט איבער אלע באשעפענישן, און אז אלע מענטשן זיינען גלייך, איז ווירקלעך געווען שטארק פארשפרייט צווישן די קאמוניסטישע סעקטעס, וואס האבן זיך דעמאלסט באוויזן אין איטאליע. דערמיט ערקלערט זיך די שנאה, מיט וועלכער אנאטאלי רעדט וועגן די דאזיקע סעקטעס, וואס זייערע אנהענגער הייסן ביי אים „די נידערטרעכטיקע אפיקורסים"[2].

„מען דארף — ווארנט אנאטאלי — זיך האלטן וואס ווייטער פון די דאזיקע שעדלעכע אומרויקע מענטשן (להרחיק חבר האנשים המתפרצים כנגד הטובים), וואס פארפירן מיט זייערע שקרים אומשולדיקע מענטשן. די רעדלפירער פון די דאזיקע ווידערשפעניקע חברות ריידן אין דער התחלה ווייכע דיבורים: לאמיר לעבן בשלום, פירן א ריין מאראליש לעבן, דאס גאנצע געלט וועט גיין אויף צדקה-קאסעס צו שטיצן אלע נויט-באדערפטיקע; כים אחד יהיה לכולנו — איין קאסע וועט זיין פאר אונז אלעמען. דאס זאגן זיי אבער נאר לפנים; זייער פארבארגענער ציל איז איפצורייצן קעגן די ארנטלעכע פירער... און בלוט צו פארגיסן..."[3].

אט אזוי אנטפלעקט מיט אמאל דער ראציאנאליסט און פריידענקער זיין סאציאלן מהות, זיין בלינדן פחד פארן אומצופרידענעם „המון"...

1 דארשן, 150a: „לא שישפוך רוחו על הסכלים, חלילה וחלילה מהאמין זה הסכלות שיצא בזמנינו עד שהחסידים שבדורנו לפי דעת ההמוני יאמרו זה והם מתכונים להגדיל כבוד השם בזה, והאומר זה בוזה השם הנכבד והנורא".

2 דארשן, 115a: „הרעים הכופרים הנקראים פטריני".

3 דארשן, 142b: „אבל הכונה הצפונה בלבם להתפרץ כנגד הטובים המוכיחים עד שימצאו מענה מלכת אל החכמים... וימצאו בזה מקום לפתות הטובים ולשפוך דם חייהם האמתיים".

פערטער קאַפּיטל.

אַנאַטאָליס שול. — משה אויס סאַלערנאָ און די לאַטיינישע איבערזעצונג פון „מורה נבוכים“. — די יידישע געלערנטע און זייער באַדייטונג פאַר דער איטאַליענישער קולטור אינם מיטלאַלטער. — די קולטורעלע ראָלע פון דער רוימישער קהילה; די צוויי ברידער צדקיהו בן אַברהם און בנימין בן אַברהם. — בנימינס סאַטירע „משא גיא חזיון“; יחיאל בן יקותיאל און זיין מוסר־ספר „מעלות המדות“. — די מעצענאַטן און די כּתב־יד־איבערשרייבערס. — די השפּעה פון דעם רמב״מס „מורה נבוכים“; דער ראַציאָנאַליסט זרחיה חן און זיין ליטעראַריש שאַפן. דער וויכּוח צווישן צוויי מיימוניסטן.— הלל אויס ווערָאָנע אַלס פערזענלעכקייט; זיין פילאָזאָפיש־עטיש ווערק.

אַנאַטאָלי האָט געשאַפן אין איטאַליע אַ גאַנצע שול. ער האָט דערוועקט אין די יידישע אינטעליגענטע קרייזן דעם אינטערעס צו פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. אַנאַטאָליס באַליבטסטער דענקער, דער רמב״ם, איז געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער אין די דאָזיקע קרייזן, זיין „מורה“ האָבן אַלע שטודירט, מען האָט געלייענט וועגן אים ספּעציעלע פאָרלעזונגען און געשריבן אויף אים פּרושים.

אַלס דעם „מורה נבוכים“ אַ מפרש באַגעגענען מיר אין איטאַליע באַלד נאָך אַנאַטאָליס טויט אַן אינטערעסאַנטע פיגור, דעם פילאָזאָפיש־געבילדעטן אַרצט משה בן שלמה אויס סאַלערנאָ. וועגן זיין לעבן ווייסן מיר בלויז, אַז ער איז געווען אַ תּלמיד פון דעם בעל „מלמד התּלמידים“ זון, וועלכער איז באַקאַנט אונטער דעם פאַטערס פאַמיליע־נאָמען אַנאַטאָליאַ, אויך אַנאַטאָליִנאָ.[1] אַ גוטער קענער פון לאַטיין, האָט משה

1 אין משה בן שלמהס פּירוש אויף „מורה נבוכים“ לייענען מיר גאַנץ אָפט: „ומורי ר׳ אַנטולי ז״ל“ (I, קאַפּ׳ 30, בל׳ 13); „החכם ר׳ אַנטולי בר׳ יעקב ז״ל“ (I, קאַפּ׳ 31, בל׳ 14); „וכבר שאלתי מזה החכם אַנטוליא יאמר לי“ (I, קאַפּ׳ 21, בל׳ 7) אאַז״וו. דעם מחבר פונם „מלמד התּלמידים“ אָבער, וועלכן ער ציטירט גאַנץ אָפט, רופט משה אויס סאַלערנאָ קיינמאָל נישט אָן מיטן נאָמען אַנאַטאָליאַ, נאָר ר׳ יעקב בן אבא מרי, אָדער פּשוט: ר׳ יעקב במאמרו „מלמד התּלמידים“ (זע דאָרטן, I, 19, בל׳ 5; II, 26, בל׳ 170 אאַז״וו).

אויס סאַלערנאָ פלייסיק שטודירט ניט נאָר די פילאָזאָפישע ליטעראַטור, נאָר אויך די קריסטלעך-טעאָלאָגישע פון יענער צייט. און פונקט ווי אַנאַטאָלי, וואָס האָט ביי זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט זיך באַנוצט מיט דער הילף פון דעם קריסטלעכן געלערנטן סקאָטוס, אַזוי האָט אויך משה בן שלמה געשטודירט דעם „מורה נבוכים" אין דער לאַטיינישער איבערזעצונג [1] צוזאַמען מיט דעם קריסטלעכן טעאָלאָג ניקאָלאַי אויס פאַלעא (Nicolaus de Palea)[2]. ער איז אויך געווען גוט באַקאַנט מיט פילע אַנדערע קריסטלעכע טעאָלאָגן, און ער דערמאָנט אין זיינע ווערק אייניקע מאָל דעם ביסקופ מאַצעאָ און עפּעס אַ גלח (שהוא רב שלהם) פיליפ אויס טאָסקאַנאַ.

משה אויס סאַלערנאָ איז געווען אַ הייסער אָנהענגער פון מיימוני, וועלכן ער רופט ניט אַנדערש ווי „אדוננו השלם הרב הגדול", און ער האָט אין משך פון אַ סך יאָרן געאַרבעט איבער אַ גרויסן פירוש צום „מורה"[3], וואָס איז טאַקע געבליבן ניט פאַרענדיקט[4]. ער איז פעסט איבערצייגט, אַז אין דער תורה זיינען באַהאַלטן אַ סך אַלעגאָריעס און רמזים אויף טיפע פילאָזאָפישע ענינים, און ווייזט דערביי אָן, אַז אויך די גריכישע פילאָזאָפן, ווי אַפּלטון און אַנדערע, האָבן זיך אויך זייער אָפט באַנוצט מיט אַלעגאָריעס און רמזים[5]. גאַנץ אינם גייסט פונם רמב"מס שיטה ער-

---

1 משה בן שלמה ציטירט גאַנץ אָפט אין זיין פירוש דעם „מורה" אין דער לאַטיינישער איבערזעצונג: „העתקת הנוצרי", „המעתיק הנוצרי".

2 משה בן שלמה דערמאָנט אין זיין פירוש גאַנץ אָפט: „החכם הנוצרי שהתחברתי עמו", און אין איין שטעלע (II, 74, בל' 105) ווייזט ער אָן: „וזה פירש לי החכם הנוצרי פיטרו דביריאה".

8 שטיינשניידער רעכנט, אַז משה בן שלמה האָט געשריבן זיין פירוש אין די יאָרן 1240—50 (זע „העבר. ביבל.", XV, 86). מיר האַלטן אָבער די דאָזיקע דאַטע פאַר ניט ריכטיק. אין דעם פירוש ווערט דער בעל „מלמד התלמידים" שטענדיק דערמאָנט אַלס אַ געשטאָרבענער. העכסט וואַרשיינלעך האָט משה איבערגעאַרבעט זיין פירוש ערשט אין סוף פון די זעכציקער יאָרן.

4 אין אַלע האַנטשריפטלעכע עקזעמפּלאַרן (דאָס ווערק איז געבליבן ניט געדרוקט) איז דער פירוש בלויז אויף די ערשטע צוויי חלקים פונם „מורה". מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דער האַנטשריפט, וואָס געפינט זיך אין דער ערשטער קאָלעקציע פון פירקאָוויטש, נומ' 482. דער מאַנוסקריפט איז אַ גרויסער דיקער באַנד פון 181 בלעטער, פאַפּיר געמישט מיט פּאַרמעט (די ערשטע בלעטער פעלן).

5 זע זיין פירוש, I, קאַפּ' 16, בל' 3: „וחכמי האומות מקדם היו מסתירים בדברים של זאת החכמה ר"ל חכמת הטבע בהתחלות כלומ' בראשי דברים וברמיזות ומדברים בהם ברמיזות ומשלים כאפלטון ומי שקדם לו".

קלערט משה בן שלמה פאַר פאַלש רבנו סעדיה גאונס מיינונג, אַז די מענטשן זיינען חשובער פון די מלאכי השרת [1].

זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די דעמאָלטיקע קולטורעלע צושטאַנדן אין איטאַליע איז דער פאַקט, וואָס אונזער יידישער געלערנטער האָט גע־האַט די מעגלעכקייט צו פירן מיט אַנגעזעענע קאַטוילישע גייסט־לעכע שאַרפע רעליגיעזע וויכוחים און דערביי אָפן און פריי קריטיקירן די דאָגמעס פון דער קריסטלעכער אמונה. שטייענדיק אויפן רמב״מס שטאַנד־פונקט פאָלעמיזירט משה בן שלמה אין זיין פירוש צום „מורה" קעגן די יידישע רבנים, וואָס ערלויבן זיך צו שילדערן די גאָטהייט אין מענטשלעכע בילדער [2]. אָבער נאָך שאַרפער טרעט ער אַרויס אין זיינע פאָלעמישע ווערק „מאמר האמונה" און „טענות"[3] קעגן די הויפט־דאָגמען פון דער קריסטלעכער אמונה: ווענן דער דריי־איינקייט און דאָס ערשיינען פון דער גאָטהייט אין אַ מענטשלעכער געשטאַלט (אינקאַרנאַציע).

ביסלעכוויז, צו דער צווייטער העלפט פונם 13טן יאָרהונדערט, האָבן די יידישע געלערנטע אָנגעהויבן שפילן אַ אָנגעזעענע קולטורעלע ראָלע אין איטאַליע [4]. דער הויף פונם אויפגעקלערטן מלך קאַרל אוים אַנזשוי (1266—1288) איז געפאַלן אַ געוואָרן דער זאַמלפונקט פאַר יידישע געלערנטע אוים דער פראָוואַנס, שפּאַניע און איטאַליע, וואָס האָבן פלייסיק איבערזעצט אַראַבישע פילאָזאָפישע און מעדיציניש ווערק. מעדיצין איז

1 דאָרטן, II, 11: „ובענין זה טעה אחד מגדולי ישראל שאמר כי בני אדם נכבדים ממלאכי אלהים". דעם רמב״מס מיינונג בנוגע צו דער פראַגע זע דעם ערשטן באַנד, ז' 209.

2 זע פערלעס, אין „מאָנאַטסשריפט", 1875, 23.

3 משה בן שלמהס ווערק „מאמר האמונה" איז מיט דער צייט פאַרלאָרן גע־גאַנגען, און עס איז בלויז באַקאַנט פון די ציטאַטן, וואָס ער גופא ברענגט אין זיין פירוש צום „מורה". אַ שריפטלעכער עקזעמפּלאַר פון זיינע „טענות" געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פונם ברעסלעווער סעמינאַר. מער באריכות וועגן משהס שאַפן זע דעם אַרטיקל פון פערלעס וועגן דער לאַטיינישער „מורה"-איבערזעצונג („מאָנאַטסשריפט", 1875). זע אויך גידעמאַן, „התורה והחיים" II, און פאָגלשטיין אונד ריעגער I, 269—70.

4 עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס ערשט אינם 13טן יאָרהונדערט, צוזאַמען מיטן קולטורעלן אויפבליען פונם איטאַליענישן יידנטום, האָט זיך אין איטאַליע באַוויזן דער ערשטער באַדייטנדיקער פאָרשער אויך אויפן תלמודישן געביט, נעמלעך, ישעיה דוטראַני דער עלטערער, וואָס אַדאַנק זיין גרויסן חיסן און שאַרפן קריטישן שכל, איז ער געוואָרן איינער פון די אָנערקענטע אויטאָריטעטן צווישן די גאוני התלמוד. מער באַריכות וועגן דעם דאָזיקן געלערנטן זע: גידעמאַן, II, אינדעקס; צונץ, „צור געשיכטע", אינדעקס; חיים, „דור דור ודורשיו", IV, 274—276; באַזונדערס די מאָנאָגראַפיע פון ג. גרויס, אין „צייטשריפט פ. העבר. ביבל.", XIII, 46—58, 87—92, 118—123.

געוואָרן די באַליבטסטע באַשעפטיקונג ביי די איטאַליענישע יידן[1]; אויך אויף אַנדערע וויסנשאַפטלעכע געביטן האָבן יידן גענומען אַ גאַנץ גרויסן אָנטייל. אַ סך וויסנבאַגיריקע יידישע יונגעלייט האָבן זיך געלאָזט אויס איטאַליע נאָך דער פּראָוואַנס און שפּאַניע, כּדי דאָרט אויס יידישע און אַראַבישע קוועלן זיך באַקענען מיט פילאָזאָפיע און נאַטורוויסנשאַפטן. צוריקקומענדיק אַהיים, האָבן זיי זיך געפלייסט אויך די קריסטלעכע געזעלשאַפט צו באַקענען מיט די וויסנשאַפטלעכע אוצרות פון דער אַראַבישער קולטור. מען קאָן צונויפשטעלן אַ גאַנצע וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק פאַר מעדיצין, פילאָזאָפיע און אַסטראָנאָמיע בלויז אויס די ספרים, וואָס די איטאַליענישע יידן האָבן איבערזעצט אינם משך פונם 13טן יאָרהונדערט. דער באַדייטנדסטער אַראַבישער דענקער, אבן-רשד, איז ניט פאַרלאָרן געגאַנגען פאַר דעם קריסטלעכן אייראָפּע, נאָר אַדאַנק די יידישע געלערנטע אין איטאַליע, וואָס האָבן אַזוי פלייסיק און זאָרגזאַם איבערגעזעצט זיינע ווערק [2].

בראש פון דעם איטאַליענישן יידנטום איז געשטאַנען די רייכע רוימישע קהילה. דער רייזנדער בנימין אויס טאָדעלאָ, וואָס האָט באַזוכט רוים נאָך אין די זיבעציקער יאָרן פונם 12טן יאָרהונדערט, רעדט מיט גרויס התפּעלות וועגן דעם בליענדיקן צושטאַנד פון דער דאָרטיקער יידישער קהילה, וואָס איז דעמאָלט באַשטאַנען פון איבער 200 פאַמיליעס. אין הונדערט יאָר אַרום איז די לאַגע פון דער קהילה געוואָרן נאָך באַדייטיק גלענצנדער. צווישן די מיטגלידער פון דער קהילה האָבן זיך דעמאָלט געפונען פילע פאָרשטייער פון די רייכע פינאַנציעלע ספערן און אויך פילע געלערנטע, מעדיקער, ליטעראַטן וכדומה. דאָרט האָט אין יענער צייט געלעבט דער באַוווסטער תּלמודיסט צדקיה בן אַברהם ענָוים [3], דער פאַרפאַסער פונם באַקאַנטן זאַמלבוך פאַר דינים און מנהגים „שבלי הלקט" [4]. מיט הונדערט יאָר צוריק האָט דער שפּאַניער אַברהם בן עזרא דער ערשטער געהאַט דעם מוט פּרווון קעמפן (אין זיין פּירוש אויף קהלת) קעגן דעם אוטאָריטעט פון דעם באַרימטן פּייטן אלעזר קליר [5]; איצט, אינם

1 וועגן יידישע דאָקטוירים אין איטאַליע אינם 13טן יאָרהונדערט זע גידעמאַן, II, 128—133; פאָגעלשטיין אונד ריעגער, I, 276; Я. Эйгер, Еврейские врачи в Италии (Евр. Летопись, 1924, III, 8 — 23).

2 זע שטיינשניידער, „אוצר נחמד", II, 230, און „ספרות ישראל", 138.

3 ענָוים — אַן אָנגעזעענע און געבילדעטע פאַמיליע אין רוים.

4 אַ פולשטענדיקן, וויסנשאַפטלעך רעדאַקטירטן טעקסט פון דעם דאָזיקן ווערק האָט פאַרעפנטלעכט ש. בובער אין 1886.

5 זע פריער, ז' 222.

13טן יאָרהונדערט, האָט שוין אַ געבאָרענער איטאַליענער, צדקיה בן אַברהם, געהאַלטן פאַר מעגלעך אײַנצושליסן אין זײַן ריטועלן זאַמלווערק „שבלי הלקט“ אַבן עזראס שאַרפע קריטיק, בכדי צו דערווײַזן, אַז קלירס אַזוי שטאַרק אָנגענומענע פּיוטים און יוצרות פּאַסן כּלל ניט פאַר תּפילות און פאַרנעמען אומזיסט אַ בכבודיק אָרט אין מחזור, ווײַל קיין בן אדם איז ניט אימשטאַנד צו פאַרשטיין זייער משונה האַרבע און ווילד פאַרגרייזטע שפּראַך [1].

אין איין צײַט מיט דעם פאַרפאַסער פון „שבלי הלקט“ האָבן אין רוים געלעבט אויך אַנדערע זייערע אָנגעזעענע מיטגלידער פון דער זעלבער פאַלענטפּולער פאַמיליע ענוים: צדקיהוס ברודער, דער דיכטער בנימין בן אַברהם און זייער קרוב יחיאל בן יקותיאל, דער פלײַסיקער איבערזעצער אויס אַראַביש און דער פאַרפאַסער פונם בעסטן מוסר־ספר, וואָס ס'איז ערשינען אין איטאַליע, „מעלות המדות“.

בנימין בן אַברהם איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פערזענלעכקייטן פון דער דעמאָלטיקער קהילה אין רוים. אויסער איטאַליעניש איז ער אויך געווען אַ טיכטיקער קענער פון לאַטײַן, גריכיש און אַראַביש; אַ גרויסער בקי אין תּלמוד [2], האָט ער אויך, ווי עס איז צו זען אויס זײַנע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, געהאַט ברייטע ידיעות אין פילאָלאָגיע, אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטיק. זײַן אמתער באַרוף איז אָבער געווען פּאָעזיע. פון זײַנע פילע פּיוטים און סליחות זײַנען אָפּגעקאָנטסטן צוויי [3], וועלכע זײַנען, ווי עס שײַנט, פאַרפאַסט געוואָרן נאָך דעם באַוווסטן אַרויסטרעטן פון דעם משומד דאָנין, וואָס דורך זײַן מסירה האָט מען עפנטלעך פאַרברענט די הונדערטער עקזעמפּלאַרן פונם תּלמוד. פול מיט צער און צאָרן איז זײַן סליחה „אל מי אנוסה לעזרה“, אין וועלכער דער דיכטער ווענדט

1 עס איז אינטערעסאַנט, אַז אָט די דאָזיקע קריטיק, וואָס פאַרנעמט גאַנצע פיר שפּאַלטן, פעלט אַפילו אין בובערס פולשטענדיקער אויסגאַבע, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס בובער האָט אויסגענוצט עטלעכע אַלטע מאַנוסקריפּטן פון „שבלי הלקט“. ווי עס שײַנט, האָט דאָס רוב אָפּשרײַבערס, אויס גרויס רעספּעקט צום באַרימטן פּייטן, די קענן אים געפירטע שאַרפע קריטיק פּשוט אַרויסגעוואָרפן. בלויז אין אַן אַלטן פּאַרמעטענעם „שבלי הלקט“־מאַנוסקריפּט, וועלכער איז וואָכסט וואַרשײַנלעך נאָך געשריבן בײַם פאַרפאַסערס לעבן, און געפינט זיך איצט אין דער לענינגראַדער אָפּע־ביבליאָטעק, האָבן מיר געפונען די דאָזיקע קריטיק פולשטענדיק.

2 אייניקע זײַנע פּסקים ווערן אַפילו געבראַכט אין „שבלי הלקט“, ווו דער פאַרפאַסער ווײַזט אָפט אָן ווי אויף אַן אויטאָריטעט „מיין ברודער בנימין“.

3 זיי זײַנען אָפּגעדרוקט אין „קובץ על יד“, IV (1888), 6—8, 15—17. וועגן זײַנע איבעריקע פּיוטים, זע: לאַנדסהוט, „עמודי העבודה“, 51; צונץ, „ליטעראַטורגעשיכטע“, 332.

זיך צו גאָט דעם באַשיצער: „צו וועמען לויפן נאָך הילף, ביי וועמען זוכן שטיצע, ווען דער נידערטרעכטיקער שונא טרעט אַרויס מיט זיין חוצפה און פאַרוואונדעט אַזוי שווער מיט זיין גיפטיקער מסירה און פאַלשע בלבולים!״[1] און ווען דער „נידערטרעכטיקער שונא״ האָט מנצח געווען און אַדאַנק דער „גיפטיקער מסירה״ האָט מען די הייליקע ספרים אויף די שייטערהויפנס געברענט, גיסט דער דיכטער אויס אין זיין קינה „אוחילה קירות לבי״ זיין טיפן טרויער, וואָס „די פייערדיקע בלעטער, אונז פון גאָט געשענקטע, האָט גערויבט דער פרעכער שונא [2], וואָס לעסטערט זיין באַשעפער״.

דעם דיכטערס אמתע באַגאַבונג האָט זיך אָבער אַנטפּלעקט ניט אין זיינע רעליגיעזע לידער, נאָר אין זיין וועלטלעכער סאַטירע. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אין וואָסערע בליענדיקן צושטאַנד די רוימישע קהילה האָט זיך דעמאָלט געפונען. די יידישע פינאַנץ-אַריסטאָקראַטיע האָט געשפּילט אַ אָנגעזעענע ראָלע אין דער אַלטער וועלט-שטאָט. די יידישע באַנקירן און גרויסע סוחרים פלעגן קומען אין נאָענטער באַריִרונג מיט די גייסטלעבע און וועלטלעכע פירשטן און שררות, און זיי פלעגן, ווי דער מנהג איז ביי יידן, זיך שטאַרק פליסן פירן דעם אייגענעם שטאָט ווי יענע, שמאַלצירן מיט זייער ליבע צו פאַן שווענדערישן לוקסוס, בלענדן מיט גלאַנץ און רייכטום. צווישן די יידישע גבירים און באַנקירן זיינען אויך געווען אַ סך אויפגעקומענע, פאַרוועגים, וואָס דער בלינדער צופאַל האָט זיי מיט אַמאָל דערהויבן און זיי מילד באַשאָנקען מיט די רייכע שטראַלן פון גליק. אָט אַזוינע אויפגעקומענע האָבן מיט ביטול און נאַרישער גאווה געקוקט אויף אַלע די, וואָס זיינען עקאָנאָמיש געשטאַנען נידעריקער פון זיי, און האָבן באַזונדערס זיך געפלייסט אַרויסווייזן פאַר אַלעמען זייער גרויס רייכטום. די „גאָלדענע יוגנט״, די קינדער פון די אַלע יידישע גבירים און מאַגנאַטן, האָבן מיט גרויס גערעקייט געטרונקען אויס דעם רייכן בעכער פון לעבן. זיי זיינען געווען די געזעצגעבער פון דער מאָדע, זייערע קליידער, זייערע רייטוואָגנס האָבן געמוזט זיין די שענסטע און רייכסטע, זייערע סעודות, בעלער און באַלוסטיקונגען זיינען צוגעגאַנגען מיטן גרעסטן רעש און געפילדער, בכדי אַלע זאָלן זען און גאַפן. אָט קענען די דאָזיקע שאָטן-זייטן פון דעם לעבן אין דער רייכער רוימישער קהילה איז

[1] נבה עול בליעל לעורר עלי קנאתו.
נהם ושאג ככפירים לטרוף טרף בחמתו,
דרך לשונו קשתו וחרבו הריק שפתו.

[2] אש דת כתבתני בזרוע בְהָבָיך.

אַרויסגעטראָטן אונזער דיכטער מיט זיין מייסטערהאַפטער סאַטירע „משא גיא חזיון"[1], איינע פון די שענסטע סאַטירעס, וואָס די העברעישע ליטעראַטור באַנוצט. די געלונגענסטע איבערזעצונג איז ניט אימשטאַנד איבערצוגעבן די אייגנאַרטיקע סטיליסטישע שיינקייטן פון דעם דאָזיקן ווערק, ווו ביבלישע פראַזן און אויסדרוקן ווערן אויסגענוצט מיט דער וואונדערבאַרער מייסטערשאַפט, וואָס ס'האָט שפּעטער אַזוי באַרימט געמאַכט בנימינס נאָכפאָלגער, דעם גלענצנדן דיכטער עמנואל רומי.

„ניט קיין אמת, ניט קיין יושר גילטן הייגט ביי אונז — קלאָגט זיך דער פאַרפאַסער — דאָס גלוסטן פון די אויגן איז דאָס איינציקע געזעץ, די קנאה און די תאווה רעגירן אומבאַגרענעצט. דאָס גיריקע אויג געוועלטיקט איבער די מענטשלעכע הערצער. אין כבוד און גדולה זיינען איצט בלויז די גאָלדענע קעלבער; די וואָס באַזיצן די טויזנטער, זיי און זייערע משרתים — זיי געוועלטיקן איצט איבער אַלץ און זייער מאַכט איז אומבאַגרענעצט. מיט חוצפה און געלעכטער ערקלערן זיי אָפן: „פאַרוואָס ניט זינדיקן, אַז די זינד איז זיס. רייך זיינען די גאָבן פונם לעבן — געניסט ווער עס קאָן, שעפּט מיט פולע געריקע הענט!" אויפגעקומענע קליינע מענטשעלעך זיצן אויבנאָן און קוקן מיט שטאָלץ און פאַראַכטונג אויף מענער פון חכמה און וויסן — יענע זיינען דאָך אָרעם, האָבן ניט קיין ברויט. „אָט די געלערנטע — זאָגן זיי מיט שפּאָט — שטאָלצירן עם מיט זייער חכמה; מיר קאָנען זיי דאָך קויפן מיט זייער גאַנצער תורה פאַר אַ שטיקל ברויט, פאַר אַ בעכער ווין, וואָרעם ווער קאָן דען ווידערשטיין דעם קלאַנג פון גאָלד און זילבער? אַלץ קאָן מען מיט זיי קויפן, דעם רייכסטן לוקסוס און די שענסטע פרוי. געלט איז אַלץ! וואָס גאָלד צעשטערט — קאָן קיינער מער ניט אויפבויען, וואָס עס בויט אויף, איז ניט מער צו צעשטערן, און ניט צערייסן קאָן ווער די קייטן, וואָס זיינען דורך גאָלד געשאַפן[2]. גאָלד איז דאָך דער גרעסטער יחסן, קיינער קאָן זיך מיט אים ניט גלייכן, און קלוג איז דאָס אַלטע ווערטל: הכסף מטהר ממזרים".

---

[1] צום ערשטן אָפּגעדרוקט אין ריוואַ דיטרענטאָ אין 1560: „ספר משא גיא חזיון, למנצח על שגיון, הבוטחים על רוב הילם וזהב כיסלם. פה ריווא דטרינטו שנת ש"ך לפ"ק". איבערגעדרוקט אין לעמבערג אין 1860. מיר האָבן באַנוצט ביידע אויסגאַבעס.

[2] „ואם ישתררו בתורתם בדבריהם ובחידותם, הלא הודו... כי דבר התורה המעות קונות... ובשטלות בלות ומטולאות נקנה חכמות נפלאות, כל שכן בכסף וזהב נמצא כל אשר נאהב... הלא בכסף וברכושים בעדי עדיים ומלבושים תתפארנה הנשים ובפרוטה הניתנת האשה נקנת וכל משכיל יאהב פרק הזהב... והכסף את הכל יענה הן יהרוס ולא יבנה ובנינו אין להרוס ולמגר, וסגר ואין פותח ופתה ואין סוגר"...

„דער פּאַרוועני — זאָגט ווייטער דער פאַרפאַסער — רעגירט איבער אונזער דור[1], די אויפגעקומענע זיינען פאַר אַלעמען דער שפּיגל, אַלע טוען זיי נאָך, שטייען הכנעהדיק פאַר זיי בעת יענע ליגן אויסגעשטרעקט אין זייערע פּאַלאַצן און שפּאָטן אָפּ פון די געלערנטע און שטאָלצירן מיט זייער מאַכט און רייכטום".

און דער סאַטיריקער שילדערט, ווי אַזוי די צופעליקע אויסדערוויילטע פונם בלינדן מזל שטאָלצירן איינער פאַר דעם אַנדערן, ווער מיט זיין רייכער הלבשה, ווער מיט זיינע פערד און קאַרעטעס, ווער מיט זיינע גימער אָדער רייך באַפּוצט געווער. „און ווי צו דעם — רופט אויס דער סאַטיריקער — ווער עס פעלט ניט כורעים פאַר זיי, און וויל ניט אָנערקענען זייער גרויסקייט: זייער מאַכט איז דאָך גרויס אַדאַנק זייערע קניפּלעך (צרורות בכפיהם יתנו עידיהם). און אויך די שררות, די רעגירנדיקע מאַכט, האַלט מיט זיי, לאָזט זיי אומגעשטערט טאָן, וואָס זייער האַרץ טוט נאָר גלוסטן (וגם יד השרים והסגנים היתה במעל הזה).

אַן אינטערעסאַנט זשאַנר־בילד גיט אונדז דער סאַטיריקער בעת ער באַשרייבט, ווי אַזוי עס באַווייזט זיך אויפן שפּאַציר איינער פון דער „גאָלדענער יוגנט" אין זיין גאַנצן „פּאַראַד". דער סאַטיריקער גיט איבער די קלענסטע דעטאַלן פון דעם „שמשאָגאָלס" הלבשה, ניט פאַרגעסן אַפילו די פינגערלעך אויף די פינגער, די פּראָנזן, וואָס הענגען אַראָפּ פון דעם קונציק געשטיקטן הוט, וועלכער באַדעקט בלויז דעם האַלבן קאָפּ. ווי עס שיינט, איז דעמאָלט געווען די העכסטע מאָדע טראָגן לאַנגע האָר, וואָס פלעגן כוואַליעסווייז אַראָפּהענגען איבער די אַקסלען. און דער סאַטיריקער איראָניזירט איבער דעם „געדיכטן וואַלד, וואָס קיין קאַם קען אים ניט צעקעמען, און קיין שאַרפע שער קאָן אים ניט בייקומען". „איך זאָל ניט וויסן — באַמערקט סאַרקאַסטיש דער סאַטיריקער — ווי ליב זיי האָבן דעם כוס, און וואָס פאַר אַן אָרט לעבן זיי פירן, וואָלט איך געמיינט זיי זיינען בעלי־תשובות געוואָרן און אַלע האָבן זיך פאַר נזירים פאַרשריבן"[2]. ווייטער[3] נייט אַ בילד, וואָס דערמאָנט דעם סטיל פון די פאַנטאַסטישע „זעענישן" אין דעם ספר דניאל. דעם פאַרפאַסער האָט זיך אין חלום אַן אומגעהייער מוראדיקע ריזן־באַשעפעניש באַוויזן: דער קאָפּ פון גאָלד, די ריפּן פון זילבער, די שענקלען פון קופּער, די קנעכלעך פון אייזן און די פּיאַטעס פון

1 אין אָריגינאַל אַן אומאיבערזעצבאַרער וואָרטשפּיל: „מודעת זאת בכל הארץ כי אלה תולדות הזמן: פרץ הוליד את רם".

2 אַ נזיר, ווי באַקאַנט, פלעגט ניט טרינקען קיין וויין און ניט שערן זיינע האָר.

3 „משא ניא חזיון", 6–10 (מיר ציטירן לויט דער ערשטער אויסגאַבע).

ליים, אײַנגעטונקט אין שמוץ. „און מיט די דאָזיקע פיס פון דעם אומגעהייער ווערן די אומגליקלעכע אָרעמע לייט געטראָטן ווי דער שטויב אין די גאַסן"[1].

און ווי ער באַטראַכט מיט שטויגען און שרעק דאָס ווילדע אומגעהייער, אַנטפּלעקט זיך פאַר זיינע אויגן אַ ליכטיקער שליח פון די הייכע הימלען. ער ערקלערט אים דעם באַטייט פון דער שרעקלעכער געשטאַלט, וואָס שטייט פאַר אים, און ער טרייסט אים, אַז ניט תמיד וועט געוועלטיקן אָט דער אָפּגאָט מיט דעם גאָלדענעם קאָפּ און מיט די אייזערנע פיס; קומען וועט דער גרויסער טאָג פון שטראָף און משפט. „גיי זשע — באַפעלט דער ליכטיקער שליח — זאַמל צונויף די גאַנצע קהילה: מענער און ווייבער, קינדער און אַלטע; דערציי̆ל זיי אַלץ, וואָס האָסט געזען און געהערט. זאָלן זיי וויסן, זאָל דאָס זיין לזכרון פאַר די קומענדיקע דורות, זאָלן זיי געדענקען, אַז גאָטס גערעכטער משפט רעגירט די וועלט[2]. הויך רוף אויס אַלע זאָלן הערן: ווי צו די פאַרבלאָנדזשעטע נאַראָנים, וואָס וואַנדערן אויף די קרומע וועגן, אויף די וועגן פון פאַלשקייט און בידערטרעכטיקייט, בכדי צו דערגרייכן רייכטום און גליק, און פאַרגעסן דערביי אין דעם טאָג פון גערעכטן משפט, אין דעם טאָג פון שטראָף!" (ז' 13).

און דער פאַרפאַסער ווענדט זיך צו זיין דור, ער רופט אַלעמען צונויף, גרויס און קליין, „צו די ברעגן פונם טייך מיטן נאָמען ליבע" (אקבצם אל הנהר אהבה) און ער פרייידיקט פאַר זיי אין אַ ריין ביבלישן סטיל וועגן גערעכטיקייט און יושר, וועגן דער נישטיקייט פון די קלייניקע תאוות, וואָס איבערפולן דאָס אַלטעגלעכע וואָכעדיקע לעבן, און וועגן דער שיינקייט פונם מענטשלעכן אידעאַל. און ער פאָדערט פון זיין דור „אַוועקוואַרפן די געצן פון גאָלד און פון זילבער" (וישליך אלילי כספו ואלילי זהבו), פאַרלאָזן דעם וועג פון גאווה און לאַסטער, ווייל ער פירט צו שאַנד און דערנידערונג. „עס איז פאַראַן אַן אַנדער וועג — רופט אויס דער דיכטער מיט פאַטאָס — דער וועג פון מאָראַל און וויסן, און נאָר אויף אים קאָן מען געפינען געווינטשטע רו, די אמתע פרייד און דאָס שטאָלצע באַוווסטזיין פון איבעווייניקער גייסטיקער פרייהייט[3].

---

1 דאָרטן, 10a: „ואשר ראית רגלוהי מנהון די פרזל ומנהון די חסף — הם האביונים הדלים הרמוסים בנעלים כטיט חוצות".

2 דאָרטן, 12a: „לך כנוס את כל היהודים, האנשים והנשים הטף והילדים, וקרא באזניהם את הקריאה הזאת, ואת דברי המחזות, למען ידעו וילמדו, דור אחרון בנים יולדו, יקומו יספרו לפניהם, את משפט אלהיהם".

3 דאָרטן, 20b (אין דער צווייטער אויסגאַבע, 53).

דאָס טעמע פון זיין מוסר־פּריידיקן האָט דער דיכטער שפּעטער באַאַרבעט אין אַ ספּעציעלער דידאַקטישער דיכטונג „שערי עץ־חיים". די דיכטונג באַשטייט אויס 63 פיר־צייליקע סטראָפן לויטן סדר פונם א"ב, און יעדע סטראָפע פאַרענדיקט זיך מיטן וואָרט „חיים". יעדע סטראָפע באַזונדער טראַקטירט וועגן איינער פון די מענטשלעכע גוטע מידות אָדער אַנטקעגנגעזעצטע שלעכטע [1].

בנימין בן אברהמס דידאַקטיש געדיכט האָט געדינט אַלס מוס־טער פאַר זיין ייִנגערן קרוב, יחיאל בן יקותיאל, דעם פאַרפאַסער פונם פריער דערמאָנטן מוסר־ספר „מעלות המדות" [2]. אין פיר־און־צוואַנציק קאַפּיטלען פון זיין ווערק באַטראַכט דער פאַרפאַסער די הויפּט־מידות, וואָס לויט זיי דאַרף יעדער אָרנטלעכער און מאָראַליש ריינער מענטש זיך נוהג זיין אין לעבן. ווי זיין קרוב, דער פאַרפאַסער פון „גיא הזיון", אַזוי אויך יחיאל בן יקותיאל קלאָגט זיך שטאַרק אויף זיין דור, וואָס ס'הייסט ביי אים „אַ דור פון זינדיקע מענטשן מיט מעסער־שאַרפע ציין, וואָס אונ־טערדריקן דעם אָרעמאַן און טרעטן דעם אביון מיט די פיס; אַ דור אַ סורר ומורה, וואָס ווייסט ניט פון מאָראַל און גערעכטיקייט, פון מוסר און דרך־ארץ, נאָר גייט בלינד נאָך די גלוסטעניִשן פונם האַרץ" [3].

זיין ווערק — ערקלערט דער פאַרפאַסער — האָט ער פאַרפאַסט הויפּטזעכלעך פאַר דער לערנענדיקער יוגנט [4]; זיי, די „בחורים און תלמידים", וויל ער לערנען „יראת שמים און דרך־ארץ".

און אונזער פאַרפאַסער באַזיצט ווירקלעך די דערצו נייטיקע פעיִקייטן. דאָס בוך איז געשריבן אין אַ קלאָרער לייכט פאַרשטענדלעכער שפּראַך, דער טאָן איז האַרציק און ווייך.

„קינדער מיינע" דאָס איז ביים פאַרפאַסער דער געוויינלעכער אַריינ־פאָר, מיט וועלכן ער ווענדט זיך צו זיין אוידיטאָריע. „קינדער מיינע —

---

1 די דיכטונג איז געדרוקט אין פּראָג אין 1598, איבערגעדרוקט אין „קובץ על יד", I, 71—74.

2 זע ביילאַגע נום' 6. יחיאל בן יקותיאל איז אויך דער פאַרפאַסער פונם ריי־מעלן זאַמלבוך „תניא" (הייסט אויך „מנהג אבות"). דאָס ווערק „מעלות המדות" האָט דער פאַרפאַסער פאַרענדיקט אין 1287 (זע שטיינשניידער, 1277, Cat. Bodl).

3 „מעלות המדות", פאָררעדע (מיר ציטירן נאָך דער ווילקאָווער אויסגאַבע פון 1806): „הרבות אנשים חטאים... דור חרבות שניו מאכלות מלתעותיו להכריה עניים מארץ ואביונים מאדם, דור תהפוכות, דור סורר ומורה... ורובם הולכים אחרי שרירות לבם ואינם חוששים לתקן נפשותם ולכוון דעתם אחרי החכמה והמוסר".

4 דאָרטן: „כי עיקר כוונתי בחבור זה לצורך הבחורים והתלמידים".

זאָגט ער אין אָנהייב פון זיין ווערק — קוקט אַהער, איך וועל אייך לערנען ווי אין גאָטס וועג צו גיין. ניט אום גדלות טו איך דאָס, ניט ווייל איך וויל דורך דעם מפורסם ווערן, אָדער מיין גרויס חכמה אַרויסווייזן. איך וויל אייך נאָר באַקאַנען דערמיט, וואָס אונזערע אָבות האָבן אונז געלערנט מיט זייערע קלוגע רייד, מיט זייער האַרציקן מוסר".

ווי דער „ספר חסידים", אַזוי זעט אויך דער פאַרפאַסער פונם „מעלות המדות" דעם גרונד־יסוד פון מענטשלעכער מאָראַל און עטיק אין דער ליבע צום באַשעפער און זיינע באַשעפענישן. „שנאה איז אַ טיפער גרויער און אַ גרויסער ווייטאָג", לערנט דאָס אַלטע קלוגע פאָלקס־בוך „כלילה ודמנה"[1]; אין דעם איז אויך איבערצייגט דער פרומער ר' יחיאל אוים רוים. „עס איז ניטאָ נאָך אַזאַ שלעכטס אין דער וועלט — לערנען מיר אין „מעלות המדות" — ווי שנאה צווישן מענטשן, אַלצאיינס צי איז די שנאה באַהאַלטן אין האַרצן פון חשובע מענטשן צי פון נידערטרעכ־טיקע"[2]. „ ווער ס'האָט אמת ליב, דער קאָן ניט פיינט האָבן; מען טאָר ניט טראָגן קיין שנאה קעגן וועמען ס'איז, וואָרעם יעדער טראָגט דאָך דעם שטעמפּל פונם באַשעפער; פריי און ברייט דאַרף זיך אויסגיסן די ליבע אויף אַלעמען, סיי אויף גוטע, סיי אויף שלעכטע. ס'שטייט געשריבן: „ואהבת לרעך כמוך"; און דער „תנא דבי אליהו" — באַמערקט דערביי יחיאל בן יקותיאל — פאַרטייטשט גאַנץ ריכטיק, אַז אונטער „רעך" פאַר־שטייט מען י ע ד ן מענטשן: „און דיין נאָענטער דאַרף זיין ווי דיין ברו־דער". מיר טאָר קיינעם ניט אָפּנאַרן, ניט קיין אייגענעם, ניט קיין פרעמדן, וואָרעם ווער עס טוט פאַלשקייט, ווער עס געוויינט זיך צו ליגן, דער פאַלט דערמיט אָפּ פון גאָט, דער לייקנט אין אים, ווייל — גאָט איז דאָך דער אמת אַליין[3]. דאָס יידישע פאָלק איז דערפאַר דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, ווייל גאָט ברוך הוא האָט אים אום גרויס ליבע מזכה געווען מיט דער מתנה פון רחמים[4]. עס שטייט אין דער תורה: „לא תקום ולא תטור", וואָרעם נקמה האָט געבאָרן די שרעקלעכע מידה: אכזריות, און די דאָזיקע מידה פאַסט דאָך נאָר פאַר ווילדע חיות אין וואַלד"[5].

אַ סך ווערטלעך און דברי־מוסר פונם „מעלות המדות" דערמאָ־נען ניט ווייניק אָן דעם „ספר חסידים"; דאָך וואָרפט עס זיך גלייך אין

1 זע דעם ערשטן באַנד פון אונזער ווערק, ז' 282.
2 דאָרטן, 14a.
3 דאָרטן, 51 ב: „וכל מי שמרגל עצמו בשקר כאלו מכחיש בהקב"ה שהוא האמת".
4 דאָרטן, 54b.
5 דאָרטן, 56a.

די אויגן, אַז דער „מעלות המדות" איז געבאָרן געוואָרן ניט אין דער שטיקנדיק פינסטערער תקופה פון די קרייצצוגן, נאָר אונטער דעם ליב־לעך בלויען הימל פון איטאַליע; עס אָטעמט אַ לייכטערע לופט, עס שפּילן העלערע פאַרבן, און מען פילט דאָ ניט די שווערע בלייענע פליגל פון בלוטיקן שרעק. וואָס דריקן אַזוי שווער איבער די באַשעפער פונם „ספר חסידים". די רוימישע קהילה האָט אין אַלגעמיין (איינציקע צופעליקע עקס־צעסן אויסגענומען) געלעבט גאַנץ בשלום מיט דער אַרומיקער באַפעל־קערונג, און דער פאַרפאַסער פון „מעלות המדות" האַלט אַפּילו פאַר נייטיק צו וואָרענען זיינע לעזער „ניט אַזוי אָפט פאַרברענגען די צייט אין די ווייַנשייַנקען, ניט עסן און טרינקען מיט די קריסטן צוזאַמען" 1. די ייִדישע רייכע קלאַסן אין רוים האָבן זייער געהאַלטן פון עולם הזה, מיט גרוים חשק געטרונקען אוים דעם באַרוישנדיקן בעכער פונם לעבן; וואָרנט דער־פאַר דער „מעלות המדות": „זייט וויסן, מייַנע קינדער, ס'אַ גרויסע שאַנד פאַר אַ מענטשן צו זיין אַ זולל־וסובא, זיך נאָכגעבן דער תאווה פון זויפן און פרעסן; דאָס איז אַ מידה פון רשעים גמורים" 2.

דער פאַרפאַסער פון „מעלות המדות" האַלט אויך פאַר נייטיק זיך אָפּצושטעלן אויף די טונקעלע זייטן אין דעם סאָציאַלן לעבן פון דער רוי־מישער קהילה, קעגן וועלכע ס'איז אַזוי שאַרף אַרויסגעטראָטן בנימין בן אברהם אין זיין סאַטירע. „עס זייַנען ניט ווייניק צווישן אונזערע גבירים— קלאָגט זיך דער בעל „מעלות המדות" — וואָס ווילן געוועלטיקן איבער דער קהילה נאָר אויפן סמך פון זייער געלט. זיי ווילן זיין גרעסער פון אַלע, זיי האַלטן זיך העכער און חשובער פון די קליגסטע און פיינסטע בלויז דערפאַר, וואָס זיי זיינען רייך, אָבער זיי גופא זיינען פאַקטיש גאָרניט ווערט, ווייל זיי זיינען אָן חכמה, אָן תורה, אָן מעשים־טובים און אָן יראת־שמים. אָט די גאווהדיקע, מגושמדיקע, אויפגעקומענע מענטשן מיינען, אַז נאָר גאָלד איז דער עיקר, נאָר רייכטום גיט דאָס רעכט צו ווערן אַ מנהיג הדור; אַלע אַנדערע מידות האָבן ביי זיי קיין ווערט אין די אויגן. ווער ס'האָט געלט — דער פאַרמאָגט שוין אויך אי חכמה, אי יחום, אי תורה, אי ווישן. פיל מיט חוצפה און גאווה — האַלטן זיי זיך קליגער פון אַלע. וואָרן איך אייך, קינדער מיינע: זייט וויסן, אַז דער דאָזיקער וועג — איז דער וועג פון רשעים" 3.

---

1 דאָרטן, 83a.

2 דאָרטן, 84a: „דעו בני כי גנאי הוא לאדם להיות זולל וסובא, גרגרן ורעבתן, מפני שתחמדה הזאת אינה נמצאת אלא ברשעים גמורים".

3 דאָרטן, 76—77.

דער פארפאסער האט אבער אז אויג ניט נאר פאר די נעגאטיווע זייטן פונם געזעלשאפטלעכן לעבן, און ניט אלע גבירים זיינען ביי אים גלייך. ווי מיר וועלן ווייטער זען, זיינען אין דער דעמאלטיקער רוימישער קהילה געווען זייער אנגעזעענע געבילדעטע מענטשן, וואס פלעגן מיט דער ברייטער האנט שטיצן די טרעגער פון וויסן און קונסט, און שטארק זיך אינטערעסירן מיט קולטור-אנגעלעגנהייטן. די דאזיקע יידישע מענטשן האבן אויך געשפילט אן אנגעזעענע ראלע אין דער קריסטלעכער געזעלשאפט, און דאס האט ניט ווייניק מיטגעהאלפן דער גינסטיקער לאגע פון דער גאנצער קהילה. אויך די ערשיינונג געפינט אן אפקלאנג אין דעם „מעלות המדות".

„זעט ווי גרויס איז די מאכט פון רייכטום — ווייזט אן יחיאל בן יקותיאל — אלע קלאפן אן דער טיר פונם עושר, אלע קומען אין זיין הויז, זוכן רו אונטער זיין דאך. זיינען פאראן חכמים — זיינען זיי ביי די גבירים אין הויז; בעלי משנה, בעלי תלמוד, געלערנטע און ליטעראטן — אלע קומען זיי אהין צו די גבירים, יעדער גוטבאדערפטיקער — געפינט זיך אלע דארט"[1]

„רייכטום דערווארבן אויפן כשרן וועג — שטרייכט אונטער דער „מעלות המדות" — דאס איז א גרויסע מתנה; דאס גיט דאך די מעגלעכקייט מאן גוטס, ארויסווייזן מילדקייט „און דאס איז דאך די גרעסטע פרייד פונם הארץ"[2]. חוץ לזה, איז דער פארפאסער מיט תמימות מוסיף, איז דאך געלט דאס מענטשיקע מיטל, וואס מיט זיין הילף קאן מען זיך דערווערבן כבוד און אכטונג ביי די שררות און דער רעגירנדיקער מאכט"[3].

„מען האט אמאל געפרעגט א גרויסן חכם: פארוואס קלאפן די תלמידי חכמים אין די טירן פון די רייכע, און די רייכע האלטן ניט פאר נייטיק באזוכן די הייזער פון די געלערנטע? האט דער חכם געענטפערט: דאס באווייזט, אז די תלמידי חכמים פארשטייען ווי צו שעצן דעם ווערט פון רייכטום, די גבירים אבער פארשטייען ניט ווי הויך מען דארף שעצן חכמה און וויסן"

„דערפאר, קינדער מיינע, — איז מוסיף דער בעל „מעלות המדות" — ווייסט ווי צו שעצן די גבירים, וואס שטאלצירן ניט מיט זייער גאלד, און וויסן און פארשטייען, אז דאס רייכטום איז זיי געגעבן געווארן ניט פון

---

[1] דארטן, 76a

[2] דארטן, 85a.

[3] דארטן, 76b.

גאווה וועגן און צו געוועלטיקן איבער אַנדערע, נאָר בכדי האָבן די מעגלעכקייט טאָן גוטס און פאַרשפּרייטן הילף״[1].

כאַראַקטעריסטיש איז נאָך איין דעטאַל אין דעם דאָזיקן מוסר־ספר. דער פּראָפעסאָר ציטירט ניט בלויז יידישע קוועלן, נאָר אויך פרעמדע געלערנטע און פילאָזאָפן, ווי אַריסטו און אַנדערע. און דער פּראָפעסאָר גופא ווייזט אָן אין דער פאָררעדע, אַז ער טוט דאָס מיט אַ כיוון, „בכדי צוציען די הערצער פון דער יוגנט״[2]. די דאָזיקע ערקלערונג איז זייער טיפּיש פאַר די שטרעבונגען און גייסטיקע אינטערעסן פון דער דעמאָלטיקער יידישער יוגנט. אין יענער צייט איז די רוימישע קהילה געווען דער מיטלפּונקט, וווהין עס האָבן געוואַנדערט געלערנטע אויס דער פּראָווינץ און שפּאַניע אין דער האָפענונג צו געפינען דאָרט אַ פּאַסיקע אוידיטאָריע און אויך רייכע ברייטהאַרציקע מעצענאַטן. די וויסנבאַגיריקע יוגנט פלעגט זיך ביתותוויז פאַרזאַמלען אַרום די דאָזיקע געלערנטע און יענע פלעגן פאַר זיי לייענען לעקציעס איבער פילאָזאָפיע און אַנדערע וויסנשאַפטן[3]. אַפילו די, וואָס פלעגן דעם טאָג זיין באַשעפטיקט מיט דאגת פרנסה, פלעגן זיי דורך די נעכט פלייסיק שטודירן פילאָזאָפישע ווערק[4].

ווי אין דער פּראָווינץ, אַזוי איז אויך דעמאָלט אין רוים, דער פּאָפּולערסטער געלערנטער געווען דער רמב״ם. די אינטעליגענטע יוגנט האָט אים ממש פאַרגעטערט. וועגן זיין „מורה״ האָט מען געלייענט ספּעציעלע פאָרלעזונגען, און די רוימישע קהילה האָט געהאַלטן פאַר נייטיק קאָמאַנדירן קיין שפּאַניע (אין 1296) איינעם פון אירע רבנים, ר׳ שמחה, מיט אַ באַשטימטער אויפגאַבע: באַקומען דאָרט אַן עקזעמפּלאַר פון דעם רמב״מס פּירוש אויף משנה[5]. ביי דעם באַרימטן דיכטער פון יענער צייט, עמנואל רומי, געפינען מיר אַן אינטערעסאַנטע ערציילונג, וואָס גיט

1 דאָרטן, 76a.

2 דאָרטן, 2a: „לא נמנעתי מלהזכיר בהם דברי הפילוסופים ומשליהם ומוסרם כדי להמשיך לבות הבחורים״.

3 איינער פון די דאָזיקע אויסלענדישע געלערנטע, וואָס האָט זיך אין יענער צייט באַזעצט אין רוים, טיילט איין די וויסנשאַפטן, וואָס יעדער געבילדעטער דאַרף זיין מיט זיי באַקאַנט, אין צוויי גרופּן: מאַטעמאַטישע און פילאָזאָפישע. צו דער ערשטער געהערן: אַריטמעטיק (חכמת החשבון), געאָמעטריע, מוזיק און אַסטראָנאָמיע. צו דער צווייטער: נאַטורוויסנשאַפטן (חכמת הטבע), מעטאַפיזיק (חכמת האלהות) און סאָציאַלע וויסנשאַפט (הנהגת המדינה) (זע זרחיה בן שאלתיאלס פּירוש אויף איוב, 9).

4 אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט דער בריוו פון יחיאל בן יואב צו שבתי בן שלמה, וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין בערלינערס „מאַגאַזין״, XVII (1890), 37—40.

5 זע פאָגעלשטיין אונד ריעגער, I, 263, 420.

אונז אַ קלאָר בילד, ווי גרויס ס'איז געווען בײַ דער ייִדישער יוגנט אין איטאַליע דער אינטערעס צו וויסנשאַפטלעכע ווערק. אַ שפּאַנישער ייִד מיטן נאָמען אַהרן האָט אין פּערודזשיאַ, אויפן וועג קיין רוים, באַגעגנט דעם יונגן עמנואל און זײַנע חברים. דער שפּאַניער האָט געפירט מיט זיך זײַן ביבליאָטעק פאַרפּאַקט אין פעסט צוגעמאַכטע קאַסטנס. באַקאַנענדיק זיך מיט דער יונגער קאָמפּאַניע, האָט ער באַשלאָסן צו לאָזן בײַ זיי די שווערע קאַסטנס מיט ספרים, ביז ער וועט צוריק קומען אויס רוים. ר' אַהרן האָט בײַ זיי אויך געלאָזן דעם קאַטאַלאָג פון זײַן ביבליאָטעק. די יונגעלייט, ווי זיי האָבן זיך באַקאַנט מיטן קאַטאַלאָג און דערזען, וואָס פאַר אַן אינטערעסאַנטע ווערק עס געפינען זיך אין דער דאָזיקער ביבליאָטעק, האָבן נישט געקאָנט בײַשטיין דעם נסיון: זיי האָבן אויפגעבראָכן די קאַסטנס, און ביז דער שפּאַניער איז צוריק געקומען, האָבן עמנואל מיט זײַנע חברים געהאַט אָפּגעקאָפּירט אַ באַדײַטנדיקן טייל פון זײַנע מאַנוסקריפּטן [1].

אַדאַנק דעם גרויסן דורשט נאָך וויסן, וואָס האָט אין יענער צײַט געקאָנט געשטילט ווערן בלויז דורך דעם געשריבענעם בוך, האָט אין רוים באַזונדערס אויפגעבליט אַ ספּעציעלער אינסטיטוט — די חברה אָפּשרײַבערס און קאָפּיסטן. מענטשן מיט ברייטע קענטעניש, אָפט אַליין פאַרפאַסער פון געלערנטע ווערק, האָבן מיט גרויס ליבע זיך פאַרנומען מיט איבערשרײַבן וויסנשאַפטלעכע ביכער, ווײַל זיי האָבן אין דעם געזען אַ וויכטיק מיטל צו פאַרשפּרייטן וויסן און בילדונג [2]. די רוימישע קהילה האָט אויך געהאַט נישט ווייניק געבילדעטע מעצענאַטן, וואָס האָבן מיט ברייטער האַנט געשטיצט געלערנטע און דערמיט זיי געגעבן די מעגלעכ־קייט זיך פאַרנעמען מיט וויסנשאַפטן. צווישן די דאָזיקע מעצענאַטן האָבן פאַרנומען דעם בכבודיקסטן אָרט: דער פילאָזאָפיש־געבילדעטער אויסגעצייכנטער אַרצט יצחק בן מרדכי [3] און דער רב שבתי בר' שלמה, דעם רמב"ם אַ הייסער אָנהענגער, וואָס פלעגט לייענען פאָרלעזונגען איבער פילאָזאָפיע. אויף יצחק בן מרדכים ווונטש האָט דער באַקאַנטער איבערזעצער נתן המאתי (צענטאָ), וועלכן מען האָט געקרוינט מיט דעם נאָמען „אבי המעתיקים", איבערזעצט אין די 80ער יאָרן פונעם 13טן יאָר־

[1] „מחברות", מאַקאַמע 8.

[2] זע פאָגעלשטיין אונד ריעגער, I, 277, וווּ עס ווערן אויסגערעכנט בײַ די נעמען בערך צוואַנציק אַזוינע געלערנטע אָפּשרײַבערס.

[3] יצחק בן מרדכי (באַקאַנט אונטער דעם איטאַליענישן נאָמען Majestro Gajo) איז געווען לייב־מעדיקער בײַם פּויפּסט ניקאָלאַי דעם IV.

הונדערט פילע מעדיצינישע, פילאָזאָפישע און אַסטראָנאָמישע ווערק [1]. אין דער זעלבער צייט האָט אַן אַנדער גענויטער איבערזעצער, דער פילאָזאָפיש געבילדעטער שפּאַנישער אַרצט, זרחיה בן יצחק בן שלתיאל חן, איבערזעצט פאַרן רב שבתי בר' שלמה אַ גאַנצע צאָל ווערק פון אַריסטו, אבן־רשד, אַלפאַראַבי או״וו [2].

זרחיה חן איז זייער אַן אינטערעסאַנטע פיגור. ער האָט אין שפּאַניע באַקומען פילאָזאָפישע בילדונג [3], און אַלס גרעסטער אויטאָריטעט האָט ביי אים געגאָלטן דער רמב״ם. „אַלץ, וואָס ס'איז אַרויס אויס דעם רמב״מס פעדער, — פאַרזיכערט זרחיה חן — איז לויטער אמת, אַלע פון אים אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען זיינען ריין פון דער קלענסטער סתירה״ [4]. זיין באַליבט בוך איז געווען דער „מורה״, ער האָט וועגן אים געלייענט ספּעציעלע פאָרלעזונגען [5] און אָנגעשריבן אויף אים אַ פּירוש, בכדי (ווי ער ערקלערט אין דער הקדמה) [6] צו מאַכן דעם רמב״מס ווערק פאַרשטענדלעך אויך פאַר די, וואָס זיינען בלויז אָנפאַנגער אין דער פילאָזאָפיע. אַט דער מענטש פונם 13טן יאָרהונדערט האָט אָפן ערקלערט דעם שכל פאַרן איינציקן בר־סמכא. אמונה, מסורת אבות — אַלץ דאַרף דורכגיין דורך דער שאַרף פונם קריטישן געדאַנק, עס דאַרף קודם־כל באַוויזן, אַז ס'איז ניט סותר דעם שכל הישר. אַלץ, וואָס ס'האָט אַ שייכות צו מיסטיק, דאָס פאַרבאָרגענע און אומבאַגרייפלעכע — דאָס איז בלויז קינדער־שפּיל, און זרחיה חן רעדט מיט ביטול ניט נאָר וועגן די בעלי קבלה פון זיין צייט, נאָר אויך וועגן דעם אַלטן פּיטאַגאָרעס און זיינע אָנהענגער [7], אויך די ביבל [8] און אַלע ניסים, וואָס קומען דאָרט פאָר, ער־

1 אַ פּראַכטפולער האַנטשריפטלעכער עקזעמפּלאַר פון נתן צענטאַס איבערזעצונג פון אבן־רשדס „קאַנאָן״ געפינט זיך אין לענינגראַדער אזיאַטישן מוזיי

2 באַריכות וועגן זרחיה חן זע: קירכהיים, אין „אוצר נחמד״, II, 117—123; שטיינשניידער, דאָרטן, 229—243; כרמולי, דאָרטן, III, 110—111; פאָגעלשטיין אונד ריעגער, I, אינדעקס; גרעץ, ב' VII, אינדעקס; גידעמאַן, II, אינדעקס.

3 „פון קינדהייט אָן — ערקלערט מיט שטאָלץ זרחיה חן — האָט מיך די חכמה חי אַ מוטער ערצויגן״ („אוצר נחמד״, II, 126).

4 „אוצר נחמד״, II, 133: „אני נוזר אומר על כל מה שכתב הגאון רבנו הרב המורה צדק זצ״ל שהוא אמת ואין בכל כתנותיו שום סתירה״.

5 דאָרטן, 123.

6 דאָרטן, III, 111.

7 זע זיין פּירוש אויף משלי („השחר״, II, 67): „ההפסד כלו שהיה באותם הימים בא תחלה מאפיתגורס וסיעתו״. שטיינשניידער דרינגט אפילו, אַז דאָ איז אַ גרייז און עס דאַרף שטיין ניט אַפּיתגורס נאָר אפיקור (זע „העבר. ביבל.״ 46, XII).

8 זרחיה נופא חייזט אָן („אוצר נחמד״, II, 123, 137), אַז ער האָט פאַרפאַסט אַ פּירוש אויף תורה; דער פּירוש איז, חי עס שיינט, פאַרלאָרן געגאַנגען.

קלערט ער אויף ריין ראַציאָנאַליסטישן אופן. די מעשה ווי יעקב אבינו ראַנגלט זיך אין דער פינסטערער נאַכט מיטן מלאך, ווערט פון זרחיהן אויסגעטייטשט אַלס קאַמף פון די ערדישע מאַטעריעלע כוחות (הכוח החומרי) מיטן מענטשלעכן שכל (השכל האנושי) (זע זיין בריוו צו הלל אויס ווערָאנע אין „אוצר נחמד", II, 129, 131). די מעשה ווי אַברהם ברענגט יצחקן אויף דער עקדה, אָדער ה׳ צו אַברהמען קומען דריי מלאכים צו גאַסט — ערקלערט זרחיה בלויז אַלס חלום, וועלכן אברהם האָט אין שלאָף געזען; די ערציילונג וועגן לוט און זיינע טעכטער, אָדער וועגן בלעמס אייזל, האָט רעדט ווי אַ מענטש — ווערן פון אים אויך אויסגעטייטשט אַלס משלים [1]. ביי זרחיהן איז אויך קיין ספק ניט, אַז די מעשה מיט יונה הנביא „קאָן נאָר דער פשוטער המון אָננעמען פאַר אַן אמת, אָבער יעדער פאַרשטענדיקער מענטש (חכם לב) באַמערקט גלייך, אַז די גאַנצע מעשה, פון אַלף ביז תיו, איז בלויז אַ חלום, וואָס דער נביא האָט אין שלאָף געזען". מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל רעדט אויך זרחיה וועגן דער דעמאָלט איבעראַל, אין די געלערנטע קרייזן אָנגענומענע מיינונג, אַז די ערשטע שפּראַך, אויף וועלכער די מענטשהייט האָט גערעדט, איז געווען העברעיש, און אַז אדם הראשון האָט גלייך ווי ער איז באַשאַפן געוואָרן גערעדט לשון־קודש [2]. אין רוים, וווּ ער האָט געלעבט ביז אין די עלטערע יאָרן [8], פלעגט זרחיה אין אַ גאַנץ פרייען ראַציאָנאַליסטישן גייסט לייענען פאַר אַ גרופּע וויסנבאַגיריקע יונגעלייט פאָרלעזונגען איבער ביבלישע ביכער, ספּעציעל וועגן „איוב" און „משלי" [4]. אָט די פירושים צו די צוויי ביבלישע ביכער, וועלכע דער שפּאַנישער פריידענקער האָט פאַרפאַסט [5], זיינען דערגאַנגען צו אונז בשלמות און זיינען בלי־ספק זייער אינטערעסאַנט אַלס קולטורעלע דענקמעלער פון יענער צייט.

1 „אוצר נחמד", II, 129, 138.

דאָרטן, 135—136.

8 אין זיין ערשטן בריוו צו הלל אויס ווערָאנע, וואָס ער האָט געשריבן אין 1290, מעלדעט ער, אַז ער קלייבט זיך צוריקקערן אין זיין היים, „בכדי ליגן צוזאַמען מיט זיינע עלטערן" (לשכוב עם אבותי), זע „אוצר נחמד", II, 124.

4 אין זיין פירוש אויף „איוב" (18, 18) ווייזט זרחיה אָן, אַז ער האָט געלייענט פאָרלעזונגען „בסוד בחורי חמד אשר בקהל רומי".

5 דעם פירוש אויף „משלי" אונטער דעם נאָמען „אמרי דעת" האָט זרחיה אָנגעשריבן אין 1284, איבערגעאַרבעט און רעדאַקטירט אין רוים אין 1288—89. פאַרעפנטלעכט דורך י. שוואַרץ אין „השחר", II (ערשינען אויך באַזונדער). דער פירוש אויף „איוב" מיטן נאָמען „תקות אנוש" איז פאַרפאַסט געוואָרן אין 1290 און פאַרעפנטלעכט דורך י. שוואַרץ אין 1868.

ווי דער רמב״ם און יעקב אנאטאלי, אזוי איז אויך זרחיה חן געווען פעסט איבערצייגט, אז דער ווערטלעכער פשט פון ספר „משלי" איז בלויז פאר די „עם־הארצישע נאראנים", וואס זייער קנאפער שכל איז ניט אימשטאנד משיג צו זיין די טיפע רמזים און משלים, און זיי „אנטלויפן דערפאר פון זיי, ווי מען אנטלויפט פאר א ביס פון א גיפטיקער שלאנג". אין „משלי" איז אבער פארבארגן נאך אן אנדערער, טיפערער פשט, און דעם קאנען פארשטיין נאר די יחידי סגולה. „אונזער גרויסער לערער — ווייזט אן זרחיה — דער מאור הגולה רבנו משה בן מיימון, ער איז געווען דער ערשטער, וואס האט אנגעוויזן דעם ריכטיקן וועג ווי צו פארשטיין דעם אמתן פשט פון „משלי". ער האט עס אונז ערקלערט, אז דאס דאזיקע ווערק לערנט אונז, ווי מיר טארן זיך ניט לאזן פארפירן פון דעם גראבן חומר, וואס טראגט אין „משלי" דעם פארשטעלטן נאמען „פרוי"[1].

און אין זרחיהס פירוש באקומט טאקע דאס בארימטע ביבלישע גנאמען־בוך אן אויסטערליש מאדנעם אויסזען. עס איז שוין מער ניט קיין פאלקס־בוך, נאר א ריין פילאזאפיש־ראציאנאליסטיש ווערק. שטייט א שטייגער אין „משלי": „חכמות בנתה ביתה, חצבה עמודיה שבעה" (ז׳ 9) — די חכמה האט איר הויז געבויט, אויסגעהאקט זיינע זיבן זיילן, איז דאך פאר זרחיהן קלאר, אז די זיבן זיילן דאס זיינען די זיבן וויסנשאפטלעכע דיסציפלינען, און ער רעכנט זיי טאקע אלע אויס ביי די נעמען[2]. און אז עס שטייט ווייטער: „שלחה נערותיה" — זי, די חכמה, האט אירע דינסטמיידלעך געשיקט, איז דאך פאר אונזער מפרש קיין ספק ניט, אז אונטער „נערותיה" מיינט מען עס טאקע די הילפס־וויסנשאפטן, ווי, א שטייגער, לאגיק וכדומה. זייער כאראקטעריסטיש איז פאלגנדיקע שטעלע. ביים פסוק: „יפיח כזבים עד שקר ומשלח מדנים בין אחים" (6 ,19) — א פאלשער עדות פארשפרייט ליגן און זייט קריג צווישן ברידער — לייענען מיר אין זרחיהס פירוש: „דאס ווערט דא גערעדט אויך וועגן די, וואס דערוועקן קריג און שנאה צווישן מענטשן פון איין גלויבן, וועלכע האבן איין תורה און איין און די זעלבע מאראל". און אלס ביישפיל ברענגט ער די צעשפאלטונג צווישן יידן און קאראימען, „וואס די שנאה צווישן זיי איז אזוי גרויס, אז עס איז גארניט צו גלויבן, אז זייער אמונה איז דאך פון איין קוועלע; אפילו קיין שידוכים שליסן זיי ניט צווישן זיך, אזוי גרויס איז זייער פיינדשאפט". און אט די שרעקלעכע שנאה און פארביטערטער קאמף האט, נאך זרחיהס מיינונג, אויסגעבראכן

---

1 זע „השחר", וו, 67.

2 זע פריער, ז׳ 252.

בלויז אויס פערזענלעכע פניות, אויס גיריקייט נאָך כבוד און דורשט נאָך מאַכט און ממשלה. „און אָט טאַקע די פאַרשאָלטענע תאווה פון הערש־זוכט, דאָס גײַעג נאָך כבוד — דאָס פירט אַראָפּ דעם מענטשן פונם דרך הישר... די דאָזיקע תאווה, זי איז עס די אמתע סיבה, וואָס ס'האָבן זיך צווישן מענטשן אַזוי שטאַרק געמערט פאַרשיידענע אמונות און עס זיינען פאַראַן אַזוי פיל שטייגערס ווי גאָט צו דינען. דער באַשעפער האָט דאָך אָבער געשטעלט די וועלט אויף אַן אַנדער סדר: אַלע מענטשן פון דער ערד דאַרפן האָבן איין גלויבן, און אַלע גלייך, ווי אמתע ברידער, דאַרפן זיי דינען אים, דעם באַשעפער"[1].

זרחיה פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז אַזוינע ווערטער שמעקן מיט גרויס אַפּיקורסות. „איך ווייס, — זאָגט ער — אַז די דאָזיקע ווערטער וועלן פילע שטאַרק דערצערענען. איך האָב אָבער דערפאַר קיין מורא ניט. זאָל מיין געדאַנק בלייבן פרעמד פאַר הונדערטע אומפאַרשטענדיקע, אַבי נאָר אים וועט פאַרשטיין ווי צו שעצן דער איינציקער, דער אויסדערוויילטער"[2].

און ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די גייסטיקע שטרעמונגען און די דעמאָלטיקע יידישע קרייזן אין רוים, וואָס אַ מענטש מיט אַזוינע העכסט ראַדיקאַלע אָנשויונגען האָט געהאַט גרויס ערפאָלג און האָט גענאָסן אין רוים פילע אָנהענגער, וואָס האָבן מיט דורשט געשלונגען זיינע ווערטער[3].

קעגן זרחיהן איז אָבער אומדערוואַרט אַרויסגעטראָטן אַ קעגנער ניט פון צווישן „די הונדערטע אומפאַרשטענדלעכע", נאָר טאַקע פון זיין איינענער מחנה. זיינע עקסטרעמע ראַציאָנאַליסטישע אָנשויונגען האָבן עס גורם געווען, וואָס זרחיה האָט געמוזט זיך אַריינלאָזן אין אַ לאַנגן וויכוח מיט זיינעם אַן אַלטן פריינד, וואָס איז אויך געווען דעם רמב"מס אַ הייסער אָנהענגער. דער דאָזיקער קעגנער איז געווען דער פילאָזאָפיש־געבילדעטער אַרצט הלל בן שמואל אויס וועראָנע[4].

[1] „השחר", II, 213.

[2] דאָרטן.

[3] זרחיה גופא שרייבט דאָס אָפט אונטער. און זיין צחייטן בריוו צו הלל אויס וועראָנע חייזט ער אָן מיט שטאָלץ: „כי חכמי דורי אשר שמעו והאזינו דברי וראו מה שחברתי ומה שפרשתי אמרו פה אחד כי רוח ד' דבר בי ומלתו על לשוני" („אוצר נחמד", II, 126).

[4] וועגן הלל אויס וועראָנע זע: שטיינשניידער, זיין פאָררעדע צו „תגמולי הנפש"; עדעלמאַן, אין דער פאָררעדע צו „חמדה גנוזה"; פאָגעלמאַן אונד ריעגער, I, 400—409, 415—418; וויס, „דור דור ודורשיו", IV, 103—106; בערנפעלד, „דעת אלהים", 406—416; גידעמאַן, II, אינדעקס; גרעץ, אינדעקס. מיט דער אין 1912 ערשינענע ספּעציעלע מאָנאָגראַפיע פון מ. גייער „היללס אויס וועראָנא תגמולי הנפש" האָבן מיר ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען.

ווי פילע אַנדערע וויסנבאַגיריקע יונגעלייט אין איטאַליע, האָט הלל בן שמואל אין די יונגע יאָרן זיך געלאָזט קיין שפּאַניע. אין באַרצעלאָנע האָט ער אין משך פון דריי יאָר שטודירט נאַטורוויסנשאַפטן [1]; אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך געלערנט אין דער ישיבה פון דעם אונז שוין באַקאַנטן תּלמודיסט יונה גירונדי [2]. אין מאָנפּעליע האָט ער דער־נאָך שטודירט ספּעציעל מעדיצין און אַלס טיכטיקער אַרצט איז ער צוריק געקומען אין זיין היים. ער האָט אַ לענגערע צייט פאַרבראַכט אין רוים, ווו ער האָט זיך באַקאַנט מיט די דאָרטיקע פילאָזאָפיש געבילדעטע קרייזן, דערנאָך איז ער איבערגעפאָרן קיין קאַפּואַ, ווו ער האָט געהאַלטן סיסטעמאַטישע פאָרלעזונגען איבער פילאָזאָפיע, און אויף די עלטערע יאָרן האָט ער זיך באַזעצט אין דער שטאָט פורלין אַלס פּראַקטיצירנדיקער אַרצט, פאַרנעמענדיק זיך אויך מיט ריינער וויסנשאַפט. אַ גוטער קענער פון אַראַביש און לאַטיין, האָט הלל איבערגעזעצט פילע פילאָזאָפישע און מעדיצינישע ווערק [3]. דער באַליבטסטער דענקער איז אויך ביי אים גע־ווען דער רמב״ם; ער האָט אָנגעשריבן אַ פּירוש צו די באַרימטע 25 פילאָ־זאָפישע טעזיסן (הקדמות), וואָס מיט זיי הייבט זיך אָן דער צווייטער טייל „מורה נבוכים״, און ער האָט מיט שטאָלץ פאַרזיכערט, אַז „ביי איצטיקער צייט איז ביי יידן ניטאָ דער צווייטער, וואָס זאָל טיפער און בעסער פון אים פאַרשטיין דעם רמב״ס מורה״ [4]. הלל פאַלט אָן אויפן רמב״ן דערפאַר, וואָס יענער האָט זיך ערלויבט צו זאָגן, אַז אייניקע פונם רמב״ם אַרויסגעשטעלטע מיינונגען זיינען סותר געוויסע אָנווייזונגען פון דעם תּלמוד און מדרשים. דעם רמב״נס באַווייזן געפינט הלל פאַר „אויבנ־אויפיק, געשמאַקלאָז, אָן זאַלץ און פעפער״ (מלין תפלין בלי מלח ותבלין). און בעת אין די 80ער יאָרן פונם 13טן יאָרהונדערט האָט זיך

---

1 זע, „תגמולי הנפש״, 18a: „בהיותי לומד בספרד לפני הרב שלמדני חכמת הטבע״.

2 אין זיין בריוו צום מעצענאַט יצחק בן מרדכי חייזט הלל אָן, אַז ער האָט אין די יונגע יאָרן (בימי בחורתי) דריי יאָר געלערנט ביי ר׳ יונהן, וועלכער איז גלייך נאָכדעם אָפּגעפאָרן קיין טאָלעדאָ, ווו ער איז אין אַ יאָר אַרום געשטאָרבן („טעם זקנים״, 72). אויס דער גוט ערהאַלטענער מצבה איז באַקאַנט, אַז יונה גירונדי איז געשטאָרבן אין חשון 1263, האָט אַלזאָ הלל בן שמואל געלערנט ביי אים אין משך 1259—1262. דערפון איז קלאָר, אַז גרעץ האָט אַ טעות, בעת ער רעכנט, אַז הלל איז געבאָרן אינם יאָר 1220. מיר זעען דאָך, אַז ער איז אין אָנפאַנג פון די זעכציקער יאָרן נאָך געווען אין „ימי הבחרות״, איז ער געבאָרן נים פריער, ווי אין סוף פון די 30ער יאָרן.

3 וועגן זיינע איבערזעצונגען זע שטיינשניידערס פאָררעדע צו „תגמולי הנפש״ זע אויך פאָגעלשטיין אונד ריעגער, I, 403.

4 זע „טעם זקנים״, 72a.

ווידער אָנגעהויבן אַן אַנטימיימונישע באַוועגונג מיט שלמה פטי בראָש, וועלכער איז מיט אַגיטאַטאָרישע צוועקן געקומען פון פּאָדער-אַזיע קיין איטאַליע, האָט הלל זיך געווענדט צום זייער אָנגעזעענעם מעצענאַט יצחק בן מרדכי אין רוים און אים געבעטן, ער זאָל זען מיט אַלע מעגלעכקייטן ניט דערלאָזן שלמהס אַגיטאַציע זאָל האָבן ערפאָלג [1]. ער האָט זיך אויך געווענדט מיט בריוו צום רמב״מס אייניקל, ר׳ דוד, און צו די אָנגעזעענע רבנים פון מצרים און בבל, זיי זאָלן זען איינשטילן די דייטשע און פראַנצויזישע רבנים, וואָס פירן אַ קאַמף קעגן דעם רמב״מס ווערק. ער לייגט אים פאָר מען זאָל מאַכן אַ צוזאַמענפאָר פון די אָנגעזעענסטע רבנים, דאָרט אויסהערן די טענות פון ביידע צדדים און דערנאָך זאָל דער צוזאַמענפאָר אָננעמען אַ באַשטימטע החלטה, און דער דאָזיקער פסק וועט מוזן זיין ענדגילטיק פאַר אַלעמען [2].

גאַנץ אינם רמב״מס גייסט פאַרטייטשט הלל אויפן ראַציאָנאַליסטישן אופן פילע שטעלן אין דער ביבל, און ערקלערט אַלס „נאַרישן, אויסגעטראַכטן אָבערגלויבן״ (ואני אומר שהיא אמונה בדאית וסכלות) די לעגענדע וועגן די געפאַלענע ווידערשפּעניקע מלאכים, וואָס זיינען מגולגל געוואָרן אין רוחות און מתבלים [3].

און דאָך האָט אין הללן דער ראַציאָנאַליסט ניט אינגאַנצן דערשטיקט די אַלטע איטאַליענישע טראַדיציעס; און ער איז דערפאַר ניט תמיד מסכים מיט זיין „גרויסן רבין״ (הרב הגדול), ווי דער רמב״ם הייסט ביי אים. אַנאַטאָליס טרוקענער, קאָנסעקווענט דורכגעפירטער ראַציאָנאַליזם געפינט ניט קיין אָפּקלאַנג אין הללס נשמה, וואָס בענקט אומבאַוווּסט נאָך די אַלטע מסורות, און גלוסט מיט צאַפּלדיקן ציטער נאָך מיסטיש-רעליגיעזע איבערלעבונגען. די פּאָעטישע וועלט פון די אויס בבל און פּאַלעסטינע שטאַמענדיקע אַגדות, די נאַיווע לעגענדעס פונעם אַלטן איטאַליע אויס דער צייט פון אַבו אַהרן און שפטיה דעם בעל נס און דיכטער — זיי זיינען נאָך ניט פאַרגעסן געוואָרן, זיי האָבן נאָך געפונען אַ ליבלעכן אָפּקלאַנג אין די פאַרחלומטע הערצער... הלל איז טאַקע אַ הייסער פאַרערער פונם רמב״ם, דאָך קאָן ער ניט גלויבן, אַז נאָר דער געדאַנק, דער שכל איז דער עיקר, און דאָס האַרץ מיט זיין גאַנצער וועלט געפילן און

---

[1] עס זיינען אויפגעהיט געוואָרן צוויי זיינע בריוו צו מאַעסטראָ גאַיאָ (יצחק בן מרדכי). באַזונדערס אינטערעסאַנט איז דער ערשטער (אָפּגעדרוקט אין „חמדה גנוזה״, „טעם זקנים״ און אויך אין „אגרות קנאות״), ווייל דאָרט זיינען דאָ זייער וויכטיקע פּרטים בנוגע צום ערשטן קאַמף קעגן דעם רמב״ם און זיינע ווערק.

[2] זע, „טעם זקנים״, 72b.

[3] זע, ביילאַגן צו „תגמולי הנפש״, ז׳ 52b.

חלומות איז בלויז אַ נעבן־זאַך. דער „מורה" איז טאַקע ביי אים געווען דאָס טיפסטע בוך, דאָך האָט ער ניט געקאָנט מסכים זיין מיט דער מיי־יונג, אַז דעם מענטשנס גליק און אויך דעם מענטשנס ווערט דאַרף מען שאַצן אויסשליסלעך לויט דער שאַרפקייט פון יענעמס געדאַנק און דער פיינקייט פון זיינע פילאָזאָפישע באַגריפן... ער האָט דערפאַר באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ ספּעציעל ווערק וועגן דעם מענטשנס נשמה, אויספאָרשן איר תוך און תמצית, צעגלידערן אירע איבערלעבונגען, און באַלייכטן דאָס פּראָבלעם וועגן איר ווייטערדיקער עקסיסטענץ, נאָך דעם, ווי זי באַפרייט זיך פונם ערדישן חומר און פאַרלאָזט דעם מענטשנס קערפּער. „תגמולי הנפש", — אונטער דעם דאָזיקן נאָמען האָט ער פאַרענדיקט זיין ווערק אין פורלין אין 1291.

דאָס ווערק איז געשריבן אין אַ שווערוואָגיקער הילצערנער שפּראַך; דעם פּראָפעסער פעלן ערטערווייז אוים ווערטער, און ער טראַכט אוים אייגענע, ווייניק געלונגענע, און פאַרטייטשט זיי טאַקע דערביי מיט אַ איטאַליעניש אויסדרוק, דער לעזער זאָל פאַרשטיין, וואָס ער מיינט. נישט קוקנדיק דערויף, פילט זיך דאָך אין דעם ווערק דאָס פאַרבאָרגענע פייער פון אַן אינעווייניקסטן קאַמף, דער פּאַטאָס פון אַ זוכנדיקן אומ־באַפרידיקטן גייסט — און דאָס בוך מיט דער האַרבער אומבאַהאָלפּענער שפּראַך ציט צו צו זיך ניט ווילנדיק די אויפמערקזאַמקייט פונם לעזער.[2]

דאָס ווערק איז איינגעטיילט אין צוויי טיילן. אין ערשטן ווערט באַ־טראַכט, אין וואָס באַשטייט דער תמצית פון דער נשמה, דער צווייטער טייל באַהאַנדלט די פּראַגע וועגן „תגמולי הנפש": וואָס פאַר אַ שכר און וואָס פאַר אַ עונש ערוואַרט די נשמה. נאָך לאַנגע לאָגישע און פילאָזאָ־פישע סברות קומט ענדלעך דער פּראָפעסער צום אויספיר, אַז דער תמצית פון דער נשמה איז אַ ריין גייסטיקער, פריי פון דעם מינדסטן מאַטעריעלן צוגאָב, און אַז די נשמה איז אומשטאַרבלעך. דאָ שטייט אָבער דער פּראָ־פעסער פאַר דער האַרבער שאלה: פון וואָס פאַר אַ אַרט איז די דאָזיקע אומשטאַרבלעכקייט? צי עקסיסטירט די נשמה אויך ווייטער פאַר זיך, אַלס באַזונדערער זעלבשטענדיקער איך; אָדער ס'איז ריכטיק די מיינונג פון אבן־רשד און זיינע תלמידים, וואָס לייקענען אָפּ די זעלבשטענדיקע „השארת הנפש", און רעכענען, אַז נאָך דעם מענטשנס טויט עקסיסטירט

1 באַרעפנטלעכט אינם פאַרלאַג „מקיצי נרדמים" אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ז. האַלבערשטאַם אין 1874.

2 דער פּראָפעסער נופא ווייזט אָן מיט שטאָלץ, אַז ער איז דער ערשטער הן ביי יידן הן ביי קריסטן, וואָס פּרווט פילאָזאָפיש באַלייכטן אַזעלכע פּראָבלעמען (זע: „חמדה גנוזה", 22; „תגמולי הנפש", 7b).

שוין די נשמה ניט מער פאַר זיך באַזונדער, נאָר אַלס קליינער טייל פון דעם „וועלט=שכל", דעם אַזוי גערופענעם „ערד=גייסט", וואָס פאַרקערפערט זיך אין דער גאַנצער מענטשהייט צוזאַמען. הלל איז מודה, אַז אבן=רשדס סברה שטיצט זיך בלי=ספק אויף אייזערנע לאָגישע יסודות, וואָס ליגן זיך זייער אויפן שכל [1]. הלל פאַרשטייט אָבער זייער גוט, אַז וויבאַלד ס'איז ניט פאַראַן קיין „השארת הנפש" פאַר יעדן יחיד באַזונדער, קאָן דאָך דאַן מער קיין רייד ניט זיין וועגן שכר ועונש, וועגן „תגמולי הנפש" [2]. דעם פאַרפאַסער פון „תגמולי הנפש" זייגען אָבער צו טייער די אַלטע מסורות ער זאָל זיך קאָנען באַפרידיקן מיט אַזאַ אויספיר. ער זוכט מיטלען, ווי אַזוי אַרויסצוגיין פון דעם דאָזיקן פלאָנטער, און אים דאַכט: ער האָט געפונען אַן אויסוועג, און עס ווערט דערביי „ניט געשטערט דער פרידן צווישן שכל און אמונה" [3].

ווי אַלע דענקער פון יענער צייט שטרייכט אויך הלל אינטער דעם גרויסן אונטערשייד צווישן דער אומשטאַרבלעכער פאָרם און דער פאַרגענגלעכער מאַטעריע. דער „וועלט=גייסט" („השכל הפועל", ווי ער הייסט אין דער מיטלאַלטערלעכער העברעישער ליטעראַטור) אַלס אַלגעמיינע (אוניווערסאַלע) גייסטיקע פאָרם, איז דער קוואַל פון אומצייליקע באַזונדערע, זעלבשטענדיקע פאָרמען, „פונקט ווי פון דעם איינציקן צענטראַלן פינטל ציען זיך אין אַלע זייטן פילע ליניעס" [4]. אָט די באַזונדערע, זעלבשטענדיקע פאָרמען, וואָס ווערן אויסגעשטראַלט אוים דעם וועלט=גייסט — דאָס זייגען עס די מענטשלעכע נשמות. אויף וואָס פאַר אַן אופן פאַרווירקלעכט זיך די אומשטאַרבלעכקייט פון די דאָזיקע נשמות? קידם=כל ערקלערט באַריכות דער פאַרפאַסער (אַרויסגייענדיק פון אַריסטוס שטאַנדפונקט) אויף וואָס פאַר אַן אופן עס אַנטוויקלט זיך אַזוי ווייט אינם מענטשן זיין איינגעבוירענע גייסטיקע מעגלעכקייט (השכל האפשרי), ביז זי ווערט אַ טייל פון דעם „שכל הפועל". דער פאַרפאַסער האַלט זיך אויך ווייטער אָן אַריסטוס סיסטעם בעת ער טיילט איין דעם מענטשנס שכל אין דריי מדרגות: דעם ריין טעכנישן (מלאכותי) [5], דעם פּראַקטישן (המעשי) און דעם טעאָרעטיש=ספעקולאַטיוון (עיוני) [6]. ווייטער אָבער

---

1 „תגמולי הנפש", 10a: „בעבור שאותה הדעת היא נוכחת בראיות נצחיות מופתיות מכרחות להתקבל מדרך השכל".

2 דאַרמן, 14b: „אם כן בטלו כל ונגמולי הנפש לגמרי".

3 דאַרמן, 10a.

4 „הנקודה שהיא אחת ויוצאו ממנה ראשי קווים הרבה" (דאַרמן, 8b).

5 „המלאכותי הוא אותו אשר בו ישיג אדם מיני המלאכות והאומניות".

6 דאַרמן, 21b.

פאַרלאָזט דער בעל „תגמולי הנפש״ אי אַריסטון, אי זיין יידישן מפרש— דעם רמב״ם. אַרויסגייענדיק פונם געדאַנק, אַז אין דעם פולקומען מענטשן באַדאַרפן זיין האַרמאָניש אַנטוויקלט אַלע אייגנשאַפטן פון זיין גייסט, קאָן הלל בן שמואל ניט מסכים זיין דערמיט, אַז אומשטאַרבלעך בלייבט בלויז דעם מענטשנס ראַציאָנעלער טייל (החלק השכלי בלבד). ד״ה בלויז דער אינטעלעקט, דער דורך דעם שכל געשליפענער געדאַנק. „איך וויל באַווייזן, — שטרייכט הלל אונטער — אַז אויך דאָס געפיל, דעם מענטשנס מאָראַלישע שטרעבונג, איז אויך אומשטאַרבלעך״ [1]. „מיינט ניט, — זאָגט ווייטער דער פאַרפאַסער — אַז דער מענטש קאָן דערגרייכן די העכסטע שטופע פון שלימות בלויז דורך דער פאַרפולקוי־מונג פונם אינטעלעקט, ניט זאָרגנדיק דערביי וועגן די מאָראַלישע פאָדע־רונגען פון דעם מענטשנס נשמה. עס האָבן שוין אונזערע חכמים געזאָגט, אַז ווער עס שלייפט נאָר זיין שכל, זאַמלט בלויז וויסן און טראַכט ניט וועגן מעשים טובים אויף דעם זאָגט דער פסוק: „נזם זהב באף חזיר״ [2]. מען מוז אויך געדענקען וועגן די אַנדערע צוויי הויפט־כוחות פון דעם מענטשנס נשמה — געפיל און ווילן (כח המרגיש וכח המעורר). בלויז דורך זייער הילף קאָן דער מענטש בפועל באַווייזן זיין שלמות, זיין אומשטאַרבלעכן גייסט [3]. „ניין — חזרט איבער הלל בן שלמה — בלויז מיטן געדאַנק, מיט גרויס חריפות פונם שכל, קאָן דער מענטש ניט דער־גרייכן די העכסטע מדרגה פון שלמות; אויסער וויסן איז אויך גייטיק דאָס עמישע טאָן; מען מוז איך דורך מעשים באַווייזן, אַז מען איז מקיים גאָטס געבאָטן. דער מענטש דאַרף באַווייזן, אַז ניט נאָר אין גע־דאַנק, נאָר אויך מיט זיין געפיל און ווילן איז ער איבערגעגעבן דעם געט־לעכן און הייליקן [4]. און זאָל קיינער זיך ניט דערוועגן — זאָגט ער ווייטער — אויסטייטשן די מצוות און געבאָטן בלויז אַלס אַלעגאָריעס און משלים. זאָל ער ניט זאָגן: וויבאַלד איך פאַרשטיי דעם שכל און דעם מיין פון דעם און דעם געבאָט, צו וואָס דאַרף איך אים נאָך מקיים זיין? ווער עס זאָגט אַזוי, דער איז אַ „מין ואפיקורס״, דער לייקנט פאַקטיש אין תורת משה [5]. נאָר ביי ווענען דער פאַרשטאַנד, האַרמאָניש פאַרבונדן מיטן ווילן און געפיל (הכחות המשכילות והמרגישות) זיינען אַלע צוי־

---

1 דאָרטן, 9b: „ואני עתיד להודיע שגם המרגיש והמתעורר ישארו״.

2 דאָרטן, 22a.

3 דאָרטן.

4 דאָרטן, 22b.

5 דאָרטן, 25a.

זאָמען געװענדט צו אײן הויכן געמלעכן ציל — אָט דער איז דער צדיק הדור, דער אויסדערװײלטער פולקומער מענטש...'

„און אָט אין דעם טאָקע — שרײַבט אונטער דער בעל „תגמולי הנפש" — ליגט דער טיפער סוד: צו װאָס פאַר אַ צװעק מוז עס די אומ־שטאַרבלעכע נשמה װאַנדערן אין לבוש פונם ערדישן חומר? — װײַל דאָס איז דער װעג פון שלמות, װײַל דורך דעם דערגרײכט די נשמה אַ נאָך העכערע מדרגה. װאָרעם עס איז דאָך קלאָר, אַז די נשמה, בעת זי צעשײדט זיך מיטן גוף, איז זי פולקומער װי פריער, אײדער זי האָט דורכגעװאַנ־דערט דאָ אויף דער ערד דאָס מענטשן־לעבן. זי געפינט זיך אויף אַ פיל העכערע מדרגה, װי אפילו די מלאכי־השרת. װאָרעם אַ מלאך, אָדער אַ נשמה, װאָס איז קײנמאָל מיט קײן מענטשן־קערפּער ניט געװען פאַר־בונדן — זײ האָבן דאָך ניט קײן װילן, קײן חשק. ליכטיק און רײן זײנען זײ נאָך זײער גײסטיקן מהות, זײ האָבן ניט בכוח צו זײן אַנדערע, זײ װײסן אפילו ניט, אַז מען קאָן זײן אַנדערש, ניט רײן, ניט ליכטיק. גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער מיט דער נשמה, װאָס איז פאַרבונדן מיטן זינדיקן חומר. דורך שװערן קאַמף, דורך שטענדיק אָנגעשטרענגטן װילן געלינגט איר גובר זײן די נידעריקע תאוות פונם גוף, זי דערהויבט אים און הײליקט אים. אָט אַזאַ נשמה, װאָס האָט ערשט דורך דעם שװערן װעג פון אָנגעשטרענגטער מלחמה בײַגעקומען דאָס זינדיקע און נידעריקע, און איז געבליבן רײן און הײליק — זי האָט זיך דערמיט דערהויבן צו אַ פיל העכערער מדרגה, איז געװאָרן נעענטער צו דעם געטלעכן קװאַל פון ליכט, װי פריער, אײדער זי האָט געװאַנדערט אויף דער ערדישער װעלט און אויסגעקעמפט איר מענטשן־לעבן. און אָט די זכיה צו דער־גרײכן אַזאַ הויכע מדרגה — דאָס איז איר עולם־הבא, איר ליכטיקער גן־עדן [1]. די נשמה אָבער, װאָס איז ניט בײַגעשטאַנען דעם נסיון פונם זינדיקן גוף און האָט פאַרשװעכט איר רײנקײט — די װערט דערמיט אָװעקגעשלײדערט פונם קװאַל פון ליכט און רײנקײט (ולא תשוב אל ספיר נזרתה); זי בלאָנדזשעט אין דער פינסטער, און אָט אין דעם צער — איז איר עונש, אין דעם אײביקן בלאָנדזשען און בענקען — די שטראָף פונם גיהנום" [2].

הלל חזרט אָפּט איבער, אַז אומשטאַרבלעך איז ניט נאָר דער ראַ־ציאָנאַליסטישער טײל פונם מענטשנס נשמה, װי עס מײנען אַריסטו און מײמוני, נאָר אויך דער עמאָציאָנעלער, װאָס איז פאַרבונדן מיטן רײן

---

1 דאָרטן, 23—24.

2 דאָרטן, 24b.

עטישן נעפיל [1]; ער פאַרגעסט אָבער דערביי ניט אין דער לערע פונם „מורה נבוכים" און שטרייכט טאַקע דערפאַר אַגב אונטער, אַז דער שכר ועונש אויף יענער וועלט דאַרף מען פאַרשטיין גאָר אין ריין גייסטיקן זין [2] אמת, הלל מוז מודה זיין, אַז אין תלמוד און אין מדרשים ווערט אָפט גערעדט וועגן ריין קערפּערלעכן שכר ועונש אויף יענער וועלט, און ווען אין אייניקע ערטער קאָן מען נאָך דאָס אויסטייטשן בדרך משל און אַלעגאָריע, איז דאָך אין א סך פאַלן קיין שום ספק ניט, אַז מען מוז דעם טעקסט פאַרשטיין ווערטלעך אין זיין פשוטן פשט. דאָס איז דערפאַר — ערקלערט הלל — וואָס אונזערע חכמים און תנאים, בעת זיי האָבן גערעדט צום המון, „אָט צו די צאַפּעם בצורת מענטש" (המון העם שהם תיישים בתמונת אנשים) האָבן זיי געמוזט ריידן אין אַזאַ שפּראַך, זייער אוידיטאָריע זאָל זיי קאָנען פאַרשטיין; און דער המון איז געווען אַזוי פאַרגרעבט, אַז די פראַגע וועגן שטראָף און לוין איז ער געווען אימשטאַנד צו באַגרייפן נאָר אין מגושמדיקע, ריין קערפּערלעכע פאָרמען [3].

עס איז ניט שווער צו באַמערקן, אַז אונזער איטאַליענישן ראַציאָנאַליסט איז ניט שטענדיק געלונגען „מאַכן שלום צווישן דער אמונה און דער פילאָזאָפיע". ניט אַלין איז אין זיין רעליגיעז-פילאָזאָפישן בנין גוט צונעפּאַסט איינס צום אַנדערן. עס פילן זיך אינעווייניקסטע סתירות; וואָרעם אין דעם פאַרפאַסער פון „תגמולי הנפש" גופא קעמפן פאַרשיידענע שטרעבונגען. אָט דער ראַציאָנאַליסט און אָנהענגער פון מיימוני און אבן-רשד האָט געהאַט אַזאַ יראת-הכבוד צו די אַלטע מסורות, אַז אפילו בנוגע די פאַנטאַסטישע מעשיות וועגן חוני המעגל און נחום איש גמזו, האָט ער גערעכנט, אַז זיי „זיינען אַלע ריינער אמת" (כי הם כולם אמת) [4]. ניט אומזיסט איז דער פאַרפאַסער פונם „תגמולי הנפש" אויסגעוואַקסן אין איטאַליע, אין דער היים פון די אוים פאָדער-אַזיע אימפּאָרטירטע מיסטישע שטרעמונגען, וואָס האָבן שפּעטער געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער קולטור פונם אייראָפּעישן יידנטום...

עס איז דערפאַר קיין וווּנדער ניט, וואָס אַזאַ עקשנותדיקן ראַציאָנאַליסט, ווי דער שפּאַניער זרחיה חן, וועלכן עס זיינען פרעמד געווען

---

1 דאָרטן, 23a: „ואני אומר שהכח המדמה ראוי שישאר אחר המות כמו החלק השכלי".

2 דאָרטן, 24a: „כי כמו שהגן עדן שהוא שכר הצדיקים הוא כלו צורי, כן הגיהנם שהוא עונש הרשעים הוא כלו בלתי חמרי".

3 דאָרטן, 27a—28a.

4 דאָרטן, 26a.

װעלכע ס'איז פּשרות — האָט הללס װעלט־אָנשױונג כּלל ניט געקאָנט באַפרידיקן און זי האָט בײַ אים אױסגעזען צעשװומען און פול מיט טיפע סתירות. און װען הלל האָט זיך אין 1290 געװענדט שריפטלעך צו זרחיהן, װי צו אַן אַלטן באַקאַנטן [1], מיט אַן אָנפראַגע װעגן דעם ריכ־טיקן פּשט פון אײניקע טונקעלע ערטער אין „מורה נבוכים", האָט זיך באַלד צעפלאַקערט אַ הײסער קאַמף צװישן די צװײ אַזױ פאַרשײדנאַרטיקע מײַמוניסטן. זרחיה, דער שמײכלט גלײַך דאָס פּיזמעלע אױפן שין; ער ערקלערט אָפן, אַז עס קאָן קײן רײד ניט זײַן װעגן „שלום מאַכן צװישן אמונה און פילאָזאָפיע". „בעת דו באַשעפטיקסט זיך מיט פילאָזאָפישע פּראָבלעמען — שרײַבט ער הללן — פּרוּװ זײַ ניט פאַרגלײַכן מיט די דעות פון די חכמי התלמוד, װײַבאַלד די דאָזיקע דעות געפינען זיך ניט אין הסכּם מיט די אָנשױונגען פון די פילאָזאָפן. אױב ניט, װעט דאָס נאָר ברענגען צו אַ גרױסן פּלאָנטער, װי עס האָט טאַקע פּאַסירט מיט פילע אונזערע געלערנטע, צװישן זײ אױך מיט דעם רמב"ן אין זײַן פּירוש אױף תורה" [2].

זרחיה קאָן באַזונדערס ניט מוחל זײַן דעם איטאַליענישן מײַמוניסט זײַן פאַרהאַלטן זיך צו די ניסים און װוּנדער, װאָס זײַנען באַשריבן אין דער ביבל און תלמוד. „בנוגע צו ד ע ר פראַגע — שטרײַכט אונטער זרחיה חן אין זײַן בריװ צו הללן — ביסטו דאָך גלײַך צו די אַשכּנזים, אָט די דײַטשע רבנים, װאָס שטעקן אין דער פינסטער און האָבן פאַר זיך קײן ליכטיקן שטראַל ניט געזען" [3]. זרחיה װײס, אַז הלל האַלט דעם רמב"ן פאַר אַ גאַנץ קנאַפּן בר־סמכא אין פילאָזאָפישע פראַגן, דערפאַר טאַקע װײַזט ער אָן מיט סאַרקאַזם, אַז הלל גופא איז אין דער בראַנזשע ניט קײן גרעסערער בקי פון משה בן נחמן. „נאָך װאָס — זאָגט ער מיט אַ שפּאָטישן שמײכל — פאַרנעמסטו דיך גאָר מיט אַזעלכע חױכע ענינים? קער זיך בעסער אום צו מסורת אָבות, װיקל זיך אײַן אין טלית, פאַרטיף זיך אין לאַנגע תּפילות, לײען דעם „ספר יצירה", דעם „בן־סירא", הקירה זיך אין „שעור קומה" און „ספר הרזים" [4], און לאָז צורו פילאָזאָפיע און חכמות הטבע" [5].

---

[1] זרחיה דערמאָנט אין זײַן צװײטן בריװ צו הללן: „אני מאז אהבתיך" („אוצר נחמד", II, 126). צום ערשטן האָבן זײ זיך, װאַרשײַנלעך, באַקאַנט אין זרחיהס געבורטשטאָט, באַרצעלאָנע, בעת הלל האָט דאָרט שטודירט.

[2] „אוצר נחמד", II, 125.

[3] „אוצר נחמד", II, 137: „כאחד מן האשכנזים אשר לא ראו אור בשחקים"...

[4] „שעור קומה" און „ספר הרזים" — קבלה־ספרים.

[5] דאָרטן, 142.

און עס איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז די פֿילאָזאָפֿישע קרייזלעך האָבן אין דעם דאָזיקן וויכּוח געהאַלטן מיט זרחיהן. קעגן הללן איז אויך אַרויס־געטראָטן די באַדייטנדסטע פּערזענלעכקייט פֿון דעם דעמאָלסטיקן אי־טאַליענישן יידנטום — דער יונגער דיכטער עמנואל רומי, אַט די פֿרישע, לאַכנדיקע בלום פֿון דעם נאָר וואָס ערוואַכטן שיינעם רענעסאַנס־פֿרילינג...



פינפטער קאַפּיטל

די ערשטע רענעסאַנס־שטראַלן. — די אַנטשטייונג פון דער נאַציאָנאַל־איטאַליענישער פּאָעזיע און איר השפּעה אויף דער יידישער ליטעראַטור. — עמנואל רומי און דאַנטעס קרייז. – עמנואל רומי אַלס פרייער דענקער און אַלס אָנזאָגער פון דעם קומענדיקן רענעסאַנס. — עמנואל און פּעטראַרקע. — עמנואל אַלס „שר החשק". — הומאָר און סאַטירע אין עמנואלס שאַפן. — עמנואלס פּאָעמע „התופת והעדן".

דער הויף פונם באַרימטן קיסר פריהריך דעם צווייט, איז געווען ניט נאָר אַ זאַמלפּונקט פון וויסן, גייערט, און געוויסער מאָס, אויך די וויג פאַר דער נאָר וואָס געבאָרענער נאַציאָנאַל־איטאַליענישער ליטעראַטור. דאָרט, אינם הויף פונם גרויסן מעכטיקן קיסר, האָט געבליט די gaja scianza — די „פריילעכע וויסנשאַפט"; פרידריכס הויף איז געווען דער עיר־המקלט, וווּ עס האָבן געפונען רו און שוץ די אויס דער פּראָוואַנס נאָך דעם אַלביגענזער קריג אַנטלאָפענע טרובאַדורן, און אויך די איטאַליענישע זינגער, וואָס זיי גופא האָבן אין דער התחלה אַלץ נאָך געדיכטעט אויף דעם פּראָוואַנסאַלן דיאַלעקט. אַרום דעם אויפגעקלערטן פילזייטיקן קיסר, וואָס פלעגט אַליין אויך שרייבן ליבע־לידער, האָבן זיך פאַרזאַמלט אויך די ערשטע איטאַליענישע דיכטער, וואָס האָבן געפּרווט שאַפן אויף זייער אייגענעם דיאַלעקט, בלינד קאָפּירנדיק אין דער ערשטער צייט זייער פאָרבילד, די פּראָוואַנסאַלע זינגער. דער פּראָוואַנסאַלער שטייגער, די אַלטמאָדישע ריטערלעכע טענער, וואָס האָבן געקלונגען אין דער פּראָוואַנסאַלער פּאָעזיע, זיינען אָבער באַלד פאַרדרענגט געוואָרן דורך נייע פאָרמען, וועלכע ס'האָבן אַרויסגערופן די ניי ערוואַכטע פאָדערונגען פונם לעבן... די רעפּובליקן פון טאָסקאַנע און לאָמבאַרדיע האָבן אינם 13טן יאָרהונדערט דערגרייכט זייער העכסטן גלאַנץ. די גרעסערע שטעט פון צפון־איטאַליע: ווענעדיק, מילאַן, גענוע און אַנדערע, האָבן זיך געפונען אין בליענדיקן צושטאַנד, און מיט אַ וווּנדערבאַר שנעלן טעמפּ איז געוואַקסן זייער עקאָנאָמישע און קולטורעלע לאַגע. פול מיט באַוועגונג איז געווען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, און וואָס מער ס'איז געוואַקסן די פאָ־

ליכישע און קולטורעלע ראָלע פון דער שטאָטישער דעמאָקראַטיע, אַלץ מער האָט דער פאָלקס־דיאַלעקט, די שפּראַך פון די ברייטע מאַסן, פאַרדרענגט דאָס לאַטיין, וואָס נאָך ביז שפּעט אין מיטלאַלטער איז עס געווען די לעבעדיקע שפּראַך פון די העכערע געבילדעטע קלאַסן. ביסלעכווייז באַקומט די איבערהאַנט דער טאָסקאַנער דיאַלעקט, וואָס האָט אַראַנק דעם געלערנטן סטיליסט גווידאָ קאַוואַלקאַנדי באַקומען פיל פיינערע פאָרמען, און דער גאונישער דאַנטע האָט אים מיט אַמאָל דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַרישער שפּראַך.

אַדאַנק דעם באַוועגלעכן אינטענסיוון לעבן אין די שטעט און רעפובליקן, דעם שטענדיקן קאַמף צווישן פּאָליטישע פּאַרטייען און אָפטן וועקסל פון די פּאָליטישע פאָרמען און לעבנסשטייגער, זיינען אין איטאַליע די מיטלאַלטערלעכע צוימען און מחיצות צווישן באַזונדערע קלאַסן און געזעלשאַפטלעכע קרייזן געווען אַמווייניקסטן באַמערקבאַר. די פּערזענלעכקייט, דער יחיד, האָט זיך דאָ געפילט פיל פרייער, און געהאַט די מעגלעכקייט אומגעשטערט באַווייזן זיין זעלבשטענדיקן, זיין אייגענעם ווילן. די אַלטע מיטלאַלטערלעכע, אַסקעטישע וועלט־אָנשויונג מיט איר ביטול צו די „זינדיקע" וועלטלעכע אינטערעסן און שטענדיקן פּחד פאַרן „יצר הרע" — האָט כּלל ניט געקאָנט מער באַפרידיקן דעם איטאַליענישן שטאָטישן בירגער, וואָס האָט אויפגעוואַכט צום נייעם באַוווסטזיניקן לעבן. אַלץ שאַרפער און בולטער איז געוואָרן דאָס באַוווסטזיין, אַז דאָס ערדישע, דער „עולם הזה", איז ניט קיין זינד, אַז וויכטיק און פון גרויסן באַדייט איז ניט נאָר דער הימל, ניט נאָר „יענע וועלט", נאָר אויך דאָס רעאַלע מענטשלעכע, מיט אַלע זיינע תביעות און גלוסטונגען... און די דאָזיקע נייע שטרעמונגען און פאָדערונגען האָבן צום ערשטן געפונען אַן הילכיקן אָפּקלאַנג אין דער יונגער נאַציאָנאַל־איטאַליענישער ליטעראַטור. זי איז געווען דער ערשטער בשורה־זאָגער פון דער הומאַניסטישער באַוועגונג; דאָרט האָבן זיך צום ערשטן געלאָזט הערן די העלע ניצחונדיקע טענער פונם נייעם ליד, דעם מעכטיקן שטורמישן ליד פון דער זאַפטיקער ערד. עס האָט זיך באַוויזן די פרייַלעכע, ריין־וועלטלעכע און לעבנסלוסטיקע ליריק. דער דיכטער גוויטאָנע ד׳אַרענצאָ האָט דער ערשטער איינגעפירט אין דער איטאַליענישער פּאָעזיע דעם סאָנעט; און די דאָזיקע קונציקע פּאָעטישע פאָרם האָט גלייך אויסגענוצט דאָס פון ליבע און לעבנסלוסט פאַרשיכורטע איטאַליענישע ליד. די מונקעלע פאַרמרהשחרהטע אָטמאָספער פון מיטלאַלטערלעכער סכאָלאַסטיק האָט דורכגעריסן דאָס פרייַלעכע געלעכטער, און מונטער האָבן אָנגעהויבן צו שימערירן די פיינצונגעשפּיצטע פייַלן פון גוטמוטיקן הומאָר און קונדייסישן שפּאַס.

אָט די נייע שטימונגען האָבן געפונען דעם שטאַרקסטן אָפּקלאַנג אין די אינטעליגענטע יידישע קרייזן, בפרט אין דער רייכער רוימישער קהילה, וואָס האָט צום סוף פונעם 13טן יאָרהונדערט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון איר קולטורעלן און עקאָנאָמישן פאַרשרים. א סך דאָקומענטן פון יענער צייט דערציילן פיל וועגן א זאָרגלאָזן פרייליכן לעבן, וועג בלענדנדיקן לוקסוס, רייכע און רעשיקע סעודות און מאָלצייטן מיט די פיינסטע מאַכלים און געמראַנקען, וועגן די רייכסטע און טייערסטע קליידער און צירונגען אין דער רוימישער קהילה [1]. וועגן די גייסטיקע שטרעמונגען, דעם שטורמישן דראַנג נאָך וויסן און פרייען פאָרשן, וואָס האָט געהערשט אין די אינטעליגענטע קרייזן פון דער רוימישער קהילה— האָבן מיר שוין גערעדט אין דעם פאָריקן קאַפּיטל. אָט אין דער דאָזיקער סביבה איז אויפגעוואַקסן און אויפגעבליט עמנואל רומים לוסטיק ליד מיט זיין געזונטן הילכעדיקן געלעכטער.

וועגן דעם לעבן פון דעם עלטסטן באַדייטנדיקן דיכטער אויס דער איטאַליענישער רענעסאַנס־תקופה האָבן מיר בלויז די קנאַפּע ידיעות, וואָס געפינען זיך אין זיינע ווערק גופא. געבוירן איז ער אין רוים בערך אין יאָר 1265; זיין פאָטער, שלמה בן יקותיאל, שטאַמט פון א רייכער אָנגעזעענער פאַמיליע צפורני, וואָס האָט זיך באַזעצט אין רוים נאָך אין טיפן אַלטערטום [2]. דער יונגער עמנואל האָט באַקומען א גלענצנדיע דערציִונג: תלמוד האָט ער געלערנט ביי די גרעסטע רבנים, האָט זיך אויך פיל אָפּגעגעבן מיט נאַטורוויסנשאַפטן, באַזונדערס מיט מעדיצין, און דער ראַציאָנאַליסט זרחיה חן האָט אים באַקענט מיט דער גריכיש־אַראַבישער פילאָזאָפיע. דאָס האָט אים אָבער כלל גיט געשטערט צו געניסן די פריידן פונם לעבן. ער דערציילט אַליין, ווי אַזוי ער פלעגט אין די יונגע יאָרן צוזאַמען מיט זיינעם א האַרץ־פריינד לוסטיק פאַרברענגען די צייט אין דער ליבער געזעלשאַפט פון רייצנד־שיינע דאַמען. מיט א קונדייסישן שמייכל באַשרייבט ער, ווי אַזוי די צוויי חברים האָבן מיט זייער אַרט לעבן שטאַרק אויפגעבראַכט די קהלשע משגיחים אויף יראַת שמים; און די טובי העיר, די פאַרפרומטע זקנים, האָבן ברוגז געשאָקלט מיט די גרויע קעפּ און שטאַרק זיך געבייזערט אויף די צוויי „אויסגעלאַסענע יונגען", וואָס „זיינען עובר אויפן יידישן דת, דערפאַר טאַקע, וואָס זיי קוקן אַריין אין

---

1 זע חעגן דעם פאָגעלשטיין אונד ריעגער, ז"ז 280—285, 237 -238; זע אויך די אויבן ציטירטע סאַטירע „משא גיא חזיון" און „מסכת פורים" פון קלונימוס בן קלונימוס.

2 לויט אַן אַלטער אגדה האָט זיך די פאַמיליע צפורני באַזעצט אין רוים נאָך אין טיטוסעס צייטן.

די „טריפה ביכער" און שטודירן די „חכמה יונית" (גריכישע פילאָזאָפיע), וועלכע איז דאָך גיפּטיקער פון די „וויינגערטנער אין סדום"[1].

דאָך האָט דער באַרוישנדיקער בעכער פון פרייד און לוסט ניט דערשטיקט אינעם יונגן דיכטער זיין דורשט נאָך וויסן, און מיט שטאָלץ וויזט ער אָן: „איך האָב מער געפּטרט געלט אויף לייכט-אייל ווי אַנדערע אויף וויין"[2]. זייער אַרבעטספעיק און גלענצנד באַגאַבט, האָט עמנואל זיך ערוואָרבן אַן ענציקלאָפּעדיש וויסן; נאָר זיין ליבלינגס-באַשעפטיקונג זיין אמתע געליבטע איז געווען די פּאָעזיע. אַ גוטער קענער פון אַראַביש און לאַטיין, איז אים געווען לייכט צוגענגלעך דאָס פּאָעטישע שאַפן פון דער אַראַבישער און אויך קריסטלעכער קולטור. די איטאַליענישע שפּראַך און איר ליטעראַטור זיינען אים געווען אַזוי ליב און נאָענט, אַז ער האָט זיך גערעכנט פאַר אַן אמתן איטאַליענער. „מיין היים — ערקלערט ער מיט שטאָלץ — איז רוים, און מיין פאָלק די איטאַליענער!"[3]. ער האָט אויך אָנטייל גענומען אין דער יונגער נאַציאָנאַל-איטאַליענישער פּאָעזיע, און דורך זיינע גלענצנדע איטאַליענישע סאָנעטן איז ער געוואָרן גוט באַקאַנט אין די ליטעראַרישע און געלערנטע קרייזן. „די פריילעך-לאַכנדיקע נשמה" (la mente tua, chjegia ridea) הייסט דער יידישער דיכטער ביי דאַטעס אַ פריינד, באָסאָנע (Bosone). אדאנק די ניט לאַנג פאַרעפנט-לעכטע סאָנעטן, וועלכע ס'האָבן באַלד נאָך דאַנטעס טויט געשיקט איינער דעם אַנדערן באָסאָנע און עמנואל און דער זעלבער באָסאָנע דעם דיכטער צינאָ אוים פּיסטויאַ (Cino da Pistoja)[4], איז איצט מער קיין שום ספק ניט, אַז דער יידישער דיכטער איז אויך געווען גוט באַקאַנט מיט איטאַליעס גרויסן גאון, מיט דעם אומשטאַרבלעכן באַשעפער פון דער „געטלעכער

[1] „מחברות", מאַקאַמע 9:
ושנינו בהבלי הנעורים ודבקנו — בחן יעלה ועפרה...
ומה נאמר אבי-מוסר ועל זה — לשמצה יזכרונו החבורה...
ויאמרו: הם בענין רע ונפן — סדום נפנם ומשדמות עמורה
שניהם עברו על דת יהודית — שניהם הם באין מאור ואורה
שניהם למדו חכמה יונית — ומשם כרתו להם זמורה...

[2] „מחברות", 10. מיר ציטירן לוים דער לעמבערגער אויסגאַבע פון 1870, חייל זי איז אַמלייכטסטן צו באַקומען. דער טעקסט איז אָבער אין איר פיל מער פאַרגרייזט ווי אין די עלטסטע צוויי אויסגאַבן — די איטאַליענישע און קאָנסטאַנטינאָפּאָלער.

[3] דאָרטן, 14: „ושמי עם מולדתי אגידה למבינים: שם עירי היא כתים, עמי הם רומניים".

[4] די דאָזיקע סאָנעטן האָט צום ערשטן אָפּגעדרוקט פּיליפּ מערקורי אין 1853; איבערגעדרוקט אין „וואָסכאָד", 1906, I, 114—117.

קאָמעדיע", דאַנטע. עס איז נאָך ניט אינגאַנצן קלאָר, ווו האָבן זיך די צוויי־דיכטער צום ערשטן באַקענט. אייניקע מיינען, אַז אין רוים, אַנדערע — אַז אין וועראָנע ביים הויף פונם פירשט קאַנע־גראַנדע־סקאַליגערא (Can grande della Scala). אַט דער דאָזיקער פירשטלעכער הויף, ווו עס האָט שטענדיק געקאָכט און גערעשט פון פרייליכע בעלער און גלענצנדע סעודות — איז געווען אַ זאַמלפונקט פון געלערנטע, קינסטלער און דיכטער פון גאַנץ איטאַליע [1]. דאָרט האָט דאַנטע פאַרבראַכט גאַנצע דריי יאָר (1316—1319), דאָרט איז אויך אונזער דיכטער, עמנואל רומי, געווען אַ גאַנץ אָפטער גאַסט, ווי עס זאָגט וועגן דעם עדות עמנואלס אַן איטאַליעניש ליד [2], ווו ער באַזינגט דאָס גרויסקייט פון וועראָנעס מעכטיקן פירשט. „ווי גליקלעך — אַזוי פאַרענדיקט דער דיכטער זיין לויבגעזאַנג — דאַרף זיך רעכענען אין זיין גרויסער מאַכט דער דאָזיקער פירשט, וועמעס לויב עס ווערט פאַרשפרייט איבער ימים און לענדער" [3].

אין דער רוימישער קהילה האָט עמנואל פאַרנומען אַ גאַנץ אָנגעזעענע שטעלע. ער פלעגט פירן די אָפיציעלע קאָרעספּאָנדענץ, אויף אים איז אויך געווען מוטל, ביי געוויסע פייערלעכע אָנגעלעגנהייטן ארויסטרעטן מיט עפנטלעכע רעדעס און דרשות. אויף דער עלטער אָבער האָט זיך צום דיכטער דאָס גליק מיטאַמאָל אָפּגעווענדט און ער האָט געהאַט פיל צרות אויסצושטיין. מיט זיינע שטעכעדיקע גלייכווערטלעך, מיט זיינע שפּאַסן און צוגעשפּיצטע עפּיגראַמען האָט ער זיך פילע באַהאַלטענע שונאים ערוואָרבן. און דעם גיפט פון די דאָזיקע שונאים האָט ער גלייך דערשפירט, בעת אים האָט אַן אומגליק געטראָפן, און דורך אַן ערבות זיין פריינד אויס דער נויט צו העלפן [4], האָט ער זיין גאַנץ פאַרמעגן פאַרלאָרן. דעמאָלט האָבן זיינע קעגנער דעם קאָפּ אויפגעהויבן, און אָנגעהויבן שטאַרק רודפן דעם דיכטער אַלס „גאָטלאָזן" און „אויסגעלאַסענעם" מענטשן. דער אָרעמער דיכטער האָט געמוזט אַנטלויפן פון רוים, זיין נע־ונד, טיף געבויגן, ווי דער דיכטער דריקט זיך אויס, „אונטער דעם

---

1 זע, יעקב בורקהאַרדט, „די קולטור דער רענעסאַנס אין איטאַליען", I, 9 (1908).

2 פאַרעפנטלעכט דורך לעאָנעללא מאָדענא אין 1884 אין Jl vessillo israelitico, XXXIII, 380—386.

3 דאָרטן, 386:

Se ne può ragionare
Quel Signore
Con tanto valore
She l suo grand honore
Va per terra e per mare.

4 דער דיכטער גופא ווייזט אָן: „ערבתי לרעי ותקעתי לזר כפי" („מחברות", 3).

צווייפאַכן יאָד: פון עלטער און אָרעמקייט״ [1]. זיינע ליידן און ביטער מזל באַקלאָגט ער אין זיינע צוויי קראַפטפולע לידער „אראה זמני״ און „הבורכת הזמן״.

„אוי די צייט, די ביטערע צייט! — קלאָגט זיך דער דיכטער, — אויף צווייען האָט זי מיין ערן־מאַנטל צעריסן, און איך שטיי נאַקעט און בלויז... ווי אַ קנעכט האָט די ביטערע צייט מיר מיין אויער געבויערט — אַלס צייכן פון אייביקער קנעכטשאַפט. און אַלץ איז פאַרגעסן! מען יאָגט מיך, מען באַגיסט מיך מיט גאַל און מיט שפּאָט, ווי דעם אויסוואורף פון מענטשן. ערשט נעכטן געווען דער שטאָלץ פון דער קהילה — היינט דער שאַנדפלעק, דער זינדיקער אָפּוואַרף פונם פאָלק... ווער וואָלט עס געקאָנט גלויבן: דער, וואָס ערשט נעכטן האָט מיט זיין חכמה און גייסט דערוועקט שטוינען און ערפורכט — דעם מאַכט היינט יעדער נאַר און טויגעניכטס פאַר דעם ציל־שייב פון זיין גראָבן שטומפזיניקן וויץ. ווער וואָלט געקאָנט גלויבן, אַז איבער די טיפ[..]ישן פון זיין שכל און וויסן, וועט היינט מיט חוצפה שפּאַנען יעדער לאָמער. און בלינדער; און יעדער נישטיקער עם־הארץ וועט מיט עזות ערקלערן: דער האָט גאָט געלעסטערט, דער איז אַן אויסגעלאַסענער אוממאָראַלישער מענטש... פאַר וועמען זאָל איך קלאָגן, פאַר וועמען דעם טיפן וויי אויסגיסן? איך בין דאָך פון אַלע פאַרלאָזן — אָן פאָטער, אָן מוטער, אָן ברידער, אָן פריינד. קיינער וועט מיינע געשרייען ניט דערהערן. פעסט פאַרשפּאַרט זיינען פאַר מיר די וועגן פון לעבן, און ברייט געעפנט די טויערן פון טויט...״ [2].

צום גליק פאַר דער העברעישער פּאָעזיע איז אונזער דיכטער דער גע־ונדיקער דאָך ניט געבליבן „פון אַלע פאַרלאָזן״. ער האָט געפונען אַ גואל,

---

1 דאָרטן: „והעוני והזקנה רוכבים צמדים״.

2 אראה אני תבל וידו תחזיק בכנף מעיל הודי ויקרע.
מן גו יגרשוני. כהיום גואלי עלי כעל גנב יריעון ריע
ונחשבתי חדל אשים ונבזה לעם נחשב אני שלשום סגלה...
מי האמין על בוערים כי יאמרו בעדי: אלהים ואנוש קובע...
יאמרו עלי אישים עשירי נאוה: זה תם וזה ישר וזה יודע
ובעד חכם לב. שללו הזמן יאמרו אשר מוסר וחוק פורע...
לא ידעו בין יד ימינם אל שמאל האומרים אלי: חדל הרע!
עד כל עויל וכסיל וכל זד ואויל יורה חציו בי וכמתעתע...
אֵי ים תבונתי רחב היד ואֵי שכלי אשר היה תמול שופע?
מי האמין כי מי ההומך יעבור עור ופסח וקב קטע.
מה אומרה נכאב ואין לי אב ואם אין אח ואין חומל ואין לי רע,
אזעק בלב נשבר ואכה כף לכף אבכה לקורותי ואין שומע...
הלא נגלו שערי מות לנפשי ודרך תוצאות חיים נעולה...

א רייכן מעצענאַט אין פערמא (אין דער Marca D'Ancona), א גרויסער פאַרערער פון עמנואלס טאַלאַנט, און ביי אים האָט דער אַלטער, פון אַלעמען פאַרפאָלגטער דיכטער, געפונען רו און שוץ. אומדערוואַרט האָט זיך ביי דעם גייסטיק געבראָכענעם דיכטער אָנגעהויבן א נייע פרוכטבאַרע תקופה פאַר זיין פּאָעטישן שאַפן. דאָס לעבן אינם הויז פונם יידישן גביר, וואָס דער דיכטער שילדערט אין די העלסטע פאַרבן, האָט אים ווידער אויפגעמונטערט און דערפרישט זיין לעבנסלוסט. דער מעצענאַט (דער דיכטער רופט אים „השר" — דער פירשט) האָט אים פאָרגעלייגט ער זאָל צונויפזאַמלען אַלע זיינע לידער אין איין ווערק. דער דיכטער האָט אַפילו פאַרזיכערט, אַז „ס'איז לייכטער צונויפנעמען אַלע יידן, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט" איידער מאַכן פון זיינע צעוואָרפענע לידער איין גאַנצע זאַך. דאָך האָט ער געפאָלגט דעם פאָרשלאָג פון זיין „שר". אינם הויז פונם מעצענאַט האָט עמנואל (בערך אין 1328) איבערגעאַרבעט זיינע לידער און נאָוועלן אין 27 מאַקאַמען, ווו די הויפּט-פּערזאָן שפּילט דער דיכטער גופא און די ראָלע פון דער צווייטער פּערזאָן — דער „שר".

עמנואל רומי האָט ניט צופעליק געגעבן זיינע ווערק די פאָרם פון מאַקאַמען. פון אַלע פריערדיקע יידישע דיכטער האָט אויף אים געהאַט די גרעסטע השפעה דער באַרימטער מאַקאַמען-דיכטער, דער פאַרפאַסער פון „תחכמוני" — יהודה אַלחריזי. דאָס איז אויך מודה עמנואל גופא. אויף דעם מעצענאַטס פראַגע, צי זיינען אים אַלחריזיס לידער באַקאַנט, ענטפערט דער דיכטער מיט גרויס התפעלות: „זיי ווייסן, מיין האַר! מיט חריזיס פּערל באַפּוץ איך מיין האַלז, זיי זיינען אונזער שענסטע צירונג, וואָרעם אויפן געביט פון געזאַנג האָט ער ניט זיין גלייכן" [1].

עמנואל האָט אָבער זיין לערער איבערגעוואַקסן. דער פּילרייזנדער חריזי האָט, אמת, מער געזען אויף דער וועלט ווי עמנואל, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן פאַרבראַכט אין איטאַליע; חריזיס מאַקאַמעס באַוועגן זיך דערפאַר אויף א פיל ברייטערער אַרענע ווי עמנואלס; דערפאַר אָבער איז דער איטאַליענישער דיכטער טיפער, פילזייטיקער. עמנואל איז בלי-ספק איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און אָריגינעלסטע פיגורן אין יידישן מיטלאַלטער. אין זיין פּערזענלעכקייט און אויך אין זיין שאַפן זיינען האַרמאָניש

---

1 דאָרטן, אָנפאַנג 9טע מאַקאַמע: „ואומר, דע אדוני השר, כי ראיתים ושבעתים, ועל גרגרותי ענק ענדתים, כי הם פניני נזרינו ויהלומי שביסינו ושהרונינו, אין ערוך אליו בשיחות ובמליצה, והוא לבדו במשוררי הזמן נרצה". מער באַריכות וועגן חריזיס השפּעה אויף עמנואלס דיכטונג, זע: צ. חיות אין „הקדם", 1906, 49; אויך Sabato Morais, Italiau Hebrew Literature, 9—10 (1926).

צונויפגעשמאָלצן די השפעות פון צוויי פאַרשיידענע קולטורן, פון צוויי גרויסע גייסטיקע שטרעמונגען: די אַראַביש־יידישע פון שפּאַנישער תקופה, און די איטאַליענישע פון דאַנטעס צייט — דער פריער קאַיאָר (באור) פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע מיט איר גייסטיקער אויפלעבונג.

אויפן פילאָזאָפישן געביט האָט פאַר עמנואלן, ווי פאַר זיין רבין, זרחיה חן, אַלס גרעסטער אווטאָריטעט געגאָלטן דער רמב״ם. אויף דעם „שרש״ פראַגע, וואָסערע ספרים האָט ער אַמגערנסטן געלייענט אין דער יוגנט, ענטפערט דער דיכטער באַגייסטערט: „די ביכער פון רבנו משה בן מיימון. ער איז דער זיכערסטער פירער אויף די וועגן פון וויסן; ער איז דאָס ליכט, וואָס באַלייכט אַלץ, וואָס ס׳איז טיף און פאַרבאָרגן... די ספרים פון אים זיינען אמתע מלכות, אַלע אַנדערע ספרים בלויז קעפסווייבער״[1].

דעם רמב״מס יעדן יידן גוט באַקאַנטע „אני מאמינם״, ווו דער בעל „מורה נבוכים״ מאַכט דעם ערשטן פרווו צוזאַמענפאַסן דעם תמצית פונם יידישן דת אין דרייצן עיקרים [2], האָט אויף עמנואל רומי געמאַכט אַזא שטאַרקן רושם, אַז ער האָט אַ ספּעציעל רעליגיעז־פילאָזאָפיש גע־דיכט פאַרפאַסט מיט דער אָנפאַנגס־סטראָפע „אפתח בכינור על עלומות שיר״[3], ווו ער באַזינגט מיט גרויים התפעלות די „מוסדות הדת שלש עשרה״ — די דרייצן גרונטשטיינער פון דעם יידישן דת. עס איז אפילו אַ שטיקל סברא, אַז די באַקאַנטע תפילה „יגדל אלהים חי״, וואָס איז אַזוי ענלעך, נאָך איר גייסט און אינהאַלט, צו דעם נאָר וואָס דערמאָנטן ליד „אפתח בכינור״ — שטאַמט אויך פון דעם בעל „המחברות״, עמנואל רומי [4].

אַלס טרייער תלמיד פון מיימוני, וואָס האָט דעם איינציקן ציל פונם מענטשן געזען אין שאַרפן דעם שכל, „אין אויספאַרשן אַלץ, וואָס דער מענטש איז ביכולת צו דערגרינדן״ — האָט אויך עמנואל גערעכנט, אַז דערנענטערן זיך צום געטלעכן קאָן דער מענטש נאָר אויפן וועג פון חקירה: דורך פאַרטיפן זיך אין די פילאָזאָפישע פּראָבלעמען און אריינדרינגען מיטן שאַרף פונם אומדערמידלעך זוכנדיקן געדאַנק אינם תוך פון דעם גאָטהייט־באַגריף. „די חכמה — זאָגט דער דיכטער — איז אַ לייטער, וואָס שפּאַרט זיך אָן אין דער ערד און דער שפּיץ שטייגט אין די הימלען, און

---

1 דאָרטן, מאַקאַמע 9, 85: „ספר הרב הם כמלכות, ספרי זולתו פלגשים״.

2 זע אונזער חיבור, דאָס ערשטע בוך, ז׳ 198.

3 פאַרעפנטלעכט דורך ה. הירשפעלד אין The Jewish Quart. Rev. vol V, 534—536.

4 דאָרטן, ז׳ 529; ב׳ XI, 86—88.

וואס העכער דער מענטש שטייגט אויף דעם לייטער פון וויסן, אלץ מער דערנענטערט ער זיך צו גאט" [1]. די אויסשליסלעכע באדייטונג פון וויסנשאפטלעכער פארשונג שטרייכט דער דיכטער יעדעס מאל אונטער אין זייגע פאעטישע ווי אויך פראזאישע [2] ווערק; און ווען זייגע חברים האבן אים געפרעגט, אויף וואס פאר אן אופן ער האט אזוי פיל וויסן ערווארבן, האט דער דיכטער געענטפערט: „ווייל איך האב אלע זאכן אונטערגעווארפן מיין קריטישן גייסט און ניט דערלאזט איבער מיין גייסט זאלן געוועלטיקן די זאכן" [3]. אין זיין פאעמע „התופת והעדן" ווייזט ער אז אין גיהנום א ספעציעלן וויגקל, וועלכער איז אנגעגרייט פאר די, וואס האבן אין זייער יוגנט נאר קערפערלעכע פארגעניגנס און טראכטן ניט וועגן וויסן און גייסטיקער שלמות. אין גיהנום ווערן ביי אים פארשפארט אויף שרעקלעכע ליידן אויך די, וואס „ביי זיי איז דאס פארנעמען זיך מיט חכמות גערעכנט פאר א נארישקייט"; דארט געפינען זיך אויך די, וואס „ווייסן יא צו שעצן דעם ווערט פון וויסן, פאלגן אבער ניט זייגע געבאטן", און די ערווארבענע קענטעגישן באהאלטן זיי פאר זיך „און ווילן ניט פארשפרייטן זיי צווישן אנדערע"... אלס זרחיה חנס א תלמיד איז עמנואל איבערצייגט, אז דער וועג, וואס פירט צו אמתן גאט־דערקענען, ליגט ניכער אויפן געביט פון פילאזאפישן פארשן, איידער אין די פעסטגעזעצטע גרעניצן פון דער דאגמאטישער רעליגיע. דערפאר מאכט עמנואל כלל ניט קיין אונטערשייד צווישן די פארשטייער פון פארשיידענע אמונות, און אין איינעם פון זייגע

---

[1] דארטן, ז' 224: „כי החכמה סולם מוצב ארצה וראשה מגיע אל אל עולם וכפי עלות האיש במעלותיו הגבוהים יקרב מדי עלותו אל אלהים".

[2] עמנואל האט פארפאסט א סך פילאלאגישע און עקזעגעטישע ווערק. אויסער זיין האנטבוך וועגן יידישער הערמענעוטיק (טעקסט־ערקלערונג) „אבן בוחן" (וועגן דעם אינטערעסאנטן ווערק, וואס איז געבליבן אין כתב־יד, זע: וו. באכער אין „מאנאטסשריפט", 241—257), האט עמנואל געשריבן א פירוש אויפן רוב ביבלישע ביכער. אין זייגע פירושים האלט ער זיך טריי אין זרחיה חנס דרך און באנוצט זיך מיט דער ראציאנאליסטיש־אלעגארישער מעטאדע. געדרוקט איז געווען בלויז זיין פירוש אויף „משלי" (1486), וואס איז געווען אין יענער צייט זייער פאפולער; אין דער נייערער צייט האבן די איטאליענישע געלערנטע דע ראססי און אבבע־פעררא פארעפנטלעכט אייניקע פראגמענטן פון זיין פירוש אויף תהילים און חומש. פון די איבעריקע זייגע פראזאישע ווערק זייגען א טייל פארלארן געגאנגען, די איבעריקע געפינען זיך אין די מאנוסקריפטן־קאלעקציעס אין דער פארמער, וואטיקאנער און אנדערע ביבליאטעקן. פון א מינכענער מאנוסקריפט האט מען אין 1908 אפגעדרוקט עמנואלס פירוש אויף שיר השירים. העקטאגראפירטע קאפיעס פון זיין פירוש אויף תהילים און מגילת אסתר געפינען זיך אין דער ביבליאטעק פון אפע אין לענינגראד.

[3] דארטן, 10: „ואען ואומר: שכלי עלה וגבר, כי שעבדתי כל הדברים לנפשי, ולא נפשי לדבר".

צו אונז דערגאַנגענע איטאַליענישע סאָנעטן, איז ער אָפנהאַרציק מודה:

„איך בין אַ גאַנץ קנאַפּער ייִד, אָבער אויך ניט קיין מוסלמענער און פאָלג ניט דער לערע פון די קריסטן“ [1].

אָט דאָ אַנטפּלעקט זיך אַמבולטסטן דער טיפער אונטערשייד אין דער וועלט־אָנשויונג און אין דעם קולטורעלן מיליע, וואָס טיילט אַזוי שאַרף אָפּ דעם ייִדישן דיכטער עמנואל פון זיין גאוניִשן חבר — אַליגיערי דאַנטע. דער אומשטאַרבלעכער באַשעפער פון דער „געטלעכער קאָמעדיע“ האָט מיט זיין מייסטער־פּענזל געמאַכט דעם גרויסן סך־הכּל, אונטערגע־פירט דעם לעצטן חשבון פון דעם פאַרגאַנגענעם, פונם קריסטלעכן מיטל־אַלטער. אמת, מאַכנדיק דעם סיום, דעם שלום־סינטעז פונם עבר, איז דאַנטע אויך אין דער זעלבער צייט דער בשורה־זאָגער פון אַ נייער תקופה; אָבער זיין שטרענגער מרה־שחורהדיקער בליק איז נאָך אַלץ געווענדט צום פאַרגאַנגענעם, צו דער מיטלאַלטערלעכער קריסטלעכער וועלט; זיין לייכטנדיקער שטערן, וואָס פירט אים איבער די ענגע סטעזשקעס פון לעבן, בלייבט אַלץ דער קאַטוליציזם מיטן פּויפּסט אַלס גייסטלעכן פירער בראש. די ערד, דער „עולם הזה“, בלייבט נאָך ביי אים אַלץ — די זינ־דיקע וועלט. דאָס ערדישע לעבן איז דער „געדיכטער וואַלד“, אין וועלכן דער דיכטער האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט, און נאָר דער שליח פון הימל, די ענגל־ריינע בעאַטריטש, ווייזט אים דעם ריכטיקן וועג „אין דער הויך, צו די שטערן“. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס דאַנטע, אַ טרייער תלמיד פון דער „איינציק־גליקלעכמאַכנדיקער“ קאַטוילישער קירך, לאָזט ניט אַריין אין גן־עדן קיין איינציקן אַנדערש גלויביקן, וואָס האָט ניט זוכה געווען „געהייליקט“ צו ווערן דורך דעם קריסטלעכן טויף־וואַסער. גאָר אַנדערש פאַרהאַלט זיך דער ייִדישער דיכטער עמנואל. דעם ראַציאָנאַליסט זרחיה חנס אַ תלמיד, אַ הייסער פאַרערער פונם גרויסן קעמפער פאַר געדאַנקען־פרייהייט, רבנו משה בן מיימון — עפנט דער ייִדישער דיכטער ברייט די טויערן פונם גן־עדן פאַר אַלע אַנדערש־גלויביקע, וואָס גלויבן אין איינציקן גאָט, אין איינציקער „סיבה“ אַלס וועלט־באַשאַפנדיקע קראַפט. עמנואל זאָגט דערביי אַרום אַזוינע פרייע געדאַנ־קען, וואָס פאַר יענער צייט האָבן זיי געמוזט אויסווייזן ווי אמתע אפּיקורסות. עמנואל דערציילט, ווי ער האָט באַגעגנט אין גן־עדן * אומ־באַקאַנטע מענטשן, וואָס „זייער גלאַנץ בלענדט די זון און די שטערן“.

---

[1] Mal judeo so, e no saracino
Ver cristiani no drezo la proda.

* אין זיין פּאָעמע „התופת והעדן“.

פאַרחידושט פרעגט ער זיין ווענפירער, דניאל איש חמודות, ווער זיינען עס די דאָזיקע אומבאַקאַנטע, און באַקומט פאָלגנדיקן ענטפער: דאָס זיינען די חסידי אומות העולם, וואָס האָבן זיך דערהויבן צו די העכסטע שטאַפּלען פון וויסן און חכמה... מיט דער שאַרף פון זייער שכל האָבן זיי נאָכגעפאָרשט, ווער איז זייער באַשעפער און דער באַשעפער פון דער וועלט, און צו וואָס פאַר אַ ציל זיי זיינען באַשאַפן... זיי האָבן אויסגעפאָרשט אַלע אמונות און זיך איבערצייגט, אַז יעדער גלויבן האַלט נאָר זיך צליין פאַרן איינציק אמתן און אַלע אַנדערע פאַר פאַלש און נישטיק. זיי האָט דאָס אָבער נים באַפרידיקט, זיי האָבן נים געזאָגט: לאָמיר זיך האַלטן פעסט אָן אונזער גלויבן, וואָס מיר האָבן פון אונזערע אָבות בירושה באַקומען; נייערט אויס אַלע אמונות האָבן זיי אויסגעוויילט די ריכטיקע און אמתע דעות, וואָס אויך מענטשן פון וויסן לייקענען זיי נים אָפּ — און אין זיי האָבן זיי זיך געהאַלטן... בנוגע צום פראַבלעם וועגן גאָט דעם באַשעפער, זיינען זיי געקומען צום פאָלגנדיקן אויספיר: יעדער פאָלק רופט אים מיט אַן אַנדער נאָמען, מיר אָבער זאָגן: וואָס פאַר אַ נאָמען ער זאָל נים טראָגן — מיר גלויבן אין דער עדשטער באַשאַפנדיקער קראַפט, וואָס עקסיסטירט אין אַלע צייטן, האָט באַשאַפן די וועלט און פירט זי מיט איר גרויסער חכמה. פאַרבאָרגן און אומבאַגרייפלעך פאַר אונז דורך איר גרויסקייט — אַנטפּלעקט זי זיך אונז אין איר חכמה, און איר גרויס מילדקייט, וואָס זי גיסט אויס אויף אירע באַשעפענישן, און רופט זיי דערנאָך צוריק צו זיך און באַשיינט זיי מיט איר גלאַנץ"[1].

עמנואל רומי איז אָבער נים נאָר אַן אָנהענגער פון מיימונים תורה, ער געפינט זיך נים נאָר אונטער דער השפעה פון דער שפּאַניש-אַראַבישער קולטור — ער איז אויך איינער פון די טיפּישסטע טרעגער פונם יונגן, נאָר-וואָס ערוואַכטן איטאַליענישן רענעסאַנס. אין אים געפינען דעם שאַרפסטן אָפּקלאַנג די ניי ערוואַכטע שטרעבונגען אין דער איטאַליענישער געזעלשאַפט, דער דראַנג אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם שווערן יאָך פון דער מיטלאַלטערלעכער אַסקעטישער וועלט-אָנשויונג, פטור ווערן פון די אייביקע דאַגות וועגן יענער וועלט, גובר זיין דעם שטענדיקן פחד פאַר דעם „זינדיקן", און פריי לאָזן געוועלטיקן דעם דורשט נאָך ערדיש גליק, נאָך לעבנס-פריידן, אויפלעבן דאָס געפיל פון שיינקייט, די זיסע לוסט פון ליבע און ליידנשאַפט...

בכדי אָבער געהעריק אָפּצושאַצן דעם באַדייט פון אונזער יידישן דיכטער, מוז מען געדענקען, אַז אין איטאַליע איז ער אַלס ליריקער געווען

---

1 דאַרמן, 230.

אַ פּאַרגייער פון פּעטראַרקאַן, און אַלס סאַטיריקער — פון באָקאַטשיאָן. פּעטראַרקע אָבער, אַט „דער ערשטער מענטש אויס דער נייער צייט", האָט שרעקלעך געליטן פון אינעווייניקסטער, גייסטיקער צושפּאָלטנקייט, פון דעם טיפן ריס אין דער נשמה (קרע שבלב), פון וועלכן ער האָט זיך זיין גאַנץ לעבן ניט געקאָנט באַפרייען. ער האָט אַרויסגעשטעלט דעם גרויסן דעוויז: פרייהייט פון געדאַנק — איבער אים גופא האָט אָבער נאָך געוועלטיקט די מיטלאַלטערלעכע וועלט־אָנשויונג; שטאַרק איז ביי אים געווען דער דורשט נאָך ערדישן כבוד און ערדישע תענוגים — נאָר אין דער זעלבער צייט איז ער אויך אַ גרויסער בעל־תשובה, שלאָגט זיך על־חטא פאַר זיינע זינד, וויל פאַרגעסן אין עולם הזה, און איז גרייט צו ערקלערן זיינע ליבע־סאָנעטן, וואָס האָבן אים אומשטאַרבלעך געמאַכט, פאַר „נישטיקע לידלעך" (cantiuncule inanes). ביז אין טויט אַריין איז ביי אים אין האַרצן „פאָרגעקומען דער שווערער געראַנגל צווישן דעם הימל און דער ערד, צווישן דעם דורשט נאָך ערדיש גליק און בענקען נאָך יענער וועלט, צווישן דער מאַדאָנע און דער געליבטער לאַוראַ, צווישן ציצעראָנען און קריסטוסן..." [1].

דער פאַר אים עלטערער יידישער דיכטער, עמנואל, איז אין דער הינזיכט געווען פיל גליקלעכער. אויך עמנואל, ווי מיר וועלן ווייטער זען, איז ניט געווען אינגאַנצן פריי פון ספקות, אויך אים האָבן ניט זעלטן באַזוכט שווערע, טרויעריקע געדאַנקען — ער האָט אָבער ניט געוווסט פון צעשפּאָלטנקייט, פון קיין „קרע שבלב". דעם דעוויז וועגן געדאַנקען־פרייהייט האָט ער ניט ערוואָרבן דורך שווערן שטאַרציקן קאַמף, ווי פּעטראַרקע — ער האָט אים בירושה באַקומען פון זיין לערער זרחיה חן און פון מיימונים „מורה נבוכים". און דער אַסקעטישער אידעאַל וועגן אָפּזאָגן זיך פון עולם הזה, פּייניקן דעם זינדיקן גוף און מלחמה האַלטן מיטן יצר־הרע — דאָס אַלץ האָט געקאָנט האָבן אַ צו שוואַכע אָנציִונגס־קראַפט פאַר דעם דיכטער, וואָס האָט זיך ערצויגן אויף חריזים „תחכמוני". אַן אָנזאָגער פון דער רענעסאַנס־תקופה, אַ קינד פון דעם שיינעם קאַיאָר, איז עמנואל געוואָרן דער דיכטער פון לוסט און לײדנשאַפט, דער נביא און פריידיקער פון ערדישער ליבע מיט אַלע אירע פריידן און ליידן, נצחונות און חרפּות. ווען ווייסן און חקירה איז דער וועג, וואָס דערנענטערט דעם מענטשן צו גאָט — איז די ליבע, נאָך עמנואלס פעסטער איבערצייגונג, די וויכטיקסטע באַוועגונגס־קראַפט אין דעם מענטשנס ערדישן לעבן.

„ליבע — זאָגט עמנואל אין זיין פירוש אויף „שיר השירים" — איז

[1] זע, M. Гершензон, Петрарка 31

דער עיקר. דאָס איז דער צענטראַלער פונקט פון אונזער גאַנצער תורה"[1].

„די ליבע — זאָגט דער דיכטער אין איינעם פון זיינע איטאַליעניש סאָ־נעטן — וויל ניט וויסן פון געזעצן, פון קיין דינים. די ליבע איז טויב און בלינד, זי וויל פון שטערונגען ניט וויסן. אומבאַגרעניצט איז איר מאַכט, ניט אָפּצוּווענדן אירע ווונטשן. די ליבע רעגירט די גאַנצע וועלט, די ערד איז פול מיט אירע מעכטיקע פאַרלאַנגען. אומפאַצווינגבאַר איז די ליבע, כּאַטשלאָז זייגען קענען איר דער „פאַטער אונזער" און די אַנדערע תּפילות, און ניט העלפן קאָנען אַלע השבעות און קמיעות. איר שטאָלץ קאָן קיינער ניט ברעכן, קיינער איז ניט אימשטאַנד זיך איר ווילן אַנטקעגנצושטעלן. ניט אימשטאַנד איז ווער די נעצן אויסצומיידן, וואָס דער לוסטיקער אמור * פאַרשפּרייט, און אויף אַלע מיינע טענות און געבעטן, הער איך אַלץ דעם איינעם ענטפער: איך וויל אַזוי!" [2] „ווען איך — איז זיך דער דיכטער אין איינעם פון זיינע העברעיִשע לידער מודה — זאָל מיך פאַר גאָט ניט שעמען און ניט מורא האָבן פאַרן הייליקן פאָלק ישראל, וואָלט איך דער געטין פון ליבע אַלטאַרן געבויט, פאַר שיינע פרויען וואָלט איך אויף קניען געפאַלן, און דעם שטויב פאַר זייערע פיס געקושט!" [3].

און דער דיכטער האָט זיך טאַקע ניט „געשעמט" און ניט געהאַט קיין „פּחד". אין באַגייסטערטע העל־קלינגענדיקע לידער באַזינגט ער די זיסע אומווידערשטייִלעכע מאַכט פון לוסט און ליידנשאַפט, און „פיט זינדיקע מזבחות" פאַר דעם באַרוישנדיקן כּישוף פון ווייבלעכער שיינקייט, פאַר דעם רייץ פונעם בליענדיקן פרויען־לייב [4]. גאַנצע מאַקאַמען אין

---

1 נאָך אַ פיל עלטערער יידישער דיכטער, משה אבן עזרא, ערקלערט אין איינעם פון זיינע רעליגיעזע לידער, אַז „די ערד איז איינגעהילט אין די בענדער פון נאָטס ליבע" (והיא תלויה בחבלי אהבתך). מער באַריכות ריידן מיר וועגן דער ליבע־פּראָבלעם אין דער אַלט־העברעיִשער ליטעראַטור אין אונזער נאָך ניט פאַרעפנטלעכטער אַרבעט „Проблема любви в еврейск. средневековой литературе".

* אמור — דער נאָם פון ליבע.

2 Ma sempre mi sa dir: pur cosi voglio! דעם דאָזיקן סאָנעט האָט פאַר־עפנטלעכט פויער (Pouer) אין „יאָרבוך דער דייטשען דאַנטע־געזעלשאַפט", IV, 67, איבערגעדרוקט אין „תאָסכאָד", 1906, III, 82.

3 „מחברות", מאַקאַמע אכט, 58:

ולולי כי אני בוש מאלהי ופן אהיה לשם קודש לזרה

אני אבנה ליעלות מזבחות חטא ונטעתי לכל יעלה אשרה

וכל יעלה עפר בגלה אלהך ובמות אחונן את עפרה.

4 די ביאָגראַפן שטרייכן אונטער אַ כאַראַקטעריסטישן פרט: עמנואל רומי האָט געפירט אַ גאַנץ פרידלעך פאַמיליען־לעבן. אויס זיינע הערק חייסן מיר, אַז ער באַ־זינגט מיט התפּעלות די גרויסע מעלות פון זיין פרוי („מחברות", 10) און אויך פון זיין שוועד שמואל און שווינער ברונעטאַ (לויט אייניקע מאַנוסקריפּטן איז איר נאָמען געווען ברוריא).

עמנואלס זאַמלווערק זיינען אַמתע עפּאָפּעען פון ליידנשאַפט, פון ניר־קער ערדישער ליבע. עס הערט זיך דער געזונטער טראָציק־נצחונדיקער געלעכ־טער פונם יונגן מוטערן רענעסאַנס אין עמנואלס דריטער מאַקאַמע, וו דער לעבנסלוסטיקער פּאָעט דערציילט מיט אַ לצנישן שמייכל, ווי אַזוי ער האָט געפּרוווט געווינען דאָס אומבאַזיגבאַרע האַרץ פון אַ שטרענגער יונגער שיינהייט, וואָס האָט אַ נדר געטאָן צו פירן אַן איינזאַם לעבן און שטרענג אויסמיידן די געזעלשאַפט פון מענער. דער דיכטער שיקט איר אַ איין ליבע־ליד נאָך דעם אַנדערן, ער באַקומט אָבער אַלץ אַ ברוגזן אָפּ־זאָג פון דער שטאָלצער שיינהייט. דער דיכטער וויל זיך ניט באַרויִקן: אַלץ שטורמישער ווערט זיין ליד, אַלץ שטאַרקער קלינגען די ליידנשאַפטלעכע אַקאָרדן פון ברענענדיקער ליבע, וואָס שטייגן אַלץ העכער, ביז זיי גיסן זיך אויס אין פלאַמענדיקע, וווּנדערבאַר קלינגענדיקע סטראָפן. די סטראָפן זיינען געבויט אין כאַריי־פאָרם, און דער דיכטער נוצט דערביי אויס מיט גרויסער קונסט אַסאָנאַנסן און צוזאַמענקלאַנגען פון ווערטער מיט פאַר־שיידענעם באַטייט, נאָר ענלעכן געבוי און קלאַנג. דאָס ליבע־ליד פאַרענ־דיקט זיך מיט פּאָלנגדיקע שטורמישע, נאָר זייער מוזיקאַלישע סטראָפן:

לְכוּ נָא זְמִירַי לְבֵית הַצְּבִיָּה — וְעַל כָּל שְׁפָאִים תְּלוּ נָא תְּלוּנָה
וְאִמְרוּ: צְבִיָּה אֲיוּמָּה תְּמִימָה — נְעִימָה אֲשֶׁר כַּלְּבָנָה לְבָנָה
עֲדֵי מָה נְדוּדֵךְ וּמֵאֵין חֲנִינָה — חֲנִי נָא בְּלִבִּי פְּנִי נָא פְּנִינָה
וְלָךְ אֶהְיֶה מִמְּצוּדָה מְצוּדָה — בְּצֵל אַהֲבָתִי חֲסִי נָא חֲסִינָה
וְלִבְשִׁי גְאוֹנֵךְ לְחַדֵּשׁ שְׁשׂוֹנֵךְ — וּמַעֲטֵה תְּהִלָּה עֲדִי נָא עֲדִינָה [1].

און די לידער האָבן בייגעקומען: די שטאָלצע דאַמע האָט זיך אונ־טערגעגעבן.

אין זיינע ליבע־לידער, וואָס געהערן צו די בעסטע מוסטערן פון דער מיטלאַלטערלעכער העברעישער ליריק, האָט עמנואל, דער ערשטער צווישן די יידישע דיכטער, זיך אויך באַנוצט מיט דער סאָנעט־פאָרם [2]. אָט די דאָזיקע, נאָר־וואָס אין דער איטאַליענישער פּאָעזיע איינגעפירטע פּאָ־

[1] צו מיין שיינער, מיין ליבער, גיך אײלט מיינע לידער; איבער בערג און טאָלן פאַרשפּרייט מיינע קלאַנגען. אָ, זאָגט איר: דו שטאָלצע, דו ליבע, דו גרויזאַמע זיסע, דו בלענדנדיק־ליכטיקע, ווי דער לבנהס זילבערנע שטראַלן! גענוג שוין צו קוועלן, דו האָסט שוין דערבאַרמען, דערהער מיין געבעט, דו טייערסטע קרוין! לאָז מיך זיין דיין שומר, דיין וואַכנדער היטער; אין שוץ פון מיין ליבע פאַרוויל, דו האַרציקע טרייע. באַהייז זיך אין גלאַנץ פון דיין שטאָלץ, דעם בעכער פון פרייד צו געניסן, אַנטפּלעק זיך אין שטראַלנדן מאַנטל פון לויב, דו איידעלע, דו צאַרטע!.. (דאָרטן, 24).

[2] אין עמנואלס ווערק געפינען זיך 32 סאָנעטן.

טישע פאָרם, האָט דער יידישער דיכטער באַהערשט מיט גרוים מייס־ טערשאַפט. אין איינעם פון זיינע סאָנעטן ווענדט ער זיך צו זיין ליבער „עפרה״ [1]: „ווער וואָלט אַזאַ ווונדער גלויבן געקאָנט: אין די הימלען שיינען דיינע אויגן, און די שטערן־פראַכט דערזע איך אינם העלן טאָג, באַטראַכט איך דיין שטראַלנדיק געזיכט. ליבע דו מיין! מיין גאַנץ לעבן הענגט געפאַנגען אויף דעם געבויג פון דיין געטאָקטן אויער — פונם וויטסטן מזרח שענסטע שטיקערייען זיינען נים אימשטאַנד מיט אים זיך צו פאַרגלייכן! איך בין געבלענדט — עפנסטו די אויגן! איך בין פאַר־ כישופט פון די צויבער־פערל, וואָס באַשיצן דיינע ראָזע ליפן... אָ, זאָג מיר דו הארציקע: דיינע ווונדער־אויגן — זיינען זיי שטערן פון הימל, וואָס דו נעמסט ביים קאַיאַר געפאַנגען, און נאָר דורך די נעכט וואַנדערן זיי פריי אין די הימלען, אָדער דאָס זיינען אונדז געשענקטע שטערן די ערד צו באַשיינען, בכדי דער גלאַנץ פון דיין געזיכט זאָל אונדז אין די הימלען דערי־ מאָנען, און די שענסטע אויף דער וועלט זאָלן וויסן און געדענקען, אַז זייער רייץ און חן איז קעגן דיין הימלישער פראַכט, ווי אַ קליין שטויבעלע, וואָס ווערט אויף דער ערד געטרעטן?..״ [2].

עס איז לייכט באַגרייפלעך, אַז אַ פּראָזאַישע איבערזעצונג איז נים אימשטאַנד איבערצוגעבן דעם קונציקן חן פון דעם דאָזיקן סאָנעט. נים מעגלעך איז אויך איבערצוגעבן די אייגנאַרטיקע שיינקייט פון דער ליבע־ סצענע, ווו עס ווערט מיט אַ שעלמיש קונדייסישן שמייכל דערציילט, ווי דער דיכטער באַגעגנט אין בליענדיקן גאָרטן אַן אַנטציקנד שיינע דאַמע, אין וועלכער ער פאַרליבט זיך פונם ערשטן בליק, און ווי עס געלינגט אים אויך איר האַרץ צו באַצווינגען. באַזונדערס טיפּיש פאַר דער יונגער רענע־ סאַנס־תקופה זיינען די 16טע און 17טע מאַקאַמען. די העלדין פון דער זעכצנטער מאַקאַמע, אַ יונגע פרוי, וואָס האָט אַ מאַן אַ חלוש אַ לא־יוצלח, איז פעסט איבערצייגט, אַז „די פרוי, וואָס האָט קיין ליבע נים געגאָסן, די איז אַ פאַרפאַלענע, זי פאַרלירט איר חלק עולם הבא״ [3]. אַ טאָכטער פון איר צייט, וואַרפט זי אַראָפּ דעם שלייער פון צניעות, און אין עראָ־ טישע סאָנעטן גיסט זי אויס איר פאַרדרוס און ווייטאָג, וואָס שוין צוויי יאָר נאָך דער חתונה האָט זי נאָך אַלץ נים געגאָסן די אומאָרעמונג פון ליבע. „אַך — רופט זי אויס — ווי גליקלעכער איז מיין פריינדין! אין משך פון דרייסיק טאָגאַטן האָט יענע שוין דעם דריטן מאַן באַגראָבן,

---

1 „עפרה״ הייסט אין העברעישן גאַזעל, אינדין.

2 דער סאָנעט „מי האמין עפרה אשר עיניך״ (מאַקאַמע XVI).

3 דאַרטן, 117: „אשה אשר תמות בתולה — נכרתה, אין לה בעולם הנשמות חלק״.

נאָר איך בין אין אַזאַ ביטער מזל געבאָרן, און ווער אַלץ ניט פּטור פון טיין לא יוצלח!" נאָך כאַראַקטעריסטישער איז די זיבעצנטע מאַקאַמע. חריזי לעבּ-ליים (דער דיכטער צווישן זיי) זיינען פאַרליבט אין איין און דער זעלבער דאַמע, מאַכן זיי צווישן זיך אַ געוועט: זיי וועלן ליבע-לידער פאַר דער געליבטער דאַמע זינגען, און וועמעס ליד עס וועט אַמבעסטן אויסנעמען, דעם וועט די דאַמע איר ליבע שענקען. טיפּיש איז פאַלגנדיקער פּרט: דער דאַזיקער אייגנאַרטיקער טורניר קומט פאָר אין דער גענגוואַרט פון דער דאַמעס שלאַבעריקן מאַן, און די לידער, וואָס ווערן געזונגען, ווייסן ניט פון קיין שלייער און פון קיין שעמעוודיקע רמזים. אַלץ איז אַנטבלויזט און נאַקעט[1]. די עראָטיק פונם יונגן רענעסאַנס איז ניט קיין באַהאַלטענע, קיין צבועיש-צנועישע, — זי טרעט אַרויס אָפן מיט נצחנישער חוצפּה. און עמנואל איז דאָך דער ערשטער באַדייטנדיקער דיכטער פון דער דאָזיקער נייער תקופה, דער אָנזאָגער פון דער עראָטיש-לעבנסלוסטיקער שטרעמונג, וואָס האָט באַלד געפונען איר קלאַסישן אויסדרוק אין באָקאַטשיאָס „דעקאַמעראָן".

דער דיכטער האָט מיט פולן רעכט זיך גערופן „דער מייסטער פון לוסט און ליידנשאַפט" (שר צבא החשק), און האָט אַרויסגעזאָגט זיין פעסטע איבערצייגונג, אַז „וואָלט מען פאַר די געלונגענסטע עראָטישע לידער געקרוינט — באַקומט ער דער ערשטער די קרוין"[2]. מען מוז טאַקע מודה זיין, אַז עמנואל האָט זיך בכלל ניט גערעכנט מיט די געזעצן פון צניעות, און דער פאַרבאָט פון ניבול פה האָט פאַר אים ניט עקסיסטירט; אַזוינע עראָטיש-ציניִשע לידער, ווי עמנואלס „אל תתמה דוד"[3], „איך אעצר כח"[4], „נָבָל אֲשֶׁר תִּשְׁאַל"[5], „עָפְרַת חֵן"[6] און אייניקע אַנדערע, האָבן ניט זייער גלייכן אין דער גאַנצער העברעישער ליטעראַטור.

---

[1] אַלס ביישפּיל ברענגען מיר אין אָריגינאַל די שלוס-פערזן פון איינעם פון די דאָזיקע לידער, וואָס ווערן געזונגען פאַר דער שיינער דאַמע:

הַשְׁמִיעֵנִי רַעְיָה קוֹלֵךְ וּפְדֵנִי מֵרֶדֶת שַׁחַת
הֲבִיאֵנִי אֶל גַּן עֶדְנֵךְ, הַגְמִיאֵינִי רֹקַח מִרְקַחַת
מִמֶּגֶד שָׁדַיִם מֵעָל וּמִתְּהוֹם רוֹבֶצֶת תָּחַת.

[2] דאָרטן, 31: לו המליכו מלך שירי החשק — שרותי תמלכנה.

[3] מאַקאַמע, VII, ז' 54.

[4] דאָרטן.

[5] מאַקאַמע XX, 156, מיט דעם שלוס-פערז: „לו יתנו ערלות בהשאלה, אז תהיה בועל בערלת זר".

[6] מאַקאַמע XVII, 129.

ענג פאַרבונדן מיט עמנואלס עראָטישע לידער זײַנען זײַנע ווײַנלידער. מיט אַ לצנישן שמייכל פאַרזיכערט אונז דער דיכטער, אַז ער האָט בקבלה פון זײַנע זיידעס: ווער עס טרינקט קיין ווײַן ניט, דער ווערט אָן זײַן חלק עולם הבא [1]. אַ גאַנצע מאַקאַמע איז דעם ווײַן געווידמעט, און פול מיט העלער נצחונישער פרייד קלינגט דאָס טראַציקע ליד פונם ווײַנשטאָק: אומבאַגרענעצט איז די מאַכט פון ווײַן, ער איז אַלעמען מנצח, ער מאַכט אַלעמען באַטרונקען, נעמט צו יענעמס ווילן און געוועלטיקט איבער אַלע [2]! דאָ קומען מיר אין באַריִרונג מיט דעם כאַראַקטעריסטישסטן שטריך פון עמנואלס פּאָעטישן טאַלאַנט — זײַן געלעכטער. איבער שטרענגן און פאַרמרה-שחורהטן טעמפּל פון דער העברעיִשער פּאָעזיע האָט זיך טראַציק און הילכיק צעגאָסן דאָס געזונטע, מונטערע און פרייליכע געלעכטער פון עמנואל בן שלמה. און דאָס דאָזיקע געלעכטער האָט פאַר קיינעם ניט קיין אָפּשיי. עמנואל לאַכט אָפּ פון די יונגע לייכטזיניקע דאַמען, און שרקלערט דערבײַ מיט אַ פרום פּנים „איבער נאָמען פון אַלע רבנים", אַז „דער בעסטער שומר איבער דער צניעות פון אַ פרוי איז אַ נמאס פּנים" [3]. ער מאַכט אויך חוזק פון די אָפּגעבליטע שיינהייטן, וואָס מאַכן זיך נאָך יונג, און שפּאָט אָפּ פון זיך אַליין, וואָס שפּילט נאָך אויף דער עלטער אין ליבע, און מאַכט זיך נאָר צו געלעכטער. זײַן וויץ שאַנעוועט אויך ניט די מיידלעך, וואָס מאַכן צו פיל חן [4]; פּעדאַנטן-געלערנטע, ווי פאַרמעט פאַרטריקנטע, נגידים-קמצנים, אַרצטן-שאַרלאַטאַנעס, טאַלענטלאָזע פערזן-שמירערס; נאָר מער פון אַלע באַקומען די מאַגען „בעלי הקרנים", וואָס זייערע לייכטזיניקע פרויען שטעלן זיי גרויסע הערנער; דער דיכטער כאַפּט דערבײַ אָפּט איבער די מאָס, און זײַנע וויצן איבער די אָפּגענאַרטע מענער האַלטן זיך ניט שטענדיק אין די גרענעצן פון דרך-ארץ און צניעות. נאָר אין דעם איז ניט אונזער דיכטער שולדיק — ער איז בלויז געווען טריי דעם גײַסט פון יענער צײַט. פול מיט קונדייסישן וויץ און זאָרגלאָזן געלעכטער איז די צווייטע מאַקאַמע, וווּ עס ווערט אין לוסטיקע ראָפּל-פערזן געמאַכט אַ פאַרגלײַך צווישן צוויי דאַמען: דער בלענדנדיק

---

1 דאָרטן, 198: „אמנם כך מקובל מני סבית אבי-אבא, כי איש לא ישתה יין אין לו חלק לעולם הבא".

2 דאָרטן, 199—200.

3 דאָרטן, 14: „מתאבק בעפר רגלי הרבנים... אף מטעמם אחתום: סוף כל הענינים אין שומר לנשים כי אם כיעור פנים".

4 באַזונדערס טיפּיש איז די ערציילונג, ווי דער דיכטער באַשרײַבט, ווי ער באַזוכט אַלס דאָקטאָר אַ יונגע דאַמע, און זי וויל די האַנט ניט אויפדעקן ער זאָל איר טאַפּן דעם דופק (מאַקאַמע XI, 81—82).

שיינער תמר און גרוילעך מיאוסער בריעה. „תמר, אז זי הייבט אויף צום הימל אירע אויגן — מיט פרייד לאכן איר אנטקעגן אלע שטערן; נייגט זיך צו דער ערד איר בליק — ערוואכן גלייך די טויטע אין די קברים. און בריעה מיט איר בליק טוט טויטן; די גיפטיקסטע שלאנג, דער שטן אליין אנטלויפט אין שרעק, ווען ער דערזעט איר פנים. תמרס שיינקייט באשרייבן איז דעם מענטשנס צונג ניט אימשטאנד, וואלטן זי מלאכים דערזען — זיי וואלטן אין איר זייער שוועסטער דערקאנט. בריעה איז זייער נוצלעך פאר די צייטיקע וויינגערטנער — מיט איר שרעקלעכער צורה קאן מען פייגל און חיות פארטרייבן"[1] אאז"וו, אאזו"ז. פול מיט טראציקן געלעכטער איז עמנואלס ערציילונג וועגן דעם גאווהדיקן פעדאנטישן פילאלאג, וואס לאזט קיינעם ניט רוען, פארפירט גלייך געלערנטע וויכוחים, ארויסצווייזן זיין גרויס בקיאות. דער טרוקענער פעדאנט האט אבער א יונגע שיינע פרוי, און דער דיכטער לאזט זיך דערפאר גערן אריין אין א געלערנטן שמועס מיט דעם פילאלאג. יענער איז איבערגליקלעך: אים איז אזוי לייכט אנגעקומען מנצח זיין דעם דיכטער אויף דעם פילאלאגישן טורניר, דער דיכטער איז אבער אויך זייער צופרידן: אין דער זעלבער צייט, ווען דער פעדאנט האט ארויסגעוויזן זיין חריפות אין דיקדוק און גרויס בקיאות אין תנ"ך, האט דער דיכטער אפגעהאלטן א זיסן נצחון איבער דעם הארצן פון דער יונגער דאמע. אין אן אנדער מאקאמע (די 22טע) פירט דער דיכטער ארויס א גאנצע גאלעריע אזעלכע נארישע פעדאנטן פילאלאגן און ביבל-ערקלערער. יעדער פון זיי קומט מיט א נייער קלאץ-קשיא, איינע אומגעלומפערטער פון דער אנדערער. און די פנימער זייערע אזוי ערנסט און שטרענג, די אויגן אויסגעגלאצט, און די שטערנס פארקארטשעט... אט די מייסטערהאפטע פאראדיע, וואס איז אוממעגלעך צו איבערזעצן, מען מוז זיי לייענען אין אריגינאל — קאן מאכן לאכנדיק אפילו דעם פארמרה-שחורהדיקסטן היפאכאנדריקער פון דער וועלט. אין דעם זעלבן זשאנר איז געשריבן זיין פאראדיע אויף דרשנים און מגידים מיט זייערע הספדים. דער דיכטער דער לץ ווערט אליין א מגיד: ער שטייט פאר זיין אייגנעם אפענעם קבר און האלט א הספד איבער זיך אליין[2].

אפילו פארן גן-עדן גופא האט אונזער דיכטער קנאפ דרך-ארץ, אויך אהין שליידערט ער זיינע צוגעשפיצטע וויצן. ער געפינט, אז עס איז פיל אינטערעסאנטער צו זיין אין גיהנום, ווי אין גן-עדן. עס איז דאך אזוי שרעקלעך לאנגווייליק פארברענגען אין גן-עדן מיט די אלטע צדקניותן,

---

[1] דארטן, מאקאמע VII, 55—57.

[2] דארטן, 173—174.

פאַרדאַרטע, פאַרקרומטע, מיט בראָדעווקעס אויף די נעז. „וואָס האָב איך אין גן־עדן צו טאָן — טענהט דער דיכטער, — אַז דאָרט זיינען צונויפגעזאַמלט לוימער פאַרזעעגישן און טויגעניכטסן" [1]. דער דיכטער האָט דערפאַר פיל מער חשק צום גיהנום. דאָרט איז די זינד אַזוי זיס, אַזוי שיין. דאָרט זיינען פאַרזאַמלט די שענסטע פרויען, זייערע אויגן ברענען מיט ליבע, זייער שטימע מאָנט און רופט... מיט זיי איז דער גיהנום — דער זיסער גן־עדן, אָן זיי דער גן־עדן — דער אמתער גיהנום [2].

עמנואל איז אָבער ניט שטענדיק אַזוי לייכטזיניק פריילעך. אונטער דעם הילכיקן געזינגען געלעכטער לאָזן זיך אויך צייטנווייז הערן גאַנץ אַנדערע טענער. טיפּיש איז אין דער הינזיכט, אַ שטיינער, די 15טע מאַקאַמע. מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ זייער אינטערעסאַנטע נאָוועלע אויס דעם פריען רענעסאַנס פון פאַר דער „דעקאַמעראָן"־תקופה. דער דיכטער צוזאַמען מיטן מעצענאַט וואַנדערן צוליב אַ געוועט איבער די גאַסן, און וועמען זיי באַגעגענען, שטעלן זיי אָפּ און פרעגן, צי וואָלט ער געוואָלט פאַרבייטן זיין גורל אויף אַן אַנדערנס גורל. אָט אין דער ראַם פון דער דערציילונג באַווייזט דער דיכטער פאַר אונזערע אויגן אַ גאַנצן קאַליידאָסקאָפּ פון מענטשן אויס אַלע שיכטן. טיפּיש איז די העטערא, די אויסגעלאַסענע פרוי, וואָס וויל בשום אופן זיך ניט בייטן ניט מיט דער קיניגין, ניט מיט

---

1 דאָרטן, 116: „מה לי ולך עדן? ואת אספת כל בעלות מום וכל א ש בושת"...

2 די דאָזיקע שטעלע ביי עמנואלן האָט נאָך אַ ספּעציעלן אינטערעס. זי באַווייזט, אַז ניט נאָר די איטאַליענישע דיכטער האָבן זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון דער פּראָוואַנסאַלער פּאָעזיע, נאָר אויך די יידישע. דער שפּאַס איבער דעם לאַנגווייליקן גן־עדן און דעם ליבן לוסטיקן גיהנום באַווייזט בולט, אַז עמנואל איז געווען באַקאַנט מיט דעם פּראָוואַנסאַלישן אָדער אַלט־פראַנצויזישן נוסח פון דער באַקאַנטער ערציילונג וועגן די צוויי פאַרליבטע, אָקאַסען און ניקאָלעטאַ. בעת מען סטראַשעט אָקאַסענען מיטן גיהנום, וויבאַלד ניקאָלעטאַ וועט ווערן זיין געליבטע, ענטפערט אָקאַסען גאַנץ רויק: „וואָס טויג מיר דער גן־עדן! איך האָב כלל קיין חשק ניט אַהין צו קומען. מיין באַגער איז נאָר ניקאָלעטאַ, מיין טייער־האַרציקע, וואָס איך האָב אַזוי ליב". „אין גן־עדן — זאָגט ער ווייטער — קומט דאָך אָן נאָר דאָס שמוציקע געזינדל פון אַלטע גלחים, וואָס דרייען זיך טאָג ווי נאַכט אַרום די אַלטאַרן, אַלע אָרעמע קאַליקעס, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, וואָס גייען באָרוועס און נאַקעט. אָט די אַלע איילן זיך אין גן־עדן אַריין, איך האָב אָבער דאָרט ניט וואָס צו טאָן". אָקאַסענען געפעלט פיל בעסער דער גיהנום. „אַהין — זאָגט ער — קומען אָן די גוטמוטיקע געלערנטע, די שטאָלצע ריטער, וואָס זיינען אומגעקומען אויף די טורנירן און אויף די שלאַכט־פעלדער. עס קומען אויך אַהין די צאַרטע שיינע דאַמען, וואָס האָבן אַחוץ אייגענע מאַנען נאָך צו צוויי און צו דריי ליבהאָבער. און דאָס אַלץ שימערירט אין גאָלד און אין זילבער, אָנגעטאָן אין די שענסטע קליידער מיט די טייערסטע סויבלען באַפּוצט. מיט זיי צוזאַמען וויל איך זיין!" — ערקלערט דער יונגער אָקאַסען.

די פירשטינס. יענע מוזן נעבעך גארן און גלוסטן אין דער שטיל, זיי זיינען ארומגערינגלט מיט שומרים און סריסים. מען היט זייער יעדן טריט, און זיי קאנען ניט דערפילן זייערע ווונטשן. זי אבער, די העטערא, פראנק און פריי געניסט זי דעם בעכער פון ליבע, זי דארף זיך ניט באהאלטן: אפן פאר דער גארער וועלט קאן זי אומארמען וועמען איר הארץ גלוסט, און אומגעשטערט אים איר שיינקייט שענקען. וואס ווייטער ווערט אבער דער טאן אלץ ערנסטער. דער משוגענער וויל זיך אויך ניט בייטן: ער האט זיך איסגעבויט א פאנטאסטישע וועלט, וואס איז פיל שענער און גייסטרייכער אט פון דער מיושבער וועלט, וו עס לעבן די געזעצטע, ניכטערע מענטשן... צוויי בלינדע באגעגענען ווייטער אונזערע העלדן, איינעם פון זיי האט דער תליון, לויט דעם פסק פונם מיטלאלטערלעכן געריכט, פאר א סגי־נהור געמאכט, און קיינער פון די בלינדע וויל מער די וועלט ניט דערבליקן; זיי זיינען מיט זייער גורל צופרידן; זייער אינעווייניקסטע וועלט, זאגן זיי, איז פיל אינטערעסאנטער (ואם חשכו הרואות בארובות, אורו עיני המחשבות)...

דער דאזיקער איראנישער ווייטומיקער שמייכל שפילט גאנץ אפט אויף די ליפן פון די לעבנסלוסטיקע קינדער אוים דער רענעסאנס־תקופה...

מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן, אז אונזער יידישער דיכטער האט, אמת, ניט געוווסט פון אזא אינעווייניקסטער צעשפאלטנקייט, ווי דער איטאליענער פעטרארקע, נאר דאך האט אויך ער איבערגעלעבט שווערע מאמענטן פון טיפע ספקות און שמארציקן חשבון הנפש. אט די פארבענקטע ראמאנטישע שטרעמונג, וואס האט געפונען אזא שארפן אפקלאנג אין די הערצער פון דער רענעסאנס־תקופה, לאזט זיך שוין פילן אין דעם פאעטישן שאפן פון אונזער לעבנסלוסטיקן דיכטער. צווישן די פריוואלע לצנישע גרימאסן באווייזט זיך דער שמייכל פון ראמאנטישער איראניע, דער פארחלומטער ציטער פון דעם בענקענדיקן ראמאנטישן גע־פיל. דעם הייסן חסיד פונם גרויסן ראציאנאליסט מיימוני האט אויך שטארק פאראינטערעסירט דאס מיסטישע, די סודות פון דער קבלה... דער עראטישער דיכטער, דער לאכנדיקער „ריטער פון לוסט און לײדנשאפט" (שר צבא החשק) קאן דאך ניט פארגעסן, ווי לייכטזיניק און פארגייענד ס'איז די ליבע. און אט צו דעם טרויעריקן און אומפארמיידלעכן סוף קערט זיך דער דיכטער גאנץ אפט אום אין זיינע לידער. אין מאמענטן פון ספקות און חשבון הנפש, פילט ער די נישטיקייט פון דער ערדישער ליבע, און קומט צום טרויעריקן געדאנק, אז „די נשמה און די ליידנשאפט זיינען צוויי פיינדלעכע קעגנער, און עס קאן קיין מאל צווישן זיי קיין שלום ניט ווערן" (והנפש והחשק כצרות ואין בינם לעולמים פשרה); חרטה האט דעמאלט זיין הארץ, וואס ער האט „די ליידנשאפט פאר א קיניגין גע־

קרוינט איבער זיינע לידער". „שוין צייט מיין פריינד — ערקלערט טרויע־ריק דער דיכטער — מיר זאָלן די יוגנט־לאָקן מיטן שאַרפן מעסער אָפּ־שניידן, שוין צייט אונזער גייסט צו באַפרייען, וואָס איז אַזוי לאַנג געווען אין קנעכטשאַפט ביי די ערדישע תאוות. אונזער יוגנט איז דאָך שוין לאַנג פאַרביי און אונזער נשמה איז נאָך אַלץ פאַרוואָגלט, פאַרלאָזן. פאַרביי איז די ליידנשאַפט־קראַנקהייט, און ניטאָ מיט וואָס אירע וווּנדן צו היילן"[1].

אין אַזאַ עלעגישן טאָן זיינען געשריבן ניט נאָר עמנואלס רעליגיעזע לידער [2], נאָר אויך אַ געוויסע צאָל וועלטלעכע, אין וועלכע עס רייסט זיך אַפילו אַמאָל דורך דער געשריי פון טרייסטלאָזן יאוש. „ווען ניט די מורא פאַר גאָט — לייענען מיר אין איין געדיכט — אַ סוף וואָלט איך געמאַכט צו מיין לעבן. ווייל ווערטלאָז איז דאָס לעבן, ווען פאַרטריקנט זיינען די קוואַלן פון וויסן, דערנידעריקט זיינען חכמה און פאַרשטאַנד, און נידער־טרעכטיקייט און צביעות זיצן אויבנאָן"[3]. פול מיט האַרציקן טרויער זיינען דעם דיכטערס שיינע עלעגיעס, אין וועלכע ער באַקלאָגט דעם טויט פון זיינע נאָענטע: דעם זון [4], דעם ברודער און דעם שווער [5]... די צאַרטע עלעגישע טענער גייען אָבער צייטנווייז איבער אין וואָרענענדיק־שטראָפנדיקע, דעם שפּילן טרויער פאַרטויבן די שטורמישע קלאַנגען פון צער און צאָרן. אַזוינע לידער באַגעגענען מיר שוין אין דער ערשטער מאַקאַמע פון עמנואלס „מחברות", ווו דער דיכטער דערציילט וועגן דעם אומרעכט, וואָס אים איז אויף דער עלטער געשען, ווען ער האָט געמוזט פון זיין היים אַנטלויפן. דאָ באַווייזט דער דיכטער די גאַנצע קראַפט פון זיין דיכטונגס־שאַפן. דאָס געזונטע פרייליך־זאָרגלאָזע געלעכטער ווערט אָפט ביים דיכטער מגולגל אין בייסנדיקער און שטראָפנדיקער סאַטירע. זייער כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט די שוין פריער דערמאָנטע פאָעמע „התופת והעדן" (דער גיהנם און דער גן־עדן), וועלכע דער דיכ־

---

1 דאַרמן, 59:

לְכָה, דוד, מַחְלְפוֹת יַלְדוּת וְשחרות גַּלֵּחַ בְּתַעַר הַשְּׂכִירָה
וְנַפְשֵׁנוּ אֲשֶׁר הָיְתָה לְאָמָה עֲלֵי אֲדָמָה הלא נִקְרָא דְרוֹרָה.
כְּבָר חָלְפוּ יְמֵי יַלְדוּת וְשחרות וְנַפְשֵׁנוּ עֲדֶן אָחוֹר וסוֹרָה
וחָדְלָה מַחֲלַת חֵשֶׁק בְּהַיּוֹם וְאֵין מָזוֹר לְרַפְּאוֹת אֵת מְזוֹרָה.

2 אייניקע פון זיי, ווי „אלהים נפלו פני" א"א, זיינען געדרוקט אין די מחזורים פון מנהג רומא (זע צונץ, „סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע", 311).

3 „מחברות", 108.

4 דאַרמן, סוף 21טע מאַקאַמע, 174.

5 עמנואלס שווער, שמואל, איז געווען אַן אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער טוער און איז אומגעקומען מיט אַ מאַרטירישן טויט אין 1322 (זע, פאָגעלשטיין אונד ריעגער I, 308).

טער האָט אָנגעשריבן אין די עלטערע יאָרן (בערך אין 1330) [1]. אמת, אויך אין דער פּאָעמע לאָזט זיך ערטערווייז הערן עמנואלס פרייליכער געלעכטער. פול מיט געזונטן הומאָר איז דעם דיכטערס באַשרייבונג, ווי ער קומט אַריין אין גן־עדן און ווי נאָר עס דערזעען אים פון דער ווייטנס די אָבות און די נביאים, מאַכן זיי אים דעם גרויסן ברוך־הבא און אַלע רופן אויס מיט פרייד: „עמנואל קומט, מיר וועלן זיך שוין גענוג אָנלאַכן״ (וקול נשמע עד למרחוק לאמר: בא עמנואל הנה ועת לשחוק). מיט אַ ערנסט־פרומער מינע, אונטער וועלכער עס איז קונציק פאַרבאָרגן דער סאַרקאַסטישער שמייכל פון דעם פרײדענקענדיקן וויצלינג, רעכנט אויס דער דיכטער די „חטאים״, פאַר וועלכע מען האָט פאַרמשפּט אין גיהנום אַריין אַזוינע באַרימטע דענקער און געלערנטע, ווי אַפּלטון, אַריסטו, גאַלען און אַנדערע [2]. דער גרונד־טאָן פון עמנואלס פּאָעמע איז אָבער ניט קיין סאַרקאַסטיש־שפּאָטישער, נאָר אַ שטראָפנדיק־וואָרענעדיקער; עס הערט זיך ניט דאָס זאָרגלאָזע געלעכטער, נאָר די בייטש פון דער סאַטירע...

אין די טיפסטע אָפּגרונטן פון גיהנום באַגעגנט דער דיכטער „אַ גאַנצע עדה פון שטאָק־בלינדע״, און ער דערקענט זיי גלייך: זיי האָבן דאָך דאָרט אויף דער ערדישער וועלט געגאָלטן אַלס „ראשי אלופי ישראל״, אַלס אָנערקענטע פירער פונם פאָלק, וואָס זיינען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון די יידישע קהילות. „גרויס איז די זינד פון די דאָזיקע מענטשן, ווייל זיי האָבן געהאַט אויגן און ניט געוואָלט זען, און אינמיטן העלן טאָג געגראַבלט אין דער פינסטער״. די גרעסטע יסורים מוזן זיי ליידן, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט זיך רעכענען מיטן גרויסן ווערט פון וויסן און חכמה, געלאַכט און געשפּאָט פון די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט וויסנשאַפטן און גיבן זיך אָפּ מיט פילאָזאָפישע פּראָבלעמען [3]. אין די נידעריקסטע קאַמערן פון גיהנום פאַרשפּאַרט אויך דער דיכטער די פאַלשע צבועקעס, וואָס האָבן גענאַרט דעם עולם, לפנים געווען פרום און נאַטספאַרכטיק און געגאָלטן אַלס „גדולי הדור״, און באַהאַלטענערהייט געטאָן די נידערטרעכטיקסטע מעשים [4]. צוזאַמען מיט זיי געפינט ער דאָרט אויך זייער פיל נטזעל־שאַפטלעכע טוער, וואָס האָבן מיט אַלע מיני רמאות זיך דערשלאָגן צו

---

[1] הערן דעם פאַרגלייך פון עמנואלס פּאָעמע מיט דאַנטעס נאָוניש חיבּוּק, האָט ס׳האָט דעם יידישן דיכטער געדינט אַלס מוסטער, זע פר. דעליטש, צוויי קליינע דאַנטע־שטודיען, אין „ציישר. פ. קירכ. וויסנשאַפט״, 1888, ז׳ 51.

[2] „מחברות״, 221.

[3] דאָרטן, 223, 224.

[4] דאָרטן, 225, 226.

מאַכט און כבוד, האָבן אונטערדריקט דאָס פאָלק און פיינט געהאַט דעם אָרעמען מענטשן, „ווי אַ מוסלמענער האָט פיינט חזיר און די שיינע פרויען דעם אַסקעט" (שנאת הישמעאלים את החזירים ובנות החן את הנזירים).

שטאָלץ איז דער דיכטער דורכן באַוווסטזיין, אַז ער איז די „רוט פון שטראָף", אַז גרויס איז די שטראָפנדיקע מאַכט פון דער דיכטקונסט. ער האָפט, אַז די בייטש פון זיין סאַטירע וועט איר ציל דערגרייכן, אַז „טיף אין די הערצער וועלן זיין איינגעקריצט זיינע ווערטער און ער וועט ניט זיין קיין זינגער פאַר טויטע, און קיין פרייידיקער פאַר שטיינערנע צלמים" [1].

ווי אינם אינהאַלט, אַזוי אויך אין דער פאָרם פון עמנואלס שאַפן, פילט זיך די השפּעה פון צוויי פאַרשיידענע קולטורן. די אַראַבישע „גאַזעלן" מיט זייערע איינאַרטיקע ריימען געפינען זיך ביי עמנואלן אין שכנות מיט סאָנעטן מיט זייערע קונציק געפלאָכטענע פערזן. אין זיינע מאַקאַמען, וואָס זיינען געבויט לויט דעם אַראַבישן מוסטער, געפינען זיך קליינע ערציילונגען, וואָס דערמאָנען אַזוי שטאַרק די באַליבטסטע אין דער רענעסאַנס-תּקופה ליטעראַרישע פאָרם — די איטאַליענישע נאָוועלע, וועלכע האָט באַלד נאָך עמנואלן דערגרייכט איר גרעסטן גלאַנץ — אין דזשאָוואַני באָקאַטשיאָס „דעקאַמעראָן". אַלס מייסטער פון פּאָעטישער פּראָזע האָט עמנואל קיין גלייכן ניט אין דער גאַנצער מיטלאַלטערלעכער העברעישער ליטעראַטור. דער מוסיוו-סטיל [2] דערגרייכט ביי אים די העכסטע שטופע פון שלמות. פיל עמנואלס וויצן און גלייכווערטלעך זיינען אריין אין דעם אוצר פון דער פאָלקס-שפּראַך און אויף אַזאַ אופן געוואָרן פאָלקס-אייגנטום [3].

עמנואל גופא שטרייכט אונטער מיט שטאָלץ דעם באַדייט פון זיין פּאָעטישן שאַפן. ער ערקלערט זיך אַלס „פירשט צווישן די דיכטער" (שר המשוררים), פאַר וועמען „אַלע זינגער פאַלן כורעים און עס בוקן זיך די. וואָס טרוימען וועגן קונסט", ווייל ער „באַזיצט דעם גרויסן סוד פון דיכט-

[1] דאַרטן, 234: „ויהיו דברי על לוח לבותם נרשמים, ולא אהיה כמנגן אל המתים וכצועק אל הצלמים".

[2] זעען מוסיוו-סטיל, זע דעם ערשטן טייל, ז' 248—252.

[3] למשל, דאָס באַקאַנטע פאָלקס-ווערטל: אחרי מות קדושים אמור (נאָכן טויט הערט מען אַ קדוש), איז אויך עמנואלס אַ חיוך, ווו ער האָט אַזוי קונציק אויסגענוצט די נעמען פון די דריי סדרות, וואָס גייען זומערצייט איינע נאָך דער אַנדערער.

קינסט און באַשאַפט וואונדער נאָך ניט געזעענע און ניט געהערטע"[1]. אינם דיכטער לעבט די שיינע האָפענונג, אַז אים וועלן געדענקען די קומענדיקע דורות און פאַר גאַנצע פעלקער וועט שיינען דער גלאַנץ פון זיינע לידער[2]. זיכער איז ביי זיך דער דיכטער, אַז „ער וועט שטאַרבן, נאָר ניט שטאַרבן וועלן זיינע ווערק"[3]. אַז „ווען ער שילט — דער איז פאַרשאָלטן אויף אייביק, און געבענטשט איז דער, וועמען ער, דער דיכטער, גיט די ברכה"[4].

דעם דיכטערס האָפענונג איז אָבער ניט אינגאַנצן מקוים געוואָרן. אמת, „ניט געשטאָרבן זיינען זיינע ווערק", דאָך האָבן זיינע „מחברות", וואָס פאַרנעמען אַזאַ בכבודיקן אָרט אין דער העברעיִשער מיטלאַלטערלעכער פּאָעזיע, געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע השפּעה אויף די קומענדיקע דורות. צליך פינסטערער און מרה-שחורהדיקער איז געוואָרן אויף דער יידישער גאַס, און עמנואלס פריילעכע, פאַרשייט-לאַכנדיקע מוזע האָט אויסגעזען אַזוי פרעמד, אַזוי חוצפּיש-אויסגעלאַסן... שוין אינם סוף פונם 14טן יאָרהונדערט האָט דער געבילדעטער רב און דיכטער משה ריעטי ערקלערט עמנואלס פּאָעזיע פאַר ניט קיין אָנשטענדיקע[5]; און דער בעל „שולחן ערוך", דער באַרימטער „פּוסק" יוסף קארו, האָט געפּסקנט, אַז ס'איז אסור צו לייענען עמנואלס לידער סיי אום שבת סיי אין דער וואָכן, „משום מושב לצים"[6]. און דעם „שולחן ערוכס" פאַרבאָט האָט געגאָלטן הונדערטער יאָרן; עמנואלס „מחברות" האָט מען געהאַלטן פאַר אַ זינד אין די הענט צו נעמען. איידער יוסף קארו איז ארויס מיט זיין פאַרבאָט, זיינען עמנואלס לידער צוויי מאָל געווען געדרוקט[7]. נאָך שוין דע-

---

[1] דאָרטן, ו' 18:

לִי יִקְּדוּ שָׂרִים וְלִי יִכְרְעוּ, עַל פִּי הַמְּלִיצִים יַחֲנוּ יִסְּעוּ,
אִתִּי בְּסוֹד שִׁירִים חֲדָשׁוֹת נִפְלָאוּ לֹא נִבְרְאוּ מֵאָז וְלֹא נִשְׁמְעוּ.

[2] דאָרטן, מאַקאַמע XVIII, 138:

הִנְנִי לְדוֹר פִּרְצָם אֲגֹדֵר אֶהְיֶה לָהֶם רֹאשׁ וּמְשִׁיחָם,
יֵלְכוּ גוֹיִם אֶל אוֹר שִׁירַי וּמְלָכִים אֶל נֹגַהּ זַרְחָם.

[3] דאָרטן, 9: „אם אמות לא ימותו ספרי".

[4] דאָרטן, 172, 179.

[5] „מקדש מעט", 106a.

[6] אורח חיים, הלכות שבת, קאַפּ' 307, סעיף 16.

[7] זע ביילאַגן, נומ' 7.

כאַלט האָט אַפילו אַזאַ געבילדעטער פּאַרלעגער, ווי גרשום שונצינו [1], אויך שוין געפונען פאַר נייטיק אויסצושטרייכן געוויסע פערזן בײַ עמנואלן, וועלכע האָבן אים אויסגעוויזן צו אַפּיקורסיש. אין איינעם פון די צוויי עקזעמפּלאַרן אויס שונצינוס זייער זעלטענע אויסגאַבע, וועלכע געפינען זיך אין לענינגראַדער אַזיאַטישן מוזיי, האָט עמעצער פון יענער צייט צוגעשריבן (ווי עס שײַנט אויס אַ האַנטשריפטלעכן עקזעמפּלאַר) אייניקע פון אַזעלכע פערזן, וואָס דער גאָטספאָרכטיקער דרוקער האָט זיי אַרויסגעוואָרפן. אין דער פערטער מאַקאַמע, למשל [2], רופט אויס דער „שר”, אַנטציקט פון עמנואלס מייסטערשאַפט: „דײַנע לידער זײַנען געגליכן צו די שירות, וואָס מען האָט אין בית-המקדש געזונגען, די לידער פון אַנדערע — זײַנען בלויז דאָס געזאַנג פאַר דעם אָפּגאָט בעל” [3].

נאָך דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אויסגאַבע (1535) האָט מען די פון דעם „שולחן ערוך” פאַרבאָטענע „מחברות” מער ניט איבערגעדרוקט ביז סוף פונם 18 יאָרהונדערט [4], ווען די דערוואַכטע השכלה-באַוועגונג האָט מיט אירע נייע שטרעמונגען און פאָדערונגען באַנײַט אויך דעם אינטערעס צו דעם פרייַלעכן דיכטער פון דער רענעסאַנס-תקופה. איין אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן נאָר פאַר עמנואלס לעצטע ווערק, פאַר זײַן פּאָעמע „התופת והעדן”. מען האָט זי מערערע מאָל איבערגעדרוקט, זי

---

[1] מער באַריכות וועגן דער באַרימטער פּאַרלעגער-פאַמיליע שונצינו, זע: Д. Хвольсон, Евр. старопеч. книги, 8–11, אויך פרײמאַן אין „צײַטשריפט פ. העבר. ביבליאָגראַפיע”, IX, 22.

[2] אין סוף פונם ליד „ראה, יפעתך לא פללו”.

[3] ושיריך כשירי בית אלהים — ושיר זולתך בק שיר בעלים. אין דעם זעלבן עקזעמפּלאַר איז מיט דער אייגענער אַלטער האַנטשריפט אויסגעבעסערט דער ערשטער פערז פונם ליד „מיודעי שאלוני” (אין דער לעמבערגער אויסגאַבע, י"ז 2). אין דער ערשטער און אין דער לעמבערגער אויסגאַבע לייענט זיך דער דאָזיקער פערז: „מיודעי שאלוני עלי מה גברתך מֹשך את ומוֹרט”; אין דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער: „מיודעי שאלוני עלי מה גביר תהיה מֹשך אף ממורט”. דער ריכטיקער אויסגעבעסערטער טעקסט איז אָבער: „מיודעי שאלוני עלי מה גאון עוזך מֹשך אף ממורט”.

[4] אין בערלין אינם יאָר 1796. אַלע אויסגאַבן לײַדן פון איין און דעם זעלבן חסרון: דער טעקסט איז שטאַרק פאַרגרײַזט. אין 1926 איז דער באַקאַנטער געלערנטער חיים בראָדי צוגעטראָטן צו אַ וויסנשאַפטלעכער אויסגאַבע פון עמנואלס „מחברות”, באַנוצנדיק זיך דערבײַ ניט נאָר מיט די עלטערע געדרוקטע אויסגאַבן, נאָר אויך מיט צוויי מאַנוסקריפּטן. דערווייל זײַנען פון דער דאָזיקער נייער אויסגאַבע ערשינען בלויז די ערשטע אַכט מאַקאַמען (בערלין, 1926). מיר האָבן לײַדער ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער דאָזיקער אויסגאַבע.

אויך איבערגעמאכט אין יידיש[1] אלס מוסר־מעשה, ווו דער פרייליכער „ריטער פון לוסט און ליידנשאפט" ווערט מגולגל אין א גרויסן צדיק און געטליכן מאן ר' עמנואלס דעם כהן גדול ר' ישמעלס א זון[2].

[1] גן־עדן וגיהנום. מיר האבן געזען די אויסגאבע פון 1782. עס זיינען פאראן נאך פיל אנדערע.

[2] מער באריכות וועגן דער אייגנארטיקער מוסר־מעשה זע אונזער ארטיקל אין 3טן באנד „פילאלאגישע שריפטן".

זעקסטער קאפיטל.

די „רוימישע דיכטער". — יהודה ציציליאַנו און יואבן דער דיכטער נחום און זיין שאפן. — קלונימוס בר קלונימוס אַלס איבערזעצער; זיין פּאַראָדיע „מסכת פורים" און סאַטירע „אבן בוחן". — דער עפּאָס „אגרת בעלי חיים". — יהודה ראָמאַנו אַלס קולטור-טרעגער און אויפקלערער.

עמנואל איז ניט געווען איינער אויפן געביט פון יידישער דיכטונג אין איטאַליע ער דערמאַנט זייער אָפט אין זיינע ווערק די „משוררי-הזמן" (די דיכטער פון זיין צייט), רעדט וועגן די „מליצי רומי" (די רוימישע זינגער), און וועגן די לידער, וואָס די רוימישע געלערנטע האָבן געשאַפן (שירי חכמי רומי) [1]. דער באַדייטנדסטער, ווי עס שיינט, איז געווען צווישן זיי יהודה ציציליאַנו. עמנואל, וואָס האָט מיט אַזא גדלות גערעדט וועגן זיין אייגענעם טאַלאַנט, איז אַזוי נתפעל געוואָרן פון דעם יונגן ציציליאַנוס לידער, אַז ער האָט אָפן ערקלערט, אַז ער קאָן זיך ניט גלייכן מיט זיין יונגן חבר, און טרעט אים אָפּ די בכורה [2]. ווי יהודה הלוי און משה אבן עזרא האָבן בשעתם קאָרעספּאָנדירט מיט אנאַנדער דורך שירים און לויבגעזאַנגען, אַזוי האָבן אויך די איטאַליענישע צוויי דיכטער, עמנואל און ציציליאַנו, געשריבן איינער דעם אַנדערן בריוו אין פערזן. פון דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ זיינען אָבער דערגאַנגען צו אונז בלויז פיר לידער, וואָס עמנואל האָט געשיקט זיין יונגן חבר [3].

לויט עמנואלס מיטטיילונג האָט ציציליאַנו זייער אָרעם געלעבט; די גאַנצע חיונה האָט ער געהאַט דערפון, וואָס ער פלעגט לערנען יונגע לייט די טעכניק צו שרייבן שירים [4]. מען פלעגט אויך ביי אים באַשטעלן,

---

1 „מחברות", אָנפאַנג מאַקאַמע VI און אין אַנדערע ערטער.

2 דאַרטן, מאַקאַמע XIII:

תְּמוֹל כָּל חַיִל לְשִׁירוֹתַי יְיַחֵל, וְהַיּוֹם אֵין אֲשֶׁר יִדְרוֹשׁ שְׁלוֹמָם;

וְמִירַי הֻפְּכוּ בַּיּוֹם וְגַם יַד יְהוּדָה הָיְתָה בָּהֶם לְהֻמָּם.

3 „מחברות", מאַקאַמע XIII.

4 דאַרטן, ז' 101: „וסבת היותו מהיר במלאכת השירים, הוא היות משתכר ללמדה לנערים, לא עשה מלאכה אחרת מעודו. ולכן במלאכת השיר גברה ידו".

פאַר אַ באַשטימטן געצאָלט, לידער בײַ געוויסע פייערלעכע אַנגעלעגנהייטן. נאָר פון אַלץ, וואָס דער ערשטער דיכטער האָט געשריבן, איז בלויז אויפגעהיט געוואָרן אַ ווערטערבוך פון גראַמען „ערמת החיטים"[1]. ציציליאַנו האָט ניט געהאַט אַזאַ מזל ווי עמנואל, ער האָט ניט געפונען קיין מעצענאַט, וואָס זאָל זאָרגן פאַר זיין דיכטעריש שאַפן, און אַלע לידער, וואָס דער נויטליידנדיקער דיכטער פלעגט צעשענקען און פאַרקויפן פאַר קליינגעלט, בכדי פון הונגער ניט שטאַרבן, זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען, עס איז פון זיי קיין זכר ניט געבליבן.

מער גליק האָט שוין געהאַט אַ צווייטער דיכטער פון יענער צייט — אַ מיטגליד פון אַן אָנגעזעענער רוימישער פאַמיליע — יואב. העכסט וואַרשיינלעך איז דער דאָזיקער יינגערער בן־דור פון עמנואלן דער זעלבער דיכטער יואב בן יחיאל, וואָס פילע פון זיינע רעליגיעזע דיכטונגען געפינען זיך אין מחזור מנהג רומא[2]. דער דיכטער יואב האָט זיך אין פערזענלעכן אומגאַנג געהאַלטן צו שטאָלץ און אויפגעבלאָזן, און ער האָט דערמיט שטאַרק אויפגעבראַכט עמנואלן; יענער איז דאָס דערפאַר אַרויסגעטראָטן קעגן אים מיט דער גאַנצער מאַכט פון זיין סאַרקאַסטישן וויץ („מחברות", מאַקאַמע VIII, 66—70), מעגלעך, אַז עמנואל איז גערעכט, ווען ער וואַרפט יואבן פאָר, אַז יענער איז אומוויסנד אין נאַטורוויסנשאַפטן און אַנדערע חכמות; איינס איז אָבער זיכער: יואב איז געווען אַ באַגאַבטער דיכטער, וואָס האָט מיט זיין פאָעטישער נשמה געפילט די נאַטור אַלס אַ פילפאַרביקע, לעבעדיק־דופטנדיקע געטלעכע אָפנבאַרונג, אַלס אַ וווּנדערלעכע אַנטפלעקונג פון גאָטס אומשטאַרבלעכער מאַכט און פראַכט. אונזער פראָזאַישע איבערזעצונג קאָן, נאַטירלעך, געבן בלויז אַ קנאַפן באַגריף וועגן דער שיינקייט פון יואבס באַקאַנטן רעליגיעזן ליד „יום יום יחידתי":

„יעדן טאָג, מיין אייניציקע*, טו ציטערן און בעטן! יעדן פרימאָרגן :ים אוים דיין געוויין פאַר דעם, וועמען עס טוען ווי אַ מאַנטל אַרומהילן אי גלאַנץ, אי מאַכט, אי מאַיעסטעטישע פראַכט. מיר מאַכן ציטערן און שטוינען זיינע וווּנדערבאַרע מעשים. מיט אים זיינען פול אַלע גרעניצן און וועלטן, ווי אַ מעכטיקער וואָלקן איז שוואַנגער מיט געבענטשטן רעגן, וואָס :אפרוכפערט די לעבעדיקע ערדן־טראַכט, און באַדעקט די וויסטענישן :ים פילפאַרביקן טעפעך פון שווערע גאָלדענע זאַנגען. ער טריפט באַלזאַם־

1 געפינט זיך אַלס מאַנוסקריפט אין אָקספאָרדער ביבליאָטעק.

2 זע צונץ, „ליטעראַטורגעשיכטע", 501.

* ד"ה די נשמה.

אייל אויף די טיפסטע ווונדן, ער היילט און מאַכט פאַרגעסן די גרעסטע ליידן און ווייען...

„ער טוט באַפעלן — און אַלע שטערן באַצירן שנעל דאָס געוועלב פון הימל, ווי צאַרטע בלומען אויף די וויזן בליען, ווי אַן אויפגעשראָקענע מחנה וואַנדער־פייגל, וואָס אויף די פעלדער צעוויטשערן. נאַכטיקע וואַנדערער, וועקט זיי אויף מיט שרעק דער ערשטער זונען־שטראַל, און הכנעהדיק קניען זיי און בוקן פאַר דעם, ווער ס'האָט געשפּאַנט די הימלען און די ערד, וועם עס צערייסט ווי שפּינוועבס די הימלישע געוועלבן און מאַכט ציטערן די טיפסטע אָפּגרונטן אין זייער גרעסטן שטורעם..

„אַליין פון קיינעם נישט באַשאַפן, און פון אַלעמען דער באַשעפער, אַליין אַן פאָרכט און פחד — און די שטאַרקסטע מאַכט ער ציטערן. ווו איז די מאַכט און קראַפט, וואָס קאָן קעמפן קעגן דיר? ווו איז דער וועג און שטעג, וואָס בלייבט פאַר דיר פאַרבאָרגן? שטיי איך פאַר דיר מיט מיין ביטער געמיט; איך בעט רחמים ביי דיר, פאַרגיב מיר מיין שולד, זיי מיר מוחל מיין אומגליק, מיין שאַנד, מיין זינדיקע טאָן. דערפריי מיין האַרץ מיט דער ליכטיקער בשורה: פאַרגעבן איז מיין זינד! דו גרויסער, דו אַלמעכטיקער, וואָס שטראָפסט און פאַרגיסט, און פאַרוואַנדלסט מיטליידפול דעם טאָג פון טרויער אין דעם טאָג פון פרייד...”

נאָך באַנאַכטער ווי יואב איז געווען אַן אַנדער דיכטער, וואָס האָט געלעבט, ווי מען איז זיך משער, אין יענער צייט, אַ דיכטער, וואָס איז כמעט ווי אַ נעלם. מיר ווייסן נישט קיין שום פּרטים פון זיין לעבן, ווייסן נישט ווער ער איז געווען, אין וואָסער לאַנד ער האָט געלעבט; בלויז זיין נאָמען — נחום, איז באַקאַנט, און דאָס אַדאַנק זיינע לידער, אין וועלכע דער דאָזיקער נאָמען איז איינגעפלאָכטן. מ. זאַקס רעכנט אים צווישן די שפּאַנישע דיכטער, אַנדערע געפינען, אַז אין די לידער פון דעם דאָזיקן אומבאַקאַנטן דיכטער פילט זיך דער אָטעם פון דער רענעסאַנס־תקופה. אויך מיר זיינען דערמיט מסכים און דערמאָנען אים דערפאַר צווישן די „מליצי רומי”, צווישן עמנואלס צייט־חברים [1]. זייער קליין אין פאַרנעם איז נחומס פּאָעטישע ירושה. בלויז זעקס דיכטונגען זיינען דערגאַנגען צו אונז, וואָס טראָגן זיין נאָמען [2]. דאָך זאָגן אָט די געציילטע לידער עדות, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַן אמתן דיכטער, מיט אַ שטאַרקן זאַפטיקן טאַ-

1 העכסט וואַרשיינלעך איז נחום געווען עלטער פון עמנואלן, חייל אין דער אַדאַנק אירע קונסט־מיניאַטורן באַרימטער סאַראַיעווער האַנטשריפטלעכער הגדה, וואָס איז געשריבן נישט שפּעטער ווי אין דער ערשטער העלפט XIV יאָרהונדערט, געפינען זיך שוין צוויי פּיוטים פון אונזער דיכטער.

2 צונץ, „ליטעראַטורגעשיכטע”, 492.

לאַנט. אונזער פּראָזאַישע איבערזעצונג פון זײַנע צוויי לידער זײַנען נאַטירלעך נים אימשטאַנד צו געבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן דער אייגנאַרטיקער שיינקייט פון דער דאָזיקער צאַרטער צניעות-גראַציעזער מוזע.

I.

„פאַרבײַ איז דער ווינטער, מיט אים אויך דער טרויער פאַרביי! עס באַדעקן מיט צוויט זיך די ביימער, מיט פרייד טוט מיין האַרץ אויך אויפבליען. ווי דופטן די גאַרדן, זייער ריח מאַכט באַטרינקען, מיין בליענדיקער גאָרטן טוט לאַכן און יויכצן, פול זיינען די הערצער מיט פרייד און מיט גליק...

„מיין ליבער, מיין שיינער, דו האָסט מיך פאַרלאָזן! גענוג שוין צו וואַנדערן, קער אום אין מיין היים; איבערפול איז מיין בעכער, מיין זאַפט און מיין ווײַן זיי וואַרטן אויף דיר...

„שנעל פאַרגייט דער וויי און קומער, ווען די ביימן די גרינע אומצירן די מירטן מיט זייער דופטיקן קראַנץ. פאַר דעם פאַרבישופטן שפּיל פון דער פאַרבן-פּראַכט טוען אומעט און שמאַרץ שנעל פאַרשווינדן.

„גאַנצע טורעמס פון דופטיקע צווייגן און בלומען טריפן בשמים און געווירצן אויף מיר; איך בין געפאַנגען, איך בין אין גריניעם געפענגעניש — מיך האָבן די געדיכטע צווייגן פונם גוסבוים פאַרצוימט. און רונד אַרום פון אַלע ביימער הויכט מיט דופט און שמעקעדיקן שאָטן. לינקס שימערירן די קאַסיאַ-ביימער, רעכטס טוען די אַלאָען בליען...

„ווי קונציק, ווי געשליפן שיין איז יעדער קעלך — דער בלומענבעכער! און פול איז דער בעכער, ער פינקלט, ער גליצערט מיט באַרוישנדיקן זאַפט — אין אים וועל איך מיין צער דערטרינקען, דעם טרויער, וואָס נאָגט אין מיין האַרצן....

„וו איז ער, מיין היים געליבטער, וואָס האָט גערוט ביי מיינע ברוסטן! ער האָט מיין געצעלט פאַרלאָזן, אין פרעמדע וועלדער טוט ער בלאָנדזשען. אָ, קום צוריק צו דיין געליבטער, רוען וועסטו אין אירע אָרעמס, איינגעוויגט פון אירע לידער...

„מיין געווינטשטער, מיין ליבער! ווי אַ פלאַמענדיקער פאַקל באַשיין מיך מיין וועג! דו ביסט מיין געזאַלבטער! אין מיין טיפער פינסטערניש זיי מיין מאָרגנשטערן, מיין ליכטיקער קאַיאָר!!“[1].

---

1 דאָס ליד „הסתיו ארה, ארח טעצבי“.

II.

„נאַרד און קראָקוס בליען אין מיין גאָרטן. די דערנער זיי זיינען פאַרוועלקט און באַרדאַכט. און דאָרט וואו דער זילבערנער קוואַל טוט פליסן, שימערידיק די העל־גרינע מירט. אָפּגעוואָרפן האָבן אַלע ביימער דעם אַבלדיקן מאַנטל, און גליקלעך לאַכן ניי אין זייערע דופּטיקע קליי־דער. ווי עס יובלט אַלץ ארום: עס גורס די טורטלטויב און די לאַרך צווישערט, יעדער אויף זיין שפּיגער; ווער אויף צאַרט שפּילע מענער, ווער מיט הילכיקן טרילער — אַלע גיסן זיך צוגויף אין איין קאַפּעליע, אין איין שטורמיש פרייד־געזאַנג — אַ לויב און דאַנק־געזאַנג דעם מעכטיקן באַשעפער!..

„זעט ווי די רויזן־ביימן האָבן זיך אין פורפור אויסגעפוצט, די גראַנאַט־ביימער שיינען מיט זייערע ראָז־ווייסע בליטן. און דאָס ראָז־ווייסע געלעכטער דערפרייט אַלע מענטשן־הערצער, געפינט אַ הילכיקן אָפּ־קלאַנג ביי די, וואָס וואכן מונטער, און אויך ביי די, וואָס טרוימען אין זיסן דרעמל...

„אָט האָט דאָס פאַרנאַכטיקע ווינטל אַ ווייע געטאָן — און פון אַלע קוסטעס, פון אַלע בלומען טוט טריפן מיט טל, מיט טל, וואָס דער־פרישט ווי באַלזאַם די אין אַרבעט פאַרהאָרעוועטע, מאַכט פאַרגעסן אָן צ׳ים און פיין...

„דאָרט, אין עס מזרח, ווערט ליכטיק און העל — מיין גאָלדענע זון האָט אירע ערשטע שטראַלן געשיקט. אין מיין גאָרטן דעם גרינעם האָבן זיך נייע שפּראָצן באַוויזן, און אין די אויערן קלינגט די בשורה: אויך דודס שפּראָץ [1] פאַנגט אָן צו בליען... דערזען האָט מיין פריינד, ווי גרויס מיינע לייד, זיין פאַרלאַנגער הייס האָט ער מיטלייד געשענקט. עס קומט דער טאָג פון דער ליכטיקער גאולה, ער ברענגט באַפרייונג פאַר די, וואָס האָבן אין קייטן געשמאַכט און שטענדיק געהאָפט און גע־וואַרט...“ [2].

אַ באַזונדערן אָרט פאַרנעמט צווישן די „מליצי רומי“ פון עמנואלס דור קלונימוס בן קלונימוס, וואָס איז אין דער קריסטלעכער וועלט באַ־קאַנט אונטערן נאָמען Maestro Calo. ער איז ניט קיין איטאַליענער פון געבורט; שטאַמט אויס דער אַלטער פּראָוואַנסאַלער שטאָט אַרל פון אַ זייער אָנגעזעענער פאַמיליע, וועלכע פירט איר יחוס אויס דער משפחה קלונימוס, וואָס איז אין מלך קאַרלס צייטן איבערגעפאָרן פון דער איטאַלי־

1 דודס שפּראָץ — דאָס איז משיח, דער גואל.

2 נאולה לשמיני עצרת „נרד וכרכום צץ בנני“.

יענישער שטאָט לוקא אין די רייניש שטעט [1]. דער יונגער קלונימוס [2] האָט באַקומען אַ פּילזייטיקע דערציִונג: חוץ תּלמודישע ליטעראַטור האָט ער פלייסיק שטודירט מעדיצין און פילאָזאָפיע און גרינגלעך זיך באַקענט מיט דער אַראַבישער און לאַטיינישער שפּראַך. פונם צוואַנציקסטן יאָר אָן הייבט זיך אָן זיין וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט. זיין אויפגאַבע איז — נעענטער באַקענען די קריסטלעכע און יידישע וועלט מיט די וויסנשאַפטלעכע אוצרות פון דער אַראַבישער קולטור, און אין משך פון גאַנצע צוואַנציק יאָר איבערזעצט ער מיט אומדערמידלעכן פלייס פילע וויסנשאַפטלעכע אַראַבישע ווערק אויף העברעיש און לאַטיין. אין אַוויניאָן, וווּ ער האָט זיך באַזעצט אין יאָר 1314, האָט ער זיך באַקענט מיט דעם וויסנבאַגיריקן קיניג קאַרל פון אַנזשו, און יענער האָט אים געשיקט קיין רוים צוליב וויסנשאַפטלעכע צוועקן. דאָרט איז ער באַלד געוואָרן אַ באַליבטער מיטגליד פון די אָרטיקע פילאָזאָפישע קרייזן און זיך באַפריינדעט מיט עמנואלן. דער דיכטער האָט אין באַגייסטערטע לידער באַזונגען די מעלות פון זיין פּראָוואַנסאַלישן פריינד, האָט ערקלערט קלונימוסן פאַרן „קיניג צווישן די איבערזעצער" און פאַר דעם גרעסטן סטיליסט פון זיין צייט [3]. און אַז קלונימוס האָט אויס פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן געמוזט פאַרלאָזן רוים און זיך צוריקקערן אין זיין היים, האָט עמנואל געשיקט אַ בריוו דעם ראש פון דער קהילה אין אַרל, וווּ ער זאָגט אַרויס אין זיין אייגענעם נאָמען און אינם נאָמען פון דער גאַנצער רוימישער קהילה דאָס טיפע

1 זע פריער ז׳ 10.

2 קלונימוס איז געבוירן אין 1286, ווי עס איז זיך לייכט משער צו זיין פון איינעקע זיינע באַמערקונגען. צום סוף פון איינער זיינער אַן איבערזעצונג, וועלכע ער האָט פאַרענדיקט אינם ערשטן אַפּריל 1308, ווייזט קלונימוס אָן, אַז אים גייט דאָס צוויי־און־צוואַנציקסטע יאָר (זע שטיינשניידער, העבר. איבערז., 653; Les ecr. juifs fr 419). אין פירקאָוויטשעס ערשטער קאָלעקציע געפינט זיך אונטער נומ׳ 424 אַ מאַנוסקריפּט פון אבן רשדס ווערק (ביאור השמע הטבעי) אין קלונימוסעס איבערזעצונג, וואָס יענער האָט פאַרענדיקט אין דער שטאָט אַרל אין 1316, און דאָרט ווייזט קלונימוס אָן, אַז ער איז אַלט „דאָס דרייסיקסטע יאָר": „נשלמה העתקת ביאור השמע הטבעי לחכם אבן רשד בי״ט אלול בשנת ע״ו דפרט והעתקתיו אני קלונימוס בר׳ קלונימוס בר׳ מאיר בעיר ארלד בהגיעי לשנת השלשים" (זע אויך וועגן דעם: „צייטשריפט פ. העבר. ביבל.", XII, 152). אויס דעם פּאָלעמישן ווערק, מיט וועלכן קלונימוס איז אַרויסגעטראָטן קעגן יוסף אבן כספי (פאַרעפנטלעכט דורך פּערלעס אין 1879), זעט מען, אַז דער יונגער קלונימוס האָט זיך ערצויגן אין סאַלון, און זיינע לערער זיינען געוועזן משה דבאַלקאַרי און סען אַסטרוק.

3 „מחברות", XVIII, ז׳ 184:

לו ראית אותו מעתיק ספרי בין ובידו קולמוס
אז ראית קהלת וישעיה, אז ראית עמוס.

באַדויערן, וואָס זיי מוזן זיך צעשיידן מיט אַ מאַן פון אַזאַ פילזייטיקן וויסן און אויסערגעוויינלעכן איידעלן כאַראַקטער[1].

די יאָרן, וואָס קלונימוס האָט פאַרבראַכט אין רוים, האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף זיין גאַנץ גייסטיק שאַפן. זייער באַגאַבט און פול מיט שפּראָצנדיקן וויץ, האָט קלונימוס גענומען אַ נאָענטן אָנטייל ניט בלויז אינם גייסטיקן לעבן פון דער רוימישער קהילה, נאָר אויך אינם רעש־דיקן לוסטיקן אַלטעגלעכן לעבן פון דער אַלטער וועלט־שטאָט. וועגן דעם זאָגט עדות זיין גלענצנדע פורים־פּאַראָדיע „מסכת פורים". פריער, ווען ער האָט נאָך געלעבט אין דער פּראָוואַנס, האָט ער אין זיין וויכּוח מיט אבן־כּספּי יענעם פאָרגעוואָרפן אַלס פאַרברעכן, וואָס ער האָט זיך דער־לויבט צו דערמאָנען ניט מיט דעם געהעריקן רעספּעקט איינע פון אונזערע „אמהות" די מוטער רבקה. איצט אָבער, נאָכדעם ווי קלונימוס האָט פאַרבראַכט אַ צייט אין דעם „זינדיקן" רוים, ערלויבט ער זיך אַליין צו שרייבן אַ וויציקע פּאַראָדיע אינם סטיל פון די הייליקע ספרים — פונם תּלמוד און מדרש[2]. פיל שפּיציקע פיילן און שפּאָטישע באַמערקונגען זיינען אין קלונימוסעס סאַטירע געצילט קעגן באַוווסטע מיטגלידער פון דער רוימישער קהילה[3]. נאָר העכער פון אַלץ הערט זיך דאָס הילכיקע פריילעכע געלעכטער פון דעם גוטמוטיקן לץ מיט זיינע וויציקע קונדייסישע אָנשטעלן. דער גייסט פון דעם יונגן איטאַליענישן רענעסאַנס פילט זיך זייער שטאַרק אין דער דאָזיקער לעבנסלוסטיקער פּאַראָדיע, וווּ עס ווערן געגעבן די גענויסטע ידיעות וועגן רוישיקע, יומטובדיקע סעודות און רייכע מאָלצייטן מיט די פיינסטע שפּייזן און טייערסטע ווייגען[4].

---

1 דאָרטן, ז' 184—185.

2 נאָענט אינם נוסח פון פּרקי אבות שרייבט קלונימוס: „הבקבוק קבל תורת מכרמי, ומסרה לנח ונח ללוט; לוט לאחי יוסף ואחי יוסף לנבל הכרמלי, ונבל הכרמלי לבן הדד ובן הדד לבלשצר ובלשצר לאחשורוש, ואחשורש לרב ביבי. בימי רב ביבי נתמעטו הלבבות וראו שהיתה נקלה להשתכח תורה בישראל..."

3 דעם גרעסטן חלק באַקומט דאָרט איינער פון די פּרנסים און זיין פרוי, וועלכע ער רופט מיט דעם צווייזייטיקן נאָמען „קרדינלית".

4 קלונימוסעס פריילעכע סאַטירע האָט אין שפּעטערדיקע ציטן אַרויסגערופן פיל אומצופרידנקייט ביי די פרומע רבנים, דערפאַר, וואָס אין איר ווערט פּאַראָדירט דער סטיל פונם תּלמוד. דער בייזער קנאי שמואל אבוהב האָט אין זיינע „שאלות־תשובות" (נומ' 193) אַרויסגעזאָגט דעם ווונטש, אַז מען זאָל דאָס דאָזיקע „פּרעפּלערישע" בוך פאַרטילגן, און דער דאָזיקער ווונטש איז אין אַ געוויסן זין מקוים געוואָרן. פילע עקזעמ־פּלאַרן פון קלונימוסעס „מסכת פורים" האָט מען איינציקווייז פאַרברענט, און עקזעמ־פּלאַרן פון דער ערשטער אויסגאַבע (1552) זיינען איצט פון די גרעסטע יקר המציאותן. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט אַ האַנטשריפטלעכער קאָפּיע, וואָס געפינט זיך אין לענינ־גראַדער אַזיאַטישן מוזיי. קלונימוסעס ווערק האָט געדינט אַלס מוסטער פאַר פילע אַנ־דערע פּאַראָדיעס, וואָס זיינען דערשינען אין דער ניי־העברעישער ליטעראַטור.

אין די יאָרן, וואָס קלונימוס האָט פאַרבראַכט אין רוים (1318—1322) האָט ער איך אָנגעשריבן דעם באַדייטנדסטן טייל פון זיין געזעלשאַפטלעכער סאַטירע „אבן בוחן" (פּרוּוו=שטיין). דער דאָזיקער אין רוים פאַרפאַסטער טייל איז געשריבן אין געריימטער פּראָזע און עס פילט זיך אין אים שטאַרק די השפּעה פון עמנואלס דיכטונגען. גאַנץ אינם נוסח פון זיין עלטער"ן פריינד, איז קלונימוס מיט אַ לצנישן שמייכל אויף די ליפּן זיך מתוודה אויף זיינע „שווערע" זינד. „דאָס האַרץ — קלאָגט זיך כּלומרשט דער סאַטיריקער — דאָס האַרץ איז אין אַלץ שולדיק, עס ברענגט צו אַלע עבירות. ער איז דאָך אַ פּשוטער בשר ודם, איז ער אויך ניט ביינגעשטאַנען דעם יצר=הרע, האָט גענאַסן פון כל טוב, געגעסן און געטרונקען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, אָנגעטאָן זיך אין די טייערסטע קליידער און פיל זיך אָפּגעגעבן מיט פרויען=ליבע. ער האָט בכלל טענות צום רבונו=של=עולם, פאַרוואָס ער האָט אים באַשאַפן פאַר אַ מאַנסביל און ניט אַלס פרוי. „אַ קלאָג איז צו דעם — רופט ער אויס מיט אימפעט — וואָס האָט מיין פאָטער אָנגעזאָגט די בשורה: דיר איז אַ זון געבאָרן. ווי איז צו דעם, וואָס זיינע קינדער זיינען זכרים! וואָס פאַר אַ שווערער יאָך וואַרט אויף זיי. עס וואַרטן דאָך אויף זיי גאַנצע מחנות פאַרבאָטן און געבאָטן, גאַנצע תרי"ג מצוות, פון טאָן און ניט טאָן. ווער איז אימשטאַנד דאָס אַלץ צו דערפילן? קיין מענטש איז ניט בכּוח יוצא צו זיין; ער מעג זיך פלייסן ווי ער וויל. ווער קאָן ביישטיין קעגן גאַנצע פאַלקן? עס איז אוממעגלעך זיך צו ראַטעווען, מען פאַרבלייבט אַ זינדיקער און עובר עבירות... ווי ווייל וואָלט מיר אָבער געווען, איך זאָל געווען געבאָרן ווערן אַ מיידל. איך וואָלט מיר רויק, אָן דאגות, געזעסן ביים שפּינראָד, צי ביי שטיקערייען צוזאַמען מיט מיינע חברטעס; מיר וואָלטן זיך אונטערהאַלטן ביים שיין פון דער לבנה אָדער אינם געמיטלעכן טונקל פון בין=השמשות. דערציילט שיינע מעשיות, געשמועסט וועגן אַלע נייסן, וואָס זיינען געשען אין שטאָט. אַך, וואָס פאַר אַ בריה איך וואָלט געווען אין שטיקערייען, מען וואָלט זיך ניט געקאָנט פאַרחידושן, וואָס פאַר אַ קונציקע געמעלן איך ניי און האַפט אוים מיט די שענסטע זיידנס פון די פּראַכטפולסטע פאַרבן... און דערנאָך, ווען עס קומט די צייט פון חתונה — וואָס פאַר אַ שיינער יונג עס וואָלט געפאַלן אין מיין גורל, ווי געליבט, ווי געצערטלט וואָלט ער מיך; ער וואָלט מיך געפּוצט אין גאָלד און אין די מענטן, ער וואָלט מיך אויף די הענט געטראָגן, געהאַלזט און געקושט... צו מיין ביטער מזל בין איך אָבער אַ מאַנספּאַרשוין. אַזוי האָט גאָט געוואָלט, און ס'איז שוין פאַרפאַלן, פון אַ מאַנסביל וועל איך שוין קיין פרוי ניט ווערן, מוז איך דאָס אָננעמען פאַר ליב און דאנקען דעם

שם יתברך מיט אַ פרומער מינע: "ברוך אתה ד' שלא עשני אשה"[1].

ווייטער ווערט דער טאָן פון דעם ווערק אַ מער ערנסטער דער דיכ-טער ווערט אַ מוכיח, אַ מאָראַל-פּרײדיקער; און די דאָזיקע שטראָף-רייד פון קלונימוס בן קלונימוס באַקומען אַ באַדײַטנדיקן עטנאָגראַפיש-קולטורעלן ווערט, ווייל אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ דער דעמאָלטיקער לעבנס-שטייגער, און מיר ווערן אויס זיי געוואָר, ווי אַזוי די איטאַליענישע יידן האָבן אינם דור פון עמנואל און קלונימוס פאַרבראַכט זייערע יום-טובים, מיט וואָסערע ליצנישע ווערטלעך מען פלעגט זיך באַגריסן ראש-השנה אין אָוונט[2], ווי אַזוי יונגע לעב-מענער פלעגן זיך אויפפירן אין די עשרת ימי תשובה, וואָס פאַלן גראָד צונויף מיט דער צייט, ווען מען צעניסט די פרי-ע, ערשט אָפּגעשטאַנענע ווײַנען[3], אָדער ווי מען פלעגט זיך שפּאַרן און דינגען ביים טיילן די "עליות" אין יום-כיפור[4]. אגב, באַקענט אונז דער "אבן בוחן" מיט די יום-טובדיקע מאָלצייטן, מיט די רייך באַפּוצטע סוכות[5], מיט די פרייִלעכע שפּילן און אונטערהאַלטונגען אין די חול-המועד-טעג[6]. די כלל ניט ניכטערע קערמישן אום חנוכה[7], די רוישנדיקע פילפאַרביקע קאַרנאַוואַלן פורים-צייט, ווען דער עולם איז געווען שטאַרק בגילופין פון די ווײַנען און משקאות[8], די ברייטע הכנות צו דער סדר-נאַכט[9], די געשמאַקע מאכלים צו דער מילכיקער סעודה אום שבועות[10]. — אַלץ שילדערט אונז קלונימוס אויף זיין שטייגער: לוסטיק, לעבעדיק, אין גרעלע שרייענדיקע פאַרבן.

ווי עמנואל, אַזוי מאַכט זיך אויך קלונימוס לוסטיק איבער די דאָקטוירים-שאַרלאַטאַנעם[11], איבער פאַרטריקנטע פעדאַנטן-פילאָזאָפן[12], טאַלאַנטלאָזע שירים-שמירער[13], אויפגעבלאָזענע גבירים, גאַוודיק-נאַרי-

---

1 "אבן בוחן", 15—18.
2 דאָרטן, 25.
3 דאָרטן, 26.
4 דאָרטן, 27.
5 דאָרטן, 27.
6 דאָרטן, 28.
7 דאָרטן, 28.
8 דאָרטן, 29-30.
9 דאָרטן, 31—32.
10 דאָרטן, 33.
11 דאָרטן, 44—48.
12 דאָרטן, 52—53.
13 דאָרטן, 54.

שע יחסנים [1]; נאָר מאַקע דערבײַ שטראָפט ער אויך מיט דער רוט פון דעם סאַטיריקער די סאָציאַלע עוולות און אומגערעכטיקייטן. מיט כּעס און רוגז רעדט ער וועגן קהלשע רעדלפירער צבועקעס. „איך קען זײַ גענוג, אַט די צבועקעס מיט די פאַרגלייזטע אויגן, וואָס זײַנען כּלומרשט אײַנגאַנצן אויסגעטאָן פון עולם הזה, טוען אַלץ מתפּלל זײַן פאַר גאָט, און שטילערהייט טוען זײ אָפּ די שענדלעכסטע מעשׂים; זײ באַהענגען מיט מזוזות די טירן און פול מיט בלוט און זינד זײַגען די שוועלן פון זייער הויז; וויקלען אַרום זייערע אָרעמס מיט רצועות פון תּפֿילין, און זייערע הענט זײַנען אײַנגעשמירט אין אומשולדיק בלוט פון אָרעמע לייט...[2]

אין רוים. ווי אויך אין אַנדערע באַדייטנדיקע צענטערן אין איטאַליע און פּראָוואַנס, פלעגן גאַנץ אָפט בײַ די הויפן פון די אָרטיקע שררות שפּילן א באַדייטנדיקע ראָלע יידישע באַנקירן און גבירים. די דאָזיקע „השובים" פלעגן ניאַפע אָפטמאָל טאָן טובות זייערע ברידער, זײַן א „מליץ-טוב" פאַר דער קהילה בײַ דעם האַר פון דער שטאָט. עס פלעגט אָבער אויך צײַטנווייז טרעפן, אַז אַזוינע הויף-יידן פלעגן אויך אויסנוצן „להרע" זייער „חשיבות", שרעקן דערמיט זייערע קעגנער, אַנוואַרפן אַן אימה אויף דער קהילה, אַלע זאָלן זײַן נכנע פאַר זײ. אָט קעגן זײ טרעט עס אַרויס קלונימוס מיט זײַנע צאָרנדיקע ווערטער: „זײ באַרימען זיך מיט זייער חשיבות, שטאָלצירן דערמיט, וואָס זײ האָבן חן אין די אויגן פון די כריסטלעכע פּירשטן, זײ שרעקן אַלעמען: מיר זײַנען אָנגענומען אין הויף, מיר קאָנען זיך נוקם זײַן!" [3].

מיט פיל ביטערקייט רעדט אויך קלונימוס וועגן די רבנים און דיינים פון זײַן צײַט: „ זײ פירן צווישן זיך שטענדיק מחלוקת, יעדער פלייסט זיך אונטערשטעלן דעם אַנדערן א פיסל; איז אײנער וואָס מתּיר, אַכרט עס גלײַך דער צווייטער: „זייער לערנען איז אויך נאָר פון כּבוד וועגן; הײנט ווײַל פון זײ נעמען שוחד, משפּטן פאַלש, לערנען און פּסקענען נאָר פאַר געצאָלט, פאָדערן שׂכר פאַר יעדן וואָרט, פאַר יעדע פּרט, אַלץ ווערט בײַ זײ אָפּגעשאַצט נאָר אויף געלט" [4].

---

1 דאָרטן, 36.

2 דאָרטן, 40—41.

3 דאָרטן, 59: „מי מהם שיתפאר באוהביו ומיודעיו, מליציו ורעיו, נגידיו ושועיו, נשוא חן אני בעיני הנוצרים, מדרגתי נחשבת בבתי הנוצרים, יכול אני להנקם... יד ושם יש לי בחצר המלך".

4 דאָרטן, 56—57: „מהם אשר ללמוד יגש ויקרב על מנת שיקרא רבן; ומהם בשוחד ישפוט ובמחיר יורה, שכר על כל דבור ודבור שהוא מלמד וקורא" (מיר ציטירן לויט דער לעמבערגער אויסגאַבע פון 1865).

קלונימוס איז אָפּגעפאָרן פון רוים בעת זיין „אבן בוחן" איז גאָר ניט געווען פאַרענדיקט. דעם שלום האָט קלונימוס געשריבן ערשט אין דער היים אין סוף 1322 אָדער אין יאַנואַר 1323 [1]. און אָט דער שלום־טייל פונם „אבן בוחן" אונטערשיידט זיך אַזוי שאַרף, הן אין דער פאָרם, הן נאָכן אינהאַלט, פון דעם ערשטן גרעסערן טייל, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין איטאַליע. נישטאָ מער דער מאַקאַמען־סטיל מיט זיין געריימטער פּראָזע; פאַרגעסן אינם פרייליכן געלעכטער האָט אויך קלונימוס, ווי נאָר ער האָט דאָס לוסטיקע רוים פאַרלאָזן. דאָרט, אין זיין היים, אין דער שיינער פּראָווענס האָבן גראָד דעמאָלט (1320—1322) די אָרטיקע ייִדן איבערגעלעבט די שרעקן פון די בלוטדורשטיקע באַנדעס פּאַסטעכער און „קרעציקע", וואָס האָבן זייער גאַנצן פאַרביטערטן האַס אויסגעלאָזן צו די שוצלאָזע יידישע קהילות. ערשיטערט פון די אימהדיקע מעשים, דערוועקן זיך אין קלונימוסן גאַנץ נייע שטימונגען, שטימונגען פון טרויער און פרומער אונטערטעניקייט. קלונימוס, דער פריערדיקער לץ און סאַטיריקער, ווערט אַ בעל־תשובה: הכנעהדיק לויבט ער גאָט, און נעמט אָן פאַר ליב זיין שטראָף. מיט שטילן טרויער רעדט ער וועגן דער נישטיקייט פון דעם מענטשנס לעבן; ווי אַ שאָטן פאַרשווינדן אַלע זיינע פריידן, זיין גאַנצע מאַכט און גרויסקייט. אין אַ האַרציק ווייכן טאָן רעדט קלונימוס וועגן די גרויסע ליידן, וואָס די פּראָווענסאַלער ייִדן האָבן איבערגעלעבט די לעצטע צוויי יאָר, און מיט הכנעהדיק צאַרטע אַקאָרדן קלינגט דער סוף פונם ווערק, ווו דער פאַרפאַסער ווענדט זיך מיט אַ תפילה צו גאָט, און בעט הילף און שוץ פאַר זיינע ליידנדיקע ברידער...

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז די „מסכת פורים" און דער „אבן בוחן" זיינען ניט געווען קלונימוסעס איינציקע ליטעראַרישע אַרבעטן.

---

1 בעת קלונימוס דערמאָנט די פאַרטרייבונג פון די ייִדן אויס דער פּראָווענס, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1306, שטרייכט ער אונטער, אַז דאָס איז פאָרגעקומען „צוריק מיט 17 יאָר" (דאָרטן, 102). אין די שלום־שורות פון „אבן בוחן", ווו דער פאַרפאַסער ווייזט אָן די דאַטע, ווען ער האָט זיין ווערק פאַרענדיקט, געפינט זיך דער אויפפאַלנדיקער זאַץ: „בן שלש ושמונים אני". די ביאָגראַפן האָבן דערפון געדרונגען, אַז קלונימוס איז שוין געווען אַ זקן פון 83 יאָר, בעת ער האָט זיין „אבן בוחן" פאַרענדיקט. נאָר שוין צונץ האָט אָנגעוויזן („געזאַמעלטע שריפטען", III, 150—151), אַז דער טעקסט איז פאַרגרייזט דורך די אָפּשרייבערס, און אַז דאָ רעדט זיך וועגן דעם 83טן יאָר פונם זעקסטן טויזנט לויט יידישער צייט־רעכענונג (ד"ה 1323). קלונימוס אָבער איז דעמאָלסט אַלט געווען בלויז 38 יאָר. לויט ש. מונקס מיטטיילונג („צייטשר. פ. העבר. ביבל.", XIII, 123) האָט קלונימוס זיין ווערק פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „סיימתי האנרת בחדש העשירי הוא חדש טבת, והעולם אחר האלף החמישי בן שלש ושמונים שנה, אני הוא הדל באלפי וכו'".

נים אומזיסט הייסט ער ביי עמנואלן „דער פירשט צווישן די איבערזעצער”. מיר ווייסן שוין, אז אויפן ווונטש פון דעם קיניג קארל פון אנזשו האט קלונימוס איבערזעצט א סך וויסנשאפטלעכע אראבישע ווערק [1] נאר א ריין ליטעראַרישן ווערט האט פון די אלע ארבעטן בלויז קלונימוסעס „אגרת בעלי חיים”. דער אראבישער רעליגיעז-פילאזאפישער אָרדן „גאטספארכטיקע ברידער” (רסיאל אכואן אלצפא) האט א גאנצע ענציקלאפעדיע געשאפן, וועלכע האט געהאט א געוויסע השפעה אויף דעם גייסטיקן לעבן פון יענער צייט [2]. אט פון דעם דאזיקן ריזן-ווערק האט קלונימוס בלויז איין קאפיטל ארויסגענומען, געמאכט דערפון א זעלבשטענדיק ווערק, א מין עפאס פון חיות און פייגל, וואס דערמאנט ערטערווייז אן „כלילה ודמנה” [8], און עס א נאמען געגעבן „אגרת בעלי חיים”. קלונימוסעס ווערק, וואס איז געשריבן אין א לייכטער פארשטענדלעכער שפראך, האט שטארק אויסגענומען ביי יידן; מען האט עס מערערע מאל געדרוקט, און בכדי אייך דער פשוטער עולם און ווייבער זאלן עס קאנען לייענען, האט מען עס איבערגעזעצט אויף יידיש. און דער „אגרת בעל חיים” האט טאקע באדינט צו ווערן א פאלקס-בוך. עס איז פול מיט וויץ און שארפן הומאר, און דאס אלץ צוגעווירצט מיט מוסר און מאראלישע סענטענצן, טראגט אן אמת פאלקסטימלעכן כאראקטער, איז איינגעשפונען אינם קונציקן געוועב פון פשוטע מעשהלעך וועגן חיות און פייגל.

דער עפאס הייבט זיך אן מיט דער באשרייבונג, ווי די חיות שיקן א גאנצע דעפוטאציע צום מלך פון די גייסטער אנקלאגן די מענטשן, וואס האבן מיט געוואלד זיך אונטערטעניק געמאכט אלע חיות, און ארבעטן מיט זיי עבודת פרך. דער מלך פון די גייסטער, מיטן נאמען בידסף, איז א לייטזעליקער און גנעדיקער קיניג. ער האט צונויפגערופן אלע זיינע יועצים און ראטגעבער און געגעבן א באפעל, אז ס׳זאלן קומען צום משפט פארשטייער פון אלע אומות, או אויך פון אלע מיני חיות, פייגל, אינזעקטן, רמשים און שרצים. דער קיניג בידסף האט געזאלט

---

1 דעם פולשטענדיקן רייסטער פון קלונימוס׳ס איבערזעצונגען זע: צונץ, „געזאמעלטע שריפטען”, III, 153—154; שטיינשניידער, „העבר. איבערז.”, אינדעקס; באזונדערס: רענאן-נייבויער, Les ecpiv. juifs fr., 424—441, וו עס ווערן באריכות באשריבן דרייסיק ווערק, וואס קלונימוס האט איבערזעצט.

2 מער באריכות וועגן דער דאזיקער ענציקלאפעדיע זע: „העבר. ביבל.”, XIII, 29—37, 16—18.

8 איינער פון די דאזיקע צוויי שאקאלן, כלילה, פיגורירט, אגב, אויך אין „אגרת בעלי חיים”.

אויסהערן אַלע טענות, דערנאָך זיך באַראַטן מיט זייגע קלוגע יועצים און ארויסטראָגן דערביי אַן ענדגילטיקן פסק. צו קיין פסק איז עס פאַקטיש ניט געקומען, וואָרעם ניט ער אינטערעסירט די „גאַסטפאַרכטיקע ברידער" און זייער יידישן אויסטייטשער. דער עיקר זייגען די טענות גופא, דער שטייגער ריידן און דאָס האַלטן זיך פון די צדדים, פון די אַלע אויפן „סיים" צונויפגערופענע פאַרשטייער.

מיט וואָס פאַר אַ פייגער איראָניע עס ווערט געשילדערט דער פחד, וואָס פאַלט אָן אויף די מענטשן, בעת די חיות האָבן מורד געווען און גענאַנגען זיך קלאָגן צום קיניג. „סטייטש, ווי הייסט? — האָבן געשריען די אויף טויט דערשראָקענע מענטשן — ווי קאָן מען עס זיין אָן חיות און בהמות? ווי קאָן מען עס אויסקומען אָן פלייש און מילך, אָן וואָל און אָן פעל?" און מען הייבט אָן טרעפן און פאָראויסזאָגן, וואָס דער מלך וועט פסקענען: צו וועט ער הייסן באַפרייען די חיות אָן אַ שום פאַרגיטיכונג, אָדער די באַפרייטע וועלן לכל הפחות מוזן ארויסצאָלן זייערע געוועזענע באַלעבאַטים [1]. אייניקע לייגן פאָר, מען זאָל דעם שני למלך, וואָס איז דער עלטסטער צווישן די יועצים, אונטערקויפן מיט כאַבאַר, ווייל „אַ מתן בסתר מאַכט ניט זעענדיק די קלוגסטע אויגן" [2]. און לעבעדיקע און גרעלע פאַרבן ווערן געשילדערט די וואַלן, ווי אַזוי אַלע חיות און שרצים, וואָס לעבן אויף דער יבשה און אין די ימים, פונם לייב מיטן האָפּיש ביז דעם קלענסטן פליגעלע — אַלע באַטייליקן זיי זיך אין דעם קלייבן פאַרשטייער פאַר דעם סיים (אל הקבוץ ואל הוועד), וואָס דאַרפ זיך צונויפזאַמלען אויפן קיניגס באַפעל. דאָ באַווייזט זיך באַזונדערס בולט, ווי געניט די „גאַסטפאַרכטיקע ברידער" זייגען געווען אינם לעבנסשפייגער פון אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס וואַקסן און ווידמען זיך אויף נאַטס וועלט. מיט וואָס פאַר אַ ליבע און צאַרטער אויפמערקזאַמקייט זיי שטעלן זיך אָפּ אויף אַלע אייגנשאַפטן און אייגנאַרטיקע פרטים, מיט וועלכע עס אונטערשיידט זיך איין אַרט באַשעפעניש פון די אַנדערע. ווי האַרציק און מילד עס ווערט באַשריבן דער שטייגער־לעבן פון די בינען [3], מערעשקעס [4], היישעריקן [5], זיידשפינווערים [6] וכדומה.

---

1 „אגרת בעלי חיים", קאַפּ' 3.

2 דאָרטן: „שוחד ומתן בסתר יכפה ויעור עיני פקחים וילמדו עלינו זכות".

3 דאָרטן, 49.

4 דאָרטן, 52.

5 דאָרטן, 53.

6 דאָרטן (מיר ציטירן לויט דער וואַרשעווער אויסגאַבע, 1877).

דער משפּט הייבט זיך אָן. די מענטשן טענהן אַלץ, אַז אַזוי איז דער כּדר העולם: „מיר זיינען די האַרן און די חיות — אונזערע קנעכט (שאנו אדונים והם עבדים), און אַז די השגחה אַליין פירט עס אַזוי — זעט מען דאָך באַשיינפּערלעך פון דעם קערפּערבוי גופא: די מענטשן זיינען מיט גלייכע רוקנס, זייערע אויגן זיינען געווענדעט אין דער הייך צו די הימלען, די חיות אָבער קוקן אַראָפּ צו דער ערד. די מענטשן האָבן אויך מיט זייער חכמה באַשאַפן די וואונדערבאַרע טעכנישע מיטלען, האָבן אָרגאַניזירט די קלוגסטע פּאָליטישע אַנשטאַלטן, וואָס אַדאַנק זיי ווערט געפירט אין גרעסטן סדר דאָס קאָמפּליצירטע געזעלשאַפטלעכע לעבן. די פאַרשטייער פון חיות און פייגל ווענדן אָבער אָפּ די דאָזיקע טענות. דער קערפּער-בוי, ווייזן זיי אָן, איז דאָך בלויז אָפּהענגיק פון דעם אופן און שטייגער, ווי יעדער באַשעפעניש זוכט און באַקומט פאַר זיך חיונה, בכדי זיך צו דערנערן; און ניט נאָר מענטשן אַליין ווענדן זייערע בליקן צו די הימלען: דאָס טוען דאָך אויך פייגל און אינזעקטן, און ווער ווייס דען ניט, אַז אין גאַנץ קליינינקע קערפּערס געפינען זיך גאָר אָפט גרויסע איידעלע נשמות[1]. די מענטשן מאַכן זיך אַזוי גרויס מיט זייער טעכניק, מיט זייער געזעלשאַפטלעכן סדר. ניט קיין ערגערע טעכניקער פון זיי זיינען אָבער די קליינע בינען און די נאָך קלענערע מערעשקעס; און אַ געזעלשאַפטלעכער סדר איז ביי זיי אויך ניט קיין ערגערער ווי ביי די מענטשן.

דעמאָלט טרעט אַרויס דער ייד פון ארץ-ישראל (מארץ הצבי) און דער מוסלמענער פון אַראַביע. זיי ווייזן אָן, אַז נאָר די מענטשן, וואָס זיינען די קרוין פון אַלע באַשעפענישן, האָט מען מזכּה געווען מיט הייליקע געזעצן און דינים, געגעבן זיי באַשטימטע טעג פאַר יום-טובים און תעניתים; אין די דאָזיקע טעג פאַרזאַמלען זיך די מענטשן אין די בתּי-תּפילות, טוען דאָרט תּשובה, זיינען מתפּלל פאַר גאָט, וואַשן זיך ריין פון זינד. „אמת — ענטפערן דערויף די שלוחים פון די פייגל — איר דאַרפט פאַסטן, תּשובה טאָן, זיך ריין וואַשן, ווייל איר זייט איינגעטונקט אין זינד; אייערע הענט זיינען באַשמוצט פון גזילה און רציחה, וואָס איר באַראַבעוועט די שוואַכע און אָרעמע. מען האָט אייך געזעצן געגעבן, ווייל נאָר זיי זיינען אימשטאַנד אייך צו בינדן און אָפּהאַלטן פון אייערע שלעכטע מעשים. איר מוזט אייך אַלע מאָל טובלען, ריין מאַכן אייער לייב, ווייל איר פירט אַ שמוציק לעבן, פול מיט זנות און זינד. איר שטאָלצירט מיט אייערע בתּי תּפילות און שולן, מיט אייערע יום-טובים — פאַר אונז איז די גאַנצע וועלט איין בית-תּפילה, און ניט נאָר אין באַ-

[1] דאָרטן, 73: „ואולם הגופות הקטנים יש להם נפשות גדולות“.

צטימטע טעג — יעדער טאָג איז בײַ אונז אַ יום־טוב, יעדן טאָג טוען מיר זינגען און לויבן אונזער באַשעפֿער!״ [1].

דעמאָלט טרעטן אַרויס די מענטשן אין נאָמען פֿון רחמנות און באַרעמהאַרציקייט. זיי קאָנען ניט צוזען די רציחות, וואָס קומען פֿאָר צווישן די חיות: די שטאַרקערע, מיט די שאַרפֿע ציין און נעגל, פֿאַרצוקן די שוואַכינקע געבעך, טרינקען זייער בלוט, עסן זייער פֿלייש, און די געוואַלדן און געשרייען דערגרייכן ביז אין די הימלען. דאָ ווערט אַ גרויס גערודער צווישן די חיות. „ווי — שרייט אויס דער שאַקאַל בפֿלילה, אויסער זיך פֿאַר צאָרן, — איר, מענטשן, רעדט נאָך וועגן רחמנות? איר וואַגט עס אונז פֿאַרצוּוואַרפֿן אַכזריותקייט און בלוט פֿאַרגיסן? איר, וואָס ניט נאָר חיות, נאָר אַפֿילו אײגענע ברידער טוט איר שעכטן, האַקט זיי אָפּ הענט און פֿיס, טוט זיי אָן די גרעסטע לײַדן, איר פּײַניקט, ראַבעוועט, הרגעט אָן רחמנות. די ווילדע חיות האָבן זיך דאָך ערשט בײַ אײַך געלערנט, וואָס הייסט אַכזריות, זיי זײַנען אײַערע תלמידים; ווי קומען זיי אָבער צו אײַך, זיי בלײַבן נאָך אַלץ הינטערשטעליק. די לײַטישסטע פֿון אײַך, די אמת לײַטזעליקע און ווייכהאַרציקע, אַז זיי קאָנען שוין ניט צוזען אײַערע רציחות, אַנטלויפֿן זיי אין די מדבריות צו די ווילדע חיות און לעבן מיט זיי ווי מיט ברידער, וואָרעם די ווילדסטע חיות זײַען בעסער פֿון אײַך!״ [2].

פֿרוּוון שוין די מענטשן זיך פֿאַרראָפּן אויף זכות אָבות: בײַ זיי זײַנען דאָך אײַך פֿאַראַן גרויסע צדיקים, טיפֿע דענקער און גאָוניִשע דיכטער און קינסטלער. „אמת, — ענטפֿערט אָפּ דער שליח פֿון די פֿייגל, דער פּאַפּוגײַ — די דאָזיקע צדיקי הדור ווערן אָבער בטל בשישים צווישן די פֿילע טויזנטער און צענדליקער טויזנטער גנבים, רוצחים, ליגנער, כּוכרים, צבועקעס, שיכּורים, ווילדע אויסוואָרפֿן, נידערטרעכטיקע שענדלעכע מענטשן, אײַנגעשמוצטע אין שאַנד און זינד [3]. און איר מיט אײַערע קנעכטישע נשמות האָט נאָך די העזה אונז צו באַהאַנדלען ווי קנעכט? מיר האָבן מער פֿאַרדינט פֿרײַ צו זײַן ווי איר! איר מאַכט אײַך אַזוי גרויס מיט אײַערע באַגײַסטערטע דיכטער; מיר האָבן אויך געבענטשטע דיכטער און זינגער — איר זײַט אָבער ניט אימשטאַנד זייער שפּראַך צו פֿאַרשטיין״ [4].

---

[1] דאָרטן, 58: „ואנו כל המקומות בית תפלה ומקום עבודה וכל המקומות שוים לנו וכל הימים שוים לנו יום שבת ויום טוב והשנה כלה אלינו מועדים לדבר זה, כי כלנו אומרים בכל יום דבר שירות ותשבחות לבוראינו.

[2] דאָרטן, פֿערטע אָפּטיילונג, קאַפּ׳ 8 און 9.

[3] דאָרטן, פֿינפֿטע אָפּטיילונג, קאַפּ׳ 1.

[4] דאָרטן, קאַפּיטל 3.

דעמאָלט טרעטן אַרויס די מענטשן מיט זייער לעצטער טענה: זיי זיינען די טערהיים. מענטשן זיינען פון איין געשלעכט און אַלע אַנדערע באַשעפענישן צעפאַלן זיך אויף אַזוי פיל מינים און געשלעכטן [1].

די דאָזיקע טענה בלייבט אויך ניט אָן קיין ענטפער. „גרויס און אומענדלעך — ענטפערן די פייגל — איז די צאָל פון די באַשעפענישן, וואָס ווידמען זיך אויף דער יבשה און אין די געוויסער, ניט פאַרגלייכן קאָן זיך מיט זיי דאָס מענטשן־געשלעכט. אמת, די מענטשן זיינען פון איין מין, די פאָרם פון זייערע קערפּערס איז איינע און די זעלבע; ווי פאַרשיידן זיינען אָבער זייערע נשמות, זייערע דעות. זיי זיינען צעטיילט אין אַזוי פיל אמונות, סעקטעס, כיתות; און יעדע האָט פיינט די אַנדערע, איינער הודפט דעם צווייטן. ביי אונז אָבער איז איין אמונה, מיר גלויבן אַלע אין דעם איין און איינציקן באַשעפער, און טוען אים לויבן ביי טאָג און ביי נאַכט״ [2].

דאָ מישט זיך אַריין אין וויכוח איינער פון דעם מלכם קלוגע ראַטגעבער. „יאָ — זאָגט ער — גרויס איז די צאָל פון מענטשן אויף דער וועלט, אומענדלעך פיל באַשעפענישן באַדעקן די ערד און דערפילן די ימים. ווען איך זאָלט אָבער זיין אימשטאַנד צו זען און צו ציילן די מיליאָנען מיליאָנען גייסטער, וואָס דערפילן אַלע חללן און ווייטענישן פון אַלע וועלטן און פּלאַנעטן, וואָלט איר ערשט פאַרשטאַנען ווי קליין און נישטיק איר זייט און ווי לעכערלעך ס׳איז אייער ווונטש צו געוועלטיקן איבער אַלע אַנדערע באַשעפענישן. ניין, מיר אַלע, אַלע אָן אונטערשייד, זיינען בלויז גאָטס דינער. אַלע זיינען מיר זיינע באַשעפענישן און טוען זיין ווילן נאָר אים אַליין קומט צו לויבן און צו דאַנקען״ [3].

מיר האָבן געזען, ווי באַדייטנד עס זיינען געווען די פאַרדינסטן פון קלונימוס בן קלונימוס אַלס וויסנשאַפטלעכער איבערזעצער; דאָך האָט אויף דעם געביט זיך נאָך מער קונה־שם געווען אַ צווייטער פון עמנואלס יונגערע חברים — יהודה־לעאָן בן משה ראָמאַנו, באַקאַנט אין דער קריסטלעכער וועלט אונטער דעם נאָמען philosophus Divinus (דער געטלעכער פילאָזאָף). אַ מענטש פון עגציקלאָפּעדישן וויסן, האָט ראָמאַנו נאָך אין די יונגע יאָרן געשטעט אַלס באַדייטנדיקער געלערנטער. פון אַלע איטאַליענישע קאַנטן זיינען געקומען קיין רוים וויסנבאַגיריקע יונגעלייט צו לערנען אונטער דער לייטונג פון דעם יונגן יידישן געלערנטן. ווי קלונימוס,

---

[1] דאָרטן, קאַפּ׳ 9.

[2] דאָרטן.

[3] דאָרטן, קאַפּ׳ 10.

אַזוי האָט אויך ראָמאַנו זיך אויפגעהאַלטן אַ צייט אינם הויף פונם אַנזשוער קינג, וועלכער האָט ביי ראָמאַנון געלערנט די העברעישע שפראַך [1]. באַדייטנד יינגער פון זיין חבר און קרוב עמנואל [2], האָט דאָך ראָמאַנו געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דעם וויסנדורשטיקן דיכטער, און יענער איז אַליין אָפנהאַרציק מודה, אַז „פון ראָמאַנוס געדאַנקען האָב איך פערל געזאַמלט און זיי אין מיינע ווערק איינגעפאַסט... און זאָל די גאַנצע וועלט וויסן, אַז אָן דעם טיפן וויסן, וואָס זיינען אין ראָמאַנוס ווערק געזאַמלט, וואָלטן מיינע די וועלט ניט געזען" [3].

יהודה ראָמאַנו ווייזט אַליין אָן, אַז ער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע „צו באַווייזן זיינע גלויבנס־ברידער, וואָס זיינען אַזוי שטאָלץ מיט זייער ברייטן וויסן, אַז אויך אַנדערע פעלקער, בפרט די קריסטלעכע, זיינען ניט אָרעם אין חכמות און וויסנשאַפטלעכע אוצרות". און ער האָט ווירקלעך ניט ווייניק מיטגעהאָלפן צו באַקענען די יידישע געבילדעטע קרייזן מיט די וויסנשאַפטלעכע ווערק פון די קריסטלעכע געלערנטע. ער האָט איבערגעזעצט די ווערק פון אַלבערט דעם גרויסן, פון טאָמאַס אוים אַקווינאַ, די אַרבעטן פון באָעציוס (Boethius), און אויך דאָס אינם מיטלאַלטער אַזוי הויך געשעצטע פילאָזאָפישע ווערק „De causis“ (ספר העלות). ער האָט אויך איבערגעזעצט אבן־רשדס פירוש אויף אַריסטו, אַליין געשריבן פירושים אויף תנ"ך, פאַרפאַסט אַ ווערק איבער פּראָפעטיזם און אויך געמאַכט אַ פירוש אויף מיימונים „מדע" מיטן נאָמען „בן פורת" [4].

„דעם ים פון אומוויסן האָט ער אויסגעטריקנט, די אויגן פון די גלות־קינדער האָט ער דערלויכטן", זאָגט וועגן אים עמנואל, וועלכער גיט אים אָפּ אַלס „דער קרוין פון זיין צייט" (נזר הזמן) איינעם פון די בכבודיקסטע ערטער אין גן־עדן [5]. „דו געזאַלבטער מלאך (כרוב ממשה) —

---

1 זע ריעטי אין זיין „מקדש מעט", 106a: „והוא היה רבו של מלך לובירטו, וספרו לי שקרא עמו ארבע ועשרים כלו בלשון קודש".

2 עמנואל ווייזט אָן, אַז ווען ער האָט זיינע „מחברות" פאַרענדיקט, ד"ה אין 1328, איז רומאַנו אַלט געווען 36 יאָר. ראָמאַנו איז אַלזאָ געבוירן אינם יאָר 1292. אַז ראָמאַנו איז געווען עמנואלס אַ קרוב, ווייזן אָן עמנואלס ווערטער: „עצם מעצמי ובשר מבשרי" („מחברות", 90). ריעטי דערציילט, אַז ראָמאַנו איז געווען עמנואלס אַ שוועסטערסינד: „אחיו שני של עמנואל בעל המחברות".

3 „מחברות", 90—91: „ולקחתי מבין ספריו הפנינים והנה בתוך ספרי ופרושי נתונים, עטרתי ספרי מפניני אמריו ומיהלומי דבוריו... וידע אדוני וידע כל היקום, כי מבלתי חכמות ספריו ספרי לא יכלו קום".

4 אַ פולשטענדיקן רייסטער פון ראָמאַנוס ווערק גיט צונץ: „געזאַמ. שריפטען", III, 159—161.

5 דאָרטן, 230.

דופט אויס מיט התפעלות עמנואל אין איינעם פון זיינע סאָנעטן — הויך הייב אויף דיין ברענענדיק וואָרט! זאָלן גענעזן פון דיין אָנבליק די פון דער צייט געביסענע. דו ביסט אונזער פעסטונג! דו שטאָלצער אָדלער— אין דיינע מעכטיקע פליגל טוען מיר אונזער שוץ געפינען. זיסער פון האָניק איז דיין ליבער נאָמען, און אַלע ווייטעניש טוט דיין ליכט באַשיינען. שטיי אויף, דו יעקבס שטאָלץ! ניט אימשטאַנד זיינען די באַגלייטער דיינע, דיין לויב דער וועלט דערציילן! זאָל גאָטס געזאַלבטער זיך אַליין באַווייזן אינם רייטוואָגן פון זיין נצחון־גלאַנץ, און איבער אונזער כאָל פון טרויער זאָל גלייך דערשאַלן דער אָנזאָג פון דער ליכטיקער בשורה״ [1].

אויף דער שוועל פונם 14טן יאָרהונדערט האָט דאָס איטאַליענישע יידנטום דערגרייכט די העכסטע שטופע פון קולטורעלן אויפבלי. דער פרייער, ראַציאָנאַליסטיש־פילאָזאָפישער געדאַנק האָט געפונען אַלץ מער אָנהענגער צווישן דער יידישער אינטעליגענץ. נאָר שוין האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן סימנים פון נייע שטרעמונגען. קעגן דעם מיימוניסטישן אַריסטאָטעליזם האָבן זיך באַוויזן פיינדלעכע שטימונגען פון צוויי גאַנץ פאַרשיידענע זייטן: פון דער אויסערער וועלט און אויך פון דער יידישער סביבה גופא. אין איטאַליע באַווייזן זיך די ערשטע שטראַלן פון דער גלענצנדיקער רענעסאַנס־תקופה. דער איטאַליענישער הומאַניזם, וועלכער האָט זיך פאַרהאַלטן מיט שנאה צו דער מיטלאַלטערלעכער סכאָלאַסטיק, האָט זיך געפלייסט אויך צו באַפרייען פון אַריסטוס אַווטאָריטעט, ווייל אַריסטו איז דאָך געווען דער אָפּגאָט פון די קריסטלעכע געלערנטע און גייסטלעכע, וואָס האָבן זיין גאַנץ סיסטעם אַזוי ענג צונויפגעפלאָכטן מיט דער אָרטאָדאָקסיש קריסטלעכער דאָגמאַטיק. אַלס פּראָטעסט קעגן אַריסטוס פילאָזאָפיע באַמערקט זיך זינט דעם 14טן יאָרהונדערט אין די הומאַניסטישע קרייזן אַ באַזונדערער אינטערעס צו פּלאַטאָנען און דעם נעאָפּלאַטאָניזם. די דאָזיקע נייע שטרעמונגען האָבן געפונען אַ געוויסן אָפּקלאַנג אויך אין די יידישע אינטעליגענטע קרייזן. נאָר אויך אין דעם יידיש־קולטורעלן לעבן איז קעגן דער אַריסטאָטעלישער לערע מיט איר מיימוניש־ראַציאָנאַליסטישן פּירוש אַרויסגעטראָטן אַ געפערלעכער שונא, פול מיט קריגערישן קאַמף־לוסט. דער דאָזיקער געפערלעכער קעגנער פון דער ראַציאָנאַליסטישער פילאָזאָפיע — איז געווען די סודותדיקע לערע פון דער „חכמת הנסתר“, די מיסטישע „תורה שבלב“. אָבער ניט אין

---

[1] „מחברות“, מאַקאַמע XX, 168.

איטאַליע האָט זיך דער דראַזיקער קאַמף אָנגעהויבן, נאָר אין די שכנותדיקע לענדער — אין דער פּראָווענס און אין שפּאַניע. דער קאַמף פון די דראָזיקע צוויי שטרעמונגען — פון פילאָזאָפישן ראַציאָנאַליזם און התלהבותדיקער „תורה שבלב" — דער לאַנגער עקשנותדיקער קאַמף, וואָס האָט אויסגעבראָכן אינם 13טן יאָרהונדערט און געבראַכט צום סוף 15טן יאָרהונדערט צום נצחון פון דער קבלה איבער מיימוניס פילאָזאָפיע — איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם גאַנצן סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן פון דעם יידישן קיבוץ אין פּראָווענס און שפּאַניע. און אין די פאַרשיידענע עטאַפּן פון דעם דאָזיקן היסטאָרישן קאַמף האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אַלע גרויסע שינויים, וואָס זיינען פאָרגעקומען אינם יידישן לעבן, בעת אין שפּאַניע האָט די קריסטלעכע קולטור באַקומען די איבערהאַנט איבער די אַראַבער. וועגן דעם — אין קומענדיקן באַנד.



בײלאגן

בײלאַגע נומ׳ 1

דער ספר חסידים און די צענזור.

די ערשטע אויסגאַבע פֿון „ספר חסידים“ איז ערשינען אינם יאָר 1538 אין באָלאָניע, נאָך אײדער ס׳האָט אויסגעבראָכן די קאַטױלישע רעאַקציע אַלס ענטפֿער אויף דער רעפֿאָרמאַציע=באַװעגונג, און די העבּרעיִשע ביכער האָבן נאָך דעמאָלסט פֿון קײן צענזור ניט געװוּסט. די צװײטע אויסגאַבע [1] האָט שוין אָבער געהאַט אַן אַנדער מזל. זי האָט שוין געמוזט דורכגײן די הענט פֿון די אינקװיזיטאָרן=צענזאָרן, און דער טעקסט פֿון דעם פּאָפּולערן מוסר=ספר איז דערבּײ אַרויס „בּשן ועין“. זעקס סימנים האָבן די צענזאָרן אינגאַנצן אַרויסגעװאָרפֿן; קודם=כּל דעם סימן 681, װעלכער פֿאַנגט זיך אָן מיט די װערטער: „כתיב ותאבד את כל זרע המלוכה“. עס זײנען אויך געמאַכט געװאָרן שינויים אין פֿיל אַנדערע סימנים, װוּ עס װערט גערעדט װעגן קריסטלעכע גײסטלעכע און קריסטלעכער קירך, אָדער װעגן גזירת=השמד. צום בײשפּיל, אין סימן 52 װערט גערעדט װעגן דעם עניװותדיקן שטײגער לעבן, װאָס דער מענטש דאַרף פֿירן, און אגב װערט געװאָרנט פֿאַר אַסקעטיזם, און פּײניקן זיך. דערבּײ װערט געבּרױכט פֿאָלגנדיקער זאַץ: „ולא ילבוש מלבושים נאים כי אם השק והצמר קשה וכיוצא בהן כגון כ ו מ ר י א ד ו ם. די צװײ אונטערגעשטראָכענע װערטער האָט די צענזור אַרויסגעװאָרפֿן און געשטעלט אויף זײער אָרט: „מהדברים המצערים“. אינם סימן 703 זײנען די אויסדרוקן: „בגדי כמרית, אם יהיו בכומרים, כאותן שבכומרים“ אויסגעמעקט, און אויף זײער אָרט שטײט: „בגדי כהנת, כאותן שבמלבושיהם“ אאַז״װ. אין דעם זעלבּן סימן האָט די פּראָזע, װאָס געפֿינט זיך אין דער ערשטער אויסגאַבע: „אמרו להם הגוים אם תהיו בכומרים אז תלבשו לבנים“ — באַקומען אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבן אַזאַ צורה: אמרו להם האויבים: אם תהיו בינינו אז תלבשו לבנים“. אין דעם סימן 834 איז דער אויסדרוק „שבחצר התועבה“ איבּערגעאַנדערשט אויף;

---

[1] ערשינען אין באַזעל אין יאָר 1582.

„שבחצר הזה". די ווייטערדיקע אויסגאַבן, וואָס זיינען ערשינען אין משך פון די שפּעטערדיקע 250 יאָר, האַלטן זיך טריי, וואָרט ביי וואָרט, נאָך דעם באַזעלער טעקסט. נייע שטאַרקע פאַרקירצונגען און שינויים האָט דער טעקסט פון דעם „ספר חסידים" געהאַט אויסצושטיין בעת ער איז אַריין אין די הענט פון די צ אַ ר י ש־ר ו ס י ש ע צענזאָרן. זיי האָבן געפונען, אַז די מיטאַלטערלעכע אייראָפּעיִשע צענזור איז געווען צו מילד און נאָכגעביק; אינם „ספר חסידים", וואָס איז אַרויס פון סודילקאָווער דרוק אין יאָר 1832, פעלן דערפאַר אויפסניי עטלעכע צענדליק סימנים [1]. איין סימן (נומ' 270) האָט מען אַרויסגעוואָרפן דערפאַר, וואָס עס ווערט דאָרט דערציילט וועגן אַ פרוי, וואָס האָט געזען אין חלום „אַ סך שרים און מלכים אין גיהנום" (וראיתי שרים ומלכים בגיהנם); אייניקע סימנים, וואָס האָבן אַ באַדייטנדן עטנאָגראַפישן אינטערעס, האָט מען גונז געווען דערפאַר, וואָס עס ווערט דאָרט גערעדט וועגן משומדים. אין אייניקע האָט דער שטרענגער צענזאָר [2] באַמערקט אַ באַליידיקנדיקן טאָן קעגן די קריסטלעכע קלויסטערס (די סימנים 431—2, 435 — 440). דעם סימן 427 האָט דער צענזאָר פאַרבאָטן דערפאַר, וואָס דאָרט ווערט דערמאָנט, אַז מען טאָר די נעמען פון די פרעמדע געטער אויפן מויל ניט ברענגען (כתיב „ושם אלהים אחרים לא תזכירו"). עס זיינען אָבער אויך פאַראַן אַזוינע סימנים (122, 391 א. א.), וואָס מען קאָן בשום אופן ניט דערגיין, אויס וואָס פאַר אַ טעם דער צענזאָר האָט זיי פאַרבאָטן.

ביילאַגע נומ' 2

(זע זייט 87)

דער מקובל ישעיה בן יוסף און זיין ווערק.

אין דער ערשטער פירקאָוויטש־קאָלעקציע געפינט זיך אַ דיקער מאַנוסקריפּט (נומ' 513/17) 258, בל' 12°. דער מאַנוסקריפּט איז אַ קבלה־ווערק אונטערן נאָמען „חיי הנפש" פון ישעיהו בן הר"ר יוסף. וועגן דעם דאָזיקן מחבר איז אונז זייער ווייניק באַקאַנט. ער גופא חזרט אָפט איבער, אַז מען רופט אים (המכונה בשם) אויך: רב בן הר"ר יוסף. צום

---

1 די סימנים: 66, 122, 188, 190, 191, 197, 198, 203, 204, 237, 265, 270, 357, 391, 408, 427, 431, 432, 435—440, 445, 464—469 און נאָך אַנדערע.

2 דער חילנער צענזאָר ל. באָראָווסקי.

סוף פון זיין ווערק דערציילט ער, אז אין יאר 1227 (בחדש אדר שני של שנת אתקלה לשטרות) איז ער געווען אויף יחזקאל הנביאס קבר. ער דערמאנט אויך זיינע צוויי אנדערע ווערק: „מפתח הלימוד" און „ביאור הגוף". אט דאס איז אלץ, וואס מיר ווייסן וועגן דעם דאזיקן מקובל. זיין ווערק „חיי הנפש" באשטייט אויס פינף טיילן. דער ערש־טער, „עץ חיים", באהאנדלט די פראגע וועגן די צען ספירות און וועגן דעם מהות פון דעם מענטשנס נשמה; דער צווייטער טייל, „עץ הדעת" — וועגן חידוש העולם און השארת הנפש; דער דריטער טייל, „גן עדן", באהאנדלט די שטעלן פון דעם תלמוד, ווו דער ווערטלעכער פשט קאן אויסגעטייטשט ווערן אלס אנטראפאמארפיזם (על דרשות התלמוד אשר לפי פשוטיהם נראים דבריהם נוטים מעט אל צד הגשמות); דער פער־טער טייל, „ספר הכבוד", — א פירוש אויף מעשה בראשית, און דער פינפטער, „אוצר החכמה" — א פירוש אויפן „פרקי היכלות". אינטערע־סאנט זיינען די שירים, וואס געפינען זיך אין דעם דאזיקן פינפטן טייל, באזונדערס כאראקטעריסטיש זיינען פאלגנדיקע פערזן (f. 111a):

העת אתבודד עם נפשי — ואחלוץ גופי מעלי
אראה עצמי תוך מלאכים — ושכינת אֵל שוכן עלי
אז מכת הגופות אצא — ואחזה אֵל דובר אלי:
בוא עבדי רב בירבי יוסף — ושבה אתי ושמח אֵלי.

(בעת איך זונדער זיך אפ מיט מיין נשמה — טו איך מיך פון מיין גוף באפרייען, איך זע מיך דאן צווישן מלאכים — און גאטס שכינה רוט איבער מיר. לויז בין איך פון אלע קערפערלעכע בענדער — גאט טו איך זען ווי ער רעדט צו מיר: קום מיין קנעכט רב בירבי יוסף — זיץ לעבן מיר און פריי זיך אין מיין געגנווארט).

אין דער פארערדע צום „אוצר החכמה" רעדט ער מיט גרויס התפעלות וועגן דעם אומפארגלייכלעכן ווערט פון די „פרקי היכלות". די דאזיקע שטעלע איז זייער כאראקטעריסטיש און מיר ברענגען זי דערפאר בשלמות: „הוא ספר היקר מכל כלי חמדה, אשר לא יערכנה זהב וזכוכית, הוא הספר הנודע בשם „פרקי היכלות" אשר ידיעותו הוא סבת השפעת השפע והשארת רוח הקודש שהיא הנבואה. כי כשירצה השלם לשרות עליו הנבואה יעסוק בו ומיד תשרה עליו הנבואה, כי בהתעסקו בו הוא מתבודד מדרכי העולם השפל האפל ועל כן הוא מתנבא. ולפי שאין הנבואה שורה אלא בארץ ישראל על כן אע"פ שאנו יודעים לזה הספר לפי שאנו לחוצה לארץ אין אנו מתנבאים, ובעבור זה נתנני לבי אני עבד התורה ישעיהו המכונה בשם רב בן הר"י ז"ל

לפרשו לפי קוצר יד שכלי... דע כל החכמות הן כלולות בזה הספר ועל כן האיש השלם יודעו נקרא חכם אמתולפי שכל החכמות הן כלולות בזה הספר על כן קראתי שם הספר בפירושו כפר „אוצר החכמה״.

ביילאַגע נומ׳ 3

(זע זייט 112)

יוסף קמחים „שקל הקודש״.

קמחים „שקל הקודש״ האָט צום ערשטן גאָר ניט לאַנג פאַרעפנט־לעכט הערמאַן גאָללאַנץ (Gollancz), וועלכער האָט דערביי אויסגענוצט צוויי מאַנוסקריפטן, וואָס געפינען זיך אין דער באָדלעאַנע אונטער די נומ׳ 1975 און 1976 [1]. די פאָררעדע איז אין די צוויי מאַנוסקריפטן אין גאַנץ פאַרשיידענע נוסחאות. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז די פאָר־רעדע אין דעם מאַנוסקריפט נומ׳ 1975:

„ספר שקל הקֹדש הוא ספר מבחר הפנינים. זה הספר להבין משל ומליצה ודעת ומועצה דברי חכמים וחידותם ומשלי נבונים וסודותם, אספם ואגדם ולקטם וחברם המליץ הגבר היודע פשר דבר אב בחכמה רך בשנים ראש המדברים ר׳ שלמה ן׳ יהודה המכונה גבירול חפשם בתוך ספרי הפילוסופים הראשונים ובחר ממבחר דבריהם ומשליהם ומוסריהם וחבר מהם ספר קטן וקראו ספר „מתנכל אלגוהר״ והחכם ר׳ יהודה בר שאול ן׳ תיבון ממדינת אצבלייא (אשביליא) העתיקו מלשון הגרית לעברית וקרא לו מבחר הפנינים והוא שמו בערבי; ואנכי יוסף בר יצחק המכונה בן קמחי שקלתיהו במשקל לשון הקדש כדי שיהיה נקל לתלמידים בהבנתו וגרסתו. על כן קראתי את שמו „שקל הקֹדש״ בעבור שהיה בתחלה מפורד פשוט [2]. ושקלתיה במשקל בלשון הקדש והוספתי עוד עליהם משלים מספרים אחרים וחברתי המשלים הנמשלים זה לזה

---

1 באַמערקונגען און אויסבעסערונגען צו דער אויסגאַבע האָט געגעבן יוליאַן חייל (Rev. d. Et. Juives, 1920, 223—219), וועלכער האָט דערביי אויסגענוצט דעם מאַ־נוסקריפט, וואָס געפינט זיך אין ״Bibliotеque nationale״ אין פאַריז אונטער דעם נומ׳ 983. וועגן אַ צווייטן וואַריאַנט פון „שקל הקודש״, זע: Hebrew Union college Annual, IV, 1927, 433—448.

2 ד״ה אין פראָזע.

בשער הדומה להם ומניתי חרוזי כל שער ושער באחרונה בשני חרוזים במלים דומים באחרית החרוז, אחד תופס ענין ורעו תופס חשבון להודיע לכל חכם ונבון ישמע חכם ויוסף לקח ונבון תחבולות יקנה בכל דבר ומענה.

מיר ברענגען א פאר אפאריזמען פאראלעל אוים דעם „מבחר הפנינים" און אין קמחים פאעטישער איבערארבעטונג:

שקל הקודש

חכמה תחיה את בעליה
לשלם גמול אֵל ועבודתו
בה יהיה קונה ימי חייו
שם טוב וכבוד אחרי מותו.

שלשה תהיה בוחר לנפשך
ובם תמצא רצון יוצר יצורות:
ענוה להכוף בה כל כסילות
וגם יראה למעט העבירות
וגם דעת מאוד כח לפיים
בני אדם במיטב מאמרות.

מבחר הפנינים

אמר החכם: בחכמה החכמים משלימים
גמול הבורא ומגיע האדם לעבודת האל
בחייו ולשם טוב אחרי מותו

ואמר: שלשה דברים מי שאינם בו לא
ימָּצֵא בו טעם האמונה: ענוה שישיב בה אולת
הכסיל, ויראה שתמנע מן העבירות, ודעת
נוחה שיפיים בני אדם.

ביילאַגע נומ׳ 4

(זע זייט 113)

יעקב בן ראובנס פּאָלעמיש ווערק „מלחמות השם״.

מיר האָבן זיך באַנוצט מיט אַ אַלטן כתב־יד, וואָס געפינט זיך אין דער קויפמאַן־קאָלעקציע פון דער מאַנוסקריפּטן־זאַמלונג אין דער „חברה־מפיצי־השכלה־ביבליאָטעק אין לענינגראַד. דאָס ווערק פאַר־ענדיקט זיך מיט דער שלום־פאָרמל: „תם ונשלם ספר התשובות״, דער־נאָך גייט אַ צושריפט פונם אָפּשרייבער: נשלמה כתיבת זה הספר בשישי לחודש אלול שנה מאה ושמונים ושלש לפרט האלף השישי ליצירה (1423), ואני שמואל בר׳ שמואל זצ״ל המכונה שמואל בונים כתבתי אותו אל הבחור מאציף אברם דטריף י״צ, השם יזכהו להגות בו תמיד הוא וזרעו וזרע זרעו וכל אשר לו אא״ס (אמן אמן סלה).

נאָך אינם 15טן י״ה האָט זיך דער דאָזיקער מאַנוסקריפּט שוין געפונען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו עס האָט אים געקויפט דער באַקאַנטער קאַראַימישער געלערנטער כָּלב אַפענדאָפּולאָ; וועגן דעם זאָגט עדות פאָלגנדיקער צושריפט:

יום ג׳ ט״ו למנחם ה׳ רנ״ד אני כלב אפנדופילי בכ״ר אליהו נ״י בר׳ יהודה קניתי זה הספר שחוא: ספר השיר לר׳ שם טוב פלקירא וספר אבן בוחן למה״ר שַׁפּראט וספר התשובות לכופרים מר׳ יעקב וולנצי המלמד מגירוש ספרד (זע זייט 113).

די ערשטע צוויי פון די דריי אויסגערעכנטע ווערק זיינען, ווי עס שיינט, שפּעטער אָפּגעטיילט געוואָרן פונם מאַנוסקריפּט און עס איז גע־בליבן בלויז דער „מלחמות השם״, וואָס טראָגט דאָ אויך דעם נאָמען „ספר התשובות לכופרים״.

פאַר דער פאָררעדע געפינען זיך אויף דעם ערשטן עמוד פונם מאַנוסקריפּט צוויי לידער. דאָס ערשטע פון זיי פעלט אין דעם מאַנוסקריפּט, מיט וועלכן שטיינשניידער האָט זיך באַנוצט. ליידער זיינען אָבער די אותיות פון דעם דאָזיקן ליד אין אונזער מאַנוסקריפּט אַזוי צעשוווּמען, אַז עס איז שוין אוממעגלעך צו לייענען. דאָס צווייטע ליד איז גוט אויפגעהיט און דער טעקסט איז דאָ פיל קאָרעקטער ווי ביי שטיינשניידערן. בכלל, לויט מע קאָן זיך משער זיין אויס די פראַג־מענטן, וואָס שטיינשניידער האָט פאַרעפנטלעכט, איז דער טעקסט אין אונזער מאַנוסקריפּט באַדייטנד בעסער און ווייניקער פאַרגרייזט ווי דער מאַנוסקריפּט אויס מיכאלס ביבליאָטעק, מיט וועלכן שטיינשניידער האָט

זיך באנוצט, מיר ווילן זיך באנוגענען מיט צוויי ביישפילן: דער דריטער פערז פונם צווייטן געדיכט איז ביי שטיינשניידערן:

ומדרגות בסוד בינה נכוחות — נהגו (?) לך במשגבי מסילות.

דער פשט פון דער צווייטער העלפט פערז איז זייער טונקל, און שטיינשניידער האט זי דערפאר באגלייט מיט א פראגעצייכן. אויס אונזער מאנוסקריפט ווערט קלאר, אז דער פערז איז דארט פארגרייזט און מען דארף לייענען: נהג ולך במשגבי מסילות. לויט דעם מאנוס־קריפט פון מיכאלס ביבליאטעק האט דער פארפ סער, ראובן בן יעקב, געלעבט עפעס אין א אומבאקאנטער מדינה ג ש י ק ו י י א. שטיינשניי־דער האט אויך דא געמוזט שטעלן זיין פראגעצייכן. אויס אונזער מאנוסקריפט ווערט אבער קלאר, אז דער פארפאסער האט געלעבט אין גאסקאני (דרום־פראנקרייך).

מיר ברענגען דא אויס דער פארעדע די שטעלע, ווו עס ווערט דערציילט וועגן דעם פארפאסערס וויכוח מיטן באפריינדעטן קריסטלעכן גייסטלעכן:

ויען כי הקרה אלהי לפני לבאר גדולות ונפלאות כאלה אפרש כפי במקרה אשר הקרני בהיותי במורד גשקוניית גולה ונגזר עלי להתגורר עמהם, ושם בארץ מגורי אהבני נוצרי אחד מגדולי העיר ומחכמי הדור והוא כומר, חכם בחכמת המאמר, ומחוכם בכל חכמות הפנימיות, לבד כי בבוראנו ית׳ טח מראות עיניו ומהשכיל לבבו ותדבק נפשו בכסלו וחשקו רעיוניו לעבוד עציו ואת אבניו. ובהיותי רגיל אצלו ללמוד ממנו חכמה ודעת ויאמר אלי וישאלני: עד מתי אתם פוסחים על שני הסעיפים ולא תשימו על לב להבין ועינים לראות ואזנים לשמוע אתה וכל אחיך הנקראים בשם יעקב אשר הולכים ודלים שפלים ונחלשים לעיני השמש ומתמעטים בכל יום מחר כאמש ואנו הולכים הלוך וגדול עד כי רמה קרנינו ושונאינו מְדֻבָּךְ לכף רגלינו ואוהבנו כצאת השמש בגבורתו. ועתה אם און בידך הרחיקהו, ואם אמת בשפתיך השיביהו, דבר כרצונך ואל תיראניו, אשאלך והודיעני...

צום סוף פון דער פארעדע ווערט איבערגעגעבן דער אינהאלט פונם ווערק:

והספר הזה נחלק לשנים עשר שערים ואבאר אותם איש איש על מקומו בעזרת האל:

ה ש ע ר ה ר א ש ו ן: בראיות השכל שלא מן הכתב אך בעומק הלב.
ה ש ע ר ה ש נ י: בראיות שהביא מתורת משה לעבודת אלהיו.
ה ש ע ר ה ש ל י ש י: בראיות שהביא מתהלות דוד בן ישי ומשלי.

השער הרביעי: בראיות שהביא מדברי ירמיהו בן חלקיהו מה שאין כתוב בו.

השער החמישי: בראיות חזקות וקשות מדברי ישעיהו הנביא ע"ה.

השער הששי: בראיות מדברי יחזקאל בן בוזי הכהן י"ה

השער השביעי: בראיות שהביא מדברי תרי עשר.

השער השמיני: בראיות מדניאל ע"ה ממה שלא נראה אליו מעולם.

השער התשיעי: בראיות שהביא מספר איוב משם חברו חכמה(?) אחת הנקראת דוינישטו (?)

השער העשירי: בראיות מקהלת ומשאר דברי שלמה המלך ע"ה.

השער האחד עשרה: תמו שאלותיו ואשאל לו מן אֶואנְגֵליוש.

השער השנים עשרה: בראיות ממשיח בן דוד שעדיין לא בא (דעם לעצטן קאפּיטל האָט שטיינשניידער פאַרעפנטלעכט צום סוף פון „וכוח הרמב"ן", 1860).

יעדע פראגע הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אמר המכהד", און יעדער ענטפער — „השיב המייחד".

ביילאַגע נומ' 5

(זע זייט 193)

דער יוסיפון־טעקסט.

אבן יחיאס אויסגאַבע

(צים' נאָך דער ווארשעווער אויסגאַבע, 1874)

קאַפּ' 3, ז' 22—23 (אין דער גאָטישער אויסגאבע פון 1707, ז' 66—67):

ויתר דבריו הלא הם כתובים על ספר מלכי מָדַי ופרס ועל ספרי אני יוסף הכהן בן גוריון הכהן אשר כתבתיו לרומיים והוא הספר הנקרא יוסיפוס, ואני הוא יוסף בן גוריון אשר הגלו אותו

מאַנטואַנער אויסגאַבע

ז' 50:

ויתר דבריו הלא הם כתובים על ספר מלכי מָדַי ופרס ועל ספר מלכי רומיים. וילחם עוד כורש במלך שִׁטִּים...

אבן יחיאס איינגאבע

טיטוס ואספסיינוס מירושלם... והנה זה הספר אני יוסף ן׳ גוריון הכהן כתבתיו לישראל הספורים אשר בו אני ספרתי אותם... וזה בחלק ראשון גם נקרא ספר, וגם כן עשיתי בספר שני והוא הספר אשר החילותי בו לספר ספורי מלכות אלכסנדרוס ן׳ פוליפוס... ובספר השלישי... ובספר הרביעי כתבתי את כל הקורות המוצאות את אבותינו... ובספר חמישי כתבתי אודות הקורות המוצאות את אבותינו מזמן תום מלחמות אלכסנדרה... עד בא זמני להלחם מלחמת ד׳... והספר הששי נקרא שמו יוסיפון בל׳ יהודית גם נקרא מלחמות ד׳ ובל׳ יון נקרא יוסיפוס ובלשון הרומיים גוסיפוס, כי כן שמי אצלם. ואמנם נקרא הוא על שמם להיות שם הספר הכולל כן גם כי כאשר ספרתי בו ראיתי והעידותי בעיני... ועתה אוסיף עוד לספר תעצומות גבורות מלך כורש... וילחם עוד כורש במלך שטים.

ב) קאפ׳ 5, ז 29 (אין דער אויסגאבע פון 1707, ז׳ 90):

הוא הורקנוס אשר מל את אדום ויביאהו בברית ויאסרם בכבלי מילה כאשר נספר בספר מעשה תקפו וגבורתו. שלם הספר האחד מספר בן גוריון הכהן. הספר השני. פרק ששי. כה אמר יוסף בן גוריון הכהן לרואה ספריו:

מאנטואנער אויסגאבע

ב) ז׳ 64 — 65:

הוא הורקנוס אשר מל את אדום ויביאם בברית ויאסרם בכבלי מילה ופיליפוס אבי אלכסנדר מלך על מוקדון ויון שש שנים וברוב חילו וגבורתו הכניע מוקדון ויון תחת ידו. ועתה אחל לספר תולדות אלכסנדר הנקרא בן פיליפוס ולא היה בנו באמיתות ומצאתי בספר אחד כתוב שהוא

אבן יחיאס אויסגאבע

למען היות אלכסנדרוס המלך מלך נורא ועצום על כל מלכי הארץ כאשר נודע תקפו וגבורתו אמרתי בלבי לספר מספורי תולדותיו מראשית מולדתו מעט מזער ואעידה עליו כאשר מצאתי מדברי סטרפון הכפתור וניקולאום הדמשקי וטיטוס הסופר הרומיי, כי כאשר מצאתי בספר תולדות אלכסנדרוס אשר חברוהו חרטומי מצרים...

מאנטואנער אויסגאבע

בן נקתניבור מלך מצרים. וזה ספור אלכסנדר אשר חברוהו חרטומי מצרים...

ג) ענדע קאפ׳ 35. ז׳ 86 (אין דער אויסגאבע פון 1707, ז׳ 309):

עד פה תמו דברי אלכסנדרה המלכה הקדושה ויהי זכרה לישראל לישועה ולברכה ולשלום. ויתר דבריה וטוב הנהגותיה וישרה וצדקה ודעתה וחכמתה ועסקיה הטובים על כל מלכי הגוים ושלום מלכותה עמה וכבוד ישראל וגבורתו בימיה, הלא הם כתובים על ספר יוסף הכהן אשר כתב למלכי רומה. הספר החמישי. פרק ששה ושלשים. כה אמר יוסף הכהן בן גוריון הכהן הספר את קורות ישראל ואת תלאותיו להיות זכרם למוסר ולהשכל לבאים אחריו כי יתבוננו בספריו ומהם יתבוננו בחסדי ד׳. עתה אשר בעיני לספר את המעשים אשר נעשו בישראל... כי כל כותב אשר יכתוב ספרים והנה אני יוסף הכהן לקטתי בספרי אשר עשיתי לזכרון ולעדות לישראל... וגם בספרי הגדול אשר כתבתי

ג) ז׳ 204:

ועד הנה גמרו דברי אלכסנדרה המלכה. ועתה יָשר לספר המעשים אשר נעשו אחריה, כי כל הכותב אשר יכתוב ספרים... בשנת ע״ג לאוליפראס.

אבן יחיאם אויסגאַבע

לזקני רומה כן עשיתי כי כתבתי לעדות דברים רבים מפי סופרים רבים נאמנים... וידבר יוסף הכהן את הדברים האלה בספרו זה: בשנת ע״ג לאוליפוארס...

ד) ענדע פון פינפטן און אנפאנג פון זעקסטן בוך, ז' 97 - 9 (אין דער אויסגאַבע 1707, ז' 351 — 252):

ויחי הילד ויגדל ויקראו את שמו אלכאוס... ויקראו עוד את שמו קישאר בלשון יוני ובלשון רומא קיסר... ויתר דברי ספורי כל ישיש מהישישים המושלים ברומא... הלא הם כתובים על ספרי אני יוסף בן גוריון הכהן הנקרא גם הוא יוסיפוס אשר כתבתיו בזמן יוליאוס הקיסר הוא אשר אני מתחיל הספר הששי בעדות ספורו... כה אמר יוסף בן גוריון הכהן והוא יוסיפון ולקטן השם יוסיפון והוא הנקרא... גוסיפוס ברומי... ואני הייתי אז בן נ״א שנה בשנת מוצא הילד הנקרא יוליאס... וימלוך קיסר והיא אשר שמו יוליאוס אז בחזקה ולכל מלך המלכים אשר מלכו אחריו קראו קיסר על שמו. ויהי כשמוע פומפיוס בארץ כפתור..

ה) ענדע קאפ' 43, ז' 100—101 (אין דער אויסגאַבע 1707, ז' 363):

ויוליאוס קיסר הלך אל רומה. ויאמר יוסף בן גוריון הכהן: אף סופרים אחרים העידו כמוני על דבר גבורת אנטיפטר.

מאַנטואַנער אויסגאַבע

ד) ז' 233:

וימלוך בחזקה וישם כתר מלכות בראשו וימלוך קיסר אשר שמו יוליאוס על כן כל המלכים אשר מלכו אחריו נקראו קיסר על שמו. ויהי כשמוע פומפיאוס בארץ כפתור...

ה) ז' 237:

וקיסר הלך אל רומה. אף סופרים אחרים העידו כמוני על דבר גבורת אנטיפטר.

אבן יחיאס אויסגאבע

ו) קאפ׳ 55, ז׳ 120—120 (אין דער גאטער אויסגאבע 1707, ז׳ 465—466):

כי מנחם אחר זולתו איש צדיק וחכם היה בימים ההם. וידבר יוסף בן גוריון בספרו לאמור: דברים רבים יש לנו לכתוב פה מחכמת עם ד׳ כי לא היו חכמים בעולם כעם ד׳, אבל זה המעשה עשינו אותו בספר הרומיים כי הוא ספר יצטרך לעדות זה. אבל זה הספר אשר כתבנוהו לישראל לא נצטרך בו לזה כי מעלת חכמת עם ד׳ ידוע הוא לישראל מצד תורת משה רבינו ע"ה, ובמה שנספר ממנחם הנזכר פה יכירו וידעו הבאים מישראל ומכל הגוים מה היא החכמה אשר היתה בישראל אשר היו חבירי מנחם ויתר הדברים בזה הלא הם כתובים על ספור יוסיפון הכהן בן גוריון הכהן הנקרא ספר חכמת יוסף ובאותו הספר לא כתב יוסיפון זכרן שום מלחמה רק זכר זכרונות חכמה בלבם. ויהי בהיות הורדוס נער והולך אל החכמים ללמוד...

מאנטואנער אויסגאבע

ו) ז׳ 301—302:

כי מנחם איש צדיק וחכם היה בימים ההם וגם יש לנו דברים הרבה לכתוב ממלחמת עם ד׳ כי חכמים לא היה בעולם כעם ד׳ והחכמה לא מלכה בעם אחר כי אם בעם ד׳, אבל בזה מנחם יכירו עתה וידעו כל הגוים אי זה חכמה היתה לישראל חברי מנחם. ויהי בהיות הורודוס נער והולך אל החכמים ללמוד...

ביילאגע נומ׳ 6

(זע זייט 248)

יחיאל בן יקותיאלס מוסר-ספר „מעלות המדות".

דאס בוך „מעלות המדות" האט געהאט גאר א באזונדער מזל. קודם-כל איז עס אויף דער וועלט ערשינען אונטער א פרעמדן נאמען. דער תלמיד-חכם יוסף בן יואל ביבאס האט עס אפגעדרוקט אין קאנ-

סטאַנטינאָפּאָל אין 1511 אונטערן נאָמען „בית מדות". אָן דעם מחברס נאָמען. אין דער הקדמה ווייזט ביבאַס אָן: „ולהיות זה הספר הנקרא בית מדות... לכן ממצולת הספרים העליגוהו ראוהו חכמים ויאשרוהו". ווייטער פאָלגט אַ ליד פון דעם אַרויסגעבער, ווו עס ווערט אָנגעוויזן, אַז צוגעטראָטן צום דרוקן דאָס דאָזיקע ספר איז מען דעם 16טן אָב רע"א (1511): „לזה בחודש אב בי"ו יום ב' שנת הע"רא והוא עת תנחומות הוסד יסוד ספר ובית מדות". דאָס דרוקן האָט געדויערט סך־הכל זעקס וואָכן, ווי עס איז צו מערקן אויס דעם „שלום־וואָרט", וועלכן ס'האָבן אָפּגעדרוקט אין סוף בוך די זעצער פון דעם ווערק. מיר ברענגען דאָ דאָס „שלום־וואָרט" בשלמות, ווייל עס האָט אַ געוויסן קולטורעלן ווערט: עס שפּיגלט זיך אין אים אָזוי בולט אָפּ דער יראת־הכבוד, מיט וועלכן די דרוק־אַרבעטער, די זעצער, האָבן זיך פאַרהאַלטן צו דעם דרוק־וואַרשטאַט. זיי האָבן געקוקט אויף זייער אַרבעט ווי אויף אַ מצווה, ווי אויף אַ „הייליקע גאָטסווילִיקע אַרבעט" (מלאכת שמים):

„ותשלם כל המלאכה מלאכת שמים, יפה צרופה מזוקקת שבעתים על ידי הפועלים ר' שמואל ריקומין ור' אשטרוק דטולון העושים את מלאכת הקודש מלאכת הדפוס, והם בעצמם נשא לבם ונדבה רוחם להפריץ ולהרביץ ספרים בישראל לזכות את הרבים ובממונם והונם נכנסו בעובי קורת המצוה הגדולה הזאת ירצה לפני אָל פעלם וצדקתם תעמוד להם ולבניהם מן העולם ועד העולם. והיתה השלמת הספר הזה בארבעה ימים לחודש תשרי שנת כי קולך ערב ליצירה בקושטנטינה רבתי אשר היא תחת ממשלת אדוננו שולטן בייזיט ירום הודו".

ערשט אין 45 יאָר אַרום איז יחיאל בן יקותיאלס ווערק ערשינען אין איטאַליע אין דער שטאָט קרעמאָנע אונטער זיין אמתן נאָמען און אויך מיטן נאָמען און מיט דער הקדמה פונם מחבר. צום שלום פון דער דאָזיקער אויסגאַבע שטייט: „ותשלם מלאכת העבודה ביום ג', חמשה ימים לחודש אלול שי"ו (1556) ק"ק קרימוני על ידי וויצנצו קונטו [1].

דער „מעלות המדות" איז געוואָרן זייער באַליבט און מען האָט אים פיל מאָל איבערגעדרוקט. דאָך, ניט קוקנדיק דערויף, האָט זיך געפונען אַ פּלאַגיאַטאָר, וואָס האָט געהאַט די חוצפה אויסצוגעבן דאָס פּאָפּולערע מוסר־ספר פאַר זיין אייגנס [2]. איינער אַ שמעון בן דוד אָפּענהיים אויס קרעמאָנע האָט אין אָפען פאַרעפנטלעכט אינם יאָר 1831 אונטער זיין

---

1 אַז דער „בית מדות" און דער „מעלות המדות" זיינען איין און דאָס זעלבע ווערק — דערויף האָט דער ערשטער אָנגעוויזן ש. ד. לוצאַטאָ („אגרות שד"ל", 1175).

2 דערויף האָט דער ערשטער אויפמערקזאַם געמאַכט איינהאָרן אין „ליטעראַטור־בלאַט ד. אָריענטס", 1847, 492.

נאמען א מוסר־ספר „נזר הקודש״. אויפן שער־בלאט ווייזט אן דער אזוי גערופענער „מחבר״ מיט עניוות, אז ביים צונויפשטעלן זיין בוך האט ער זיך גענומען פאר א מוסטער די קלוגע רייד און דברי מוסר, וואס ער האט געפונען אין די ספרים פון אונזערע „קדמונים״, די חכמים פון אמאליקע צייטן (גם הציגנו סגולת ותעלות מגדולי קדמונינו אשר מצאנו בספריהם). אין דער אמתן אבער איז דער גאנצער „נזר הקודש״ איבער־געדרוקט ווארט ביי ווארט פונם „מעלות המדות״, אפילו דעם סדר ניט געענדערט. דעם „מחבר״ אפענהיים געהערן בלויז די פארריד און די לעצטע דריי ווייטלעך.

ביילאגע נומ׳ 7

(זע זייט 290)

די ערשטע אויסגאבן פון עמנואל רומיס „מחברות״.

עמנואלס „מחברות״ האט צום ערשטן פארעפנטלעכט דער באוואוסטער דרוקער גרשם שונצינו אינם יאר 1491 אין דער איטאלענישער שטאט ברעשציא (Brescia). אויף דער לעצטער זייט זיינען אפגעדרוקט פאלגנדיקע שורות:

„ותשלם כל מלאכת ספר זה הנקרא מחברת עמנואל על ידי צעיר המחוקקים גרשם המחוקקי בן הר״ר משה זצ״ל ישראל איש שונצינו. ותהי השלמתו פה בְרִישה אשר תחת ממשלת השררה מוויניציה יר״ה היום יום שני בשבת כ״ו לחודש מרחשון שנת חמשת אלפים ורנ״ב לבריאת עולם״.

די צווייטע אויסגאבע האט געדרוקט גרשמס זון אליעזר שונצינו אין קאנסטאנטינאפאל אינם יאר 1535, ווי עס איז אנגעמערקט אויפן לעצטן בלאט:

„ותהי השלמת זה הספר ביום ב׳ כ״ג לחודש אלול שנת הרצ״ה פה קושטאנטינה ורבתי יע״א אמן. ומי שחננו ונתן לנו כח להדפים ספר הזה הוא למען רחמיו יזכנו להדפים ספרים אחרים עד אין מספר. על ידי הצעיר המחוקקי אליעזר ב״ר גרשום שונצינו ז״ל.

הוספות

צו ז׳ 13. בנוגע דער פראגע, אויף ווי ווייט די „תקנות רבנו גרשום״ טראגן מיט רעכט רבנו גרשומס נאמען, זע: ל. פינקעלשטיין און פ. בער אין „מאנאטשריפט״, 1930, 23 — 34.

צו ז׳ 112. וועגן די צוויי נוסחאות פון „שקל הקודש״ זע אלפּ־סנדר מארקס ארטיקל אין Hebrew Union Colleges Annual, IV, 433—48; זע אויך מ. סאקאלאוום ארבעט וועגן דעם אראבישן אריגינאל פון „מבחר הפנינים״ אין די רוסישע Bulletin de L'Academie des Sciences de L'URSS, 1929, 287 — 300.

צו ז׳ 129. מ. מאיר האט אין 1929 פארעפנטלעכט אין בערלין אברהם בדרשים „קינה על שרפת התלמוד״.

צו ז׳ 205. צו דער נאך ניט קלארער פראגע וועגן די מקורים פון תנא דבי אליהו איז אינטערעסאנט דער גניזה־פראגמענט „פרקי תשובה וגיהנם״, וואס ל. גינצבורג האט פארעפנטלעכט אין „גנזי שעכטער״, ספר א׳ (1928).

זוך-צעטל.

רשימה פון נעמען און זאכן אין באנד I און II.

אבא מרי בר יצחק, II, 107
אבו אהרן, II, 88, 89, 180, 200, 15—212.
אבו איוב בן כהל, I, 239.
אבולפיה, מאיר, II, 123, 138—140, 156—157.
אבן סינא, I, 226, 295.
אבן רשד (אווראָעס), I, 202, II, 127, 140—141, 228, 230, 242.
אכעליאַר, II, 144.
אברהם בן דאוד (ראב"ד הראשון), I, 44, 45, 47, 91, 181, 185—189, 190, II, 22—23, 29, 191.
אברהם בן דאוד דער בעל „ההשגות", II, 136, 137—8.
אברהם בר חייא הנשיא, II, 107—110.
אברהם בן עזריאל אוים בייטען, II, 210.
אברהם בן הרמב"ם II, 149, 151, 162, 173.
אברהם בן שמואל (ר' יהודה חסידס ברודער), II, 78.
אברהם בן שמואל אבן חסדאי, I, 270—276, II, 172, 175.
אברהם ראש ישיבה, II, 105.
אהרן בן משולם, I, 195, II, 106, 123.
איריפידעס, I, 16.
אזובי יוסף, II, 128—129.
אחימעץ בן פלטיאל, II, 11, 211—217.
אייסכילעס, I, 16.
איינער, י. I, 191, 228.
אינאָקענטי, דער דריטער, II, 171, 226.
איסידאָר אוים סעווילע, II, 144.
אלבינגענזער, II, 148, 171, 172.
אלבערטוס, מאַגנוס, I 92, 215.
אלגזלי, I, 173.
אלחריזי, יהודה, I, 33, 120, 148—149, 181, 211, 216, 228, 233—254, 302,
II, 120, 127, 148, 162, 229, 273, 278.
אָליען, רוסישער פירשט, I, 33.
אלכסנדר-ראָמאַנען, II, 187—188.
אלעזר אוים וואָרמס (בעל הרוקח), I, 147, II, 10, 51, 52, 63, 80, 88, 89, 90, 95—101.
אלעזר בן נתן (ראב"ן), II, 39, 47.
אלפאַנזי, פעטער (משה הספרדי), I, 266, II, 113.
אַלפאַראַבי, II.
אל-קאזי, I, 152.
אַלקאָנסטאַנטיני, בחיי, II, 158, 159, 174.
אַלקאָנסטאַנטיני, שלמה, II, 158.
אַלעגאָרישע מעטאָדע, II, 141—146, 234.
אלפאַכאַר, יהודה בן יוסף, II, 164—167, 173.
אַלקיפטי I, 191.
אמיתי בן שפטיה, II, 202—203,
אַנאַטאָלי, יעקב בן אבא מארי, II, 127, 228—238, 256.
אַנאַטאָלינאַ. יעקב אַנאַטאָלים זון, II, 239.
אנעים זמירות, II, 94—95:
אסיים, II, 79.
אַפלטון (פּלאַטאָ, I, 86, 92, 150, 151, 159, II, 240, 288.
אפרים בן יעקב, II, 32, 37, 40.
אפרים בר יצחק, II, 38.
אָקאָסען און ניקאָלעטאַ, II, 285.
אַראַבישע שפּראַך און קולטור, I, 24, 25, 28—29, 151—154, 161.
אָריגען, II, 143.
אריה די מודינה, I, 269—270.
אַריסטו, I, 50, 151, 174, 202, 210, 295, II, 165, 171, 172, 288.
אַריסטעאַס, I, 2.

אַריסטאָטעליוס, II, 310.
אַרמילוס-לעגענדע, II, 210.
אַרנאָלד אויס ברעסציא, II, 225.
באַכער, ח., I, 42, 46, 112, 224.
באָסאָנע, דאַנטעס פריינד, II, 270.
באָעציוס, II, 309.
באָנאַ-שיאָ, II, 278, 289,
בגדש, II, 182.
בדרשי, אברהם, II, 129—131, 132.
בחיי בן אשר, I, 170.
בחיי הדיין, I, 165—170.
ביאַליק, ח. נ., I, 142, 143, 146.
בכור שור, יוסף בן יצחק, II, 28.
בלעם און יוסאַפאַט. זע בן המלך והנזיר.
בן המלך והנזיר, 271—276, 301—306.
בן-סירא, I, 21.
בנימין אויס טודעלאָ, II, 105—7, 120, 242.
בנימין בן אברהם, ענוים, II, 243—248.
בנימין בן יהודה, II, 117.
בעלי התוספות, II, 26—27, 48.
בענפיי, I, 265, 280.
בערנפעלד, שמעון, II, 47.
בראָדי, חיים, I, 31, 48, 55, 97, 105, 110, 219, 237, 242, 291.
ברונאָ, דזשאָרדאַנאָ, I, 92.
ברוויה (פלילה-ודמניה-איבערזעצער), I, 278—280.
ברכיה הנקדן, I, 290—295.
גאַלען, II, 288.
גבירול, שלמה, I, IX, 45, 47, 48, 54—99, 111, 165, 188, 206, 226, 252, II, 80, 120, 171,
גאָטפריד אויס בוליאָן, II, 23—4.
גבאי, יעקב בן עזרא, I, 216.
גווידאָ קאַוואַלקאַנדי, II, 268.
גוויטאַנע ד'אַרעצאָ, II, 268.
גוטמאַן, י., I, 85, 92, 190, 215.
גורני, יעקב בן אברהם, II, 130—134.
גייגער, א. I, 156, 206.
גיקאַטילאַ, יצחק I, 39, 43.
גיקאַטילאַ, משה, I, 41.
גנאח, יונה אבן, I, 42—43, 224, II, 121.
גנאָסטיקער, II, 79, 156.
געבער, I, 152.
גרעץ, ה., I, 39, II, 47.
רבנו גרשום, II, 11—14, 105.
דאָזי (ozy), I, 47.
דאַווידזאָן, י., I, 61, 74, 260, 268, 303.
דאָמיניקאַנער, II, 172, 227.
דאַנטע, אַליגיערי, II, 263, 270, 271.
דאָנין, II, 243.
דאַפּעראַ, משולם בן שלמה, II, 151—53, 168.
דבש, ישעיה בן שמואל, II, 130, 132.
דוד המלך, I, 19, 20.
דוד בן משולם, II, 34.
דוד בן שאול, II, 150
דונולו, שבתי, II, 80, 99, 101, 180—181.
דונש בן לברט, I, 35, 36, 39, 40, 43.
דוקעס, I, 71, 83.
דוראַן, פראָפיאַט, II, 143.
דעליטש, פראַנץ, I, 97, 249, II, 189.
דעקאַרט I, 6.
דבעי, משה, I, 234, 300—304.
האָמער, I, 16, 19 II, 141—142.
רב האי גאון, I, 45, 56—7.
האַלבער, ב., I, 97.
הומבאָלדט, וו., I, 152.
הייגע, היינריך, I, 124, 149.
היכלות רבתי, II, 83—87.
הלל בן יעקב, II, 37.
הלל בן שמואל אויס וועראָנע, II, 257—266.
העראָדאָט, I, 17.
הרכבי, אברהם אליהו, I, 47, 48, 107, 200, 219.
וואָלפראַם פון עשענבאַך, II, 10.
וואַסיליאַ מוקדוני, דער קיסר פון ביזאַנץ, II, 201, 202.
ווייל, שמשון, I, 186.
ווינער, שמואל, II, 117.
ווייסלאָוויץ, נ., I, 271, 275, 304.
ווילנער גאון, II, 80.
וויסטינעצקי, יהודה, II, 49.
זבארה, יוסף בן מאיר, I, 260—264, 265.
זכותא, אברהם, I, 155.
זכריה בן סעיד, II, 198.
זק"ש, מיכאל, I, 31, II, 295.

זק״ש, שניאור, I, 55, 84.
זרחיה הלוי, גרונדי, II, 135.
זרחיה בן יצחק בן שאלתיאל חן, II, 252, 254—257, 265, 266, 269, 274, 275, 276, 278.
חביב בן אליקום, II, 168.
חובות הלבבות, I, 165—169, 299—300.
חזקיהו המלך, I, 22.
חיוי הבלכי, I, 157.
חיוג, יהודה בן דוד, I, 39, 41, 42.
חכמת הנסתר, II, 78.
ר׳ חנוך בן משה, I, 44, 45.
חרירי, אבו מחמד, I, 235.
חריזי, זע אלהריזי.
טאמאס פון אקווינא, I, 92, 215, II.
טוקידידוס, I, 17.
טקו, משה, II, 34, 94, 97, 99, 102.
טשרניכאווסקי, שאול, II, 48.
ידעיה, פניני, I, 224.
יהודה בן אבות, I, 148.
יהודה הדסי, II, 99.
יהודה,חסיד, II, 51, 52, 63, 77—78, 88, 89 90, 93, 94—95, 99, 101.
יהודה הלוי, I, 122—149, 150, 170—180, 189, 206, 213—114, 218—220; II, 121, 130, 293.
יהודה בן מאיר הכהן (Sir Leontin), II, 11.
יהודה בן קלונימוס, II, 88, 95.
יהודה בן שניאור, I, 147.
יואב בן יחיאל, II, 294—295.
יואל, מ., I, 92, 215.
יונה גירונדי, II, 150, 152, 172, 175, 258.
יונתן בן דוד הכהן, I, 194.
יוסיפון, II, 185—199, 322—326.
יוסף מלך הכוזרים, I, 33.
יוסף אבן עקנין, I, 196, 197, 198; II, 140.
יוסף בן אליעזר, I, 190.
יוסף בן נאבר, II, 125.
יוסף בן חסדאי, I, 53.
יוסף בן טודרוס הלוי, II, 161—164, 173.
יוסף בן יצחק בן שטנאש בן אביתר, I, 44—45.
יוסף הכהן, II, 10.
יוסף בן שמואל הנגיד, I, 52.
יוסף פלאחיוס (יוסף בן מתיא), II, 189—191.
יוסף קמחי, I, 318—319.
יוחנן אוים קאפוא, I, 283.
יורדי מרכבה, II, 83—88.
יחזקאל, I, 21.
יחיאל, דעם בעל הערוכס פאטער, II, 220.
יחיאל בן יואב, II, 252.
יחיאל בן יוסף, II, 152.
יחיאל בן יקותיאל, II, 248—252, 326—328
ילין, דוד, I, 48, 49.
ינאי, I, 31, 32.
יעחסעווי (קירכלעכער היסטאריקער), II, 144.
יעלינעק, א., I, 181; II, 84.
יעקב בן אליעזר, I, 280—282.
יעקב בן יקיר, II, 18.
יעקב בן עזרא גבאי. זע גבאי.
יעקב פערפיינו, II, 107.
יעקב בן ראובן, II, 113—115, 320—322.
יצחק, דער בעל „עזרת נשים“, I, 258—259.
יצחק אלפסי, I, 122.
יצחק בן אשר (ריב״א), II, 27.
יצחק בן חלפן, I, 43.
יצחק בן יהודה, II, 18.
יצחק בן יעקב, II, 89.
יצחק בן מרדכי (מאיסטרע נאיא), II, 253, 257, 259.
יצחק בן מר שאול, I, 43.
יצחק בן שלום, II, 36.
יצחק בר שמואל, II, 78.
יצחק בן שלמה בן אבי סהולה, I, 286—290.
יצחק אבן גיאת, I, 60, 100, 101.
יקותיאל בן יצחק (בן חאסאן), I, 61—62.
ירחמיאל בן שלמה, II, 190.
ישעיה דטראני דער עלטערער, II, 241.
ישעיהו בן יוסף, II, 87, 316—318.
יש״ר מקאנדיא, I, 232, 253.
כאלאס, I, 153, 164.
„כבוד“ אלס מיסטישער באגריף, II, 94, 99.
כהנא, דוד, I, 228, 230, 301.
כלילה ודמנה, I, 276—283; II, 304.
כספי, יוסף אבן, I, 216.

בראָניק-ליטעראַטור, II, 39—46.
כּתב תמים, זע משה תּקו.
לאַטעס, יצחק, II, 20.
לאַנגע, פרידר. אַלב., II, 227.
לאַנדסהוט, ל. I, 31, 35, 43, 100, 114.
לוטער, מ., II, 225—226.
„לויטערע ברידער" (אַראַבּישער אָרדען) I, 166.
לוצאַטו, משה חיים, I, 9.
לוצאַטו, שמואל דוד, I, 31, 217; II, 100.
לעאָ, דער איבערזעצער פון דעם אַלעכּסנדרי-
ראָמאַן, II, 188.
לעאָנאַרדאָ, פּיזאַנאָ, II, 107.
לעווימאַ, אליהו, II, 100, 118.
מאַן, יעקב, I, 36; II, 92.
מאַצעאָ, ביסקופּ, II, 240.
מדרש בני יעקב, זע ספר הישר.
מדרשים, I, 23—24.
מוטוס, שמואל, 186, 188.
מוסיוו-סטיל, I, 248—253.
מיימון, בן יוסף, I, 191.
מיימון, שלמה, I, 203.
מיימוניסטן און אַנטימיימוניסטן, II, 149
156, 160, 161, 166, 168—176, 310.
מיינצער נעלם, II, 40- 41
מילער, א., I, 152.
מישלע, זש., II, 223—24.
מלמד התּלמידים, II, 232—233
מנחם בן זרח, II, 12.
מנחם בן יעקב, II, 36.
מנחם בר חלבו, II, 8, 15—16.
מנחם בן שלמה, 221—222.
מנחם תּמר, I, 147
מעשה-בוך, I, 251 ; II, 78.
מעתּ זלימון, I, 153.
ר' מצליח, גאון, II, 89.
מקאַמאַת, I, 235—237.
מרים הנביאה, I, 18.
משה אוים סאַלערנאָ, I, 84; II, 239—241.
משה אוים קאָרדאָווע, I, 44, 45.
משה בן חנוך, I, 186.
משה בן חסדאי, II, 202.
משה בן מיימון (דער רמב"ם), I, 190—217,
296; II, 77, 94, 119, 123—124, 125,
127, 129, 136, 137, 138, 139, 140,
141, 144, 145, 146, 147, 148, 149,
153, 154, 155, 157, 159, 160, 162,
163, 165—167, 168—176, 229—230,
231, 233, 236, 239. 240, 241, 252,
254, 256, 258, 259, 274, 276, 278, 286.
משה בן נחמן (דער רמב"ן), I, 217 ; II,
80, 152, 153, 155—156, 158, 159- 160.
258, 265.
משה בר קלונימוס, II, 10, 11, 88, 89.
משה הדרשן, II, 105, 220.
משה מקוצי II, 147.
משה ריאַטי, II, 290.
משה רבּנו, I, 20.
משולם בן יעקב, II, 120.
משל הקדמוני, I, 287, 290.
משלי סנדבאַר, I, 283—285.
משלי שועלים, 292—295, 307—311.
משקוני, יהודה בן .משה, II, 191—192.
מתּפּלימון, I, 153.
מתקה, יהודה בן שלמה אבן, II, 228.
Novellino, (אַ נאָוועלן-זאַמלונג), II, 228.
נגארה, ישראל, I, 23.
הנגיד, שמואל, I, 43, 45—52, 53, 74.
111; II, 191.
נהאַוונדי, בנימין, II, 99.
נחום, דער דיכטער, II, 295—297.
נחמיה, I, 21.
נייבויער, I, 96.
ניל, דער יינגערער, II, 184.
ניסן בר משה אוים מאַרסעל, II, 146.
ר' נסים גאון, I, 55, II, 53.
ניקאָלאַי אוים פּאַלעאָ, II, 240.
נעאָפּלאַטאָניקער, I, 92, 150, 151; II,
80, 310.
נתן בר יחיאל, II, 220—221.
נתן המאָתי (צענטאָ) II, 253—54.
סאַפּאָ, I, 17.
סאָפאָקלעס, I, 16.
שונצינו, גרשון, II, 291.
סילאַנו פון וועגוזאַ, 216—217.
סעבאַסטיאַן מונסטער, II, 109, 118.

סעדיהן אבן דאנן, I, 45, 55, 97, 191.
סעדיה, גאון, I, 35 40, 162—65; II, 53, 80, 121.
ספירות, II, 81.
ספר זרובבל, 208—211.
ספר חנוך, זע אַלפאָנזי פעטער.
ספר חסידים, II, 7, 8, 34, 47—76, 77, 96, 249—250, 315—316.
ספר היוחסין II, 11.
ספר יצירה, I, 90; II, 81—83.
ספר הישר, I, 266—270.
ספר רזיאל, II, 88, 100—101.
סקאָם, דונס, I, 92.
סקאָטוס, מיכאל, II, 230.
סרוק, מנחם בן יעקב, אבן, I, 34, 35, 36—39, 40; II, 222.
עניקאַ, I, 27.
עזאַלה, I, 42.
עזרא, אברהם אבן, I, 41, 97, 221—232, 276—7; II, 22, 23, 30, 110, 144, 221—2, 242.
עזראָ, יצחק בן אברהם, I, 229.
עזראָ, משה, אבן, I, 47, 100—121, 122, 279, 293.
עזראָ, דער מקובל, II, 153.
עזרא, הסופר, I, 21, 30.
עזריאל, דער מקובל, II, 153.
עזריה מן האדומים, I, 191; II, 190.
עמנואל רומי, 266, 269—292, 293, 294, 298, 301—310, 328.
ענן, בן דוד I, 155.
עפשטיין, א., II, 15, 52, 80, 94.
עריק, מ., I, 276, 304.
פאָזנאַנסקי, ש., I, 157, 158.
פאָטעבניאַ, א., I, 249—250; II, 59.
פאַלקיראַ, שם טוב, I, 75, 86, 88, 93; II, 125.
פאַלקעס, II, 130.
פאַנטשאַטאַנדרא, I, 265. 278.
פוילוס, II, 143.
פורנאַס, I, 35.
פילו, I, 21, 158, 159, 161—162, 200; II, 79, 99.
פיליפ אוים מאָסקאַנאָ, II, 240.
פינסקער, שמחה, I, 40, 225, 300, 302.
פלאַטאָן אוים טיוואָלי, II, 107.
פלאָטין, I, 92.
פנחס בן משולם, I, 197.
פעטראַרקע, II, 278.
פראָחאַנסאַל, יעקב, II, 134.
פראָוואַנסאַלישע פאָעזיע, II, 103, 128.
פראַנציסק פון אַססיז, II, 90.
פראַנציסקאַנער, II, 172.
פרחון, שלמה, I, 79, 147; II, 218, 222.
פרידריך דער צווייטער I, 215; II, 32, 172, 227—229, 230, 267.
צדיק, יוסף אבן, I, 148, 181—185.
צדקיהו בן אברהם, ענוים, II, 242—243.
„צוואות", II, 121—122.
צונץ, I, 29, 31; II, 33—34, 128.
צינא אוים פיסטויאַ, II, 270.
ציצילאַנו, יהודה, II, 293—294.
צקבל, שלמה, 237—239.
קאַנע-גראַנדע-סקאַלינעראַ, II, 271.
קאָפעלמאַן, I, 292, 307, 309.
קאָקאָווצעוו, I, 41, 46, 111, 166.
קאַרו, יוסף, II, 290.
קראָים (קאַראַימען), I, 155, 156 185.
קאָראַן, I, 28.
קאַרדינאַל, II, 130.
קאַרל, דער קרח, II, 11.
קאַרל, פון אַנזשוי, II, 241, 298, 304, 309
קאַרל, דער גרויסער, II, 7, 11.
קבוץ ספורים שונים, I, 284.
קויפמאַן, ד., I, 166, 173, 181, 189, 215; II, 127.
קיל נברא (לאָנאָם), II, 99.
קונטרסים, II, 19, 21.
קלונימוס, פאַמיליע, II, 10—11; 180, 297.
קלונימוס בן טודרוס II, 105.
קלונימוס בן יהודה, II, 35.
קלונימוס בן מאיר II, 129.
קלונימוס בן קלונימוס, II, 269, 927—306.
קליר, אליעזר, I, 31—32, 225; II, 34, 203, 222, 242—243.
קמחי דוד, II, 118—119, 161, 161, 164 174.

קמחי, יוסף בן יצחק, II, 111—112, 115—117, 120, 121.
קמחי, משה, I, 97; II, 117—118.
קעמפף, I, 237.
קפרון, אפרים אבן, I, 39.
קרא, יוסף, II, 8, 16—18.
קראסשע, בענעדעטאָ, I, 249.
קראָכמאַל, נחמן, I, 282.
ר' קשישא גאון, II, 89.
ראָבער, אינקוויזיטאָר אין פראַנקרייך, II, 174.
ראָבערט אויס אַנזשוי, II, 298.
ראובן בן אברהם הלוי, I, 304.
ראָזין, ד., I, 222, 226, 228.
ראַפּאָפּאָרט, שלמה יהודה, II, 15.
רודינער, שפייער, II, 9.
רומאַנו, יהודה בן משה, II, 308—309.
רוקח, זע אלעזר אויס וואָרמס.
רייכלין, II, 128.
רייפמאַן, י., I, 181; II, 94.
שבתי, יהודה בן יצחק, I, 254—257.
שבתי, בן שלמה, II, 253, 254.
שוואַרץ, י. י., I, 144.
שולמאַן, אלעזר, I, 305.
שטאַבגע, II, 8.
שטיינשניידער, משה, I, 64, 112, 191, 215, 225, 235, 266, 271, 302, 305.
שטערן, ז., I, 39.
שטערק, ו., I, 276, 304.
שייער, שמעון, I, 211.
שיר היחוד, II, 94.
שלאָססער, II, 103.
שלמה בן אברהם אויס מאָנטפּעליע, II, 150—151, 152, 153, 154, 155, 159, 160, 161, 164, 165, 171, 172, 174, 175.
שלמה הבבלי, II, 204—205.
שלמה, אבן גבירול, זע גבירול.
שלמה בן יוסף אבן אַיוב, I, 294.
ר' שלמה יצחקי (רש"י), II 8, 13, 18—25.
שלמה בן לאבי, I, 186.
שלמה לוריא (רש"ל) II, 11, 89.
שלמה המלך, I, 19, 20.
שלמה פּסי, II, 159.
שלמה בן שמעון, II, 39, 42—45.
שמואל הנגיד, זע הנגיד.
שמואל החזן, II, 37.
שמואל בן מאיר (רשב"ם), II, 27—28.
שמואל בר עלי, I, 196.
שמואל בן קלונימוס, II 51—52, 63, 77—78, 94.
שמואל בן קלונימוס החזן, II, 94.
ר' שמחה אויס רוים, II, 252.
שם טוב אבן שם טוב, II, 89.
שמעון בר אַנאַטאָלי, II, 107.
ר' שמעון בר יוחאי, II, 91.
שמעון קרא, II, 15.
שמעיה ואבטליון, I, 30.
שמשון מסאַנץ (דער בעל התוספות), II, 140.
שעכטער, I, 158.
שפּורטאַ, שמואל, II, 154, 173.
שפטיה, II, 200—202, 215.
שפרוט, חסדאי בן יצחק אבן I, 33—34, 35, 36, 38—39.
ששת בן בּנבּנשתי, I, 196, 260.
ששת יהודה, I, 32, 42.
ששת בר יצחק בנונשתי, II, 139.
תחכמוני, זע אלחריזי.
תיבון, יהודה אבן, I, 241, II, 106, 119—123, 129.
תיבון, משה אבן, I, 194.
תיבון, שמואל אבן, I, 191, 202 211, 241; II, 121, 124—125, 145, 127, 148, 150, 229 231.
תלמוד, I, 23, 24.
רבנו תם, II, 27, 28,—31, 52, 78.
תם, אבן יחיא, II, 189, 192, 193.
תם וישר, זע ספר הישר.
תנא רבי אליהו רבא, II, 203—205, 249.
תקו, משה, זע טקו.

אינהאלט:

צווייטער טייל

דער דייטש-פראנצויזישער קיבוץ.

זייט.

ערשטער קאפיטל:

דער מאטעריעלער און קולטורעלער מצב פונם דייטש-פראנצויזישן קיבוץ. — דער אומגאנגס-דיאלעקט און די קולטור-שפראך. — די קולטורעלע ראלע פון דער משפחה קלונימוס. — ר׳ גרשום „מאור הגולה". — די ביבל-מפרשים אין פראנקרייך. — שמעון הדרשן, מנחם בר חלבו און יוסף קארו. — רש"י און זיין באדייט; זיין השפעה אויף די קריסטלעכע געלערנטע טאלאנן. — די בעלי התוספות. — רש"ים אייניקלעך: רשב"ם און רבנו תם 7

צווייטער קאפיטל:

די בהלה פון די קרייץ-צוגן און די אפקלאנגען אין דער העברעישער ליטעראטור. — סליחות און קינות. — מעמוארן און ספרי-זכרונות פון יענער צייט. — זייער ליטערארישער באדייט 32

דריטער קאפיטל:

די מוסר-ספרים. — דער „ספר חסידים" און זיינע פארפאסער. — די שרעקן פון מיטלאלטער. — דורות פון פינסטערניש און הילרקייט. — די עטישע יסודות פונם „ספר חסידים". — דער „ספר חסידים" אלס פאלקסבוך און אלס שפיגל פונם יידישן לעבן. — דער באדייט פונם „ספר חסידים" אלס קוועלע פארן יידישן פאלקלאר 47

פערטער קאפיטל:

די ערשטע מיסטישע שטרעמונגען ביי יידן. — דער „ספר יצירה" און די „יורדי מרכבה", זייער לערע און וועלט-אנשויונג. — די מיסטישע לערע ווערט איבערגעטראגן פון מזרח-לאנד אין דער ריין-געגנט. — די רדיפות און גזירות פארשטארקן די מיסטישע שטרעמונגען ביי יידן.—מיסטיק אין דער יידישער און אין דער קריסטלעכער וועלט. — יהודה חסיד אלס מיסטיקער. — אליעזר אוים ווארמס און זיין שאפן. 77

פינפטער קאפיטל:

די פראוואנס און איר קולטורעלער באדייט. — די באשרייבונג פון בנימין בעל-הנסעת.— די קולטורעל-אויפקלערערישע ראלע פון די בני קמחי און

בני תיבון. — דאָס פאָלעמישע חערק פון יעקב בן ראובן. — רעליגיעזע חיכוחים צווישן יידן און קריסטן. — יוסף קמחי אַלס גראַמאַטיקער און פּאָלעמיסט. — די צוויי ברידער משה און דוד קמחי. — יהודה אבן תיבון אַלס איבערזעצער; זיין „צוואה". — דעם רמב"מס השפעה אויף די חכמי פּראָוואַנס. — די איבערזעצער פונם „מורה נבוכים". — די פּראָוואַנסאַלע דיכטונג. — די יידישע דיכטער אין פּראָוואַנס: אָזובי, אברהם בדרשי און יעקב גרני. — די גרויסע תלמודיסטן זרחיה הלוי און ראב"ד דער בעל „ההשגות". 103

זעקסטער קאַפּיטל:

דער אָנהייב פון דער מלחמה קעגן ראַציאָנאַליזם. דער אַרויסטריט פונם ראב"ד בעל „ההשגות" און פון מאיר אבולאַפיא. — דער ענטפער פון די חכמי פּראָוואַנס. — אבן-רשד און זיין השפעה אויף דעם יידנטום. — אַלעגאָרישע ביבל-ערקלערונג. — די השפעה פון די קריסטלעכע טעאָלאָגן. — שמואל אבן-תיבון און זיין ווערק „יקוו המים". — די יידישע אַלעגאָריסטן. — דער בעל-דרשן משה מקוצי. — דאָס אַרויסטרעטן פון שלמה אויס מאָנפּעליע. — זיינע מיטהעלפער יונה גירונדי און דוד בן שאול. — דער דיכטער משולם בן שלמה דפיורה. — די מיימוניסטן קעגן די רבנים פון פראַנקרייך. — די אָפענע בריוו פון משה בן נחמן און מאיר אבולאַפיה. — פּאָלעמישע ליטעראַטור אין בריוו-פאָרם. — שלמה אויס מאָנפּעליע אין חרם. — דוד קמחי און זיין אַגיטאַציע-רייזע. — דער אַרויס-טריט פון יוסף הלוי און יהודה אלפחר. — עפּיגראַמען אַלס קאַמף-מיטל. — שלמהס מסירה. — דעם רמב"ם ווערק אויפן שייטערהויפן. — דער בלוטיקער סוף. . 137

דריטער טייל

דער יידישער קיבוץ אין איטאַליע.

זייט.

ערשטער קאַפּיטל:

די ראָלע פון איטאַליע אַלס קולטור-פּאַרמיטלערין. — די אַגדה וועגן פיר זקנים. — שבתי דונולו און זיין ווערק. — דער קאַטוילישער הייליקער ניל און די קריסטלעכע גייסטלעכע. דער נידעריקער קולטורעלער מצב אין יענער צייט. — דער „יוסיפון" און זיינע וואַריאַנטן. — די אַלכּסנדר-ראָמאַנען אין דער וועלט-ליטעראַטור און ביי יידן. — די ליטעראַרישע באַדייטונג פונם „יוסיפון" . . . 179

צווייטער קאַפּיטל:

די סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע אין איטאַליע. — דער פּייטן שפטיה, זיין זון אמתי און שלמה הבבלי. — די מדרשים-ליטעראַטור. — דאָס ווערק „תנא דבי אליהו". — דער „זרובבל" און די האָפנונג אויף ביאת המשיח. — די אַגדה וועגן אַרמילוס ביי קריסטן און ביי יידן. — אחימעצס „ספר היוחסין" און זיין ליטעראַריש-היסטאָרישער ווערט 200

דריטער קאַפּיטל:

די קנאַפּע וויסנשאַפטלעכע ידיעות ביי די איטאַליענישע יידן אינם עלפטן יאָרהונדערט. — נתן בר יחיאל און זיין „ערוך". די אויפקלערער-ראָלע פון אַברהם אבן-עזרא און שלמה פרחון אין איטאַליע. — דער קולטורעלער באַדייט פון די קרייץ-צוגן. — די קריסטלעך-אייראָפּעישע און די אָריענטאַלישע וועלט. — די וויסנשאַפטלעכע צענטרען אין דרום-איטאַליע און די ראָלע פון די יידישע געלערנטע. דער קיסר פרידריך דער צווייטער אַלס פריידענקער און זיין פריינד-שאַפט מיט יידישע תלמידי-חכמים. — יעקב אַנאַטאָלי און זיין „מלמד התלמידים". — אַנאַטאָלי אַלס ראַציאָנאַליסט; זיין גייסטיקער אַריסטאָקראַטיזם. 218

פערטער קאַפּיטל:

אַנאַטאָליס שול. משה פון סאַלערנו און די לאַטיינישע מורה-נבוכים-איבער-זעצונג. — די יידישע געלערנטע און זייער באַדייטונג אין דער איטאַליענישער מיטלאַלטערלעכער קולטור. דער קולטורעלער באַדייט פון דער יידישער קהילה אין רוים. — די צוויי ברידער צדקיהו בן אברהם און בנימין בן אברהם. — בנימינס סאַטירע „משא גיא חזיון"; יחיאל בן יקותיאל און זיין מוסר-ספר „מעלות המדות". — די כעצנאַמען און די מאַנוסקריפּטן-אָפּשרייבער. — די השפּעה פונם

זייט
רמב"ם מורה נבוכים. — דער ראַציאָנאַליסט זרחיה חן און זיין ליטעראַריש שאַפן. — דער וויכוח צווישן צוויי ריכטונגען. — הלל אויס הערנע אַלס פּראָפּאַגאַנדיסט; זיין פילאָזאָפיש־עטיש ווערק 239

פינפטער קאַפּיטל:

די ערשטע רענעסאַנס־שטראַלן. די אַנטשטייונג פון דער נאַציאָנאַל־איטאַליענישער פּאָעזיע און איר השפּעה אויף דער יידישער ליטעראַטור. — עמנואל הרומי און דאַנטעס קרייז. — עמנואל הרומי אַלס פרייער דענקער און אַלס אָנזאָגער פון דעם קומענדיקן רענעסאַנס. — עמנואל און פּעטראַרקאַ. — עמנואל אַלס „שר החשק" — אַלס דיכטער פון ערָאָטיק און ליידנשאַפט. — הומאָר און סאַטירע אין עמנואלס שאַפן. — עמנואלס פּאָעמע „התופת והעדן" 267

זעקסטער קאַפּיטל:

די „רויכישע דיכטער". — די דיכטער יהודה ציציליאַנו און יואב, דער דיכטער נחום און זיין שאַפן. — קלונימוס בר קלונימוס אַלס איבערזעצער; זיין פּאַראָדיע „מסכת פורים" און זיין סאַטירע „אבן בוחן"; דער קולטור־היסטאָרישער באַדייט פון דער סאַטירע. — דער עפּאָס „אגרת בעלי החיים". — יהודה רומאַנו אַלס קולטור־טרעגער און אויפקלערער. 293

ביילאַגן. 313